STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02716

ALE VERK

Mendele Mokher Sefarim

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג

מענדעלע

ווארשע

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראַמאָוויץ)

איינאונצוואַנציגסטער באַנד

נייע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשאַ, נאָוואָליפּקי 7

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

מעשיות, וועגען מענדעלען

אויסגעקליבען דורך נחמן מייזיל

פערלאַג „מענדעלע", וואַרשא

Druk. Pośpiech, Warszawa

Printed in Poland 1936

אינהאלט

זייט

הקדמה 5

שלום עליכם—פיער זענען מיר געזעסען 11

ש. ל. ציטראָן—שלום יעקב אבראַמאָוויטש . . . 55

ש. אַנסקי—דער ריעז 83

י. ח. ראווניצקי—דער „זיידע" אויף דער פרייער נאַטור . 95

„ „ מענדעלע און אחד־העם . . . 105

שלום עליכם—אויטאָ־דאַ־פע 111

ד"ר יוסף קלויזנער—מענדעלע'ס שיחות־חולין . . . 121

ראובן ברייבין—מענדעלע אין זיין רעדען . . . 143

ז. שניאור—פון דעם „זיידענס" קיואַל 147

מ. קיטאַי—מענדעלע אין לעבען 185

משה כ"ץ—צוגאַסט ביי מענדעלע'ן 199

יעקב פיכמאַן—ביים אָווענד־שיין 203

מעשיות וועגען מענדעלען

דער דאָזיגער באַנד „מעשיות וועגען מענדעלען“ דאַרף פאַר אונז ענטפּלעקען מענדעלע׳ן אין לעבען,—זיין געשטאַלט, זיין פיזיאָנאָמיע און די אַלע בעזונדערע אייגענשאַפטען פון זיין כאַראַקטער. מענדעלע שבעל־פה מיט זיינע אייגנאַרטיגע געשפרעכען און מיט זיינע מערקווירדיגע שיחות־חולין איז געווען נישט־וועהניגער אינטערעסאַנט און נישט־וועהניגער־שעפעריש פון מענדעלע־שבכתב, פון מענדעלע דעם שריפטשטעלער. אויב אין זיין שרייבען איז מענדעלע נישט געווען פון די „גיך־שרייבער“ און אָפטמאָל פלעגט ער אָבזיצען שעהן אויף איין זאַץ, אויף איין שורה, און עס זענען ביי איהם געווען צייטען, ווען חדשים און יאָהרען האָט ער אינגאַנצען נישט געשריבען,—איז ער אין לעבען, אין זיינע שמועסען תמיד געווען אַקטיוו, גרייט געווען שטענדיג צו רעדען און רעדען, אין בעת׳ן רעדען האָט ער געגעבען גלענצענדיגע עפּיזאָדען און שילדערונגען פון זיין קאַבצאַנסק און גלופּסק און אָבגעמאָלט ווי אַנ׳אמת׳ער קינסטלער־אַקטיאָר זיינע אַלטע בעקאַנטע פּאַרשוינען. פון וועלכע ער פלעגט שרייבען משונה־ווילדע וואונדערלעכע מעשיות.

ס׳איז גאַנץ־מעגליך, אַז ביי מענדעלע׳ן איז עס געווען אַ נויטווענדיגער פּראָצעס: אויפלעבען די אַלע פּאַרשוינען אין זיינע געשפרעכען, כדי דערנאָך צו קאָנען אַרויפברענגען זיי אויפ׳ן פּאַפּיר, ווי זיי שטעהען און געהען מיט אַלע זייערע פּישטשעווקעס. נאָכמאַכען, נאָכקרומען, אימיטירען איז געלעגען אין מענדעלע׳ס כאַראַקטער פון די סאַמע קינדער־יאָהרען, און אין די שפּעטערדיגערע צייטען האָט אָט די אייגענשאַפט אין איהם זיך אַלץ מעהר ענטוויקעלט. מ׳דאַרף באמת בע־

דוויערען, וואָס זיינע נאָהענטע פריינד האָבען בעצייטענס נישט פערנאָמירט מענדעלע'ס אלע מעשיות, המצאות, גלייכווערטלעך, אפאָריזמע מדי צו פערהיטען זיי אין זייער אייגענטליכער פאָרעם פאַר די קומענדיגע דורות.

אין דעם באַנד האָבען מיר אויפגעקליבען די מעשיות, וואָס עס זענען דערצעהלט וועגען מענדעלען פון זיינע נאָהענטע פריינד און מקורבים. א רייהע מעשיות וועגען מענדעלען קאָן מען אויך געפינען אין די ערינערונגען, וואָס זענען שוין אריין אין די „זכרונות וועגען מענדעלען„ אין (באַנד XX—אלע ווערק פון מענדעלס מו"ס).

פון די ארטיקלען, וואָס קומען אריין אין דעם באַנד, זענען נאָר איינינע געגעבען געוואָרען אינגאַנצען, ווי זיי זענען געשריבען דורך זייערע מחברים (י. ח. ראַווניצקי—דער זיידע אויף דער פרייער נאַטור; שלום עליכם—אויטא־דא־פע), די אלע איבעריגע זענען דאָ געבראַכט מיט קלענערע און גרעסערע פערקירצונגען (שלום עליכם—פיער זענען מיר געזעסען, ש. ל. ציטראָן- ש. י. אבראַמאָוויטש, ש. אנסקי— דער ריז, י. שניאור—פון דעם „זיידענס" קוואַל, מ. פ"ן—צו גאַסט ביי מענדעלען).

י. ח. ראַווניצקי „מענדעלע און אחד־העם" איז א פראַגמענט פון י. ח. ראַווניצקי'ס העברעאישען ארטיקעל, ראובן ברייני'ס „מענדעלע און זיין רעדען", איז אַ קאַפּיטעל פון א גרעסערער אַרבייט, וואָס האָט זיך לעצטענס געדרוקט אין אמעריקאַנער „טאָג", מ. קיטאַי"ס „מענדעלע און לעבען" איז דורך אונז צונויפגעשטעלט פון צוויי בעזונדערע ארטיקלען וואָס מ. קיטאַי האָט פערעפענטליכט אין 1918-1917 אין קיעווער „די נייע צייט". די אַרטיקלען פון ד"ר יוסף קלויזנער— מענדעלעס שיחות־חולין, יעקב פיכמאַן—„ביים אָווענד שיין" זענען איבערגעזעצט פון העברעאישען,—דער ערשטער מיט איינינע פערקירצונגען און דער צווייטער מיט איינינע נייע צוגאָבען, געמאַכט דורך יעקב פיכמאַן.

מענדעלע שבעל־פה ווארט נאָך אויף א גרעסערער אַרבייט, וואָס זאָל איהם אָבמאָלען אין זיין גאַנצער גרויס און פערנעהם, זאָל דעם באַנד „מעשיות וועגען מענדעלען" זיין רער אָנהויב.

ג. מ.

מעשיות
װעגען
מענדעלען

פּיער זענען מיר געזעסען*)

אַלע מיינען, אַז בערג, למשל, שטעהען אויף איין אָרט. און איך זאָג אייך, אַז בערג געהען, און נאָך ווי אַזוי! זיי לויפען! ווען בין איך דערגאַנגען דעם דאָזיגען שכל? אין דער צייט, ווען מיר, דריי אידישע שריפטשטעלער און איינער אַ פּאָעט, האָבען געמאַכט די ערשטע עקסקורסיע צו די בעריהמטע, מיט אייביגען שניי בעדעקטע, אַלפּענבערג.

אַרויסגעגאַנגען אַ פּאָר מייל פון שטאָדט אַרויס, האָט זיך אונז אויסגעדראַכט: אָט-אָט זענען מיר ביי די בערג, אָט-אָט נעם ציה אויס אַ האַנד — גיט איהר זיי אָפּ שלום. נאָר וואָס

*) אין אָנהייב פון „פּיער זענען מיר געזעסען" (געשריבען אין יאָהר 1908) גיט שלום-עליכם צו וועגען די פּערזאָנען, וואָס פיגורירען אין דער שילדערונג: „מענדעלי מוכר-ספרים — אַ שענער זקן, רעדט צוקערזיס. ביאַליק — אַ פּאָעט, אַ בעל-מחשבות. בן-עמי — אַ איד, וואָס קאָכט זיך. שלום-עליכם — אַן אַלטער בעקאַנטער, וואָס הערט זיך צו און שרייבט אַלסדינג אַריין אין אַ ביכעל". געוועז איז עס נאָך דער רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד (אין די יאָהרען 1905—1906), ווען די פּיער דערמאָנטע שרייבער זענען געווען אין דער שווייץ. פון דער ערצעהלונג זענען דאָ געגעבן שוואַרצן נאָר די ערטער, אין וועלכע ס'ווערט געשילדערט מענדעלע. — רעד.

ווייטער מיר געהען צו זיי, אַלץ ווייטער געהען זיי אַוועק, אַנטלויפען פון אונז. מיר הויבען אָן געהן אַביסעל גיכער, שטאַרק גיך, — בלאָטע! זיי לויפען נאָך גיכער.

— זיי רייצען זיך מיט אונז? — רוף איך מיך אָן צום איבעריגען עולם.

— ווער?

— די בערג.

— איך ווייס גאָר ניט, וואָס דאָס איז! — רופט זיך אָן מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט, וועלכער איז קלאָר אין די אַלפּענבערג, ווי אַ איד אין אשרי. — ס'איז קיינמאָל ניט געוועזען אַזוי ווייט, ווי איצטיגס מאָל. איהר זאָלט מיך פאָלגען, וואָלטען מיר געגאַנגען אַביסעל גיכער.

און אָט אַזוי האָט ער אונז אונטערגעגעבען אַלע מאָל מער היץ, מיר זאָלען געהן גיכער, מעהר פון אַלעמען זיך איינגעמיעדט און מחמת דעם איז ער געוואָרען בייז, גערעדט מיט גאַל, געשאָטען מיט פייער, אויסגעלאָזט כל חמתו אויף פאָני-גנב מיט זיין רעוואָלוציע און מיט זיין קאָנסטיטוציע.

— שאַט! איך וויל אייך עפּיס פרעגען! — אַזוי האָט זיך אָנגערופען צו אונז אַלעמען דער זיידע רב מענדעלי, און מיר אַלע האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף אַ ווײַלע. — איך וויל, איהר זאָלט מיר זאָגען, יעדער בעזונדער, ווי אַזוי פיהלט איהר זיך אין דער מינוט?

אַפּנים, אַז מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט דער ערשטער פערשטאַנען דעם זיידענ'ס פראַגע, מחמת ער האָט זיך געאײַלט ענטפערען דער ערשטער, ווישענדיג מיט די פאָלעס דעם שווייס פונ'ם נאַסען שטערן.

— איך פיהל מיך אַזוי גרינג, אַז איך וואָלט געפלויגען ווי איין אָדלער, נישט אַרומגעקוקט זיך צוריק אַפילו אויף אַ מינוט.

— און איך — מאַכט דער יונגער פּאָעט ביאַליק, איינגע־קוקט זיך אויף מיר — איך פיהל מיך ניט שלעכט, נאָר פליהען ווי איין אָדלער — ווייס איך ניט, אויב איך וואָלט געפלויגען.

אַצינד איז געקומען די צייט, איך זאָל אויך עפּעס ענט־פערן. און איך האָב געזאָגט:

— איך פּיהל, אַז עס וואָלט מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונד, ווען מיר זעצען זיך אָט־דאָ, למשל, אויפן גראָז...

מיין קאָלעגע מיט'ן הייסן טעמפּעראַמענט איז געוואָרען אָנגעצונדען. ער האָט געזאָגט, אַז אויב מיר ווילען אָט אַזוי געהן, ווילען מיר שבת האַלטען אונטער'ן באַרג. מיך האָט ער געמאַכט אויסצודרעהען. ער האָט ניט פערשטאַנען, ווי אַזוי נעמט זיך אונטער אַזאַ מענטש, ווי איך, געהן, אַז איך ווייס, אַז איך קאָן ניט געהן?

פון דעסטוועגען האָט דאָס איהם גאָרניט געשטערט, ער זאָל צונויפלעגען דעם שירם, פערקאַטשען די פּאָלעס און גלייך מיט אונז אַלע זיך אַ וואָרף טהון אין גרינעם, פרישען, שמעקע־דיגען גראָז אַריין און געניסען טעם גן־עדן פון רוהען אין מיטען פעלד, אונטער גאָט'ס הימעל, און הערען דעם זיידען דערצעהלען אַ מעשה

* * *

בעשרייבען אַ מעשה און דערצעהלען אַ מעשה — דאָס איז זיך צוויי בעזונדערע זאַכען. פאַרהאַן מענשען, וואָס ווילען אייך בעשרייבען אַ זאַך אויסגעצייכענט, און לאָזען זיי אייך עפּיס נעמען דערצעהלען, צעברעקלען זיי דאָס און צעקייען עס אייך אַזוי, אַז עס שלאָגט צו דער גאַל. און פאַרהאַן מענשען, וואָס ווילען אייך דערצעהלען אַ מעשה טשאַקענדיג, אויסגעטאָקט און אויסגעפּוצט מחיה נפשות, — און פּרובט, לאָזען זיי דאָס ווילען איבערגעבען אויף פּאַפּיער — איר זאָלט זיי אַראָפּנעמען דעם קאָפּ! פאַרהאַן נאָך אַ קאַטעגאָריע גליקליכע מענשען, וואָס זענען ווייט פון ביידע זאַכען, ניט דערצעהלען, ניט בעשרייבען; נאָר פון זיי רעדען מיר נישט. מיר רעדען פון די, וואָס די נאַטור האָט זיי געבענשט מיט ביידע טאַלאַנטען. דער זיידע רב מענדעלע מוכר־ספרים בע־זיצט ביידע מתנות פון זיין ליבען נאָמען אויפ'ן העכסטען שטיי־

גער. ער, אז ער דערצעהלט א מעשה. מאָהלט ער א בילד, און איהר זיצט און הערט און זעהט, און עס דאכט זיך אייך, אז איהר לעזט דאָס פון א בוך — ניין! וואָס זאָג איך? עס דאכט זיך אייך, אז דאָס לעבט, אז דאָס רעדט, אז דאָס קומט־פאָר פאַר אייערע אויגען, און עס ווילט זיך אייך אייביג אזוי זיצען און הערען, און הערען, און הערען...

דער שמועס, וואָס ביי אונז האָט זיך געקייטעלט, האָט זיך אָנגעהויבען, געוויינטליך, פון פאָליטיק, פון דער אידישער לאגע אינ׳ם אומגליקליכען לאנד. און מען איז אריבער אויף דעם, וואָס אונז שריפשטעלער, איז מעהר נאָהענט צום האַרצען, — אויף דער ליטעראַטור. די גאַנצע צייט איז אָבער דער זיידע געזעסען פערכמורעט, מיט א ביטער שמייכעלע אויף די ליפּען, ווי איינער רעדט: „נאַראָנים האָבען געפונען פון וואָס צו רעדען!״... דער זיידע האָט זיך אויפגעהויבען מיט א קאָפּ העכער פון דער גאַנצער וועלט און האָט געזאָגט, אז כל זמן עס וועט לעבען די „אונערבאַרעמליכ־קייט פון עקזיסטענץ״ („אכזריות הקיום״), וועט איהם נישט נעמען נישט דאָס „שלעכטע״ נישט דאָס „גוטע״, וואָרום עס איז נישטאָ אויף דער ערד נישט „שלעכטעס״ נישט „גוטעס״ — עס איז נאָר דאָ דאָס, וואָס עס איז... און ער האָט אויסגעלאָזט זיין פילאָזאָ־פישע טעאָריע מיט א בקשה צו אונז, זיינע אייניקלעך, אז מיר זאָלען איצטיגס מאָל אראָבוואַרפען פון זיך די שריפטשטעלערישע קאַפּאָטע, פערגעסען, אז ס׳איז דאָ אויף דער וועלט א קולטור מיט א ליטעראַטור, מיט בוכדרוקעריי, מיט מוכרי־ספרים און, פערלעגער, און אַרויסגעבער, און צייטשריפטען, און גאַזעטען, מיט מענשען־רשעים און מענשען־צדיקים, מיט פאָני. מיט, להבדיל, אידען, מיט נאָך אזעלכע זאכען, און מיר זאָלען געדענקען, אז איצט, אין דעם דאָזיגען טאָג, זענען מיר גלאַט מענשען — טוריסטען, וואָס האָבען געמאַכט איין עקסקורסיע אין די אַלפּענבערג. עלעהיי ענגלענ־דער! און מחמת מיר זענען אביסעל מיעד, האָבען מיר זיך אָנגע־דערגעזעצט אָט דאָ אביסעל רוהען, און לאָמיר בעסער רעדען, דערצעה׳לען גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין.

— מעשיות! מעשיות! — האָבען אויסגעשריען מיר, אלע

דריי אייניקלעך. — דערצעהלט אונז עפּיס אַ מעשה, זיידעניו, אַ מעשה!

— אַ מעשה? וואָס פאַר אַ מעשה זאָל איך אייך דער־צעהלען?

— דערצעהלט אונז, זיידעניו, אַ מעשה פון זיך אַליין, פון אייער אייגענעם לעבען, פון פּאַרצייטען!

— גוט, איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה מיט אַ פערטעל עוף, נאָר מיט אַ תנאי...

— אַז מע זאָל אייך ניט איבערשלאָגען אין מיטען? ניט פערלויפען אויף צו־פריהער? ניט אַריינפאָהרען מיט אַ וואָגען אין שליטען אַריין?

— אַט־אַט־אַט! גוט, וואָס איהר ווייסט מיין טבע און וואָס איהר קענט זיך אַליין.

אַזוי האָט אונז געזאָגט דער זיידע, זיך גענומען צום מדרש, וואָס ער האָט מיטגענומען אין וועג אַריין צידה לדרך, פעררייסען די ברילען אַרויף אויפ׳ן שטערען, געגעבען אַ קוק־אַריין, פערמאַכט דעם מדרש, אַראָפּגעלאָזט די ברילען צוריק אויף דער נאָז און אָנגעהויבען מיט אַ ניגון פון דער גמרא:

אַ מעשה מיט אַ פערטעל עוף

— הערט זשע, אמר רבי יוחנן — האָט רבי יוחנן געזאָגט: איבער קמצא ובר־קמצא איז חרוב געוואָרען ירושלים; איבער אַ הוהן מיט אַ האָהן איז חרוב געוואָרען די שטאָדט ביתר; איבער אַ פלעקעל פון אַ וואָגען איז חרוב געוואָרען טור־מלכא. ערלויבט מיר צוצוזעצען: איבער אַ פערטעל עוף איז פון אַבראַמאָוויטש געוואָרען מענדעלי מוכר־ספרים. הערט אַ מעשה!...

מיר רוקען זיך צונויף אַלע דריי נאָך נעהנטער צום זיידען, און דער זיידע הויבט־אָן צו דערצעהלען בזה הלשון:

— שטעלט אייך פאָר אַ גרויסען פיערעקעכיגען פּלאַץ, פערבויט פון איין זייט מיט אַ ברייטען מויער, אַ פּאַלאַץ, פון דער אַנדערער זייט — מיט אַ שענעם בית-המדרש, ביי דער זייט, להבדיל, אַ מרחץ, אַ גרויסע קיך, ברייטע שטאַהלען און קאַמערס מיט קעמערלעך — דאָס איז דער „הויף". וועמענ'ס הויף — דאָס וועט איר וויסען שפּעטער. אין בית-המדרש זיצען יומם ולילה צעהן אידען לומדים און לערנען. נאָר אַז מע זאָגט אייך צעהן אידען לומדים זיצען און לערנען, שטעלט איהר זיך שוין פאָר אין דער פאַנטאַזיע די געוויסע „עשרה בטלנים", דאָס הייסט: פערשמירטע, אָפּגעריסענע, אָרעמע לעדיג-געהער. האָט צייט! דאָס זענען געווען צעהן שענע זויבער-געקליידטע פּאַרשוינען, מיט ליכטיגע פּנים'ער, געקליבע-נע לומדים פון דער ליטא, וואָס יעדער פון זיי וואָלט געמעגט זיין אַ רב בכל תפוצות ישראל. אַ זכיה האָט געהאַט דער, וואָס איז צוגעלאָזט געוואָרען צו הערען פון זיי אַ וואָרט. אַלע פריה און פאַרנאַכט האָט מען דאָרט געדאַוועגט — דאָס איז זעלבסטפערשטענדליך. האָט איהר אייך דעם בית-המדרש. אַצינד וועלען מיר זיך דורכגעהן מיט אייך אין קיך אַריין. נאָר אַז איך זאָג אייך אַ קיך, זאָלט איהר ניט מיינען, אַז איך רעד פון סתם אַ קיך מיט איין אויוועז, מיט איין אונטער-אויווען, מיט איין אויפ'ן-אויווען און מיט אַ קאַץ. ניין, דאָס מיין איך אַ גאַנצען רעסטאָראַן מיט לאַנגע געדעקטע טיש ן, און אויף די טישען — פון כל טוב: פיש און פלייש און ביער און פירות אַלערליי, און כל דכפין — פראַנק און פריי פאַר דער גאַנצער וועלט, מיט צוויי טיהרען, פון איין טיהר אַריין, פון דער אַנדערער אַרויס, אויף און אָפּ, ווי אויף אַ יאַריד! און די קאַמערען מיט די קעמערלעך זענען געפּאַקט מיט פּראָוויזיע אויפ'ן גאַנצען יאָהר, און משרתים, דיענערס און דיענסטען און משגיחים, דרעהען זיך אַרום הין און הער, און עס קאָכט ווי אין אַ קעסעל. ווער עס קאָכט, ווער עס באַקט, ווער עס דערלאַנגט עסען, ווער עס וואַשט, ווער עס פּרעסט, ווער עס הייצט דאָס באָד, ווער עס לעשט די ליכט אום שבת,—דערויף איז פאַרהאַן

אין הויף אַ בעזונדער פּאַרשון, אַ שבת-גוי מיט'ן נאָמען פּאַוולאָ, וואָס פון איהם האָב איך אייך גאָר אַ בעזונדערע מעשה. איהר קאָנט פערשטעהן, ווער דער פּאַוולאָ איז — אַז ס'זענען געווען מענשען, וואָס פלעגען ביי דעם פּאַוולאָ זיך נאָכפרעגען, ווען איז ראש-חודש און ווען איז דער מולד... נאָר מיר לאָזען פאַר-לויפיג פּאַוולאָ צו-רוה, און מיר קעהרען זיך אום צוריק אין „הויף“ אריין. דאָס האָט איהר אייך דעם פּרוזדור, דער אַריינטריט. אַצינד וועלען מיר זיך מטריח זיין מיט אייך אין טרקלין, אין פּאַלאַץ אריין, זיך בעקענען מיט'ן אייגענטהימער פונ'ם „הויף“.

שטעלט אייך פאָר אַ בילדשענעם מענשען, האַלב-אידיש, האַלב-אייראָפּעאיש געקליידט, מיט אונטערגעבויגענע פּאות, מיט אַ ווייסען קאָלנער, מיט אַ ליכטיג שטרענגען פנים, מיט מאַ-ניערען פון אַ פירסט. דער גאַנצער „הויף“ שטייט פאַר איהם ווי פאַר אַ מלך. אין שטוב איז ריין, זויבער, רייך, נאָר איינ-פאַך און שטרענג, און זעלטען ווער עס האָט די עהרע אַהער אַריינצוטרעטען, אַ חוץ שבת; און קומט שבת, ווערד געדעקט אַ לאַנגע רייהע פון טישען, און אַ חוץ דער פאַמיליע ווערען איינגעלאַדען אויך געסט פון די פּאָרנעמסטע אורחים. איך האָב אייך פערגעסען מיטצוטיילען, אום איר זאָלט האָבען אַ ריכ-טיגען בעגריף פון דעם „הויף“, אַז אין שטוב רעהט זיך אַרום אויך אַ גלות. דאָס איז אַ דייטש, אַ לעהרער צו די קינדער, וואָס לעהרענט מיט זיי „שפּראַך“. אויבענאָן, אויף אַ הויכען שטוהל, זיצט דער בעל-הבית, דער אייגענטהימער אַליין, און אַלע אויגען זענען צו איהם.

ווייסט איהר, ווער דאָס איז? דאָס איז אַ ליטווישער גביר, אַ איד אַ סוחר, רב יונה סלוצקער, און די מעשה קומט-פאָר נישט אין קיין אַנדער שטאָדט, נאָר טאַקי אין סלוצק.

אַצינד לאָזען מיר איבער דעם בן-מלך און נעמען זיך צו דער בת-מלכה, דאָס מיין איך — צו רב יונה סלוצקערס טאָכטער, וואָס איהר נאָמען איז געווען פייגעל און גערופען האָט מען זי די „קליינע אויגעלעך“, נישט בלשון סגי-נהור, ווייל

זי האָט געהאַט גרויסע אויגען, נאָר טאַקי דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַט זעהר קליינע אויגעלעך, און מחמת רב יונה סלוצקער איז געווען אַ ייד אַ גביר, און די טאָכטער האָט געהאַט קליינע אויגעלעך, האָט מען איהר געזוכט אַ חתן איין אָרעם בחור, נאָר אַ מושלם, אַ צאַצקע, אַזעלכען, וואָס זאָל זיין איינער ביי גאָט דער אַנדערער ביי איהם, — און גאָט האָט איהם געבראַכט די מציאה אין שטוב אַריין.

איהר שטויסט זיך שוין אודאי, אַז דאָ וויל איך אייך דערצעהלען שוין פון זיך. אַלזאָ, מוז איך אייך דערקלערען, ווער בין איך געווען און וואָס בין איך געווען צו יענער צייט. מיך האָט גאָט געבענטשט מיט דריי טיטלען מיט אַ מאָל. איך בין געווען אַ „יתום“, אַ „יורש“ און אַ „נשרף“. אַ יתום בין איך געווען פון טאַטע-מאַמע אין אַ קליין שטעדטעל אין דער ליטא, אין קאַפוליע. אַ יורש בין איך געווען אויף אַ חלק פון דער דירה, וואָס איז געבליבען אונז בירושה — געוויינטליך, נישט אויף אַ גרויסען חלק: דעם גרעסטען חלק האָט געהאַט מיין עלטערער ברודער, דער בכור; אויף מיין חלק האָט זיך אָנגענומען סך-הכל אַ „זיבעטעל“, וואָס אַז מע זאָל געווען די דירה צו יענער צייט פערקויפען, וואָלט זיך אָנגענומען אויף מיין חלק אודאי אַ קערבעלעך דרייסיג, און געוויס זענען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבען מיר מקנא געווען. נאָר אַזוי ווי מע האָט די דירה בעצייטענס ניט פערקויפט, — און שולדיג זענען אין דעם געווען טאַקי די יורשים אַליין — איז זי אין דער גרויסער שרפה, וואָס עס איז געווען ביי אונז אין קאַפוליע, אָפּגעברענט געוואָרען, און צו מיינע צוויי טיטלען, „דער יתום“ און „דער יורש“, איז צוגעזעצט געוואָרען אַ דריטער טיטעל: „דער נשרף“, וועלכער האָט איינגעשלונגען יענע ערשטע צוויי טיטלען, ווי די זיבען מאָגערע קיה פון מצרים, וואָס האָבען אַזוי בריה'ש איינגעשלונגען אין זיך די זיבען פעטע קיה, אַזוי אַז קיינער האָט ניט דערקענט, וואָס פאַר אַ גוטען אָנבייסען זיי האָבען געהאַט...

מילא, דערצעהלען אייך וואָס אין קאַפוליע האָט זיך אָפּגע-

טהאָן בשעת פונ׳ם „יתום״ מיט׳ן „יורש״ איז געוואָרען אַ „גשרף״ — ווייל איך נישט. דאָס לאָז איך איבער אויף איין אַנדערש מאָל. איך וויל אייך נאָר מודיע זיין, אַז עס האָבען זיך געפונען גוטע בארעמהערציגע מענשען, וואָס האָבען רחמנות גע-האַט אויפ׳ן „יתום״ דעם „גשרף״ (דער טיטעל „יורש״ איז אַוועק, וואו דער ליעבער שבת-קודש געהט אַוועק) און האָבען איהם אָפּ-געפיהרט פון קאַפּוליע קיין סלוצק צו רב יונה סלוצקער אין בית-המדרש אריין — לערנען.

מיין איבערראַשונג, אַז איך בין אָנגעקומען צו רב יונה סלוצ-קער אין „הויף״ אריין, לאָזט זיך ניט בעשרייבען. איך בין זיכער, אַז קיין תלמיד פון דער ישיבה און קיין סטודענט פון אוניווער-סיטעט האַט אַזוי פלייסיג נישט געלערענט און אַזוי פיעל הנאה געהאַט פון דעם לערנען, ווי דער „יתום״ פון קאַפּוליע האָט געהאַט ביי רב יונה סלוצקער אין בית-המדרש. אייביג וועל איך ניט פערגעסען די לאַנגע ווינטער-נעכט אינ׳ם העל-בעלויכטען גוט-אָנגעהייצטען בית-המדרש, אויף די גלאַטע בענק מיט די געפּאָ-לירטע טעטענדערס, וואו דאָס קול קלינגט זיך אָפּ מיט אַ זעלטענער זיסקייט, וואָס צוגעהט זיך ממש אין די ביינער, נאָכדעם — דאָס געשמאַקע דאַווענען מיט׳ן ערשטען מנין פאַרטאָג, אַז דער רבונו-של-עולם אליין שלאָפט נאָך, און נאָכ׳ן דאַווענען — דאָס הייסע גלעזעל טיי מיט זודיגע מילך מיט פרישע געבעקס, נאָר-וואָס פונ׳ם אויווען. און ועל כולם — פרייטאָג אין באָד אריין מיט די פראַכטפולע שטיינערנע בענק, ריינע שעפלעך, מחיה׳דיגע שפרי-צערס, ריינע באַסיינס אויף צו שווימען — איין אמת׳ער גן-עדן! איך זאָג אייך דעם אמת: איך וואָלט וועלען אייביג זיין אַ „יתום״ אַ „גשרף״ און זיצען ביי רב יונה סלוצקער אין „הויף״, אַלס אָרעם-בחור, און לערנען. איז דאָך אָבער דאָ אַ שטן מקטרג אויף דער וועלט, געהט ער און רעדט אָן די לומדים, וואָס האָבען מיט מיר געלערענט און בית-המדרש, אַז זיי זאָלען רעדען מיט רב יונה סלוצקער וועגען דעם קאַפּוליער אָרעם-בחור, און רב יונה סלוצקער גיט אַרויס אַ בעפויל, אַז שבת זאָל מען מיך ברענגען צום „טיש״. פונ׳ם שמועס, וואָס די עשרה בטלנים האָבען גע-

האַט צווישען זיך, האָב אי[illegible] אים וואָס דאָ האַנדעלט זיך. קיין גרויסער חכם [illegible] ניט בעדאַרפט זיין, וואָרום זיי האָבען מיר גלייך [illegible], אַז איך בין אַ גרויסער בר-מזל, און האָבען שוין געקוקט אויף מיר, ווי אויף א פּרינץ, ווי אויף רב יונה סלוצקער׳ס טאָכטער׳ס חתן.

וואָס איך האָב איבערגעלעבט יענעם טאָג, ווען איך האָב בעדאַרפט צום ערשטען מאָל געהען צום „טיש" — בעדאַרף איך אייך נישט דערצעהלען. דער כח הדמיון האָט מיך געכאַפּט אויף די פליגלען און האָט מיך אַוועקגעטראָגען צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, ערגיץ הינטער די הרי-חושך, און איך האָב מיך דערזעהן זיצען אויבענאָן אויף אַ גאָלדענעם שטוהל, אָנגעטהאָן אין סאַמע זיידענע מלבושים, און דער גאַנצער „הויף" מיט די עשרה בטלנים מיט, להבדיל, פאַוולאָ דעם שבת-גוי קניהען און בוקען צו מיר, און איך שאַף מיך מיט זיי, זיי זאָלען מיר דערלאַנגען די גמרא... און פּלוצים, איך טהו אַ קוק — עס פליהט אַ קאַרעטע מיט געגילטע רעדער און מיט ברענענ-דיגע פערד, און אין קאַרעטע, זעה איך, זיצט צעלעגט אַ גראַף — דער „יתום", דער „יורש", דער „נשרף" פון קאַפּוליע, און וויל גאָרנישט אַ קוק טהון אויף מיר...

— וואָס נעמסט דו זיך איבער אַזוי? — טענה איך צו איהם. — דאָס בין איך דאָך טאַקי אַליין, הייגט וואָס איז מיט דיר דער יחוס?...

— הקיצור, איך וועל אייך נישט מאריך זיין, קינדער, מע האָט מיך געבראַכט צום „טיש" דעם ערשטען פרייטאָג-צו-נאַכטס און מע האָט מיך אַוועקגעזעצט ביי׳ם עק טיש, פּונקט אַ קעגען דעם גביר און אַקעגען דעם גביר׳ס טאָכטער מיט די קליינע אויגעלעך. דער גביר האָט אַלע מאָל געוואָרפען אויף מיר אַ פּאָר שוואַרצע, שאַרפע, שטרענגע אויגען, מיט וועלכע ער האָט מיך דורכגעניזעט דורך און דורך. די „קליינע אויגעלעך" האָבען געקוקט צו זיך אין טעלער אַריין. מיר איז געווען ניט אַם בעסטען — דאָס דאַרפט איהר אַליין פערשטעהן.

אָבמאָהלען אייך די פּרעכטיקע סעודה — למאי, זאָלט איהר

מיך נויטען, איך זאָל אייך טהון אזא זאַך, וואָס איהר קאָנט ראָס געפונען אין שבועות'דיגען „אַקדמות"? איך וויל אייך נאָר זאָגען איינס: דעם ערשטען מאָל אויף מיין לעבען האָב איך דערזעהען אזוי פיעל טעלער מיט טעלערלעך! און גלאַנצענ-דיקע, גלאַטע, גליטשיגע. איהר מיינט, ס'איז אַ מעלה? האָט צייט, איהר וועט עפּעס הערען! דערצו דאַרף איך מיך מודה זיין, אַז מיט'ן שכל פון גאָפּעל-מעסער בין איך צו יענער צייט נאָך עפּיס נישט אזוי שטאַרק בעקאַנט געווען, און דאָ דערלאַנגט מען איין, אַ געבראָטענעם, אַ פערטעל עוף, גוט איינגעפּרעגעלט אין שמאַלץ, אָנגעפּילט און בעגאָסען מיט אַ מין זאַך (צימעס מן הסתם?), וואָס איך האָב עס נאָך קיינמאָל ניט פערזוכט. אַודאי דאַרף מען זיין אַ גרויסער חכם, מע זאָל פערשטעהן, אַז דאָס איז ניט קיין שלעכטער מאכל. נאָר במה דברים אמורים — ווען איז דאָס גערעדט געוואָרען, אַז מע זאָל דאָס נעמען אין האַנד אַריין, ווי גאָט האָט געבאָטען, און טהון מיט דעם דאָס, וואָס דער טאַטע האָט געטהאָן. ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז מע דאַרף נאָכקוקען וואָס אַנדערע טהוען? איך קוק און זעה, אַז אַלע קלייגען זיך, בריה'ן זיך מיט'ן מעסער און מיט'ן גאָפּעל, — קלייג איך מיך אויך און בריה מיך אויך מיט'ן מעסער און מיט'ן גאָפּעל, און דאָ דער גביר מיט זיינע שאַרפע, שטרענגע אויגען, וואָס נידערען אייך גלייך אין דער נשמה אַריין! איהר קאָנט זיין ווי הונגעריג, מוזט איהר פערלירען דעם אַפּעטיט. אַוועקלעגען דעם גאָפּעל מיט'ן מעסער איז אָבער אויך ניט קיין פּלאַן. שלעכט! פּלוצים — אַז מיין פערטעל עוף הויבט זיך ניט אויף פונ'ם טעלער, גלייך ווי עס וואָלט ביי דעם אויסגעוואַקסען פליגעל, און טהוט ניט אַ פליה איבער'ן גאַנצען טיש — און גלייך דעם גביר אין פּנים אַריין, און פונ'ם פּנים גלייך אויף זיינע ריינע, שעהנע, רייכע שבת'דיגע בגדים?!!!

— — — — — — — — — — — — — — — —

איהר ווילט וויסען דעם סוף פון דער מעשה? איהר ווייסט איהם שוין... דער גאַנצער מיין מיינער איז געווען —

פרשטענס, מיר זאָלען אביסעל אויסרוהען די פיס, און, צווייטענס, כאָטש א האלבע שעה ניט רעדען פון אונזערע מכּות. אצינד קאָנען מיר געהן ווייטער.

און מיר האָבען זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און מיר זענען אוועק ווייטער.

דעם זיידענ'ס האָטעל

די זון האָט געהאלטען אין רעכטען שפּאציערען איבער'ן העל-בלויען שווייצארישען הימעל, בעגאָסען די בערג ארום און ארום מיט גאָלדענע סנאָפּעס, וואָס האָבען זיך צעשאָטען אזוי ווי זאנגען איבער די אייביגע שטיינער, און געקייקעלט זיך אראָפּ-בארג, איבער גרינע טהאָלען, און ארייגעפאלען אינאיינעם מיט די שלענגעלדיגע וואסערלעך אין דער גלענצענד-בלויער אונרוהי-גער „ראָנא", וואָס לויפט מיט א געזאנג צווישן די פעלזען, גאָט ווייסט פון ווען-אָן און ביז וואנען, גאָט ווייסט פאר וואָס און צוליעב וואָס און צוליעב וועלכען צוועק? און מיר זענען נאָך אלץ אונטער'ן בארג, וואָס וואקסט פאר אונזערע אויגען, ווערט אלע מינוט ברייטער און העכער און שעהנער, און עס דאכט זיך, אז ער לויפט שוין ניט מעהר פון אונז, ווי פריער, נאָר אדרבה, ער געהט אונז אקעגען מקבל-פּנים זיין, קוקט אויף אונז פריינדליך, נאָר מיט גדלות, ווינקט צו אונז, אז מיר, פּיער אידישע שריפט-שטעלער, זאָלען זיך מטריח זיין אהין, צו אים ארויף, נאָהענט צום הימעל, צו גאָט'ס שטול; דאָרט וועט ער אונז צייגען זיינע גרויסע וואונדער; דאָרט וועט ער אונז לייענען א קאפּיטעל פון מעשה-בראשית; דאָרט וועט ער אונז דערצעהלען, וואָס גאָט קאָן, און פון דאָרט וועט ער אונז בעווייזען דאָס נידעריגע, נארישע וועלטעל, וואו נארישע קינדער האָבען אויסגעבויעט קליינע שטי-בעלעך און האָבען דאָס א נאָמען געגעבען שטעדט, געלאָזט לויפען קליינע וועגעלעך און האָבען דאָס א נאָמען געגעבען באהנען.

האָבען זיך פערשטעלט פאַר מלכים, קעניגען און פּרעזידענטען, שפּיעלען אין מלחמות, ים־געשלעג, הערען און קנעכט — פּונקט אַזוי ווי ביי די גרויסע...

ביי יעדען פון אונז בעקומט דער באַרג איין אַנדער נאָמען: ביי איינעם הייסט ער „דער זקן"; דער אַנדערער האָט געפונען, אַז אים פּאַסט הייסען „דער גדול"; נאָך איינעם איז געפעלען איהם אַ נאָמען געבען „רב זייט זשע מוחל". דעם זיידען רב מענדעלי האָט זיך פערגלוסט אַראָפּבערענגען אהער דעם גרעסטען ריעז עוג מלך הבשן, וואָס זאָל כאַפּען דעם באַרג אויף די פּלייצעס און לויפען מיט אים ת"ק מייל אין איין אָטהעם און וועלען אַרויפוואַרפען אים אויף די אידען; פּלוצים טהוט גאָט אַ נס און עס וואַקסען־אויס ביי'ם מערדערישען קעניג צוויי צייהן, איינער אַרויף, דער אַנדערער אַראָב, און דער מערדערישער קעניג בלייבט שטעהן מיט'ן באַרג, ניט אהער, ניט אהין — אַ זעלטען טראַגיקאָמישעס בילד!...

— ווי אַזוי הייסט ער, אָט דער שעהנער באַרג?

אַלע אויגען קוקען אויף מיין קאָלעגאַ מיט'ן הייסען טעמפּעראַמענט — ער איז דאָך אין דער שווייץ אַ גאַנצער בעל־הבית: ער קען זיך, זאָגט ער, מיט אַלע בערג און איז אויסגעבונדען מיט אַלע טייכען און טייכלעך — מיט איינעם אַ וואָרט אַ „היימישער מענש". מיין קאָלעגאַ מיט'ן הייסן טעמפּעראַמענט האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואָרען רויט, געריבען זיך דעם שטערן, געקוקט אַרויף, אויפ'ן סאַמע שפּיץ באַרג; נאָכדעם האָט ער אויסגעשפּיגען מיט אַזאַ כעס, גלייך ווי עמיצער וואָלט אים אָנגעטראָטען אויפ'ן פוס:

— טפו זאָל דאָס ווערען! איך האָב פערגעסען דעם נאָמען פונ'ם באַרג! געוואוסט נאַר־וואָס — און פערגעסען! וואָס זאָגט איהר דערויף?

— פערגעסען? — רופט זיך אָן דער זיידע רב מענדעלי. — הערסט דו! וואָס פערגעסעניש מאַכט — פרעגט ביי מיר. נישטאָ קיין ערגערע שטראָף אויף דער וועלט, ווי אַז מע פערגעסט! מיר איז בעקאַנט דער טעם, אַז מע ווייסט עפּיס אַ זאַך און פּלוצים

פליהט דאָס אַרויס פון זכרון, ווי אַ פויגעלע פון דעם שטייגע-לע — געה כאַפּ דאָס! פערגעסעניש איז אַ חולאת, איין אָנשי-קעניש, איין אומגליק אויף אַ מענשן! אויב איהר ווילט, קינדער, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה, ניט קיין פאַנטאַזיע, נאָר טאַקי אַ מעשה שהיה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפען אין אַדעס פאַר עטליכע יאָהרען. אַ מעשה מיט אַ האָטעל...

— איך וועל אייך דערצעהלען אַ שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפען אויך אין אדעס!... הערט איהר? ס'איז ווערט צו בעשרייבען!...

אַזוי האָט זיך אָנגערופען מיין קאָלעגע מיט'ן הייסען טעמ-פעראַמענט און האָט שוין געוואָלט אָנהויבען דערצעהלען, האָט איהם דער פאָעט איבערגעשלאָגען:

— אָט וועל איך אייך דערצעהלען נאָך אַ שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפען, ניט אין אדעס, נאָר אין זשיטאָמיר!

— און וואו בין איך? — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער פערטער, טאַקי איך אַליין. — איך וועל אייך בעסער דערצעהלען אַ מעשה פון דריי שטעדט מיט אַ מאָל. וועט איהר זיך האַלטען ביי די זייטען!...

— פון דריי שטעדט ? א [illegible] קומט אייך די בכורה!

אַזוי האָט זיך אָנגערופען דער זיידע מיט אַ הילכיגען געלעכטער און מיט אַ ניגון און האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד אין דער לופטען, ווי איינער רעדט: „איהר האָט אויס-געכאַפּט?... פאַר אייך די מציאה!“...

אַלע פיער האָבען זיך צעלאַכט, און איך האָב מיך דערמאַנט אין'ם פסוק: „שבעה דברים בגולם“, און פערשטאַנען, ווי אומ-טאַקטיש עס איז פון אונזער זייט, וואָס מיר זענען אַריינגעפּאָהרען מיט אונזערע מעשיות דעם זיידען אין די רעד אריין, און מיר זיינען גרייט געוועזען פעררייכטען אונזער פערברעכען. מיר האָבען אָבער לאַנג בעדאַרפט בעטען דעם זיידען, ער זאָל אונז דער-צעהלען די מעשה, וואָס מיט איהם האָט זיך געטראָפען אין

אדעס, און דער זיידע (אַז מע בעט אים שטאַרק, פֿויעל׳ט מען ביי איהם) האָט פֿערקאַטשעט די אַרבעל, ווי זיין שטייגער איז, אַרויפֿגערוקט די ברילען אויפ׳ן הויכען, ווייסען, קלוגען שטערן, וואָס קוקט אַרויס פֿון די כוואַליעדיגע שניי־ווייסע האָר. די קליינע נאָז שאַרפֿע, טיעפֿע, דורכדרינגענדיגע אויגען האָבען זיך האַלב־געשלאָסען, געקוקט אַרויף, אַ ביסעל אין אַ זייט, און אויפ׳ן פּנים האָט זיך צעגאָסען דאָס שיינענדיגע קינדערשע שמייכעלע, וואָס מאַכט איהם תּמיד יונגער מיט פֿופֿציג יאָהר און גיט איהם צו אַזוי פֿיעל חן, אַז עס ווילט זיך זיצען אַזוי אייביג נעבען איהם און האָרכען איהם רעדען און רעדען, און רעדען !...

און לאַנגזאַם, ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ האַלב־קאָמישען, האַלב־ערנסטען טאָן, האָט ער אָנגעהויבען זיין געשיכטע בזה הלשון:

— דאָס איז געווען, ווי איך האָב אייך געזאָגט, מיט עטליכע יאָהר צוריק אין אדעס, דאָס הייסט, ניט אין אדעס גופא, נאָר עטליכע סטאַנציעס הינטער אדעס. קורץ, איך בין געפֿאָהרען אַהיים קיין אַדעס. אָסיענצייט איז דאָס געווען. דער אינדרויסען האָט זיך איינגעהילט אין אַ רעגענמאַנטעל. דער הימעל האָט געגאָסען מיט טרערען, דער ווינד האָט געקלאָגט, די ערד האָט געטרויערט, געבענקט נאָך דער ליעבער וואַרעמער זון, ווי איין אַלמנה נאָך איהר מאַן. די בוימער האָבען זיך שוין לאַנג אָפּגעטרייסעלט פֿון די געלע בלעטלעך, די פֿויגלען האָבען פֿערלאָזען זייערע נעסטען, צוגעזאָגט אויף, אם ירצה השם, איבער אַ יאָהר צוריק קומען, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען... אַ דריבנע רעגענדעל האָט געזיפּט פֿון אויבען אונאויפֿהערליך און פֿון צייט צו צייט צעבייזערט זיך און געשמיסען אין די פֿערשוויצטע פֿענסטער פֿון אונזער וואַגאָן, וואו מיר זענען זיך געזעסען גאַנץ ברייטליך, בעקוועם, אין דער וואַרעם, אַ גאַנצע קאָמפּאַניע און געשמועסט פֿון פֿערשידענע זאַכען, ענינים און געגענשטענדען. אַקעגען מיר איז געזעסען אַ פּאַסאַזשיר, אַ געבילדעטער, אַ בעלעזענער, אַ פּראַכטפֿולער מענש, ווי עס האָט זיך אַרויסבעוויזען נאָכדעם — אַ קריסט, אַ זעלטענער אידענפֿריינד. איהר ווייסט

אז איך האָב פיינט אַ מה-יפית-אידען ערגער ווי אַ משומד, און ווער נישט נתפעל פון אַ קריסט, וואָס זאָגט אויף אונז אַ גוט וואָרט. נאָר צו דעם פאַרשוין האָב איך געהאַט אַ פּער-זענליכע סימפּאַטיע דורך אַ פערבאָרגענער צוציהונגסקראַפט, וואָס ליגט אַביסעל טיעפער פון אונזער פערשטאַנד. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איך האָב זיך געפיהלט מיט איהם אַזוי גוט, איך וואָלט זאָגען: היימיש, אַז עס וואָלט ווירקליך מיר ניט נמאס ווערען פאָהרען מיט איהם נאָך דריי טעג. עס האָט זיך מיר געוואָלט מיט עפּיס וואָס-ניט-איז נוצליך זיין איהם, טהון עפּיס אַ געפעליגקייט, און שטעלט אייך פאָר, אַז די גוטע געלעגענ-הייט איז מיר געקומען צו דער האַנד גאַנץ אַליין, פון זיך. וואָס איז די מעשה? אַזוי ווי ער פאָהרט דעם ערשטען מאָל אין מיין שטאָדט, אין אדעס, וואָלט ער וועלען עפּיס אַ רעכטע סטאַנציע, איין אָנשטענדיגעס האָטעל, און אַזוי ווי איך בין איין אדעסער תושב פון אַ סך יאָהרען, אפשר איז מעגליך, איך זאָל איהם רעקאָמענדירען נאָך מיין פערשטאַנד דאָס שענסטע און דאָס בעסטע האָטעל אין אדעס?

— אַ האָטעל? אָך!...

מיטביידע הענד האָב איך מיך אָנגעכאַפּט אינ'ם דאָזיגען צופאַל און האָב גענומען איהם אויסמאָהלען מיט די שענסטע פאַרבען אַ בעוואוסטעס האָטעל, לויט מיין מיינונג, דאָס גרעסטע און דאָס שענסטע האָטעל, וואָס אין דער שטאָדט. ערשטענס, די פּאַנאָראַמע. דאָס הויז איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַזוי קונ-ציג, אַז אַלע פענסטער קוקען-אַרויס אויפ'ן ים. היינט די ברייטע הויכע, ליכטיגע חדרים, דער פּרעכטיגער ווינטערגאָרטען, די אָראַנ-זשעריען, דאָס לעזע-צימער, די בעדיענונג, איך מיין די „מענשען". היינט דער רעסטאָראַן, די מוזיק — קורץ, איך האָב מיך אַזוי בעגייסטערט, גלייך ווי איך וואָלט געמאָהלט אַ גן-עדן, ניט קיין האָטעל.

אַ ליכטיגע, וואַרעמע, פריילכע סטאַנציע אין אַ מדעמ-דער שטאָדט, בשעת אין דרויסען איז אַזוי אָנגעכמורעט, איז צעהן מאָל אַזוי אָנגעלעגט, ווי אין איין אנדער צייט מיין

פארשוין האָט מיך אויסגעהערט מיט לויכטענדיגע דאנקבארע אויגען און מיט א שיינענדיג גליקליך פנים. איך האָב בעמערקט, ווי ער האָט ארויסגענומען פון דער טאש א נאָטיץ-ביכעל, אָבגעשפּיליעט פונ׳ם זייגער א גאָלדען שטיפטעל, און האָט געוואַרט ביז איך וועל ענדיגען, אום ער זאָל קאָנען פערשרייבען דעם נאָמען פונ׳ם האָטעל. איך בין אָבער נאָך אלץ געווען בעגייסטערט פון מיין בעשרייבונג און האָב ניט אויפגעהערט אויסצורעכענען די מעלות פונ׳ם מערקווירדיגען האָטעל. איך האָב גאָר ניט בעמערקט, אז מיר זענען שוין אָט-אָט אין אדעס. נאָר אז דער עולם האָט גענומען אויפהויבען זיך פון די ערטער און קוקען ארויף צו די פעקלעך, האָט מיין פארשוין פאָרזיכטיג, מיט זעהר א פריינדליך שמייכעלע, זיך געווענדט צו מיר און האָט מיך זעהר העפליך א פרעג געטהאָן, ווי אזוי איז דער נאָמען פונ׳ם האָטעל?

— אך! יאָ, דער נאָמען? אָט באלד וועל איך אייך זאָגען!...

און איך האָב מיך אויף א ווײַלע פערטראַכט—גאָט מיינער! ווי אזוי איז דער נאָמען? אָט ערשט האָב איך געוואוסט... בלאָטע! ניטאָ קיין נאָמען! אוועקגעפלויגען!... אומזיסט האָב איך מיר געריבען דעם שטערען, געזוכט אין אלע קעשענעס—נישטאָ קיין נאָמען! אפשר מיינט איהר, א שווערער נאָמען, א פארפלאָנטעטער, וואָס איז ניט גרינג צו געדענקען? אָט וועט איהר הערען! קיין מעהר גרינגערער נאָמען קאָן שוין גאָר ניט זיין אין דער וועלט! נאָך מעהר, דאָס איז אזא נאָמען, וואָס מע קאָן איהם ניט פערגעסען, מע זאָל אפילו וועלען! איהר וועט הערען, וועט איהר אליין זאָגען! קורץ, איך האָב געמיינט, אז איך וועל מיר גאָר א מעשה אָנטהון! דער נאָמען איז מיר געלעגען, ווי מע זאָגט, אויף דער צונג: אָט-אָט! נאָר ארויסרעדען איהם—בשום אופן ניט, כאָטש שריי חי וקיים! כאָטש לעג זיך און שטאַרב! איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. מיין פארשוין האָט, אפנים, געזעהען מיין טרויעריגע לאגע. ער האָט געוואָלט מיר אויסהעלפען ווי ווייט מעגליך, ארויסציהען מיך פון דער בלאָטע, וואוהין איך בין מיט מיין

ווייגענעם ווילען פערקראָכען. ער האָט דערצו אָנגעווענדט אַלע קרעפטען. ער האָט מיר גענומען אונטערזאָגען, אויסרעכענען אַלע נעמען פון דער גאַנצער וועלט. דאָ איז געווען: «גראַנדהאָטעל», «בעלוויו», «טערמינוס», «מעטראָפּאָל», «נאַציאָנאַל», «אינטער-נאַציאָנאַל», «בריסטאָל», «פּאַריז», «מאַדריד», «סאַנקט פּעטערסבורג» «שיקאַגאָ», «סאַנרעמאָ», «לאָנדאָן», «האַמבורג», «קאָנסטאַנטינאָ-פּאָל» — ניין, ניין און ניין! קורץ, מיין פּאַרשוין האָט געזעהען, אַז נעמען פון שטעדט געהען ניט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף נעמען פון לענדער: אפשר «פראַנציע»? «מאָנטענעגראָ»? «אַנגלעטער»? «ראָססיאַ»? «עסטרייך-אונגאַרן»? «בעלגיע»? «האָלאַנד»? «בראַזיליע»? «אַרגענטינאַ»? — וואו? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! אפשר «האָטעל פּאָסט»? «האָטעל ראָיאַל»? «האָטעל אייראָפּאַ»? «האָטעל לאָוור»? «האָטעל דאַנמאַרק»? «האָטעל אימפּעריאַל»? — קורץ! איך האָב געזעהן, ווי מיין פּאַרשוין האָט בעהאַלטען דאָס נאָטיץ-ביכעל, צוגעשפּיליעט צוריק צום זייגער דאָס גילדענע שטיפטעל, זיך גאַנץ העפליך מיט מיר אָפּגעזעגענט, געדאַנקט געבעטען, איך זאָל מיך ניט בעמיהען, ער וועט שוין ווי-ס׳ניט איז אַליין זעהען, מע זאָל איהם פיהרען אינ׳ם בעסטען האָטעל... און איך? אַ גרוב, ווען עס עפּענט זיך מיר, וואָלט איך אַריין אַ לעבעדיגער! אַזאַ שאַנדע! אַזאַ סקאַנדאַל! אויספּאַטשען זיך! שמיץ בין איך דאָך ווערטה געווען!... און איך האָב גענומען ויך אַליין זאָגען מוסר: אַלטער נאַר וואָס דו ביזט! דו אַליין זאָגסט אַלע טאָג איין איבערגעדרעהטען מדרש: «מוטב שאהיה רשע כל ימי, בעסער לאָם איך זיין אַ רשע אַלע מיינע יאָהרען, יאַל אהיה שוטה אַפילו שעה אחת», אַבי ניט זיין קיין נאַר איין שעה אַפילו, — זאָלסט דו אָפּטהון אַזאַ דומהייט? ווער האָט דיך געבעטען, זאָלסט זיך פאָרשטעלען פאַר אַ בעל-טובה? ווער האָט דיך געבעטען, זאָלסט רעקאָמענדירען איין אומבעקאַנטען מענשען אַ האָטעל אין אדעס? ווי קומט צו דיר האָטעלעס או ווי אזוי פערגעסט מען דאָס אַ זאַך, וואָס מע ווייסט, וואָס מע זעהט דאָס אַלע טאָג, וואָס מע קלערט פון דעם אַלע מינוט??? ...

קורץ, איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. איך בין געקומען אַהיים אַ צעקאָכטער, אַרומגעגאַנגען איבער'ן שטוב און געריבען זיך דעם שטערען, טאָמער וועל איך מיך דאָ כאָטש דערמאנען דעם נאָמען פונ'ם האָטעל? — נישטאָ קיין נאָמען!

— ווייסט דו ניט, — זאָג איך צו מיין ווייב — ווי אַזוי הייסט דאָס האָטעל?

— וואָסער האָטעל!

— הערסט! איך זאָל איהר זאָגען וואָסער האָטעל! איך פרעג דאָך ביי דיר!

— זאָג מיר דעם נאָמען — מאַכט זי צו מיר.

נו? געהט רעדט מיט אַ אידינע! בקצור, מע דאַרף אַליין זיך מטריח זיין דורכגעהן גלייך אַהין צום האָטעל! נאַר, ווי געוועהנטליך, אַז אַ מענש קומט פון וועג, געפינען זיך אַכצעהנ־הונדערט געשעפטען, בריעף, עסקים — מע דאַרף דאָס אַלץ ער־לעדיגען. און איך ווער נאָך מעהר אויפגערעגט, נערוועז, אין כעס אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט, לאָז אויס דאָס האַרץ צו די אומשולדיגע. און אָט האָט מען מיר פערדרעהט דעם קאָפּ. עס איז געוואָרען נאַכט, מע האָט שוין לאַנג אָפּגעגעסען, מע דאַרף זיך שוין לעגען שלאָפען — און מיך מוטשעט נאָך אַלץ דער נאָמען פונ'ם האָטעל. האָט איר געהערט אַ מעשה?... קורץ, איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען. עס איז געבליבען, אַז מאָרגען כאור געה איך צום האָטעל נאָר אָהן אַ שום תירוץ! עס נעמט מיך אָבער ניט קיין שלאָף! איך וואָלט שוין וועלען דער־לעבען טאָג, וועל איך מיך אָנטהון און וועל פריהער פאַר אַלע היומס צוגעהן צום האָטעל און אַ קוק טוהן אויפ'ן שילד, וואָס פאַר אַ נאָמען עס טראָגט. פלוצים טהוט דאָס מיך אַ טראָג־אויף פונ'ם בעט און איך טהו מיך אָן.

— גאָט איז מיט דיר! — זאָגט צו מיר מיין ווייב, איין איבערגעשראָקענע נעבאַך אויף טוידט. — וואָהין איז?

— איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען! — זאָג איך, — איך מוז געהן באַלד אַ קוק טהון,

— וואוהין א קוק טהון?

— נעם א לאַנטערן — זאָג איך צו מיין ווייב — און קום מיט מיר!

— וואוהין?

— פרעג מיך נישט, קום!

מילא, די לאַגע פון מיין ווייב נעבאַך פערשפּאַר איך אייך צו בעשרייבען. איהר דאַרפט אליין פערשטעהן די לאַגע פון א ווייב, וואָס איהר מאַן איז אוועקגעפאָהרען פון דער היים, דאַכט זיך, געזונד און שטאַרק — און קומט צו פאָהרען אהיים א ברוגז'ער, רעדט ניט, שפּאַנט-אַרום איבער דער שטוב און רייבט זיך דעם שטערן, ווי א פערריקטער, און פּלוצים כאַפּט ער זיך אויף ביינאַכט פון בעט, הייסט אָנצינדען א לאַנטערן און זאָגט: „קום!"... נאַר וואָס טהוט ניט א ווייב נעבאַך צוליב איהר מאַן? מע זאָגט איהר „קום" — געהט זי!

קורץ, וואָס טויג אייך, איך געה, מיין ווייב געהט מיר נאָך. איך טיאָפּקע אין דער בלאָטע, מיין ווייב טיאָפּקעט מיר נאָך. גאָט האָט געהאָלפען, מיר זענען געקומען. געקומען צום האָטעל, אויפגעהויבען די לאַנטערן. איך געב א קוק אויפ'ן שילד — אַנו, טרעפט, וואָס פאַר א נאָמען? אז איהר וועט זיין מיט אכצעהן קעפּ, וועט איהר אויך ניט טרעפען; דאָס האָטעל הייסט מיט'ן נאָמען:

„אַ ד ע ס אַ"!!!...

די היסטאָריע פון דער „קליאַטשע"

די זון האָט געהאַלטען אין רעכטען בראָטען, אין רעכטען באַקען, אָנגעגליהט די שטיינער פונ'ם באַרג, ווי איין אייזען-פּרעס, און געמאַכט אונז אַזוי צו שוויצען, אז מיר האָבען געמוזט אַראָפּוואַרפען פון זיך די קאַפּאָטעס, זיך ווישען דעם שוויים און געהן באַרג-אַרויף א ביסעל ניט אַזוי ראַשיג,

פאוואָלינקע, אזוי לאַנג, ביז מיר האָבען אָנגעהויבען פיהלע פיס — און דאָס איז אַ שלעכטער סימן, וואָרום איין אבר פון אַ מענשען האָט ליב, מע זאָל איהם ניט פיהלען; קוים פיהלט איהר איהם, איז ניט גוט — דאָס האָב איך געהערט נאָך אין חדר פון מיין רבי׳ן, וואָס פלעגט אויך מאַכען פיהלענדיג אַזעלכע אברים, וואָס אָהן איהם וואָלט איך זיי קיינמאָל ניט געפיהלט... בקיצור, מיר האָבען דערפיהלט פיס, און האָבען אָנגעהויבען אונטערקוקען איינס אויפ׳ן אַנדערען און פרעגען זיך איינער דעם אַנדערען:

— וואָס איז די מעשה? איהר שטעהט שוין אָב?
— ווער? איך? חס וחלילה!
— וואָס זשע שלעפט איהר זיך?
— עס ווייזט זיך אייך אויס...
— מיר דאַכט, אַז איהר הינקט עפּיס אונטער אויף אַ פוס?
— ווער? איך?
— אייך איז, אַפּנים, שווערליך אַרויף אַ באַרג?
— עס הויבט זיך גאָר נישט אָן!
— וואָס זשע סאָפּעט איהר אַזוי?
— איהר האָט אַ טעות: איך סאָפּע קיינמאָל נישט, ביי מיר איז ניטאָ קיין טבע פון סאָפּען.
— נו, און איהר ווי אַזוי פיהלט זיך עפּיס?
— גאַנץ גוט! נאָר די פיס ווילען ניט דיענען.
— ביי מיר אויך דאָס אייגענע.
— און ביי מיר ניט אַזוי די פיס, ווי די פּיאַטעס!
— די פּיאַטעס איז בלאָטע! די ליטקעס פון די פיס!...

דאָס פערשטעהט אַ מינדסט קינד, אַז נאָך אַזאַ געשפּרעך האָבען מיר אַלע פיער אידישע שריפטשטעלער, צווישען זיי איינער אַ פּאָעט, זיך אָוועקגעזעצט אויפ׳ן גרינעם גראָז און האָבען זיך ממש מחיה געווען. דעם זיידען רב מענדעלע האָבען מיר אָפּגעטראָטען דעם אויבען-אָן, און מיר דריי האָבען זיך אויסגעזעצט אַרום איהם, ווי אייניקלעך אַרום אַ זיידען, אָדער ווי תלמידים אַרום אַ רבי׳ן, האָרכען דעם אַלטענ׳ס תורה, ווי

ער דרשנ׳ט און טייטשט פּסוקים און דערצעהלט מעשיות, וואָס האָבען אַ שייכות צו דעם, וואָס אונז אַלעמען בעריהרט — צו דער אידישער ליטעראַטור, אויסגעמישט אַלע מאָל מיט אַ זייטיגער מעשה, אָדער, ווי ער רופט דאָס אָן, מיט אַ „הקדמה״. אַ הקדמה פון פאָרענט, אַ הקדמה אין מיטען, אַ הקדמה צום סוף.

— אַז איך בין פערגאַנגען מיט׳ן טראָגען מיט דער „קליאַטשע״... — אַזוי האָט דער זיידע אָנגעהויבען צו דער־צעהלען אַ מעשה, נאָר מע האָט איהם באַלד איבערגעשלאָגען אין רעכטען אָנהויב, ווי דער שטייגער איז. איטליכער האָט געשטעלט איין אַנדער פראַגע:

— זיידע! פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אייך „די קליאַטשע״?

— זיידע! וועלכעס איז געוועזען דאָס ערשטע ווערק, וואָס איהר האָט געשריבען אין אידיש, און וואָס האָט עס אייך גע־בראַכט צו שרייבען אידיש?

— זיידע! פאַר וואָס האָט איהר זיך אויסגעקליבען דעם פּסעוודאָנים „מענדעלי מוכר־ספרים״?

דער זיידע האָט גאַנץ רוהיג, מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגען און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּען, אויסגעהערט אַלע אונזערע פראַגען, און האָט אונז נאָכדעם מיט אַ היילכיגען געלעכטער אָפּגעענטפערט:

— נו? שוין? מעהר האָט שוין קיינער גאָר נישט וואָס צו פרעגען? טאָמער האָט איהר נאָך אַ פּאָר שאלות — אדרבה. גיט אַהער, שעמט זיך ניט, שיט אויס אַלע אינאיינעם אין איין קופּע, ס׳איז גאַנץ אידישליך. איהר, מיט אייער פרעגען מיך פון אַלע זייטען, דערמאַנט מיר אַ בילד, ווי אַ מוטער קומט פון מאַרק מיט אַ פולען קאָשעק פערשיעדענע זאַכען: עפּעל, און באַרען, און בייגעל, און בולקעס, און [illegible], און קאַר־טאָפעל, און מעהרלעך, און פלוימען, און פּעטרישקע, און אַ רויטער האָהן מיט אַ הארטען קאַם אויף אין קאָהן, — און עס בעפאַלען זי די קינדער פון אַלע זייטען: מאַמע! מיר איין עפּעל! מאַמע! מיר אַ באַר! מאַמע! קאָן מען עסען רויהע

מעהרלעך? מאמע! אויף וואס דארף מען פעטרישקע? מאמע! וואס קאסט דער האהן? „קינדערלעך! — בעט זיך נעבאך די מאמע. — לאזט מיך כאפען דעם אטהעם, וועל איך אייך אלע-מען צופריעדען שטעלען!"...

אזוי האט אונז דער זיידע בערוהיגט און האט אונז אלעמען געגעבען א תשובה יעדען אויף זיין פראגע, חלילה נישט דורכ-געלאזט קיינעם. און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז צו שרייבען אידיש, דאס הייסט, צו רעדען מיט'ן גאנצען פאלק אויף זיין לשון, האט איהם שוין לאנג געצויגען, נאך פאר'ן ערשטען ארויסטריט אויפ'ן פעלד פון דער אידישער ליטעראטור; און מחמת שרייבען אידיש איז מיט פיערציג יאהר פריהער נאך געווען א שאנדע, ובפרט נאך אזא יונגען מאן א משכיל, ווי ער, וואס «קלוגע מענשען» האבען אויף איהם געזאגט, אז דאס וואקסט א «חיים זעליג סלאנימסקי», — האט ער זיך מיט זיין ערשטען ווערק «דאס קליינע מענשעלע» בעהאלטען בחדרי-חדרים, אז קיינער זאל ניט וויסען, און האט אוועקגעשטעלט דערויף א נאמען פון א לעבעדיגען פארשוין, איינעם א סענדערעל א מוכר-ספרים'ניק, וואס האט זיך ארומגעשלעפט אין יענער צייט מיט זיין פערד-און-וועגעלע אין דער סביבה פון בארדיטשעוו, דאס בעריהמטע גלופסק אליין. «דאס קליינע מענשעלע», אדער «יצחק אברהמעל תקיף», איז גענומען געווארען פון א לעבעדיגען פארשוין, וואס האט אין יענער צייט געקנאקט אין גלופסק מיט דער גרויסער בייטש און אנגעטריבען די כנסת ישראל... אנגע-שריבען האט ער «דאס קליינע מענשעלע» אין פערלויף פון דריי טעג, נישט מעהר, מיט פחדים און מיט פיבער, און אוועק-געשיקט עס אין «קול מבשר» אריין, צו אלכסנדר צעדערבוים. דערזעהען אויפ'ן שער דעם נאמען «סענדערעל מוכר-ספרים», האט זיך אלכסנדר צעדערבוים דערשראקען, צי מיינט מען דאס ניט איהם אליין טאקי (אלכסנדר — סענדער — סענדערעל)? האט ער זיך מיישב געווען — קיין גרויסע צערעמאניעס מיט א אידישען מחבר דארף קיינמאל א אידישער רעדאקטאר נישט מאכען, ובפרט נאך אין יענער צייט — און האט איהם איבערגעמאכט דעם

נאָמען סענדערעל אויף מענדעלי, — און אַט אַזוי איז זיך אַרויס אויף דער וועלט „מענדעלי מוכר-ספרים״, וואָס האָט ניט אויפגעהערט אַרומצופאָהרען מיט זיין ביסעל געדרוקטע סחורה איבער דער מדינה פון גלופּסק, פערבלאָנזעט פון דאָרטען קיין קאַבּצאַנסק און טונעיאַדעווקע...

דאָס זענען די דריי הויפּט-שטעט, אָדער די דריי ק״קין, ווי ער רופט זיי אָן אויף לשון-קודש, וואָס פיגורירען אין אַלע כתבים פון מענדעלי מוכר-ספרים און וואָס דריקען-אויס און זייערע נעמען די קווינטעסענציע פונ׳ם אידישען גהעטאָ אין יענער צייט. דאָס זענען די דריי זאַכען, וואָס האָבען אָפּגעשטעמפּעלט דאָס פאַרצייטיגע רוסישע אידענטום: גלופּסק — אונוויסענהייט, קאַבּצאַנסק — אַרמוט, טונעיאַדעווקע — פּוסטעפּאַסניקעס, לעדיגגעהערס, אָהן אַ שום מלאכה, אָהן אַרבּייט נעבּאַך, איבעריגע בעשעפענישען אויף דער וועלט.

— אַט דאָס זענען געווען די הויפּט-עלעמענטען פונ׳ם אידישען פאָלק אין יענער עפּאָכע, וואָס מיר איז בעשערט געווען מיט זיי זיך אַרומצושלעפען בכל תפוצות ישראל... — אַזוי האָט געזאָגט דער זיידע מיט אַ זיפץ און מיט אַ ביטער שמייכעלע. — נאָר איר האָט זיך, דאַכט מיר, נאָכגעפרעגט אויפ׳ן יחוס פון דער „קליאַטשע״? דאַרף מען אייך, קינדערלעך, טהון צוליעב און דערצעהלען. אַזוי איז געווען די מעשה: איינמאָל, אין אַ זומערטאָג איז דאָס געווען, זיץ איך מיר אַזוי אין גלופּסק אויף דער אכסניה פערטראַכט און קוק מיר דורך איין אָפענעם פענסטער אין דרויסען אַרויס און דערזעה איין אויסגעמוטשעטען, פערשוויצטען אידען מיט אונטערגעשטעקטע פאָלעס פון אַ צעריסענער קאַפּאָטע, שטעהט און קאַטעוועט איין אָרעמע אויסגעמוטשעטע פערשוויצטע קליאַטשע מיט אַ צעביסענער פעל, איינגעשפּאַנט אין אַ פולען וואָגען מיט ציגעל, שעלט מיט טוידטע קללות אי די קליאַטשע, אי זיך, אי די גאַנצע וועלט:— ברענען זאָל די פעל דיינע, וויסטע קליאַטשע וואָס דו ביזט — און זי, די קליאַטשע, האָט אויסגעדרעהט די פערוויסטע, פערפינסטערטע מאָרדע איהרע צום אידען, קוק אויף איהם, ווי אַ

זינדיגער מענש, און עס דאכט זיך מיר, אז איך הער, ווי זי זאגט צו איהם:

— שוטה, קליאטשע רופט ער מיך! ביזט אליין א קליאַטשע! טהו א קוט אהין, צו יענעם פלאץ, וואו איך שלעפ די ציגעל, וועסט דו זעהען, אז איהר זענט אלע קליאטשעס, וויסטע, פינסטערע קליאטשעס, אז אך און וועה איז צו אייך אלעמען!

אזוי, האָט זיך מיר געדאכט, רעדט די קליאטשע, און איך האָב אויפגעהויבען די אויגען אויף יענעם פלאץ, וואָס די קליאטשע האָט אָנגעוויזען מיט איהר מאָרדע, און איך האָב דערזעהען א בעקאנטען נפש פון יענע פיינע בריות, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט אין גלופסק—מיט פינף פינגער ארויפצושלאָגען זיך אויף א מויער, און אויף נאָך א מויער, און דאָס אלץ נעבאך פון כשר׳ע אידישע מטבעות, פון כשר אידיש שווייס און בלוט... דער שענער מענש, דער פיינער בריה, איז געשטאנען די הענד ארונטער, דאָט היטעל פעררוקט ארויף, דער שטערן האָט געשוויצט און געבויעט גרויסע פלענער, און ארום איהם האָבען זיך, ווי קנעכט, אונטערטהעניג ארומגעדרעהט אָרעמע אידעלעך נעבאך, געקוקט איהם, ווי געטרייע הינד, אין די אויגען אריין, געוועזען גליקליך מיט זיינס א שמייכעלע און געציטערט פאר א בייזען קוק — — — — און עס איז מיר געקומען אויפ׳ן זינען דער פסוק אין שיר-השירים: ל ס ו ס ת י ב ר כ ב י פ ר ע ה — צו דער קליאטשע אינ׳ם רייטוואָגען פון פרעה, ד׳מ י ת י ך ר ע י ת י — טהו איך דיר טהון גלייכען, כנסת ישראל! — און איך בין פערגאנגען אויף טראָגען מיט דער „קליאטשע״...

דריי טעג בין איך ארומגעגאנגען איבער גלופסק א צעטראָגענער, ווי מיין ישראליק, נישט געהערט, וואָס מע רעדט צו מיר, געענטפערט איטליכען אויף זיין „גוט-מאָרגען״ מיט׳ן וואָרט „קליאטשע״, ווארום אלע פנים׳ער האָבען אויסגעזעהען ביי מיר קליאטשעדיג, און אָט אזוי האָב איך מיך געקליאטשעט, ביז איך בין געקומען אהיים קיין טונעיאדעווקע און האָב מיך

פערשלאָסען ביי זיך אין חדר אויף זעכצעהן טעג און אָנגע־
שריבען אַלע זעכצעהן קאַפּיטלעך פון דער „קליאַטשע"...

אַצינד איז געבליבען די פראַגע: וואָס טהוט מען מיט דער „קליאַטשע"? דעמאָלט האָט נאָך קאָלומבוס ניט אַנטדעקט אַמעריקאַ, און דעריבער האָבען זיך נאָך ניט געפונען יענע בארעמהערציגע לייט, וואָס האָבען אין דרייסיג יאָהר רחמנות געהאַט אויף מיר, דעם אָרעמען מענדעלי מוכר-ספרים, און האָבען מיך אַרויסגעגעבען דאָרטען, ניט צו פרעגען ביי מיר מיין הסכמה, ניט צו געבען מיר צו וויסען: הנה, זייט וויסען, רב מענדעלי, אַז מע האָט אייך אַ טובה געטהאָן, מע האָט אייך בע׳גנבה׳ט!..

דאָ האָט זיך דער זיידע אָפּגערוהט אַ ווײַלע און האָט זיך פערטראַכט. מיר, די אייניקלעך, האָבען זיכער געקאָנט מיינען, אַז דאָ וועט זיך אָנהויבען שיטען פייער, פעך און שוועבעל אויף די פיינע מענשען אין אַמעריקאַ, וואָס האָבען ווירקליך בעגאַנגען איין אונגעהייערע פערברעכען קעגען דעם איינציגען אידישען קלאַסיקער, קעגען דעם גרעסטען אידישען דיכטער, דענקער און קינסטלער, דערמיט וואָס זיי האָבען איבערגעדרוקט און אַרויס־געגעבען אַלע זיינע ווערק ניט אין אַמעריקאַ אַליין, נאָר אויך אַריבערגעפּעקלט אַהער, קיין „יוראָפּ", און געמאַכט איהם אַ מיאוסע מפּלה, אַ קאָנקורענץ אויף זיין סחורה טאַקי מיט זיין אייגענער סחורה — און געהעט לאָדט זיי צום ונתנה-תוקף!...

נאַטירליך, איז מיין קאַלעגאַ, דער וואָס מיט׳ן הייסען טעמפּע־ראַמענט, אַרויס מיט אַ פייעריגען פּראָטעסט קעגען די אַמעריקאַ־נער פּיראַטען, ים-גזלנים, זיי געמאַכט (הינטער די אויגען) מיט דער בלאָטע גלייך, זיך געוואונדערט וואָס מע שווייגט:

— וואָס שווייגט איהר זיי, זיידע? — האָט אויסגערופען מיין קאַלעגאַ. — איך, אויף אייער אָרט, וואָלט פון זיי געמאַכט אַט-אָ-דאָס-אָ!

און מיין קאַלעגאַ מיט׳ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט ביי־וויזען מיט ביידע הענד אין דער לופטען, וואָס ער וואָלט פון זיי געמאַכט, נאָר וואָס, אייגענטליך, — איז שווער געווען צו פער־

שטעהן, מחמת מיט הענד קאָן אַ מענש מאַכן מי יודע וואָס!...
דערויף האָט איהם דער זיידע געענטפערט מיט אַ שמייכעלע:

— איך וועל אייך דערצעהלען: כל זמן איך בין נאָר אַ נגזל אַליין, איז נאָך צו דערליידען — וואָס קאָן מען טהון? פון איין אומגליק איז קיינער נישט בעהיט. נאָר זיין דערצו נאָך אַ שוטה אויך — דאָס איז שוין צו פיעל פאַר מיר! פּראָטעסטירען, רע-כענען זיך, צאָהלען — דאָס איז נאַריש; דאָס דאַרפען טהון אַנ-דערע, ניט איך, וואָס איך אַליין דאַרף טהון — וועט מן הסתם געטהאָן ווערען... מענדעלי מוכר-ספרים, ברוך השם, איז נאָך ניט געשטאָרבען! מילא, בקצור המעשה, דאָס אַלץ איז נאַרישקייטען. איהר ווילט דאָך וויסען, ווי אַזוי איז די „קליאַטשע" אַרויס אויף דער וועלט? — דאַרף מען אייך דערצעהלען וואָס ווייטער איז געווען.

און דער זיידע האָט אונז איבערגעגעבען אַ געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט אין אַ געשלאָסענער פערזאַמלונג פון אינטימע פריינד צום ערשטען מאָל געלייענט די „קליאַטשע", ווי אַזוי זיינע אינטימע פריינד האָבען פריהער געלאַכט פון איהם, גע-מאַכט חוזק איבער'ן נאָמען פונ'ם ווערק. נאַ דיר גאָר אַ פערד, אַ קליאַטשע! און ווי אַזוי זיי זענען נאָכדעם געוואָרען ערנסט... ווי אַזוי איינער (יוסף בצלאל הארקאַווי) האָט נאָכ'ן איבער-לייענען די „קליאַטשע" צוגענומען ביים מחבר דאָס העפטעל, אַריינגעלעגט אין אַ זייט-קעשענע אָהן ווערטער, אַוועקגעפיהרט דאָס קיין פעטערבורג און צוגעשיקט אין אַ צייט אַרום דעם פערפאַסער אַ פאַרטיגע, איין אָפּגעדרוקטע „קליאַטשע". ווי אַזוי נאָכדעם דער צענזאָר האָט געהאַט אַ מיאוסע מפלה דער-פאַר, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט אַזאַ „טרפה סחורה", און נאָך אַ סך אינטערעסאַנטע מעשיות האָט אונז דערצעהלט דער זיידע, וועהרענד מיר, זיינע אייניקלעך, זענען געזעסן און אויסגערוהט זיך דערווייל אונזערע אויסגעמוטשעטע פיס.

א מינוט פאַר'ן טויט

ווידער אַ מאָל זענען מיר געזעסן זאַלבעפערט, די זעלבע פיער אידישע שריפטשטעלער, צווישען זיי דער יונגסטער פון אַלע — אַ דיכטער. דער זיידע איז געווען, ווי אַלע מאָל, דער צענטער, געזעסן אין מיטען; מיר, די אייניקלעך, אַרום איהם. עס איז געווען אַ זומערנאַכט, אַ פּרעכטיגע, אַ וואַרעמע, אַ שמעקענדיגע נאַכט. עס האָט זיך ניט געגלוסט געהן אין שטוב אַריין. שווער געווען זיך צעשיידען מיט אַזאַ נאַכט! גערעדט האָט מען וועגען איבערנאַטירליכעס, אומבעגרייפליכעס אין דער נאַטור און וועגען דעקאַדענץ אין דער ליטעראַטור. דער זיידע האָט געקוקט מיט זיינע ניט גרויסע, נאָר שאַרפע, האַלב-צוגעמאַכטע, קורצזיכטיגע אויגען ערגיץ אין דער האַלב-פינסטערער ווייטקייט אַריין. נאָכדעם איז געקומען צו רעד וועגען בעשרייבען די נאַטור. דער זיידע האָט געזאָגט, אַז בעשרייבען די נאַטור הייסט פּראָפאַנירען די נאַטור, און ער האָט גענומען מאָהלען מיט זיין איינפאַכער נאָר געשמאַקער אידישער שפּראַך אַ נאַכט-בילד מיט אַ האַלב-ערנסטען און האַלב-קאָמישען טאָן, אַזוי, אַז עס איז שווער געווען צו וויסען, אויב ער מיינט דאָס באמת, אָדער ער שפּאַסט?...

אָט אַזוי האָט דער זיידע געשילדערט אַ זומערנאַכט:

— שטיל גנבה'ט זיך אַריין די נאַכט. איינציגווייז, אַזוי ווי ליכט, ווערען אויסגעלאָשען די רויטפאַרביגע שטראַהלען פון דער פערגעהענדיגער זון. אַ קליין ווינטעלע לויפט-דורך און רוימט אייך איין אַ סוד: «דער טאָג איז פאַרביי... דער טאָג שטאַרבט-אָב»... די ביימער האָבען אַראָבגעלאָזט די ברעמען, זיי ווילען שלאָפען. איין אומעט, אַ מרה-שחורה אַרום און אַרום, ווי שבת פאַרנאַכט צו שלש-סעודות, ווען אַלץ טרויערט, אַלץ בענגט, און די נשמה יתירה רייסט זיך ערגיץ, צאַפּעלט, עס איז איהר שווער צו שיידען זיך... נאָר שאַט! אָט געהט זי, די נאַכט-מכשפה, און

פערשפרייט איבער אונז איהרע שווארצע פליגלען. אט באלד וועט זי זין געזעצען אין איהר פינסטערען געצעלט, וואס וועט בעלייכט ווערען פון פינקעלדיגע שטערען. אט באלד וועט זי אונז זאגען: א גוטע נאכט! שטיל וועט זי אפלייענען „קריאת-שמע”, און וועט איינשלאפען, און עס וועלען זיך איהר חלומ׳ען אלערליי משונה-פערדרעהטע פערפלאנטעטע וועלט-חלומות...

דער זיידע ווערד שטיל. מיר זיצען ווי פער׳כשופ׳ט. מיר וואלטען וועלען הערען ווייטער, ווי ער מאהלט זיינע פרעכטיגע נאכטבילדער אין דער דאזיגער פרעכטיגער זומערנאכט. ער פערשטעהט אונזער וואונש.

פלוצים רייסט-איבער דער זיידע זיך אליין און רופט זיך אן:

— מילא, נו, בקיצור, נאטור! עס איז גאלע ליגען! אלע אונזערע בעשרייבענישען, שילדערונגען און מאהלעכצען האבען אזא פנים קעגען דער נאטור אליין און געבען אונז פון איהר אזא בעגריף, פונקט אזוי ווי אט-א-יענע געוויסע בילדער פון דער הגדה, וואס זענען געדרוקט אין ווילנא אדער אין באר-דיטשעוו, געבען אונז א בעגריף פון יציאת-מצרים... אויב איהר ווילט, וועל איך אייך, קינדער, בעסער דערצעהלען א מעשה שהיה, א מורא׳דיגע מעשה, וואס מיט מיר האט אמאל פאסירט אין בעסאראביע. די געשיכטע האט אין זיך עטוואס מיסטישעס, אומבעגרייפליכעס, און שטימט זעהר מיט דער דאזיגער פראכטפולער נאכט, וואס איז פול מיט כשוף, מיסטי-ציזם און דעקאדענץ... ווילט איהר הארכען, זאלט איהר זיצען שטיל, רוהיג, און דער עיקר — נישט איבערשלאגען אין מיטען, ווי דער מנהג איז, און נישט פרעגען קיין קשיות. איך בין אייך מבטיח, אז עס וועט אייך מיט דער צייט אליין אלסדינג פערענטפערט ווערען.

און מיר אלע דריי אייניקלעך האבען זיך צוגערוקט נאך נעהענטער צום זיידען, און דער זיידע האט א מאך געטהאן מיט דער האנד איבער דער לופט, גלייך ווי ער וואלט עמיצען אפגעטריבען פון זיך, און האט אנגעהויבען רוהיג און לאנגזאם צו דערצעהלען זיין שרעקליכע געשיכטע בזה הלשון:

– בעסאַראַביע, ווייסט איהר, איז אַ ווינקעל חלילה נישט פון מכשפים, נישט פון לצים. נישט פון וועלטבעריהמטע גנבים, גזלנים און רויבער. בעסאַראַביע איז זיך אַ ווינקעל פון אַנטי-סעמיטען, פּאַפּעשויעס, ווייִן און מאַמעליגע, אַזוי, אַז פונ׳ם נאָמען בעסאַראַביע איז נישט צו דערוואַרטען, עס זאָל זיך דאָרטען טרעפען מיט מיר עפּיס איין אויסערגעוועהנליכע, איבערנאַטירליכע געשיכטע. פון דעסטוועגען מוז איך אייך זאָגען פאָראויס, אַז איהר וועט הערען, וועט איהר נבהל ומשתומם ווערען פאַר שרעק, און איהר וועט שטוינען. איהר וועט ניט פערשטעהען מיט׳ן גלייכען שכל, וואָס דאָ שטעקט אַזעלכעס, און כמעט האָב איך מורא, אַז איהר וועט ניט וועלען גלויבען, דאָס הייסט, איהר וועט חלילה ניט רעכענען אויף מיר, אַז איך זאָל אייך איבערגעבען אַ פאַנטאַזיע פאַר אַ ווירקליכע געשיכטע; חס ושלום! אַזוי גראָב וועט איהר ניט זיין! נאָר וואָס דען? איהר וועט זיך קלערען: אַ קשיא אויפ׳ן אַלטען, אפשר האָט זיך איהם אויסגעדאַכט?...

נו, אַלזאָ, הערט-זשע מיט קאָפּ. שטעלט אייך פאָר מיט אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג צוריק אַ שטאָדט אין בעסאַראַביע (נאָר נישט קעשעניעוו, וואָרום קעשעניעוו קריכט שוין פונ׳ם האַלז!). אַלזאָ, אַ שטאָדט אין בעסאַראַביע, און אין מיטען שטאָדט איין איינפאָהרהויז. מילא, וואָס איין איינפאָהרהויז איז און ווי אַזוי זעהט אויס איין איינפאָהרהויז – דאַרף איך אייך ניט דערצעהלען. דאָס איז אַ הויז, וואָס איז געשטעלט געוואָרען לכתחילה צוליעב „פריצים“, און וויבאַלד צוליעב פריצים, קאָנט איהר שוין זיכער זיין, אַז עס איז פערזאָרגט מיט אַלע מעגליכע בעקוועמליכקייטען, וואָרום אַ פּריץ איז נישט קיין איד. אַ איד איז אַ איד, און אַ פּריץ איז אַ פּריץ! נאָר נישט דאָס בין איך אויסען...

די שטוב אַליין איז זיך אַפילו אַ גאַנץ געוועהנליכע שטוב פון „מיטעלמעסיגען וואוקס“, נישט הויך, נישט נידעריג, מיט אַ רויטען דאַך פון שינדעל, מיט אַ הויכען ברייטען טויער אויף אַריינצופאָהרען מיטן גאַנצען עקיפּאַזש גלייך אין הויף אַריין,

מיט צוויי רייהען חדרים פוןביידע זייטען, רעכטס און לינקס, וואָס די טהירען זייערע געהען-אַרויס צום הויף און די פענסטער צו דער גאַס. די צימערען זענען ריין, ברייט, גענוג ליכטיג. בעל-הביתיש מעבעל: אַ קיילעכיגער טיש אין מיטען צימער, אַ שען הילצערן געפּאָלירט בעט, פריש צוגעקליבען און מיט דיוואַנעס פערהאָנגען, אַ קליידער-שאַפע אויך אַזוינע, אַ וואַש-קעסטעל, אַ ווייכע קאַנאַפּע מיט אַ שפּיעגעל איבער איהר, מיט שטוהלען אַ פּאָר. אויף די ווענד בילדער, געוועהנליכע בילדער, פּאָרטרעטען פון משה מאָנטעפיורי מיט דער ברייטער געפלועטער מאַנישקע, פון, להבדיל, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע מיט'ן המנ'טאַש אויפ'ן קאָפּ און מיט דער האַנד אין זשילעט, מיט אַביסעל אַ צו בייז אויסזעהען — פּונקט דער היפּך פון, להבדיל, רב משה מאָנטעפיורי, וואָס זעהט-אויס שוין אַביסעל צו פיעל זיס-צוקערדיג. מערקווירדיג! צוויי בעזונדערע העלדען פון צוויי עפּאָכען, געמאָהלט פון בעזונדערע קינסטלער, און ביידע מיט איין חסרון, ביידע איבערגעכאַפּט די מאָס... נאָר נישט דאָס בין איך אויסען. די שענסטע און די בעסטע ציערונג, וואָס אין צימער, איז די הרובע, דער אויווען, אַ פּראָסטע הרובע, ניט קיין געקינצעלטע, אַ געוועהנליכע, אַ געלע, מיט בלויע פלעקען, אַ חנ'עוודיגע, און דער עיקר, אַ וואַרימע הרובע — אַ געטרייע, ווי אַ מאַמע! דערפון איז געדרונגען, אַז די מעשה, וואָס איך וויל אייך דערצעהלען, האָט זיך געטראָפען אים ווינטער — און דאָס איז זעהר נויטיג צום ענין.

אַזוי ווי דער זומער האָט אין זיך זיין זומערדיקן חן און שענקייט, וואָס אונז איז ליעב און טייער, אַזוי האָט אויך דער ווינטער ביי אונז זיין חן מיט זיין צויבער, בשעת אין דרויסען איז גוט קאַלט, דער ווינד בלאָזט, דער פראָסט ברענט און גנבהט זיך אַריין דורך די צוגעמאַכטע לאָדען און מאָהלט צאַצקעס אויף די שויבען פון די פענסטער, און איהר זיצט זיך מיט אַ געזעלשאַפט אין אַ וואַרים-אָנגעהייצטען און גוט-בעלויכטען חדר, ביי אַ געדעקטען טיש מיט אַ זודיגען סאַמאָ-וואַר, וואָס קאָכט און פּאַרעט און ציהט-אויס אַ לאַנגען דינעם

סאָן. זאָגט אייך וואָס איהר ווילט — איטליכע זאַך איז גוט אין איהר צייט. נישט גוט איז נאַר, אַז אין מיטען ווינטער ווערד פלוצים זומערדיג, דריליוואַטע, אָדער, אַז אין מיטען זומער ווערד קאַלט, ווינטערדיג... נאַר נישט דאָס בין איך אויסען.

געזעסען ביי׳ם סאַמאָוואַר און געטרונקען טיי איינער אַליין, האָב איך אַרויסגעקוקט, אַז עמיצער אַ לעבעדיגער פּערשוין זאָל זיך בעווייזען, רעדען אַ וואָרט, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז מע פערבענגט זיך נאָך אַ מענשען. וואָרום מענשען האָבען אַ טבע: זיי עסן זיך צו, נאָר אַז מע זעהט זיי נישט, בענגט מען נאָך זיי. גאָט האָט געהאָלפען, עס האָט זיך געעפענט די טהיר און עס האָט זיך בעוויזען אַ נפש אַ בעוואַקסענער מיט האָריגע הענד, איינער פון די נפשות, וואָס נאָר אַ לאַנד פון פּאַפּעשויעס, ווײַן און מאַמעליגע קאָן אַרויסגעבען. אָפּמאָהלען אייך איהם — געפין איך נישט פאַר נויטיג צו אונזער געשיכטע, נאָר אין צוויי ווערטער זאָגען שטאַדט נישט: ג ר ע ב ע ר ווי לענגער, און אַזוי פערוואַקסען מיט שמאַלץ, אַז קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטהעם. דאָס איז דער בעל-הבית פון דער אכסניה. אַריינגעקומען איז ער צו מיר, ווי געוועהנליך, מקבל-פּנים זיין דעם אורח, איהם אָפּגעבען שלום, פרעגען, פון וואַנען ער איז און וואוהין ער פאָהרט און וואָס איז זיין טהועכץ, אַ קוק, אַ שמעק, אַ טאַפּ אין וואָגען, אפשר דאַרף ער עפּעס האָבען, וועט ער איהם דיענען. נו, און אַזוי ווייטער. לאַנג בעטען איהם זיצען האָב איך זישט בעדאַרפט; טרינקען מיט מיר אַ גלעזעל טיי האָב איך אויך ביי איהם גע׳פועל׳ט און עס איז אַוועק ביי אונז אַ געשפּרעך, וואָס איך זעה נישט, ער זאָל האָבען פאַר אייך אַ אינטערעס. דער געשפּרעך האָט זיך גע־דרעהט אַרום אַלערליי וועלט-ענינים, שטאָדט-זאַכען, מסחר, פאַמיליענאַנגעלעגענהייטען, און אַביסעל גלאַט אַזוי, אַבי גערעדט, נישט געשוויגען. מיין בעל-הבית, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, איז געווען אַ איד אַביסעל אַ שווערער, אַביסעל צו פיעל פערוואַקסען מיט שמאַלץ, דעריבער איז איהם שווער

געוועז אָנצוהויבען רעדען. אַלע מאָל, ווען ער דאַרף עפּיס זאָגען, סאָפּעט ער זיך פריהער גוט אויס, ווי אַ בלאָזאַק, און קוים האָט ער זיך אָפּגעסאָפּעט און דעם בלאָזאַק אויסגעבלאָזען, איז ביי איהם אַוועק ווי אַ מזמור, און ער האָט מיר אָפּגע-געבען דין וחשבון פון גאַנץ בעסאַראַביע, מיך בעקאַנט געמאַכט מיט אַלע פּריצים, וועלכע פּריצים עס האָבען אַ סך ערד און ווינציג הינד, און וועלכע פּריצים עס האָבען ווינציג ערד, נאָר אַ סך הינד. אויך פון פערד האָט ער מיר דערצעהלט זעהר אַ סך שענע מעשיות, פון „עהרליכע" פערד און פון „גנבה'שע" פערד, און פון גנבים, וואָס גנבה'נען פערד, און פון גנבים, וואָס גנבה'נען אַנדערע זאַכען, און פון גזלנים, וואָס קומען אַהער פון רומעניע, מייסטענס ציגיינער, וואָס טהוען-אָפּ אַמאָל אַזעלכע זאַכען, אַז די האָר שטעלען זיך קאַפּויער! איך האָב איהם אויסגעהערט, בעטראַכט אָט דעם בעוואַקסענעם נפש מיט די האָריגע הענד, צי געהערט ער זיך נישט אָן אַ ווייטער קרוב מיט אָט די גזלנים פון רומעניע... איך האָב אָבער אַרויס-געזעהן, אַז אומזיסט האָב איך איהם חושד געווען, וואָרום פון זיין ווייטערען שמועס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז גלאַט אַ גראָבער יונג, איין עם-הארץ און נעבאַך אַ גרויסע בהמה! פון די גזלנים איז ער אַרויף אויף מכשפים, לצים, רוחות און שדים, מתים, וואָווקעלאַקעס און שרעטעלעך, וואָס ער אַליין מיט זיינע אויגען האָט דאָס געזעהן — אַ סימן, זיי זענען מיט הערנער. ווער איז מיט הערנער — האָב איך איהם פערגעסען פרעגען, און אַגב האָבען זיך מיר געקלעפּט די אויגען... גאָט ווייסט, וויפיעל צייט מיין חכם וואָלט נאָך אַזוי געזעסען איבער מיר, ווען איך הויב נישט אָן אונטערצודרימלען. שטאָף אויף צו דערצעהלען האָט ער נאָך געהאַט, ווייזט אויס, גענוג, מחמת אַז ער האָט זיך געזעגענט, האָט ער מיר צוגע-זאָגט, אַז מאָרגען אין דער צייט וועט ער ערשט דערצעהלען און דערצעהלען. פאַר'ן אַוועקגעהן האָט ער מיט מיר אינ-איינעם בעטראַכט די פענסטער, צי האָט מען גוט פערמאַכט די לאָדען, געכאַפּט אַ קוק צום אויווען, צי האָט מען נישט פריה

צוגעשטעקט דעם קוימען, בעוויזען מיר, ווי אזוי מע פערשליסט די טהיר, געזאָגט אַ גוטע נאַכט, אָפּגעלאָזט דעם בלאָזאַק און אַוועק.

נאָך זיין אַוועקגעהן האָב איך די טהיר צוגעשלאָסען און געפּרובט, אויב זי עפענט זיך נישט. ניין — זי עפענט זיך ניט. נאָכדעם האָב איך בעטראַכט די פענסטער אַלע, געכאַפּט אַ קוק, אַזוי זיך פאַרבייגעהענדיג, אונטער׳ן בעט, גענומען זיך אויסטהון, צוגעגרייט דעם זייגער אויפ׳ן טיש און די שוועבעלעך, אַריין אין בעט אַריין, זיך איבערגעדעקט מיט אַ וואַרעמער ריינער בייענער קאָלדרע, אויסגעלאָשען דאָס פייער, און...

דאָ האָט זיך דער זיידע פּלוצים אָפּגעשטעלט און איז אַנטשוויגען געוואָרען. די נאַכט איז ווירקליך געווען פול מיט כשוף. דער הימעל האָט אַראָפּגעקוקט צו אונז מיט זיינע שטערען, וואָס האָבען זיך געמינעט, געביטען זיך, געפינטעלט, ווי אַ מענש, וואָס פינטעלט מיט די אויגען. זיי האָבען צו אונז געוואונקען, זיי האָבען גערעדט צו אונז, זיי האָבען אונז געזאָגט: «ווען איהר זאָלט וויסען, וואָס עס טהוט זיך דאָ ביי אונז אין הימעל?!»... «נו, אדרבה, זאָגט אונז שטערנדלעך, זאָגט אונז, וואָס טהוט זיך דאָרט ביי אייך אין הימעל?»... נאָר די שטערענדלעך זאָגען ניט, וואָס עס טהוט זיך דאָרט ביי זיי אין הימעל. זיי מינען זיך, זיי בייטען זיך, זיי פינטלען, ווי אַ מענש וואָס פינטעלט מיט די אויגען. און מיר קוקען, קוקען אין הימעל אַריין, און ווייסען ניט, וואָס דאָרטען טהוט זיך.

מיר האָבען זיך אַלע, אַפּנים, שטאַרק פערטיפט אין די שטערען און גאָר נישט בעמערקט, אַז דער זיידע שווייגט עפּיס זעהר לאַנג. און אַלע דריי האָבען מיר זיך אָנגערופען צו איהם:

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס זענט איהר אַנטשוויגען געוואָרען?

— איך האָב געוואָלט אייך אויספּרובען, צו איהר האַלט קאָפּ.

— וואָס הייסט, צי מיר האַלטען קאָפּ? געוויס האַלטען מיר קאָפּ.

— זאָגט-זשע מיר, קינדערלעך, וואו האַלט איך?

— איהר האַלט ביי דער בייענער וואַרעמער קאָלדרע. איהר האָט זיך איינגעדעקט, אויסגעלאָשען דאָס פייער און...

— אָט אַזוי האָב איך אייך ליעב. וויבאַלד איהר האַלט קאָפּ, קאָן איך אייך דערצעהלען ווייטער. אַלזאָ, איך האָב מיך גאַנץ פיין איבערגעדעקט און — אַ גוטע נאַכט!... איך וועל אייך ניט זאָגען אַקוראַט, צי איך האָב שוין געהאַט איינגעשלאָפען, צי איך האָב נאָר-וואָס געזאָלט אַנטשלאָפען ווערען, צי איך האָב שוין געהאַט אָפּגעשלאָפען אַ צייט, — איך ווייס נאָר, אַז די אויגען האָב איך געהאַלטען צו, נאָר געהערט האָב איך טריט, שטילע טריט – מע געהט!... איך הער מיך צו שטאַרק — יאָ, מע געהט!... «עט! עס ווייזט זיך מיר אודאי אויס!... דאָס איז אַ סך-הכל, אַ רעזולטאַט פון דעם בעל-הבית׳ס מעשיות»... אַזוי טראַכט איך מיר און וויל מיך איבערדעקען איבער׳ן קאָפּ — איך הער ווידער אַ מאָל גאַנץ קלאָרע טריט! איך הויב מיך אָן בערעכענען: אפשר געהט מען דאָס אינ׳ם אַנדערען צימער אויף יענער זייט וואַנד? אפשר פון אויבען איבער מיין קאָפּ? ניין! איך הער טריט אָט דאָ, ביי זיך אין צימער, ניט ווייט פון מיין בעט! איך האָב צונויפגענומען אַלע מיינע געדאַנקען, איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב, דאַכט זיך, גוט צוגעשלאָסען די טהיר בעטראַכט די פענסטער אַלע, געזעהען אויך וואָס אונטער׳ן בעט טהוט זיך — ווער קאָן דאָס זיין און פון וואַנען האָט ער זיך אַהער גענומען?... און דאָ איז אַ פינסטערניש, כאָטש נעם זיך ארויס די אויגען! וואָס טהוט מען? אויסרייבען אַ שוועבעלע? זענט איהר גערעכט. אַ שכל איז דאָס טאַקי. די פראַגע איז אָבער, וואו נעמט מען אַ שוועבעלע, אַז די שוועבלעך ליגען ערגיץ ווייס איך וואו, אויפ׳ן טיש? נו? וואָס וועט איהר טהון? איאָ, איהר שווייגט? אַז עמיצער איז פאַרהאַן ביי מיר אין צימער — איז שוין ביי מיר קיין ספק ניט געווען. די קשיה איז נאָר, פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? ווי אַזוי איז ער אריין?

פאָלגליך, דאַרפען מיר קלערען, אַז אָדער דורך דער טהיר, אָדער דורכ׳ן פענסטער? אויב דורך דער טהיר, איז דאָס דער בעל-הבית אַליין, מיט אַ נאָכשליסעל; אויב דורכ׳ן פענסטער, איז דאָס גלאַט אַ גנב. קיין גרויסע נפקא-מינה אַפילו איז דאָס ניט, נאָר אַ מענש אַ בר-דעת האָט ליעב יעדע זאַך בעקלערען, ער זאָל וויסען, וואו ער איז אין דער וועלט. ער זאָל ניט בלאָנזען אין דער פינסטער אַפילו דעמאָלט, ווען עס איז פינסטער... איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, פערשטעהט איהר מיך, אין קאָפּ אַלסדינג, ווי אין פסוק שטעהט: החכם עיניו בראשו. איך האָב מיר אויסגעמאָהלט מיין צימער, דעם טיש, דאָס בעט, ווי אַזוי האָב איך מיך געלעגט? מיט׳ן פנים צום פענסטער, מיט די פיס צו דער טהיר. פאָלגליך, ווען עס זאָל זיין אָפען די טהיר, וואָלטען דאָס דערפיהלט פריהער פון אַלעמען — ווער? די פיס. שטעק איך אַרויס פּאַוואָלינקע אַ שפּיץ פוס פון אונטער דער קאָלדרע, געוויס וועל איך דערפיהלען עפּיס אַ ווינטעלע?—ווער! וואָס! די טהיר איז צו — דערויף וועל איך שווערען! דאַרף מען זיך נעמען צום פענסטער. ווי אַזוי זשע טהוט מען דאָס? שטעק איך אַרויס פּאַוואָלינקע פון אונטער דער קאָלדרע אַ האַנד — קיין שפור פון קיין ווינטעל, פון קיין קעלט. עס איז צו טיהר און טויער, און די טריט ווערען אַלע מאָל קלערער און נעהענטער איך מעג שווערען אַז איך הער עמיצער נעבען מיר אָטהעמט שוין; עס פערשטעהט זיך, אַז יעדע מינוט, יעדע סעקונדע איז אַ טאָג, אַ יאָר.

אַ קאַלטער שווייס האָט שוין לאַנג אַרויסגעטרעטען! דאָס האַרץ קלאַפּט, קלאַפּט, ווי אַ זייגער. וואָס טהוט מען? אַראָפּ-שפּרינגען פון בעט? אָנהויבען שרייען? מאַכען אַ גוואַלד? צו וועמען? אויף וועמען? אַפּנים, איהר ווייסט דען, מיט וועמען איהר האָט צו טהון? אויפזעצען זיך אויפ׳ן בעט — האָט איהר מורא זיך אַ ריהר טהון, וואָרום צו וואָס זאָלט איהר ווייזען יענעם, אַז איהר שלאָפט ניט? ממה נפשך, איז דאָס אַ גנב, וועט ער זיך נעמען זיינס, וואָט איהם איז נויטיג, און וועט זיך געהן געזונטערהייד. אָבער אַז איהר וועט נעמען מאַכען קולות,

וועט ער דאָך וועלען ראַטעווען זיין אייגענע פעל, וועט ער אָנפאַלען אויף אייך ווער ווייסט מיט וואָס פאַר אַ כלי־זיין, וועט איהר, הייסט עס, אַליין מאַכען איהם פאַר אַ גזלן, — צו וואָס נוצט דאָס אייך? וואָס זשע דען? וואַרטען ביז ער וועט צוגעהן צו אייך צום בעט און וועט אַרויפפאַלען אויף אייך און וועט אייך כאַפּען פאַר׳ן האַלז, און וועט אייך אָנהויבען וואַרגען, שטיקען? איז עפּיס אויך ניט קיין פּלאַן. אַלזאָ, אַציגד זאָגט שוין איהר, וואָס וואָלט איהר געטהון? לאָם איך הערען. איהר זייט יונגע לייט, העלדען!...

אַזוי האָט זיך דער זיידע געווענדט צו אונז, זיינע דריי אייניקלעך, און געוואַרט אויף אונזער ענטפער. דער ערשטער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט זיין ענטפער דוקא דער יונגסטער פון אַלע, דער פּאָעט. ער האָט זיך אָנגעצונדען, ווי איין אמת׳ער העלד, געמאַכט צוויי מורא׳דיגע קולאַקעס און בעוויזען, ווי אַזוי ער וואָלט געגעבען אַ שפּרונג־אַראָפּ פונ׳ם בעט, ווי אַזוי ער וואָלט איהם צוגעבויגען צו דער ערד, ווי אַזוי ער וואָלט איהם געשטיקט, און האָט אויסגעלאָזט מיט פייער: — נפש תחת נפש! מיר אַ טוידט, דיר אַ טוידט!...

אויסגעהערט די תשובה פונ׳ם פּאָעט, האָט דער זיידע אַ קנייטש געטהאָן מיט דער האַנד, ווי איינער רעדט: „מהיכי־תיתי!“ און האָט זיך געווענדט צו מיין קאָלעגאַ מיט׳ן הייסען טעמפּעראַמענט: וואָס וואָלט ע ר געטהאָן? און מיין קאָלעגאַ מיט׳ן הייסען טעמפּעראַמענט האָט אים אָפּגעענטפערט גאַנץ אויפריכטיג:

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, זיידע: געהן אָנפאַלען אויף אַ מענשען, וואָס איך קען איהם ניט און זעה איהם ניט — דאָס וואָלט איך נישט געטהאָן. איך וואָלט איהם איבערגעלאָזט דעם זייגער מיט האַק און פּאַק, כאַפּט איהם דער רוח, און אַליין וואָלט איך אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענסטער. האָבען צו טהון מיט יעדען פאַרך, מיט יעדען גנב? זאָל דאָס געהן אין דער ערד אַריין...

— אויך גערעכט! מאַכט דער זיידע. — האָבען צו טהון

נישט מיט קיין גלייכען איז אודאי נישט כדאי... נו, און איהר, וואס וואלט איהר געטהאן, ווען מיט אייך טרעפט זיך אזא מעשה?

אזוי זאגט דער זיידע שוין צו מיר, און איך ענטפער איהם אויך גאנץ אפענטליך:

— איך? איך וואלט פערשפארט אלע זאכען! איך וואלט נישט אנגעפאלען אויפ'ן גנב, איך וואלט נישט געשפרונגען דורכ'ן פענסטער. איך וואלט... איך וואלט... געשטארבען!

— אט דאס איז ריכטיגער פון אלץ! — מאכט דער זיידע מיט א הילכיגען געלעכטער, און אויף איהם קוקענדיג לאכען אלע, אחוץ מיר. — שטארבען פאר שרעק איז טאקי זעהר א ווואילע עצה, נאר איידער מע קומט דערצו, פאלט-ארויס דריי מאל די נשמה, עס בעשלאגט אייך א קאלטער שוויס, און איהר פיהלט, אז דער מח הויבט זיך אייך! איהר זעהט פאר זיך דעם מלאך-המות, איהר פיהלט אויף זיך דעם קאלטען חלף, נאר איהר ווייסט נישט, ווען וועט זיין דער „חיק"!... בקיצור, איך וועל אייך מעהר נישט דערצעהלען. איך הער נעבען מיין בעט שוין עמיצער סאפעט, אבער וי! אזוי נאך! מיט אימפעט, מיט כעס: „האו! אי-האו!" איך פיהל דורך דער קאלדערע עמיצענ'ס א האנד אויף זיך, א פעסטע, א שווערע, א קאלטע, א האריגע האנד, און טאקי באלד נאך א האנד. אהא! עמיצער קריכט צו מיר אין בעט אריין, אט-אט איז ער שוין, אט-אט כאפט ער מיך ביי'ם גארגעל! אט-אט דערלאנגט ער מיר מיט איין אייזען אי-בער'ן קאפ! אט-אט... נו? חכמים! וואס וועט איהר איצטער טהון?

דא האט זיך דער זיידע אפגעשטעלט, אפנים, געוואלט אפרוהען א ווײלע. מיר האבען פערשטאנען, אז עס איז איהם מסתמא שווער געווען איבערצולעבען נאך א מאל אזא קריטישען מאמענט, האבען מיר איהם געלאזט, ער זאל אביסעל אפרוהען, און אליין האבען מיר זיך גענומען איינהערען אין דער שטיל-קייט פון דער נאכט. איהר ווייסט, ליעבע פריינד? די שטיל-קייט פון דער נאכט רעדט, רעדט ווערטער. הערט זיך איין אמאל, וועט איהר הערען קולות, שטילע נאר זיסע ווערטער

פון איין אומאַקאַנטען נפש, וואָס זיצט נעבען אייך און סוד'עט זיך און שושקעט זיך מיט אייך, און עס מאַהלט זיך אייך אויס, אַז אייך איז בעקענט די שטימע, איהר האָט זי ערגיץ געהאָרכט, איהר ווייסט ניט וואו... און עס דאַכט זיך אייך אויס, אַז איהר האָט געהערט אַ זיפץ, אַ טיעפען זיפץ, און איהר ווייסט ניט, ווער האָט דאָס געזיפצט: צי אָט דער אומבעמערקטער נפש, וואָס זיצט נעבען אייך, אָדער איהר אַליין האָט דאָס געזיפצט?... און עס כאַפּט אייך אָן אַ מורא מיט אַ בענקעניש אינאיינעם; איהר וואָלט גערען אויפהויבען זיך, אַוועקגעהן, נאָר עפּיס האַלט אייך צו — איהר ווייסט נישט וואָס... עמיצער ציהט אייך ביי דער נשמה, איהר ווייסט ניט ווער... און עס בענגט זיך אייך מיט סכנת-נפשות — איהר ווייסט נישט נאָך וועמען... פּלוצים הערט איהר: פליוך! ווי אין אַ טייך אַז מע וואַרפט אַריין אַ שטיינדל, אָדער אין אַ ברונען האָט עמיצער אַראָפּגעלאָזט אַ זאַך!... אַרום און אַרום אייך, ווייסט איהר, איז נישטאָ קיין ברונען, נישטאָ קיין טייך. וואָס בעדייט דער פליוך?... אָדער אַ „קראַ" לאָזט זיך הערען. פון וואַנען געהט דער „קראַ", אַז אַלע פויגלען שלאָפען?... און עס דאַכט זיך אייך, אַז די ערד אָטהעמט, קוים-קוים וואָס מע הערט. גלייך מיט אייך אָטהעמט זי, די ערד, די גאַנצע וועלט, און איהר פיהלט, אַז איהר זייט אַ חלק פון דער אָטהעמדיגער ערד, פון דער גרויסער-גרויסער וועלט, וועלכע איז אַ גרויסער-גרויסער סוד פאַר אייך...

דאָס שטילשווייגען פונ'ם ייִדען האָט זיך ווידער פערצויגען מעהר וויפיעל מע בעדאַרף, און מיר זענען אויסגעגאַנגען וויסען גיכער דעם סוף פון דער געשיכטע, און מיר האָבען זיך ווידער אַ מאָל גענומען מינטערען דעם ייִדען.

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס הייסט, וואָס נו? וואָס איז געווען ווייטער? ווער איז דאָס געווען? און וואָס האָט ער אייך בעטהאָן? ווי אַזוי זענט איהר אַרויס פון זיינע הענד?

— אזוי? איהר ווילט טאקי וויסען דעם סוף? האט צייט. מארגען איז אויך א טאג. עלעהיי, זאל זיך אייך דאכטען, עס איז א ספור-המעשה, וואס איז געדרוקט ערגיץ אין א בלאט, און דער רעדאקטאר, דער חכם, האט אייך איבערגעהאקט אין סאמע מיטען, אוועקגעשטעלט פון אונטען די געוויסע צוויי ווערטער: „פארטזעצונג פאלגט" — און געהט לאדט איהם צום ונתנה-תוקף. עס פערשטעהט זיך, אז דאס האט דער קלוגער רעדאקטאר אייך געטהאן מיט א כיון, בכדי איהר זאלט מארגען אויך קויפען זיין בלאט — איהר האט איין אנדער ברירה? אדער עלעהיי, זאל זיך אייך דאכטען, עס איז די מעשה מיט דער שלאנג.

— מיט וואסער שלאנג?

— איהר ווייסט נישט די מעשה מיט דער שלאנג? — ציהט אויס דער זיידע מיט א ניגון. — וועל איך אייך דערצעהלען א נייע מעשה, א מעשה מיט א שלאנג.

איינמאל, דאס איז געווען דעם 31-טען דעקאבר, פונקט ערב ניי-יאהר, לייענט מען אין א צייטונג אזא מין געשיכטע: «א יונגע שענע פרוי, איין ערשטלינג, איז געזעסן מיט איהר ברעקעלע קינד אויף די הענד ביי'ם פענסטער, נאר-וואס גע-קליבען זיך געבען דעם קינד זויגען. פלוצים, מע ווייסט נישט ווי און פון וואנען, קריכט ארויס א שלאנג, טהוט זיך א קאטשע ארויף גלייך אויף דער פרוי, כאפט אריין די ברוסט אין מויל אריין און הויבט אן צו זויגען. זעלבסטפערשטענדליך, אז די פרוי איז באלד אויפ'ן ארט געפאלען חלשות. נאטירליך, איז מען זיך צונויפגעלאפען פון דער גאנצער שטאדט רעטען די אומגליקליכע פרוי. מע האט צונויפגערופען די גרעסטע דאקטוירים פון שטאדט, נאר געהט טהוט עפיס, האלט מלחמה מיט א גיפטיגער חיה! מע קאן דא גאר נישט מאכען, מחמת טאמער ריהרט מען אן די שלאנג, אזוי לאזט זי ארויס איהר גיפט און טוידט די פרוי אויפ'ן ארט. וויעדער צוריק, זאל מען לאזען די שלאנג זאל זויגען ווייטער, וועט זי אזוי לאנג זויגען, ביז די פרוי וועט שטארבען... שלעכט! — אזוי לאזט אויס די צייטונג. — די לאגע איז זעהר קריטיש, די שלאנג זויגט, די פרוי חלש'ט. דאקטוירים

זיצען און זוכען מיטלען. אונזערע רעפּאָרטערען שטעהען און וואַרטען. מאָרגען וועלען מיר געבען צו וויסען אונזערע לעזער, וואָס ס'איז געוואָרען מיט דער פּרוי און מיט דער שלאַנג". עס פערשטעהט זיך, אַז נִיט איין מאָרגען איז אַוועקגעגאַנגען. דער עולם האָט ניט אויפגעהערט צו קויפען אַלע טאָג די צייטונג, געזוכט דעם סוד פון דער פרוי מיט דער שלאַנג אַ צייט מיט יאָרען, און איך האָב מורא, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע גע־טרייע לעזער, וואָס עד היום נאָך הערען זיי נישט אויף צו קויפען די צייטונג אַלץ צוליעב דער פרוי מיט דער שלאַנג... שוין־זשע האָב איך ניט פערדיענט ביי אייך, קינדער, איהר זאָלט מיר וואַר־טען ביז מאָרגען? אַ גוטע נאַכט!

און דער זיידע איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד און האָט גענומען זיך געזעגענען מיט אונז אויף דער רעכטער אמת. זענען מיר, אַלע דריי אייניקלעך, צוגעפאַלען צו איהם, געבעטען, גע־חלש'ט, געקושט — קוים מיט צרות געפועלט, ער זאָל זיך אַוועק־זעצען צוריק אויף זיין אָרט און פאָרטזעצען זיין שרעקליכע גע־שיכטע.

— געדענקט־זשע, קינדער, וואו האַלטען מיר? מיר האַלטען, ווי אַזוי דער נפש געהט מיט שטילע טריט צו מיין בעט. איך הער, ווי ער סאַפּעט מיט אימפּעט און מיט כעס: „האַ! אי־האַ! אי־האַ!" איך פיהל דורך דער קאָלדערע עמיצענ'ס אַ האַנד, און טאַקי באַלד נאָך אַ האַנד, עמיצער קריכט צו מיר אין בעט אַריין, אָט־אָט איז ער שוין ביי מיר אין בעט!... איך ווייס ניט, ווי אַזוי איהר; איך האָב מיך אָנגעלייענט אַמאָל, אין די יונגע יאָהרען, אַ סך אַזעלכע מעשיות, מורא'דיגע, מיט שדים, גזלנים, מכשפים, רוחות — די דאָזיגע אַלע מעשיות, דאַרף איך אייך זאָגען דעם ריינעם אמת, האָבען אויף מיר נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק, אויסער דעם, וואָס איך האָב נאָר געוואָלט וויסען דעם סוף, אַ שטייגער, אָט אַזוי ווי איהר אַצינד... דער בעגריף פון „אָנפאַלען", „איבערפאַלען", „הרגה'נען", „טוידטען" — איז מיר געוועזען פרעמד. אַפילו דער מלאך־המות מיט די פיעלע אויגען איז אויך געוועזען ביי מיר נישט מעהר

ווי א „סטראשידלע״, איין אויסגעטראכטער חלום אויף צו שרע-
קען אונז, און ווייטער גאר נישט... דא אבער האב איך דער-
זעהן דעם מלאך-המות פאר מיינע אויגען. איך האב איהם דער-
זעהן און האב איהם דערקענט, אז דאס איז — ער! ער!
איך האב נאר נישט געקאנט טרעפען, מיט וואס פאר א טוידט
איך וועל פון איהם דא פאלען, און האב דעריבער נישט גע-
וואוסט, צו וואס איך זאל מיך פריהער חאפען: צום קאפ, צום
האלז, צום בויך? נעהער פון אלץ האט זיך מיר פארגעשטעלט,
אז צוויי גרויסע, ביינעריגע, קאלטע הענד וועלען מיך ארומ-
חאפען ביי׳ם האלז און וועלען מיך נעמען ווארגען. איך וועל
ווערען ברוין און בלוי, די אויגען וועלען מיר ארויס פון שטערן,
און איך וועל נישט קאנען שרייען. אויך האט זיך מיר פארגע-
שטעלט א שווערע זאך, איין אייזערנע, לאזט זיך אראפ מיר
אויפ׳ן קאפ, און איך ווער פריטשמעליעט... אדער א ברייטעס שאר-
פעס קאלטעס מעסער טהוט א שנייד-אריין זיך גלייך צו מיר
אין בויך אריין, און איך הער דעם שניט... איך ווייס אליין ניט,
קינדער, פון וואנען עס האט זיך צו מיר גענומען מוטה און
כוח — פון דערשרעק ווערד דער גרעסטער טרוס א העלד, און
אויב איהר ווילט וויסען, וועל איך אייך אויסזאגען א סוד, אז
קיין „העלדען״ זענען גאר נישטא אין ערגיץ; דער אמת׳ער העלד
איז טאקי נאר דער טרוס... הקיצור, איך האב דערזעהען,
אז עס איז מיר א מינוט צום טוידט, האב איך מיר
א טראכט געטהאן: „וואס ליגסט דו, שוטה? אויף וועמען ווארטסט
דו? דיין לעבען איז דאך סאי ווי אצינד נישט ווערטה א גראשען״...
און איך האב מיך געגעבען א הויב-אויף און א שפרונג-ארויס
פון בעט, און בין שוין געווען מיט איין פוס ביי׳ם טיש, און
האב געחאפט א שוועבעלע און געגעבען א רייב-אויס און א
טראג-צו צום בעט, — איך טהו א קוק: א גרויסער, א שווארצער,
א קודלאטער הונד, איין אמת-ער „סיביריאק״ מיט רויטע אויגען!...

געלעגען איז דער כלב-שבכלבים, אפנים, די גאנצע צייט,
ערגיץ אונטער דער קאנאפע, אדער צווישען דער שאפע, איז
איהם נמאס געווארען צו ליגען אליין, אדער עס איז איהם גע-

וואָרען קאַלט, איז ער דאָס געקומען צו מיר מיט אַ וויזיט, זיך בעקענען מיט'ן נייעם אורח, און, אַגב, איז טאַקי ביי מיר אויף דער בייענער קאָלדערע פיעל בעסער, ווארעמער און געשמאַקער...

אויף מאָרגען האָט מיר דער האָריגער בעל-אכסניה דער-צעהלט, אַז דאָס האָט ער בעקומען אַ מתנה פון אַ פריץ.

- עס איז אַ שטילער הונט, — האָט ער זיך פערענטפערט — זעהר אַ שטילער הונט. ער טשעפּעט ניט קיין פליעג אפילו. ער איז שוין זעהר אַלט, און דערצו איז ער נאָך בלינד אויף ביידע אויגען.

ש. ל. ציטראָן

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש *)

ווי ס'איז באַוואוסט, האָט אַבראַמאָוויטש געהאַט כל ימיו אַ גרויסע חולשה צום שמועסען, און ניט בלויז מיט חברים-שריפט-שטעלער. און געשמועסט האָט אַבראַמאָוויטש ניט סתם אין דער וועלט אַריין. וועגען וואָס פאַר אַן ענין ער זאָל ניט האָבען גע-רעדט, האָט זיין מויל געשפּריצט פונקען פון זעלטענע, און אויך גאַנץ-אָריגינעלע געדאַנקען, אָדער ער האָט געשפּראָדלט מיט וויץ און מיט אַ פרייליכען, געזונטען הומאָר. אַ גאַנץ קנאַפּער בעלן איז אָבער אַבראַמאָוויטש געוועזן — אַזוי פלעגען זיינע מקורבים דער-ציילען — אַריינצולאָזען זיך אין געשפּרעכען, מיט וועמען ס'זאָל ניט זיין, בנוגע זיינע פּערזענליכע איבערלעבענישען, און אַפילו וועגען אַזוינע פאַקטען, וואָס האָבען אַ היסטאָריש-געזעלשאַפטלי-כען אינטערעס. תמיד פלעגט ער זאָגען: וויל ווער וויסען מיין לעבנס-בעשרייבונג, זאָל ער גיין און לייענען מיינע ספרים. אין די ווייניגע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצען, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט פּערעפנטליכט אין סאָקאָלאָווס „ספר זכרון", האָט ער שוין אויף דעם געגעבען די ערשטע אָנצוהערעניש. ער שרייבט דאָרטען: „זינט כ'האָב פאַרלאָזען מיין שטיף-פאָטערס הויז, הויבען זיך אָן

*) פון בוך „דריי ליטעראַרישע דורות", מיט איניגע קיצורים — רעד.

אין מיין לעבענס-בוך נייע קאַפּיטלאַך, וועלכע זיינען איינגעוועבט און איינגעפלאָכטען אין דעם אַלגעמיין אידישען לעבען און וועלכע כ'וועל באַשרייבען אין באַזונדערע ערצעהלונגען". דער-ווייליע וואָס ווען שיקט אַבראַמאָווישט אָב די אַלע, וואָס אינ-טערעסירען זיך מיט זיין לעבענס-געשיכטע, צו זיין ביאָגראַפיע, וועלכע ל. בינשטאָק האָט אָפּגעדרוקט אין דעם רוסיש-אידישען חודש-זשורנאַל „וואָסכאָד", (דעצעמבער 1884). אַבראַמאָוויטש בע-מערקט אָבער דאָרטען אויפען אָרט, אַז די דאָזיגע ביאָגראַפיע איז ניט מער פון אַ רמז אויף די געשעהנישען און פּאַסירונ-גען פון זיין לעבען.

אַבראַמאָוויטש האָט, אמת, וואָרט געהאַלטען. כמעט אַלע זיינע ספרים, די העברעאישע ווי די אידישע, ענטהאַלטען אַ סך פון דעם אוטאָביאָגראַפישען עלעמענט. מ'קען נאָך אָבער אויף קיין פאַל ניט זאָגען, אַז אין די דאָזיגע ווערק איז שוין אַבראַ-מאָוויטשעס לעבנס-געשיכטע אינגאַנצען אויסגעשעפּט געוואָרען. נאָך מער: אַפילו אין זיין „שלמה ר' חיים'ס", וועלכער האָט, לכל הדעות, די גרעסטע פּרעטענזיעס אויף אַן אוטאָביאָגראַפיע, זיינען אויך דאָס רוב שטריכען טיפּישע, און ניט קיין אינדיווי-דועלע, דאָס הייסט, ניט אַזעלכע, וואָס זיינען צוגעפּאַסט נאָר צו אים, צו אַבראַמאָוויטשען אַליין, און חוץ אים צו קיינעם ניט. דער ליטעראַטור-היסטאָריקער. וואָס וועט אַמאָל קומען שרייבען אַבראַמאָוויטשעס כאַראַקטעריסטיק אַלס מענש, אַלס פּערזענ-ליכקייט, וועט פאַר זיך אין „שלמה ר' חיים'ס" קנאַפּ-וואָס מאַטעריאַל געפינען, און אין אַבראַמאָוויטשעס איבעריגע ווערק געוויס און געוויס ניט.

אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע, אין וועלכער עס זאָל זיך אָפּשפּיגלען דאָס פאַרבען-רייכע, ברויזנדיגע לעבן פון אונזער גרויסען דיכטער, און וועלכע זאָל אונז קענען געבען אַ ריכטיגען באַגריף וועגען די אינעווייניגסטע איבערלעבענישען פון זיין נשמה, די פאַרשיידענע איינדרוקען פון דער אַלטעגליכקייט, דאַרף נאָך ערשט געשריבען ווערען. העכער פון אַ פּופּציגיאָריגען ליטעראַרישען וועג האָט אַבראַמאָוויטש דורכגעמאַכט פאַר אַמ

דער צייט האָט ער פיל איבערגעליטען און איבערגעלעבט. אויב ניט אַלע, אָבער דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע איבער־לעבענישען, וועלכע האָבען געוויס געהאַט אַ קלענערע צי אַ גרעסערע ווירקונג אויף זיין שאַפונגס־פּראָצעס, זיינען דער ברייטער עפענטליכקייט פאַרבליבען אונבאַקאַנט ביז אויפן היינטיגען טאָג. אַט דאָס איז די סיבה דערפון, וואָס מיר האָבען בערך פיל קריטישע בעטראַכטונגען וועגען אַבראַמאָוויטשעס ליטעראַרישער טעטיגקייט, און אין דער זעלבער צייט האָבען מיר ניט איין רעכטע און אויסשעפּענדיגע אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע.

כ׳וויל דאָ נור ברענגען אַ קליינעם ביישפּיל, וואָס באַווייזט בעשיינפּערליך, ווי ווייניג מ׳קאָן נאָך ביי אונז אַבראַמאָוויטשעס לעבען.

בינשטאָק, אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַף, דערציילט אין זיין אַרטיקעל פאָלגענדעס:

„אין דעם לעבען פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט באַקלאָגען אויף איבעריגע גוטס־קייט מצד זיין גורל, זיינען פון דעם 1877־טען יאָר אָן פאָרגעקומען אַזעלכע געשעענישען, וואָס האָבען ביי אים אָפּגענומען יעדען חשק צו דער ליטעראַרישער טעטיגקייט. פאַרברייטערען זיך דאָ וועגען די דאָזיגע געשעהענישען האַלט איך פאַר איבעריג און פאַר ניט פּאַסיג. כ׳וועל נור זאָגען, אַז דער שטרוימיגער קוואַל איז אונטער דעם דרוק פון די דערמאָנטע פּאַסירונגען אינגאַנצען אויסגעטריקענט געוואָרען. ניט איינמאָל האָט זיך פאַר מיר אַבראַמאָוויטש אין יענער צייט געקלאָגט אויף זיין מאָראַליש געדריקטער לאַגע. „אויפהערען צו דענקען—אַזוי האָט מיר אַבראַמאָוויטש אַמאָל געזאָגט — הייסט: אויפהערען צו לעבען און דענקען איז מיר שוין, דאַכט זיך, אונמעגליך. מיין מאַרך איז פערגאָסען מיט בליי, און דאָס האַרץ איז מיר פערשטיינערט". אַבראַמאָוויטש — שרייבט בינשטאָק ווייטער — האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף זיין מצב; אָבער כדי אויסצוהאַלטען די קלעפּ, וואָס זיין שיקזאַל האָט מיט אַ ברייטער, אָפענער האַנט געשאָטען אויף זיינע פּליי־צעס, — דערצו האָט מען געדאַרפט האָבען אַזוינע אייזערנע

ערווען און אזא שטאָל-אייזערנעם כאראַקטער, ווי אבראַמאָוויטש האָט געהאַט, און נור א דאַנק דער דאָזיגער מאָראַלישער קראַפט איז אבראַמאָוויטש ניט געפאַלען אונטער די קלעפּ פון זיין גורל, און האָט מוטיג אויסגעהאַלטען דעם דרוק פון אַלע זייטען, — א דרוק, וועלכער וואָלט געקאָנט צוועקלייגען אַפילו דעם גרעסטען ריז...*)

„דער שטורעם — פערענדיגט בינשטאָק, — וואָס האָט אויסגעבראָכען איבער דעם קאָפּ פון אונזער פאָלקס-שרייבער און וועלכער האָט לאַנג געדויערט, האָט זיך ביסלאַכווייז געלעגט. די וואָלקענס, וואָס האָבען באַדעקט זיין האָריזאָנט, האָבען זיך צושפּרייט און די קליינינקע קריעה'לע, אויף וועלכער ער האָט זיך קיים געהאַלטען איבער דעם אָנברעגיגען אָקעאַן פון זיין לעבען, איז גליקליך צוגעקומען צום ברעג, און איצטער (דאָס איז געווען אין יאָר 1884) בעת מיר קלייבען זיך צו גריסען אים צו זיין פינפאונצוואנציג-יאָריגען יובילעי, געפינט זיך אבראַמאָוויטש אין א ברייטען און א שטילען האַפען"

פון די דאָזיגע שורות, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען דורך איינעם פון אבראַמאָוויטשעס נאָהענסטע פריינד, זעט מען אַרויס גאַנץ קלאָר, אַז אין 1877-טען יאָר האָט אבראַמאָוויטשען פּאַסירט א שרעקליכען אומגליק, און, ווי מ'דאַרף משער זיין, א פאַמיליען-אומגליק, וואָס האָט זיך געצויגען א היבשע צייט און האָט אים, ממש, צובראָכען און געמאַכט אויס מענש. אין וואָס אַזוינס איז דאָס בעשטאַנען אָט דער אומגליק, וועלכער האָט אבראַמאָוויטשען אַזוי צודולט דעם מח און אַראָפּגעשלאָגען אים פון מוט אויף אַזוי פיל, דאָס ער האָט פאַרלאָרען די פייהיגקייט צו דענקען, און במילא אויך צו שאַפען, — דאָס צו דערציילען האָט בינשטאָק דאַמאָלס געפונען פאַר „ניט פאַסיג". לויט האָבען דערפון געדרונגען, און מיט רעכט, אַז דאָס איז געווען אַזאַ מין אומגליק, וואָס ביי אבראַמאָוויטשעס לעבען האָט מען אים באמת נישט געקענט און נישט געדאַרפט מפרסם זיין. אָבער איצטער, נאָך אבראַמאָוויטשעס טויט, צו געפינען זיך ביי אונז א סך, וואָס

*) זע מיטער דעם אַרטיקעל פון ש. גינזבורג — רעד.

זאָלען האָבען אפילו די קלענסטע אַנונג וועגען דעם „גרויסען שטורעם, וואָס האָט אויסגעבראָכען אויף זיין קאָפּ, און באַדעקט זיינע לעבענס-הימלען מיט געדיכטע וואָלקענס?" ווען אונטער דער גרויזאַמער ווירקונג פון דער רויער ווירקליכקייט ווערט מיט אַמאָל דער מח פון דעם דענקער „פאַרגאָסען מיט בליי" און דאָס פיינפילנדיגע הארץ פונם דיכטער ווערט „פאַרשטיי- נערט", איז דאָס אַ העכסט טרויעריגע, און, מ'קען אויך זאָגן, אַ קאַטאַסטראָפאַלע ערשיינונג, ביי וועלכער יעדער איינציגער פון אונז, און דער קריטיק-פסיכאָלאָג באַזונדער, מוז זיך אָפּ- שטעלען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, און וועלכע מוז גרינדליך אויסגעפאָרשט ווערען. אויב ס'וועט זיך קיינער ניט געפינען, וואָס זאָל דעם דאָזיגען זעהר בעדייטענדען עפּיזאָד אין אַבראַמאָוויטשעס לעבען קענען אויפקלערען און בעלייכטען ווי געהעריג, און ער וועט מוזען פערבלייבען פון אונז פאַר- באָרגען אויך לעהבא, ווי ער איז פון אונז פאַרבאָרגען געוועזען ביז היינטיגען טאָג, — דעמאָלס פערלירט אַבראַמאָ- וויטשעס לעבענס-געשיכטע אַ פּרק פון אַ זיבעניאָריגער תקופה, אַ טרויעריגע תקופה אפילו און אַ שטומע, אָבער ווער ווייסט? אפשר וואָלטען דוקא דער דאָזיקער טרויער און די דאָזיקע שטומ- קייט מוסיף געווען גאַנץ נייע און פילזאָגעדיגע שטריכען צו אַבראַמאָוויטשעס מאָראַלישער פיזינאָמיע?

דעם דאָזיגען פאַקט האָב איך דאָ נור געבראַכט אַלס ביי- שפיל, ווי ווייט מ'קען נאָך ביי אונז ניט אַבראַמאָוויטשעס לעבענס- געשיכטע. לויט דעם איז גאַנץ מעגליך, אַז אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפיע האָט אויפצואווייזען פיל אינטערעסאַנטע, אונז ביז אָהער אונבאַקאַנטע בלעטלאַך, וועלכע וואָלטען געהאַט אַ באַ- זונדערס גרויסע באַדייטונג הן פאַר ליטעראַטור-פאָרשער און הן פאַרן קולטור-היסטאָריקער. דאָס לייגט אַרויף אַ חוב אויף אַלע, וואָס האָבען געהאַט ווען ס'איז אַ געוויסע שייכות צו אַבראַמאָ- וויטשען אין די פאַרשידענע שטעט, וואו ער האָט געוואוינט אינם משך פון זיין לאַנגען לעבען, צו פאַרעפענטליכען די מער כאַראַקטעריסטישערע פאַקטען פון זיין לעבענס-געשיכטע. באַ-

זונדערס וויכטיג אין דעם פרט זענען די זכרונות פון יענע מענשען, וועלכע זענען געשטאנען נאָהענט אבראמאָוויטשען אין אָדעס, וואו ס'איז אריבער די בליהענדסטע און גלענצענדסטע תקופה פון זיין דיכטערישער שאפונג. די דאָזיגע פערזאָנען דארפען צוזאמענקלייבן די מער אינטערעסאנטערע פאקטען וועגען אבראמאָוויטשעס לעבענס-שטייגער, וועלכע זייגען זיי אליין באקאנט דורך אייגענע באָבאכטונגען, און אויך אלץ, וואָס זיי האָבען געהערט פון אנדערע. נאָר אויף אזא אופן וועט קאָנען געגעבען ווערן די מעגליכקייט צו באשאפן דאָס ערשטע גענויע און טרייע בילד פון אונזער גרויסען פאָלקס-שרייבער און וואָרט-קינסטלער.

איך געב איבער עטליכע כאראקטעריסטישע עפיזאָדן פון אבראמאָוויטשעס לעבן. דער ערשטער עפיזאָד, וועלכען איך האָב אמאָל געהערט, צוזאמען מיט דעם צווייטען, פון דעם באוואוסטען העבּרעאיש-אידישן שריפטשטעלער אליעזר צבי צווייפעל, שטייט, קאָן זיין, אין אן ענגער פאר-בינדונג מיט דעם אויבענדערמאָנטען טרויעריגען פאקט, וועגען וועלכען בינשטאָק האָט אין 1884-טען יאָר גישט געפונען „פאר פאסיג" צו דערציילען...

I

אין יאָר 1885 האָב איך מיך צוזאמענגעטראָפען מיט צווייפלען אין ווארשע, וואו ער איז דעמאָלסט געקומען דרוקען זיין „סניגור". זיצענדיג איין טאָג ביי אים אין האָטעל איז ארויף אונזער שמועס אויף דער שארפער פאָלעמיק, וואָס ער האָט אמאָל צוליב זיין ערשטען ביכעל „מינים ועוגב" געפירט אינם „המליץ" מיט שלום יעקב אבראמאָוויטשען. פון דעם איז דאָס געשפרעך אריבער וועגן אבראמאוויטשען בכלל. וויסענדיג, אז צווייפעל

איז אין די מיטעלע 70-ער יאָרען געווען אַבראַמאָוועטשעס אַ בן-עיר — זיי האָבען דעמאָלט ביידע געוואוינט אין זשיטאָמיר — האָב איך אים געפרעגט, אויב ער האָט געלייענט בינשטאָקס אַרטיקעל אין „וואָסכאָד“ און אויב ער האָט אַ וועלכע ס'איז אַנונג בגוגע דעם טרויעריגען עפּיזאָד, וועלכער האָט זיך אָפּגעשפּיעלט אין אַבראַמאָוויטשעס לעבען, און וואָס בינשטאָק האָט געפונען פאַר ניט פּאַסיג צו דערמאָנען אים אין דער עפענטליכקייט.

אויף דעם האָט מיר דאַן צווייפעל געענטפערט:

— פאַראַיאָרען, בעת ס'האט זיך אָפּגעדרוקט אין „וואסכאד“ בינשטאקס אַרטיקעל, האב איך מיך אויף אים אָפּגעשטעלט, און וויפעל מאל איז מיר שוין אויסגעקומען צו ריידען וועגען דעם מיט זשיטאָמירער און בערדיטשעווער בעקאַנטע. איך האב וועגען יענעם עפּיזאד געהערט צוויי ווערסיעס. איין ווערסיע איז, אַז דער פאַקט וועגען וועלכען בינשטאק שרייבט, איז דאָס די געשיכטע מיט אַבראַמאוויטשעס בן-יחיד, דער יונגער פּאעט, וואס זייענדיג דאַן אַ סטודענט פונ'ם פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, האט ער זיך פאַרמישט אין אַ פּאליטישען ענין, און איז פאַרשיקט געווארען אויף עטליכע יאר אין אַרכאַנגעלער גובערניע. אט די געשעהעניש זאל אויף אַבראַמאוויטשען האבען אַזוי געווירקט, דאס ער האט געהאַלטען, ממש, ביים אַראפּגיין פון זי ען. באַרוהיגט האט ער זיך ערשט נאכדעם, ווי זיין זון איז צוריקגעקומען פון פאַרשיקונג. דאס איז, איין ווערסיע, וועלכע לייגט זיך אַביסעל אויפ'ן שכל. כ'האב אבער געהערט וועגען אַ צווייטען פאַל, וואס האט כמעט אין דערזעלבער צייט פּאַסירט מיט אַבראַמאוויטשען, און, לפי דעתי, איז דער דאזיגער צווייטער פאַל נאך פיל מער טראַגישער פון דעם ערשטן. ווען דאס זאל אמת זיין מיט די אַלע פרטים, וועלכע איך האב געהערט פון א באַקאַנטען בערדיטשעווער יידן, איזדאס, פשוט, שרעקליך, און ס'איז אַ וואונדער ווי אַבראַמאוויטש האט דאס געהאַט כחות אַריבערצוטראגען. כידוע, האט אַבראַמאוויטש און די אנפאַנג זיבעציגער יארען געוואוינט אין בערדיטשעוו, וואו ער האט געדינט אַלס לערער פאַר אַלגעמיינע למודים אין דער אַזויגערופענער „קאַזייגער אוטשילאָשטשע“. אין יענער צייט

האָט ער אָנגעשריבען און אָפּגעדרוקט זיין באַקאַנטע טעאַטער־שטיק „די טאַקסע“, אין וועלכער ער האָט פאָטאָגראַפיש ריכטי־אָפּגעשילדערט די גלופּסקער (ד. ה. די בערדיטשעווער) בעלי־קאָגראָבקע, די שטאָדט־בעלי־טובות, פרומע, כשר׳ע יידן, גאָטס סטראַפּ־טשעס, וואָס שינדען אַראָפּ די הויט ביי די אָרימע לייט, פירען קהל פאַרען נאָז, און לאָזען אַראָפּ עולמ׳שע צדקה־געלטען אין קעשענע. ווי מען זאָגט, זיינען די בילדער פון די אָפּגעמאָלטע פּערזאָנען אַרויס אַזוי געטריי, דאָס יעדערער פון די העלדען האָט זיך באַלד אַליין דערקענט, ווי אין אַ שפּיגעל. די טאַקסע האָט אָנגעמאַכט צווישען די בערדיטשעווער רעדעלפירער אַזאַ מהומה און דערוועקט ביי זיי אַזאַ אומגעהייער גרויסען שטורעם פון רגזנות, דאָס אַבראַמאָוויטש האָט צוליב דעם געמוזט פאַרלאָזען בערדיטשעוו און אַרויספאָרען וואוינען קיין זשיטאָמיר. דער רעש און דער געפילדער און דער רוגז פון די בערדיטשעווער בעלי־קאָראָבקע האָבען אָבער ניט אויפגעהערט אויך נאָך דעם, ווי אַבראַמאָוויטש איז אָפּגעפאָרען קיין זשיטאָמיר. די סבה דערפון איז געווען, וואָס גייענדיק אין גאַס פלעגט מען אויף זיי טייטלען מיט די פינגער און זאָגען: אָט זיינען זיי, די שיינע מענשען! די אַלע קהל׳שע קליאַמקעס, וועלכע האָבען זיך געפילט פאַר־טשעפּעט פון דער „טאַקסע“, האָבען ניט אויפגעהערט צו זוכען קיין מיטלען ווי נוקם צו זיין זיך אָן אַבראַמאָוויטשען. מ׳האָט געפּרובט שיקען אויף אים פּאַסקווילען צו דער זשיטאָמירער „נאַט־שאַלסטוואָ“, מ׳האָט אויף אים געשיקט, וואוהין מ׳באַדאַרף, פאַרשידענע אַנאָנימע מסירות׳לאַך. אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען. אַלע באַמיהונגען שלעכטס צו טאָן אַבראַמאָוויטשען זיינען פאַרבליבען אָן אַ שום רעזולטאַט. אַזוי זיינען אַוועק אַ יאָר דריי. דערווייל זיינען אייניגע אַבראַמאָוויטשעס העלדען צושטאָרבען, אַנדערע זיינען שוין גלאַט אָפּגעגאַנגען פון כעס און בכלל, האָט אויסגע־וויזען, ביסלעכווייז האָט מען זיך שוין אין בערדיטשעוו פאַרגע־סען אָן דער גאַנצע מעשה. ליידער, איז אָבער ניט אַזוי געווען דער פאַל.

— ביי איינעם אַ פאַרביסענעם יונג פון אַבאַראַמאָוויטשעס

העלדען – האָט צווייפעל פאַרגעזעצט זיין ערצעהלונג–האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו טליען אין האַרצען אַ פייערל פון נקמה. דער דאָזיגער נפש האָט זיך געפיהלט אָנגעגריפען דורך אַבראַמאָוויטשען, גאָר ניט דער ערך מערער פון זיינע אַלע איבעריגע חברים. דאָס איז געווען יענער פאַרשוין, וועמען אַבראַמאָוויטש' האָט אָנגערופען אין דער טאַקסע מיטען נאָמען ר׳ מ ע נ ד ע ל ד ע ר ג ע ל ע ר, און האָט אים אָפגעמאָלט מיט די פאָלגענדע זעהר כאַראַקטעריס־טישע הויפט־שטריכען: „אַ שטאָדט־שייגעץ, אַ בילער, סלוזשעט ביי די בעלי־טובות און פאַלט אָן אויף וועמען מ׳הייסט״. אָט ד ע ר מענדעל דער געלער האָט אַבראַמאָוויטשען בשום אופן ניט געוואָלט מוחל זיין, און האָט געוואָלט געמען נאָכזוכען אויף אים חטאים כאָטש פון אונטער דער ערד. די גאַנצע צייט האָט ער אַזוי ניט אויפ־געהערט צו גריבלען, ביז ער האָט זיך, ענדליך, דערגריבעלט, און האָט אַנטפלעקט וועגען אַבראַמאָוויטשען אַ זאַך, וואָס מער פון דעם האָט ער שוין ניט באַדאַרפט האָבען.

גריבלענדיג זיך האָט ער דערגאַנגען גאָר אַ קליינינקייט... ער האָט אויסגעפונען, אַז אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז אַ געבוי־רענער פון קאַפוליע, מינסקער גובערניע, איז גאָר קיינמאָל ניט אַריינגעטראָגען געוואָרען אין דער קאַפוליער „סקאַזקע״, דאָס הייסט, אַז ער איז אַ – נ ע ל ם!...

נאָכמער: ער האָט אויך אַרויסגעגריבעלט, אַז זיין אמת׳ע פאַמיליע איז גאָר ניט אַ ב ר אַ מ אָ וו י ט ש, און אַז ער האָט זיך אַזוי אָנגערופען אויפען נאָמען פון אברהם׳על דעם בלינדען בעט־לער, מיט וועלכען ער איז אין זיינע אינגעלשע יאָרען אַרומגעפאָרען איבער וואָלינער שטעדט און שטעדטלעך...

כדי צו האָבען אַ וועלכען ס׳איז באַגריף פון דעם, וואָס פאַר אַ מין אומגליק ס׳וואָלט געווען פאַר אַבראַמאָוויטשען, ווען די זאַך וואָלט נתפרסם געוואָרען, דאַרף מען נאָר נעמען אין אַכט דעם אָרט, וועלכען אַבראַמאָוויטש האָט דאַמאָלס פאַרנומען הן אין דער אידישער און הן אין דער נ י ט־אידישער געזעלשאַפט.

קודם כל איז שוין אַבראַמאָוויטש דערנסטמאָלט געווען מפורסם אין דער וועלט אַלס בעדייטנדער שריפטשטעלער; ער

האָט שוין יעמאָלט געהאַט אָנגעשריבען זיינע גרויסע העברעאישע ווערק, ווי „האבות והבנים״ און דעם דריי בענדיגען „תולדות-הטבע״ און אַנדערע, און איז אויך געווען זעהר פּאָפּולער אין דער אידישער ליטעראַטור.

צווייטענס, איז אויסער וואָס ער איז שוין דאַן געווען פון כמה יאָהרען אַן אָנגעשטעלטער קרוינישער לערער, אַפריהער אין בערדיטשעוו און נאָכדעם אין זשיטאָמיר, און האָט געהאַט אַ נאָמען ביי זיין נאַטשאַלסטווא פאַר אַ חשוב'ן פּעדאַגאָג, האָט מען נאָך פון אים אויך שטאַרק געהאַלטען אַלס געלע-רענטען אידן אין די הויכע רעגירונגס-ספערען פונם דרום-מערב קאַנט. אַלעמען איז באַקאַנט דער פאַקט, אַז אין די סוף זעכציגער יאָרען, בעת דער דאַמאָלסדיגער וואָלינער, פּאָדאָליער און קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט געגרינדעט אַ קאָמיסיע פון באַרימטע אידישע פּערזענליכקייטען צו באַקלערען, ווי אַזוי מען פאַרבעסערט דעם קולטורעלען מצב פון די אידען, איז אַבראַמאָוויטש געווען איינער פון די ערשטע איינגעלאַדענע אין דער דאָזיגער קאָמיסיע, און זיינע פאָרשלאָגען האָט מען דאַמאָלס צוגעגעבען אַ גאַנץ גרויסע באַדייטונג.

דערצו דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט דעם דאַמאָלסט-דיגען אַבראַמאָוויטשעס פּערזענליכען מצב. שוין געווען אַ פאַ-מיליען-פאָטער; געהאַט זעהר אַ פעהיגען זון אין זשיטאָמירער גימנאַזיע...

און מיט אמאָל וועט זיך די וועלט דערוויסען, אַז דער דאָזיגער גרויסער אַבראַמאָוויטש, דער מקורב למלכות, איז גאָר ניט קיין אַבראַמאָוויטש, און ער איז גאָר אַ נעלם!...

הייגט אַ קשיא אויף אַ מעשה, וואָס אַ רוסישער טשי-נאָווניק קאָן ביי אַזאַ פאַל אָבטאָן? אפשר גאָר אָבגעבען אים, אַבראַמאָוויטשען, אין סאָלדאַטען (ער איז נאָך דאַמאָלס ניט אַלט געווען קיין גאַנצע פערציג יאָהר)? און ווען ניט דאָס, איז אַרויפלעגען אויף אים אַ קאָלאָסאַלע געלד-שטראָף?!

מענדעל דער געלער האָט דאָס אַלץ איבערגעקלערט און איבערגעוואויגען. ביי אים איז אָבער געבליבען ניט אויסצוצוצען

דאָס פּאָר אַ געהיימער מסירה. ער האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז ער קאָן דאָס מאַכען פאַר אַ גוטען געשעפט, און האָט גענומען און איז אָוועקגעפאָרען קיין זשיטאָמיר...

וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין זשיטאָמיר צווישען אַבראַמאָוויטשען מיט מענדעל דעם געלען, — קיין פּרטים וועגען דעם האָט צווייפעל ניט געוואוסט. ער האָט מיר נאָר דערציילט, אַז דער סוף איז געווען, דאָס דער שיינער מענש, דער אַמאָליגער בערדיטשעווער שטאָט-שייגעץ, האָט געהאַלטען אַבראַמאָוויטשען אין דער קלעם אַ פּאָר יאָר נאָכאַנאַנד. די גאַנצע צייט האָט זיך אַבראַמאָוויטש ביי אים געמוזט אויסקויפען דורך באַדייטענדע געלד-סומעס, וועלכע ער האָט אָבגעריסען פון זיין טעגליכען קאַרגען לערערישען ברויט. אַבראַמאָוויטש איז אין דעם מסור ניט געווען זיכער. תמיד האָט ער זיך געשראָקען, אַז אָט, אָט דער-וויסט זיך די וועלט פונ'ם שרעקליכען סוד...

אויסגעלייזט פון דעם דאָזיגען פאַרשווינס לאַפּעס איז אַבראַמאָוויטש געוואָרען ערשט נאָכדעם, ווי צוויי פון זיינע בער-דיטשעווער גוטע פריינד, וועלכע ער האָט פאַרטרויט דעם גאַנצען ענין, האָבען זיך אין דעם אַריינגעלייגט, און זיינען תיכף אַוועק-געפאָרען קיין קאַפּוליע און האָבען מיט'ן דאָרטיגען קהל אויסן געפונען אַ וועג, ווי צו פאַרריכטען די זאַך, און אַזוי אַרום האָבע' זיי אַרויסגעריסען פון מענדעל דעם געלנס הענט דעם מסוכנ'-דיגען כלי-זיין, וואָס ער האָט געהאַט געגען אַבראַמאָוויטשען, אינגיכען איז געוואָרען אַבראַמאָוויטש אַ בערדיטשעווער נכתב...

צווייפעל האָט פערענדיגט זיין ערציילונגען מיט דער פאָלגענדער באַמערקונג:

— איך זאג אייך נאכאמאל, אַז לויט מיין מיינונג האָט דער צווייטער צופאַל געדאַרפט האָבען אויף אַבראַמאָוויטשען אַ פיל שטאַרקערע ווירקונג אַלס די פּערשיקונג פון זיין זון, און דעריבער קאָן גרייכאַך זיין אַז אין בינשטאקס אַרטיקעל איז געווען די רייד נאר וועגען אים.

II

אַלע אַבראַמאָוויטשעס ביאָגראַפען, אָנהויבענדיג פון בינשטאָקען, דערציילען, אַז אין די ערשטע 70־ער יאָרען פונ'ם פאָריגען יאָרהונדערט האָט ער אָפּגעגעבען עקזאַמען אַלעס ראַבינער אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול. בינשטאָק גיט דערביי אָב די פאָלגענדע ערקלערונג: „כאָטש אַבראַמאָוויטש האָט שוין לאַנג געהאַט אַ שם אין מיניסטעריום אַלעס גוטער פּעדאַגאָג, פונדעסטוועגען איז אים אָן אַן אַטעסטאַט דאָך שווער געווען צו דערשלאָגען זיך צו אַן אָפיציעלער שטעל, אין וועלכער ער האָט זיך, צום באַדוירען שטענדיג גענויטיגט. דאָס האָט אים באַוואויגען אַוועקצוזעצען זיך פלייסיג לערנען און צוצוגרייטען זיך אויסצוהאַלטען דער ראַבינער־עקזאַמען אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול".

דער דאָזיגער פאַקט איז אָבער ניט אינגאַנצען ריכטיג. אמת איז נאָר, אַז אַבראַמאָוויטש האָט אָבגעגעבען דעם ראַבינער־עקזאַמען און האָט אים גוט אויסגעהאַלטען; קיין אַטעסטאַט האָט אָבער ער ניט באַקומען. דאָס איז געווען זיין שטראָף פאַר אַ קליינער פּאָליטישער אומפאָרזיכטיגקייט, אין וועלכער ער איז געשטרויכעלט געוואָרען.

און אָט ווי די מעשה איז געווען:

נאָכדעם ווי אַבראַמאָוויטש איז אַרויס פון אַלע עקזאַמענס מיט זעהר גוטע באַלען, האָט ער נאָך געדאַרפט, לויט ווי דער מנהג איז דאַמאָלסט געווען, האַלטען שבת ביים דאַווענען, נאָך קריאת־התורה, אין דער סינאַגאָגע פון ראַבינער־שול אַ רוסישע רעדע. דאָס איז געווען איינגעפירט אַלעס אַ מין באַזונדער עקזאַמען אין חכמת־הדרוש, אין וועלכער אַ ראַבינער האָט געמוזט זיין באַהאַווענט. אַ פאָר טעג פאַר שבת האָט דער דאַמאָלסטיגער אינספּעקטאָר פון זשיטאָמירער רבינער־שול, חיים זעליג סלאָנימסקי, אויפמערקזאַם געמאַכט אַבראַמאָוויטשען אין אַ שמועס, אַז בנוגע די דרשות האַלטען מען זיך אין ראַבינער־שול

אָן דעם שטייגער פון די ראַבינער-סעמינאַריעס אין אויסלאַנד. דאָס דאַרף זיך עדנער . דע, אויסקלייבן אַלס יסוד צו זיין דרשה אַ געוויסען פסוק פון דער וואָך-סדרה; בכן גיט ער איהם איין עצה צו נעהמען דאָס אין אַכט און באַצייטענס אויסזוכען אַ טעמע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו אַ פסוק, וועלכען מ׳וועט לייענען דעם קומענדיגען שבת.

לכבוד אַבראַמאָוויטשען, וועלכער איז שוין דאַמאָלסט געווען אַ גרויסער מפורסם אַלעס העברעאיש-יידישע שריפטשטעלער, זיינען געקומען צו זיין דרשה כמעט אַלע תלמידים פון ראַבינער-שול מיטען גאַנצען לערער-פּערסאָנאַל מיט סלאָנימסקין אין דער שפּיץ. גאַנץ אומערוואַרט איז תיכף נאָכ׳ן לייענען געקומען דער דירעקטאָר, אַ קריסט, וואס האט געשמ׳ט אין זיין ציים פאַר נישט קיין קליינעם שונא-ישראל.

גראד האט מען יענעם שבת געלייענט די סדרה „בהעלותך“, און אין זיין רעדע האט זיך אַבראַמאָוויטש אפּגעשטעלט אויפן פסוק: „מי יאכילנו בשר“? אבער אין דער אונטערשטער שורה איז אויסגעקומען, אַז דאס איז געווען נישט קיין דרשה אין געוועהנליכען זין פון וואָרט, נאר אַ שאַרפע אנקלאגס-רעדע געגען די שייקעס תקיפים און רעדל-פירער, די בעלי-קאראבקעס, וואס שינדען אַראפּ פון אָרימאַן די הויט, און אנשטאט פלייש גיבען זיי אים ביינער. מיט פיל טעמפּעראַמענט האט אבראמאוויטש גערעדט וועגען די גרויסע יודישע מאַסען, וואס לעבען אין נויט און אין דחקות, און ווערן עקספּלאַטירט פון די רייכערע קלאַסען, וועגען די אומארדענונגען, וואס הערשן אין די חדרים און תלמוד-תורות און אין די פאַרשיידענע צדקה-חברות, וועלכע ווערן אנגעפירט דורך אַ כנופיא גבירים מיוחסים — מענשן פינסטערע און הארט-האַרציגע. מיט אַ באַזונדער פייער איז אַבראַמאָוויטש אַרויסגעטראטען געגען דער פערוואַרלאזטער ערציהונג פון די אָרימע קינדער, פון די „בני עניים שמהם תצא תורה“. פאַרגעסען האט אַבראַמאוויטש בשעת-מעשה, אַז ער איז אַ בעל-דרשן, און האט זיך גענומען צום פענזעל . . . אַ גאַנצע

גאַלעריי פון בילדער האט ער שטעהענדיג אויף דער בימה באַשאַפען, בילדער פון דעם יידישען דלות, פון דער יידישער טאַרבע...

דער עולם איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין איין באַגייסטערונג, און האָט, ממש, די פינגער געלעקט. אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול האָט מען נאָך ביזאהער קיינמאָל אַזא אינטערעסאַנטע רעדע ניט געהערט. אַז אַבראַמאָוויטש האָט געענדיגט ריידען און איז אַראָב פון בימה, איז צו אים דער ערשטער צוגעגאַנגען צווייפעל, האָט אים אָבגעגעבען אַ גרויסען יישר־כח און געזאָגט: „מילא וועגען אייער שטעכעדיגער פעדער האָב איך אַ ידיעה שוין פון לאַנג; אז איר האָט נאָך דערצו אויך אַזא שטעכעדיגען מויל, — אויף דעם וואָלט איך מיך גאָר קיינמאָל ניט גערעכט. כ'בין בטוח, אַז פון אייך וועט אַרויסוואַקסען אַ צווייטער יעלינעק[*]). אויך די איבעריגע לערער, און בעזונדערס די תלמידים פון ראַבינער־שול, האָבען אַבראַמאָוויטשען אויסגעדריקט אַ הייסען דאַנק. געשוויגען האָבען דעמאָלס נאָר צוויי: דער גוי'אישער דירעקטאָר מיט'ן יידישען אינספּעקטאָר...

אין עטליכע טעג אַרום, אַז אַבראַמאָוויטש איז אַריין אין ראַבינער־שול צו דערוויסען זיך דעם באַל, וועלכען מ'האָט אים געשטעלט פאַר זיין רעדע, האָט אים סלאָנימסקי אַריינגערופען צו זיך אין קאַבינעט, האָט אים געבעטען זיצען, און נאָך אַ קליינער פויזע געזאָגט:

— יאָ, איר האָט אַ שיינעם מויל, טאַקע אַן אמת'ן „פּום ממלל רברבן", מ'קען אַנדערש ניט זאָגען... איר געדענקט דאָך אָבער, מסתמא, דעם פּסוק פון „משלי": „שומר פיו ולשונו" און ווייטער...

— וואָס הייסט? — האָט אים אַבראַמאָוויטש געפרעגט גאַנץ פאַרוואונדערט.

—דאָס הייסט, אַז אייער שבת'דיגע דרשה האָט איר געמעגט ניט זאָגען.

---

*) ד"ר אַדאָלף יעלינעק, דער פרעדיגער פון דער ווינער יידישער געמיינדע אין יענער צייט, וועלכער ייאט יעהאַט אַ שם אין דער וועלט פאַר אַ גרויסען רעדנער.

— פאַרוואָס ?

— ס'איז גאָר פשוט — האָט אים סלאָנימסקי געענטפערט — אַ ביכעל איז ניט קיין דרשה, און אַ דרשה איז ניט קיין ביכעל. אַ צווייטע „טאַקסע” האָט איר אונז שבת אָפּגעלייענט.

— מילא בכן ?

—בכן איז אויף אייך אונזער דירעקטאָר שטאַרק אויפגעבראַכט און זאָגט, אַז אַ מענשען, וואָס ליגט אין אָנמאַכען העצעס צווישען אָרימע און רייכע, קען מען ניט צולאָזען צו פּערנע־מען די שטעל פון אַן אָפּיציעלען ראַבינער.

אַבראַמאָוויטש האָט זיך געוועסט געפּרובט משתדל זיין, אָבער ס'האָט אים קיין זאַך ניט געהאָלפען. דער דירעקטאָר האָט זיך איינגעעקשנ'ט און האָט בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבען.

אָט אַזוי איז אַבראַמאָוויטש פאַרבליבען אָן אַן אַטעס־טאַט פון אַ ראַבינער.

ביז אַהער האָב איך געהערט פון צווייפלען.

* *
*

אין די לעצטע אַכציגער יאָרען פון'ם פאָריגען יאָרהונ־דערט האָט אָדעס גענומען פאַר אַ ראַבינער דעם באַוואוסטען יידישען געלערנטען חיים יונה גורלאַנד.

ביי אַ געוויסער געלעגענהייט האָט אים אַמאָל אַבראַמאָ־וויטש דערצעהלט אין אַ שמועס וועגען דעם פּסק, וואָס ער האָט געהאַט אין זשיטאָמירער ראַבינער שול מיט זיין דרשה.

אויף דעם האָט גורלאַנד געזאָגט:

— שטעלט אייך פאָר, הער אַבראַמאָוויטש, אַז מיר אין ווילנער ראַבינער־שול איז אויך אויסגעקומען צו האַלטען מיין עקזאַמען־דרשה אין שבת פרשה „בהעלותך”.

— און אויך אויף אַ פּסוק פון דער וואָד־סדרה ? — האָט אים אַבראַמאָוויטש געפרעגט.

— געוויס. ווי קען דאָס גאָר געמאָלט זיין אַ דרשה אָן אַ פּסוק?

— און וועלכען?

— באַלד ביים אָנהויב, „בהעלותך את הנרות"...

— אין דיין טין טאָן טון אָנצינדען — האָט אַבראַמאָוויטש אַ זאָג געטאָן מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל — טאַקע אַ שיינער פּסוק; וואָס, כ'בעט אייך, האָט איר מחדש געווען אויף דעם דאָזיגען טין טאָן טון אָנצינדען?

— כ'האָב דורכגעפירט אַ פּאַראַלעל צווישען דער פינסטערניש, וואָס האָט תמיד געהערשט ביי די רוסישע יודען, און צווישען דער גרויסער ליכטיקייט, וועלכע האָט מיט אַ מאָל אַ שטראַל געטאָן זינט ס'איז אַרויף אויפן כסא-המלוכה אַלעקסאַנדער דער צווייטער.

— טאַקי, טאַקי, גאַנץ גערעכט, כ'לעבען! — האָט אַבראַמאָוויטש אויסגערופען; — טאַקי אַן אמת'ער מלך חסד איז דאָס געווען, אַ קליינינקייט אַביסעל אַזאַ ליכטיקייט. אַזאַ ליכטיקייט! מ'האָט דאָך, פּשוט, ניט געקאָנט איינשטעהן פאַר אירע גין גאָלדענע שטראַלען! זיי האָבען דאָך, ממש, געשטאָכען די אויגען!... בהעלותך את הנרות — דאָס איז דאָך עפּעס אַזוי פיין אָנגעמאָסטען צו יענער ליכטיקייט, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אויסגעגאָסען מיט זיין גרויס גענאָד אויף אונזער מאָדאָוואַנקע, למשל, אויף אונזער פּערעסיפּ*)...

* * *

איינמאָל אין אַ טאַבעל-טאָג — דאָס איז געווען אין 1900-טען יאָר — בעת דערזעלביגער גורלאַנד האָט אין אָדעסער גרויסער שול געהאַלטען אַ פייערדיגע פּאַטריאָטישע דרשה, און האָט אויסגערעכענט די גרויסע חסדים פון די מלכי בית-ראָמאַ

*) צווי אָדעסער פּאָרשטעט, וועלכע זיינען באַוואויסט באַזונדערס פון די אָרימסטע אידישע שיכטען.

נאָוו, איז אים פּלוצלונג ניט גוט געוואָרען, האָט זיך אָראָב־געגליטש פון דער קאַנצעל, און איז דאָרטען תּיכּף אויפ׳ן אָרט געשטאָרבען.

אַז אַבראַמאָוויטש האָט דערהערט די בשׂורה האָט ער אויסגערופען:

— אָט דאָס הייסט טאַקי אַן אמת׳ער פּאַטריאָטישער טויט: יצאה נשמתו ב„או—ר—רא, וואַשע אימפּעראַטאָרסקאָיע וועליט־שעסטוואָ!״...

III

אין די אַוטאָביאָגראַפישע נאָטיצען, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט פאַרעפענטליכט אין סאָקאָלאָווס „ספר־זכרון״, האָט ער געבראַכט אַ רשימה פון זיינע העברעאישע און אידישע ספרים ביז יענער צייט. אין דער דאָזיגער רשימה דערמאָנט אַבראַמאָ־וויטש אויך זיין קליינעם העברעאישען ספר׳ל „דברי הימים להרוסים״ (די געשיכטע פונם רוסישען פאָלק). דערביי דערציילט אַבראַמאָוויטש, אגב אורחא, אַז אין יאָר 1868 האָט ער איבערגעזעצט דאָס בוך לויטען פאָרשלאָג פון דער פּעטערבורגער חברה „מפיצי־השׂכּלה״, אָבער צוליעב געוויסע טעמים האָט ער נאָכהער די אַרבעט איבערגעריסען אינמיטען. מיט דעם צוגלייך הייסט אַבראַמאָ־וויטש דעם לעזער איינקוקען אין דער באַמערקונג, וואָס געפינט זיך אויף דער 51־טער זייטעל פון זיין העברעאיש ווערקל „ע י ן מ ש פ ט״.

אין יענער הערה צום „עין משפט״ דערציילט אַבראַמאָ־וויטש, אַז די חברה „מפיצי־השׂכּלה״ האָט ביי איהם בעשטעלט איבערצוזעצען אין העברעאיש די רוסישע געשיכטע פון אילאָ־ווייסקי׳ן פאַר דעם מקח פון צ ע ה ן רובעל אַ דרוק־בויגען. אויף אַזאַ האָנאָראַר האָט ער ניט איינגעשטימט און איבערזעצענדיג אַ דריטעל ספר האָט ער אַוועקגעוואָרפען די אַרבעט.

לויט די פּראָטאָקאָלען פון דער חברה „מפיצי-השכלה" באַקומט אָבער דער דאָזיגער אינצידענט גאָר אַן אַנדער פּנים. ערשטענס, ווייזט זיך אַרויס, אַז די אונטערהאַנדלונגען צווישען דער חברה מיט אַבראַמאָוויטשען בנוגע דער איבערזעצונג האָבען זיך אָנגעהויבען נאָך אין 1865-טען יאָר. דאַמאָלסט האָט די חברה לויטען באַשלוס, וואָס זי האָט אָנגענומען אין נאָוועמבער 1864, פאַרגעלייגט אַבראַמאָוויטשען איבערצוזעצען אין העברעאיש אילאָווייסקי'ס געשיכטע פון רוסלאַנד פאַר דעם האָנאָראַר פון 10 רובעל אַ בויגען. אַבראַמאָוויטש האָט, קענטיג, דעם פאָרש-לאָג אָנגענומען, וואָרים באַלד נאָך דעם האָט ער שוין צוגע-שיקט דעם ערשטען איבערזעצטען בויגען. מיט אַמאָל איז געוואָרען אַ מניעה אין דער זאַך מצד דער חברה. אין איר פּראָטאָקאָל פון 27-טען פעברואַר 1865 געפינען מיר פאַרצייכענט די פאָלגענדע רעזאָלוציע: „די חברה האָט געוועסט בעשטעלט ביי דעם הערען אַבראַמאָוויטש פון באַרדיטשעוו איבערצוזעצען אין העברעאיש אילאָווייסקי'ס היסטאָריע פאַר 10 רובעל אַ בויגען, און זי האָט שוין ערהאַלטען פון מחבר צוגעשיקט אַ פּראָבע-בויגען. ווייל דער קאָמיטעט האָט אָבער דערהערט, אַז איינער אַ שריפטשטעלער האָט שוין אילאָווייסקי'ס געשיכטע איבערגע-זעצט, און אַז אַן אַנדער שריפטשטעלער האָט שוין דעמזעלביגען ספר אָבגעדרוקט אין אָדעס, דעריבער האַלט ער פאַר איבעריג צו אונטערהאַנדלען וועגען אַ נייער איבערזעצונג"*).

אין אמת'ן זיינען אָבער די דאָזיגע ביידע פאַקטען, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די רעזאָלוציע פון קאָמיטעט, געווען געגומען אינגאַנצען פון דער לופט. קיינער האָט אין יענער צייט נישט געהאַט אָבגעדרוקט אויף העברעאיש אילאָווייסקי'ס געשיכטע אין אָדעס, און קיינער האָט זי ניט געהאַט ביי זיך אַן איבערזעצטע. והראיה, אַז אין אַ יאָר אַרום (אין פעב-רואַר 1866) האָט די חברה „מפיצי-השכלה" אויסגעשריבען אַ קאָנקורס אויף אַ העברעאישער איבערזעצונג פון אילאָווייסקי'ס געשיכטע, און האָט וועגן דעם פאַרעפנטליכט אַן אויפרוף אין

*) זעה „תולדות חברה מרבי-השכלה בישראל", I ז. 17.

די צייטונגען*). אין אַ יאָר אַרום (פעברואַר 1867) האָט זיך איינער אַ געוויסער יוסף אליעזר עפשטיין, אַ לערער אין שאַולער יודישער קרוינישער שול, אָפּגערופען אויפ׳ן דאָזיגען אויפרוף, האָט אָנגעהויבען צו איבערזעצען אילאָווייסקי׳ן און אַריינגעשיקט דער חברה עטליכע פּראָבע-בלעטער. ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון אַ צווייטען בריוו, וואָס דער זעלביגער עפשטיין האָט געשריבען צו דער חברה אין אַ האַלב יאָר אַרום (אין אַווגוסט 1867), איז דעם קאָמיטעט געפעלען געוואָרען זיין איבערזעצונג, און האָט איט באַפולמעכטיגט פאָרזעצען די אַרבעט.

נעמענדיג דאָס אַלץ אין אַכט בלייבט, אין פלוג, אומפאַרשטענדליך, כמעט רעטזעלהאַפט, דער פאַקט, אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס די חברה „מפיצי-השכלה" האָט באַשטימט אַ קאָנקורס פאַר אַ העברעאישער איבערזעצונג פון אילאָווייסקי׳ס געשיכטע, און האָט שוין געפונען וועמען איבערצוגעבען די אַרבעט, — האָט זיך אַבראַמאָוויטש גאַנץ רוהיג געשריבען זיין איבערזעצונג, און דער קאָמיטעט האָט אויך זי אָבגעדרוקט אין אָדעס אונטערען נאָמען „דברי הימים לבני הרוסים".

ווי ס׳האָט מיר אַמאָל דערציילט דער בעקאַנטער העברעאישער דיכטער יל״ג (יהודה ליב גאָרדאָן), וועלכער האָט אין די אָנפאַנג 70-ער יאָרען באַטראָטען די שטעל פון הויפּט-סעקרעטאַר ביי דער חברה „מפיצי-השכלה", האָט מיט אַבראַמאָוויטשעס איבערזעצונג פּאַסירט גאָר עפּעס וואָס אַנדערש. דאָס, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט זיך איינמיטען אָבגעוואָרפען פון דער איבערזעצונג, איז ניט געוועזען צוליעב דעם האָנאָראַר, נאָר גאָר צוליעב אַן אַנדער פּאָליטישען טעם. דאָ האָט זיך גאָר געהאַנדעלט אָט אום וואָס:

דער, וואָס איז בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער חברה „מפיצי-השכלה", באַזונדערס אין אירע ערשטע יאָרען, וויים, וויפיל מי אירע גרינדער און פאָרשטעהער האָבען זיך

*) דאָרטען ז. 31.

געגעבען נושא חן צו זיין ביי דער רעגירונג, און וויפיל זי האָט זיך תמיד משתדל געווען אַרויסצווייזען ביי יעדער גע-לעגענהייט אויפ'ן בולט'סטען אופן אירע פּאַטריאָטישע געפילען און אירע רוסיפיקאַטאָרישע שטרעבונגען. בעת די חברה האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסצוגעבען אין אַ העברעאישער איבערזעצונג די געשיכטע פון רוסלאַנד, האָט זי זיך אָבגעשטעלט דווקא אויף דאָס ווערק פון אילאָווייסקיען, וועלכער איז שוין דאַמאָלסט געווען באַקאַנט אַלס פאַרביסענער רעאַקציאָנערער היסטאָריק. דער ערשטער טאָנגעבער, דער אַווטאָריטעט און דער מבין בנוגע די פאַרשידענע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען פון דער חברה, איז אין יענער צייט געווען דער געשמדטער פּראָפעסאָר כוואָלסאָן. ער האָט געגאָלטען פאַר'ן ערשטען און לעצטען פוסק אין אַלע פראַגען, וואָס זענען געווען שייך צום אַרויסגעבען אויף דער רעכענונג פון דער חברה די ווערק פון דעם צי פון יענעם שריפטשטעלער. אים, כוואָלסאָנען, האָט מען דאָס געגעבען צו לייענען אַלע פּראָבע-בויגענס פון די פאַר-שידענע מחברים, און ער האָט דאָס געהאַט צו אַנטשיידען, וועלכען ספר די חברה דאַרף אָננעמען צום דרוק, און וועלכען זי דאַרף נישט אָננעמען. בשעת אַבראַמאָוויטש האָט צוגעשיקט אין קאָמיטעט דעם ערשטען פּראָבע-בויגען פון זיין איבערזעצונג, האָט כוואָלסאָן אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז ס'געפעלט אים זייער די שפּראַך, דער סטיל; ער געפינט אָבער אין ספר זייער אַ גרויסן פעלער, וועלכער באַשטייט אין דעם, וואָס דער איבערזעצער האַלט זיך נישט פעסט אָן אָריגינאַל, ער ווייכט אויס אינגאַנצען אילאָווייסקי'ס שגיט, און פאַרנעמט זיך גאָר אויף אַ גאַנץ אַנדער דרך. לויט כוואָלסאָנ'ס פאָרשלאָג האָט מען דאַן פון קאָמיטעט אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט אַבראַמאָוויטשען, און פאָרגעלייגט אים, אַז ער זאָל זעהן היטען איבערצוגעבען אילאָווייסקי'ס געדאַנקען ריכטיג און טריי דעם רוסישען טעקסט.

אַבראַמאָוויטש האָט אָבער בשום אופן אויף דעם נישט געוואָלט איינגיין, נישט זיינענדיג פון די בויגזאַמע נאַטו-

רען, האָט ער זיך פארעקש׳נט, און האָט נישט מסכים געווען, אַז אַנדערע זאָלען אים אַנווייזען ווי צו איבערזעצען. ס׳איז אַוועק צווישען אים מיט דער חברה אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע האָט נישט געבראַכט צו קיין רעזולטאַטען. ביידע צדדים האָבען זיך איינגעשפּאַרט, און קיינער פון זיי האָט נישט גע-וואָלט נאָכגעבען. כדי צו ווירקען אויף אַבראַמאָוויטשען האָט די חברה מודיע געווען אין די בלעטער, אַז זי זוכט אַ העב-רעאישען איבערזעצער פאַר אילאָווייסקי׳ס געשיכטע; נאָכדעם האָט זי פאַרעפענטליכט אַ ידיעה, אַז דעם איבערזעצער, וועל-כען זי זוכט, האָט זי שוין געפונען. אַבראַמאָוויטש, ווי גע-דריקט ער איז דאַמאָלסט געווען, האָט זיך אָבער נישט געלאָזט כאַפּען אויף דער ווענדקע. די דריי, פיר בויגען פון זיין אי-בערזעצונג האָט ער אָבגעגעבען דער אַדעסער אָבטיילונג פון דער חברה „מפיצי-השכלה“, וועלכע איז דאַן אָנגעפירט געוואָרען דורכ׳ן ד״ר ל. פינסקער, דער שפּעטערדיגער מחבר פון דעם עפּאָכעמאַכעדיגען ביכעל „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן“, און זי, די אָדעסער אָבטיילונג, האָט עס אָבגעדרוקט אויף אירע הוצאות, אַז דער פּעטערבורגער קאָמיטעט, איז פון דער מעשה געווען זעהר נישט קאָנטענט, — דאָס זעט מען אַרויס פון דעם, וואָס זי האָט אַבראַמאָוויטשעס ווערק נישט דערמאָנט אין קיין איינציגען פון אירע פּראָטאָקאָלען, און בעת זי האָט נאָכהער פאַרעפענטליכט אין אַ באַזונדער העברעאיש ווערק די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס זי האָט געפירט מיט איטליכען שריפט-שטעלער, ביי וועמען זי האָט באַשטעלט אַ וועלכע ס׳איז לי-טעראַרישע אַרבעט, האָט זי וועגען אירע אונטערהאַנדלונגען מיט אַבראַמאָוויטשען אינגאַנצען פאַרשוויגען.

IV

כ'וויל פאַרענדיגען מיינע זכרונות וועגען אַבראַמאָוויטשען מיט אַ פּאָר קליינע עפּיזאָדען, וועלכע זענען דורך איינצעלנע שטריכען פון זיי זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער גרויסען דיכטער.

סוף זומער 1909 האָט אַבראַמאָוויטש פאַרבראַכט אין ווילנע עטליכע טעג. כ'האָב איהם דעמאָלסט אַרויפגעפירט אין סטראַשונס ביבליאָטעק. צוריקגייענדיג זענען מיר דורכ'ן אייזערנעם טויער אַרויס אויף דער אידישער גאַס.

— קומט צו אָט אַהער — האָט צו מיר אַבראַמאָוויטש געזאָגט אַריבערגייענדיג די געסל, גלייך ווינאַווי. דאָרטען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבען אַ פּאָר אידענעס, וואָס זיינען געזעסען צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט מיט קאָשיקעס עפּעל, האָט מיט זיין היסטאָרישען באַרנשטעקען אַ קלאַפּ געטאָן צוויי מאָל אויף דער ערד און געזאָגט:

—אָט דאָ דאַרף איך מאַכען אַ ברכה!

כ'האָב אויף אים אויסגעסטאַרטשעט אַ פּאָר אויגען, נישט פאַרשטייענדיג וואָס ער מיינט.

— אויב איך האָב קיין טעות נישט — האָט אַבראַמאָוויטש צו מיר געזאָגט — איז דאָ, אָט אויף דעם אָרט געשטאַנען אַמאָל ראַמיילעס ישיבה. איאָ?

— גאַנץ ריכטיג.

— אויב אַזוי דאַרף איך דאָ מאַכען די ברכה: „ברוך שעשה לי נס במקום הזה“.

— וואָס הייסט, האָב איך אים געפרעגט — האָט אייך דען דאָ, וואו מיר שטייען איצט געקענט טרעפען אַן אומגליק?

ס'הייסט אַן אומגליק? אַן אומגליק מארץ האומגליקען! איר קוקט מיך אָן? אַט הערט זשע: איר האָט דאָך, מן הסתם, געהערט, אַז איך האָב אַמאָל געלערענט אין ראַמיילעס ישיבה? כ'בין דאַמאָלס געווען אַ בחור פון אַ יאָר 16 — 17. פלעגט אונז אַ מיידעל אַלע טאָג אין דער פרי נאָכ'ן דאַוונען אַרויפ-טראָגען באָבעס. געשמאַקע באָבעס זיינען דאָס געווען; איך פיהל נאָך עד היום זייער טעם. פלעגט זיך דאָס מיידעל האָבען אַ טבע אָבצושטעלען זיך אין פירהויז. איינמאָל, איך געדענק שוין נישט ווי דאָס האָט פאַסירט — האָט מיר פאַר-דרייט דער קאָלטען, און דאָס איז געוויס געווען מעשה-שטן, אַריינצובעטען דאָס מיידעל מיט די באָבעס אינעווייניג אין דער ישיבה אַריין. זי לעגט מיר אַזוי אַריין אינ'ם מעסטעלע די באָבעס, און איך שטיי מיר אַזוי און רייד מיט איהר, און האָב בשעת מעשה שטאַרק הנאה: אַ שוואַרץ חנ'ווודיג מיידעל איז דאָס געווען מיט גרויסע קאַרשען אויגען און מיט באַקען, ווי די עפּעל, און אַ מיילעכעל האָט דאָס געהאַט ווי אויף שרייפּעלאַך, און איך אַ בחור — אַ שקאָץ!... ערשט מיט אַ מאָל איז צו מיר פון הינטען אונטערגעשפּרונגען דער משגיח, און אַ געשריי טאָנענדיג ווי נישט מיט זיין קול: „שגץ, אין אַ מקום קדוש!” האָט ער מיר אַראָבגעלאָזען אַ פאַטש, אַז ס'מיר, ממש, פינסטער געוואָרען אין די אויגען, ס'האָט מיר גענומען פינטלען מיט „עקודים, נקודים וברודים”. ווי געפעלט דאָס אייך, וואָס אַ איד, אַ געלער משגיח נישט קאָן?

האָב איך אַבראַמאָוויטשען געפרעגט:

— נו, איז דאָך דאָס טאַקי געווען אַן אמת'ער אומגליק, און איהר רעדט גאָר וועגען אַ נס!

— דעם נס ווילט איהר וויסען? — האָט מיר אַבראַמאָ-וויטש געענטפערט — ווי פאַרשטייט איהר דאָס אַליין נישט? ער האָט דאָך מיר געקאָנט געבען ניט איין פאַטש, נאָר צוויי, און פאַרוואָס נישט דריי? און פאַרוואָס טאַקי נישט די גאַנצע פיר בעת מ'איז אַ משגיח אין ראַמיילעס

ישיבה און מ׳האָט צוויי לאָפּעס ווי די בערען, און מ׳האָט זיך מיט זיי גישט יואו אַהינצוטאָן?...

*

*

גייענדיג האָט מיך אַבראַמאָוויטש געבעטען, כ׳זאָל איהם אַריינפיהרען אין אַ וועלכען ס׳איז חדר.

— ביי אונז אין אַ דעס — האָט מיר אַבראַמאָוויטש געזאָגט — זיינען אַפּילו אויך דאָ חדרים מיט מלמדים. אָבער זיי הויבען שוין אָהן צו שמעקען מיט היינטוועלטיקייט, מיט דעם, וואָס לייט רופען עס מאדערניזם, כביכול, און איך גאַר צו זעהן אַן אמת׳ן אידישען חדר מיט אַן אמת׳ן אידישען מלמד, טאַקי אַ מלמד כמו שנאמר, מיט אַלע פּיטשעווקעס.

כ׳האָב ממלא געווען אַבראַמאָוויטשעס רצון, און האָב איהם אַריינגעפיהרט אין אַ חדר.

אַרויפגייענדיג אויף די טרעפּ און אַריינגייענדיג אין אַ טונקעלען קאָרידאָר, האָבען זיך עפּעס פון אַ ווינקעל גענומען הערען זעהר ניט קיין שמעקעדיגע ריחות...

— אָט דאָ איז דער חדר! — האָט אַבראַמאָוויטש אויסגע-רופען — איך געדענק, איך דערמאָן מיך, דערזעלביגער אַמאָליגער ריח... אפשר ווייסט איהר, מיין פריינד, וואוהין מ׳לייגט אויף אַ ווילע אָוועק די נאָז-לעכער?...

אין אַ מינוט אַרום האָט ער מיך אַ פרעג געטהון מיט אַן ערענסטער מינע:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, היתכן, אַז דער דאָזיגער ריח זאָל דאָס זיין אָט יענער ריח התורה, וועלכער האָט אונז דער-האַלטען ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג אין גלות?

כ׳האָב געשוויגען.

— און זאָגט מיר, זייט מוחל, איהר זייט דאָך עפּעס אַ

ציוניסט, זיינען מיר שוין אין א ר ץ - י ש ר א ל גארצנטירט פון דעם דאָזיגען ריח?

כ'האָב אַלץ געשוויגען.

און אבראַמאָוויטש האָט אַ זאָג געטהון אינ'ם זעלביגען ערענסטען טאָן:

— מחשבות'ן, כ'האָב פאַרגעסען. אין ארץ-ישראל האָבען מיר דעם בארג לבנון; דער לבנון שמעקט ווי אין פסוק שטייט: „וריח לו כלבנון", און אז אַ פסוק זאָגט נאָר, איז שוין, פאַרשטייט איהר מיך, גאָר אַנדערע דבורים.

דערווייל האָבען זיך דערהערט דורך אַ טיר די קולות פון די חדר-אינגלעך, מיר זיינען אריינגעגאַנגען. ביי אַ טיש זיינען געזעסען אַ קינדער צעהן אַן ערך, און דער מלמד איז געשטאַנען. נאָך דעם ערשטען „שלום עליכם" האָב א י ך אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, קינדערלאַך, ווער דער גאַסט איז? דאָס איז דאָך דער זיידע ר' מענדעלע!

— מיר ווייסען! מיר ווייסען! — האָבען די קינדער אויסגעשריען, און איינער פון זיי האָט תיכף מוסיף געווען:

— כ'האָב געלייענט!

האָט אים אבראַמאָוויטש מיט זיין ליבליכען שמייכעל אַ פרעג געטאָן:

— אַזוי? דו האָסט געלייענט? זאָג מיר נאָר, מיין קינד, וואָס האָסטו געלייענט?

אויף דעם האָט דאָס אינגעל תיכף אוסגעשאָסען:

— די קליאַטשע!

— אַ מעשה מיט אַ פערדעל! הא, וואָס זאָגסטו? — האָט אים אבראַמאָוויטש געפרעגט אַ גלעט טאָנענדיג אים פאַר'ן בעקעל

— ניין, דאָס איז אַ משל!

— אַ משל? אַנטקעגען וועמען?

— אַנטקעגען אונז, אידען — האָט דאָס אינגעל געענט פערט; — אַזוי האָט ער מיר געזאָגט מיין עלטערער ברודער

— נו, בטל'ט ניט, קינדערלעך! לערענט, לערענט.

— נו, זאָגט, קינדער! — האָט דער מלמד אַ קאָמאַנדעווע געטהון; — זאָגט אָבער שיין, מיט אַ ניגון!

די קינדער האָבען געלערנט „משלי", און האָבען אַלע צוזאַמען, זינגענדיק אויפען קול:

„מוקש — אַ שטרויכלונג, אָדם — מענש, ילע — זאָגט, קדש—הייליג, ואחר—און נאָך, נדרים—נדרים, לבקר—צו פאָרשען".

אַבראַמאָוויטש האָט אָנגענומען איינעם פון די קינדער פאַר זיין מאָרדעטשקע און האָט אים געפרעגט:

—פאַרשטייסטו, מיין פייגעלע, דאָס, וואָס דיין מיילעכעל האָט דאָ איצטער אַרויסגעזאָגט?

דאָס אינגעל האָט געשוויגען. דאָ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער מלמד:

— זאָג, זאָג, וואָס וויל דאָ שלמה המלך האָבען.

דאָס אינגעל האָט עפּעס אָנגעהויבען צו ברומען אונטער דער נאָז, און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— זאָל זאָגען אַן אַנדערער! — האָט דער מלמד אויסגעשריגען; — מ'שקע, זאָג דו!

דער אַנדערער האָט אויך גענומען זאָגען: מוקש — אַ ט[illegible]כלונג, אדם — אַ מענש, און ווייטער נישט פון אָרט.

און אַזוי איז געווען מיט אַ דריטען און מיט אַ פערטען אינגעל. קיינער האָט נישט אָנגעהויבען צו וויסען דעם פשט פון די ווערטער.

דאָ האָט אַבראַמאָוויטש געזאָגט:

— שלמה המלך אַליין איז אַפילו געווען אַ גרויסער חכם, אַ וועלט-חכם, אָבער לערנען זיינע חכמות מיט אַזעלכע עופה׳לעך איז גאָר קיין חכמה נישט. קומט לאָמיר גיין!

כ׳האָב דאַמאָלסט באַגלייט אַבראַמאָוויטשען ביז צו זיין קוואַרטיר. די גאַנצע לאַנגע וועג איז ער געגאַנגען פאַרטראַכט און פאַרטיפט אין זיך, און האָט מיט מיר אַ וואָרט נישט אויסגערעדט. ער האָט זיך געפונען אונטער דעם שווערען איינדרוק פון חדר.

דעמזעלבען טאָג איז אַבראַמאָוויטש געווען איינגעלאַדען

צו מיטאָג צו דעם בעוואוסטען ציוניסטישען עסקן ה׳ י צ ח ק ל י ב ג אָ ל ד ב ע ר ג. ביים מיטאָג בין איך אויך געווען צוזאַמען מיט דעם העברעאישען לערער און איינער פון די מחברים פונ׳ם פירוש אויף תנ״ך „מ ק ר א מ פ ו ר ש״, ד ו ד נ אָ ט י ק. ס׳איז געקומען צו רייד וועגן מלמדים, חדרים און תנ״ך. דאָ האָט זיך אַבראַמאָוויטש שטאַרק צופלאַקערט, און האָט אין אַ שעה׳דיגען שמועס אויסגעגאָסען וואָס ס׳האָט אים אויפגעקאָכט אויפ׳ן האַרצען אונטער דעם שלעכטען רושם, וועלכען עס האָט אויף איהם געמאַכט דער חדר.

דאָס איז נישט געווען קיין שמועס אין געוויינליכען זין פון וואָרט, נאָר אַ מין גלענצענדער פאָרטראָג וועגן די מעלות און חסרונות פון דער אידישער אַלטער און נייער פעדאַגאָגיק. יעדעס וואָרט איז געווען אַן אוצר פון טיפע געדאַנקען, און עד היום טוט מיר זעהר לייד, וואָס כ׳האָב דאַמאָלסט אַבראַמאָוויטשעס געשפרעך ביי מיר נישט פאַרצייכענט

גראָד אין דער צייט וואָס אַבראַמאָוויטש איז געקומען בעזוכען די רעדאַקציע פון „הזמן״, וואו כ׳בין דאַמאָלס געווען אַ מיטאַרבייטער, איז אַהין אַריינגעקומען דער שריפטשטעלער י ה ו ש ע מ ז ח, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן מופלג, און האָט נאָך אַמאָל האָלט געהאַט צו זאָגען אַ וויץ.

אינמיטען געשפרעך האָט אים אַבראַמאָוויטש אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר נאָר, ה׳ מזח, ווי אַלט קענט איר זיין ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר?

— כ׳וועל אייך ענטפערען ווי מ ש ה י אָ ג האָט אַמאָל געענטפערט: „כ׳ווייס נישט צו פ צו פ״... נאָר דאָס געדענק איך, אַז בעת איר האָט אָפּגעדרוקט אייער ערשטען מאמר

אין „המגיד" וועגן חנוך, האָב איך אַקאָרשט וואָס אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגן אַ ד ר י ט ע ווייב...

— הייסט עס, אַז איר זייט עלטער פון מיר — האָט אַבראַמאָוויטש געזאָגט מיט אַ שמייכעל; — וואָלט איהר אָבער געוואוסט ווי איך בין אייך מקנא!

— א י ר, ר' שלום יעקב, זייט מ י ר מקנא? — האָט מזח געפרעגט פאַרוואונדערט; — וואָס זייט איר מיר מקנא? מיין דלות? מיין עלענד לעבען? מיין אַרומשלעפען זיך מיט די ספרים איבער די הייזער?...

— אויף דעם קומען מיר דאָך עפּעס אַרויס פון דער משפחת-סופרים, שמעון ולוי'ס אייניקלאַך. איר זייט, דאַכט זיך, אַ לוי? די לויים פלעגען אַרומגיין איבער די שייערען נאָך די מעשרות, און מיר, אידישע מחברים, שלאָגען אָב די בגידי-שע שוועלען מיט אונזערע ספרים. כ'בין אייך אָבער מקנא גאָר פאַר אַן אַנדער זאַך. שטאַרבט איר, חלילה, און מ'קומט אייך מספיד זיין אין אַ העברעאיש בלאַט, לאָמיר זאָגען: אין „הזמן", למשל, האָט שוין באַלד אייער ספדן אַ קעפּעל פאַר זיין הספד. און נאָך וואָס פאַר אַ קעפּעל, אַזש פון תנ"ך, פון ישעיה'ן אַליין: אוי, גוואַלד געשריען: „א י ן מ ז ח ע ו ד"!...

— מזח האָט אַ מינוט אַ טראַכט געטהון און האָט גע-זאָגט:

— איר האָט מיר, ר' שלום יעקב, גאָרנישט וואָס מקנא צו זיין. אין ד ע ם פאַל זייט איהר שוין פיל גליקליכער פון מיר. אויף אייך איז דאָ אַ פסוק, איז שוין דאָס איינמאָל אַ פסוק! „ש ל ו ם, ש ל ו ם, ו א י ן ש ל ו ם"!...

אין דער זיידע האָט זיך האַרציג צולאַכט.

ש. אנ–סקי

דער ריז *)

א

אָרום דעם פּאַטריאַרך פון דער יודישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים, האָט זיך אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען אויסגעוועבט אַ לעגענדע פון אַלטקייט. אָפּיציעל האָט דער „זיידע" געפּראַוועט זיין אַכציג־יעהריגען יובילעאום, נאָר די נאָהנטע פריינד זיינע האָבען מיט אַ צאַרטען שמייכעל איינגע־רוימט איינער דעם אַנדערען אַ סוד, דער זיידע „פערלייקענט יאָהרען": באמת איז איהם פיל מעהר. „איבער ניינציג",—האָבען געזאָגט איינע; „קרוב צו הונדערט",—האָבען צוגעגעבען אַנדערע.

מיטן אוטערשטרייכען דעם זיידענס אריכת ימים האָט מען בעוואונדערט נישט זיין אַלטקייט, נאָר זיין יונגקייט. און עס איז באמת געווען וואָס צו בעוואונדערן. דער גרייז־גרויער זקן האָט זיך נישט אונטערגעגעבען דער לאַסט פון די יאָהרען. אַ שלאַנקער און אַ שטייפער, מיט אַנ'אויפגעהויבענעם, אַ ביסעל אָן אַ זייט פערוואָרפענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט עמיצען דרייסט

*) פון ש. אנסקיס „זכרונות". אין אַ פּאָר ערטער געקירצט — ר ע ד.

אַרויסרופֿען אויף מלחמה, מיט אַ פֿינקלענדיגען בליק פֿון די יונגע אויגען, מיט אַ מונטערען קול און הילכיגען „קייכענדען“ קינדי־שען געלעכטער, שטענדיג אין אַ לעבענס־פֿריידיגער, אָפּטמאָל אפילו שטיפֿערישער שטימונג. און ביי זיינע פֿריינד האָט זיך געשאַפֿען אַ מין מיסטישע האָפֿנונג, אַז דער אומגעוועהנליכער מענש, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ ריזיגען כח אין גייסטי־גען שאַפֿען, איז אפשר פֿיזיש אויך פֿון אַזאַ שטאָף, וואָס קאָן נאָך ציהען דורות און דורות.

און ביים זיידען אַליין איז אויך געווען דאָס געפֿיהל, אַז ער וועט נאָך לאַנג־לאַנג לעבען. בעת איך האָב זיך מיט איהם געזעהן דאָס לעצטע מאָל, אין 1915, האָט ער מיר מיט זיין שטיפֿערישען שמייכעלע געזאָגט:

— פֿאַר הונדערט יאָהר לעבען בין איך ערוב, און נאָכדעם וועלען מיר זעהן. אפשר טאַקי נעהמען און אָנפֿאַנגען איבער־אַנייס פֿון אָנהויב! ביי יודען איז דאָך שוין אַזאַ רגילות: אויס־געלאָזט די תורה אין גלייך בנשימה אחת אָנגעהויבען פֿון אָנ־הויב: לעיני כל ישראל — בראשית ברא.

און ווער ווייסט, אויב זיין הבטחה וואָלט נישט מקוים געוואָרען, ווען נישט די שרעקליכע מלחמה, וועלכע האָט פֿריה־צייטיג אַראָבגעפֿיהרט אין קבר אפילו זיינע ליטעראַרישע קינדער און אייניקלעך, — פּרצ'ן, שלום־עליכמ'ען, פֿרוג'ן...

אויף דער ליטעראַרישער שאַפֿונג, ווי אויף דער פּערזענ־ליכקייט פֿון מענדעלי מוכר ספֿרים איז געלעגען דער אויסדריק־ליכער צייכען פֿון געניאַליטעט. די אַכצעהן בענדער, וואָס ער האָט אונז איבערגעלאָזט, האָבען אַ כאַראַקטער פֿון איין ווערק, וואָס נעהמט אַרום דאָס גאַנצע יודישע לעבען צוזאַמען מיט דער נאַטור, וועלכע רינגעלט איהם אַרום: אַן׳עפּישע פּאָעמאַ, אַ מין יודישע „איליאַדע“ אָדער „קאַלעוואַלאַ“.

און אַז מען פאַרטיפט זיך אין מענדעלס'ס ווערק, זעהט מען, אַז דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבען, איז נאָר אַ קלענער טייל פון דעם, וואָס ער האָט זיך געגרייט צו שאַפען; אַז פאַר די זעכציג-זיבעציג יאָהר אַרבייט האָט ער צייט געהאַט אָנצושרייבען בלויז אַ „הקדמה" צו יענער וועלט-פּאָעמע, וועלכע ער האָט געטראָגען אין זיין גייסט, צייט געהאַט אויסצומאָהלען נאָר אַ פּאָן פאַר דאָס ריזיגע בילד, וואָס האָט זיך געטראָגען פאַר זיינע אויגען. ער איז געוועזן דורכגעדרונגען מיט אַזאַ רעליגיעזער התפּעלות צו גאָט'ס וועלט מיט אַלע איהרע בעשעפעניסען, אַז איידער ער איז צוגעטראָטען צום „סיוזשעט" פון זיין פּאָעמע, האָט זיך זיין גאַנץ לעבען אויסגעגאָסען אין אַ בעגייסטערטען „ברכי נפשי" דער נאַטור.

מענדעלע האָט זעהר טיף געפיהלט די נאַטור, צוגעהערט זיך צו יעדען רויש פון לעבען, פערשטאַנען און צאַרט געליבט יעדעם גאָט'ס בעשעפעניש. עס איז שווער צו בעשטימען, ווער זענען די עכטע העלדען פון זיינע ערצעהלונגען, די מענשען — די אַלטערס, פישקעס, שלמה'לעך, — אָדער די ברואים און פלאַנצונגען: דאָס מידע, געפּלאָגטע און דאָך גוטמוטיגע פערדעל, דער הונגעריגער, פערהאַוועטער קרעטשמערס הונד, די אַלערליי פויגעלעך, פליגעלעך, רייך-געקליידעטע באַבאָטשקעס ביז'ן „וואַנצעלע", וואָס וויל דאָך אויך נעביך נישט מעהר ווי אַ ביסעל חיונה; אַלע צמחים, פון די דינע בוימעלעך, וואָס ריידען זיך דורך שטיל אויף זייער לשון, ביז די גאָלדענע זאַנגען, ביז'ן שטילסטען גרעזעלע. מען קאָן זאָגען, אַז נאָך דעם פּערפאַסער פון „ברכי נפשי", נאָך בודדא און שפּינאָזאַ איז מענדעלע געווען דער גרעסטער פּאַנטעאיסט. אויב מען קען איהם אין דעם אופן פערגלייכען, איז נאָר מיט ראַבינדראַנאַט טאַגאָר'ן.

אויף וויפיל גרויס מענדעלע איז געווען אין זיין שאַפען, אויף אַזוי פיל, איז ער געווען געניאַל-אייגענאַרטיג ווי אַ פּערזענליכקייט.

פּושקין, מאָהלענדיג דעם גייסט פון אַ דיכטער, האָט געשריבען: „כל זמן דער דיכטער ווערט נישט געמאָהנט צום

היילּיגען אָפּפער דורך אַפּאַלאָ׳ן, איז ער פּערטהון אין שטותים פון דער וועלט״. פאַר מענדעלע איז די כאַראַקטעריסטיק נישט גינסטיג. ער איז שטענדיג געשטאַנען ביים „היילּיגען אָפּפער״, שטענדיג געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שאַפונגס-שטימונג, מיט אַ שאַפונגס-התלהבות. ווען מען זאָל זיך מיט איהם נישט גע-ווען טרעפען אין וועלכער שטימונג און געזונד-צושטאַנד ער זאָל נישט זיין, — שטענדיג האָט ער געפינקעלט מיט בילּדער און געדאַנקען. יעדע ערצעהלונג זיינע איז געווען אַ קינסטלע-ריש ווערק, מייסטערהאַפט אויסגעאַרבייט אין פאָרם און טיפ-זיניג אין אינהאַלט. ער הויבט אָן מיט אַנ׳ערינערונג, אַ מעשה׳לע—פלעכט אין איר אַריין אַ צווייטע, אין דער צווייטער אַ דריטע, וואַרפט אַריין אַ משל, מאָהלט-אויס אַ בילד פון דער נאַטור ווי שפּילענדע כוואַליעס אין אָפענעם ים הויבען זיך אויף און גיסען זיך איינע איבער די אַנדערע, בעזונדערע מעשיות, בילּדער, ציטאַטען פון תנ״ך און הגדה. נאָר אָט, מיט איין שטריך בע-העפטען זיי זיך אַלע צוזאַמען, בעקומען אַ גאַנצקייט און ס׳ווערט קלאָר דער טיפער געדאַנק פונ׳ם גאַנצען ווערק.

דער שעפּפערישער כח איז ביי מענדעלע׳ן פערבליבען פריש און שטאַרק כמעט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען. מיט אַ יאָהר אָנדערטהאַלבען פאַר זיין טויט, בעת ער איז, נאָך אַנ׳אַפּאָפּלעקטישען אַטאַק, געוואָרען געלעהמט אויף אַ האַלבען גוף, האָט מיר ביאַליק געשריבען: „עס איז נשתומם צו ווערען פון זיין גוואַלדיגען שעפּפערישען כח, וואָס איז מיט זיין קראַנק-הייט געוואָרען נאָך גרעסער און בולט׳ער. אין איהם האָט זיך אויפגעוואַכט אַ נייער קוואַל פון שאַפונג, ערינערונגען פון די קינדערשע יאָהרען. יעדע ערצעהלונג זיינע איז אַ קלאַסיש ווערק, אַ פעריל פון קונסט. ווען עס וואָלט זיין די מעגליכקייט, האָט מען געדאַרפט זיצען נעבען איהם און פערשרייבען וואָרט ביי וואָרט אַלץ, וואָס ער רעדט.״

ג

מענדעלע האָט נישט אָנגעהערט צו קיין שום פּאָליטישע פּאַרטיי און גענומען אַ שוואַכען אָנטייל אין געזעלשאַפטליכען לעבען, און דאָך איז ער געווען אַ מעכטיגער קעמפער פאַר די העכסטע אידעאַלען פון דער מענשהייט. זיינע שריפטען זענען געווען עפּיש נאָר לויט זייער גרויסען מאַסשטאַב, זייער הויכען אַלמענשליכען איבערבליק און שטימונג. אָבער זייער טאָן האָט ווייט נישט שטענדיג געהאַט אַן עפּישע רוהיגקייט. מענדעלע האָט שטענדיג געלערנט, געמוסר'ט, געבייזערט זיך, געקריטיקירט. ער האָט בעגאָסען מיט אַ גאַליגען סאַרקאַזם אונזערע מיאוסע מידות און הנהגות, די אכזריות פון די זאַטע און דאָס טעמפּע געדולד פון די הונגעריגע, דעם גאַנצען אומגעלומפּערטען סדר פון אונזער לעבען.

בטבע איז מענדעלע געווען אַ שטאַרקער פּחדן און האָט עס אָפט אַרויסגעוויזען. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ יון, פאַר אַ קנעפּעל, פאַר דעם קלענסטען רעש. און דאָך איז ער דאָס גאַנצע לעבען געווען און געבליבען אַ רעוואָלוציאָנער אין פולען זין פון וואָרט. אַ זוהן פון בכבוד'יגע עלטערען, האָט ער, זעכצעהן יאָהר אַלט מיטאַמאָל איבערגעריסען מיט דער סביבה, און זיך אַ וואָרף געטהון אין טיפסטען תהום פון אָרימקייט און עלענד. מיט דעמזעלבען מסירת-נפש, מיט וועלכען די דעמאָליגע רוסישע רעוואָלוציאָנערען — נאַראָדניקעס זענען געגאַנגען „אין פאָלק", איז ער צוגעשטאַנען צו אַ חברה בעטלער און זיך געלאָזט מיט זיי וואַנדערען איבער דער וועלט. שפּעטער, אַז ער האָט אָנגעהויבען שרייבען, האָט ער אַרויסגעוויזען אַן אמת-רע-

וואָלוציאָנערע דרייסטקייט. זענענדיג אַ וואונדערבאַרער קענער פון העברעאיש, וויסענדיג זעהר גוט, אויף וויפיל עס איז פערהאַסט און מבוזה די„ שפּראַך פון דינסטמיידלעך״, — האָט ער געפונען אין זיך גענוג מוט אומצובייטען זיין העברעאישע פעדער אויף אַ יודישע, ווייל ער האָט מיט זיין געניאַלען חוש דערפילט אין דער שפּראַך דעם פולס פון אַ נייעם לעבען. אָנגעקומען פאַר אַנ׳איידעם צו אַנ׳אָנגעזעהענעם בערדיטשעווער בעל-הבית, איינער פון די וויכטיגסטע קהל׳ס-לייט אין שטאָדט, נעהמט ער און שרייבט אָן „די טאַקסע״, וואו ער טרעט אַרויס מיט די שווערסטע בעשולדיגונגען און זלזול ם געגען דעם שוועהר און אַנדערע קהל׳שע רעדעל-פיהרער און בלוט-זויגער. דער דרייסטער אַרויסטריט האָט איהם טייער געקאָסט: ער האָט געמוזט אַנטלויפען פון בערדיטשעוו. מיט צעהן יאָהר שפּעטער איז ער ווידער אַרויסגעטראָטען מיט אַ פיל טיפערען, וויכטיגערען און שאַרפען פאָלטישען פאַמפלעט, „די קליאַטשע״, אַנ׳עכט-רעוואָלוציאָנער ווערק, וואָס האָט געקאָנט ערשיינען אין דרוק נאָר אַ דאַנק דער נאַכלעסיגקייט פון יודישען צענזאָר. אַז „די קליאַטשע״ איז מיט פיל יאָהרען שפּעטער, שוין ביי פרייערע צענזור-בעדינגונגען, געוועזן איבערזעצט אין רוסיש און אָבגעדרוקט אין „וואָסכאָד״, האָט מען דעם זשורנאַל, צוליב דעם בעשטראָפט און אָבגעשטעלט.

איינמאָל האָט מענדעלע מיט איינעם פון זיינע מעשה׳לעך קלאָר און בולט מיר כאַראַקטעריזירט זיין אונרוהיגען, זוכענדען, רעוואָלוציאָנערען גייסט.

מיר זענען געזעסען און געשמועסט וועגען „די העכערע שטרעבונגען פון מענשליכען גייסט״, האָט ער זיך מיט אַמאָל אויפגעמונטערט און אָנגעהויבען דערצעהלען:

—הערט אַ טשיקאַווע מעשה. יונגערהייז בין איך געוועזן אַ גרויסער שטיפער און דערצו שטאַרק נייגעריג. אַלץ האָב איך געדאַרפט וויסען און זעהן. פאַלט מיר אַריין אין זינען אָנצוקוקען דעם יצר-טוב און דעם יצר-הרע. וואָס זענען דאָס פאַר אַ בּרואים, וועלכע זיצען זיך אין האַרצען, יעדערער אין זיין

חדר׳ל און האַלטען אין איין איבעררייידען דעם מענשען? ביי-נאַכט, בעת אַלע האָבען געשלאָפען, טהו איך אויס די שיך און פערקלויב זיך שטילינקערהייד אין האַרצען, אָנקוקען מיינע פאַר-שוינען. וואוהין געה איך צום ערשטען?—פערשטעהט זיך, צום יצר-טוב. איך קום אַריין אין זיין חדר׳ל—אַ פּאַלאַץ, שען ווי גאָלד און ליכטיג—ליכטיג, אַזש פערבלענדט צו ווערען. און ער אַליין, דער יצר-טוב, זיצט זיך שטאַטיג, די פליגעלעך צונויפ-געלעגט, מיט אַ פרום פּנימ׳ל און מורמעלט אַ תפילה. שטעה איך אַ פערגאַפטער און קוק איהם אָן. נאָר באַלד ווערט מיר לאַנגווייליג. עס איז אַזוי ליכטיג, אַזוי דורכזיכטיג, אַז איך זעה אַלץ, אי דעם פּאַלאַץ, אי דעם מלאך, יעדעס ווינקעלע. איצט אַז אַלץ איז קלאָר—וואָס האָב איך נאָך צו טהון דאָ? געה איך אַרויס. מען דאַרף אַריינקוקען צום יצר-הרע. אַהינצו דערקלויבען זיך איז שוין געווען נישט אַזוי גרינג. איך קום אַריין. רבונו-של-עולם! וואו בין איך דאָס? אַ פינסטערע הייל, אַן׳אמת׳ער תהום. עס לויפען דורך עפּעס רויטע פייערלעך, נישט צו כאַפּען מיט׳ן אויג, נישט צו דערקענען, וואָס דאָרט טהוט זיך. און דאָס מלאכ׳ל, דער יצר-הרע, הייסט עס, טראָגט זיך אום ווי אַ רוח פון איין ווינקעל אין אַנדערן, און יעדע רגע האָט ער אַן׳אַנדער אויסזעהן. איך נעהם זיך צוקוקען, הויב-אָן טאַפּען די וועגד, אומעטום גריבער, היילען, לעכער. הויב איך אָן אַרומ-צוטאַפּען דעם חדר פון אַלע זייטען, אַ שווערע מלאכה. ס׳איז גליטשיג, איך שטויס זיך אָן יעדע ווייַלע אויף שפּיצען און שטיינער—נאָר איך טהו מיינס. טאַפּ איך אַ טאָג און צוויי און אַ וואָך אין אַ חודש. דוכט זיך, שוין אַלץ אויסגעפּאָרשט. ערשט, וואו! עס אַנטפּלעקט זיך מיטאַמאָל אַ נייע הייל, אַ נייער גרוב. קריך איך אַהין און פאָרש ווייטער. טאַפּ איך ווידער אָן נאָך אַ הייל, אַ נייעם תהום. בקצור, אָט אַזוי בין איך דאָס גאַנצע לעבען אומגעקראָכען, אומגעדראַפּעט זיך אין יצר-הרע׳ס מלוכה׳לע, און וואָס ווייטער איך בין פערקראָכען, אַלץ נייגעריגער בין איך געוואָרען—און קיין גרונד האָב איך דאָרט ביז איצט נישט גע-פונען... איך גיב אייך אַנ׳עצה, מיין פריינד, אַריינקוקען אַהין.

אָהן אַנ׳ערך אינטערעסאַנטער ווי ביים יצר-טוב !—האָט ער פאַר-ענדיגט און שטיפעריש צולאַכט זיך.
דאָס האָט אַרויסגעזאָגט אַנ׳אַכציג—ניינציג-יעהריגער זקן!

וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען וועגען מענדעלעס רעוואָ-לוציאָניזם, קאָן אין אַ געוויסער מאָס איבערגע׳חזר׳ט ווערען וועגען זיין בעציהונג צום סאָציאַליזם. ער האָט נישט אָנגעהערט צו קיין סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַמאָל געווען „ברוגז" אויף די סאָציאַליסטען, געבייזערט זיך אויף זיי.

אין דער הקדמה צו „פישקע דער קרומער" שרייבט מענדעלע:

— „איך האָב ׳נאָר שטענדיג צו טהון מיט אביונים, קבצנים, אומגליקליכע נעביך. מיר חלומ׳ען זיך נאָר בעטלערס. פאַר מיינע אויגען שוועבט תמיד אַ טאָרבע... וואָס איך זאָל נישט וועלען זאָגען, אָדער דערצעהלען, קומט פאַר מיר אָבער די טאָרבע".

דער אביון, דער בערויבטער און אונטערדריקטער איז געווען דער הויפּטהעלד אין מענדעלע׳ס ווערק. אים האָט מענ-דעלע אָבגעגעבען זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, זיין גאַנצע ליבע, און אויף וויפיל זיין הארץ האָט זיך געצויגען צו די אָרימע און שוואַכע, אויף אַזוי פיל האָט ער טיף געהאַסט, געפיהלט אַ פייערדיגע שנאה צו די רייכע און זאַטע, וואָס האָבען זיך אָנגעזויגען מיט׳ן אָרימאַנס בלוט, צו די אַלע רמאי׳שע כלל-פערזאָרגער, צו די, וואָס רייטען אויף דער „בידנער קליאַטשע".

אייגענאַרטיג איז געווען מענדעלע׳ס בעציהונג צו דער נאַציאָנאַלער בעוועגונג. ער האָט זיך נישט געהאַלטען פאַר אַ נאַציאָנאַליסט, נישט ליב געהאַט ריידען וועגען נאַציאָנאַליזם,

אמאָל, אין היץ פון פּאָלעמיק, אפילו געזאָגט, אַז ער איז „אַנ'אַסימילאַטאָר".

קיינער האָט נישט געטהון אַזוי פיל פאַר דער ניי-יודי-שער ליטעראַטור און שפּראַך, ווי מענדעלע. ער האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פון דער ליטעראַטור, איז געווען דער „קיריל און מעפאָדי" פון דער שפּראַך, האָט איהר געגעבען אַנ'„אַלפאַ-בעט". נישט קוקענדיג אויף דעם, איז ער געווען זעהר ווייט פון אַ וועלכען-עס-איז „שפּראַך-פאַנאַטיזם" און האָט זיך בעצוי-גען צו העברעאיש מיט אַ טיפער אַכטונג און מיט דערזעלבער ליבע, ווי צו יודיש, די לעצטע יאָהרען האָט ער פיל געשרי-בען אין העברעאיש, און אין וואָס פאַר אַ העברעאיש! דער גרעסטער קינסטלער פון דער העברעאישער שפּראַך, ביאַליק, האָט אָנערקענט מענדעלע'ן פאַר זיין רבי'ן אין דער שפּראַך און פלעגט אָפט זיך האַלטען מיט איהם אַנ'עצה וועגען עפּיס אַ וואָרט אָדער אויסדרוק. וועגען דער שפּראַכען-פראַגע האָט זיך מענדעלע אַמאָל אויסגעדריקט: „צוויי שוועסטער, אויסגע-געבענע פאַר צוויי ברידער, דאַרפען זיין נישט בלויז נישט פיינדליך, נאָר פריינדליך צווישען זיך, און אויך זייערע קינדער, ווי נאָהנטע קרובים, דאַרפען זיך בעציהען פריינדליך איינע צו די אַנדערע. לויט די דינים פון אונזער תורה מעג'ען זיי זיך מתחתן זיין צווישען זיך".

ביאַליק האָט געלעזען אין אָדעס און אין עטליכע אַנדערע שטעדט אַ פאָרטראָג „הלכה און הגדה". אַזוי ווי עס איז נישט געווען ערלויבט צו לעזען אין יודיש, האָט ער געלייענט אויף רוסיש. מענדעלע איז דאָן געלעגען אַ פּאַראַליזירטער. ווען מען האָט איהם דערצעהלט, אַז ביאַליק לעזט זיין פאָרטראָג אין רוסיש, האָט ער מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל געזאָגט:

— אַ מאָדנע אומה דאָס יודישע פאָלק. געראָטען אין

מענדעלע'ן, ווײל נישט פערשטומט ווערען, אפילו ווען מען מח (די דאָקטוירים האָבען איהם דאָן שטרענג פערבאָטען צו ריידען), אפילו ווען מען סטראַשעט מיט קאַטאָרגע. עהע, אַ יוד ווערט דיר נישט שווייגען, דו ווערסט איהם דאָס מויל נישט פער-שטאָפּען.

און באַלד אילוסטרירט דאָס מיט אַ משל:

— פערשטעהסט איהר מיך: ביז אַהער איז געווען אַ גרויסע שפּאַרעניש, דורך וועלכער נאָזלאָך דאַרף אַ יוד אָטעמען (מיט אַ גמרא-ניגון). איינע האָבען געהאַלטען, אַז נאָר דורך דער לינקער נאָז-לאָך, אַנדערע ווידער — לא, דוקא דורך דער רעכטער, איינע — דוקא העברעאיש, אַנדערע — נאָר יודיש. אַז מענשען קאָנען און דאַרפען אָטעמען דורך ביידע נאָזלעכער — ווילען זיי נישט פערשטעהן... וואָס-זשע טהוט גאָט? קומט פאָניע מיט דער נאַהייקע און זאָגט, אַז אַ יוד דאַרף כּלל נישט אָטעמען, ער פערשטאָפּט ביידע נאָזלעכער — און אַ סוף. מיינט איהר דאָך, אַז איהר זענט שוין פּאַרטיג? ניין, אַ יוד גיט זיך אַנ'עצה. ער הויבט אָן אָטעמען דורכ'ן גראָבען פינגער: אויף בערדיטשעווער רוסיש.

אין איינעם פון זיינע ווערק („שלמה ר' חיים'ס") שיל-דערט מענדעלע ווי אַזוי שלמה'לע (לייען — מענדעלע) האָט פון יוגענד אָן געלעבט אין אַנ'אַנדער וועלט, טויזענדער יאָהרען פאַר זיין צייט און טויזענדער מיילען פון זיין געבורטס-אָרט. געוואוינט האָט ער אין ווייס-רוסלאַנד אין אַ קליין שטעדטיל וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בלאָטיגען טייכעל מיט אַ גוי'אישען נאָמען. געזעהן האָט ער אין מאַרק רוסישע פּויערן, נאָר גע-לעבט האָט ער ווייט, ווייט פון דעם אַלעמען. זיינע שטעדט זענען געווען פרן ארם און באר שבע, זיין טייך איז געווען דער ירדן, די פעלקער, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט, זענען

געווען פלשתים און עמלק, מואב און עמון, דאָרט האָט ער גע
פיהלט זיך אין דער היים. דאָרט איז איהם אַלץ געווען נאָהנ
און פערשטענדליך.

פאַר מענדעלע'ן איז די „אַלטע היים" געווען נאָהנט או
טייער. ער איז געווען ווי שלמה'לע, אַ „דאָרטיגער", און בי
דעם לעצטען טאָג פון לעבען האָט ער נישט געקאָנט אָפּרייסע
זיין בליק, אָבווענדען זיין געדאַנק פון יענע ערטער. נאָר אי
דערזעלבער צייט איז ער געווען מיט'ן גאַנצען גייסט צוגעב
דען צום גלות, צו דעם פער'חושכ'טען און פערביטערטען קאַב
צאַנסק מיט זיין גרויסער טאָרבע. ער האָט געפיהלט, אַז נאָ
דאָ, וואו עס איז דאָס פאָלק, איז אויך זיין נשמה, זיין קולטור

איינמאָל, אין אַ געשפּרעך, האָט מענדעלע מיר אַ זאָ
געטהון אַ וואָרט, וואָס האָט מיך ערשיטערט מיט זיין דרייסט
קייט און טיפקייט:

— מיר איז דער חורבן בית-המקדש נישט ווייניגער טייע
ווי דער בית-המקדש אַליין. דער חורבן האָט אונז געגעבען ד
העכסטע פעריל פון פאָעזיע, געשאַפען אַ גאַנצע קולטור.

אין די עטליכע ווערטער פון דעם געניאַלען דיכטער או
טיפען דענקער האָט זיך אויסגעדריקט זיין גאַנצע וועלט-אָנ
שויאונג. זיין פּראָגראַם און זיין בעציהונג צו די פערוויקעל
סטע פראַגען פון אונזער נאַציאָנאַלען לעבען.

י. ה. ראַבניצקי.

„דער זיידע" אויף דער פרייער נאַטור.

ביי אונז יודען איז איינגעפיהרט — (אַזוי האָט געזאָגט פאַר צוויי יאָהרען דער זיידע ר׳ מענדעלע אין זיין אָבדאַנק-רעדע פאַר׳ן עולם אין יענעם גרויסען טאָג פון זיין פרעכטיג-שענעם יובילײ), — אַז שמחת-תורה באַלד נאָכ׳ן סיום פון „וזאת הברכה", מאַכט מען איבער אַ נייעס אַ התחלה ווידער פון „בראשית". און אַזוי האָט ער צוגעזאָגט, אַז מיט זיין יובילײ-שמחה וועט ער אויך נישט קיין ס י ו ם מאַכען אינ׳ם שרייבען, נאָר ער האָפט ערשט ווייטער אָנצוהויבען פון „בראשית".

און נישט גלאַט אַזוי קיין שפּיעל-וואָרט, קיין שענע פראַזע האָט אַרויסגעזאָגט דער גרייז-גרויער יובילאַר, וואָס האָט געוויס לכל-הדעות שוין געהאַט דאָס רעכט נאָכ׳ן יובילײ זיך אָבצורוהען, ווי מען זאָגט, אויף זיינע לאָרבער-קרענץ. דער זיידע האָט באמת נישט אָנגעהויבען צו טראַכטען פון „רוה", און באַלד נאָכ׳ן יובילײ-יום-טוב האָט ער זיך שוין גענומען ווייטער געשמאַק צו דער אַרבייט מיט זיין פון גאָט-געבענשטער פען און זיך פאָרגע-נומען צו שרייבען אַ גאַנצע רייה יום-טוב-בילדער, און דאָס ערשטע פון זיי מיט׳ן נאָמען „לכבוד שבת" האָט ער טאַקע גלייך אָנגעשריבען און אָבגעדרוקט אין „השלוח".

אויספיהרען אָבער דאָס, וואָס ער האָט פערטראַכט, האָט דער זיידע דאָסמאָל נישט געקאָנט: באַלד האָט זיך איהם געמאַכט אַ מין עקזעמאַ אויפ'ן שטערען, וואָס האָט איהם נישט אָבגעלאָזט, און ער האָט שטאַרק דערפון געליטען. מיט דער האַנד פלעגט ער זיך אַלע מאָל כאַפּען רייבען דעם הויכען שטערען זיינעם מיט די ברייטע ווינקלען,—און ווייטער שרייבען איז געוואָרען פאַר איהם אונמעגליך. „אַ יובילײ — האָט געדרונגען דער זיידע — קאָן דעם יובילאַר גלאַט נישט אָבגעהן״;— און ער האָט אָנגענומען פאַר ליעב דאָס, וואָס ער האָט נאָך, הייסט עס, גוט אָבגעשניטען און אָבגעקומען בלויז מיט אַזאַ „פערבייסעניש״.

דערווייל האָט מען גענומען דרוקען דעם דריטען באַנד פון אַבראַמאָוויטשעס העבּרעאישע כּתבים, וואו צום סוף האָט בעדאַרפט, לויט דעם פּלאַן, אַריינקומען זיין יוגענד-ווערק „האבות והבנים״. אַרויסלאָזען איבער אַ נייעס דעם „האבות והבנים״ „אַזוי ווי ער שטעהט און געהט״, אָהן ענדערונגען און אויסבעסערונגען — דערויף האָט ר' מענדעלע אויף קיין פאַל נישט געוואָלט איינגעהן: צו-פיעל שוין גאַאיווע און, מען מעג זאָגען, האַלב-קינדערשע זייטלעך האָבען זיך דאָרט געפונען. האָט ר' מענדעלע נישט געקוקט אויף דעם דאָקטאָר'ס שטרענגען פערזאָג נישט צו נעהמען קיין פען אין דער האַנד — און ער האָט זיך גענומען גאַנץ-ערנסט צו דער אַרבייט.

און אַ שטיקעל אַרבייט האָט ער דאָ פאַר זיך געהאַט זעהר אַ שווערס. ערשטענס, איז גלאַט נישט קיין גרינגע זאַך איבערצוניצעווען אַלטוואַרג. אַרויסוואַרפען שטיקער, גאַנצע קאַפּיטלען און אַריינשטעלען נייע אויף זייער אָרט, איבערדרעהען און איבערשטעלען שפּעטערדיגע זייטלעך אויף פריהער, און פערקעהרט, און דאָס אַלץ פערגלעטען אַזוי קונציג, אַז עס זאָל נישט בלייבען פאַר אַ זייטיג אויג קיין ברעקעל סימן פון אַ געשטיקעוועטער זאַך; און צווייטענס, איז דאָס שווערינקייט געווען דאָ דאָפּעל און איבער דאָפּעל צוליעב דעם לשון, ווייל ר' מענדעלע האָט דאָסמאָל זיך געמוזט פעסט האַלטען אין דער

דיין-ביבלישער שפּראַך, וואָס אין איהר האָט ער געשריבן [illegible] זיין פריהער יוגענד דעם „האבות והבנים“, און שטאַרק געהיט-זיין נישט אַראָבצוקריכען, חלילה, פונ׳ם וועג און נישט אַריינ-פאַלען אין „מענדעלע׳ס לשון“. אַלע מאָל האָט ער זיך אַליין געכאַפּט ביי דער האַנד, אַז ס׳האָט זיך ביי איהם אַרויסגעכאַפּט אַ וואָרט אָדער אַנ׳אויסדרוק, וואָס איז נישט אָנגעפּאַסט צום לשון פון „האבות והבנים“, און אָפטמאָל האָט זיך געמאַכט אַז איך האָב איהם אָנגעוויזען, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקען, אויף אַזאַ מין „קאָנטראַבאַנד“, — און ווי דאָס וואָרט אָדער דער אויסדרוק זאָל נישט זיין געלונגען אויפ׳ן בעסטען אופן, האָט ער געמוזט אומ׳ברחמנות׳דיג אויסמעקען און ווידער קנייטשען דעם שטערן און אויסזוכען צו פערבייטען עס מיט „עכט-העברעאיש“, ווי אין פסוק שטעהט...

נאָך דער דאָזיגער אַרבייט האָט זיך זיין שלאַפקייט גע-שטאַרקט און ער איז געוואָרען אַלץ מעהר אָבגעשוואַכט, אַזוי אַז פּאַר-אַ-יאָרן סוף ווינטער איז נישט געווען פשוט צו דער-קענען דעם פריש-לעבעדיגען, אייביג-יונגען זיידען, אַנ׳אמת׳ער זקן איז ער געוואָרען, אויסגעזעהן ווי אַ שוואַכער צובראָכענער אַלטיטשקער, קוים אויף די פיס זיך געהאַלטען. איצטיגס מאָל האָט „די באָבע“ געמוזט פאָלגען דעם דאָקטאָר׳ס גזירה און אַרויספאָהרען מיט׳ן זיידען אויף זומער אויסער דער שטאָדט אויף דער פרייער נאַטור.

סוף מאַי איז דער זיידע געקומען אין דער זומער-וואוי-נונג אויפ׳ן „גרויסן פאָנטאַן“ ביי אדעס — און אַ מערקווירדיגע זאַך! עפּעס נאָר אַזוי ווי מיט אַ כשוף איז ער מיט אַמאָל געוואָרען ווי גאָר אַנ׳אַנדער מענש. גלייך ווי יענער גריכישער גבור, וואָס האָט געדאַרפט זיך נאָר צורירן צו דער ערד, ער זאָל ווידער בעקומען זאַפט און קראַפט, אַזוי איז דער זיידע געוואָרען געזונד און פריש, ווי נאָר ער איז געקומען אין נאָהענטער בעריהרונג מיט דער נאַטור. די הייס-געליבטע זיינע פון אייביגע יאָהרען, די פרייע נאַטור, האָט באַלד בעוויזען

איהר ווירקונג אויף איהם, ווי אַ וואונדערליכע רפואה, ווי דער בעסטער באַלזאַם.

געדאַרפט האָט מען זעהן דעם אַלט-יונגען ר' מענדעלע אויף זיינע שפּאַציר-גענג אין דער אומגעגענד אַרום און אַרום, וואָס ער פלעגט גאַנצע שעה'ן-לאַנג מאַכען אַלע טאָג, און אָפּטמאָל צוויי מאָל אַ טאָג, ווי דאָס וועטער זאָל נישט זיין שלעכט. פריש און מונטער, גלייך, אויסגעצויגען ווי אַ פּאַלמען-בוים, מיט אָפּענע קורץ-שאַרפזיכטיגע אויגען, האָט ער מיט גרויס הנאה נישט אויפגעהערט זיך נייגיריג איינצוקוקען אין יעדען פעלד-בלימעלע און גרעזעלע, אין יעדען פויגעלע און זומער-פליגעלע. אַלץ אַרום אין דער נאַטור האָט פאַר איהם געלעבט און גערעדט יעדעס מיט זיין לשון, און ער צוזאַמען מיט איהר, מיט דער לעבעדיגער נאַטור, איז געווען פול מיט לעבען, מיט יוגענד-זאַפט. נישט אומזיסט האָב איך געהערט פון איהם נישט איינמאָל ביי אַזעלכע שפּאַציר-גענג (דעם זומער האָב איך געהאַט דאָס גליק מיט איהם צו וואוינען אין גאָהענטער שכנות): „ווי באַלד איך פיהל אַזוי די נאַטור און קאָן נאָך פון איהר אַזוי געניסען מיט אַזאַ אמת'ער הנאה, איז עס אַ גוטער סימן, אַז דער לעבנס-קוואַל אין מיר האָט זיך נאָך נישט אויסגעשעפּט און איך האָב נאָך זאַפט אויף לאַנגע יאָר".

און וויפיעל לעבען האָט דער זיידע אַרויסבעוויזען אין זיין ריידען און שמועסן בשעתן אַרומגעהן אין די ווייטע און ברייטע פעלדער! נישט ווי אַ 77 יעהריגער גריין-גראָהער מאַן, נאָר מיט אַ פריש-לעבעדיגען טעמפּעראַמענט פון אַ הייס — בלוטיגען יונגען-מאַן, פלעגט ער אַרומריידען ברייטליך און שאַרף, אַמאָל גאַנץ היציג און אויפגעבראַכט און אַמאָל גאַר געלאַסען מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל, וועגען פערשיעדענע ענינים, וואָס קומען איהם אויפן זינען, סיי וועגען דעם, וואָס ער האָט די לעצטע טעג בעגעגענט אין די יודישע צייטונגען, וועלכע ער בעקומט און לייענט זיי אַלע איבער, סיי ערינערונגען וועגען עפּיזאָדען און מענשען-טיפּען פון אַמאָליגע יאָהרען, און סיי וועגען גלאַט אַזוי זאַכען, וואָס אַ בילד פון דער נאַטור רופט ביי איהם אַרויס אין געדאַנק.

און ריידן רעדט דער זיידע אָפט מיט פּאָעטישע בילדער, מיט טרעפענדע, שען־אָנגעמאָסטענע גלייכענישען, און דאָ און דאָרט וואַרפען זיך דורך אין זיין שמועס גלענצענדע פונקען און שלענגלען זיך בליצען פון שאַרפזין.

מיר געהען, אַ שטייגער, פאַרביי אַ שען בעפוצטע ווילע מיט זעהר פיין־געאָרדנעטע בוימער, מיט בעקוועמע ברייטע אַלעען, רופט ער זיך אָן צו מיר: „זעהט איהר, אָט האָט איהר אייך פונקט ווי אייער „ספר האגדה", אויך גאַנץ־פיין אַרומגעשניטען און אַרומגעהאַקט, אויסגעגלייכט און צוגעגלעט און אַרומגעטאָקט און אויסגעשטעלט מיט אַ סדר, מיט אַ מאָס, יעדעס בעזונדער צוגעפאַסט אויף זיין אָרט, געוויס שען אָנצוקוקען פון דערווייטענס, וואָס האָט מען דאָ צו ריידען. פאַר מיר אָבער, מוז איך אייך זאָגען, איז פיעל ליעבער און חשוב'ער די אמת'ע נאַטור ווי זי איז, נישט גע'מלאכה'ט, נישט געקינצעלט. איך האָב ליעב נישט דעם געמאַכטען אַרום געפוצטען גאָרטען. נאָר דעם נאַטירליכען געדיכטען וואַלד פון דער אַלטער יודישער אגדה, אויף איהר אָרט אין תלמוד און מדרשים, מיט די הויכע פערדרעהטע און פערפלאָנטערטע צווייגען, וואו עס דאַרף דיר, אמת, קאָסטען אַמאָל מעהר מיה זיך דורכצומאַכען אַ וועג, דו פיהלסט אָבער דערפאַר, אַז דאָ שוועבט אויף דיר גאָט'ס גייסט און דו ווערסט אַרומגענומען און איינגעהילט מיט'ן גרויסען וועלט־סוד פון דער העכסטן אָריגינעלער נאַטור".

— וועגען דעמזעלבען „ספר האגדה" האָט ער געגעבען נאָך אַנ'אַנדער גלייכעניש. „עס קומט אויס, — זאָגט ער, — גלייך ווי ריינע סטעליזירטע מילך, אין דעם נויטיגט זיך אָבער נאָר אַ חולה; אַפנים, אונזערע יודישע קינדער זענען שוין גענוג קראַנק, אַז זיי קאָנען שוין נעביך אויף אַנ'אַנדער אופן נישט פערדייען אונזער אגדה".

אַנ'אַנדערס מאָל קומען מיר נעבען אַ פעלד, וואו עס אַרבייט אַ שנייד־מאַשין. און דער זיידע האָט ווידער פאַר זיך אַ פאַרטיגע אילוסטראַציע צו זיין געדאַנק וועגען „ספורי

המקרא" (פערקירצטען חומש פאַר קינדער) „דער ספורי המקרא אייערער — מאַכט ער צו מיר — איז אַזוי פאַר זיך אַ פיין שטיקעל אַרבייט, נאָר זאָגט אייך, וואָס איהר ווילט, ס'איז פאָרט נישט דער חומש, עס פעהלט מיר די פּאָעזיע פונ'ם גאַנצען חומש ווי ער איז. וואָס קענט איהר, אַ שטייגער, האָבען צו דער אַרבייט פון אַ היינטיגער שנייד-מאַשין? דאַכט זיך, זי טהוט זיך איהר זאַך בשלמות, אויפ'ן בעסטען אופן. איהר זעהט, ווי זי אַרבייט גוט און גלאַט, ס'איז אָבער אינגאַנצען אויסגעשטאָרבען די פּאָעזיע פון אַמאָליגען שניט, איהר זעהט נישט פאַר זיך צושפרייט אויפן פעלד די שניידער און שניידערינס, איהר הערט נישט זייער געזונטען געלעכטער, זייער געזאַנג ביי דער אַרבייט און געהענדיג פון דער אַרבייט, קורץ גערעדט, טויט אָהן אַ נשמה"...

און אַמאָל נעהמט-אָפיר דעד זיידע געהענדיג דאָס ליעבע תנ"כ'ל, אין וועלכען ער איז אַזאַ בקי און אַזאַ חריף צוזאַמען, און גיט-איבער אויסווייניג עפּעס אַ שאַרפזיניגען אויפטהו זיינעם אויף איינצוזעצען און רעכט-מאַכען אַזעלכע שווערע פסוקים, וואָס לאָזען זיך נישט איינבייסען. אָדער ער טייטשט-איין אַ פסוק מיט אַ וויציגען שפּאַס, וואָס האָט אַ טיעפען זין. למשל „ואת אחיך תעבוד" — יצחק בענשט עשו'ן, אַז ער וועט דיענען זיין ברודער יעקב'ן. וואָס איז דאָס פאַר אַ משונה ברכה, בענשען איינעם, אַז ער וועט זיין אַ דיענער ביי יענעם? נאָר ווי מיר זעהען אַרויס בעשיינפערליך אין היינטיגע צייטען שטעקט אין דעם אַ גרויסע ברכה פאַר עשו'ן, ווייל יעקב'ס אַ זוהן, ווי באַלד ער בעקומט געלד און ווערט אַ גרויסער באַנקיר, אַ רייכער פאַבריקאַנט, וועט ער שוין אויף קיין פאַל, איהר מעגט זיין זיכער, נישט נעהמען אַרבייטער און דיענער פון זיינע ברידער, פון יעקב'ס קינדער, נאָר דווקא פון עשו'ס...

און גאָר אַמאָל דערמאָהנט זיך דער זיידע אין איינעם פון די וויכטיגע און אינטערעסאַנטע פּערזאָנען פון זיינע יוגענד-פריינד און אַזוי בעקאַנטע, ווי יהושע-מרדכי ליפשיץ, דער פערפאַסער פונ'ם ערשטען רוסיש-יודישען ווערטער-בוך, אָדער

ר׳ מרדכי סטרעליסקער, יוסף-הירש פאַליטשינעצקי און אַנדערע לעהרער פון דער ראַבינער-שול, וואָס יעדער פון זיי איז אַ „ספר בפני עצמו", אַ גאַנץ בוך פאַר זיך. דער זיידע דער-צעהלט אויך מיט התפעלות פערשיעדענע עפּיזאָדען פון „בימים ההם", פון יענע אַלטע צייטען און אַלטע העכסט-אינטערעסאַנטע טיפּען — און איהר שטעלט-אָן מויל און אויערען און עס ווילט זיך אייך ער זאָל דערצעהלען נאָך און נאָך. עס טוט אייך נור באַנג, פאַרוואָס עס געפינט זיך נישט בשעת-מעשה אייגער ביי דער זייט מיט פּאַפּיר און בליישטיפט, וואָס זאָל אויפ׳ן אָרט דאָס אַלץ פערצייכענען וואָרט אין וואָרט.

בכלל, איז ר׳ מענדעלע „שבעל-פה", ד. ה. ר׳ מענדעלע׳ס שמועסען, און אַפילו די שיחת-חולין זיינע, אָפטמאָל אויפ׳ן העכסטען אופן אָריגינעל און אינטערעסאַנט, און עס וואָלט זעהר כדאי געווען, אַז זיינע נאָהענטע בעקאַנטע שריפטשטעלער זאָלען אָפטער דערמיט בעקאַנט מאַכען דעם עולם, ווי מ׳איז זיך נוהג ביי די אומות-העולם מיט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו זייערע גרויסע.

נישט איינגאַנבען אָבער האָט זיך דער זיידע איבערגע-געבען צו רוה, ווי מען זאָגט, „אין שויס פון דער נאַטור", אויך אויף דער פרייער נאַטור האָט ער זיך נישט בעפרייט פון „עול תורה", און גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך צוכאַפּען צו אַ ספר און נישט קוקען, נאָר לערנען, זיך פערטיעפען אין איהם. און כמעט שטענדיג, ווען מ׳האָט איהם געטראָפען אין דער היים, האָט מען איהם געפונען זיצען איינגעבויגען איבער דעם אַלטען קליינעם תנ״ך, וואָס איז ביי איהם פערבליבען אַן אָנדענק, דאַכט זיך, נאָך פון גאָטלאָבער׳ן, צי איבער דעם מדרש-רבה, אָדער גאָר פערטיעפט אין אַ גרויסער ש״ס-גמרא, און אַז ער הויבט-אויף די קורצזיכטיגע אויגען פונ׳ם ספר און

דערזעהט אייך, רופט ער זיך אָן: „הערט איהר, מיר מעגען שטאָלצירען, גרויסע מענשען זענען זיי געווען, אונזערע אַלטע חכמים!“ און ער גיט אייך איבער מיט התלהבות, אַ פרישען בעדאַנק, וואָס ער האָט נאָר-וואָס אַרויסגעשעפּט פונ׳ם אַלטען קוואַל, פונ׳ם מדרש, צי פון דער גמרא, אָבער גלאַט אַנ׳אויס-דרוק, וואָס גיט-איבער עפּעס אַ בעגריף קורץ און שאַרף און דייטליך. „זאָגט אייך, וואָס איהר ווילט — גיט ער צו — אַקעגען; זיי הויבען מיר נישט אָן צו קאָנען שרייבען; וויפיעל מיר זאָלען זיך נישט ברעכען דעם קאָפּ, וואָלטען מיר אַזוינס אויף קיין פאַל נישט געקאָנט צוטראַכטען“.

נאָר מיט לערנען אַליין, מיט אַריינקוקצו אין אַ ספר, קאָן זיך דער זיידע נישט בעגנוגנען. איהם ווילט זיך אַרבייטען, שרייבען. און דערפאַר, אַז איך מיט ביאַליק׳ן האָבען איהם פאָרגעלעגט, מיר זאָלען צוזאַמען איבערזעצען אויף יודיש די „ספורי-המקרא“ — האָט ער זיך אין דעם אָנגעכאַפּט. „אַודאי, — האָט ער געזאָגט — וואָלט גלייכער געווען זיך נעהמען צום גאַנצען חומש, נאָר איהר ווילט דוקא „ספורי-המקרא“, וועל איך אייך צוליעב טהון“.

און אַזוי איז געבליבען. צוויי מאָל אין דער וואָך, אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, פלעגט זיך ביאַליק אַראָפּכאַפּען אין אונזער ווינקעל און מיר האָבען געאַרבייט צו ביסעלעך אין דער איבערזעצונג.

איך זאָג „צו ביסעלעך“ — דאַרפט איהר וויסען, אַז שולדיג איז אין דעם געווען איינער פון די צוויי אייניקלעך, אַלע מאָל אַן אַנדערער פון זיי, אַלענפאַלס נישט דער זיידע. דער זיידע, פערשטעהט איהר, האָט בטבע פיינט צו אַרבייטען צו ביסעלעך. ער האָט ליעב, אַז אַרבייטען זאָל זיין געאַרבייט. און נישט איינמאָל פלעגט איהם אויסקומען צוהאַלטען זיינע צוויי מיטהעלפער, נישט דערלאָזען אָברייסען זיך פון דער אַרבייט, ביז מען וועט „מאַכען נאָך אַ קאַפּיטעל“, אין דרויסען איז אַזוי שען, דער קריסטאַל-לויטערער הימעל זעהט זיך דורך, די ליכטיגע זון שיקט-אַריין איהרע מילדע שטראַהלען און פערבעט אַרויס אויפ׳ן פרייען פעלד,

אויפן גרינעם גראָז — דער זיידע וויל פון קיין זאַך נישט וויסען, אַרבייטען זאָל זיין געאַרבייט.

און מ׳האָט געדאַרפט זעהען, ווי דער זיידע פערהאַלט זיך צו דער אַרבייט, ווי ער איז אין איהר איינגאַנצען אריינגעטהון, ווען מיר, די צוויי מיטאַרבייטער זיינע, האָבען זיך אַמאָל גענומען אַמפּערען, ווי דער שטייגער, וועגען אַ וואָרט אָדער אַנ׳אויסדרוק, פלעגט ער מאַכען צו אונז: „שאט, לאָז זיין שטילער אַ ביסעל, לאָזט מיך הערען, וואָס זאָגט אויף דעם מיין יודעל“. ווער „זיין יודעל“ איז, האָבען מיר שוין געוואוסט. נאָך פון אָנהויב-אָן האָט ער אונז ערקלערט, אַז ביי דער דאָזיגער אַרבייט מאָלט ער זיך אויס, ווי עס שטעהט איהם ביי דער זייט אַ פשוט יודעל, וואָס רעדט ריין יודיש אָהן חכמות, און ער, דער זיידע, דאַרף זיך נור גוט איינהערען, ווי אַזוי אין אַזאַ פאַל רעדט אָט דאָס יודעל. און דאָס יודעל פלעגט איהם אָפטמאָל שטעהען אין דער נויט און איינרוימען אין אויער אַנ׳עכט-יודישען טייטש פשוט אין גוט צוגעפּאַסט אויפ׳ן אָרט.

ביי דער אַרבייט האָט מען באמת געקאָנט אַרויסזעהען, אַז דער זיידע האָט נישט געהאַלטען און האַלט נישט ביי קיין סיום. און אויב נישט אָנהויבען נאָכאַמאָל פון „בראשית“, אָבער אַלענפאַלס קאָן נאָך זיין שענער גייסט זעהר שען אַרבייטען. גייסטיגע אַרבייט שוואַכט איהם נישט אָב; אַדרבה, זי גיט איהם צו זאַפט און קראַפט.

י. ח. ראַווניצקי.

מענדעלע און אחד־העם.

מענדעלע איז שטענדיג און אין יעדער זאַך געווען שטאַרק סוביעקטיוו. ער האָט זיך ס׳רוב געפונען אונטער דער ווירקונג פון עפּיס אַ געפיהל און אַן איבערגעייענדיקער שטימונג. און אויף אחד־העם׳ען, וועלכער איז זיך תמיד געגאַנגען זיין בעזונדערען אייגענעם וועג און ניט אומגעקוקט זיך, נישט אויף רעכטס, און נישט אויף לינקס, פלעגט ער אָפּטמאָל זיך בייזערען, ווערען אין כעס און אַפילו פאַרביטערט צוליב עפּעס אַ פאַרבייגייענדיגען געפיהל, וואָס האָט איהם בעהערשט.

אָט האָט ער, למשל, איבערגעלייענט איינעם פון אחד־העם׳ס אַרטיקלען, אין וועלכען אחד־העם באַטאָנט בעזונדערס די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון דעם „מרכז־הרוח״ („גייסטיגען צענטר״*), און אַ סך ערטער אין דעם אַרטיקעל האָבען איהם שטאַרק אויפגערעגט. און אַז איך בין צו איהם אין יענעם מאָמענט אַרויפגעקומען, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען, נישט אויסצוגיסען זיין צאָרען אויפ׳ן קאָפּ פונ׳ם „משיב הרוח ומוריד הגשם״ מיט אַזוינע מינע רייד:

— דער „רוח״ (גייסט) האָט איהם באַפאַלען, אָט דעם מענשען! שטענדיג, אַ גאַנצען טאָג האַלט ער אין איין פערשפּרייטען צווישען די יודען די תורה פונ׳ם רוח און הערט נישט אויף נביאות צו זאָגען אין נאָמען פון דעם אלהי־

*) איבערגעזעצט פון העבּרעאיש.

הרוחות. רבונו של עולם, צי פעלט דען דעם פאָלק ישראל גייסט? מיר דאַכט, אַז דאָס יודישע פאָלק איז שוין דערגאַנגען צו דער מדרגה. וואָס קיין גוף איז נישטאָ און קיין געשטאַלט פון אַ גוף איז אויך נישטאָ. אדרבא, פערקערט, אין יודישען פאָלק איז דאָ פיעל מעהר גייסט, ווי עס איז נויטיג, און אַ יוד פון אונזער צייט דאַרף זיך בעמיען צו זיין אויך אַ ביסעל אַ מענטש מיט אַ גוף, אַ בשר-ודם, און אַוועקשיקען אַמאָל דעם גייסט (רוח) צו אַלדי-רוחות...

אַמאָל טרעפט זיך, אַז דער זיידע געפינט זיך אין אַן אַנדער מין שטימונג, און פערעל שיטען זיך פון זיין מויל, און ער צודרש׳נט זיך גאָר אויף אַ געהויבענעם שטייגער, מיט די שענע משלים, מיט די גלענצענדע און וואונדערבאַרע בילדער וועגען דעם גייסט פון פאָלק-ישראל, וועגען זיין גרויסקייט און שטאַרקייט. און אַז דו ווענדסט זיך צו איהם און מאַכסט איהם דערויף אויפמערקזאַם מיט אַ בעוואונדערונג:

— זיידע, איהר זענט דאָך שוין געוואָרען אַן אמת׳ער אחד-העם׳יסט

שטעלט ער אַן אויף דיר זיינע צוויי קורצזיכטיגע אויגען און ענטפערט מיט אַ נאַאיוו-קינדעריש געלעכטער, ווי זיין שטייגער איז:

— איך אַן אחד-העם׳יסט? ניין, טייערער, האָסט אַ טעות. פערקעהרט, אחד-העם, ווען ער רעדט אַזוי, איז ער אַ „מענדעליסט״, ווייל אַזוינע ווערטער האָב איך שוין לאַנג געזאָגט, און זיי זענען אויסגעקריצט אויף מיינע לוחות פיעל, פיעל פריער פאַר אחד-העם׳ס מתן-תורה.

בכלל פלעגט מענדעלע שטענדיג זאָגען:

— איך און אחד-העם זענען מיר ווי צוויי עלעקטרישע נעגאַטיווע קראַפטען, וואָס כאָטש זייער טבע איז אָבצושטויסען איינע די צווייטע, זענען זיי דאָך פון איין מין.

אָבער דער אָבשטויסענדיגער כוח פון אָט די צוויי גרויסע קראַפטען — און דער עיקר פון איין צד, פונ׳ם היציגען

מענדעלע׳ן — פלעגט ווירקען זעהר זעלטען נאָר אין אַ הייסען מאָמענט און אויך דאַמאָלס — נאָר אויף אַ קורצער צייט.

אין אַזאַ קריגערישען מאָמענט פלעגט מענדעלע אויסרו־פען שטאַרק אין כּעס:

— דו ווייסט, אחד-העם ברענגט מיך אַמאָל אַריין אין אַזאַ גרימצאָרען, אַז איך וואָלט איהם גענומען און וואָלט איהם מיט מיינע אייגענע הענד אויפגעהאָנגען פאַר זיין אייגענער רוחניות — און ער פלעגט דערביי צוגעבען: און שפּעטער, פאַרשטייט זיך, וואָלט איך איהם אַליין מספּיד געוועזען און וואָלט ביטער בעקלאָגט די גרויסע אבדה, ווייל ווער קען איהם ביי אונז פערטרעטען?

איינמאָל האָט מענדעלע׳ס גרימצאָרען אויף אחד-העם׳ען געברענט פלאַם-פייער.

עס איז געוועזען בעת אחד-העם׳ס אַ פאָרטראַג אין אָדעס, אין יאָהר תרס״ד, אין יודישען סוחרים-קלוב „בעסיעדאַ", וועגען משה רבנו: דער פאָרטראַג איז דערנאָך אָבגעדרוקט אין דריטען חלק „על פרשת דרכים". אין אָט דעם אינטערעסאַנטען פאָרטראַג האָט אחד-העם אויף אַ גלענצענדען אופן ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז אונז דאַרפען שטאַרק נישט אַרען די שאלות און ספקות, וואָס די געלערענטע פון די אומות-העולם שטעלען: צי איז טאַקע דער מאַן משה געווען במציאות, צי האָט ער געלעבט און געווירקט אויף אַזאַ אופן, ווי מיר האָבען עס בקבלה א. א. וו., א. א. וו. מיר האָבען דעם משה, וואָס ליגט אין דער פאַנטאַזיע פונ׳ם פאָלק, און ווען אַפילו „עס זאָל עמיצען געלינגען בפירוש צו דערווייזען, אַז מ ש ה איז איינגאַנצען נישט געוועזען אָדער אַז ער איז געוועזען נישט אַזאַ, וועט דורך דעם גאָרנישט געמינערט ווערען די היסטאָרישע ווירקליכקייט פון משה אַלס א י ד ע א ל, וועלכער איז פאַר אונז פאָראויס געגאַנגען נישט נור פערציג יאָהר אין מדבר-סיני, נור טויזענדער יאָהרען אין אַלע „מדבריות", דורך וועלכע מיר זענען דורכגעגאַנגען פון מצרים ביז אַהער". און אָט די ווער־טער, וועלכע זענען געוועזען נישט מער ווי אַ הקדמה צו דעם

עצם פּאָרטרעט, האָבען מענדעלע'ן, וועלכער איז געווען צווישען די צוהערער, שטאַרק אויפגעבראַכט און אויפגערעגט. מענדעלע איז געזעסען ווי אויף הייסע קוילען, געזאָדען און געוואָרען אויפגערייצט.

ר' מענדעלע איז בכלל געווען אַן ענטשלאָסענער און אויסגעשפּראָכענער געגנער פון די עקסטרעמע ביבעל-קריטיקער און ער האָט שטענדיג געהאַט אויף דער צונג שאַרפע און האַרבע ווערטער געגען די קריטיקער, וואָס רייסען זיך אַריין אין דעם הייליגען היכל פון תנ"ך מיט זייערע העק און גראָב-אייזענס און ערלויבען זיך צו צעשטערען און צוברעכען און צו פאַרדרייען גאָטס לעבעדיגע רייד ביז צו אַ מין פערזעניש. דאָס—פלעגט ער טענה'ן — איז אַן עסק פאַר גויים, וועמענס געלערנטע פון ביבעל-וויסענשאַפט זענען ס'רוב גראָבע-יונגען עמי-הארצים אַנטקעגען אונזערע תלמידי-חכמים. און מענדעלע אַליין איז געווען אַ בקי אין תנ"ך, וואָס האָט גאָר זיין גלייכען נישט. זיינע חידושים און המצאות אין תנ"ך פלעגען ממש פערוואונדערן זיינע צוהערער מיט זייער טיפקייט און חריפות, און עס איז אַ שאָד, וואָס זיי זענען נישט פערשריבען און פעראייביגט געוואָרען. משה-רבנו, דער פאָטער פון אַלע נביאים, איז געווען זיין הויפּט-העלד פון דער וועלט-געשיכטע, און זיין נאָמען איז ביי מענדעלע'ן תמיד טייער און געהייליגט געווען — און אָט קומט איינער נישט פון די גויים, נאָר דווקא אחד-העם, איינער פון די אויסדערוויילטע תלמידי-חכמים צווישען אונז, — שטעלט זיך אַנידער פאַר אַ גרויסען עולם דרשנ'ען, און זיינע ווערטער אַזעלכע אפּיקורסישע ווערטער, ווערען אויסגעהערט שטיל און געלאַסען, גלייך ווי מ'וואָלט שוין ביי זיך געפּועלט, אַז מ'קען צווייפלען אין דעם, צי דער געטליכער מאַן משה האָט עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט אָדער נאָר אין דער פאַנטאַזיע!

דער זיידע האָט זיך איינגעהאַלטען, ס'איז איהם שווער געווען צו בלייבען זיצען רוהיג אויף זיין אָרט ביז'ן סוף פון דער לעקציע. און באַלד ווי דער רעדנער האָט געענדיגט זיינע לעצטע ווערטער, ווען דער גרויסער עולם האָט נאָך נישט

אויפגעהערט צו אפלאדירען, ווי דער שטייגער איז, מיט גרויש בעגייסטערונג, האט זיך ר׳ מענדעלע געווענדט צו זיין פריינד, דעם בעריהמטען היסטאריקער שמעון דובנאוו, וועלכער איז געזעסען אים נעבען איהם אבגערופען אן א זייט, זיין פנים האט געפלאמט פון כעס, און ער האט מיט אן איינגעהאלטענעם וויטאג געזאגט:

— ווי געפעלט אייך די שענע דרשה? אז אך און וועה איז צו די אויערען, וואס האבען אזוינס געהערט! ווייסט איהר? עס שטעהט געשריבען אין דער תורה וועגען משה׳ן „און קיין מענש ווייסט נישט זיין קבר ביז אויפ׳ן היינטיגען טאג״. איך בין דער מענש, וועלכער ווייס אויף היינטיגען טאג, וואו משה־רבנו׳ס קבר געפינט זיך. דא אויף דעם ארט, אין זאל פונ׳ם יודישען סוחרים קלוב „ביעסיעדא״, האט מען משה׳ן בעגראבען, דא איז זיין קבר, און דער קברן, וואס האט זיך טריי מיט אט דער הייליגער מלאכה פערנומען איז — אונזער אחד־העם!

נאר אויך אט דער גרויסער כעס האט, חלילה, לאנג נישט געדויערט.

ר׳ מענדעלע האט זיך בעמיהט ארויסצורייסען פון הארצען דעם כעס צו אחד־העם׳ען, וועלכער האט, לויט זיין מיינונג, עפענטליך אבגעטהון אזא חלול־השם און נישט געווען פארזיכטיג ארויסצוזאגען אזעלכע ווערטער, וואס פאסען פאר איהם נישט. עס איז אבער נישט ווייניג צייט אוועג, און דאס צורירען זיך צו דער וואונד פלעגט ביי דעם זיידען ארויס־רופען אן אויפרעגונג, וואס פלעגט אבער ווידער פארבייגיין...

ער האט אויך ווייטער נישט אויפגעהערט צו שעצען אחד־העם׳ען און איהם תמיד ליעב געהאט מיט׳ן גאנצען הארצען.

אפטמאל פלעגט ר׳ מענדעלע זיך ערלויבען גוטמוטיג א שטיף צו טון און חוזק צו מאכען פון דעם אדער יענעם עסקן און שרייבער פון די חובבי־ציון, אחד־העם׳ס מקורבים און חסידים. אויף איינעם אן עסקן, צום ביישפיל, פון די בעזונ־דערע טומלער פלעגט ער זאגען: דער קינפטיגער היסטאריקער פון אונזער תקופה, וועט אודאי, ווי עזרא הסופר אין זיין צייט,

וועלען געבען אַ פולע רשימה פון די עלטסטע עולי-הגולה, און אויף די דאָזיגע נעמען וועט ער שטעלען, ווי דער שטייגער איז, דעם טראָפּ, און אויף דעם נאָמען פון י ע נ ע ם עסקן וועט געוויס קומען דער טראָפּ „קרני-פרה", און, לייענענדיג יענעם נאָמען, וועט מען מוזען לאַנג אויסציהען און ציקלען זיך לויט די אַלע כּללים פון דער דאָזיגער נגינה (און בשעת-מעשה פלעגט דער זיידע אויסציהען דעם דאָזיגען נאָמען, לאַנג ציקלען זיך לויטן טראָפּ פון „קרני-פרה")... אָדער אויף איינעם אַ שרייבער פון אחד-העם'ס תּלמידים און נאָכפאָלגער פלעגט ר' מענדעלע אַזוי זאָגען: דאָס איז אהד-העם'ס „גולם", פונקט ווי דער „גולם" פון ר' לייב שרה'ס אָדער פונ'ם מהר"ל מפּראג אין זייערע צייטען, אַלץ וואָס ער רעדט און וואָס ער שרייבט, טהוט ער עס מיט'ן כּח פון אחד-העם'ס „שם-המפורש".

אָט די ליצנותן זענען דערגאַנגען צו אחד-העם'ען. און נישט נאָר דאָס אַליין, עס האָבען זיך אויך געפונען גוטע מענשען, וואָס האָבען צוגעטראָגען אחד-העם'ען אויך די האַרבע ווערטער, וואָס דער זיידע פלעגט אַרויסזאָגען וועגען איהם אין אַ מאָמענט פון אויפרעגונג. אחד-העם אָבער האָט אויף די ווערטער קיין געוויכט נישט געלעגט; הערענדיג די ליצנותן, פלעגט ער לאַכען פון גאַנצען האַרצען, און קיינמאָל זענען נישט געשטערט געוואָרען דורך דעם די זעהר פריינדליכע בעציהונגען צווישען אחד-העם'ען און ר' מענדעלע'ן.

שלום-עליכם

אויטאָ-דאַ-פע

פֿאַרײנערונגען לכבוד דעם ליטעראַרישען יום-טוב פונ'ם זיידען „מענדעלע מוכר-ספרים“, געשריבען פון זיין ערשטען אייניקעל*).

דער בנוהג-שבעולם איז, אַז סע שטאַרבט — ניט דאָ גע-דאַכט, ניט פֿאַר אייך געדאַכט, ניט פֿאַר קיין שום אידען גע-דאַכט — אַ גרויסער מענש, בעקומט מען איהם ליעב און מע הויבט אָן נאָכזאָגען שבחים נאָך זיין בעט, און מע הויבט זיך אָן דערמאַנען און נאָכדערצעהלען פון איהם מעשיות, עפּיזאָדען, אַנעקדאָטען, אַפאָריזמען, געדאַנקען, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, חכמות און נאַרישקייטען — אַלץ גיט אַהער, אַלץ איז אַ סחורה, אַלץ ווערד פערצוקערט. איך נעם מיר די שטאַרקייט צו זאָגען, אַז ס'איז אַ נאַרישער מנהג, און אויב איהר ווילט — טאַקי אַ שטיקעל עולה אויך. אַ קונץ נאָכ'ן טויט דערצעהלען שבחים!

---

*) איך האָב שוין איין מאָל מוסר-מודעה געווען פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דאָס בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָב אָנגערופען מענדעלע מוכר-ספרים מיט'ן נאָמען „זיידע“, און ער מיך — „אייניקעל“, פון דעמאָלט אָן זענען מיט גאָט'ס הילף אויסגעוואַקסען, קיין עין הרע, אַ גאַנצער דור מיט „אייניקלעך“ — כן ירבו!

שלום-עליכם.

פאַרוואָס זאָל דער בעטרעפענדער אַליין אויך ניט געניסען פונ'ם כבוד? פאַרוואָס זאָל ער אַליין ניט זעהן און ניט הערען די אַלע שבחים מיט די מעשיות, וואָס מע דערצעהלט זיך אָן פון איהם, מיט די עפּיזאָדען, אַנעקדאָטען, אַפאָריזמען, געדאַנקען, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, חכמות און נאַרישקייטן? אדרבה, איך געה נאָך ווייטער: איך זאָג גאָר, אַז ס'איז מעהר יושר פאַר'ן לעבען אַלס נאָכ'ן טויט צו איבערגעבען אַזעלכע זאַכען, וואָרים טאָמער חלילה — לא יעלה ולא יבוא — עס מאַכט זיך אַמאָל, איינער איז מגזם, דערצעהלט אויף איהם אַזעלכעס, וואָס ניט געשטוי-גען, ניט געפלויגען, קאָן ער אָרויסטרעטען אין דער עפענטליכ-קייט, ואין החי יכול להכחיש את החי, און זאָגען: „זייט זשע מוחל, רב איד, איהר האָט, דאַכט זיך, אויסגעטראַכט אויף מיר, מחילה, אַ גרויסען ליגען"...

אויף איינעם אַ ליך דערצעהלט מען, אַז ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט למדינת הים, אין אַ ווייטען וועג אַריין, און האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דאָס שיף איז אונטערגעגאַנגען און ער איז דערטרונקען געוואָרען. לאחר זמן קומט ער צו פאָהרען אַהיים און טרעפט מסתמא איין איבערקעהרעניש: דאָס ווייב האָט צוגענומען איין אַנדערער, די שטוב האָט מען פערקויפט, מיט זיין גוטס האָבען זיך צעטיילט זיינע גוטע פריינד — אַ חורבן! ער געהט אַרום פון שמוני'ם צו בוני'ן: „האָט איהר געהערט איין אומגליק, אַזאַ-נ-אומגליק?" „צו וואָס האָט דאָס אייך געטויגט?" „איך האָב געוואָלט הערען, וואָס וועט די וועלט זאָגען"...

אַ יובילעאום — דאָס האָבען שוין אַ סך חכמים געזאָגט — איז געגליכען, להבדיל, צו אַ לויה. בדידי הוה עובדא — איך אַליין האָב איבערגעלעבט פאַר אַ פּאָר יאָהרען אַזאַ מין „לויה", זיך אָנגעהערט אויף זיך אַזעלכע שבחים, וואָס זענען מיר קיינ-מאָל ניט געקומען אין חלום. איין עבירה נאָר, וואָס דער עולם האָט זיך פערגעסען און גיך אַנשוויגען געוואָרען... און מחמת איך ווייס דעם טעם פון „יובילעאום", ווילט זיך מיר מהנה זיין דעם „זיידען", און דעם זיידענ'ס פיעלע פריינד און פערעהרער, חאָטש

מיט איינעם פון די פיעלע, פיעלע עפיזאָדען, וואָס איך האָב וועגען דעם זיידען צו דערצעהלען און צו דערצעהלען.

די מעשה האָט זיך געטראָפען אין אָדעס, ביי׳ם ברעג פונ׳ם שווארצען ים, אויפ׳ן גרויסען פאָנטאָן, זומער אויף אַ דאַטשע — מיט אַלע סימנים, און דער בעסטער סימן וועט זיין דער נאָמען פ׳ן דער דאַטשע „מאַנדראַזשי״ — און לאָז דער זיידע זיך דערמאַנען, ואין החי יכול להכחיש את החי!...

אין יענער צייט — אַ יאָהר צוואַנציג דאַרף שוין זיין אין דעם — בין איך געווען אונטער׳ן איינפלוס פונ׳ם זיידען און געשריבען אַ גרויסעס אַלעגאָרישעס ווערק, טאַקי, אַ ראָמאַן, נאָר מיט אַ פערשטעלעניש, כמו ווי להבדיל אַ מין „קליאַטשע״. און מחמת מיר האָט זיך געגלוסט געבען איין אַלעגאָריע, דאָס הייסט, איך האָב געהאַלטען פאַר די אויגען ניט דאָס ווירקליכע לעבען, נאָר די „כנסת ישראל״, בין איך מסתמא פערקראָכען אין אלף השישי אריין. און, ווי געוועהנליך, ביך איך געווען פערליעבט אין דעם דאָזיגען ווערק, ווי אַ חתן אין זיין כלה אין די געצעהלטע טעג פאַר דער חופה, געהאַלטען, אַז דערמיט ענדיגט זיך שוין די גאַנצע וועלט! און עס האָט זיך מיר זעהר געוואָלט בעווייזען פאַר עמיצען מיין געליעבטע כלה, מיין איך — מיין נייעס ווערק. וועמען זשע בעווייזט מען אַזאַ אבן-טוב, אַז ניט פאַר׳ן זיידען? סטייטש איך האָב אַזאַ מבוא: סך-הכל איין האַלבע שעה פון אָדעס, און דאָרט זיצט דער זיידע מענדעלע — ווי זאָגט מען: אַ כשר׳ער טאָפ מיט אַ כשר׳ען לעפעל... נאָר וואָס דען? ווי קומט די קאַץ איבער׳ן וואַסער? טראָגען דעם ראָמאַן צום זיידען — צו אַ גרויס פעקעל. מטריח זיין דעם זיידען צו זיך — עפּיס נישט קיין דרך-ארץ. פאַלט אַ איד אויף אַ המצאה: זומער-לעבען, הייסע טעג, מע בעדאַרף פערבעטען צו זיך אויף דער דאַטשע דעם זיידען — געניסען לופט, זיך אָבבאָדען אין ים, און אַביסעל שמועסען. איז אָבער אַראָבברענגען דעם זיידען ניט אַזוי גרינג, מע בעדאַרף האָבען אַ שעת-הכושר. גאָט האָט מיר געהאָלפען, עס האָט זיך גע-

פונעם אַ שעת-הכּושר — אַראָבגעבראַכט דעם זיידען. אַ גאַסט אויף אַ גאַנצען מעת-לעת.

די מצוה פון „הכנסת-אורחים" איז, נאָך מיין נאַרישען שכל, מעהר לוקסוס ווי מצוה, און אויב עס וואָלט מיר זיין ערלויבט צו רעדען נאָך מעהר עפענטליך, וואָלט איך זאָגען, אַז ניט דער-מיט אַליין איז אברהם אָבינו געווען אַזוי גרויס, וואָס ער איז געווען אַ מכניס-אורח, וואָרום וואָס קאָן זיין מעהר אַנגענעהם ווי אויפנעמען געסט?

נאָר אויב אויפנעמען געסט בכלל איז אַ פערגעניגען, איז האָבען פאַר אַ גאַסט דעם זיידען רב מענדעלע — אַ יום-טוב. מענדעלע מוכר-ספרים אין אַ געזעלשאַפט איז אַזוי פיעל אָריגי-נעל, אייגענאַרטיג, ווי מענדעלע מוכר-ספרים אין דער ליטע-ראַטור, און אויב איהר ווילט, איז ער אין לעבען נאָך מעהר בולט, ווי אין בוך. אין דער צייט ווען אַז מיר בעגעגענען זיך מיט אַנדערע שריפטשטעלער, טרעפט זיך אמאָל, אַז מיר האָבען דערנאָך חרטה, למאי מיר האָבען זיי געזעהן אַזוי נאָהענט, איז דער זיידע מענדעלע פּונקט דער היפּך: ער איבערטרעפט אין אַ פּערזענליכען בעגעגעניש אַלסדינג, וואָס איהר האָט אייך פאָרגעשטעלט פריהער אין אייער פאַנטאַזיע. נאַטירליך, ער איז ניט מיט הערנער — נאָר איהר דערזעהט פאַר זיך אַ פּאַרשוין איין אויסערגעוועהנליכען. דאָס איז ניט נאָר אַ זקן שקנה חכמה, דער אמת'ער טיפּ פון דעם אידישען תּלמיד-חכם; דאָס איז אַ מענש, וואָס איז פול מיט לעבען, מיט בעוועגונג, וואָס דאָס לעבען טריפט ביי איהם אין צלע אָדערען, קוקט-אַרויס פון דעם שאַרפען בליק פון די קלוגע אויגען, פון די טיעפע קנייטשען פון דעם הויכען שטערן, פונ'ם יונגען שמייכעל, וואָס אויף די דינע ליפּען, און איהר פרעגט זיך: „אָט דאָס איז מענדעלע מוכר-ספרים?"... ביי מעהר נאָהענטע, אינטימע בעקאַנטשאַפט דערזעהט איהר פאַר זיך אַ אידען אַ קינד, אַ זקן, אַ קונדס, וואָס וועט אייך בעווייזען וואָס הייסט מוסקולען, וואָס הייסט געהן גלייך ווי אַ סטרונע, וואָס הייסט קאָנען שפּאַנען, קאָנען לויפען, קאָנען שפּילען זיך מיט קינדער — און איהר וועט

פרעגען ביי זיך: „אָט דאָס איז אַ אידישער מחבר, וואָס מע פייערט זיין פינף-און-זיבעציג-יאָהריגען יובילעאום?“ אין דער געזעלשאַפט פון אַזאַ גאַסט הויבט איהר אַליין אויך אָן פיהלען זיך יונגער און פרישער און לעבעדיגער, און איהר פערגעסט מיט איהם, וואו די צייט קומט אַהין, וואו דער טאָג געהט אַוועק.

נאָר „שפיעל“, זאָגט מען, דעם חתן וויינענדיגס, ער האָט זיך זיינס אין זינען“. ווי גליקליך איך בין ניט געווען מיט׳ן טייערען גאַסט, ווי געשווינד די צייט איז נישט געלאָפען, איז מיר מיין ראָמאַן נישט אַרויס פון זינען אפילו אויף איין מינוט. נאָר ווי טרעט מען צו צום עסק? ווי אַזוי נעמט מען גלאַט אָט אַזוי און מע טהוט אַ זאָג: „זיידע, איך וועל אייך לייענען מיין ראָמאַן?“ — האָט אָבער גאָט געטהון אַ נס. דער זיידע אַליין האָט מיך אַ פרעג געגעבען, אויף דער נאַכט איז דאָס געווען, נאָכ׳ן עסען: „וואָס הערט זיך? וואָס שרייבט מען עפּיס נייעס?“ איך האָב דערפיהלט, ווי דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבען קלאַפּען „טיק-טיק-טאַק“. דאַנקען גאָט, געקומען די מינוט. און איך האָב מיך אָנגעהאַפּט מיט ביידע הענד, אַרויסגעצויגען מיין ליעבלינג פון שופלאַד, וואו ס׳איז געלעגען צונויפגעקאַטשעט, ווי אַ הייליגע שריפט, איבערגעבונדען מיט אַ רויטען פאַדעם-זייד — איך בין שוין גרייט געווען צוטרעטען צום עסק, שוין געוואָלט אָנהויבען לייענען, — אָן מיר איז, הייסט עס, ניט געווען קיין שום מניעה,— האָט מיך אָבער דער זיידע אָנגענומען ביי דער האַנד: „איצט? ניין. איצט בעדאַרף מען געהן מקבל פּנים זיין די לבנה, וואָס געהט אויף פונ׳ם ים“.

שען איז דער ים, אַז ער צעשפּיעלט זיך מיט אַלע זיינע וועלען בייטאָג אויף דער שיין פון דער גינגאָלדענער זון. שען איז ער ביי׳ם אונטערגאַנג פון דעם רויט-פייעריגען קוגעל, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ, פאַלט אַריין אין אָפּגרונד אַריין, און אַלץ ווערד ווי מיט פייער בעגאָסען. אין אַ פורפור-מאַנטעל ווערד איינגע-וויקעלט דער עק הימעל, און אַ קיהלע שטילקייט לאָזט זיך אַראָפּ און געוועלטיגט און הערשט אויף דער ערד. טויזענד מאָל שענער איז אָבער דער ים ביינאַכט, ווען עס שניידט זיך אויס און בעווייזט

זיך אויפ'ן הימעל דאָס ווייסע בלאַט פון דער זילבערנער לבנה און בעווייסט, און בעזילבערט, און בעגיסט מיט ווייסען חן און מיט זילבערנעם נאַכט-כשוף די שטילע וואַסערען פון בערוהיגטען ים, וואָס קוים-קוים וואָס ער ציטערט און שפּיגעלט אָב אין זיך די אלפי אלפים ורבבות רבבות פינקעלדיגע שטערען. ניין, דער זיידע איז גערעכט. ניט איצט איז די צייט צו לייענען ראָמאַנען. עס גלוסט זיך אפילו ניט געהן אין שטוב אריין שלאָפען. איין עבירה, איין עבירה אזא נאַכט! מיר פּיקט אָבער אין קאָפּ אלץ דער ראָמאַן, אלץ דער ראָמאַן! פון וואָס מע זאָל ניט רעדען, איך קום אויף מיינעם. איך וויל איהם האָטש איבערגעבען די אידעע, איהם בעקענען מיט'ן אינהאַלט. „צו וואָס? — זאָגט דער זיידע. — אותיות מחכימות. מאָרגען אין דער פרי וועלען מיר זיך אוועקזעצען איינצווייען און איבערלייענען דעם ראָמאַן פון טאָווע ביז טאָוועל". אך, ווי גוט! אך, ווי גוט!

יענע נאַכט איז קיין שלאָף ניט געקומען אויף מיינע אויגען. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, וואָס וועט זיין, למשל, אז איך וועל איהם שוין האָבען געהאַט איבערגעלייענט מיין ווערק איינגאַנצען? וואָס וועט זאָגען דער זיידע? „איך בין ענטציקט"? „איך בין נתפּעל"? „איך בין איבערראַשט"? ניין. ער איז ניט אזעלכער, וואָס זאָל זיך צעגיסען אין סענטימענטען, צוקערדיגע ווערטער („לאַקריץ" הייסט דאָס אויף זיין לשון). עס וועט זיין גענוג פון זיין זייט, אז ער וועט אַרויפלעגען אויף מיר זיין האַנד: „נו? יישר כח! שרייבט, שרייבט אַ סך אזעלכע ווערק, און לאָז דער זיידע האָבען נחת פון זיין אייניקעל"...

און אפשר קאָן זיין, אז ער וועט גאָר ניט זאָגען. לחלוטין גאָרנישט. ער וועט נישט האָבען קיין ווערטער. און דאָס שווייגען זיינס וועט זיין פאַר מיר אויך גאַנץ גענוג. אַ „זיידע", וואָס דער „אייניקעל" האָט איהם אַריבערגעיאָגט (איך בין זיך מודה, אז דער געדאַנק איז אויך געווען), וואָס האָט ער צו זאָגען?... אַביסעל האָט מיר וועה געטהאָן דאָס האַרץ אויפ'ן ויידען, וואָס איך האָב איהם אַריבערגעיאָגט. ער איז דאָך צפּיס נישט קיין מאַן-דהוא, עפּיס אַ מענדעלע מוכר-ספרים!

אַ קליינינקייט?! קומט אַ יונגעל, אַ שנעק, אַ שלום-עליכם, און שרייבט אָן אַ בוך, וואָס שטעלט אַוועג אַזאַ ריעז אויף אַ זייט, לאָזט איהם איבער הינטער זיך, — געבאָך, געבאָך!...

יענע נאַכט איז דער זיידע אויך ניט געשלאָפען, נאָר ניט איבער מיין ראָמאַן — איבער איין אַנדער מעשה: דאָס חדר, וואו מיר האָבען בעלעגט דעם גאַסט, איז געוועזען דאָס צווייטע פונ'ם קינדער-צימער, האָט דאָס קינד (דאָס „קינד" איז שוין איצטער אַ סטודענט) אַ גאַנצע נאַכט געשריען אויף צייהנדלעך, קיין אויג איהם נישט געלאָזט צומאַכען! — „וואָס איז דאָס ביי אייך דאַרט פאַר אַ מין שרייער? — האָט זיך דער זיידע פאַר אונז געקלאָגט אויף מאָרגען אין דער פריה. — און איך וואָלט וועלען וויסען, וואו נעמט זיך צו אַ קינד אַזוי פיעל כח, קיין עין-הרע ניט?"...

נאָך אַ ביסעל ווערטלען זיך איבער'ן „שרייער" און נאָך טיי טרינקען, האָט מיר דער זיידע אַ וואונק געגעבען:

— נו?...

פון אַלע „נו'ען" איז דאָס געוועזען דער סאַמע בעסטער, סאַמע זיסטער „נו". אַ גן-עדן-באַלזאַם איז זיך צעגאַנגען אין אַלע מיינע גליעדער, און איך האָב גענומען דעם זיידען און האָב מיך בעזעצט מיט איהם ביי זיך אין קאַבינעט, צוגעמאַכט דאָס פענסטער, פערשלאָסען די טירען, אַרויסגעצויגען די הייליגע שריפט פון שופלאָד, אויפגעבונדען דעם רויטען פאָדעם-זייד און...

— איך וועל מיך אַוועקזעצען — זאָגט צו מיר דער זיידע — אָט דאָ ביים פענסטער אַקעגען אייך, און איהר זעצט אייך אַוועג אַהער צו מיין לינקען אויער, איך זאָל אייך קאָנען בעסער האָרכען. נאָר פריער דערצעהלט מיר, וואָס האָט איהר געוואָלט?

וואָס איך האָב געוואָלט? — דאָס איז געוועזען פאַר מיר ווי אָבגעגאָסען מיט איין עמער וואַסער. וואָס איז שייך?...

— אַ שרייבער, אַז ער זעצט זיך אַוועג שרייבען אַ

בוך, — גיט מיר דער זיידע צו פערשטעהן — בעדארף זיך פריהער פרעגען: „וואס וויל איך?"

איך בין מיך מודה: פאר מיר איז דאס געווען דאס אמת'ע אמעריקע אויפגעדעקט. שוין א יאהר פינף אז איך שרייב, שוין אנגעשריבען, ברוך השם, אזוי פיעל זאכען, און נאך איין מאל ניט געפרעגט ביי זיך: וואס וויל איך? וואס קאן א שרייבער וועלען? א שרייבער וויל שרייבען, ווארום ער זאל ניט וועלען שרייבען, וואלט ער דאך קיין שרייבער ניט געווען... אויסגעדרעהט האב איך מיך פון זיינע הענד מיט א תירוץ, אז וויל דאס, וואס איך וויל איהם לייענען, איז איין אלעגאריע, וואס טראגט אין זיך א פערבארגענעם געדאנק, וויל איך זעהן, צי וועט ער כאפען אליין דעם גע־דאנק, איידער איך וועל האבען געענדיגט דאס גאנצע ווערק. און איך האב גענומען לייענען, און עס האט זיך מיר אויס־געוויזען, אז ניט איך לייען, נאר איין אנדערער לייענט. איך האב נישט דערקענט מיין קול — און דאס האט מיך געמאכט אויפגערעגט, נערוועז. נאר דאס אליין וואלט נאך געווען א האלבע צרה — האט זיך סאמע אין רעכטען פייער צעשריען מיין קדיש דער שרייער, כאטש טהו זיך אן א מעשה! אוי, וואלט איך איהם בעוויזען א שרייען! איך בין גרייט געווען אלע מינוט זיך אויפהויבען, אריינלויפען צום שרייער אין צי־מער אריין, איהם פערשטאפען דאס מויל מיט וואטע. האט מיך אבער דער זיידע נישט אבגעלאזט. ער האט מיך אנגענו־מען ביי א האנד, די אויגען האט ער געהאלטען צו — דאס איז א סימן, אז ער הערט מיט קאפ — און געהייסען מיר, איך זאל גארנישט קוקען אויף קיין זאך, איך זאל נאר לייע־נען.

וויפיעל איך האב אזוי געלייענט — ווייס איך ניט. אויפ'ן זייגער האב איך ניט געקוקט. איך האב געקוקט נאר אויפ'ן זיידען. געוואלט זעהן, ווי ווייט ער איז ענטציקט, איז אבער שווער געווען צו זעהן אויף זיין פנים, וואס ער טראכט. א מענש, אז ער זיצט מיט צוגעמאכטע אויגען, וועט איהר קיינמאל ניט טרעפען,

וואָס ער טראַכט. פּלוצים עפענט ער אויף די אויגען, נעמט מיך אָן ביי דער האַנד, קוקט אויף מיר אַריבער די ברילען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד:

— הערט זשע, איך מוז אייך איבערשלאָגען אין מיטען דער מעשה. ווי מיינט איהר, קאָכט זיך שוין ביי אייך ווארמעס אין קיך?

— וואַרמעס? געוויס. איהר זענט אפשר הונגעריג? וועל איך הייסען עפּיס געבען.

— הונגעריג? חס ושלום! איך וויל נאָר וויסען, אויב עס הייצט זיך דאָרט ביי אייך אין אויוועז?

— געוויס הייצט זיך אין אויוועז.

— אויב עס הייצט זיך, טאָ נעמט און וואַרפט אַריין, זייט מוחל, אָט דאָס גאַנצע העפט אין אויוועז אַריין, און פערברענט דאָס אויפ'ן פייער, ווארום דאָס איז ניט אייער זשאַנר. דאָס איז... דאָס איז — פע!!!

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבען נאָך דעם ניט איין מאָל געזעהען זיך מיט'ן זיידען, אַסך מאָל גערעדט וועגען שרייבען, וועגען דעם, וועלכעס איז מיין זשאַנר און וועלכעס איז ניט מיין זשאַנר, — נאָר וועגען יענער מעשה מיט'ן „פע" און מיט'ן „אויטאָ-דאַ-פע" האָבען מיר קיינמאָל, קיינמאָל נישט גערעדט מעהר, קיינמאָל נישט מזכיר געוועזען אפילו. און דעריבער איז מיר ניט אויסגעקומען עד היום הזה אַרויסצוזאָגען דעם זיידען זאָל לעבען, וויפיעל איך בין איהם דאַנקבאַר! אַך, וואָלט מען בעדאַרפט האָבען, עס זאָל זיך אָפט הייצען ביי אונז אין אויוועז אין דער צייט, ווען מיר האַלטען ביי'ם פערענדיגען אַ בוך, וואָס אונז ווייזט זיך אויס, אַז ס'איז אַזוי גוט, וואָס בעסער קאָן שוין גאַרניט זיין...

נערווי (איטאַליע), ז' הנוכה התרע"א. (1910)

ד״ר יוסף קלויזנער

ר׳ מענדעלע׳ס שיחות־חילון

דער מענדעלע שבעל-פה איז געווען עפעס מעהר פון דעם מענדעלע שבכתב. אין דער צייט, וואָס מענדעלע שבכתב איז געווען אַ שטאַרקער איבערקלייבער, געזעסען אויף יעדען וואָרט פיעל צייט, און אַרויסגעלאָזט פון זיין פעדער אין משך פון צענדליגער יאָהרען בלויז איינינע בענדער, איז מענדעלע שבעל-פה געווען אַ מעין־המתגבר, אַ קוואַל, וואָס האָט גאָר נישט אויפגעהערט צו שטראָמען: עכטע חריפות, וואָס שלאָגט אַרויס פון די טיעפע־טעיפענישען, צעגיסט זיך און פערפלייצט, ווי די שטראָמען אין פריהלינגס־צייט, ווען די שנייען צעגייען. מענדעלע האָט זיך געפרעהט דעריבער מיט יעדען בעזוך: ער האָט דערביי געפונען אַן אָרט, אַרויסצולאָזען דעם צופלוס פון די געדאַנקען און געפילען. ער פלעגט רעדען גאַנצע שעה׳ן אָהן אַן הפסקה, נישט געבענדיג דערביי דעם צוהערער די מעגליכקייט אַרויסצוזאָגען אַ וואָרט, און מאַכען וואָסער ס׳איז בעמערקונג. זיין געשפרעך פלעגט שטייגען אויף בערג, אַראָבנידערען אין טאָלען, איבערגעהען פון איין ענין צום צווייטען – אָבער אַלץ האָט געהאַט אַ שייכות צום ענין. און אַ פנים האָט דאָס געהאַט, ווי אין זיינע ערצעהלונגען, ווען ער פערענדיגט יעדען אָבזאַץ מיט זיין בעוואוסטען פסוק:

„נישט דאָס בין איך אויסען", — און דווקא דאָס איז ער דאָך אויסען געווען, און דאָס איז דאָך אפילו געווען די עיקר-כוונה זיינע... אין זיינע ווערטער האָט שטענדיג געשטעקט עפּיס אַ שפּיצעל, עפּיס אַ בליץ-געדאַנק — נישט שטענדיג אַ ריכטיגער — אָבער דערפאַר ניי, צום בעוואונדערען, צוגעטראָפען, דורכדרינגענ-דיג און שטענדיג געטראָפען אין פּינטעל. רעדען פלעגט ער מיט די הענט און מיט די פיס, מיט די אויגען און מיט די אַקסלען, דער עיקר — מיט דער נאָז. טיילמאָל פלעגען די בעוועגונגען זיינע און דאָס צוזינגען זאָגען אַ סך מעהר ווי די ווערטער, זיי פלעגען שטענדיג דערגענצען זיינע רייד, פלעגען מאַכען קלע-רער און בולטער זיין געדאַנק. דערפאַר איז אַזוי שווער איבער-צוגעבען און אַלבערצודערצעהלען זיינע שיחות-חילון. ער פלעגט רעדען נאָר יודיש, אָדער ווי ער פלעגט עס אָנרופען: „יודיש-טייטש", אָדער „פּראָסט-יודיש". רוסיש פלעגט ער רעדען נאָר בשעת-הדחק — מיט נישט קיין יודען, אָדער מיט די יודישע „גואים", העברעאיש האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט. נאָר אין זיין „פּראָסט-יודיש" איז געווען אַ סך מעהר העברעאישעס, ווי אין עמיצענס העברעאיש. אין זיינעם אַ גאַנצען געשפּרעך פלעגט אַמאָל זיין נאָר דער יודישער זאָץ-בוי, דאָס גאַנצע געשפּרעך פלעגט זיך דרעהען אויף פּסוקים און גמרא-ווערטלעך. זעהר זעלטען פלעגט ער בענוצען אַן אייראָפּעאישען ליטעראַרישען אויסדרוק, דאָס רוב — אויף דייטש, דערפאַר פלעגט ער זעהר אָפט זיך בענוצען מיט כאַראַקטעריסטישע יודישע שפּריכווערטער און וויצען. דאָס געשפּרעך איז תמיד געווען פליסיג און גלאַטיק. אין דער צייט, וואָס אין זיין שרייבען פלעגט ער זיך אָבשטעלען אויף יעדעס וואָרט, זיך אַליין פרעגען: ווי אַזוי, וואָלט זיך אויסגעדריקט אַ קאַפּוליער יוד צוריק מיט פופציג יאָהר, ווען ער איז נאָך נישט געווען אונטער דער ווירקונג פון אַ פרעמדער שפּראַך (דאָס איז שרייבען יודיש)? אָדער: ווי אַזוי וואָלט אויסגעדריקט דעם דאָזי-גען געדאַנק דער בעל-המשנה אָדער דער בעל המדרש (דאָס איז בעת'ן שרייבען העברעאיש)? — איז בעת'ן רעדען פלעגט ער זיך בענוצען מיט יעדען וואָרט און אויסדרוק, וואָס אין איהם

נאָר געלעגען אויף דער צונג, און נישט שטאַרק מקפּיד געווען אויף דער גאַנצקייט פון סגנון, דערלאַנגט אָפט אַ געמיש פון לשונות, אויף אַזוי פיעל, אַז עס האָט זיך געשאַפען אַ מין מו־זעאום פון שפּראַכען; עס איז געווען זייער אנגענעהם צו הערען. דעריבער טאַקע קאָן מען בשום־אופן נישט איבערגעבען זיינע געשפּרעכען גענוי, ווי ער האָט זיי אַרויסגעזאָגט. מ׳קאָן נאָר איבערגעבען דעם אינהאַלט, דעם עיקר־געדאַנק — נישט מעהר.

דער אינהאַלט אַליין איז זעהר אינטערעסאַנט. און ווען אַלע זיינע מקורבים און בעקאַנטע זאָלען איבערגעבען אַלץ, וואָס זיי האָבען געהערט פון איהם מיט׳ן זעלבען לשון — וואָלטען מיר געהאָט אַ צווייטען מענדעלע, אַ נייעם מענדעלע און מיר וואָלטען געהאָט נאָך אַ דרייסיג בענדער.

פינף און צוואַנציג יאָהר האָב איך געקענט מענדעלען. מיט׳ן ערשטען העברעאישען מאמר מיינעם בין איך געקומען צו איהם הערען זיין מיינונג וועגען דער „פּרוכט פון מיין פען". געווען יאָהרען, וואָס איך בין געווען שטאַרק נאָהענט צו איהם, געווען אויך יאָהרען וואָס מיר האָבען זיך דערווייטערט איינער פון דעם אַנדערען צוליעב פערשיעדענע סבות, נישט קיין פּערזענליכע. אין מיין זכרון האָבען זיך פערהיט צענדליגער געשפּרעכען, וואָס איך האָב פון זיין מויל געהערט, צווישען זיי — גאַנצע דערצעה־לונגען, וואָס אויב איך וואָלט נאָר געקאָנט איבערגעבען סטענאָ־גראַפיש, וואָלט אונזער ליטעראַטור דורך זיי שטאַרק בערייכערט געוואָרען. צו דעם צוועק וואָלט שוין נויטיג געווען אָנשרייבען אַ גאַנץ בוך. דאָס מאָל קום איך איבערגעבען וואָס ס׳איז מעגליך איבערצוגעבען אין אַ קורצען אַרטיקעל.

מיין ערשטער מאמר, וואָס איך האָב געבראַכט צו מענדע־לען, כדי ער זאָל וועגען איהם אַרויסזאָגען זיין מיינונג, איז געווען „ציון למשורר יהודה גורדון", וואָס איז געדרוקט געווען

אין זאמלבוך „השרון" פון גרשום באדער (קראקא תרנ"ג) און דערנאך ערשינען אין א באזונדער בראשור (אדעסא, תרנ"ד). אין דעם מאמר האב איך געפרובט דערווייזען, אז גארדאן איז געווען אן אמתער חובב-ציון, ער האט אבער מורא געהאט פאר דער רעאקציע, וואס האט זיך דעמאלס געשטארקט ביי די חובבי-ציון, און דעריבער האט זיך אויסגעוויזען, אז ער איז א געגנער פון חיבת-ציון. — אין דער אמת'ן איז ער נאר געווען א געגנער פון דער רעאקציע אין דער בעוועגונג. מענדעלע האט איבער-געלעזען דעם מאמר. וואס אן אכצעניאריגער בחור האט אנגע-שריבען — ער איז שוין דאן געווען א זעכציגער אדער זיבעצי-גער — און ארויסגעזאגט פאר מיר זיין מיינונג וועגען די הסרונות ערענסט, אן וואסער ס'איז איראניע. פלוצלינג האט ער איבערגעריסען זיין קריטיק און געזאגט:

— דאס זענען חסרונות פון אייער עלטער, עס וועט נישט העלפען קיין עצות און קיין רייד, נאר ביסלעכווייז, ביסלעכווייז וועלען זיי אויסגעבעסערט ווערען, מיט דער צייט. די דאזיגע פעלערען זענען א נויטווענדיגקייט אין אייערע יאהרען — וואס-זשע וועט ארויסקומען, אז כ'וועל אייך אנווייזען אויף זיי?

ער האט געפילט א יונג הארץ. אין אט דעם גרייז-גרויען זקן איז נאך נישט אויסגעוועפט געווארען דער ריח פון יוגענד. אבער גלייכצייטיג איז שוין ביי איהם רייף געווארען די העכסטע קלוגשאפט — דער פערשטאנד, מיט וועלכען עס ווערען בעשאנקען די עלטערע תלמידי-חכמים, וואס דורך דעם „בליק אין דער אייביגקייט" איז אלץ ביי זיי פערשטענדליך און ס'ווערט דורך זיי פערגעבען...

איך אבער, זייענדיג יונג, האב נישט געקענט אבשאצען די וויכטיגקייט פון זיינע ווערטער. דער עיקר איז מיר גע-גאנגען — אין דעם געדאנק, מיט וועלכען איך בין געווען פערנומען און וועלכער האט זיך מיר אויסגעוויזען אזוי וויכטיג, גלייך ווי פון זיין אויפקלערען העגנט אב, לכל-הפחות, די עקזיסטענץ פון דער גאנצער יודישער אומה. איך האב זיך צו איהם געווענדעט מיט דער פראגע:

— כ׳וואָלט אַ בעלן געווען וויסען, צי בין איך גערעכט, און איז גארדאָן טאַקע געווען אַ חובב-ציון אָדער גערעכט איז ליליענבלום, אַז גארדאָן איז...

— הער-נאָר! — האָט מיר מענדעלע איבערגעשלאָגען די רייד — וואַרף אַוועק דעם פּילפּול!.. פאַרהאַן אויף דער וועלט צוויי סאָרטען יודען: פאַרהאַן „יהודים בלא חכמות״ און „יהודים בחכמות״ (מענדעלע׳ס אויסדרוק). דער „יהודי בלא חכמות״ קאָן נישט נישט-זיין קיין חובב-ציון: קאָן דען סתם אַ יוד, אַ יוד, וואָס פילאָזאָפירט נישט און חקר׳נ׳ט נישט, אַ יוד צו גאָט און צו לייטן, נישט האָפען אויף דער גאולה און שיבת-ציון?.. נאָר דער „יהודי בחכמות״ — סיי אַ פרומער דרעה-קאָפּ אָדער אַן אַסימילאַטאָר, וואָס האָט פערלוירען דעם באָדען — קאָן זיין אַ געגנער פון דעם גאולה-געדאַנק. ביי יודען איז אַ חובב-ציון יעדער איינער, וואָס איז לויט זיין נאַטור, אַ פּשוטער חי וקים, אָן איבערשפּיצלען און אויבער-הסברות. דער אומגליק אָבער איז, וואָס אַפילו צווישען די חובבי-ציון האָבען זיך געמעהרט די פּילפּול-מענשען, זיי האָבען זיך אָנגעשמעקט מיט פרעמדע געדאַנקען, — און עס עקעלט דעריבער פון׳ם פּשוט׳ן יוד, פון זיי און נישט פון דעם חיבת-ציון...

אין אַלע אונזערע געשפּרעכען האָבען מיר בעריהרט דעם ציוניזם. אַט די געשפּרעכען האָבען זיך אַרומגעדרעהט אַרום איין פּונקט: דער ציוניזם איז זעהר אַ גוטע זאַך, נאָר די ציוניסטען מיט זייער פּאָליטיקע מאַכען קאַליע, מיט זייער קנאות און מיט זייער וואַרפען זיך אויף יעדען איינעם, וואָס איז נישט מסכים מיט זיי אַפילו נאָר טיילווייז. בעזונדער איז מענדעלע געווען שטאַרק אויפגערעגט אויף די שרייבער און ציוניסטישע טהוער, וואָס זענען אַרויסגעטרעטען געגען דער השכלה-עפּאָכע. ער פלעגט זיך אויפרעגען, וואָס די ציוניסטען ווילען נישט פערשטעהן, אַז נאָר די משכילים האָבען אויס-געטראָטען דעם וועג פאַר דעם נאַציאָנאַליזם און ציוניזם, און ווען נישט די משכילים וואָלטען נאָך יודען זיך געוואַלגערט

אין די שמוציגע געסלעך מיט זייערע משונה׳דיגע מאַניערען, וואָס האָט נישט צו טהון מיט׳ן לעבען און מיט׳ן גייסט פון דער צייט — און ממילא אויך מיט אַ פּאָליטישען געדאַנק, ווי דער ציוניזם איז. אין דעם פאַל האָט מענדעלע׳ן לחלוטין אויס-געפעלט אָט די „העכסטע חכמה״, וועגען וועלכער איך האָב פריהער דערמאָנט. ער האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, אַז אַ נאַציאָנאַלע בעוועגונג קאָן נישט עקזיסטירען אָהן פּאָליטיק, אָהן קנאות און אָהן עקסטרעמקייטען. און ער, אַלס אַן אַלטער תּלמיד-חכם, איז שוין געווען דאָ צופיל מיושבדיג...

זיין אמת׳ע בעציאונג צום ציוניזם איז אַנטפּלעקט גע-וואָרען אַמאָל פאַר מיר, גאַנץ צופעליג:

אין יאָהר תּרס״ט האָבען ביאַליק און ראַווניצקי געמאַכט אַ רייזע קיין ארץ-ישראל. זיי האָבען פון דאָרט צוגעשיקט דעם „זיידען״ אַ קאַרטעל, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגע-מאָלט אַ גרופּע אָרימע תּימנער, אויסגעמאַטערטע, אָבגעריסענע-אָבגעשליסענע — פון אונטען איז געווען אונטערגעשריבען (ווי איך געדענק): „נאָך אַ קאַפּיטעל צו פּישקע דעם קרומען״. איך בין גראָדע געווען ביי מענדעלען, ווען דאָס קאַרטעל איז אָנגע-קומען. מענדעלע האָט אַ וואָרף געטון אַן אויג אויפן קאַרטל און איז געוואָרען מלא כּעס:

— אָט דאָס שיקען זיי מיר פון ארץ-ישראל? — האָט ער געשריגען פון כּעס, טייטלענדיג מיטן פינגער אויפ׳ן קאַר-טעל: — עס פעלען מיר קבצנים אין גלות? זיי מיינען אין אמת׳ן אַז איך האָב שטאַרק הנאה צו מאָלען קבצנים? — די אָרימקייט איז באָדנלאָזיגקייט און לופט-מענטש, — און לופט-מענטש און באדנלאָזיגקייט איז אַ פּראָדוקט פון גלות. אָרימ-קייט און גלות — איז איינס און דאָס זעלבע. די טאָרבע — איז גלות. כ׳האָב אַלע מיינע יאָהרען פיינט געהאַט די יודישע טאָרבע, דעריבער האָב איך זי אַזוי שרעקלעך אָבגעמאָהלט. ווייזט אויס, אַז ביאַליק מיט ראַווניצקין האָבען שלום-יעקבן מיט שלום-עליכמען פערטוישט. בשעת שלום-עליכם בע-שטימט עפּיס קאָמישעס, לאַכט ער אַליין פון גאַנצען האַרצען.

און איך — מיר טוט וועה דערביי דאָס האַרץ. אַז דו זאָגסט אַרויס עפּיס אַ גלייכווערטעל, לאַכט אַן אַנדערער, נישט דו. און איך — איך וויין, נישט איך לאַך. נישט צום לאַכען האָב איך געשריבען „פּישקע דער קרומער״! אין ארץ־ישראל וויל איך זעהן נישט קיין אָרימע לייט, נישט קיין באַדענלאָזע, נישט קיין לופט־מענשען, נאָר דעם היפוך דערפון. אונזער גאַנצער אומגליק און דער גאַנצער גלות איז דאָך — וואָס אונזער רוחניות און באַדנלאָזיקייט האָבען אויפגעגעסען דעם גאַנצען מעמד אונזערען — און מיר זענען געבליבען אָהן אַ מעמד, אָהן אַ באָדען. מ׳דאַרף זיך אַביסעל מאַטעריאַליזירען, זיך אַביסעל בעהעפטען צו דער ערד און ווערען פשוטער, און אַז איהר ווילט — אַפילו מגושמדיגער. נישט גראָב, נאָר מגושמדיג. פאַרהאַן אַן אונטערשיד צווישען די צוויי בעגריפען (דאָ האָט ער איבערגעריסען און זיך אריינגעלאָזט אין אַ טיע־פער, אינהאַלטרייכער חקירה וועגען דעם אונטערשיד אין די דאָזיגע בעגריפען). אָט די מגושמדיקייט וויל איך זעהן אין ארץ־ישראל. און עס איז שוין דאָרט געוויס דאָ אַזוינס. עס זענען דאָך דאָרט געוויס פאַרהאַן פויערן און אַרבייטער. מעהר אָדער ווייניגער. און אָט נעמען זיי און שיקען מיר גאָר פון דאָרטען אָרימעלייט — גלייך ווי עס פעהלען מיר אַרויס אָרי־מעלייט דאָ, אין גלות!

און פון אָט דעם שטאַנדפונקט איז ער געווען אַ געגנער פון אחד־העם, בעת דער גרויסער פּאָלעמיק פון אחד־העם מיט הערצל און נאָרדוי. ער האָט געהאַלטען פון אחד־העמען און איינצייטיג געווען זיינער אַ שאַרפער געגנער:

— אחד־העמען וואָלט איך אויפגעהאַנגען און טאַקע באַלד וואָלט איך געהאַלטען נאָך איהם אַ גאַנץ פיינעם הספד — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט — אַ „מרכז רוחני״ דאַרף ער? עס פעהלט דעם יודען רוחניות? — אַ ביסעל גשמיות פעהלט איהם, לעבענס־פרייד פעהלט איהם, ליעבע צו אַרבייט פעהלט איהם, נישט קיין רוחניות. דער פּאָליטישער ציוניזם פון הערצל און נאָרדוי וועט אויף אַ האָר נישט פערקלענערען די גייסטיג־

קייט פון פאָלק ישראל: פערציג טויזענד פערד־קראַפט וועט נישט געלינגען צו ריהרען דעם יודען פון זיין תורה, מאָראַל און אַלטען קולטור־אוצר! וואָס עס פעלט דעם פאָלק ישראל איז — ערד אונטער זיינע פיס, און פאָליטישע רעכט אויף דער דאָזיגער ערד, און אַ ווירטשאַפטליך און פאָליטיש לעבען ווי אַלע פעלקער אויף דער ערד — און וואָס וועט געבען דער קאַמף פון אחד־העמען מיטן פאָליטישען ציוניזם?

אין דעם גאַנצען ענין איז מענדעלע געווען אַ גרויסער פשטן און ער האָט נישט בעמערקט די קוים־געזעהענע כחות, וואָס האָבען געצווירקט אינ׳ם „קולטור־קאַמף" אין יענער צייט.

איינמאָל האָט ער צו מיר אַזוי געזאָגט:

—מ׳רעדט וועגן „אַ גייסטיגען צענטער". פאַר אחד־העמ׳ען איז דאָס נישט מעהר ווי אַן אַלגעמיינער, אבסטראקטער געדאַנק. ווי מיין שטייגער איז, פערקערפער איך אויך אָט דעם דאָזיגען בעגריף. איך שטעל מיר פאָר דעם „גייסטיגען צענטער" אין אַזאַ מין פערקערפערונג: אין איינער פון די שענסטע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל וועלען מיר זיך בעזעצען, מיר אַלע, יודישע שרייבער, די בויער פון יודענטום און די, וואָס שטעהען אויף דער וואַך פון יודישען גייסט. דאָרט וועלען מיר בויען הייזער: מיר וועלען גרינדען אַ שרייבער־קאָלאָניע. דאָרט וועט איינגעאָרדענט ווערען אַ דרוקעריי, עס וועט געגרינדעט ווערען אַן אַקאַדעמיע צו פאָרשען די העברעאישע שפּראַך, דער „השלוח" וועט דאָרט דערשיינען, און אויך אַ טאָג־צייטונג, אַ גרויסע פובליציסטיש־ליטעראַרישע מיט וועכענטליכע וויסענשאַפטליכע ביילאַגעס, וועט דאָרט ערשיינען, מען וועט דאָרט אויפשטעלען אַ פאָלקס־הויז מיט אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט, און די יודישע שרייבער און געלערענטע וועלען דאָרט וואוינען במנוחה און וועלען וועבען דאָרט דעם גייסטיגען געוועב פון פאָלק־ישראל מיט אַלע תגין און פיטשעווקעס. דאָס וועט זיין אַן אמת׳ער „גייסטיגער צענטער", און פון איהם וועט אַרויסגעהן די תורה און ליכט פאַר׳ן גאַנצען פאָלק־ישראל!

מיט אַזאַ מין „פערקערפערונג" האָט ער זיך אויך בע־

צוליגען צו דער בעדייטונג פון רעליגיעזע מנהגים אין לעבען פון פאָלק.

— אחד העם וויל בעפעסטיגען די עקזיסטענץ פון אונזער אומה נישט דורך רעליגיע און טראַדיציעס, נאָר דורך נאַציאָנעלער מאָראַל, און דובנאוו רעכענט צו שטאַרקען די אומה דורך שטודיעס פון אונזער געשיכטע. איצט בעטראַכט זשע נאָר אַליין: פסח וועט מען קיין „סדר" נישט פראַווען, מצות און מרור וועט מען נישט עסען, מ'וועט נאָר צוועקלעגען אויפ'ן טיש ברויט מיט פוטער און מען וועט איבערלייענען דעם קאַפּיטעל פון יציאת־מצרים אין דובנאָווס געשיכטע — און מיט דעם אַליין וועלען מיר שוין זיין יודען! ניין און ניין! עס איז אַ לוגען! ווען מען פרעגט ביי מיר: וואָס איז וויכטיגער פאַר דער עקזיסטענץ פון יודענטום: די מגילה אָדער המן־טאַשען? — וואָלט איך געזאָגט: די המן־טאַשען „אכול את המגילה הזאת" — האָט געזאָגט דער נביא: אַז דו עסט המן־טאַשען, שלינגסטו איין אומבאַוואוסט און געגען דיין ווילען סיי די מגילה — סיי די יודישע געשיכטע. און אַ גוי, אַז ער לייענט די מגילה — און דעם חומש שמות (וועגען יציאת־מצרים), און אַז ער קען אפילו די יודישע געשיכטע ווי אַ דייטשער פּראָפעסאָר, ווערט ער נאָך אַלץ קיין יוד נישט.

מענדעלע האָט שטאַרק געגלויבט אין דער וויכטיגקייט און אין דער ווירקונג פון דער ליטעראַטור. איינמאָל האָט ער גערעדט וועגען די יודישע שרייבער, בעמערקט אַז זיי גלויבען נישט אין זיך, און לסוף האָט ער מיט אויפרעגונג און ציטער געזאָגט:

— הער, קלויזנער! מיר זענען דער האמער און דאָס פאָלק — די קאָוואַדלע: לאָמיר קלאַפּען ביז דאָס פאָלק וועט זיך אויפ־כאַפּען!

און צוליעב אָט דעם גלויבען האָט ער זיך מיט אַ נישט־פערגלייכלעכען ערנסט בעצויגען צו זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט.

ער פלעגט שטענדיג זאָגען: „אַ ווערק דאַרף מען פיילען און פיילען". „מ'דאַרף אויסקוועטשען דאָס וואַסער פון יעדער שאַפונג, און אויב נישט — איז עס אָנגעבלאָזען און וואַסערדיג".

— צו זיין אַ שרייבער דאַרף מען זיין פריהער פאַר אַלץ אַ ג ז ל ן. דער שרייבער האָט אָנגעשריבען, לויט זיין מיינונג, שעהנע זאַכען, נאָר וואָס זענען נישט נויטיג צום עצם ענין, טוט עס איהם באַנג. אוי, אַ שאָד אויסצומעקען: עס איז דאָך אַזוי שעהן! — און איך זאָג צו איהם: „האָב קיין רחמנות נישט!" — מען מוז זיין אַן אכזר — און אויסמעקען! א ו י ס מ ע ק ע ן אָ ה ן ר ח מ נ ו ת די אַלע צאַצקילעך און חנ'דעלעך און די שעהנע מליצות וואָס זענען נישט קיין נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ק י י ט פאַר דעם ווערק. נאָר דאָס נויטיגסטע דאַרף מען איבערלאָזען — און דאָס איבעריגע דאַרף מען בעהאַלטען, אויף וויפיעל דאָס האַרץ טוט וועה דערויף. נאָר אַזאַ מין א כ ז ר י ו ת מאַכט דעם שרייבער, ער זאָל ווערט זיין צו טראָגען דעם נאָמען שרייבער!

— דער אומגליק פון אונזערע שרייבער איז — וואָס זיי קאָנען נישט געהן מיט'ן ג ל י י כ ע ן ו ו ע ג. אַ יוד דאַרף פאָהרען קיין ב ע ר ד י ט ש ע ו, פּלוצלינג טרעפט ער אַ פור, וואָס פאָהרט קיין ז ש י ט אָ מ י ר. כאָטש ער דאַרף גאָר אין זשיטאָמיר נישט האָבען און ער האָט נישט וואָס צו פאָהרען אַהין. עס פאָהרט דאָך אָבער אַהין אַ פור, פאָהרט ער זיך מיט אַהין... נעמט די ווערק פון אונזערע בעסערע שרייבער און איר וועט דאָרט טרעפען אַזאַ מין אָבקערען פונ'ם גלייכען וועג, וואָס פערדאַרבט אין זייערע ווערק דאָס גאַנצע גוטע אין זיי.

ר' א ה כ ה ן צ ו ו י פ ע ל האָט נאָר אַ דאַנק דעם נישט פערנומען קיין חשוב'ן אָרט אין אונזער ליטעראַטור, וואָס ער וואָלט געקאָנט פערנעמען, וואָס ער האָט געלאָזט דאָס טייג אויפגעהען איבער דער מאָס, און עס איז געוואָרען נישטיג, שיטער און כרופקע. דאָס זעלבע איז מיט די ערצעהלונגען פון ס מ א ל ע נ ס ק י נ'ע ן, איך האָב זיי ממש נישט געקאָנט לייענען. און אפילו ביי די בעסטע פון די נייע שרייבער אונזערע איז פאַרהאַן אָט דער חסרון אין אַ גרויסער מאָס.

— אוי, ווי אַ מענטש דאַרף זיך היטען — האָט ער צו מיר איינמאָל אויסגערופען, אָנווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף אַ מאַנוסקריפּט, וואָס איז פאַר איהם געלעגען: — נעכטען האָב איך אָנגעשריבען אַ גאַנץ קאַפּיטעל וועגען דעם מיידעל ביילע („ווינשפינגערעל") איך שטעה היינט אויף און לייען איבער דאָס קאַפּיטעל נאָכאַמאָל — און אָט די ביילע האָט גאָר אַ באָרד וועמענס באָרד? — אַבראַמאָוויטשעס באָרד!... כ'האָב דעמאָלט אויסגעמעקט דעם גאַנצען קאַפּיטעל, פון אָנהויב ביז'ן סוף, און איך האָב בעשאַפען אַן אַנדער ביילע, אַ יודענע אָן אַ סימן פון אַ באָרד...

די קלענסטע קריטיק פון אַ זייטיגען האָט מענדעלע נישט געקאָנט פערטראָגען: ער איז געוועזען געוואוינט אין די לעצטע טעג צו הערען נאָר לויב-געזאַנגען און שבחים, אָהן אַ מאָס. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט זיין זעלבסט-קריטיק, וואָס איך האָב אַזוינס גאָר נישט געזעהן ביי קיין שרייבער. עס זענען געוועזען טעג, ווען אין אַ דריי-פיר שעה פלעגט ער אָנשרייבען זעקס-זיבען שורות נישט מעהר, און דער-נאָך פלעגט ער עס אויסמעקען — און אָנהויבען פון אָנהויב אָן. ער פלעגט זוכען וואָס מעהר נאַטירליכקייט און פשטות. עס קאָן זיין אַז ביאַליק שטעהט העכער מיט זיין רייכען העברעאישען סיגנון; אָבער צו מענדעלע'ס פשטות אין העברע-איש איז נישטאָ קיין גלייכען אין דער ליטעראַטור. שפּיציגע איינפאַלען און חריפותן זענען אַן אָפּטע ערשיינונג אין זיינע שריפטען, אָבער ס'איז נאָר דאָרטען, וואו ער פילאָזאָפירט, אָדער ער ווערט אַ פּרעדיגער און חוזק-מאַכער; דאָרט אָבער וואו ער מאָלט — דאָרט איז ער אַ וואונדערבאַרער פּשטן אין זיין סגנון און שפּראַך, גלייך ווי די נאַטור אַליין וואָלט גע-רעדט פון זיין מויל.

ער פלעגט אָפּט שמועסען מיט מיר וועגען דער שפּראַ-כען-פּראַגע. ער, דער ענטדעקער פון דעם נייעם העברע-אישען סגנון, וואָס האָט אין זיין יוגענד בעשאַפען אהן אַ שיעור נייע ווערטער פאַר זיין „תולדות הטבע" (גענומען פון פויגל:

ספרוני, גדרון, חרטומן, זנבנוע א. א.) און אויף דער עלטער — אין אַלע זיינע העברעאישע ערצעהלונגען (גפרור, שלגית, חזרזר, אורמנית, צו-קרב א. א.), איז געווען אַ שטאַרקער געגנער פון בן-יהודה און זיינע חברים פאַר זייערע חידושים אין דער העברעאישער שפּראַך. ער האָט אַרויסגעשטעלט צוויי טענות געגען זיי: א) די ניי-געשאַפענע העברעאישע ווערטער זענען נישט אין גייסט פון דער שפּראַך; ב) זיי זוכען נישט נאָך אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור איידער זיי נעמען זיך שאַפען אַ ניי וואָרט. די נייע ווערטער אַפילו, וואָס זענען שוין לאַנג אָנגענומען געוואָרען אין דער העברעאישער ליטעראַטור, האָט ער נישט געקאָנט פערטראָגען: ער האָט בשום-אופן נישט געוואָלט זיך בענוצען מיטן וואָרט „שעון" (זייגער), נאָר דוקא מיטן אַלטען וואָרט „אורלוגין", און דאָס גלייכען. ער האָט זיך מודה געווען אויף זיינע „שפּראַך-וועהען" און פלעגט זיך בעריהמען אַפילו.

— די העברעאישע מאַמע אונזערע איז אַן אביונטע — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט — נאָר איך כאַפּ אָן די מאַמע פאַרן פאַרטוך און זאָג איר: „כ'וועל דיך נישט אַבלאָזען ביז דו וועסט מיר נישט געבען אַלץ, וואָס איך דאַרף!" — און זי גיט מיר! זי גיט מיר מיט גוואַלד! איך טרעט נישט אָב פון איהר ביז זי שטעלט מיר נישט צו אַלץ, וואָס איך געפין אין אַן אַנדער שפּראַך! געווען אַ מעשה, איך האָב געדאַרפט דאָס וואָרט אין העברעאיש „קרעלען", „פּאַטשערקעס". גטה, געפין דאָס וואָרט אין דער אַלטער שפּראַך! — איך האָב נישט אָבגעטראָטען פון שרייב-טיש, ביז איך האָב געפונען. איך האָב איבערגעריסען דעם שרייבען אויף אַ גאַנצע וואָך, נאָר געזוכט אין אַלע ווינקלען פון דער ליטעראַטור — און איך האָב געפונען דאָס דאָזיקע וואָרט אין גמרא: „זגוגיתא". ווען איך וואָלט דאָס וואָרט נישט געפונען, וואָלט איך ווייטער נישט געשריבען.

איהר רעכענט אַודאי — האָט ער מיר געזאָגט אַ צווייטען מאָל, — אַז די שוועריקייט פון שרייבען העברעאיש איז אין אויספעהלען ווערטער? — די שוועריקייט איז גאָר פון אַן אַנדער

מין. די שווערקייט איז — זיך צו באפרייען פון אויסדרוקען, וואס זענען נישט העבראיש. אט, למשל, דער בעוואוסטער אויס־דרוק: „ער איז מיט מיר א קנעפעל". עס איז דען שווער איבער־צוזעצען עס מיט העבראישע ווערטער? — אבער, אז איך וועל שרייבן: „הוא עמי כפטור" — וועט עס זיין א „מגלה טמירין"־שפראך. דארף מען, נאטירליך, זוכען און געפינען א פאסיגען אויסוועג אין דער אלטער ליטעראטור אדער אפילו — אין דער נייער. אויף דעם ארט שרייב איך: „הוא לי רביעי — בחמישי" — איז דאס איינצייטיג אי א יודישער בעגריף אי א עכט העבראישער.

ביאליק האט אנגעהויבען איבערזעצען פאר'ן „הדור" מענדעלעס „פישקע דער קרומער". ביאליקס סיגנון אין העברע־איש איז געווען רייך — און פונדעסטוועגען איז דער אלטער נישט איבעריג געווען צופרידען. כ'האב געפרעגט: פאר־וואס?" —

— די „כלה איז צו שעהן" — האט ער מיר געענט־פערט — ביאליק ווייסט נישט דעם סוד־הצמצום. זיין סטיל איז צו רייך, זיין שפראך האט א מענגע אויסדריקען, ווער־טער — און „עס איז דא א רייכקייט, וואס איז אן אומגליק פאר זיין בעזיצער. דער איבערזעצונג פעהלט פשטות און צמצום — כ'וועל מוזען אליין זיך נעמען צו דער איבערזע־צונג".

און ער האט טאקע אזוי געטהון.

פון דעם ביאליק־ראווניצקיס „ספר־האגדה" איז ער געווען נישט שטארק צופרידען:

— פאראן א קעז, וואס איז בעסער, ווען עס שמעקט אונטער א ביסעל. די אגדה, איהר גאנצער פראכט איז — איהר אלטערטימליכקייט, איהרע ווילדקייטען, דער געמיש פון סטי־לען — העבראישע און אראמישע. וואס האבען געטהון ביא־ליק און ראווניצקי? — זיי האבען פון איהר אראבגעצוי־גען דעם אלטערטימליכען שלייער, זיי האבען זי „פעריונגט", צוגעפאסט צום גייסט פון דער צייט, זיי האבען די אראמישע

אויסדריקען איבערגעזעצט אויף העברעאיש. דאָס איז אָבער פּאַר עם-הארצות. די ליבהאָבער פון אַלטערטימליכקייט ערגערן זיך שרעקליך, ווען מען נעמט אַראָב פון אַן אַלטער חפץ די סימנים פון אַלטקייט — דעם זשאַווער אפילו — און מע פרישט אים אָב. מ'דאַרף אים לאָזן זיין כאַראַקטער די אַלטערטימליכקייט. און דאָס איז נישטאָ אין דעם „ספר האגדה".

ביאַליקס דערצעהלונג „אריה בעל-גוף", וואָס איז געדרוקט געוועון אין „השלוח" האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. איך בין געקומען אַ בעגייסטערטער צו מענדעלען. ער אָבער האָט נישט געוואָלט מיטפיהלען מיין התלהבות. ער איז געבליבען קאַלט, געקרומט מיט דער נאָז, ווי דער שטייגער איז ביי אים געוועזן, ווען עפּעס אַ זאַך האָט ביי איהם נישט נושא-חן געוועזן. איך האָב אים געפרעגט, וואָס איז די סיבה.

— ביאַליק האָט ווידער פאַרגעסען דעם „סוד פון צמצום" עס איז דאָך נישט מער ווי אַן „אריה", נישט מער ווי אַ „בעל-גוף" — ווי לאַנג קרענקט ער, אויב איך וואָלט איה אוועקגעגעבען דריי ביכער „השלוח" („אריה בעל-גוף" האָט זי געדרוקט אין „השלוח" אין דריי המשכים). איך וואָלט אים „געצויגען" אויף דריי זייטלעך — און גענוג!

דערפאַר האָט ער געהאַט התפעלות פון ביאַליקס ערצעהלונג „מאחורי-הגדר":

— עס האָט זיך מיט מיר געטראָפען בלעטס מיט כ'האָב געוואָלט שעלטען און געמוזט בענטשען. די ערשטע זייטלעך פון „מאחורי הגדר" האָבען ביי מיר אויסגעוויזען, אַז די ערצעהלונג איז געשטראָפט מיט בערדעוודיגקייט און חכמה'נען זיך, נאָר וואָס מעהר איך האָב געלעזען אַלץ מעו האָט מיר דערלאַנגט דער ריח פון פעלד. אויף דער דערצעה-לונג מאַך איך אַ ברכה: „בורא מיני בשמים".

אַ שטאַרקען איינדרוק האָט אויף מענדעלען געמאַכט ביאַליק'ס ליד: „ידעתי, בליל הערפל". דאָס איז געווען באַלד נאָך די פּאָגראָמען אין 1905, וואָס האָבען אים שטאַרק ערשיטערט:

— „און זי דרייט זיך דאָך!״ — האָט צו מיר מענדעלע געזאָגט. איך האָב נישט געוואוסט אָקעגען וואָס ער זאָגט עס. אַלס תשובה אויף דער פראַגע, וואָס האָט זיך בעוויזען אויף מיין פנים, האָט ער באַלד צוגעגעבען: — אָט זענען געווען שרעקליכע פּאָגראָמען, מאָרד, רויב, געשענדעטע פרויען, צע־ריסענע בייכער און נאָך אַזעלכע שרעקליכע מעשים. וואו איז דער פּראָגרעס? — ווילדע חיות זענען די מענטשען געווען צוריק מיט דריי טויזענד יאָר, און ווילדע חיות זענען זיי פער־בליבען אויך איצט. אַזוי זאָגט מען. ניין! פּאָרטן דאָך אַן אונטערשיעד. דו געדענקסט דעם „על נהרות בבל״? — „וואויל איז דעם, וואָס וועט דיינע עופהלעך נעמען און אָנם פעלז זיי צע־שמעטערן!״ — איהר שטעלט זיך פאָר די עצה־טובה פון אָט דעם משורר? — מע נעהמט אַ קינד, אַן עופהלע, מע רייסט עס אָב פון דער מוטער׳ס ברוסט, מע נעמט עס אָן פאַר די קליינע צאַפּלענדיגע פיסלעך און מען האַקט מיט׳ן ווייכן מוח׳ל אין אַ האַרטען שטיין ביז מען צעפּלעט דאָס קעפּל און שטראָמען בלוט, אויסגעמישט מיט מאָרך, רינען און גיסען זיך ווי וואסער... און דערויף האָט מתפלל געווען איינער פון די בעסטע און גרעסטע אין דער אומה, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם נאַציאָנאַלן וועהטאָג, דעם צער און גרויסען צאָרן אויף דעם חורבן פון לאַנד און בית־המקדש... ביאַליק איז אויך פול מיט צאָרן, ער דורשט אויך נאָך נקמה פון די פיינד און פערשוועכער פון זיין נאַציאָנאַלען כבוד. ער אָבער לעבט נישט מיט צוויי טויזענד פיער הונדערט יאָהר צוריק, נאָר אין היינטיגע צייטען. דעריבער קאָן ער בשום־אופן קיין עצה נישט געבען, מ׳זאָל די פיינד טהון מדה כנגד מדה, מען זאָל אויך זייערע קינדער עפּענען די בייכער... און אין זיין ליעד „ידעתי בליל הערפל״, אַז ער דערגייט צום העכסטען פּונקט פון צאָרן און נקמה־דורשט, רייסט ער איבער זיין ליעד און ענדיקט נישט: „און גאָט פון נקמה, מיט אַ פערוואונדעטע האַרץ וועט אויפשטעהען און וועט ברילן — און וועט אַרויסגעהן מיט זיין גרויסען שווערד״... מעהר קאָן ער נישט זאָגען, ווייל סוף־כל־סוף לעבט

ער מיט צוויי טויזנט פיער הונדערט יאָהר נאָך דעם פּערפעסער פון דעם „על־נהרות־בבל"... עס איז פּאַרט דאָ פּראָגרעס!.. די ערד דרעהט זיך דאָך און שטעהט נישט אויף איין אָרט. און דאָס איז אונזער האָפנונג. און דאָס איז אונזער טרייסט אין דעם גרויסען צער פון די שחיטות, הריגות און רדיפות. עס זאָל זיין ליכט — אַ סוף צו דער פינסטערניש. עס איז נישט מעגליך עס זאָל קיין סוף נישט נעמען!..

און ס'איז געווען, ווי די שלאַנקע אויסגעצויגענע פיגור פון דעם אַכציג־יעריגען זקן וואָלט זיך נאָך מעהר אויסגעצויגען און וואָלט אין דער רגע ביז אונטער די הימלען דער־לאַנגען...

די גוטע באַציאונג פון מענדעלע'ן צו ביאַליק'ן האָט מיך נישט געוואונדערט: געווען איז צווישען זיי אַן אינערליכע נאָענטקייט. טיילמאָל האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ביאַליק איז נישט מעהר ווי אַ יונגער מענדעלע, און מענדעלע איז נישט מעהר ווי אַ ביאַליק, ווען עס איז בעשערט געווען געבוירן צו ווערען מיט פופציג יאָהר צוריק... זייער פּאָזיטיוו־נעגאַטיווע בעציאונג צום גלות, זייער צוגעבונדענקייט צו דער ערד, זייער קאָנסערוואַטיזם בנוגע צו דער העברעאישער שפּראַך מיט די אַלטע נייע ווערטער, וואָס מ'האָט מחדש געווען, דאָס איבער־געגעבענקייט צו אונזער אַלטער ליטעראַטור, די ליבע צו ארץ־ישראל אינאיינעם מיט'ן גרויסען פּחד פאַר דער איבערראַשונג פון די ווערטען און פאַר דאָס אָבלייקענען פון דעם גלות — דאָס אַלץ האָבען מענדעלע'ן מיט ביאַליק'ן גייסטיג געמאַכט זעהר נאָהענט אויף אַזאַ אופן, אַז בעוואוסט און אומבעוואוסט האָט זיך איינער געפונען שטענדיג אונטער דער ווירקונג פון'ם צווייטען. אָבער וואָס עס האָט מיך געוואונדערט איז — די אַבסאָלוט־פּאָזיטיווע בעציאונג, וואַרימע, ממש הארציגע בעציאונג פון מענדעלע'ן צו טשערניכאָווסקי'ן און פון טשערני־כאָווסקי'ן צו מענדעלע'ן. מענדעלע, דער „יוד שביוד" האָט שטאַרק ליעב געהאַט טשערניכאָווסקי'ן,—אַט דעם אַמשטאַרקסטען עלעניסט צווישען יודען. און טשערניכאָווסקי, וואָס זיין וועלט

איז געווען זעהר ווייט פון מענדעלעס וועלט, האָט שטאַרק געשעצט די ווערק פון דעם זיידען פיעל מער ווי אנדערע שאפונגען פון דער יודישער ליטעראטור. „איך קען נישט דאָס לעבען, וואָס מענדעלע שילדערט — האָט מיר טשערניכאָווסקי געזאָגט — אָבער אך פיהל, אַז אין זיי איז דאָ דער ווירקלעכער אמת״. אין זיינע „אידיליעס״ געפינט זיך טשערניכאָווסקי אוטער דער השפעה פון מענדעלעס סטיל און ליטעראַרישע פאָרמען, און ער ווידמעט דעם זיידען זיין ליד „קסמי-יער״ — אפשר דאָס בעסטע פון זיינע נאַטור-לידער. און וועגן די בעציאונגען צווישען מענדעלען און טשערניכאָווסקין ווייס איך עטלעכע פאַקטען:

בעת עטליכע טשערניכאָווסקיס ערשטע לידער זענען שוין געווען געדרוקט, און ער איז געווען נאָך וועניג בעוואוסט, בין איך געקומען צו מענדעלען מיט טשערניכאָווסקין. איך האָב איהם איינגערעדט, ער זאָל ווייזען מענדעלען איינִיגע פון זיינע לידער (טשערניכאָווסקי פלעגט נישט בעזוכען די בעוואוסטע שרייבער, און זיינע לידער פלעגט ער ווייזען נאָר אַ צוויי-דריי פון ויינע פריינד: ער פלעגט דאָס רוב שרייבען נאָר פאַר זיך). מענדעלע האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט אַ ליד, געמאַכט עטלעכע שנעלע בעמערקונגען, ביים לעצטען פערז האָט ער זיך עקשנותדיג פערהאַלטען: „אַזוי קאָן מען נישט זאָגען״. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מלחמה מיט פסוקים: טשערניכאָווסקי ברענגט אַ ראיה פון אַיין פסוק, אַז מ׳קאָן אַזוי יאָ זאָגען. און מענדעלע ענטפערט איהם אָפּ און ברענגט אַ ראיה פון אַ צווייטען פסוק, אַז מ׳טאָר אַזוי נישט זאָגען. צום סוף, ווען די פסוקים האָבען זיך אויסגעלאָזען, האָט מענדעלע אַ זאָג געטהון קאַטעגאָריש און אַ ביסעל ברוגז:

— ניין! אַזוי שרייבט מען נישט!

פלוצלינג האָט זיך טשערניכאָווסקי אויפגעהויבען, — טשערניכאָווסקי דער בעשיידענער, נאָכגעביקער און דעמאָלט נאָך גאָר יונגער — און אויפ׳ן קול קאַטעגאָריש געזאָגט:

— איך שרייב יאָ אַזוי! — ער האָט אַקצענטירט שטאַרק דעם „איך״ און מיט׳ן פינגער געוויזען אויף זיך.

איך בין צוטומעלט געוואָרען. כ׳האָב זיך נישט געגלויבט אויף טשערניכאָווסקין. מענדעלען האָב איך געקענט פאַר אַ קפדן און צייטנווייז אַ האַרטען מענש. איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט אָנשרייען אויף טשערניכאָווסקין, וועט איהם אַזוי אָנזידלען, אַז ער וועט זיך שוין מעהר נישט קאָנען ווייזען פאַר איהם.

צו מיין פערוואונדערונג האָט דער אַלטער אבגעשוויגען און דעם געשפרעך אַריבערגעפיהרט אויף אַן אַנדער זאַך.

אויף מאָרגען, אַז איך בין געקומען צו מענדעלען, אָהן טשערניכאָווסקין, זענען די ערשטע ווערטער פונ׳ם אַלטען געווען:

— ווען אַנ׳אַנדערער וואָלט געהאַט די העזה צו זאָגען „איך״ מיט אַזאַ תקיפות, וואָלט איך איהם אַראָפּגעוואָרפען פון אַלע טרעפּ. ער אָבער מעג. ער האָט אין זיך עפּעס פון אַ גדול: בעשיידענקייט, עניוות אַ גאַנץ יאָהר, און שטאַרקען מוטה און תקיפות — אין אויסערגעוועהנליכע פאַלען. אַזעלכע מעגען אַלץ!

דאָס איז געווען מיט צוואַנציג יאָהר צוריק און אפשר נאָך מעהר, נאָך איידער עס איז ערשינען טשערניכאָווסקיס ערשטע ליעדער-זאַמלונג!

דערזעלבער מענדעלע, אַז ער האָט אין שניאור׳ס אַ ליעד געפונען אַנ׳אויסדרוק, וואָס פּאַסט זיך נישט צו אַ פּסוק פון יחזקאל, און שניאור האָט איהם אָפּגעענטפערט: „וואָס געהט מיך אָן יחזקאל?״ — האָט ער אויסגעשריען צו שניאור׳ן: „אַרויס פון מיין שטוב!״ — —

און נאָך אַ מעשה, פון שפּעטער מיט אַ צעהן יאָהר. צוליעב די פּאָגראָמען אין אָדעס איז מענדעלע אַנטלאָפען קיין זשענעווע, וואו ס׳האָט דאַן געוואוינט דער שריפטשטעלער בן-עמי, איך האָב געוואוינט דעמאָלט אין לאָזאַנאַ, וואו טשערניכאָווסקי האָט געלערנט מעדעצין. איין מאָל זענען מיר אין דרייען, מענדעלע, בן-עמי און איך, געפאָהרען קיין בערן אויף אַ ליטעראַרישען אָווענד לכבוד מענדעלע. דעמאָלט זענען ערשינען מיט אַ מאָל די דריי העפטען פונ׳ם פינפצעהנטען באַנד „השלח״, וואו עס זענען געווען געדרוקט „הבריכה״ און „מגלת-אש״ פון ביאַליק

און אויך א ליעד פון טשערניכאָווסקין, „כחום היום״. דער זיידע האָט אָנגעהויבען:

— כ׳האָב זיך היינט געבאָדען אין דער סאָזשעלקע („הבריכה״), דאָס וואַסער האָט מיך ממש דערקוויקט. מחיה-נפשות!

בן-עמי האָט איהם אונטערגעהאַלטען און גענומען לויבען און ריהמען די „הבריכה״ און אויך „מגלת-אש״, וואָס איז, אַפּנים, מענדעלען נישט אין גאַנצען פערשטענדליך געווען. מענ-דעלע האָט זיך אויסגעדרייט פון צו רעדען וועגען דעם א וואָרט. דערפאַר אָבער האָט מענדעלע גענומען זאָגען שבחים דעם ליעד „כחום-היום״. בן-עמי איז געוואָרען אין כעס: בשעת מיר האָבען נאָר זיך אַזעלכע פּערעל ווי „הבריכה״ און „מגילת-אש״ — ווי קען מען גאָר רעדען וועגען „כחום-היום״? — דער זיידע האָט זיך אויסגעצויגען אין זיין גאַנצער גרויס און געזאָגט:

— בערוהיג זיך נאָר! אויך אינ׳ם גן-עדן פון טשערניכאָוו-סקין גייט זיך אַרום גאָט „לרוח היום״!

ס׳איז געווען עפּעס געמיינזאַמעס אין א גייסטיגע קרבה-שאַפט צווישען דעם „יוד שביוד״ און צווישען דעם יודישען „גריך״. נישט אומזיסט האָט איינער א יודישער קריטיקער (י. א. לובעצקי) מענדעלען אָנגערופען „סקולפּטאָר״. די פּלאַסטיק פער-נעמט אַן אָרט אין די בעוועגונגען פון מענדעלעס העלדען נישט ווייניגער, ווי אין די בעשרייבונגען פון טשערניכאָווסקין. אין די נאַטור-ליעדער גלייכען זיך (אין גייסטיגען ווערט) דער עלטסטער פון אונזערע דערציילער און דער יונגסטער פון אונזערע פּאָעטען. דאָס האָב איך געפיהלט נישט נאָר אין מענדעלעס ווערק, נאָר אויך אין די צוויי שמועסען, וואָס מענדעלע האָט געפיהרט אין בערן און אין זשענעווע, ווען ער האָט געוואוינט אין דער שווייץ, נאָך די פּאָגראָמען פון 1905. —

ס׳איז געווען אַן אָווענד, אויף וועלכען איך מיט בן-עמין, האָבען געהאַלטען פּאָרטראַגען וועגען מענדעלע׳ן אַלס קינסטלער, און מענדעלע אַליין האָט פאָרגעלעזען א קאַפּיטעל פון „דער

קליאטשע" מיט גרויס ערפאָלג (זיין אינטאָנאַציע, זיין אופן פון דעקלאַמירען און זיינע בעוועגונגען זענען געווען אונפער-גלייכליך, זייער אייגענאַרטיג!) דערנאָך איז מענדעלע מיט מיר געגאַנגען שפּאַצירען הינטערען שטאָדט. עס איז שוין געווען שפּעט. אַרום און אַרום פינסטער. נאָר איינצעלנע שטערען האָבען געוואונקען מיט זייערע בלויע אויגען. פּלוצלינג איז מענדעלע געבליבען שטעהען אין מיטן דער פינסטערניש. פאַר אונז איז געשטאַנען אַ הויכער דעמב, אַ דיקער, אַ שטאַרק בעצווייגטער, וואָס איז געשטאַנען איינזאַם אויף דעם פוסטען שטח, אין דער געדיכטער פינסטערניש... מענדעלע איז צוגע-גאַנגען נאָהענט צום דעמב, איהם אַרומגענומען מיט זיינע אָרעמס און געזאָגט מיט אַ ציטער:

— ווייסט איהר וועמען איך בין מקנא? — אַט דעם דעמב. פאַרוואָס? ער איז אַזוי שטאַרק און הויך. — ווייל ער איז איינזאַם, אַליין, לעבט פאַר זיך און שעפּט פון זיך נחת, אָהן אַ וואַלד, אָהן „קהל", אָהן „חברות", אָהן פּאָליטיקע. און אַ נסתר איז ער — שטיל און איינזאַם וואַקסט ער. און אין דער פינסטער. אַט אַזוי וועררען טאַלאַנטען רייף, אַזוי ווערען שטאַרק און קרעפטיג די הויכע גייסטער און נשמות. די ביהן פערקלעפּט מיט וואַקס די גלעזערנע ביהנענשטאָקען, וועלכע מ'האָט פאַר איהר געמאַכט, כדי עס זאָל מעגליך זיין צוקוקען זיך צו איהר אַרבייט, ווי זי אַרבייט אויס דעם האָניג. נאָר אין אַ ענגען צימער, ווייט פון דער ברייטער טומעלדיגער וועלט, ווערט געשאַפען דאָס פונדאַמענטאַלע ווערק, און עס קרעפטיגט זיך דער פעסטער כאַראַקטער — „דער מענש איז אַ בוים אין פעלד" און „געגליכען איז ער צו דו בהמות"...

אין אַ צייט אַרום בין איך געקומען פון לאָזאַנאַ קיין זשענעווע, אויף פסח צו בן-עמין. נאָכ'ן דאַווענען, אין ער-שטען טאָג פסח, בין איך אַריינגעגאַנגען צו מענדעלען. צו מיין פערוואונדערונג האָט ער מיך, נישט ווי זיין שטייגער איז געווען, בעגעגענט זעהר קאַלט. איך האָב איהם בעט-טראַכט — ער איז געווען שטאַרק ברוגז. איך האָב שוין לאַנג

געוואוסט, אַז מענדעלע איז בעזונדערס אָריגינעל און אינטערעסאַנט, ווען ער איז אין כעס. ער האָט באַלד אָנגעהויבען רעדען — און זיך געבייזערט:

— אוי די מענשען! לא-די וואָס זיי פערדאַרבען זיך און איינער דעם אנדערען: נעמען זיי זיך צו פערדאַרבען אויך די חיות און בהמות! געדענקט איהר די גמרא אין קידושין: „כ'האָב אין מיין לעבען נישט געזעהען אַ הערש אַ פירות-זאַמלער, אַ לייב אַ טרעגער, און אַ פוקס אַ „געוועלבניק", אין עוואַנגעליום שטעהט געשריבען: „דאָס קאָרנבלומעל שפינט נישט, וועבט נישט און געהט אַרויס אָנגעטהון אין קליידער, וואָס אַפילו שלמה המלך אין זיין צייט האָט זיי נישט געטראָגען". אַלע גאָטס-בעשעפענישען שטעהען העכער פון דעם מענשען, — סיי די חיות, סיי די בהמות און סיי די פויגלען געפינען זיך אַליין זייער נאַהרונג, און זיי דאַרפען צו קיינעם נישט אָנקומען. נאָר דער מענש מוז אָנקומען צו אַ מתנת-יד פון אַ צווייטען מענשען. קבצנות — איז די אייגענשאַפט פון דעם מענשען, וואָס האָט אָבגעקעהרט פון דעם גלייכען וועג אויף דער ערד. דעם מענשען איז אָבער ווינציג, וואָס ער האָט פערדאַרבט זיין מין און די מענשען געמאַכט פאַר קבצנים און שנאָרערס, ער האָט דאָס זעלבע געטהון מיט די חיות און עופות. אָט בין איך היינט געגאַנגען שפּאַצירען איבער די גאַסען פון זשענעווע און בין דורכגעגאַנגען דורך דער בעוואוסטער „שוואַנען-אָזערע". די איינוואוינער פון זשענעווע האָדעווען דאָרט, צוליעב זייער אייגענעם פערגעניגען, קליינע שוואַנען. וואָס זשע טהוען די דאָזיגע מענשען? — זיי זענען בעלי-צדקה'ס, און זיי קומען מיט זעמעל אין די הענט און וואַרפען ברעקליך אין וואַסער — און די שוואַנען כאַפּען און שלינגען די ברעקלעך. זיי האָבען אַזוי צוגעוועהנט די שוואַנען צו בעקומען נדבות, איך האָב אַליין געזעהען, ווי די שוואַנען ציהען זיך אויס אויף זייערע פיס און שטעלען אָן זייערע שנאָבלען, קוקען אַרויס אויף דער מתנה פון אַ בשר-ודם... דאָס גאַנצע בלוט האָט אין

מיר אויפגעקאָכט: פויגלען-קבצנים! שוואַנצן שנאָרערסאַ חי
ווייט עס דערגעהען די פערדאָרבענע מדות פון דעם מיגזשען
עס איז איצט ממש אַ דור-המבול, ווען „יעטוועדער לי־ב האַ
פערדאָרבען זיין וועג אויף דער ערד״ — און חיות און עופות
אויך אינ׳ם כלל!...

איך האָב געהערט די רייד, געזעהען דעם כעס — און האָב אָנגעהויבען פערשטעהען דאָס געמיינזאַמע פון מענדעלען און טשערניכאָווסקין. נישט אומזיסט האָט דער גרויסער דיכטער געווידמעט דעם גרויסען דערצעהלער זיין ליעד „קסמי־יער״. ווער ווייסט, צי איז נישט מענדעלע אָט דער „האַר פון וואַלד״... — —

פון העברעאיש — י. פ.

ראובן ברײנין

מענדעלע און זײַן רעדן

...ווען איך האָב קענען געלערנט מענדעלע מוכר-ספרים, אָט ער מיך איבערראַשט מיט דעם אופן פון זיין רעדן און שמועסען. די תורה שבבעל-פה פון מענדעלע האָט געהאַט אַ קולטור-ווערט. זי האָט געקענט געבען דעם צוהערער אַ שליסעל צו זיין גייסטיגען מעכאַניזם. דער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געהערט מענדעלע'ן רעדענדיג, קאָכענדיג, זידענדיג, קאָן ניט האָבען קיין ריכטיגע פאָרשטעלונג פון איהם, ווען ער זאָל אפילו דורכלעזען אַלע זיינע שריפטען.

מענדעלע האָט גערעדט, דערצעהלט, געשמועסט מיט חשק, מיט געשמאַק. דאָס רעדען איז געווען אַ טייל פון זיין גייסטיג לעבען, און אַ חשוב'ער טייל. די געוואוינהייט פיעל צו רעדען איז ביי איהם געווען אויך אַ פילאָזאָפישע באַדערפעניש, די נויטיגקייט צו אויסלאָדען, צו עקספלאָדירען. ער האָט געהאַט אַ סקאָרבאָווען נוסח צו רעדען. איהר האָט אין זיין רעדען געהערט דעם אָפּקלאַנג פון אַ גאַנצער עפּאָכע. ער האָט געלעגט געוויכט, אַקצענט אויף יעדער פראַזע, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, געשטעלט דעם טראָפּ אויף יעדען וואָרט. עס איז געווען די שיחות-חולין פון אַ תלמוד-חכם, וואָס צריכין לימוד.

זיין געשפרעך (ווען ער האָט אפילו גערעדט וועגן ליטעראַטור אָדער יודישע פּראָבלעמען) האָט ניט געשפרודעלט, ניט געבליצט, איז ניט געווען ספּאָנטאַן און גיט פּאַראַדאָקסאַל. עס האָט אָבער געהאַט אַ שווערען געוויכט. זיין געשפרעך איז ניט געווען אַ מאָמענטאַלער איינפאַל, אַ פּלוצלינגדיגע אויפקלעהרונג. אַלעס, וואָס ער פלעגט אַרויסזאָגען איז געווען אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגער, רייפער, אינערליכער אַרבייט, נאָכדענקען און איבער-לייענען. און דערום פלעגט ער ,זיך איבער'חזר'ען. זיין גע-שפּרעך האָט געהאַט עטוואָס סטערעאָטיפּישעס. מיט די זעלבע ווערטער, כמעט אות באות, פלעגט ער זיין אורטייל אַרויסזאָ-גען אין פאַרשידענע צייטען, ביי פערשיעדענע אָנגעלעגענהייטען, ווי ער וואָלט דאָס איינמאָל פאַר אַלע מאָל איינשטודירט. אויס-געלערענט בעל-פּה.

דער אימפּרעסיאָניזים איז איהם געווען פאַרהאַסט אין דער ליטעראַטור און אין רעדען. אויספיהרליך, גרינטליך פלעגט ער יעדע זאַך דערצעהלען אָדער שילדערען. ניט רייך אין צאָהל און ניט פיעל-פאַרביג זענען געווען זיינע איבער-לעבונגען, אָבער טיעף איינגעוואָרצעלט אין איהם אין געגעהרט מיט אַלע גייסטיגע זאַפטען פון זיין וועזען.

ווען איך האָב קענען געלערענט מענדעלי מוכר-ספרים, איז ער אַלט געווען זיבציג יאָהר. ער איז נאָך פול געווען מיט יוגענטליכער קראַפט, און זיין טעמפּעראַמענט איז נאָך גע-ווען היציג און ברויזענדיג. דאָך איז זיין אינערליכע וועלט געווען אָבגעשלאָסן, אָבגעצירקעלט און אָבגעגרעניצט. אַלעס אין איהם איז געווען אויסקריסטאַליזירט. אויסערע איינדרוקען, נייערע גייסטיגע, ליטעראַרישע שטרעמונגען, האָבען אויף איהם קיין שליטה ניט געהאַט. קיין אָפּקלאַנג אין איהם ניט געפונען. ער איז שוין געווען אין דער בחינה פון אַ פּוסק אחרון.

שלום יעקב אבראַמאָוויטש האָט געשאַפען דעם טיפּ פון מענדעלע מוכר-ספרים, און דער געשאַף האָט באַאיינפלוסט דעם שעפער. עס האָט גערעדט מענדעלע דער פּקח. דעם יוד-שביוד. מענדעלע האָט גערעדט מיט דעם לשון פון תחינות. פון

צאינה וראינה, געמישט מיט פיעל כאראקטעריסטישע העבּרעאישע ווערטער און מיט דייטשע ווערטער און אויסדרוקען, וואס ער האט זיי געבּרויכט אויף א בעזונדערען, משונה׳דיגען אופן. מעגליך, דאס נאר אין זיינע געשפּרעכען מיט מיר האט ער געבּרויכט פיעל דייטשע ווערטער און דייטשע פּסוקים.

די גערעדטע ווערטער פון מענדעלע, זיין גאנצער „פּאראטראג״, האט געהאט קלאנג און געזאנג. עס פלעגט מאנכמאל מאכען דעם איינדרוק, ווי ער איז מעביר די סדרה. עס פלעגט זיך הערען אויך דער אָבּקלאנג פונ׳ם גמרא-ניגון, אָדער דער געזאנג-מאָטיוו פון געוויסע פּיוטים-געזאנגען. זיין וואָרט פלעגט בעגלייט ווערען פון א רייכער מימיק. די נאָז און דאס לינקע אויג האָבּען אין דער מימיק גענומען דעם לעבּעדיגסטען אנטייל. די אינטעריעקציאָנען, די אויסרוף-ווערטער, ווי: נו! נו? עט! פע! און ד. גל. האָבּען פיעל בעדייטעט, בעזונדערס בעדייטעט, אין זיין געשפּרעך.

ער האט געבּרויכט אין יעדען געשפּרעך ציטאטען פון תלמוד, מדרש, אגדה און ד. גל. די מאמרי חז״ל האט ער אזוי איינגעטייטשט און אויסגעטייטשט, דאס זיי האָבּען זיך פולשטענדיג צוגעפּאסט צום ענין פון זיין געשפּרעך.

ניט קוקענדיג, וואס מענדעלע האט אין אלעם געזוכט און אויך געפונען דעם פּראָסטען פּשט, פלעגט ער דאָך ליעב האָבּען אריינבּרענגען אין זיינע געשפּרעכען אביסעל דרוש און פּלפּול. אין גרויסען וואָרט-קינסטלער האט געלעבּט אויך, אין א ווינקעל פון זיין נשמה, דער בעל-דרשן.

קיין געשפּרעך איז בּיי איהם ניט געוועזען אָהן עפּעס א מעשה פון די „אלטע גוטע צייטען״, אָהן א פאָלקס-ווערטעל און אָהן א בּילד.

און אלעס, וואס מענדעלע פלעגט דערצעהלען, האט פולשטענדיג געשטימט און הארמאָניזירט מיט זיין גאנצען וועזען. איבּער אלעס האט ער געאורטיילט פון זיין אייגענעם שטאנדפונקט, אין איינקלאנג מיט זיין אינערליכער וועלט.

זיין געשפּרעך האט עדות געזאָגט אויף א געזונטען מענשען-

פֿערשטאַנד. אויף אַ קלאָרער לאָגיק, און צוגלייך אויף זיין קענטניש פֿון דער פֿאָלקס-נשמה.

די פֿאָלקס-נשמה אַליין האָט פֿון איהם אַרויסגערעדט, ווען אַפֿילו אין דעם לשון פֿון אַ תּלמיד-חכם.

1927

ז. שניאור

פון דעם „ויידענס" קוואַל*)

אַנשטאָט אַ הקדמה

פאַר מײַנע אויגען שטייט עד היום, ווי לעבעדיג, דעם ויידענס כאַראַקטער-קאָפּ מיט דער זילבערנער גריווע האָר, וועלכע שטעלט איהם אַוועק אין איין פרעכטיגער שורה מיט: הוגאָ, איבסען, לאָנגפעלאָוו, טאָלסטאָי, טורגעניעוו, ביערנסאָן און זייער גלייכען.

איך זעה נאָך זיינע בעוועגליכע, פּלאַסטישע קנייטשען איבער זיין ראָזיגען, פרישען געזיכט, זיין הויכען שטערן, זיין שמייכעלע, זיין קוק איבער די שפּאַקולען, די מינעס און גרי-מאַסען, וועלכע געהען איבער זיין ריהרעוודיגען שפּיץ נאָז, וואָס איז געווען פעהיג אויף צעהן פערענדערונגען אין איין מינוט. זיינע שטאַרע פּאָזעס, ווען ער האָט געזוכט נאָך אַ פּאַסענדיג וואָרט, נאָך אַ פּאַסענדיג בילד. און דערביי — דער ליידענ-

*) „פון דעם „ויידענס" קוואַל" איז דורך ז. שניאור אָנגעשריבען אין יאָהר 1922 און ערשיענען אין בערלין אין „כלל-פערלאַג" (1922) 64 ז. מיר גיבען דאָ די זכרונות מיט אייניגע קיצורים.
רעד.

שאַפּטליכער אויסדרוק אין די ווינקלען פון זיין מויל, דער בלאָנדזשענדער פייער אין זיינע קליינע שוואַרצע אויגען — איינגעראַמט אין שמייכלדיגע קנייטשעלעך... דאָס איז ביי איהם שטענדיג געווען די ליידענשאַפט פון אַ געניאַלען סקולפּטאָר, וועלכער שטעהט מיט האַמער און דלאָטע פאַר אַ ווילדען בלאָק מאַרמאָר, מיט דעם שטאַרקסטען ווילען אַרויסצוהאַקען פון פאַר־שטיינערטען שטיק כאַאָס אַ נייע פאָרם, אַרויסצושיילען פונ׳ם ווייסען און האַרטען תּהו־ובהו אַ נייעם בילדליכען קערן...

אַ שאָד, וואָס אַלע זיינע נאָהענטע איילען זיך נישט צו פערצייכענען יעדען געדאַנק, יעדען אַפאָריזם, וואָס זיי האָבען געהערט פונ׳ם זיידען אַליין, פון אַנדערע, פון אַנדערע, וואָס האָבען געלעבט מיט איהם צוזאַמען אָדער אין זיין סביבה. דאָס איז ביז אַהער געטהון געוואָרען נאָר אויפ׳ן שפּיץ מעסער. וואָלטען זיך אַלע זיינע מקורבים דערצו גענומען, וואָלטען מיר אפשר געהאַט נאָך שעהנע עטליכע געקליבענע בענד, אַ צוגאָב צו מענדעלע׳ס שריפטען; נישט וועניגער אינטערעסאַנטע, ווי די, וועלכע דער זיידע האָט מיט זיין אייגענער פעדער געשאַפען.

אָבער נישט אַלץ, ווייט נישט אַלץ, האָבען זיינע נאָהענטע פריינד בעהאַלטען אין זכרון! אַ סך, דאָס בעסטע פונ׳ם זיידען, איז פערלוירען געגאַנגען, אויף אייביג פערלוירען.

אַ קעלבערנער און אַ מענשישער טאַלאַנט.

איינמאַל האָט אַ בעקאַנטער שריפטשטעלער געריהמט פאַר מענדעלע׳ן אַ נייעם יודישען שרייבער, וואָס לויט זיין מיינונג איז ער אַרויס אין דער ליטעראַטור אַ פאַרטיגער, אַ קיילעכיגער און שפּיציגער. מענדעלע האָט געמאַכט אַ מינע און געזאָגט:

—כ׳וויים נישט. איך גלויב קיינמאַל נישט, אַז פון אַזעלכע „פאַרטיגע" וועט עפּעס גרויסעס אַרויסוואַקסען. דאָס זענען תּמיד קעלבערנע טאַלאַנטען. אַ קעלבעל שטעלט זיך גלייך אויף די

פיס, אינ'ם זעלבען טאָג, ווען עס ווערט געבוירען... אַ מענש מוז אַרומקריכען חדשים לאַנג אויף אַלע פיער. פאַלען איבער די אייגענע פיס מוז ער... און טהוט ער זיך אָן אַ כח און שטעלט זיך אַוועק – שאָקעלט ער זיך אַ ווײַלע און האַק! אַנידערגעפאַלען... שרייט. און ביז וואַנען אַ מענשישער ווערט זיך אויס געהען, דערנאָך לויפען, דערנאָך טאַנצען... אַה! יאָהרען געהען אריבער! – פונקט דאָס זעלבע פאַסירט און מוז פאַסירען מיט אַנ'אמת'ען מיט „אַ מענש'שען טאַלאַנט"...

קום קלײַנער!

— אָפטמאָל, ווען איך זיץ און שרײַב – האָט מיר אײַנמאָל מענדעלע דערצעהלט – ווען איך זיץ און שרייב און זוך אַ וואָרט, אַן אויסדרוק, וואָס זאָל קורץ און שאַרף אַרומ־כאַפּען דאָס, וואָס איך וויל זאָגען, קומען צוגעהן אַ סך, אַ סך ווערטער, אַ סך, אַ סך אויסדרוקען, סינאָנימען... און שטעלען זיך אויס אַנטקעגען מיר אין איין שערענגע.

עס שטעלען זיך אויס זאַטע, מיט זיך צופריעדענע ווער־טער; רויע, גראָבע אָהן מאַנירען; שטיפערישע ווערטער, שקצים... רייך בעפּוצטע, אָנגעפּאַרבטע; שטאָלצע, יחוס'דיגע, מיט אַלטע שטאַם צעטלען אין די הענד; ווערטער ציגיינער, ווערטער מלכים... יעדער פון זיי וויל זיך מיר אַרויסווייזען פון דער שעהנסטער זייט. אַנדערע שמייכלען, אַנדערע בעטלען, אַנדערע גיבען אָב טשעסט: „ראַד סטאַראַטסיאַ, מענדעלע!" די יחוס־דיגע, די זאַטע, די רייכע צעזעצען זיך בהרחבה, ווי ביים טאַטען אין ווייַנגאָרטען: „מענדעלע אָהן מיר קענסטו נישט אויסקומען!... מענדעלע, אַז דו וועסט זיין מיט זיבען קעפּ, וועסטו זיך פון מיר נישט אַרויסדרייען!... מענדעלע, כ'קען רוהיג שלאָפען. אַז דו וועסט דאַרפען, וועסט מוחל זיין, מיך אויפוועקען!"

נאָר ערגיץ וואו הינטער דער פאַרביגער ראָטע, פאַרקוועטשט

הינטער די בייכיגע און רייכע ווערטער, שטעהט זיך, נעבעך, א פערשעהמט ווערטעלע, א בעשיידענע, א קליינס, א צארטס, א ציטערדיגס. עס פיהלט זיך שלעכט צווישען אזא'ן עולם מיט גבירים. דאס פינגערעל אין מיילעכעל... טרעהרען שטעהען איהם אין די אויגען.

דערזעה איך עס — לאז איך שטעהן אלע זיינע קאנקו־רענטען און גיב איהם א וואונק מיט איין אויג און מיט איין פינגער:

—א, קום נאר אהער, קליינינקער! שעהם זיך נישט, נעהענ־טער, נעהענטער. אט אזוי! נאר דיך, טייערינקער, דארף איך האבען. נאר דיך!

זעליג דער קורצער און אלטער דער הויכער.

מענדעלע, אלס אן אמת'ער מייסטער מיט א שטארקען זעלבסטבעוואוסטזיין, האט בטבע נישט געקענט אריבערטראגען די קריטיק פון אונזערע גריבלענדיגע, קרענקליכע נאטורען, וואס רק זיי קראצען און רק זיי זוכען; קייען שטענדיג שאלעכץ, און דאס געזונדטע, קערניגע זעהען זיי איבער־הויפט נישט.

צו אזעלכענע איז ער געווען זעהר הארט, אפטמאל — אן אכזר.

דארף זיך איינמאל אפזוכען א יוד פייטעלזאן פון יעקא־טערינאסלאוו, וועלכער איז בעקאנט געווארען אין דער העב־רעאישער ליטעראטור מיט זיינע קריטישע, מ'שטיינס געזאגט, ארטיקלען וועגען יונגען דור שרייבער. א קרענקליכע פערזאן איז עס געווען, מיט גריבלענדיגע נייגונגען. קורצזיכטיג און איינגעבויגען. פערקאטשעט איינמאל אט דער זעלבער פייטעלזאן די ארבעל און שרייבט אן ערגיץ וואו אן ארטיקעל וועגען זיידענס ווערק.

קיינער פון מענדעלע'ס געטרייע לעזער האָבן דעם אַרטיקעל ערענסט נישט בעטראַכט. אַ סך האָבן איהם גאָר-נישט בעמערקט. דעם זיידען האָט דאָס אָבער פערדראָסען. קומט אַמאָל דער פערפאַסער פונ'ם דאָזיגען אַרטיקעל קיין אָדעס און פרעגט זיך נאָך נאָך דעם זיידענס אַדרעס. זאָגט מען פייטעלזאָנען: „געהט נישט! דער זיידע איז ברוגז”... מאַכט פייטעלזאָן: „ס'טייטש! פאַרוואָס ברוגז? אַדרבא. ער האָט דאָס דאָך מחמת ליעבע געשריבען... די „קריטיק” קאָן זיך ערלויבען... אַדרבא”. זאָגט מען איהם נאָך אַמאָל: „געהט נישט!” בלייבט עס דערביי.

אָבער מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיצט דער פערשטאָר-בענער שריפטשטעלער לעווינסקי און נאָך עטליכע ליטעראַטען ביים זיידען. טראָגט מען אריין אַ וויזיט-קאַרטע: פייטעלזאָן. גיט דער זיידע אַ ציה מיט דער נאָז און אַ פרעג פערוואונ-דערט: „וועלכער פייטעלזאָן, אַ שטייגער?” מאַכען צו איהם די געסט: „אַפנים, דער ק ר י ט י ק ע ר פייטעלזאָן”. קוקען זיך איבער. געהט צו איהם מענדעלע אַרויס אין פאָדער-צימער. קוקט איהם אָן פון אויבען אַראָב און פון אונטען אַרויף. אַ נידעריגער, אַ ביסעל דערשלאָגענער מענש איז פאַר איהם געשטאַנען: פייטעלזאָן. מענדעלע אַנטקעגען איהם אַ ריז מיט ברייטע פּלייצעס, אַלט און שטאַרק ווי אַ דעמב.

— איהר ווייסט! — מאַכט צו איהם מענדעלע אָהן אי-בעריגע הקדמות — ביי אונז אַמאָל אין קאַפּוליע איז געווען אַ בעדער, זעליג דער קורצער האָט ער געהייסען, קורץ ווי אַ דייזשקע אויף קרומע פיסלעך. און אַ גביר אין שטעדטעל האָבען מיר געהאַט: עוג מלך הבשן! אַלטער דער הויכער האָט ער געהייסען. ערב יום-טוב פלעגט אַלטער דער הויכער קומען אין דער קאַפּוליער באָד אריין און זעליג דער קורצער פלעגט איהם וואַשען. מילא, אַנזייפען אַליין איז נאָך אַראָב ווי ניט איז. שטעלט אייך אָבער פאָר די סצענע, ווען נאָכ'ן פאַרען און אָנזייפען פלעגט זע-עליג דע-ער קו-ורצער דאַרפען אָב-

גיסען אַ־אַלטער דע־עם הוי־יכען מיט אַ־אַ שע־עפּעל וואַ־אַסער...

דערבײַ איז מענדעלע מיט איין פוס אַרויפגעקלעטערט אויף אַ שטוהל, נאָכמאַכענדיג ווי אַ קורצער וויל נעביך ווערען הויך און קאָן נישט, ווי זעליג דער קורצער וויל דערלאַנגען דעם גביר׳ס קאָפּ...

— צוליב וואָס דערצעהלט איהר מיר דאָס? — פרעגט פייטעלזאָן דערשראָקען.

דער זיידע האָט איהם אָהן הקדמות דערקלערט:

— ווילט איהר, הייסט עס, אָפּגיסען מענדעלע׳ן מיט אַ שע־עפּעל קאַלט וואַ־אַסער?..

דערבײַ האָט זיך דער זיידע אויסגעדרעהט מיט׳ן רוקען אהן אַוועק, איבערלאָזענדיג פייטעלזאָנען איינעם אַליין אין פאָדערצימער.

די קריהע געהט

מענדעלע׳ס זכרון איז אויף דער עלטער שוואך געוואָרען. וואָס שאַרפער אַ מעסער איז, אַלץ לייכטער קאָן ער טעמפּ ווערען. זיין פאָרשטעלונג איז אָבער געבליבען שטאַרק, רייך אין בילדער און אין פאַרבען און פלעג לויפען פאַראויס זיין וואָרט. דערפאַר פלעגען איהם אָפּט מאָל אויספעהלען די גע־ווײַנליכסטע ווערטער, די איינפאַכסטע טערמינאָלאָגיע אויף דעם אָדער יענעם געביט. רעדען פלעגט ער, כמעט שטענדיג, היציג, מיט פייער; און פלוצלינג אָנהויבען שטאַמלען און בלייבען שטעהן ווי פערטראַכט, די האַנד אויפ׳ן הויכען שטערן. ער פלעגט פרובען אָנטאַפּען דאָס ריכטיגע וואָרט, דעם פעלענ־דיגען נאָמען: נו, נו... אָפּט מאָל בעטען, מען זאָל איהם העלפען דערמאָהנען זיך. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ער פלעגט מיט פאַרדראָס אַ מאַך טהון מיט דער האַנד און אַ זאָג טהון מיט אַ שטילען שטאָלץ, מיט אַ פאַר׳סוד׳עט שמייכעלע:

— די קריהע געהט !...

דערמיט האָט ער געמיינט געבען אַ בילד פון אַ טייך, ווען דאָס אייז ברעכט זיך און קריהעס לויפען אָן מיט האַסט איינע אויף דער אַנדערער, ביז זיי פערשפּאַרען דעם שטראָם. . .

„די קריהע געהט !" — ס'הייסט, די בילדער און זכרונות זיינען אַזוי אָנגעלאָפען אין זיין אַלטען קאָפּ... און ניט מחמת שוואַכקייט, נאָר מחמת גבורה מוז ער אָבוואַרטען, ביז די בילדער וועלען זיך אַביסעל צענעמען און דער זכרון וועט זיך בעפרייען...

כ'האָב שוין מורא!

אין מענדעלע'ס אויגען איז זעהר ניט כשר געווען די קונצען-מאַכעריי פון די קלאָמפּערשט יונגע געלערנטע. אַז ער פלעגט לייענען זייערע וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען העברעאיש אָדער יודיש, זייער שווערע שמאַלציגע עברי מיט די לאַטיינערישע האַלבע און גאַנצע פראַזעס, מיט דעם רעש פון גרויסע נעמען און ציטאַטעס, פלעגט ער ווערען אין כעס. סקעפּטיש פלעגט ער עס ציטירען, הויך אויפ'ן קול, און דערביי זעהר קאָמיש פאַרקרימען די נאָז :

— זעהט נאָר, זעהט נאָר, פלעגט ער נאָכקרימען, „גאָ-וואָריט", זאָגט ער, שאָפּענהויער, „גאָוואָריט", מאַכט ער, ניטשע, „גאָוואָריט", הייסט עס, קאַנט... אָבער וואָס „גאָוואָרעסט" דו ?— פלעגט ער זיך ווענדען צום מחבר, פונקט ווי יענער וואָלט איהם געשטאַנען פאַר די אויגען — אַליין, ברוך השם, האָסטו ניט וואָס צו „גאָוואָרען"...

אָפט מאָל פלעגט ער נאָך דערביי צוגעבען אַזאַ מין „זאָאָלאָגישען" פערגלייך :

די שרייבער, וואָס האָבען ליעב צופיל אָנשפּאַרען זיך אויף פרעמדע ציטאַטעס, דאָס זיינען אַלע „ווייך-טיהרע", ס'הייסט,

חיות אָהן ביינער. זיי האָבען ניט קיין אייגענעם חוט-השדרה, שפּאַרען זיי זיך אָן אָן אַזעלכע, וואָס האָבען יאָ.

אַ דריטען מאָל האָב איך דעם זיידען געפונען לייענענדיג אַן אַרטיקעל מיט זעהר קאָמישע גרימאַסען, אימפּראָוויזירענדיג דערביי דאָס געלייענטע, ווי אַן אַרטיסט אויף דער בינע.

— אַ—אַזוי !... פּלאַטאָן האָט געזאָגט, זאָגט ער... פּלאַטאָן?... אוי, איך בין שוין אומגליקליך ! (דערביי האָט ער זיך געהאַלטען מיטביידע הענד פאַר'ן קאָפּ) וואָס ווייטער? קרע—עדאָקווי—יאַ אַבסורדום... לאַטיין? כ'וועל אייך זאָגען דעם אמת, כ'האָב שוין מורא... (דערביי האָט ער זיך גענומען אָברוקען פון זשורנאַל אָן אַ זייט), כ'האָב שוין גאָר מורא אָנצוהויבען זיך מיט איהם...

דערביי האָט מענדעלע געמאַכט אַ געזיכט פון אַ מענשעלע, וואָס דערזעהט אַ לייב אין דער מדבר. ס'איז כדאי געווען צו זעהן דערביי זיינע שאַרפינקע, לאַכענדיגע שוואַרצע אויגעלאַך, וואָס האָבען יונג און שטיפעריש געפינקעלט פון זיין ראָזיג פּנים מיט די שניי-ווייסע האָר און באָרד.

וועמען אָבגעבען אַ גרוס אין ארץ ישראל?

צווישען דער גרופּע „חובבי שפת עבר" אין אָדעס און צווישען מענדעלע'ן איז עפּעס פּאָרגעקומען. אָנגעהויבען האָט זיך דאָס, ווי שטענדיג, פון אַ קליינינקייט און געענדיגט האָט זיך עס מיט אַ שטאַרקען ברוגז. די פּרטים זענען מיר נישט בעקאַנט. איך ווייס נאָר, אַז עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז די „חובבים" האָבען נישט דערלאָזען אויסקלויבען מענדעלען אַלץ אַן ערען-פּאָרזיצענדען פונ'ם העברעאישען פעריין. מענ-

דעלע האָט דערפון קיינמאָל נישט גערעדט, נאָר פערגעסען האָט ער עס נישט. ער האָט זיין כעס אויסגענוצט, אַזוי צו זאָגען, אין אַ קינסטלערישער פאָרם.

איין מאָל איז צו מענדעלען געקומען זיינער אַ בעקאַנ-טער יונגערמאַן, וועלכער איז געפאָרען בעזעצען זיך אין ארץ ישראל. ביים געזעגענען זיך האָט ער ביים זיידען געפרעגט, וועמען ער זאָל דאָרטען אָבגעבען אַ גרוס.

— וועמען זאָלט איהר אָבגעבען אַ גרוס? — פרעגט מענדעלע איבער און טראַכט אַ ווייל. — איהר ווייסט דאָך, די וועלט איז איינגעטיילט אין דומם, צומח, חי ומדבר. ס׳הייסט, זי בעשטעהט פון טויטע שטאָפען, פון שפּראָצענדיגע, פון לע-בעדיגע און פון ריידענדיגע... איז אָט, אויב איהר וועט אין ארץ ישראל טרעפען אַ דומם... דוממים האָט איהר דאָרטען אַ סך... שטיינער, ביינער, חורב׳ת... בערגליך זאַמד — זאָלט איהר זיי, למען השם, איבערגעבען אַ ברייטען גרוס אין מיין נאָמען. נו, טאָמער דערזעהט איהר דאָרטען וואו נישט וואו אַ צומח... אָט, אַ טייטעלבוים, אַ פרישען אתרוג-בוים, אַ מילגרוימיכע, אַ הדס... אַוודאי און אַוודאי דאַרפט איהר זיי פון מיר אָבגעבען אַ שלום-עליכם. נו, אפשר וועט איהר, אויסער דעם, בעגעגע-נען אַ חי, אַ יודישע בהמה אַ צנועה, אַ יודישע ציג מיט אַ באָרד, וואָס שטעהט און מעלה-גרה׳ט איבער די באָקסערען, מיט וועלכע זי האָט זיך אָקאָרשט אָנגעגעסען... מהיכי תיתי... אַ בעל-חיים אין ארץ ישראל... גריסט זיי! פאַר וואָס נישט? נאָר טאָמער בעגעגענט איהר דאָרטען אַ מדבר... אַ מדבר-עברית הייסט עס... אַ חובב, וואָס חובבט „מעך״ און רעדט העברע-איש, אַזעלכען קאָנט איהר דורכלאָזען אָהן אַ גרוס. איך וועל אויך אייך קיין פאַראיבעל נישט האָבען.

וואָס אַ יוד פערגינט זיך

צווישען די, וואָס האָבען מענדעלען אויסגעשלאָסען פון דער אָדעסער גרופּע „חובבי שפת עבר”, איז אויך געווען דער בעקאַנטער ציוניסטישער עסקן פראַנקפעלד. ער איז בשעת׳ן קריג געשטאָרבען. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז פראַנקפעלד געווען איינער פון די הויפּט-אָנפירער אין דער „קאָמפּאַניע” קעגען מענדעלען אינ׳ם פעריין. געוויס איז דער גאַנצער קריג מיט מענדעלען געווען געשמאַקלאָזיג.

איין מאָל איז איינער אַ בעקאַנטער שריפטשטעלער אריינגעקומען צו מענדעלען בעזוכען איהם. דאָס איז געווען דוד פרישמאַן.

געהט איהם מענדעלע אַרויס אַנטקעגען מיט אַ טענה, פונקט ווי זיי וואָלטען שוין פון פריהער אָן געהאַלטען אין שמועסען:

— ווי געפעלט אייך, פרישמאַן, אַזאַ מעשה? ראָטשילד... דוכט זיך, ראָטשילד. ווער קאָן זיך פערגלייכען מיט ראָטשילדען? איז ראָטשילד האָט קיין איינציגען פ׳ אין זיין פאַמיליע. פּאַריז!... אַזאַ שטאָדט ווי פּאַריז... איין פ׳! און נישט אַ פּיי, נאָר אַ פ... מיט אַ דגוש... און אָט אַזאַ יוד ווי פּראַנקפעלד האָט גאַנצע צוויי פייען! וואָס זאָגט איהר, וואָס אַ אָדעסער יוד קאָן זיך פערגינען??

די אַמאָליגע און די מאָדערנע חוה

אין אַ שיינעם פאַרמיטאָג האָבען מיר שפּאַצירט צווישען די געדיכטע אַלייען אין פּאַרק מאָן-רעפּאָ אין זשענעווע (שווייץ). דערזעהען מיר דאָרטען צוויי אונטערגעשוירענע מיידליך פונ׳ם

טיפּ קורסיסטקעס, וואָס שפּאַצירען פּלומרשט אַרום אַ בוים מיט בליהענדען בעז, און אַ כוונה האָבען זיי גאָר אָראָבצופּליקען אַ בליהענדיג צווייגעל... ווי נאָר זיי האָבען אונז דערזעהען פון דערווייטענס, האָבען די מיידלאַך געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז מיינען מיינען זיי גאָר אָנקוקען דאָס שעהנע בליהעכץ און מעהר גאָרנישט. מענדעלע מיט זיין שאַרפען בליק האָט פון דערווייטענס דערקענט אַלע העויות זייערע און האָט זיך געמאַכט כּלא ידע. פּלוצלינג גיט ער מיך אַ פרעג:

— אפשר ווייסט איהר, וואָס מיינען דאָרטען די מיידלאַך מיט זייער אָנקוקען די נאַטור, דער בוים הייסט עס?

— ווילען ווילען זיי אָפּפּליקען אַ פּאָר בלומען... און האָבען מורא.

— מורא? וואָסי? פאַר ועמען, אַ שטייגער, האָבען זיי מורא?

— מכּתמא פאַר'ן שומר פון פּאַרק. כ'האָב געהערט, אַז זעקס פראַנק שטראָף מוז בעצאָלען דער, וועלכער פליקט דאָ אָפּ אַפילו איין איינציג בלימעל.

— נו, איז וואָס? — גיט זיך מענדעלע „בייזער" — און אַז זעקס פראַנק, און אַז זעכציג פראַנק? אויך מיר ווייבער, אויך מיר חוה'ס טעכטער! — האָט ער אויף זיי צוגעשאָקעלט רחמנותדיג מיט'ן קאָפּ — חוה זייער באָבע, אַ ליכטיגען גן עדן זאָל זי האָבען, איז שוין געווען העלדישער פאַר זיי. גאָט האָט איהר מתרה געווען: „אינ'ם טאָג, וואָס דו וועסט עסען פון בוים, וועסטו שטאַרבען"... און זי האָט פאָרט געגעסען און דעם מאַן איינגערעדט, ער זאָל אויך עסען, און נאָר כּדי צו פערזוכען דעם טעם פון אַן עבירה, כּדי צו פערזוכען... און אָט יענע דאָרטען, אונזערע מאָדערנע חוה'ם מיט די אונטערגעשוירענע צעפּלעך... אַז אָך און אַז וועה! זעקס פראַנק שטראָף! מ—נאַ.

די נאַטור אין לאַך

די ליעבע פונ'ם זיידען צו אַלץ, וואָס וואַקסט און בליהט, איז געווען אַן אומגעווייטליכע. כמעט אַ פיזישע ליעבע איז עס געווען. מיט אויגען פון אַ ריידנדיגען אויף זיינע שטומע ברידער האָט ער געקוקט אויף גרינע בוימלאַך, אויף האַלב אויפגעצעפענטע בלימלעך. מער פעלט אייך נישט, איר זאָלט פאַר איהם אין די אויגען אָברייסען אַ פריש צווייגעל, אָב־שניידען אַ בלום און אַריינשטעקען אין קנאָפּ־לאָך! איהר וועט זיך איהם נישט אויסצאָלען.

— הם... איהר זענט, הייסט דאָס, אויך איינער פון די, וואָס שטעקען די „פּריראָדע" אין לאָך אַריין?... גיט ער אייך אַ פרעג אַזוי פון דער זייט און קוקט אַ ביסעלע אַריבער די שפּאַקולען און אַזוי, אַז איהר מוזט זיך פערשעמען.

איין מאָל בשעת אַ „באָטאַנישען" שמועס זאָג איך צו איהם:

— איך רעכען, זיידע, אַז פלאַנצען האָבען עפּעס אויך אַ געפיהל פון ווייטאָג, ווען מען שניידט זיי, ווען מען ברעכט זיי אָב. פאַמעליך, פאַמעליך קומט אָן זייער ווייטאָג, אַ סך אַ סך לאַנגזאַמער, ווי ביי אַ בעשעפעניש מיט אַ נערווען־סיסטעם, אָבער קומען קומט ער אָן. נאָר מיר, לעבעדיגע, קאָנען דאָס דאָזיגע געפיהל נישט בעגרייפען. כדי צו בעגרייפען אַזעלכעס, מוזען מיר האָבען קרעכצען, קאָנוואולסיעס, בלוט...

— וואָס הייסט? — מאַכט צו מיר מענדעלע מיט אַזאַ טאָן, פּונקט ווי איך וואָלט איהם אויפגעטהון אַ נייע און טיעפע חכמה, ווי אַ שטייגער, שנעה איז ווייס און וואַסער איז נאַס... — פלאַנצען, דאָס זענען דאָך אָרגאַנישע בעשעפענישען, וועלכע בעשטייען פון אָרגאַנישע קעמערלעך: אונזערע אָרגאַנישע ברידער!

דערביי האָט מענדעלעס פּנים אויסגעדריקט עפּעס אַזוינס, פּונקט ווי אין זיינע אָדערען וואָלט גערונען אַ קלאָרער, קילער זאַפט, און אויף זיין אַלטען, גלייכען און גרייז-גראָהען קאָפּ וואָלטען געוואַקסען יונגע צווייגעלעך מיט רוישענדיגע בלעטער.

אַ מלך און אַ מלכה

— כי — כי — כי...

מענדעלע פלעגט זיך אָפּט מאָל, אין מיט'ן שווייגען, צעלאַכען מיט אַן איינגעהאַלטענעם דינינקען געלעכטערעל. אָדער ער גיט זיך אַ כאַפּ פאַר'ן נאָז מיט צוויי פינגער, דרעהט זיך אויף איין אָרט ווי אַ דריידעל, גיך, גיך אויף וויפיל זיין עלטער האָט אים ערלויבט און לאַכט דערביי מיט אַ דערשטיקט קול'עכעל. און אַז איהר קוקט איהם אָן פערוואונדערט און נייגעריג, בלייבט ער שטיין, גלייכט זיך אויס און פאַלט אייך אריין מיט אַזאַ אָדער מיט אַן ענליך בילד:

— איהר ווייסט, אַ שטייגער, ווי אַ ליטווישער מגיד גיט אַ משל אין אַ דרשה און מאַלט אייך אויס אַ מלך מיט אַ מלכה? איהר ווייסט נישט?

זיצען זיך אַזוי דער מלך און די מלכה ביים טיש, איינער אנטקעגען דער אַנדערער, די קרוינדלעך אויף די קעפּ, און... קיניגען.

נעמט דער מלך די באָרד אין האַנד, גיט עס אַ גלעט און אַ ביס דעם שפּיץ, און ווענדעט זיך צו זיין מלכה:

— הער נאָר, מיין ווייב, וואָס האָסטו היינט געקאָכט וואַרעמס?

ענטפערט די מלכה:

— וואָס זאָל מען קאָכען? טייגלעך מיט בעבלעך האָב איך געקאָכט!...

אַ וואָראָבייטשיקעל

אין זשענעווע, אין ענגלישען פּאַרק, בין איך איין מאָל געזעסען מיט מענדעלען אויף אַ באַנק און געוואַרעמט זיך אין דער ערשטער ווערסנע-זון.

מענדעלע איז געזעסען אין זיין געוואַנטענעם האַלב-צילינדער-הוט און עפּיס געטראַכט.

אַ וואָראָבייטשיקעל אַ קליינס, גראָהס איז אַראָבגעפלויגען צו אונזערע פיס און גענומען באָדען זיך אין אַנגעוואַרעמטען זאַמד. דערנאָך איז עס אַ ווײלע געבליבען זיצען, ווי אַ קינד אין וואַנע, און אָנגעקוקט אונז פון אונטען אַרויף מיט שפּיצע-כיגע פייגעלשע אויגעלאַך. אַזוי פיל קאָמישע קינדערשע גוט-מוטיגקייט איז געווען אין זיין קוקעלע, וואָס איז געווען דערצו נאָך פאַרשטשורעט פון דער זון. ער האָט, דוכט זיך, געוואָלט זאָגען:

— אייך, מענשען, איז גוט; מיר, מ׳שטייענס געזאָגט, גאָט׳ס בעשעפעניש איז אויך גוט. לאָמיר לעבען בשלום!

מענדעלע׳ן האָבען פלוצים גענומען רינען טרערען פון די אויגען. ער האָט אַרויסגעצויגען זיין שניי-ווייס טיכעלע און גענומען טריקענען זיך די טרערען אונטער די שפּאַקולן.

— וואָס איז, זיידע?

ער האָט מיר אָנגעוויזען אויפ׳ן וואָראָבייטשיקעל און מיט אַ ווייכהאַרציגער, צעוואַרעמטער שטים גענומען ריידען:

— גיט נאָר אַ קוק... סע לעבט... סע וויל לעבען. ס׳בעט זיך... אַ יתומ׳ל אין גאָט׳ס וועלט... אַ פּיטשימאָנטשיקער... אַ ברעקעלע... טשעפּעט מיך ניט... טשעפּעט מיך קיינמאָל ניט... כ׳בין גאָט׳ס מיזיניקעל... וויפיעל דאַרף איך דען אויף דער ערד?... אַ שטיי קאָן צעגיין... אַ צער בעל חיים!...

פּאָסטאַיאַלצעס

מענדעלע איז געווען אַ זקן אַ יוד. ער האָט דערצעהלט, אַז ער איז איבער אַכציג. נאָר מענטשען, וואָס קענען איהם, האָבען געמאַכט אַ רעכענונג פון איבער ניינציג...

מענדעלע איז נאָך כמעט ביז עטליכע חדשים פאַר זיין פטירה געגאַנגען גלייך, מיט'ן רוקען אויסגעבויגען אויף הינ־טען. ח. נ. ביאַליק האָט אויף דעם געמאַכט אַ וויץ, אַז אינ'ם ייידענס עלטער האָבען זיך איבערגעביטען די יוצרות. אַלע אַלטע לייט, וואָס עלטער זיי ווערען, אַלץ מער ביגען זיי זיך איבער נאָך פאָרנט, און מענדעלע — וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ מער בויגט ער זיך איבער אויף הינטען...

דער זיידע פלעגט אַלע אין דער פריה, סיי זומער, סיי ווינטער, נעהמען אַ קיהלע וואַנע און האָט זיך שטענדיג גע־פיהלט פריש. האַלב וויציג, האַלב ערנסט האָט ער זיך נישט איין מאָל אויסגעדריקט, אַז... אָהן הונדערט צוואַנציג גיט ער זיך נישט אונטער... ער האָט מיט דעם רבונו של עולם אַ קאָנטראַקט...

אַזוי האָט ער נאָר גערעדט. נאָר ערגיץ וואו, טיעף אין האַרצען האָט ער געגלויבט, אַז ער וועט לעבען און לעבען, און ס'וועט זיך קיין מאָל נישט ענדיגען. ווי אַזוי דאָס וועט געשעהן, קאָן מען נישט וויסען. אַלע — יאָ, ער — נישט... דאָס האָט מען געפיהלט אין זיין גאַנצען האַלטען זיך, אין זיין בעהאַלטענעם שמייכעלע אין די אויגען־ווינקלען, ווען ער האָט געקוקט אויף יונגערע פון איהם, קרענקליכע...

קיין איינציגער צאָהן איז איהם שוין לאַנג נישט גע־בליבען. נאָר ווי ביי אַלטע לייט, האָבען זיך איהם די יאַס־לעס אַזוי ענטוויקעלט און פערהאַרטעוועט געוואָרען, אַז ער פלעגט מיט זיי קייען אַזוי גוט, ווי מיט צייהן. סיידען ער פלעגט רעדען. אַזוי איז נישט געווען קענטיג, ווייל די באַקען

זעגען איהם געבליבען נאָרמאַל, אָהן איינגעפאַלענע פּער, קנייטשטע לעכער.

בקצור, ער האָט געגומען, אַ פּנים, קוקען אויף צייהן, ווי אויף אַן איבעריגער זאַך, ווי אויף אַן עפּיזאָד, וואָס קומט אָהן און גייט אַוועק אין לעבען.

איין מאָל, ווען ס'איז אויסגעקומען רעדען מכח צייהן, מאַכט ער:

— צייהן, דאָס זעגען דאָך „פּאָסטאָיאַלצעס", שטעהען איין און געהען אַוועק. און אַז פּאָסטאָיאַלצעס געהען אַוועק, ערשט דאַן ווערט גרוימיג אין שטוב. נישטאָ קיין אייגענשאַפט, קיין וועהטאָג... אַ ליכט אין די אויגען!

„ער איז געקומען זיך געזעגענען!"

אַז מענדעלע פלעגט עפּעס קראַנק ווערען, פּערקיהלען זיך אָדער גלאַט פּיהלען זיך שלעכט, פלעגט ער זיך איינוויק-לען אין דער באַבעס וואָלענער פאַטשיילע, אַריינלעגען זיך מיט זיין לאַנגען גוף אין בעט און פלעגט פאַר זיך שטילינ-קערהייט קרעכצען. זיין בטחון, אַז ער, מענדעלע, וועט אומ-גיין דאָס, וואָס וועט אַמאָל קומען, וואָס מוז אַ מאָל קומען, האָט זיך, אַ פּנים, אַ שאָקעל געטהון. ליגט ער זיך אַזוי מיט פערמאַכטע אויגען און זיפצט מיט אָפּגעהאַקטע דערשראָקענע זיפצעלעך:

— מאַמע, אוי, מאַמע, מאַמע, אוי, מאַמע...

דעם זעלבען געפיהל פון בעהאַלטענער מורא פאַר דעם, וואָס מוז אַמאָל קומען, האָב איך איין מאָל דערשפּירט ביי מענדעלען און דווקא אין אַ זומער טאָג און דווקא, ווען די זון האָט געלויכטען, און דער זיידע איז געווען קערען-געזונט. איך בין דאַן צו איהם אַרויפגעשפּרונגען אָבגעזעגענען זיך מיט

איהם, ווייל אין עטליכע שעה אַרום האָב איך געמוזט אַוועק-פאָהרען קיין אויסלאַנד. דאָס איז געווען אין אָדעס.

געפונען האָב איך דעם זיידען אין זיין גרויסער ביבליאָ-טעק, אויף דיעגטיאַרנע נומער 4, ביי אַ ספר און ביי אַן אָפּגעקיהלטען גלאָז טהיי.

איך האָב איהם גלייך דערקלערט, אַז איך 4, אַרויף נאָר אויף אַ פּאָר מינוט.

מענדעלע האָט נישט ליעב געהאַט אַזעלכע געכאַפּטע וויזיטען. ער האָט בכלל נישט ליעב געהאַט לעבען אין איילע-ניש, שרייבען אין איילעניש, שמועסען אין איילעניש.

האָט ער מיר אַ ביסל ברוגזדיג אַ זאָג [illegible]:

— היינט צוליעב וואָס זענט איהר אַרויף?

— זיידע, איך בין אַרויף נאָר געזעגענען [illegible] אייך, ווייל אין אַ פּאָר שעה אַרום מוז איך אַוועקפאָהרען.

דער זיידע האָט זיך אויפגעשטעלט, אָבגעמאָסטען מיך מיט אַ דורכדרינגענדיגען בליק, און... פּלוצלינג געלאָזען זיך לויפען איבער אַלע טהירען, איבער אַלע צימערען פון זיין וואוי-נונג. לויפט און קלאַפּט מיט די טהירען און רופט דער באָבען הויך אויפ'ן קול, דעמאָנסטראַטיוו:

— פּעסיניו, פּעסיניו! וואו ביסטו דאָרט[illegible], הערסט? מען איז זיך געקומען „זעגענען", איז מען [illegible] גי-כער, מען איז געקומען „זעגענען" זיך!...

פון זיידענס קול און פון זיידענס לויפן [illegible] פאַר-שטאַנען, אַז מיין „געזעגענען זיך" האָט אַרויסגערופן [illegible] אַן אַנדער שטימונג, ווי איך האָב געוואָלט. עס האָט ביים זיידען אַרויסגערופען אַ סיטואַציע מיט יעקב אבינו, בשעת ער געזע-געגט זיך מיט זיינע קינדער; מיט משה רבנו, ווי ער געזע-געגט זיך מיט יהושע בין נון.

זייט דעם, קומענדיג צו פאָהרען קיין אָדעס, בין איך צום זיידען קיין מאָל מער נישט געגאַנגען אָפּזעגענען זיך. איך פלעג עס אויסמיידען און פערשווינדען אָהן אַ „זייט גע-זונד"! און דער זיידע האָט דערפאַר קיין מאָל קיין פאַריבעל

גישט געהאַט. פערקעהרט, דערזעהענדיג מיך פלוצלינג נאָך אַ סך חדשים ביי זיך אין שטוב, פלעגט ער מיך אויפנעהמען אַזוי, פונקט ווי ערשט נעכטען זענען מיר זיך צעגאַנגען אין מיט'ן אַן אינטערעסאַנטען און אי עריסענעם שמועס.

אט דאָס איז שוין מ ײן קר[illegible]

מענדעלע האָט אין זיין לעבען מאָי וחתונה געהאַט. דאָס ערשטע מאָל ערגיץ וואו אין וואָהלין מיט אַ גבירס אַ אַ טאָכטער, מיט עפּיס אַ פעהלער. מיר דוכט: מיט אַ בעלמע אויף איין אויג. דאָס צווייטע מאָל מיט דער „באָבען”, ווי מיר האָבען זי אַלע גערופען. אַ הויכע, אַ מאָגערע יודענע פון בערדיטשעוו מיט גרינליכע אויגען. זעהר אינטעליגענט און זעהר קאָרג. אויב זי איז אַ מאָל געוועזען שעהן, דאָס איז, אונז יונגע, שווער געוועזען צו דערקענען, ווייל די באָבע איז געוועזען זעהר איינגעדאַרט ווי אַ מומיע. איך זעה נאָך עד היום פאַר די אויגען איהר הויכע, איינגעבויגענע פיגור, איהרע איינגעשנירטע שטאָלצע ליפּען, איהר אויסגעשטרעקטע מאָגערע האַנד, ווען זי דערלאַנגט טעה, מיט'ן צוקער אין גלאָז און זאָגט אָב איהר פסוק:

— נאַטיע טשאַיו, פּעיטיע! (נאַט אייך טעה, טרינקט).

לעבען האָבען דער זיידע און די באָבע געלעבט בשלום. הלואי אויף אַלע יודישע קינדער געזאָגט געוואָרען. מיט דעם גרעסטען דרך-ארץ איינער צום אַנדערען. קוקענדיג אויפ'ן זיידען, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אַ גליקליכערער אַלטיטשקער איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

איינמאָל אין זשענעווע, וואוהין דער זיידע איז אַנטלאָפען פון די פאָגראָמען נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, זיצען מיר אַזוי ביי איהם אין אַרבייטס-צימער. אַ קליינע גרופּע יונגע לייט סטודענטען און שמועסען. די באָבע איז אַוועק מאַכען טעה. פרעגט אונז מענדעלע, ווי מיר פאַרברייגגען דאָ די צייט. ענט-

פערט מען איהם: גאַנץ גוט, גאַנץ פרעהליך. מע מאַכט לאַנגע שפּאַצירגאַנגען אין די בערג. דער ווײַן אין די דערפלעך איז גוט... מען זינגט. שעהנע מיידלאַך איז אויך דאָ אַ סך.

מענדעלע האָט זיך שטאַרק פעראינטערעסירט און דוקא מיט׳ן „שעהנעם מין״, ווער זיינען זיי, ווי זיי זעהען אויס. יעדער האָט אָפענהאַרציג דערצעהלט פון זיין „דולצינעע״.

דער זיידע האָט זיך דערוואַרעמט, איין בעקעל האָט איהם גענומען פלאַמען, און פלוצלינג מאַכט ער, האַלב מיט געמאַכטען, האַלב מיט אמת׳ען פאַרדראָס:

— און איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז פאַר אַן אומגליק! וואו אַ פּאַסקודסטווע, איז זי דאָ ביי מיר...

אין דער רגע איז אָנגעקומען די באָבע מיט צוויי גלעזער טעה אין ביידע הענט. ווי צוויי הבדלה-בעכער האָט זי עס גע-טראָגען.

האָט זיך מענדעלע אויפגעשטעלט איהר אַנטקעגען, גע-מאַכט אַ מין קאָמישען רעווערענס און אָנגעוויזען אונז אויף איהר מיט צוויי אויסגעשטרעקטע אָרעמס:

— אָט דאָס איז שוין מיין קראַסאַוויצע!...

— וואָ—אָס? וואָ—אָס?... האָט די באָבע אָנגעהויבען פערדעכטיג צו שטאַמלען.

דער זיידע איז גלייך רוהיג און בראַוו געוואָרען:

— גאָרנישט, פּעסיניו, גאָרנישט.

די באָבע האָט אַוועקגעשטעלט ביידע גלעזער אויפ׳ן טיש, מיט׳ן צוקער און טיי, און אָבגעזאָגט איהר פסוק:

— באַטיע טשאַיו! פּעיטיע!

קוקט מיך אָן!

מענדעלע פלעגט זיך נאָר ביסלעכווייז געוויינען צו בייע מענשען. פאַר אומבעקאַנטע איז ער געווען פערשלאָסען, מיט

גייע בעקאַנטע פלעגט ער זיך בענעמען העפליך, אָבער טרוקען. ווי יעדער קאַבינעט-מענטש, וואָס איז שטענדיג אַרייַנגעטהון אין זיין אינערליכער וועלט, האָט ער נישט ליעב געהאַט אומגעריכטע פאַמילערע אורחים. און הויפּטזאַכליך — ווען ער האָט געהאַלטען אין מיטען אַרבעט.

אין אַזאַ מאָמענט קלאַפּט מען איהם איין מאָל אין טהיר און מען זאָגט איהם אָן די בשורה: אַ יוד מוז איהם זעהר נויטיג זעהן.

מענדעלע איז צו איהם אַרויסגעגאַנגען:

— וואָס ווילט איהר זאָגען גוטס?

— איך בין דאָ אין אָדעס אונטערוועגנס — האָט איהם דער גאַסט אָפּגעהאַרציג דערקלערט — איך בין אייערער אַ טרייער לעזער, אַ חסיד אייערער, האָב איך זעהר, זעהר געוואָלט אייך אָנקוקען...

— אַזוי! אָנקוקען?

מענדעלע האָט זיך פאַר זיין גאַסט גענומען דרעהען אַרום זיך אַליין:

— אָט, אָט, ביטע, קוקט מיך אָן פון פאָרענט... אַצינד, זייט מוחל, פון דער רעכטער זייט. פאַרטיג? און אָט האָט איהר מיך פון הינטען. שוין?.. איצטער, איך בעט אייך, די לינקע, די לינקע זייט. בעפריעדיגט?

און דער זיידע לאָזט שטעהן דעם אומגעבעטענעם אורח און געהט אַוועק גלייך צו זיך אין קאַבינעט אַריין.

גוואַלד... איהר לאָזט דאָך גאָר אַ וואָרט נישט אויסריידע

מענדעלע איז געווען אַ שטאַרקער פוס-געהער. לאַנגע שפּאַצירונגען האָט ער ליעב געהאַט דאָס חיות. אויף זיין אַלטען סוקעוואַטען, אונטען אָפּגעריבענעם שטעקען פלעגט ער זיך

זעלטען אָנשפּאַרען. ער פּלעגט איהם האַלטען גלאַט אַזוי אין דער לינקער האַנד. די רעכטע האַנד אין בוזעם. דעם שטעקען פ'עגט ער נעמען אין דער רעכטער האַנד און אַראָבלאָזען אויף דער ערד נאָר דאַן, ווען ער פלעגט דערזעהען, גיכער דער־שפירען, נישט ווייט פון זיך אַ קאַנאַווקע, אַ פערדעכטיגען שטיין, אַ משופּעדיג בערגעל. אָפט מאָל פּלעגט ער נאָך דער־ביי נעהמען זיין באַלייטער אונטער'ן אָרעם... נאָר כּדי מען זאָל נישט מערקען, אַז דאָס טהוט ער מחמת מורא געשטרויכעלט צו ווערען, פלעגט ער דערביי אַריינפּאַלען מיט אַ פּאָר ווערטער, ווי איינער, וואָס בינדט אָן אַן איבערגעריסענעם שמועס:

—יאָ, איז וואָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגען דערמיט...

— מיט וואָס?

—אָט מיט דעם... מכּה וואָס האָבען מיר אָקאָרשט גערעדט?

אָבער ווי נאָר די קאַנאַווקע אָדער דאָס פערדעכטיגע בערגעל איז אַריבער, פלעגט שוין מענדעלע ווידער אָבלאָזען דעם בעלייטערס אָרעם, פּלעגט שפּרייזען פראַנק און פריי, איין האַנד אין בוזעם-קעשענע און מיט דער צווייטער געוויגט דעם סוקעוואַטען שטעקען אָדער געקלאַפּט צום טאַקט אויף די שטיינדלאַך אין וועג.

ריידען האָט מענדעלע געקענט שעה'ן-לאַנג, ווי אַלע עלטערע קינסטלער און דענקער, וועלכע קענען נאָך געבען און נישט מעהר נעמען. זיי ווייסען צופיעל, זיי האָבען דערלעבט צופיעל — ווילען זיי זיך נאָר אַרויסזאָגען. אויסצוהערען דעם צווייטען, דעם יונגען דור, האָבען זיי מעהר קיין שום געדולד און קיין שום אינטערעס. זייער וועלט איז שוין אָבגעשלאָסען, אויסגעפּולט. אויך דער גרעסטער רעזערוואוואַר איז בעגרעניצט. נאָר די יוגענד איז עלאַסטיש און קען אויפנעהמען מעהר, וויפיעל זי בעדאַרף.

מאַכען מיר איינמאָל אַ לאַנגען שפּאַציערגאַנג צום פּטי־סאַלעוו (אַ באַרג אין זשענעווע). ביז'ן סאַלעוו איז אַ וועלכע אַכט קילאָמעטער, צוריק — אַכט קילאָמעטער. האָבען מיר אַ קימא-לן פון זעכצעהן קילאָמעטער. אַרויסגעגאַנגען זיינען מיר

נאָך פריהשטיק אַ זייגער עלף, און געקומען צוריק אין שטאָדט אַ זייגער פיער – פינף נאָכמיטאָג. כמעט די גאַנצע צייט האָט מענדעלע דערצעהלט. איך בין געגאַנגען און זיך צוגעהערט און שווייגענדיגערהייט בעוואונדערט דעם זיידענס פיזישע קראַפט און אויסדויער. פאַר דער גאַנצער צייט האָט זיך מענדעלע נאָר צוויי מאָל צוגעזעצט אויסרוהען. די געשיכטעס פון זיין לעבען, זיינע ביבלישע, גראַמאַטישע, זאָאָלאָגישע, און באָטאַנישע בע־טראַכטונגען זיינען געווען אַזוי אינטערעסאַנט און אַזוי פאַר־בענרייך, אַז איך האָב קיין שום חשק נישט געהאַט איבער־שלאָגען איהם אין מיטען. ס'האָבען זיך ביים זיידען, אַזוי צו זאָגען, מיט איין מאָל אויפגעשפאָלטען אַלע קוואַלען און פאַר־שפרודעלט מיט זייער שום דעם שליאַך, יעדען בוים און שטיין און פויגעל – אַלץ, וואָס מיר האָבען באַגעגענט אויף אונזער שפּאַציר.

נאָר פאַרנאַכטליך, ווען איך האָב דעם זיידען צוגעפיהרט צו זיין הויז, האָב איך מיך דערפיהלט מיד און גענומען זוכען אַ מיטעל ווי אָבצושטעלען דעם זיידענס ברויזענדיגען געשפרעך. מאַך איך:

– זיידע, ענטשולדיגט, וואָס איך פאַל אייך אריין אין די רייד. כ'האָב אייך טאַקע געוואָלט זאָגען, אַז...

שלאָגט מיר איבער מענדעלע מיט בעהאַלטענער קפידה:

– געוואַלד, ס'צרא מאָדנער מענטש איהר זייט! איהר לאָזט דאָך גאָר אַ וואָרט נישט אויסריידען...

נישט ווילענדיג האָב איך אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער:

– עי, זיידע, דאָס איז שוין נישט ריכטיג, איך בעט אייך איבער, אָבער איהר רעדט דאָך שוין, קיין עין הרע, אַ שעה פינף. איך האָב דאָך די גאַנצע צייט געשוויגען.

דער זיידע איז אַ ווײַלע שטעהן געבליבען פאַרפלעפט. עפּיס ווי אויפגעכאַפט זיך פון טיפען טרוים. ער האָט זיך אַ רייב געטהון דעם שטערען:

– יאָ, מאַכט ער, כ'בין שוין אַ–לט!

דאָס איז געווען דאָס איין איינציגע מאָל פּצו' דער

גאַנצער צייט, וואָס איך האָב מענדעלע'ן געקענט, ער זאָל זיך מודה זיין, ער איז שוין אַלט.

ווי אַזוי עס וואַקסט אַן אוגערקע

בשעת'ן שפּאַצירען פלעגט מענדעלע קיין איין זאַך נישט דורכלאָזען אומבאַמערקט. אַ בוים: אַהאַ! אָט אַזוי וואַקסט ער, אָט אַזוי בליהט ער! אַ פויגעל דורכגעפלויגען: אַהאַ! אָט דאָס איז ער, אָט אַזוי לעבט ער, אָט אַזאַ נעסט בויט ער; אַ זשוק גראַבעלט זיך אין גראָז: אַ זשוק? ס'קאָצעל קומט! אַ גאַסט! און באַלד אַ פּרעס צו דעם האַלז, אַ מאַך מיטביידע אָרעמס, און מענדעלע ווערט אַ זשוק, אַן אמת'ער זשוק. נאָר אין גרויסען פאָרמאַט.

מענדעלע פלעגט מערקווירדיג קאָפּירען אַלע חיות און עופות און אינסעקטען, וואָס ער האָט געקענט פון זעהן אָדער וואָס ער האָט אַמאָל שטודירט, בעאַרבייטענדיג אין העברעאיש זיין נאַטור-געשיכטע: „תולדות הטבע". וויל ער, ווערט ער אַ לייב מיט ברענענדיגע אויגען, וועלכער געהט אַרום אומרוהיג און קייזערליך אין שטייג; אַן אָדלער מיט אַ קרומען בלוט-דורשטיגען שנאָבעל און מיט אָנגעצילטע, שאַרפע נעגעל, בשעת ער פאַלט אַרויף אויף זיין קרבן; אַ ברילען-שלאַנג, אַ ווילדע קאַטשקע; אַ שטאָרך אויף איין פיסעל, וועלכער קוקט לאַנג-נאָזיג און רב'ניש אין וואַסער אַריין, מיט זיין פליכעוואַטען קאָפּ „אָהן אַ יאַרמעלקע"...

די פיינסטע, האָר-דינע עפעקטען, ביים קאָפּירען, האָט מענדעלע דערגרייכט מיט'ן שפּיץ-נאָז. אַזאַ מין בעוועגליכען שפּיץ-נאָז האָט שוין דער זיידע געהאַט. דאָס מיטעל-ווענטעל פון זיין נאָז איז געווען עטוואָס לענגער פון די נאָזלעכער. דאָס האָט איהם צוגעגעבען אַן אויסדרוק פון סאַרקאַזם, פון „צולהכעיס". דערויף איז געזעסען אַ וויכער טעמפּער שפּיץ, אַ

בעוועגליכס, א צאפעלדיגס, פול מיט געפיעל און מיט נערוועז. א מין אויסגאנגס-פונקט פון אלע זיינע גרימאסע.

— איהר ווילט זעהן — מאכט איינמאל דער א לייב מאכט א ברכה אויפ'ן שטיק פלייש, איידער ער נעמט זיך עסען?

מענדעלע'ס שפיץ-נאז גיט זיך איין ציה. די נאז ווערט טעמפ און פארשוואומען מיט דער אויבערשטער ליפ, ווי ביי א גרויסער קאץ. די אויגען ווערען שטאר און גרויס און צינדען זיך אן. די הענד קרימען זיך אוים ווי מורא'דיגע לאפעס און רוקען זיך אריין טיעף אין א ווייכער זאפטיגער מאסע.

— אצינד קומט די ברכה! — זאגט מענדעלע, פארווארפט דעם קאפ אן א זייט און לאזט ארויס א ברייטען, ווייכען און טיף-דונערענדיגען ריטש:

—ר—ר—ר—ה—ה!

ערשט דערנאך נעמט ער זיך צום „רייסען“ און „פרעסען“.

— אהן אט דער דאזיגער צערעמאניע — דערקלערט נאכ-דעם מענדעלע, ווען ער ווערט צוריק א מענש — אהן פאר-ווארפן די גריוועע אן א זייט, אהן צודעקען דאס שטיק פלייש מיט די לאפעס, ווי א פרומער יוד, להבדיל, די חלות... און אהן א ריטשע טהון זיין „ה—ה—מוציא“ קען רבי לייב נישט עסען. אז מען שמועסט... א—א פרומע זאך!

— איהר ווילט זעהן — גיט מיך מענדעלע א פרעג א צווייט מאל — ווי עס וואקסט אן אוגערקע?

מענדעלע'ס שפיץ-נאז גיט זיך א ציה, נאך איהם דער גאנצער פנים, דער האלז, דער גאנצער גוף — אלץ ווערט עפיס אזוי שמאל און ציהט זיך קאפ-אראב, און אלץ אזוי לאנגזאם, לאנגזאם אין איין געקרימטער ליניע, וועלכע בלאזט זיך אן און גלייכט זיך דערנאך אויס... און איהר זעהט פאר זיך בעשיימפערליך ווי א יונגע אוגערקע פול מיט בלאטירלאך קריכט געבויגען מיט דעם געלינקען, בליהענדיגען בעכערעל איבער'ן בייט, ווערט אלץ לענגער און קרימער, גיסט זיך אן

מיט זאַפט, שטופט אָב מיט'ן נאָז די בלעטער, גלייכט זיך אויס און בלייבט ליגען בייכיג און צייטיג אויף דער זאַפטיגער ערד.

אַ גביר און אַ דאָקטאָר

מענדעלע מוכר ספרים, דער חכם, דער טיפער קינסטלער, דער סאַרקאַסט, דער ערשטער קעמפער פאַר'ן יודישען אַרבייטער און אָרימאַן, האָט אָבער אין זיין פּריוואַטען לעבען מיטגעבראַכט פון זיין קאַפּוליע דעם איינגעוואָרצעלטען, כמעט אינסטינקטיווען יראת-הכבוד פאַר'ן גביר און פאַר'ן דאָקטאָר. ער האָט זיך דער-פון נישט געקאָנט בעפרייען דאָס גאַנצע לעבען.

אָפט מאָל אין געשפּרעך, ווען ער פלעגט דערמאָנען די גרויסקייט פון פערגאַנגענעם דור, איבערצעהלען זיינע מעלות און דערגעהן צו... גביריש'קייט, פלעגט ער מיט איין מאָל נעמען שאָקלען מיט'ן אַלטען קאָפּ, ווי נאָכ'ן פערזוכען אַ גוטען ווין און מיט האַלב-געשלאָסענע אויגען, מיט אַפּעטיט און מיט אַ טיפען ברוסט-קול אַרויסריידען:

—געוועזען אַ—אַ גביר—ר—ר אַ—אַ יוד, אַ—אַן אדיר—ר—ר!..

איך פלעג בלייבען זיצען פאַרגאַפט און אָנקוקען מענ-דעלע'ן מיט חשד: מיינט ער עס ערענסט, אָדער טרייבט ער קאַטאָוועס? רעדט עס אַ יוד מיט השגות פון אַמאָליגער קאַ-פּוליע, אָדער — דער דיכטער פון דער „קליאַטשע"?

מענדעלע האָט עס געמיינט זעהר ערענסט.

נאָך שטאַרקער פלעגט זיך, פון צייט צו צייט, אַרויסריי-סען זיין בעהאַלטענער קאַפּוליער דרך ארץ פאַר'ן „דאָקטאָר": נישט פאַר'ן מענטש, נאָר פאַר'ן טיטעל „דאָקטאָר", מעג ער אויך זיין אַ ליאַדי דאָקטאָרעל פון בערנער דאָקטוירים.

איך האָב אין זשענעווע געקענט אַן אַנטיפּאַטישען נפש מיט צוויי קליינינקע, כיטרע אויגלעך. ער איז אָבער געוועזען בּאַטיטעלט. „דאָקטאָר" האָט מען איהם גערופען. מיר דוכט,

מעדיצינער איז ער געוועזן. ער האָט, אפנים, גוט געוואוסט מענדעלעס שוואכע סטרונע און געשפּיעלט אויף איהר. ער פלעגט אַרויפגהען צום זיידען מיט דער אַראַגאַנץ און מיט דער ברייטקייט פון אַ תכשיט, וואָס אַלץ איז איהם ערלויבט:

— גאָספּאָדין אַבראַמאָוויץ דאָמאַ? יאַ נאַמערען וויטאַשטשיט יעווא פּאַגוליאַט! (הער אַבראַמאָוויטש איז אין דער היים? איך האָב בדעה אַרויסשלעפּען איהם שפּאַצירען!)

ווי נאָר מענדעלע פלעגט דערהערען זיין קול אין קאָרידאָר, פלעגט ער אָבברעכען אין מיטען שמועס. אויפגעהויבען זיך און עפּיס געוואָרען נישט מיט אַלעמען. „אַה... דער דאָקטאָר איז געקומען!" — פלעגט ער אַרויסרעדען מיט חשיבות און באַטאָנען דאָס וואָרט „דאָקטאָר". שמועסענדיג מיט'ן דאָקטאר אויף אָדעסער רוסיש, פלעגען זיך ביים זיידען רויטלען די קנייטשען אויף די באַקען, ווי ביי אַ פערליעבטען, בשעת ער רעדט פאַר עדות מיט זיין שטאָלצער געליעבטער, וועלכע ערלויבט, מען זאָל זי ליעבען...

און דאָס איז געווען מענדעלע דער גרויסער יודישער שרייבער, דער שעפער פון צוויי נייע סטילען, אייגענטליך — צוויי ליטעראַטורען: ניי-יודיש און ניי-העברעאיש, וועמענס טיפע קענטעניש אין געשיכטע, זאָאָלאָגיע און באָטאַניק אליין האָט מען געקאָנט פּערטיילען אויף פינף אַזעלכע ליאַדי דאָקטוירימלאַך, ווי זיין גאַסט. אָבער זיין גאַסט איז געווען אַ „דאָקטאָר" און מענדעלע — נישט. און דאָס איז שוין געווען גענוג, מענדעלע זאָל פאַר איהם בטל ווערען.

כדי צו ערקלערען אַזאַ רעטעניש און גרינגער צו מאַכען מיין אַנטוישונג, פלעג איך נעמען צו הילף מענדעלעס דאָפּעלטען „איך", ווי ער אַליין האָט עס אין זיינע ווערק בעשריבען. מענדעלעס „איך", וואָס האָט זיך געטיילט אין „חכם" און אין „שוטה"...

און אַזעלכענע מאָמענטען פון ליידענשאַפטליכער אויפרעגונג ביים זיידען, בשעת רעדען מיט אַ „דאָקטאָר" און מיט אַ „גביר", איז צווייפעל נישט געווען, אַז דאָס

איז אַרויסגעשפּרונגען „מענדעלע דער שוטה", דער פּערלעגענער קאַפּולירער אָרים-בחור, און מענדעלע דער חכם האָט קיין כּח נישט געהאַט אָבצוהאַלטען איהם.

דער שטעקן

מענדעלע האָט געהאַט פּערטיפּען זיך נישט נאָר אינ'ם לעבען פון מענטשען, חיות און פּלאַנצען, נאָר אויך אין שטיל-לעבען פון טויטע פּערגליווערטע זאַכען, אין דער „טויטער נאַטור".

ער האָט מיר איינמאָל עטליכע מאָל דערצעהלט, ווי ער רעדט מיט שטיינער און ביינער, מיט טעלער און טישען, מיט שפּאַלטען אויפ'ן וואַנט... און קריגט אַן ענטפער. יעדער געגענשטאַנד האָט ביי איהם, ווי ביי יעדען קינסטלער מיט אַ שטאַרקער פּאַנטאַזיע, געהאַט אַ פיזיאָנאָמיע. און די פיזיאָ-נאָמיע איז נישט געווען אַ בעשטימטע. זי האָט זיך געקאָנט בייטען ווי אַ שטימונג, ווי די קאַפּריזען פון ליכט און שאָטען.

מענדעלע האָט געהאַט אַ שטעקן. אַ סוקעוואַטער ליבער שטעקן איז עס געווען, מיט אַן אויסגעגלעט קעפּעל, נישט הונט, נישט פערד, מיט אַ ריהמענדעל דורך די אויערען דורכגעצויגען. אויף דעם דאָזיגען שטעקען פלעגט זיך מענ-דעלע כּמעט ווי נישט אָנשפּאַרען. נאָר גלאַט אַזוי, כּדי צו האָבען עפּיס אין האַנד. דער שטעקן אליין איז צו קורץ געווען, אַז מענדעלע מיט זיין הויכען וואוקס זאָל קאָנען, ווי געהעריג, בענוצען זיך מיט איהם. כּמעט אַ דריטעל פון שטע-קען האָט זיך אויסגעריבען. אַ סך יאָהרען האָט איהם דער זיידע מיטגעטראָגען, מיטגעשלעפּט אויף פעלדער און וועגען און טראַטואַרען. מענדעלע איז געבליבען ביי זיין שלאַנקען הויכען וואוקס אין זיין שטעקען איז נעבעך קירצער געוואָרען.

— קוקט איהם נאָר אָן — האָט מיר מענדעלע איין מאָל

אָנגעוויזען אויף זיין סוקעוואַטען „פריינד״ — אַז ער וואָלט געווען אַ מענטש, וואָלט ער שוין געהאַט אור-אור-אייניקלעך. איך האָב איהם ליעב. ער האָט מיך ליעב. מיר קענען זיך פון די קינדער יאָהרען אָן. מיר פערשטעהען זיך ביידע זעהר גוט. איך אַליין האָב איהם בעקומען אַ מתּנה פון איינעם אַן אַל־טען מאַן. מיר דוכט זיך, אַז ער האָט שוין אַ נשמה. נישט אומזיסט טראָגען איהם אַרום מענשישע הענד שוין וואָסערע הונדערט יאָהר! ער ברוגזט זיך אויף מיר, ווען איך האַלט איהם נישט אַ שטיקעל צייט אין האַנד. שטעהט אין ווינקעל און גלאָצט זיך, איז אייפערזיכטיג. קאָן איך נישט זעהן זיין צער. נעם איך איהם, אָפּט מאָל אין מיטען דער אַרבעט, און גיב איהם אַ גלעט איבער׳ן קעפּעל:

— שאַ — שאַ, זיי נישט אין כּעס. איך האָב דיך נישט פערגעסען. דו זעהסט דאָך, אַז איך בין פערנומען...

— איהר זעהט, וואָס פאַר אַ גלאַט קעפּעל ער האָט?...

איין מאָל האָט זיך מיר געחלומט אַ וויסטער חלום, נישט היינט געדאַכט. ס׳האָט זיך מיר געחלומט, אַז מיין שטעקען איז פערפאַלען געוואָרען. נישטאָ מעהר קיין שטעקען! האָב איך זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין, כּמעט מיט ספּאַזמעס... גלייך אַראָבגעשפּרונגען פון בעט און געלאָפען צום ווינקעל, וואו ער שטעהט, אָנגעטאַפּט איהם אין דער פינסטער, געפונען. האַ — האַ! ער איז דאָ. טפו — טפו... אויף וויסטע פעלדער אַזאַ חלום! מיין שטעקען איז דאָ. —

דער אַלטער און דער נייער קאַם

אַן ענליכע מעשה האָט מיר מענדעלע דערצעהלט פון זיינע צוויי האָר־קאַמען.

— צייט מיט יאָהרען האָב איך בענוצט אַ קאַם. דער קאַם איז אפילו געווען אַביסעלע אַלטמאָדיש, אָבער סאָליד,

אמת טאָקי, עטליכע צייהן האָבען איהם שוין געפעהלט, און די איבעריגע צייהן זענען שוין געװען אביסעלע אויסגעקרומט, א קאַפּעלע אָנגעשפּאָלטען, אָבער איך בין איהם געבליבען טריי. איהר זאָלט מיר ברײנגען א גאָלדענעם קאַם אַנשטאָט איהם, װאָלט איך איהם נישט פערביטען. אין דערפריה, װי נאָר איך האָב בענעצט דעם קאָפּ, האָט ער מיר שוין צוגעשמייכעלט פון טואַלעט-טישעל אונטערטעניג און פריינדליך, װי אַן אַלטער דינער אָהן ציין אין מויל:

— א גוט מאָרגען, װאַשע סיאַטעלסטװאָ! איך בין גרייט אייך צו בעדיענען!

— ויהי היום, ברענגט מיר מיין טאָכטער א מתנה א נייעם שעהנעם קאַם פון העלפאַנט-צאָהן. א פיינער קאַם. געטאָקט. ציין װייסע, גלאַנצעדיגע, װי ביי א יונג װייבעל. בין איך געבליבען אין פערלעגענהייט, װאָס זאָל איך דאָ טהון? צוריק געבען אָדער בעהאַלטען דער טאָכטערס מתנה, װעט זיך די טאָכטער בעליידיגען. אַװעקלעגען אין שלאָף-צימער אויפ'ן װאַש-טיש דעם נייעם קאַם — װעט זיך דער אַלטער קאַם בעליידיגען... װאָס זאָל איך אייך זאָגען, אברהם אבינו איז געװען גרינגער איינצופיהרען די יונגע דינסטמויד הגר'ן אַנטקעגען דער אַלטער עקרה, שרה אונזער מוטער, װי מיר, להבדיל, דעם נייעם קאַם אין שכנות מיט'ן אַלטען... פון אַרויסװאַרפען דעם אַלטען קאַם אינגאַנצען האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. איך װאָלט בשום אופן נישט דערלאָזען, אָנטהון מיין איבערלעבער אזעלכע בזיונות אויף די עלטערע יאָהרען. בקצור, דער אַלטער האָרענער קאַם איז געבליבען אויף זיין פּאָסטען, אויפ'ן רעכטען זייט פון װאַש-טיש, און דער נייער — אויפ'ן לינקען זייט. די ערשטע צייט האָב איך זיך נאָך אַלץ געקעמט מיט'ן אַלטען קאַם, און נאָר אביסעלע, פון צייט צו צייט, דערקעמט זיך מיט'ן נייעם. נאָר ביסלעכװייז האָט דער יונגער קאַם פון העלפאַנט-ביין, מיט די לאַכעדיגע װייסע ציין, גענומען די אויבערהאַנד. ער איז טאַקע געװען בעקװעמער, גלאַטיגער און אָנגענעהמער פאַר'ן קאָפּ. כ'האָב זיך לסוף צוגעװעהנט צום נייעם

און „געפעלשט א פעלשונג" אין אלטען מאכרעסדיגען קאם...
און דער אלטער ליגט נעביך עד היום דערביי און קוקט צו, א צוקרימטער, א פערטריקענטער, א „סקאלעזובער", ווי איך פליר־טעווע פאר'ן שפיגעל מיט'ן נייעם קאנקורענט זיינעם... אפט מאל הער איך פשוט, ווי ער וויינט שטילערהייד, שאמקעט ווי אן אלטיטשקער מיט אויסגעפאלענע ציין:

— „אט דאס האט מען אויף דער עלטער... אט דאס איז די דאנקבארקייט, אז מען ווערט אלט!"

— טהו איך אויף איהם בייז א קוק און גיב א מורמעל מיט הארץ: געגוג צו נודיען, פארא טשעפסט זנאט! וועסט מיר אזוי ווייטער פערביטערען מיינע פריהמארגענם, וועל איך דיך לאזען ארויסווארפען אין מיסטקאסטען, דו הערסט, דו אלטער תרח דו!..

נאר באלד כאפט עס מיך ביים הארצען: אן א־נוואליד נעבעך, אזא אלטיטשקער דינער... א געטרייער... גיב איך א ווארף דעם נייעם, ווייסען קאם און נעהם זיך קעמען מיט'ן אלטיטשקען. איך קעם זיך און טרייסט איהם:

נו, שא — שא... וויין נישט! אט זעהסטו, אט קעם איך זיך מיט דיר ווידער. איך רייס מיר די האר פון פאטילניצע... נאר פערקלאג מיר נישט מיין קאפ, פערקלאג מיר נישט מיינע יאהרען!..

דאס הערינגעל

מענדעלע האט ליעב געהאט ספעציפיש יודישע מאכלים. געהאקטען הערינג מיט איי און עסיג האט ער ליעב געהאט דאס חיות.

נאך עטליכע וואכען פאר זיין פטירה, ווען ער איז געלעגען האלב פאראליזירט אין אדעסער שפיטאל, און עסענווארג

איז קנאַפּ געוואָרען, ד׳האָט ער געבעטען. מען זאָל איהם טהון אַ חסד און פערשאַפען אַ שטיקעל געהאַקט הערינגעל.

די באַרעמהערציגע שוועסטער אין שפּיטאָל האָט עס איהם געטהון. געקראָגען אַ גוטען הערינג, איינגעהאַקט מיט איי, מיט ציבעלעס, מיט עסיג; אויסגעלעגט אין דער פאָרם פון אַ גאַנצן הערינג צוריק אויפ׳ן טעלער, און כדי עס צו פערשענערען האָט זי דאָס נישט-צוהאַקטע קעפעל צוגעפּאַסט פון איין זייט, דאָס עקעל — צו דער צווייטער זייט, און אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש. בשעת מענדעלע האָט געכאַפּט אַ דרימעל.

אַז מענדעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער צו זיין גריסען פערגעניגען דערזעהן פאַר זיך זיין געווינשט מאכל. ער איז אָבער געבליבען ליגען און לאַנג בעטראַכט איהם פון בעט אַרויס, מיט אַ מאָל איז אָנגעקומען ח. נ. ביאַליק, וועלכער האָט זיך דאַן אויך געהיילט אינ׳ם זעלבען שפּיטאָל.

מענדעלע האָט איהם געבעטען זעצען זיך נעבען זיך, אָנגעוויזען איהם אויפ׳ן הערינגעל און געזאָגט:

— איהר זעהט מיר ביידע קוקען זיך שוין איבער אַ רעכטע ווייל און מיר שמועסען זיך דורך... איך האָב זיך דאָ נישט לאַנג אויפגעכאַפּט און דערזעהן, ווי ער קוקט אויף מיר מיט זיין פערזאַלצען אויגעל. אַז איך האָב זיך אויסגעשטשוכעט און גענומען קוקען אויף איהם מיט אַפּעטיט, האָט ער זיך דערשראָקען:

— זעה... מענדעלע... וואָס קוקסטו אַזוי?

— וואָס אַהרט דיך, זאָג איך, נאַרעלע, וואָס איך קוק?

— נאָר ווי איך האָב געמאַכט אַ בעוועגונג, האָט ער זיך נאָך מעהר דערשראָקען:

— זעה... זיידע... וואָס ווילסטו טה׳און?

מאַך איך שוין צו אים מיט רציחה:

— איך... איך וועל דיר טאַקע אויפעסען!

בעט זיך אַלץ ביי מיר דאָס הערינגעל, רחמים-תחנונים נעט ער זיך:

— זעה... מענדעלע... טשעפּע מיך ניט... אָט, זעה... דו

ליגסט זיך אַזוי אויסגעצויגען... קראַנק... און קוקסט... איך ליג אַזוי אויפ'ן טעלערל מיט צוהאַקטע זייטען און קוק... לאָמיר זיך אַזוי ווייטער ביידע ליגען און קוקען... איטליכער אויף זיין אָרט... וואָס אַרט דיך? טשעפּע ניט...

ס'לעקעכל

די באָבע, ווי שוין פריהער דערמאָנט, איז געווען אַביסעל קאַרגליך. פאַר געוועהנליכע געסט האָט זי דערלאַנגט נאָר טיי, מיט צוקער אין גלאָז. פאַר אויסערגעוויינליכע געסט — פאַראַיאָריגע מצה אָדער פאַראַיאָריגע קעקס. איינמאָל, אין שבת, האָט זי מכבד געווען דעם עולם מיט מצה צום טיי. האָט איר איינער געמאַכט אַ קאָמפּלימענט:

— אוי, באָבע, איהר זענט דאָך עפּיס גאָר אַ בריה! איהר האָט נאָך מצה פון פסח.

רופט זיך אָפּ די באָבע מיט שטאָל, .

— ס'איז דען פון דעם פסח? ס'איז דאָך מצה פון פאַר צוויי יאָהרען פסח...

משמעות, אַז די רייה פון היי-יאָריגע מצה איז נאָך ניט געקומען.

מען קאָן ניט זאָגען, אַז דער זיידע איז זעהר צופרידען געווען פון דער באָבעס עקאָנאָמיע. נאָר ער איז געווען אַ איידעלע נשמה, אויף איין זיין אייגענער וועלט, האָט ער זיין רוהע און האָט איהר דעריבער וועגען איהר בעלי-בתיש'קייט קיינמאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט. האָט אָפּט מאָל, ווי אַן עכטער סטאָאיקער, מיטגעמאַכט דאָס איבערגעטריבענע שפּאָרעניש. איך וויל דאָ ברייננגען נאָר איין קליינע אילוסטראַציע:

איינמאָל אין אָדעס — שוין נאָך זשענעווע — האָבען מיר זאַלבעצווייט באַזוכט דעם זיידען. מיר דוכט, י. ד. בערקאָוויץ

איז געווען דער צווייטער. די באָבע האָט דערלאַנגט טיי, פון אַ בעהאַלטען קעמערל אַרויסגעטראָגען, אויף אַ טעלערל, עטליכע לעקעכלאַך. די לעקעכלאַך זיינען אָבער געווען אַזוי פאַרדאַרט, אַז זיי האָבען געקלונגען ווי גוטער ענגלישער שטאָל. איינער פון די צוויי געסט האָט עס אַ פּרוב געטאָן ברעכען, האָט ער זיך שיִר ניט צובראָכען אַ פינגער. דער צווייטער האָט געפּרובט אַ ביס טהון — האָט ער זיך שיר ניט צעבראָכען אַ צאָן. האָבען מיר זיך בענוגנט מיט טיי, און די לעקעכלאַך געלאָזען שטיין.

מענדעלע האָט, ווי זיין שטייגער איז, דערציילט און דער־ביי אונטערגעגעבען אונז חשק, מיר זאָלען זיך נעהמען, מיר זאָלען ניט פערשעמען די לעקעכלאַך.

מיר האָבען זיך אָבער געמאַכט ניט הערענדיג.

כּדי צו געבען אונז אַ מוסטער פון מוטיגקייט און כּדי דערוייזען אונז, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט איז נישט שטאַרקער פון אַ מענשישען רצון, האָט דער זיידע גענומען איין קליין לעקעכעל אין מויל אַריין און געוואַרט עס צוקייען נאָר קעה קיין אַ שטיין! און נאָך מיט גאָלע יאַסלעס...

האָט עס דער זיידע רעדענדיג גענומען אַריבערוואַרפען מיט דער צונג אַהער און אַהין, שווענקען מיט הייסען טעה, אפשר וועט גאָט העלפען, דאָס האַרץ פון לעקעכעל וועט ווייכער ווערען און עס וועט זיך אונטערגעבען. נאָר דאָס לעקעכעל האָט זיך איינגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: „ניין!" און אַ סוף, אַן עק.

און מיר העלפען מענדעלען רעדען און קוקען בגנבה, וואָס דאָ וועט ווערען פון דועל צווישען זיידען און דעם שייגעץ, דעם לעקעכעל, ווער פון ביידען וועט מנצח זיין.

מענדעלע האָט באַלד דערכאַפּט אונזער קוק: אין די אויגען זיינע האָט זיך בעוויזען אַ שטיפעריש־יינגליש פייערל, און אַ ווינק טהוענדיג אויפ'ן לעקעכעל אין מויל, האַקט ער איבער זיין געשפּרעך און זאָגט:

— איז דאָס דאָך האַרט, אַ—אַ?

מיר האָבען צוגעגעבען, אַז ווי עס שיינט... לויט דער

מעשיות וועגן מענדעלען

אָרימקייט פון אונזער ווייסען״... מוז דאָס לעקעכעל רעכט האַרט זייַן.

— נאָר אַז מען וויל, קאָן מען עס בייַקומען — האָט מענדעלע בעשלאָסען, אַזוי געטהון טעה און אַראָפגעשלונגען דאָס פער׳עקשנ׳ט האַלב צוגאַנגען לעקעכעל, ווי מען שלינגט אַראָב אַ מעדיצינישע אָבלאַטקע.

דער לעצטער מאָהיקאַן

אייַנמאָל, אין זשענעווע איז עס נאָך געווען, אין 1907 איז מיר אויסגעקומען צו שמועסען מיט מענדעלע׳ן וועגען די געשעהענישען אין רוסלאַנד זייט דעם קישינעווער פאָגראָם פון 1903, וועגען דער רעוואָלוציע, וועגען דעם בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסען אין וואַרשאָ נאָך דעם בעקאַנטען 9-טען יאַנואַר ווען די קאָזאַקען זייַנען געקומען „מאַכען אָרדענונג״, וועגען דער העלדישקייט, אָפט מאָל קינדערשער העלדישקייט, פון יודישע יונגע-לייַט, וואָס זיינען דעמאָנסטראַטיוו געפאַלען אין די גאַסען פאַר גאָרנישט מיט נישט. איך האָב איהם דער-צעהלט פון אַ בלוטיגער סצענע אין וואַרשאַ אויף דזיקא גאַס פון וועלכער איך בין געווען צופעליג אַן עדות. ווי דריי יונגען 18—17 יאָהריגע ייִנגלעך, האָבען זיך עפּעס אין אַ מין עקסטאַז צונויפגערעדט: לאָמיר אַרויסוואַרפען אַ רויטע פאָן און פאַלען אַ קרבן פאַר דער פרייַהייט! געזאָגט — געטהון: אַרויס אין מיטען גאַס, אַרויסגעוואָרפען אַ רויט פענדעל און עפּעס אויס-געשריען אַנטקעגען עטליכע קאָזאַקען, וואָס זיינען אויף זייַ אָנגעלאָפען מיט די פערד און מיט די ביקסען. אין אַ מינוט זייַנען שוין די דרייַ יונגען געלעגען טויט אויפ׳ן שטיין-ברוק אין אַ טייַך בלוט און מאַרך. די קאָזאַקען האָבען די קערפּערס

צוגעשטופּט צו אַ טויער, מיטגענומען די פּאָהן [illegible] אוועק געריטען.

דערנאָך... דער מאַניפֿעסט פֿון 17-טען אָקטאָבער, די רעאַקציע, די פּאָגראָמען, פּאָגראָמען און פּאָגראָמען... ביטערע איינצעלהייטען, מיאוסע פּרטים...

מענדעלע האָט נישט ליעב געהאַט אָפּעסען זיך דאָס האַרץ, גלאַט אַזוי, אין מיטען מיטוואָך נאָך האַלבען טאָג... האָט ער אַ מאַך געטהון מיט ביידע הענד, ווי מיט פֿער׳חלש׳טע פֿליגלען און אַ זאָג געטהון אין באָרד אַריין:

— נו, וואָס זאָל מען טהון, וואָס זאָל מען טהון

מיך האָט עס אַביסעל פֿערדראָסען. וואָס הייסט — „וואָס זאָל מען טהון? אָפּלייענען קריאת-שמע און זיך לייגען שלאָפֿען? אָט אַזוי רעאַגירט מען דאָס אויף אַזעלכע זאַכען? און כדי איהם צעווארעמען, האָב איך איהם דערצעהלט פֿון אַ נאַכט, ווי מען וואַרט אויף אַ פּאָגראָם... יונגע לייט געהען אום אין די פֿינסטערע גאַסען פּאָרוויז אין „אָבכאָד" און היטען די שלאָפֿענדיגע... דער רעוואָלווער אין קעשענע... דאָס האַרץ דריקט... סע גלויבט זיך נישט, אַז מיר יונגע וועלען באַלד שיסען מענשען... שלאָגען זיך אויף טויט און לעבען... דאָס וואַרטען איז פֿיעל, פֿיעל ערגער ווי דער פּאָגראָם אַליין... גייען מיר דורך די גאַס איינמאָל. טויט. קיינער נישטאָ. געהען מיר צוריק. זעהען מיר מיט שרעק, אַז דער גאַנצער טראָטואַר איז פֿערשאָטען מיט פֿרישע פּאָגראָם-אויפֿרופֿען „אויסצושלאַכטען אַלע זשידעס"! די זעלבע שוואַרץ-מאהדיגע פּראָקלאַמאַציעס אויסגעקלעבט אויף די ווענט... אַ שוידער געהט דורך דורך די ביינער. אַלזאָ, דער שונא שלייכט זיך דאָ אַרום אונז און מיר זעהען איהם נישט!... דער שרעק נעמט אָן עפּעס מיסטישע פֿאָרמען... און דאָ פֿערנעמט זיך אויף טאָג... גראָה ווערט דער הימעל, די פּנים׳ער — געלב, די אומבעהאָלפֿענקייט אַנטפּלעקט זיך... וואָס וועט דער טאָג ברענגען?

— אַזאַ שלעכטע צייט, ווי די צייט — האָב איך פֿער-

ענדיגט — איז נאָך פאַר יודען אין רוסלאַנד קיינמאָל נישט געווען.

— איהר האָט אַ טעות — מאַכט מענדעלע און קוקט אין דער לופטען אַביסעלע העכער איבער די שפּאַקולען, דאָס טהוט ער שטענדיג, ווען ער דיינקט נאָך.

— וואָס הייסט?

— געווען אַמאָל ערגער, אַ סך אַ סך ערגער!

און פּונקט ווי אַ פייערל האָט זיך אָנגעצונדען אין מענדעלע׳ס רוהיגקייט. די אויגען האָבען זיך איהם צעפלאַמט, די ווייסע גריוועס האָר האָט זיך איהם צעשויבערט. ער האָט גענומען דערצעהלען פון אַמאָליגען יודישען לעבען, אין ניקאָלאַי דעם I-טנס צייטען... פון יודישע בעלי-טובות און טאַקסע-לייט און מוסרים. פון דער בהלה-צייט, ווען מען האָט חתונה געמאַכט אַכט-יאָהריגע קינדער, כדי צו ראַטעווען זיי פון דער פינסטערער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטשינע... נאָר נישט תמיד האָט עס געהאָלפען. די „כאַפּערס" (אַ רוח אין זייער טאַטענס טאַטען אַריין!) זיינען ווי די וועלף אַרומגעלאָפען איבער די שטעדטלאַך, איבער וועגען און בתי-מדרשים, אַרויסגעריסען די קינדער ביי די מאַמעס פון אונטער די פאַרטוכער, אָפּגעריסען אין די תלמוד-תורה׳ס פון חומש מיט רש״י און פערקויפט זיי, ווי מען פערקויפט שעפּסען, אין די פריסוטסטוויעס... נישקשה, די יודישע גבירים האָבען דערפאַר געצאָהלט גוט געלט, אויסלייזענדיג דערביי די אייגענע „בנים"... קליינע קינדער, שוואַכינקע בני-יחידים, איין-איינציגע ביי מאַמעס-אַלמנות האָט מען נישט געשאַנעוועט... געבראַכט זיי אַ קרבן די גביר׳ישע משפחות... היינט די רציחות, די מסירות... דער שמוץ... דער שרעק... געווען אַ סכנה אַרויסצופאָהרען אַ יונגען מאַן אין וועג אַריין... איהם אַליין האָט מען שוין איינמאָל אין וועג געכאַפּט און געבונדען... מען האָט איהם אָבער אָבגעראַטעוועט... עפּעס אַ נס האָט איהם געטראָפען...

די בילדער פון זיין „ווינשפינגערל", פון זיין „טאַקסע", פון דער „קליאַטשע" האָבען אויפגעפלאַמט פאַר מיינע אויגען

מיט אַ נייער פרישקייט, מיט נייע פאַרבען. אַ שרעקליכע פינסטערע מגילה האָט זיך פונאַנדער געקייקעלט. און מענדעלע שטעהט איבער דער דאָזיגער מגילה און טייטעלט מיר מיט אַ מין אכזריות פון אַ גרויסען מאָלער:

— נאַ, זעה, שייגעץ איינער, נאַ, לייען!

איך האָב מיר געמוזט מודה זיין אין הארצען, אַז אַזוי פינסטער איז ביי אונז אינ'ם איצטיגען (1907) רוסלאַנד נישט. מען קעמפט דאָך. מען האָט מוט צו קעמפען. עס איז דאָ אַן עפענטליכע מיינונג. —

מענדעלע האָט אַ ווײַלע געשוויגען, דערנאָך פאַמעליך אַרויסגערעדט:

— איך בין שוין דער לעצטער, דוכט מיר... דער לעצטער מאָהיקאַן פון יענע איבערלעבונגען... אַלע מיינע חברים פון יענער צייט... נישטאָ. אויסגעשטאָרבען. נישט פאַר קיין יודען געדאַכט אַזאַ צייט. קיין גוטער יוד זאָל פון אַזאַ צייט נישט וויסען!

און נאָך אַצינד, ווען איך דערמאָן זיך אָן זיידען, אָן זיין גאַנצקייט, אָן זיין אויסגעהאַלטענקייט, אָן זיין גראַדען כאַראַקטער, אָן דער גרויסער פאַרבענרייכער וועלט, וואָס ער האָט מיט זיך אין קבר אַוועקגעטראָגען, זאָג איך נאָך אין געדאַנק זיינע אייגענע ווערטער:

— „דער לעצטער מאָהיקאַן"... יאָ.

מ. קיטאי

מענדעלע אין לעבען

עס ווילט זיך גאָר נישט גלויבען, אַז עס איז שוין אַוועק אַ יאָהר, און דאָרט, אין אָדעס, אין די גרויסע צימערען פון דער תלמוד-תורה-געביידע, אין דער דאַטשע אויפ׳ן גרויסען פאָנטאַן איז שוין מעהר נישטאָ דער זיידע.

שוין אַ גאַנץ יאָהר אַוועק, ווי עס איז נישטאָ דער גרויסער דעמב פון אונזער ליטעראַרישען גאָרטען, נאָר זיין גייסט שוועבט נאָך אַוודאי אַרום ווינטער אין זיין קאַבינעט, אויף דעכטיאַרנאַ גאַס אין אָדעס, אינ׳ם גרויסען צימער, וואָס אַרום-געשטעלט מיט אַלט-מאָדישע פאָטעלען, וואו אויפ׳ן שרייב-טיש ליגט דער אביסעל-שוין-פערשמאָלצענער תנכ״ל (אַ ירושה פון גאטלאָבער׳ן) און נעבען איהם ליגט אַ נומער פון העברעאי-שען „העם״, וואָס דער זיידע האָט אין שפּאַס געשטעלט דעם כגל אונטערען עין און איהם גערופען „דעם העם״, און ווייטער אינ׳ם ספרים-שענקעל שטעהען פּינקטליך אויסגעשטעלט פאַרשיידענע אַלטע יודישע ספרים צוזאַמען מיט דעם זיידענס אַלע ווערק פון „מענדעלע-פערלאַג״, און אויף דער עטאַזשערקע ליגען אַ פּאָר ביכלעך פונ׳ם ווילנער „לעבען און וויסענשאַפט״ און אַ חבור׳ל פון עפּיס אַן אַלטען רב, אַ נומער „יודישע וועלט״ און

אַ יודישע דראַמע אויף רוסיש, ספּעציעל געשריבען אין גע־ווידמעט פון אַ פּראָווינציאַנעלען אינטעליגענט דעם זיידען, און נאָך און נאָך ספרים, ביכלעך און זשורנאַלען, וואָס פלעגען אָנקומען דעם זיידען פון גאָר דער וועלט...

זומער אויפ׳ן „גרויסען פאָנטאַן" (אַ דאַטשע־אָרט אין אָדעס), אינ׳ם נידעריגען הייזעל מיט די קליינע צימערלעך — נאָר ווער דאַרף דאָס הייזעל מיט די צימערען, דער עיקר איז דער אַרו־מיגער גאָרטען, און דערנעבען איז דער ים און פעלדער, פעלדער אָהן אַ שיעור, וואו מען קאָן אַרומגעהן און ליגען און קוקען אויף די פויגעלעך, וואָס פליהען אַרום אין הימעל, און אויף די ווערעמלעך, וואָס קריכען אַרום אויף דער ערד, אויף די זומער־פליגעלעך, וואָס שוועבען אַרום אויף די חיה׳לעך, שרצים ורמשים, וואָס ווידמענען זיך, פרוכטפּערען און מערען זיך אויף דער שענער ליכטיגער, מיט זוהן־בעגאָסענער ערד. און דער זיידע לעבט־מיט מיט די דאָזיגע אַלע ברואים, קאָן זיך איבער זיי נישט אָפּוואונדערען און קוקט אויף יעדער זאַך מיט דער גרעס־טער התפּעלות: — אַ קלייניקייט עפּעס מעשי־בראשית — ווי ער וואָלט ערשט היינט דאָס ערשטע מאָל דערזעהען די גרויסע וועלט, ערשט נאָר־וואָס געבוירען געוואָרען. זעלטען־זעלטען, אַז ביי יודען זאָל מען אַזוי ליעב האָבען די נאַטור, ווי דער זיידע האָט זי ליעב געהאַט. די שטאָדט איז דעם זיידען פרעמד געווען, ער האָט נישט געקאָנט שלום מאַכען מיט איהר, איהם האָט תמיד געצויגען צום פעלד, צום לאַנד, צו די בוימער, גראָזען און גרינסען, ער האָט תמיד גערעדט וועגען דעם און געבענקט נאָך דעם. אפילו ליגענדיג שוין אויפ׳ן טויטען־בעט, האָט ער גע׳חלום׳ט וועגען דעם קומענדיגען זומער, ווען ער וועט זיך ווידער אַרויסציהען אויף דער דאַטשע...

נישטאָ שוין דער דאָזיגער אַלטינקער, וואָס איז תמיד געווען יום־טובדיג, האָט תמיד געהאַט אַסך צו דערצעהלען, ברענגען צו יעדער זאַך אַ פּאַסיגען משל, פערגלייך און דער־ביי אויסדריקען די נויטיגע מימיק און זשעסטען, שאַפען

לעבעדיגע טיפּען, ווי אַ טאַלאַנט-פולער אַרטיסט, אָפּמאָלען און ריכטיג דאָס בילד מיט אַ מינע: נאַט, זעהט און קוועלט!

געזעהען האָב איך איהם דאָס ערשטע מאָל מיט איבער פינף יאָהר צוריק אין אַ רעדאַקציע פון א יודישער צייטונג אין אָדעס. דער זיידע איז אַריין שטאָלץ, מיט גיכע טריט, ווי אַ אַלטער גענעראַל אויף אַ סמאָטער, האָט זיך מיט אַלעמען בעקענט און האָט באַלד אָנגעהויבען צו ריידען וועגען דעם, וואָס איז אַזוינס אַ צייטונג:

— מען יאָגט, מען פליהט, נישטאָ קיין צייט, מען דאַרף יעדען טאָג געבען אַ פרישען נומער, דער קונה האָט קיין צייט נישט צו וואַרטען, ער וויל פון גאָרנישט נישט וויסען. אַ מאָל ווען מען פלעגט אָנהויבען אַרויסגעבען אַ בוך אָדער אַ זשורנאַל, זענען אַוועקגעגאַנגען חדשים ביז מען האָט זיך צוגעגרייט, בעאַרבייט אָדער צוזאַמענגעקליבען מאַטעריאַלען און קוים מיט צרות זוכה געווען צו דערזעהען אַן אָבגעדרוקט ווערק, איצט איז עס גאַנץ אַנדערש, אַלס געהט מיט דאַמף, מיט פּאַרע, עס פליהט...

און באַלד האָט שוין דער זיידע אַ משל:

— אַמאָל האָט מען זיך געשלעפּט פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער מיט פערד און וואָגען, מען איז אַריינגעקראָכען אין אַ בלאָטע און אַרויסגעקראָכען פון אַ בלאָטע, און אַזוי האָט מען זיך געשלעפּט גאַנצע טעג און וואָכען און אָפטמאָל חדשים ביז מען איז געקומען אויף אָן אָרט. נאָכדעם זענען געוואָרען אייזענבאַהנען. עס האָבען אָנגעהויבען לויפען קוריער-צוגען, און אין עטליכע טעג צייט פאָרט מען אויס אַ וועלט. איצט זענען שוין פאַראַן גאָר אַעראָפּלאַנען, מען זעצט זיך אַוועק און מען פליהט...

אין אַ ווײַלע אַרום רעדט שוין דער זיידע וועגען דער שפּראַך-פראַגע:

— זיי לייגען, ס'איז ניט אמת, אַ שפּראַך קען ניט זיין קיין הייליגע. צי קען איך דען זאָגען, אַז מיין בגד, וואָס איך טראָגע איז הייליג אָדער נישט הייליג, אין דער צייט, ווען ער איז ביי מיר אַ לעבענס-פראַגע. איך מוז איהם טראָגען און זיך בעווייזען

אין איהם פאַר מענשען, איך קען זיך אָהן איהם נישט בעגעהן.

דער זיידע רעדט גיך און הייס. און מיר אַלע שטעהען אַרום און הערען אויס מיט גרויס דרך־ארץ זיינע רייד. נאָר באַלד גיט ער זיך אַ כאַפּ, אַז ער שטערט אונז און מיר זענען אַודאי פערנומען. ער הויבט זיך אָן צו געזעגענען, עמיצער פון אונז טוט זיך אַ כאַפּ. דער זיידע איז אַודאי געקומען מיט אַ שטעקען?

דער זיידע וואַרפט אויף איהם אַ שטרענגען בליק און טוט אַ זאָג:

— איך דאַרף ניט קיין שטעקענעס...

דער זיידע איז ביז מיט צוויי יאָהר פאַר זיין טויט, ווען ער האָט בעקומען דעם ערשטען שלאַק, נישט געגאַנגען מיט קיין שטעקען, האָט אַ סך אַרומשפּאַצירט, האָט שאַרף און דייטליך גערעדט און האָט זיך בכלל געהאַלטען אַ סך יונגער, ווי ער איז געווען. ער פלעגט אָפטמאָל לאַכען פון די יונגע, וואָס קענען איהם ניט נאָכגעהן.

אין די ווינטערדיגע שבתים איז מען געקומען צום זיידען אין דער פריה. דער זיידע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויבען אָן ביי זיין שרייבטיש, און די בעזוכער אַרום איהם, און דער ראש־המדברים, פערשטעהט זיך, איז ער געווען. און וואָס צו רעדען און דערצעהלען האָט דער זיידע געהאַט גאַנצע פעק, אַ ים... ער דערצעהלט פערשיידענע מעשיות, אַנעקדאָטען, זכרונות, אָט דאָס, וואָס האָט פּאַסירט דאָ ניט לאַנג, מיט אַ יאָהר זיכציג זיבעציג צוריק... דערביי פערטראַכט זיך דער זיידע, פערקנייטשט זיין הויכען קלוגען שטערען און דערמאָנט זיך בעת־מעשה נאָך אַ זאַך, וואָס האָט אויך דענסמאָל פּאַסירט, און אין דער מעשה פער־פלעכט זיך שוין אַ דריטע ביז דער זיידע שטעלט זיך פלוצלינג אָב און טוט א פרעג בא די אַרומיגע: „הא, איז וואו האַלטען מיר, וועגען וואָס האָבען מיר אָנגעהויבען?". עמיצער פון די אַרומיגע דערמאָנט איהם, און דער זיידע צעלאַכט זיך הויך אויף אַ קול: „אָווא, וואו איך בין פערקראָכען"...

געווען איז ער אַ גרויסער בעל־חלומות, האָט זיך תמיד

ארומגעטראָגען מיט גרויסע פּראָיעקטען און פּלענער. צמאָל האָט דער זיידע אַ סך גערעדט וועגן אַרויסגעבען אַ גרויסען זשור־נאַל, אַרום וועלכען מען דאַרף זעהען אַרומצוקלייבן אַלע יונגע און דרייסטע, וואָס מען פערטוישט זיי פון דער יודישער ליטע־ראַטור. מיר דאַרפען טאַלאַנטפולע מענשען, וואָס זאָלען שאַפען אַ ליטעראַטור און זאָגען אַ דרייסט וואָרט, נישט בעהאַלטען זיך מיט אַ מיינונג און אַ געדאַנק. ביי אונז איז אַלץ געוואָרען משפחה׳דיג. „ביסטו פון מיין חדר, ביסטו אַ ליטעראַט, אויב נישט, געה זיך דיר"... „מען דאַרף רייניגען דעם ליטעראַרישען גאָרטען, אַרויסוואַרפען די פּסולת און דערנער, אויפציהען אַלץ, וואָס איז פריש און בליהענדיג"...

דער זיידע האָט זיך וואָס־ווייטער אַלץ מעהר צעהיצט וועגן דעם און זיך שטאַרק פערטיפט אינם דאָזיגען ענין. דערביי איז געזעסען דוד פרישמאַן וועלכער האָט זיך אויך געזאָגען מיטריי־סען פון דער דאָזיגער זאַך, וואָס האָט אין יענער צייט (דאָס איז געווען פאַר דער רוסלענדישער רעוואָלוציע) געקלונגען ווי אַ פאַנטאַזיע. אַ לאַנגע צייט זענען זיי ביידע געזעסען און געמאַכט פּלענער וועגען דעם דאָזיגען גרויסען זשורנאַל, וואָס מוז געשאַפען ווערען... און ביים געזעגענען זיך איז דער זיידע געווען שטאַרק צופרידען פונ׳ם פּלאַן און האָט גערעדט וועגן דעם, ווי וועגן אַ בעשטימטער זאַך.

אַמאָל האָט דער זיידע געמאַכט אַ פּלאַן צו קויפען ערגעץ ביים ים אַ שטיקעל ערד, אויסבויען דאָרט אַ הויז, וואו ער זאָל וואוינען, אויך זאָל דאָרטען זיין אַן אָרט פאַר יודישע שרייבער. ווער עמיצער זיך וועלען דאָרטען בּאַזעצען, זאָל ער זיצען און אַרבעטען, ער וועט מיט אַלץ זיין פערזאָרגט און וועט קענען לעבען רוהיג. דער זיידע האָט שוין געהאַט געבעטען, מען זאָל איהם צושיקען אַ צייכנער, וועלכער האָט געמאַכט דעם פּלאַן פון הויז מיט אַ ביבליאָטעק, אַ לעזע־זאַל און אַלץ, וואָס נויטיג איז, נאָר דער זיידע האָט געשטעלט אַ בעדינגונג: אַרום הויז מוז, למען־השם, זיין אַ גאָרטען...

דער געצייכענטער פּלאַן פון דעם דאָזיגען „ליטעראַטען־היים" מוז זיך נאָך איצט געפינען ביי עמיצען אין אָדעס.

דער זיידע האָט זיך אין דער לעצטער צייט געהאַט אַרומגעטראָגען מיט אַ פּלאַן וועגען אָנשרייבען אַ גרויסע דראַמע, וועלכע ער האָט פערטראַכט. בעאַרבעטען די דראַמע האָט איהם צוגעזאָגט מיטצוהעלפען אַ יודישער דראַמאַטורג. דער זיידע האָט זיך אָבער געקלאָגט, אַז יענער האָט קיין וואָרט נישט געהאַלטען. דער זיידע האָט דערצעהלט, אַז דערדאָזיגער דראַמאַטורג האָט וועגען דער דראַמע דערצעהלט מאַקסים גאָרקין, וועלכען דער געדאַנק איז זייער געפעלען געוואָרען.

II

דער זיידע האָט די לעצטע 35 יאָהר געלעבט אין אָדעס, און מען קען זאָגען, אַז דאָס איז געווען אַ שטיק טראַגעדיע פון זיין לעבען. אָדעס מיט איהר צווייהונדערט טויזנטדיגער יודישער בעפעלקערונג, וואָס צייכענט זיך אויס מיט דער הפקרות, לייכטזיניגקייט און עם־הארצות, מיט'ן בערימטען אָדעסער „קוגעל־רוסיש" און אומגעלומפּערטקייט, — האָט דער זיידע, פערשטעהט זיך נישט געקענט לעבען אין גרויס נחת אין דער דאָזיגער שטאָדט. פיעל מאָל איז דעם זיידענס מקורבים אויסגעקומען צו הערען פון איהם וועגען זיין נישט־צופרידענקייט מיט אָדעס. אַ מאָל אויף אַ באַנקעט פון אַ יודישען שריפטשטעלער, האָט דער זיידע געזאָגט, אַז אָדעס קאָן גוט בעגראָבען, ווייל בעת עס שטאַרבט דאָרט אַ יודישער שריפטשטעלער, קומט איהם בעגלייטען אַ גרויסער עולם, נאָר בעת דער שריפטשטעלער לעבט און שאַפט, קען איהם אין אָדעס קיינער נישט...

א מאָל, אין סוף יאָהר 1916, זענען זיך ביים זיידען צוזאַמענגעקומען אויף א בעראַטונג ביאַליק, פרישמאַן, ראַוו-ניצקי און ספעקטאָר, צוזאַמען מיט יונגע יודישע ליטעראַטען, כּדי צו געפינען אַן עצה פאַר די יונגע, וועלכע האָבען זיך אין יענער צייט געפונען אין אַ שרעקליכער לאַגע...

איינער פון די יונגע האָט אָנגעהויבען „אויסצורעדען דאָס האַרץ", האָט דערצעהלט וועגען דער טרויעריגער לאַגע, אין וועלכער די יונגע געפינען זיך, האָט אָנגעוויזען, ווי אָב-געריסען זיי זענען פון נאָהענטע און אייגענע און אַז עס איז נישטאָ פון וועמען צו דערוואַרטען קיין הילף, האָט מען בע-שלאָסען זיך צו ווענדען צו אונזערע רביים, צו די עלטערע שריפטשטעלער. דער זיידע האָט זיך דעמאָלסט אויפגעהויבען און האָט מיט גרויס צער גערעדט וועגען דעם, אַז וואָס, משטיינס געזאָגט, פאַר אַ ראָלע שפּיעלט אַ יודישער שריפט-שטעלער אין אָדעס. און אַ סך טרויעריגע זאַכען האָט דער זיידע דערצעהלט וועגען דער דאָזיגער ראָלע...

די לעצטע צייט פאַר זיין טויט האָט דער זיידע גערעדט וועגען דעם, אַז ער פאָרט צוריק אַריבער קיין בערדיטשעוו, פון וואַנען די דאָרטיגע קהל'שע רעדעלפיהרער האָבען איהם פערטריבען מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק פאַר זיינע ביכער, אין וועלכע זיי האָבען דערזעהען זייער אמת'ן פּנים...

די יודישע שריפטשטעלער אין אָדעס בראש מיט'ן זיידען האָבען געבילדעט אַ מין אָאַזיס אויף דער גרויסער וויסטעניש פון'ם אָדעסער יודישען לעבען. יעדערער האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב איהם צו בעזוכען.

זיצט אַמאָל דער זיידע אין זיין סביבה און דערצעהלט וועגען אַ פאַרצייטיגען רב, וואָס האָט געדאַרפט געהן אין גצריכט זאָגען עדות. איז וואָס טהוט מען מיט'ן היטעל? הגלוי ראש!

איז ער זיך מיישב און טהוט אָן א טיכעל אויפ׳ן קאָפּ, כּלומר׳שט פערבונדען די ציין, נאָר דער גאַנצער קאָפּ איז פערדעקט. דער זיידע נעהמט דאָס באַלד אויפ׳ן אָרט אַרויס א טיכעל פון קעשענע, טהוט עס אָן אויפ׳ן קאָפּ אוי ׳רט נאָך, ווי יענער האָט גערעדט און:

— „האַ, ווי געפעהלט אייך״ ?..

הויבט מען אָן צו רעדען וועגען גנבים, האָט אייך דער זיידע צו דערצעהלען פעק מיט מעשיות, האָט אַמאָל אין בער־דיטשעוו דער „רבי״ פון די גנבים חתונה געמאַכט א טאָכטער. האָט ער, פערשטעהט זיך, גענומען דעם סאַמע לייטישען גנב, און כּדי צו וויסען, אויב ער וועט קענען פערזאָרגען דעם „רבי׳ס״ טאָכטער מיט ברויט, טהוט צו דער חופּה־וועטשערע א זאָג דער שווער צום איידעם: „אַנו, אפשר וועסטו מכבד זיין די געסט מיט טיי ?״ אין א האַלבע שעה אַרום, דערצעהלט דער זיידע, זענען אויפ׳ן טיש געשטאַנען אַרום א טוץ סאַמאָוואַרען, וואָס דער געראָטענער איידעם האָט צוזאַמענגעשלעפּט פון די אַרומיגע גאַסען. אַנדערע האָט ער געבראַכט הייסע, קאָכעדיגע, ערשט צוגענומענע פון ביי די שוועלען, וואו מען האָט זיי געהאַט אויפגעשטעלט... און חוץ דעם האָט ער נאָך געבראַכט צום פערבייסען אויך...

און נאָך א מעשה:

„ביינאַכט האָבען גנבים ערג ך אָבגערייניגט א בוידים מיט וועש. האָבען זיי אין איילעניש איבערגעלאָזען דאָרט די שיך. קומט אויף מאָרגען דער „רבי״ זייערער צו דער בע׳גנב׳עטער בעל־הבית׳טע און בעט ביי איהר די שליסלען פונ׳ם בוידים. „אויף וואָס דאַרפט איהר די שליסלען פונ׳ם בוידעם ?״ וואונ־דערט זיך די בעל־הבית׳טע, „די קינדער האָבען די נאַכט גע־אַרבעט אויפ׳ן בוידעם, האָבען זיי דאָרטען פערגעסען זייערע שיכלעך — ענטפערט דער „רבי״.

אַמאָל רעדט מען וועגען א יונגען שריפטשטעלער אַן אויטאָדידאַקט, וואָס שטאַמט פון די יודישע קאָלאָניעס. דערצעהלט

דער זיידע, ווי אַזוי יענער איז צו איהם געקומען דעם ערשטען מאָל.

—„איך געה אַרויס פון שטוב, ערשט אין קאָרידאָר שטעהט אַ געזונטער הויכער יונג מיט ברייטע פּלייצעס און אַ פּאָר גע-זונטע שטיוועל. „איהר זענט מענדעלע מוכר ספרים״ — פרעגט ער מיט אַ גראָב קול. איך טהו אַ קוק אויף איהם, מעסט איהם אָב מיט די אויגען פון אויבען אַראָב און ענטפער: „און אַז יאָ, איז וואָס איז?״ „איך האָב אייך צו לייענען מיינעם אַ כּתב יד, ווען קען איך צו אייך אַריינגעהן?״ „אויב איהר ווילט — שוין!״ זאָג איך, און מיר קערען זיך באַלד אום צוריק אין שטוב אַריין. איך הייס זיך איהם זעצען און זאָג איהם: „נו, איך האָב צוגעגויגט מיין אויער און בין גרייט אייך אויסצו-הערען״. דער יונגערמאַן הויבט מיר אָן צו לייענען אַ מעשה מיט אַ דאַך און מיט פויגעלעך, איך טהו איהם אַ פרעג: „איהר האָט ווען עס איז געזעהען פויגעלעך?״ „יאָ״, — ענטפערט ער. „איך הער, — זאָג איך, — אַז איהר האָט די פויגעלעך געזעהן. נו, וואָס האָט איהר עפּעס נאָך?״ ער שלעפּט מיר אַרויס פון בוזעם קעשענע אַ נייע מעשה און לייענט ווייטער „נו, דאָס — זאָג איך — האָט איהר שוין נישט געזעהען, זייט מוחל און צרייסט עס״...

און עס געהט אַוועק אַ רייהע מעשיות פון יונגע לייט, בחורים, מיידלעך, וואָס קומען צום זיידען לייענען איהם זייערס און נודיען, אַז עס איז שווער פון זיי זיך אָבצוטשעפּען...

—אָט דאָ נישט לאַנג, — דערצעהלט ווייטער דער זיידע — קומט צו מיר אַריין אַ בחור און לייענט מיר לידער, מעשיות, ערצעהלונגען און וואָס נאָר איהר ווילט. „וואָס האָט איהר גע-טהון, יונגער מאַן, טהו איך איהם אַ פרעג, ביז איהר האָט זיך גענומען פאַרן שרייבען,״. „איך בין געווען אַ שניידער״. „מיר דוכט, ענטפער איך איהם, אַז (און רוף דערביי אָן נעמען פון עטליכע רייכע שניידער אין אָדעס) זיי לעבט זיך גאָר נישט שלעכט. כ'לעבען אַ סך בעסער, ווי יודישע ליטעראַטען. אפשר

וואָלט געוועזן אַ פּלאַן איהר זאָלט בלייבען ביי אייער מלאכה, צו וועלכער איהר האָט, מיין איך, מעהר טאַלענט?"

ס'איז בעוואוסט, אַז דער זיידע האָט געהאַט אַ זעלטען שעהנעם כתב, די אותיות זענען געווען ממש געפּערלט, קליינע אותיותלעך, וואָס האָבען זיך אויסגעשטעלט אין אַ גלייכע רייהע און זענען געווען קלאָר און דייטליך. „יעדער ליטעראַט, האָט דער זיידע אַמאָל געזאָגט, איז מחויב צו האָבען אַ ריינעם און קלאָרען כתב. די יעניגע, וואָס האָבען נישט קיין קלאָרען כתב זיינען מחויב צו געהן זיך לערנען קאַליגראַפיע, וואָרום עס איז פּשוט אַ פערברעכען צו מוטשען מענטשען מיט אַ שלעכטען כתב"...

אין לעבען איז דער זיידע געווען נישט קיין קלענערער קינסטלער, איידער אין דער ליטעראַטור, אין זיין יעדען גע-שפּרעך, אין זיין יעדער ערצעהלונג און משל איז געווען אַ שטיק שאַפונג. פון זיינע געשפּרעכען קען מען אָנשרייבען ביכער, וועלכע וואָלטען אודאי געהאַט אַ קינסטלעריש-ליטעראַ-רישען ווערט און וואָלטען ענטדעקט און קלאָרער געמאַכט די גרויסע קינסטלערישע און רייכע פּערזענליכקייט פונ'ם זיידען פון דער יודישער ליטעראַטור.

III

דער טאָג איז אַ שענער, די זון שיינט און וואַרעמט. עס דוכט זיך, אַז נישט הערבסט איז איצט, נאָר אַרום פאַר-פסח, פריהלינג. אָט באַלד וועלען די בוימער צוריק אָנהויבען בליהען. די ערד וועט זיך מיט גרינס בעדעקען, די נאַטור וועט זיך בענייען, און דער זומער וועט זיך דערנעהנטערען...

דער זיידע איז שטאַרק קראַנק. איצט איז ער געפערליך,

נאָר אין יענעם טאָג, ווען איך בין בײַ איהם געווען דאָס לעצטע מאָל האָט ער נאָך דערקענט מענשען און גערעדט.

אָט דער דאָזיגער ליעבער אַלטינקער איז נאָך מיט קנאַפּע צוויי יאָהר צוריק געגאַנגען מיט אַ הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ, שטאָלץ אָהן אַ שטעקען. געלאַכט האָט ער דעמאָלט פון די יונגע, וואָס קאָנען איהם נישט נאָכגעהן. פאַר דער לעצטער צייט האָט ער זיך שטאַרק פערענדערט. פאַר צוויי יאָהר ווינטער האָט ער בעקומען אַ שלאַק, איז קראַנק געווען און פון דעמאָלסט אָן ווערט איהם אַלץ ערגער. די לעצטע פאָר וואָכען האָט זיך זײַן געזונד-צושטאַנד אויף אַזוי פיעל פערערגערט, אַז ער האָט געמוזט אַוועק אין שפּיטאָל.

איך זיץ בײַ זײַן בעט. דער זיידע האַלט איין אויג פערמאַכט און דערצעהלט וועגען זײַנע געדאַנקען און איבערלעבונגען. דער זיידע איז תמיד געווען די צענטראַלע פיגור אין דער יודישער ליטעראַרישער וועלט און דעריבער פּעראדריסט איהם, וואָס אַ געוויסער צווייג פון אונזער ליטעראַטור איז געוואָרען אַן ענין פאַר מעצענאַטען, וואָס לעגען אַרויף זייער האַנט אויף דער ליטעראַטור, דעם שטעמפּעל פון פילאַנטראָפּיע.

— „קינסטליך, — זאָגט דער זיידע, — קאָן מען קיין ליטעראַטור נישט שאַפען, די ליטעראַטור מוז אויסוואַקסען אָרגאַניש. מיט קיין רעצעפּטען וועט מען נישט העלפען און נישט בויען”.

און דער זיידע גיט אַן אייגענאַרטיגען משל:

— אַ קראַנקער, וואָס די דאָקטוירים פעראָרדנען איהם, ער זאָל שוויצען. וואָס טהוט מען אָבער, אַז ער שוויצט נישט? פיהרט מען איהם אין מרחץ אויף דער אויבערשטער באַנק און דעמאָלט שוויצט ער, אָבער צי איז דאָס נאָרמאַל? צי דאָס מיינען די דאָקטוירים?...

— מען דאַרף קענען דאָס לעבען, מען דאַרף קענען די נאַטור. בײַ אונז איז מען ווייט סײַ פון דעם, סײַ פון יענעם.

לאַמיך, למשל, נעמען בעשרייבען אַ שעהן געדעקטען טיש, אַז איך האָב איהם אין מיין לעבען נישט געזעהען...

— איך האָב געשריבען מיין אויטאָביאָגראַפיע „שלמה רבי חיימס״. ס׳איז מיר זער שווער אָנגעקומען, ווייל ס׳איז שווער צו שרייבען וועגען איין מענשען, וועגען זיך.

און באַלד געהט דער זיידע איבער צו אונזער געזעל-שאַפטליכען לעבען און צו דער אָבגעשטאַנענקייט, וואָס הערשט ביי אונז:

— איך ליג אָפט ביינאַכט און טראַכט וועגען דעם אַלע-מען. איך רוף צו דעם מענשען, וואָס שלאָפט ביי מיר אין צימער און בעט איהם: „העלפט מיר אַרויסראַמען אָט די אַלע שמאַטעס, וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט. ס׳איז מיר ענג פון דעם אַלעמען. העלפט בויען דעם היכל פון קונסט, דעם אמת׳ן קונסט-היכל״. ער פערשטעהט מיך נישט און מיינט, אַז איך בין אַ פאַנטאַזיאָר.

— „מיר איז זעהר שווער צו רעדען וועגען דעם, איך רעג מיך אויף און עס טהוט וועה דאָס האַרץ״...

מיט עטליכע וואָכען צוריק איז מען מיך געקומען איינ-לאַדען אַלס עהרען-גאַסט צום יובילייע פון „בונד״. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין נישט קיין גאַסט ביי דער יודישער דעמאָקראַטיע, נאָר אַ מחותן. געזאָגט האָב איך דאָס דערפאַר, ווייל ביי זיי, ביי דער ציוניסטישער קאָמפאַניע, האָט מען אונז, יודישע שרייבער פאָרגעוואָרפען, אַז מיר זענען עם-הארצים פון שלום אש קאָמפאַניע. האָב איך געהייסען איבערגעבען אַ גרוס פונ׳ם גרעסטען עם-הארץ, וואָס שרייבט יודיש. מען איז שוין דערפאַר אַרויסגעטראָטען קעגען מיר אין דער העברעאישער פרעסע, נאָר איך אינטערעסיר זיך אַפילו נישט מיט דעם...

דער זיידע איז אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון דער נאַטור. שוין אַ משך פון 35 יאָהר זינט דער זיידע וואוינט אין אָדעס, האָט ער נאָך כמעט איין זומער נישט פערפעלט צו וואוינען אויף אַ דאַטשע. ביי איהם איז די דאַטשע אַ שטיק פון זיין לעבען, פון זיין „איך״. דאָרט רוהט ער זיך אָב, פיהלט דעם

אמת'ן טעם פון דער נאַטור. יעדעס בלימעלע, יעדעס בוימעלע און גרעזעלע איז איהם ליעב און טייער, און ער קאָן וועגען דעם דערצעהלען אָהן אַ שיעור. די שטאָדט האָט ער נישט ליעב און זיך געפינענדיג אין איהר רעדט ער תמיד וועגען דער דאַטשע און וועגען זומער.

אויך דאָס מאָל האָט דער זיידע גערעדט וועגען דער דאַטשע. בעת ער האָט זיך פון מיר דערוואוסט, אַז אין דרויסען איז אַ שעהן וועטער און די זון שיינט, האָט ער גענומען רעדען מיט אַ בעזונדער בענקשאַפט וועגען דעם, אַז ער וואָלט שוין וועלען אַראָבגעהן פון בעט, דערוואַרטען זיך דעם זומער און אַרויספאָהרען אויף דאַטשע.

ביי געזעגענען זיך זאָגט מיר אָן דער זיידע, איך זאָל למען השם אַריינקוקען אין דער ענציקלאָפּעדיע און זעהען, ווי האָט געהייסען דער יוד, וואָס איז געווען שטאַרק בעפריינדעט מיט ביסמאַרקען, וויל ער דאַרף דאָס האָבען צו זיין דראַמע...

1918

משה כץ

צו גאַסט ביי מענדעלען

אַ פּאָר מאָל האָב איך זיך מיט איהם בעגעגענט און וועגען די בעגעגענישען דערמאָן איך זיך איצט ביי זיין פרישען קבר.

דאָס ערשטע מאָל איז עס געוועזען זומער 1904. איך בין דעמאָלט צוערשט געקומען קיין אָדעס, געווען נאָך פּאַקטיש אַ „רוסיש שפּרעכענדער" און האָב נאָר על פי שכל און על פי פּראָגראַם פערשטאַנען, אַז „צו די מאַסען" דאַרף מען רעדען און שרייבען „זשאַרגאָן".

איך געדענק שוין נישט ביי וואָס פאַר אַ געלעגענהייט, נאָר איך האָב בעשלאָסען צו בעזוכען „דעם זיידען", מענדעלע מוכר ספרים. געקומען צו איהם, האָט ער מיך אויפגענומען זעהר פריינדליך, אונגעפער ווי אַן עלטער לעהרער נעמט אויף זיינעם אַ געוועזענעם תלמיד, צערעדט זיך, צעפרעגט זיך וועגען דער שטאָדט ניקאָלאַיעוו, פון וואַנען איך בין געקומען, אינטערעסירט זיך מיט דעם, ווי דער „פריינד" — דעמאָלט נאָך די איינציגע יודישע טעגליכע צייטונג — געהט דאָרט א. אַ וו.

און אין געשפּרעך האָב איך איהם צופעליג בעמערקט:

— יאָ, איהר ווייסט, די זשאַרגאָנע ליטעראַטור און די זשאַרגאָנע שפּראַך וואָלטען געהאַט אַ סך שאַנסען צו ענטוויקלען זיך...

מענדעלע איז אַנטשוויגען געוואָרען, אַ מינוט געקוקט אויף מיר ווי פון דערווייטענס און דערנאָך זיך שטיל אָבער אַ ביסעל ברוגז אָנגערופען:

— יונגערמאַן, אויב איהר ווילט זיך מיט מיר ניט צוקריגען; ביי דער ערשטער בעקאַנטשאַפט, בעט איך אייך, רעדט מיר נישט וועגען „זשאַרגאָן". עס דאַרף דאָך אַמאָל נעמען אַן עק: פערציג יאָהר, אַז איך שרייב שוין, ביכער אַרויסגעגעבען, נאָך שרייבער זענען געקומען, און איך, קומט ביי אייך אויס, שרייב נאָך אַלץ נישט אויף קיין מענשליכען יודישען לשון, נאָר אויף עפּעס אַ „זשאַרגאָן"? איהר ווייסט, וואָס „זשאַרגאָן" בעדייט?

און ער האָט מיר לאַנג גענוי געגומען ערקלערען, אַז דאָס וואָרט „זשאַרגאָן" בעדייט אַ גנבים-שפּראַך, אַ שפּראַך פון ווילדע עם-הארצים.

און אַז פאַר דער יודישער שפּראַך און פאַר יודישע שרייבער איז אַ בעליידיגונג, ווען מען רופט אונזער לשון זשאַרגאָן...

— אָט פרעגט אויף אַ טשיקאַוועס ביי אַ פּשוטען יודען און ביי אַ פּשוטער יודענע, וואָס רעדט מאַמע לשון, ווי גאָט האָט געבאָטען, פרעגט זיי צי זיי ווייסען גאָר, וואָס „זשאַר-גאָן" איז...

איך האָב, פערשטעהט זיך, גאָר אין דעה נישט געהאַט צו בעליידיגען דעם זיידען און אונזער שפּראַך. האָב איך זיך פאַר איהם שטאַרק ענטשולדיקט, און פון זיין אויסרייד זענען צוויי פּעולות פערבליבען:

ערשטענס האָב איך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסגע-שלאָסען דאָס וואָרט „זשאַרגאָן" פון מיין ווערטער-בוך און צווייטענס בין איך עפּעס נאַטירליכערוויז פון דעמאָלט אָן גע-וואָרען אויס „רוסיש-שפּרעכענדיג".

צו מאַמע-לשון איז פאָרט גרינגער געווען איבערצו-געהן, ווי צו זשאַרגאָן.

* * *

מיין צווייטע בעגעגעניש מיט מענדעלע'ן איז פאָרגעקו־מען סוף 1912. ווען איך האָב זיך געקליבען פערלאָזען רוסלאַנד און געפיהלט, אַז איך מוז זעהען דעם „זיידען" צום לעצטען מאָל.

געקומען בין איך צו איהם מיט אַ גרוס פון וואַרשע, פון „פריינד", וואו איך האָב דעמאָלט געאַרבעט און פון די וואַרשע־ווער יודישע ליטעראַרישע קרייזען.

ער האָט מיך אויפגענומען זעהר וואַרים, און עפּיס אַ נערוועזקייט האָט זיך געפיהלט אין דעם אויפנאַם פון דעם אַלטען. ער האָט זיך געפיהלט איינזאַם — האָט דעמאָלט גע־האַט סכסוכים מיט די אָדעסער העברעאיסטישע קרייזען — און איז דעריבער געווען שטאַרק צופרידען מיט דעם גרוס, וואָס איך האָב געבראַכט:

— אָ, אַן אייניקעל געקומען. נו זעצט זיך, זעצט זיך, דערצעהלט, וואָס הערט זיך ביי יודען אויף דער וועלט. גע־דענקען מיך נאָך די יודען אין אייערע מקומות?

אָבער דערצעהלען איהם האָב איך נישט געהאַט קיין מעגליכקייט, ווייל אָנשטאָט אויסצוהערען מיך און צופרעגען זיך ביי מיר, האָט ער מיר אַליין גענומען דערצעהלען. גערעדט וועגען די ציוניסטען, אויף וועלכע ער איז שטאַרק ברוגז, מיט עפּעס אַ קינדיש־זיידישער ברוגז'קייט, — גערעדט וועגען זיינע ליטעראַרישע פּלענער, וועגען דעם, אַז ער וואָלט זיך נאָך וועלען דורכפאָהרען קיין אַמעריקע, און צי וועל איך נישט קענען דאָרט אין אַמעריקע, וואוהין איך קלייב זיך צו פאָהרען, דערוויסען זיך ווי אַזוי ער וואָלט אַהין קענען קומען; לאַנג גערעדט וועגען דעם, אַז די ציוניסטען פערשוועכען די משיח־בענקשאַפט פון דעם יודישען פאָלק, מאַכען פון דעם הייליגען

לשון אַ פּאַרטיי-פּאַן, אונטער וועלכע ער קען זיך נישט שטעלען; איבערגעגאַנגען אויף די פּוס-באַל-שפּילען און „פּאַטיעשנע ראַטעס", וועלכע האָבען זיך דעמאָלט שטאַרק פערשפּרייט אין רוסלאַנד צווישען די שוהל-קינדער און צווישען יודישע בתוכם,— גערעדט מיט אַזאַ מאָדנער היץ, מיט אַ פייער, וועלכען מען וואָלט בשום אופן נישט געקענט ערוואַרטען פון אַ מאַן פון 77 יאָהר און האָט אַזוי אָפּגערעדט אפשר אַ דריי-פּיער שעה, נישט לאָזענדיג מיך „קומען צום פּסוק".

ענדליך האָט ער זיך אָבגעשטעלט.

— האַ, — האָט ער פערענדיגט מיט אַ קלוגען שמייכעל, — איך האָב זיך, דאַכט זיך, אַ ביסעל פערדעדט. נו, ס'מאַכט נישט אויס, ס'מאַכט נישט אויס, איך ווייס דאָך, איהר אַליין האָט דאָך מסתמא בעסער געוואָלט אויסהערען מיך איידער מיר דערצעהלען... איך ווייס, ס'איז דאָך שוין אפשר דאָס לעצטע מאָל, ווי מיר זעהען זיך, — ווי מיינט איהר?

ער איז געווען גערעכט. מיר איז געוויס אינטערעסאַנטער געווען אויסצוהערען איהם, ווי אַליין דערצעהלען און געזעהן האָבען מיר זיך ווירקליך דאָס לעצטע מאָל...

בעגלייטענדיג מיך צום טיר רופט ער זיך פּלוצלינג אָב מיט אַ שטיל שמייכעל?

— נו, און וואָס הערט זיך ביי אייך איצט וועגען „זשאַרגאָן"?

איך בין נשתומם געוואָרען:

— וואָס איז, איהר געדענקט דען?

— אַ שאלה צי איך געדענק, אָבער איך האָב פריהער קיין צייט נישט געהאַט צו פרעגען אייך...

יעקב פיכמאַן

בײַ'ם אָװענד־שײַן

מיט מענדעלען האָב איך מיך בעקאַנט פּערזענליך אין די לעצטע יאָהרען פון זײַן לעבען. עס איז קײן ספק נישט, אַז אין דער עלטער איז ער שוין געװען גאָר אַנ'אַנדער מענש. די האַרטע כאַראַקטער־שטריכען זײַנע, די שטריכען פון דעם רויהען קעמפּפער און מוסר־זאָגער אין די יונגע יאָהרען זײַנע, זענען אַלץ בלאַסער און װײכער געװאָרען. בשעת דער פּרעכטיגער שקיעה, די שקיעה פון'ם קינסטלערס לאַנגען טאָג, זענען זיך װי צולאָפּען די אַלע שװערע שאָטענס, װאָס האָבען איהם פערפאָלגט, און דער פאַרנאַכטיגער הימעל האָט זיך אַ לויטערער און צאַרטער אויסגעשפּרײט איבער'ן קאָפּ פון'ם גרויסמוטיגען, װאָס האָט זיך נישט אײנגעבויגען אונטער דער משא פון די לאַנגע־לאַנגע יאָהרען זײַנע. אין דעם אָבשײַן פון דערדאָזיגער שקיעה האָב איך איהם געזעהען אַ געלײַטערטען, אַ געזעצטען, װי אַ פערענדיגטען מאָנומענט, — װי אַ בוים, װאָס איז געשטאַנען אין אײביגער בליהונג. כ'האָב זיך צוגעקוקט צו איהם בשעת

זיין אַרבייט און בשעת׳ן אָברוהען, אין מאָמענט פון התעוררות האָב איך איהם געזעהען און אין מאָמענטען פון אידילישען הומאָר — און ער איז פאַר מיר געוועזן ווי אַ סימבאָל פון אייביגער באַנייאונג און פון אייביגען וואַקסען — ווי אַ סימבאָל פון דעם נייעם מענש און יוד, וואָס וועט קומען. אַט דער דאָזיגער הויך-געוואַקסענער און גלייך-געוואַקסענער מאַן מיט די ליכטיגע אויגען און געזונדער נשמה, איז שטענדיג גע-שטאַנען פאַר מיר, ווי פערקערפערענדיג מיט זיך דאָס אומ-קערען פונ׳ם יודען צו דער נאַטור, צו די טייערע קוואַלען פונ׳ם לעבען. איך האָב ליעב געהאַט קומען צו איהם אין שטוב, זיצען לאַנגע שעה׳ן, און צו זעטיגען מיינע אויגען מיט דעם ליכט פון זיין פנים, זיצען און הערען זיינע געשפרעכען — הערען פשוט דעם קלאַנג פון זיין קאָלאָריטנע שטים און זיין זאַפטיגען געלעכטער, דאָס געלעכטער פון דעם זיידען, דעם פקח און טיילמאָל קפדן, וואָס קיין זאַך איז פאַר איהם נישט פער-באָרגען און פונדעסטוועגען קאָן ער אַלץ פערגעבען. און זעהענ-דיג דאָס דאָזיגע ליכטיגע לעבען, וואָס האָט זאָרגלאָז געשטראָמט פון טאָג אויף טאָג און פון יאָהר אויף יאָהר, האָב איך עס שטיל געבענטשט און געבעטען פאַר דעם דאָזיגען לעבען, וואָס האָט ווי בעשיצט אונז, אונזער ליטעראַטור, מיט זיין גרויען ליכטיגען קאָפּ, מיט דער זיכערקייט פון אַ גייסט, וואָס הערט נישט אויף צו טראָגען זיין פרוכט.

פון זיינע שאַרפזיניגע מימרות, מיט וועלכע ער פלעגט אונז אַזוי אָפט מכבד זיין, ווען מיר פלעגען קומען צו איהם, געדענק איך וועניג.

פון מענדעלע׳ס געשפרעכען וואָלט טאַקע געדאַרפט בליי-בען אַ זכר אין אונזער ליטעראַטור, הגם פון זייער ווערט ווערד פיל געמינערט, ווען זיי האָבען נישט זיין לעבעדיגע אַרטיסטישע מימיק, ווען מ׳האָט נישט פאַר זיך דעם פאַרבענרייכען אויס-דרוק פון זיין געזיכט און מ׳הערט נישט די דראָבנע, הוזק-פולע שטים זיינע, וואָס איז געוועזן דער בעסטער פירוש צו זיינע חריפות׳דיגע פשט׳לעך און קאַלאַמבורען. אָהן דעם דאָזיגען

קאָלאָריט, אָהן דעם אייגענאַרטיגען סטיל איז [illegible] צו [illegible] שטעהען דעם אומגעהויערען צויבער פון מענדעלע׳ס תורה שבעל-פה. מענדעלע איז נישט נאָר אין זיינע געשריבענע ווערק, נאָר אין אַלצדינג געווען אַ מענש, וואָס איז געווען אין גאַנצען סטיל. דער קלענסטער שטריך אין אים איז געשטעמפּעלט מיט אַן׳אייגענאַרטיגען שטעמפּעל: אין זיין אַרט רעדען, אין זיינע בעוועגונגען, אין אַלץ איז ער געווען טריי זיין אייגענעם מהות, זיין סוביעקטיווען ריטם, וואָס לאָזט זיך כמעט נישט איבערגעבען. דאָס מעפיסטאָפעלשע מיטן אידיליִשען זענען געווען אַזוי מאָדנע איבערגעקרייצט אין זיין וועזען, אַז אַלע קינסטלער, וואָס האָבען אים געמאָלט אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען, האָבען נישט געקאָנט אויפכאַפּען דעם סינטעז. מענדעלע האָט זיך אַליין סטיליזירט, און זייענדיג אַן׳אַרטיסט בטבע, האָט ער נישט אויפגעהערט צו שפּילען עפּיס אַ שפּיעל, וואָס איז נישט נאָר געווען שפּיעל — ווייל ער האָט דאָך געשפּיעלט זיך אַליין, זיין קינסטלערישען העלד. און אין דעם דאָזיגען שפּיעלען איז געווען אַזוי פיעל גוטמוטיגקייט מיט חוזק, אַזוי פיעל סאַטירע מיט הומאָר, אַזוי פיעל חכמה מיט נאַאיוויטעט צוזאַמען, אַז הערען אים איז געווען דער גרעסטער גענוס. עס האָט געררייצט און בערוהיגט אין דער זעלבער צייט. עס איז געווען נאַטור מיט קונסט. אַ מאָדנע אויסמיש, פון וועלכען עס לאָזט זיך קוים געבען אַ בעגריף יעצט, וואָס האָבען עס אַליין נישט מיטגעמאַכט.

ער האָט גערעדט ווי ער האָט געשריבען. עס האָט געהאט פּשט מיט רמז, ערנסט מיט וויץ, און אַזוי געווען יודיש באַפּאַרבט, אַזוי מדרש׳דיג, אַזוי שאַרף אָנגעצויגען, אַזוי געקניפּט מיט אַ פּסוק מיט אַ מאמר חז״ל, אַזוי צונויפגעפיהרט ווייטע בעגריפען, און אַזוי איינגעפלאָכטען דאָס נייע אין אַלטען, און דאָס אַלטע אין נייעם, גלייך ווי גאַנצע דורות האָבען זיך פערקערפּערט פאַר אונז אין איין פּערזאָן, וואָס טראָגט אין זיך דאָס גאַנצע אָנגעפּראַטעוועטע רייכטום פון זיי אַלע. ער האָט אַלץ געזעהען, ער האָט אַלץ פערהיט פון פערגעסונג. וואָס ער האָט

נאָר אַרויסגעלאָזט פון מויל, האָט ער באַלד געהאַט דערצו אַן אַנאַלאָגיע אויפ'ן אָרט אין דער אַלטער ליטעראַטור צו דער פאָרם און אינהאַלט, און אַלץ איז פאַר איהם געווען אַ חומר פאַר אַ פיינעם דרוש, פאַר אַ חקירה, און אַ פּלפול, וואָס האָט געגלאַנצט מיט עמוקות פון אַ תּלמיד-חכם אַ חקרן און צו דער זעלבער צייט, מיט דער גאַנצער פאָלקס-תּמימות און פאָלקס-שאַרפזיניגקייט. רעדען מיט מענדעלען האָט געהייסען פאַר מיר שטודירען איהם, דערקענען איהם, זעהען איהם, ווי ער שטעהט אַ אויסגעגלייכטער און בליצט מיט די געשליפענע ברילען, און „פיילט" זיינע מימרות און בייזערט זיך מיט אַ געלעכטערעל און שטיפט אין טאָמע ערענסט און שיט מיט פּערל פון חכמה, איז געווען אַזאַ אָריגינעלע ערשיינונג, ווי אַ בלעטעל מענדעלע, אויב נישט נאָך מעהר

II

מענדעלען האָב איך דעם ערשטען מאָל געזעהען אין יאָהר 1909. איך געדענק אַ סיון-פאַרנאַכט, ווען די אַקאַציעס פון די אָדעסער גאַסען זענען געשטאַנען מיט זייער רייכער פריהלינג-בליהעכץ, און די טונקעלע דרום'דיגע הימלען האָבען זיך ווייך און וואַרים געשפּרייט איבער דער שטאָט; איך בין אַריין אין דעם פערלאָזטען הויפעל פון דער „תּלמוד תּורה" אויף דער דיעכטאַרנער גאַס, און איך האָב אין ערשטען מאָמענט זיך אָנגעהויבען וואַקלען, צי זאָל איך אַריינגעהען צום זיידען אָדער אָבלעגען מיין וויזיט אויף אַ צווייטען מאָל, ווי איך האָב שוין געטהון נישט איין מאָל פאַר דעם. צו וואָס טויג דאָ די בעהעלטענישען? — מען האָט מיר געזאָגט, אַז נישט אַלע מאָל איז דער זיידע צופרידען פון די פיעל געסט, און

מעשׂיות וועגן מענדעלען

איך בין נישט געווען זיכער, אַז מײַן קומען אין זײַן שטוב וועט אים זײַן אָנגענעם. מען האָט מיר געזאָגט: דער זיידע האָט זיך זײַנע קאַפּריזן. מען האָט אויף איהם אַרויסגעלאָזט אַ שם־ו״ע, אַז ער איז אַ קפּדן און צײַטנווײַז אַ שווערער מענש.

נישט אָהן אַ לײַכטער האַרץ־קלאַפּעניש בין איך געשטאַנען בײַ דער טהיר, געוואַרט זי זאָל זיך עפענען. און דער ווערמענס געשטאַלט איך האָב אַזוי פיל יאָרען געטראָגען בײַ מיר אין האַרצען, וועט ערשײַנען פאַר מײַנע אויגען. דער דיכטער, ווי ער בעווייזט זיך אין זיינע ווערק, אין די געצעהלטע מינוטען פון דערהויבונג, ווען דער גייסט שטאַרקט זיך איבער׳ן חומר, און דער דיכטער אין דער ראַם פון טאָג־טעגליכען לעבען, ווען ער טראָגט, ווי אַלע, די שווערע לאַסט פון לעבען — איז דען מעגליך, אַז זיי זאָלען זיך ענליך איינער צום צווייטען, אַז די האַרמאָניע פון דעם שעפער און זיין שאַפונג, ווען זיי זענען צושיידט, זאָל נישט צושטערט ווערען? אָט דער שווערער מאָמענט, וואָס איז בײַ אונז, גלייך ווי דער פאַרהאַנג פון דער חלומות־וועלט וואָלט אַראָבגעפאַלען, איז שטענדיג פון די געפערליכסטע.

נאָר אָט האָט זיך געעפנט די טיר און, ער אַליין האָט זיך בעוויזען אין טיר און האָט מיך געבעטען אַריינגעהען. דעם ערשטען מאָמענט, ווען ער האָט זיך פאַר מיר בעוויזען, וועל איך אייביג נישט פערגעסען. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז עס איז פּלוצלינג געוואָרען ליכטיג אַרום־און־אַרום. אַ הויכער, אויסגעצויגענער זקן איז געשטאַנען פאַר מיר, אַ גלייכע, געשטרעקטע פיגור, מיט אַ פּנים, וואָס לויכט און שמייכעלט — משכמו ומעלה העכער פון אַלעמען. יאָ, דאָס איז ער! — האָב איך אַ טראַכט געטהון בערוהיגט. יעדע בעוועגונג פון זיין קאָפּ איז געווען פול מיט אויסדרוק און מלא־חן. אַ מלכות׳דיגער גלאַנץ האָט אַראָבגעשיינט פון זיין שעהנעם קאָפּ, פון די ווייסע קורצע לאָקען. אין זיין קין, עטוואָס אַ אויפגעהויבענעם אַ קאַמף־פאַרטיגען, און אין די דינע צונויפגעדריקטע

ליפּען איז נאָך געבליבען פון דעם אייגגעהאַלטענעם חוזק׳ פונ׳ם אַמאָליגען „מחמיר״, נאָר אָט גיט ער זיך אַ בויג, לייכט־זעליג אַ בויג איבער מיר, לייכט מיט זיין דראָבנע געלעכטערל, און עס שטעהט אַ ליבער, אַלטיטשקער זיידע. איך פּיהל מיט פרייד, אַז איך האָב אים ליעב. וויי׳קליך, און וואָס מעהר איך קוק מיך איין אין אים, אַלץ מעהר פיל איך: יאָ, אַזוי זעהען אויס די אויסדערוועהלטע, די, וואָס גאָט האָט זיי ליעב!

אַ וואונדערליכער אָוונד. אין די גרויסע הויכע צימערן איז אַלצדינג זויבער, ציכטיג. און עס איז שטיל. איך זיץ פאַרן אַלטען רבי׳ן און זאַפּ איין אין זיך די דאָזיגע שטילע פייער־ליכקייט. מיר שמועסען, דאָס הייסט: ער רעדט. און איך הער. און דעמאָלט שוין האָט דער זיידע קיין אַנדערן נישט געלאָזט אַ וואָרט אויסרעדען.. .דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געהערט זיין געשפּרעך, און איך האָב נישט געגלויבט מיינע אויערן; כ׳האָב נישט געגלויבט, אַז עס איז דאָ אַ מענש, וואָס איז אַזוי לויטער קינסטלער, ווי ער, זיין גאַנצער געשפּרעך איז געווען עפּעס אַן אימפּראוויזאַציע. און נישט נאָר דער אינהאַלט איז געווען אַזוי וואונדערבאַר, נאָר די אָרגאַנישע איי־ניגקייט פון דער פאָרם מיט׳ן אינהאַלט. יעדעס וואָרט, יעדער אויסדרוק איז געווען אַ פּסוק פון מענדעלע׳ס ווערק, און עס איז געווען צו גלויבען, אַז דאָס רעדט ער נישט סתם, נאָר ער לייענט גאַנצע זייטלעך פון זיינע ביכער...

צווישען די שורות נאָר האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען אַ שטילע אָנקלאַגע פונ׳ם זיידען אויף דער יונגער ליטעראַטור. עס איז געווען קענטיג, אַז אַפילו צווישען דער גרויסער חברה פון זיינע אייניקלעך האָט ער זיך געפיהלט דאַן אַזוי איינזאַם, ווי אין די גאָר אַמאָליגע צייטען. געווען צו זעהען דעם קלאַ־סיקער, דעם זקן, וואָס קוקט אַראָב פון זיין הויך, די הויך פון שלימות׳דיגער קונסט צו דעם תהו־ובהו פון דער יונגער שאַפונג, די פערלוירענע, וואָס טאַפּט אין דער פינסטערניש. דער זיידע

איז נישט געווען קאָנטענט פון אַ סך ערשיינונגען אין דער ליטעראַרישער וועלט.

אַכט יאָהר זענען ערשט אַדורך פון מיין ערשטען בעזוך ביי מענדעלע׳ן אין שטוב, נאָר אַז איך נעם אויפ׳ן מוח יענעם אָוועגד, זעה איך אַלץ ווי דורך אַ נעץ פון ליכ־טיגע שאָטענס. איך געדענק די הויכע רוימיקע צימערן, פול מיט אַ גרויס שטילשווייגען, און איך הער די לויטערע קלאַנ־גען פון דעם זיידענ׳ס שטים, זיי זענען פול געווען מיט אַ שטילען טרויער. דאָס ווידערקול פון גרויסער איינזאַמקייט, די איינזאַמקייט פון אַ גרויסען קינסטלער, וואָס האָט זיך שטענדיג צו שטיצן נאָר אויף זיך אַליין, האָט נאָך אָפּגעקלונגען שטיל פון מענדעלע׳ס רייד, און נאָר די רוהיקייט פון דעם געניטען, און לאַנג־געפּרואבטען, וואָס האָט שוין פיעל געזעהען אויף זיין וועלט, האָט אויף זיין טרויער אויסגעגאָסען אַ שיין פון הומאָר און טרייסט, עס איז שווער, נאָר עס איז אַ פרייד צו טראָגען איינער אַליין און געהן אַנטקעגען דעם נייעם טאָג, דעם נייעם לעבען. דער שווערער שטורעם איז שוין געווען פאַרביי, און די שיף, וואָס האָט זיך שטיל געהוידעט אויף די כוואַליעס פון דער שטילער בוכטע, האָט נאָר צומאָל אַ לייכטען ציטער געטהון, ווי דערמאָנענדיג זיך די וויכטיגקייט פון יענע טעג, וואָס זענען ווייט הינטער איהר געבליבען...

II.

גאָר אַנ׳אַנדער שטימונג איז ביים זיידען געווען, ווען איך האָב איהם בעזוכט אין עטליכע יאָהר אַרום אויף דער זומער־וואוינונג אונטער אָדעס. עס איז געווען אַ זומער־טאָג, אַ זוניגער, און, אַז די היץ האָט זיך געשטאַרקט, איז דער

אַראָמאַט פון די גראָזען און בלומען געשטאַנען אַ שאַר־פער – אַ פאַר־שבועות׳דיגער. פערטאָיכט פון ליכט, וואַרימקייט און וואוילגערוך זענען מיר אָנגעקומען פערמאַטערטע צו זיין וואוינונג. דעם זיידען האָבען מיר געטראָפען אין גאָרטען. אַז ער האָט אונז דערזעהען, איז ער אויפגעשטאַנען און אָנגעהוי־בען אונז צו בעטראַכטען, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט זיין געלאַסענעם פקחות׳דיגען בליק, ווי אויספּראָובענדיג אונז. צווישען אונז איז דעמאָלט געווען ביאַליק, וואָס איז דאָן גע־קומען צום זיידען נאָך אַ קורצער הפסקה איבער עפּעס אַ שטיקל ברוגז, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען זיי. די סיבה פון דעם ברוגז געדענק איך שוין נישט. וועד עס איז געווען באַהענט צום זיידען אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען, געדענקט אודאי, ווי דער זיידע פלעגט זיך זייער לייכט בע־ליידיגען. מיר פלעגען זיך שוין זעהר היטען מ׳זאָל איהם נישט אָנטרעטען מיט דער קלענסטער זאַך. און ביאַליק, למשל, אַז ער פלעגט זיך דערמאָהנען, אַז מ׳האָט שוין אַ לענגערע צייט נישט בעזוכט דעם זיידען, פלעגט ער ווערען אַ אויפגעקאָכטער: אוי וועה, דעם זיידען פערגעסען! ער האָט גוט געוואוסט, אַז דער זיידע פיהרט חשבון, און איהם איז נישט לייכט אָבצוגאַ־רען. באַלד ברוגז, פלעגט ער זיך אויך באַלד לאָזען איבער־בעטען; און אויך דאָס מאָל, אַז זיינע שאַרפע אויגען האָבען ביאַליקען דורכגענומען דורך און דורך, האָט זיין פנים אָנגע־הויבען לייכטען, דערנעהנטערענדיג זיך, האָבען זיי זיך צוקושט, און דער זיידע איז אַ קליינע ווײַלע געווען אַ ביסעל צורו־דערט און גליקליך.

אין יענעם טאָג איז פאַר מיר ענטפּלעקט געוואָרען גאָר אַ נייער מין מענדעלע – דעם מענדעלע פון „מחוץ לחומות". דעמאָלט האָב איך איהם געזעהען אין דער ליבליכער פּראַכט פון דער גרויער עלטער. ערשט דעמאָלט האָב איך תופס געווען, וואָס איז אַזוינס די ברכה פון לאַנג־לעבען און די „שעהנקייט פון עלטער, זעהענדיג איהם, האָב איך געגלויבט, אַז איך זעה פאַר מיר אַ פערצייטיגען זקן, איינעם פון יענע אַלטע אַמאָלי־

גע צייטען, ווען דער מענטשליכער גייסט האָט געבליהט ביז אין דער טיעפער עלטער; ווען דער סימבאָל פון גליק און לעבען איז געווען די עלטער, און די מענטשליכע גרויסקייט רעכענט זיך נישט ביי די פריהסטע טעג פון לעבען, נאָר ביי זייער פראַכטפולער נעילה.

די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט עפּעס אַ גוטמוטיגקייט. עס האָט אַ פּנים געהאַט, ווי מיר אַלע וואָלטען ביי דער זייט פון דעם געבענטשטען זקן געפיהלט די טריט פון דעם נייעם לע-בען, דאָס לעבען פון פּאָעזיע און שעהנקייט, וואָס קומט אָן. גלייך ווי די קללה פון די טעג, וואָס דער זיידע איז אַמאָל אַן עדות געווען, וואָלטען זיך פּלוצים אָבגעטהון פון אונז. ער איז פאַר אונז געווען ווי אַן אַלטער סאָלדאַט, וואָס קערט זיך אום זיגרייך פון שלאַכט, און ווייסט, אַז ער האָט רעכט אויף רוה, — אַז ער האָט זיינס געטהון. און נישט נאָר אין דעם אַרט רעדען זיינעם, נאָר פיעל מעהר נאָך — אין זיין שטים, אין זיין געלעכטער איז געווען אַזוינס, וואָס האָט דערמאָהנט דאָס פאָלקסטימליכע געשטאַלט פון די אַמאָליגע „בעלי-אגדה"...

איך האָב דערצעהלט וועגען לעבען אין ארץ-ישראל. ביאַליק, ווי זיין שטייגער, האָט זיך דערוואָרימט און שוין אָנ-געוואָרפען אַ פּלאַן פון אַ גרויסער נאַציאָנאַלער ליטעראַרישער אַרבעט אין ארץ-ישראל, וואו עס זאָלען נעהמען אַנטייל אַלע אונזערע שרייבער. און דער זיידע האָט געטרוימט וועגען אַ שטיבעל מיט אַ גאָרטען אין איינער פון די ארץ-ישראל קאָלאָ-ניעס, און האָט זיך שוין געפרייט מיט די קליינע גרינע או-גערקעס, וועלכע ער וועט אַרויסגעהען קלייבען יעדען פריה-מאָרגען אין זיין גאָרטען, אויף די קליינע עופה'לעך, וואָס ער וועט האָדעווען פון זיין האַנד... מענדעלע איז געווען אַזוי טריי זיין אייגענער פּאַנטאַזיע — אויך אין ארץ-ישראל האָט איהם געלאָקט נישט דאָס עקזאָטישע, נאָר דער היימישער פּיי-זאַש פון אַ בעשיידענעם גאָרטען — די ברכה פון דער פּשוטער אידיליע. אָט דאָס פרידליכע, אידילישע, וואָס האָט אַלץ מעהר בעהערשט זיין שאַפונג אין דער לעצטער תקופה; די געליי-

טערטע אידיליע, וואָס האָט אַזוי מילד בעלויכטען דעם אָוועגט פון זיין אייגענעם לעבען.

IV

איך ווייס נישט, ווי מענדעלע האָט געלעבט אין די פריערדיגע צייטען, נאָר אין יענער צייט, וואָס איך האָב איהם געקענט, האָט געהערשט אַ וואונדערבאַרע אָרדענונג אין זיין שטוב, אין זיין טאָג-אַרבעט, אין זיין עסען און טרינקען, אין זיין שפּאַציר און אָברוה-צייט. און אַלץ האָט געהערשט דאָס געפיהל פון מאָס, פון קלוגער בעגרענעצטקייט. ער איז געווען שטאַרק אָבגעהיט אין הולכת-היגיענע, אַ פּנים, נאָך פון דער יוגענד אָן, און דאָס האָט איהם, ווי עס שיינט, אַזוי וואונדער-באַר דערהאַלטען אין דער עלטער. אַ געזונדער מיט אַ קלאָ-רען געדאַנק, פריש און גוט געשטימט אין אַזאַ טיפער עלטער, האָט נישט געקאָנט נישט אַרויסרופען אַ שטאַרקע בעוואונדערונג, ביי אַלע, וואָס האָבען איהם געזעהען. יעדען האָט אינטערעסירט צו וויסען דעם סוד פון דער דאָזיגער האַרמאָניע און שלימות, וואָס דער גרויסער זקן האָט דורכגעפיהרט אין זיין לאַנגען לעבענס-וועג, אַזוי, אַז די צייט האָט איבער איהם קיין שליטה נישט געהאַט.

ער פלעגט זיך נאָר קלאָגען צייטענווייז אויף שלאָפלאָ-זיקייט. „אַ זייגער צוויי-דריי אין מיט'ן נאַכט — פלעגט ער מיר אָפט זאָגען — דערפיהל איך פּלוצים, ווי אַלצדינג אין מיר ווערט מיט אַ מאָל וואַך, קלאָר. פערגעסענע זכרונות טוי-כען אויף מיט אַ מאָדנע לויטערקייט. עס שטעהען אויף די יוגענד-יאָהרען, און איך קאָן שוין מעהר נישט שלאָפען... דע-מאָלט שטעה איך אויף פון מיין געלעגער, שפּאַציר מיר אַרום

דעם גרויסען ביכער-צימער אָדער קוק אַריין אין אַ ספר ביז'ן ליכטיגען טאָג"...

דאָס לעצטע מאָל האָב איך איהם געזעהען אין זיין גאַנצער „הדרת שיבה" אים ווינטער תרע"ה, בשעת מיר האָבען געפייערט זיין אַכציג-יעהריגען געבורטס-טאָג. מיר האָבען זיך דעמאָלט פערזאַמעלט אַ גרויסער עולם אַזוי, אַז אַלע צימערען פון זיין רחבות'דיגער דירה זענען געוועזען פול. און אַז ער האָט זיך בעוויזען צווישען די געסט מיט זיין לויכטענדיגען פנים און שמייכלענדיגע אויגען, מיט וועלכע ער האָט ליעב געהאַט צו פינטלען מעשה-קונדס דורך די ברילען, — איז נישט געווען קיין הארץ, וואָס זאָל זיך נישט פרעהען מיט איהם, וואָס זאָל זיך מיט איהם נישט גרויסען. עס האָט אויסגעזעהען, ווי אין איהם וואָלט זיך פערקערפערט אייביגע פרישקייט פון אונזער פּאָעזיע — דער גלאַנץ פון עלטער און יוגענד אין איר.

ער איז דורכגעגאַנגען דורך אונז מאַיעסטעטיש מיט זיין גאַנצער אויסגעצויגענער, געשטרעקטער געשטאַלט, גנעדיג גע-שמייכעלט צו יעדען בעזונדער, און דרך-אגב, נישט פערגעסען אַ ביס צו טהון דעם אָדער יענעם פון די אייניקלעך, די עזות-פּנים'ער וואָס האָבען אַזוי פיעל צייט איהם נישט בעזוכט, דראָהענדיג צו זיי מיט'ן פינגער... מיר האָבען איהם אַרומגע-רינגעלט אין געקוואָלען פון איהם. מיידלעך, פרויען, יונג און אַלט האָבען איהם געגריסט, זיך געקושט מיט איהם. אַזאַ וואַ-רימע האַרציגקייט און צערטליכקייט האָט אָנגעפיהלט די גאַנצע שטוב. דאָ, נעבען זיידען. איז אַלץ געוואָרען ניחא, און אַפילו מיר, יודישע שרייבער, האָבען זיך אויך דערפיהלט ווי מיטגלי-דער פון איין משפחה...

אַ מין זעלטענע לייכטקייט האָט זיך געפיהלט צווישען אונז, ווען מיר האָבען געהאַט דעם זיידען נעבען אונז. ער פלעגט רעדען, און מיר אַלע פלעגען איינזאַפּען אין זיך זיינע רייד — ריכטיגער, זיין שטים. ער האָט פערמאָגט דעם כח אַלצדינג צו מאַכען היימיש, פאָלקסטימליך און אייגענאַרטיג

צוזאַמען, און יעדעס וואָרט זיינס איז געווען דער פּולער, זאַטער אָבקלאַנג פון אַ לאַנג וואונדערליך לעבען, וואָס איז געבליבען אָבגעהיט, ניט-געפּעלשט אין זיין שאַפען און אין זיין האַרצען. פון זיין אַרט רעדען האָט מען געקענט לערנען, ווי אַ יודישער שרייבער מוז זיין נאָהענט צום פאָלק, צו זיין לעבען, צו זיין שפּראַך, אויב ער וויל, אַז זיין שאַפען זאָל נישט ליידען מיט קיין אַנעמיע פון אויסטראַכטעניש...

V

יענער אָווענד איז געווען דער לעצטער, וואָס איך האָב מענדעלע'ן געזעהען אין גלאַנץ פון זיין עלטער, אויב מען קען אַזוי זאָגען — מיט זיין גאַנצען זיעג איבער איהר... עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און עס האָבען אָ געהויבען דער־געהן צו אונז ידיעות וועגען זיין שווערער קראַנקהייט. אַרויס־געהענדיג איינמאָל אינדערפריה פון דער וואַנע, האָט ער זיך צוגעקיהלט און בעקומען אַנ'אָנפאַל. דאָס איז געווען דער ערשטער דונער, וואָס האָט דערלאַנגט אין אָט דעם וואונדער־באַרען בוים, און מיר אַלע זענען פון דער ידיעה אַרומגע־גאַנגען מיט אַ צעבראָכען האַרץ. מיר האָבען געוואוסט, אַז דער מענטש איז אַלט, און אַז דאָס געזעץ פון אַלע לעבעדיגע וועט איהם נישט אויסמיידען. נאָר זיין טיעפע עלטער האָט אונז געהאַלטען אין אַ מאָדנעם מין בטחון, אַז דער זיידע וועט, אַזוי ווי ער איז, נאָך לאַנג-לאַנג פערבלייבען, אַז מ'קאָן קיינעם נישט פערגלייכען צום זיידען — דער זיידע איז גאָר עפּעס אַנדערש...

מיר איז געווען שווער צו זעהן מענדעלע'ן אַזוינעם, — איך האָב נישט געקאָנט קוקען אין זיין ערשטער ירידה. און

ווען אפילו עס איז איהם א ביסעל בעסער געוואָרען, פלעג איך א צייט אויסמיידען זיין הויז. און ערשט אין א פּאָר מאָנאטען ארום, אז ער איז אָבגעפאָהרען אויף א זומער-וואוינונג, און מען האָט מיר איבערגעגעבען, אז די זון און די גוטע ים-לופט האָבען אויף איהם נאָך איצט אויך געהאט די שטענ-דיגע ווירקונג, בין איך אין איינעם א סיון-טאָג געפאָהרען זיך זעהען מיט איהם.

און עס איז ווידער געווען א זוניגער זומער-טאָג, ווי מיט א יאָהר צוריק. פון איבער דעם ים האָבען זיך געטראָגען גאנצע מחנות ווייסע לויטערע וואָלקענס, וואָס האָבען פערהאָנגען דאָס הויז, וואו דער זיידע האָט געוואוינט, ווי מיט לייכטע פאָרהאנגען. א פרישע פייכטקייט האָט זיך געטראָגען פונ'ם נאָהענטען ים, און די גאנצע צערטליכקייט פונ'ם יונגען דרום'דיגען זומער איז געווען אויסגעגאָסען אין דער לופט. נישט אומזיסט האָט דער זיידע א גאנצען ווינטער אזוי געבענקט נאָך די זומער-חדשים, און נאָך פאר פורים אונז שוין אָנגעהויבען מאטערען מיר זאָלען פאָהרען דינגען פאר איהם א זומער-וואוינונג. דאָס רעדען אליין וועגען פרישע לופט און וועגען פעלד אין דאָרף איז געווען גענוג עס זאָל איהם אויפמונטערען, אריינגיסען א יוגענדליכע פרישקייט אין זיינע וועלקענדיגע אָדערען.

דאָס מאָל האָב איך דעם זיידען געטראָפען זיצען אויף א באנק אין שאָטען פון א ברייט בלעטערדיגען קאשטאנען-בוים, אָנגעשפארט מיט ביידע הענד אויף זיין שטעקען. ער האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך דערפרעהט מיט'ן גאסט, זיך אויפגעשטעלט און מיך אָבגעמאָסטען מיט זיין גע-לאסענעם בליק איבער די ברילען, פערוואָרפענדיג א ביסעל דעם קאָפּ אויף הינטען (א סימן איז דאָס תמיד געווען, אז דער זיידע איז א ביסעלע ברוגז, פארוואָס מ'האָט איהם נישט בעזוכט א לענגערע צייט). נאָר פון זיין גאנצען אויסזעהן און זיין האלטען זיך האָט דאָך שוין ארויסגעקוקט א שטארקע מידקייט. דאָס ערשטע מאָל האָט מען דערזעהן דעם לאסט פון לאנג-לעבען, וואָס דער זיידע האָט געטראָגען אויף זיינע

אַקסלען. אויך די קראַנקהייט זיינע האָט איבערגעלאָזט אין זיין געזיכט און אין זיין רעדען קליינע שפּורען. דער זיידע האָט נאָך געקעמפּט געגען דעם אָנגריף פון דער עלטער, — האָט זיך איר נאָך נישט אונטערגעגעבען, נאָר די ערשטע שפּאַלטען זענען שוין געווען קענטיג אין דעם קרעפטיגען בוים, — עס איז געווען צו דערקענען, אַז דער לעצטער זיעג, דער אמת׳ער זיעג, וועט על-כל-פּנים זיין אויף דער זייט פון דער עלטער...

און איך בין ווידער געזעסען נעבען איהם און געהערט איהם רעדען. אויך דאָס מאָל האָט ער נישט געקאָנט פער- ציכטען אויפ׳ן רעדען, וואָס איז איהם אָנגעקומען שווער, אַ דאַנק די רעשטלעך פון זיין קראַנקהייט. דאָס רעדען — דאָס איז נאָך געווען דאָס איינציגע טרעפעל צום שאַפען, ווען די איבעריגע מיטלען זענען ביי איהם צוגענומען געוואָרען... איך געדענק, אַז צווישען אַנדערע האָט ער מיר דעמאָלט דערצעהלט וועגען זיין בעציהונג צו לייעגבלומען עליו-השלום... ער פלעגט איהם שעצען פאַר זיין אָרענטלעכקייט און ריינהאַרציגקייט. אין גאַנצען אָבער האָט ער, קענטיג, נישט סובל געווען דעם באַגרענעצטען אין זיין טיפער ערענסטקייט שעפער פון „חטאת נעורים״: רבונו- של-עולם, ווי קען דאָס אַ מענש דערצעהלען פון לעבען, אַז ער האָט אַפילו דעם גערוך פון לעבען נישט געקענט? ווען אַ מענטש וואָלט געווען בכוח איהם דעם סוד פון לעבען צו ענ- דעקען, וואָלט ער דאָך מויל און אויערען געעפענט פון פער- וואונדערונגען...

בשעת אונזער געשפּרעך האָט זיך דער ים-ווינט געשטאַרקט, און די בוימער האָבען אָנגעהויבען רוישען אונטער די שוואַרצע וואָלקענס, וואָס זענען געהאָנגען איבער אונזערע קעפּ. איך האָב זיך געאיילט אָוועקצופאָהרען, און דער זיידע האָט זיך איינגעשפּאַרט ער וויל מיך אַ ביסעל בעגלייטען. נעבען זיין וואוינונג איז געווען אַ גרויסער פרייער פּלאַץ, אינגאַנצען בע- וואַקסען מיט ווילדע גראָזען, וואָס האָבען זיך געהוידעט אויפ׳ן ווינד. אַרויסגעהענדיג און דערשפּירענדיג דעם ווינד, איז מענ- דעלע געוואָרען שטימעריש, ווי אַ קינד. ער האָט אויסגעטהון

זיין הוט, און די ווייסע לאקאנעס פון זיין קאָפּ האָבען גע־פלאַטערט אוי'ן ווינד, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָר מינוט ביי אַ קיה, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן'אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און הילכיג מיט גרויס פלייס געגריזשעט דאָס גראָז, ער האָט נישט געקענט אָבריייסען די אויגען פון דעם דאָזיגען בילד. און ער האָט ווידער פערריסען די אויגען צו די מחנות בעוועגליכע וואָלקענס און איינגעצעמט אין זיך די שאַרפע ים־לופט... און זיין גאַנץ וועזען האָט ווי געבעטען צו גאָט פון דער ערד: „בעשיץ מיך אייביג אין שאָטען פון דיינע פליגעל!"...

VI

מענדעלע דער דיכטער פון נגלה, דער נביא פון איינ־פאַכען, ערדישען, איז געווען, וואָס רייפער ער איז געוואָרען, אַלץ מעהר צוגעשמידט צו דער שעהנקייט פון נאָהענטען פרידען; און אין דער לעצטער תקופה פון זיין לעבען און שאַפען האָט ער זיך איינגאַנצען בעהאָפטען צו דער ערד, צו דער ערד פון זיין וויטען געלייטערטען פריהלינג, פון זיין פאַר־בען־רייכער קינדהייד. נישט קוקענדיג אויף זיין טיעפער עלטער, האָט ער, ווי אַ קינד, נישט אויפגעהערט חלום'ען וועגען אַ דאָרפס־לעבען, וועגען אַ נחלה מיט פעלד און מיט גאָרטען, וואָס זאָל בעניי׳ען זיין יוגענד. קיינער פון אונז האָט אַזוי נישט ליעב געהאָט די ערד, די פרייד פון אַרבייט, האָט אַזוי נישט טייער געהאַלטען דעם לאַנגזאַמען אויפבוי פון לעבען און קולטור — דעם פּאָדעם פונ'ם לוסטיגען לעבען, וואָס רייסט זיך נישט איבער, — ווי ער. אַז „דער פּאָדעם זאָל וועו־עס־איז איבערגעריסען ווערען"—

דאָס איז גאָר אויף זיין רעיון נישט אַרויף... דאָס אייביגקייט-פּראָבלעם האָט, אַפּנים, איהם קיינמאָל נישט פערנומען. אויך אין זיין שאַפען האָט ער זעהר זעלטען צוגעטראָטען אויף אויפצוהויבען דעם „לעצטען פאַרהאַנג"...

דער עפּיזאָד, פון וועלכען איך בין אַנ'עדות געווען און וואָס מיר איז נישט אַזוי לייכט פאַרצושטעלען מיט אַלע פּרטים, איז פאָרגעקומען אין לעצטען יאָהר פון זיין לעבען. דערפון קאָן מען, געוועהנטליך, קיין ראיה נישט ברענגען אויף מענדעלען בכלל, וואָס איז, ווי קיינער פון אונז, זיך שטענדיג געבליבען טריי, נאָר דוקא אַלס אויסנאַהם האָט ער מיך טיעף טיעף בעוועגט און איבערגעלאָזט מיט זיך דעם שטאַרקסטן אָנדענק וועגען אונזער דיכטער.

דאָס איז אויך געווען אויף דער זומער-וואוינונג, אויפ'ן „גרויסען פאָנטאַן", וואו ער האָט געוואוינט דעם לעצטען זומער פון זיין לעבען אין אַ פאַרנאַכט-שעה. די אַנדערע געסט זענען זיך שוין געהאַט צוגאַנגען און איך בין איבערגעבליבען מיט איהם אַליין. דער אַלטער איז שוין געווען שטאַרק שוואַך. דער הומאָר זיינער איז נאָך געבליבען, און אין די שעה'ן, ווען ער האָט זיך געשפּירט גוט, פלעגט ער אונז נאָך אונטערהאַלטען מיט זיינע זכרונות און רעזאָנערע געשפּרעכען, נאָר עס פלעגט טרעפען, ער פלעגט זיך פערפּלאָנטערן אין די לאַנגע שילדערונגען און האָבען אָבוואַכונגען פון דעם עיקר, און מיט האַרץ-קלעמעניש פלעגט ער דערפיהלען, אַז עס רייסט זיך איבער אין מיטען, און ער קאָן נישט פערענדיגען זיין געשפּרעך. די עלטער האָט שוין אַלץ מעהר אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען איר מאַכט אויך אויף דעם דאָזיגען שטאַרקען גייסט.

אין יענעם אָווענד איז ער עפּעס געווען שטאַרק אומעטיג און ער האָט מיך לאַנג נישט געלאָזט אַוועקגעהן אַהיים. און בשעת קיינער פון די שטוב-מענשען זענען נישט געווען, האָט ער זיך נעהענטער צוגערוקט צו מיר און שטיל אָנגעהויבען רעדען, און אין זיין שטים איז געווען אַ מאָדנע צערטליכקייט. ער האָט נישט צו מיר גערעדט, נאָר צו זיך אַליין,

צו עפּיס איינעם, פאַר וועמען ער האָט געוואָלט אַרויסזאָגען דאָס, וואָס האָט איהם שטאַרק געדריקט.

— דו מיינסט — האָט ער אָנגעהויבען נאָך אַ לענגערען שווייגען — אַז מיר איז שטאַרק צום הארצען אָט די אַלע פּאַרטייאישע עסקים מיט זייערע חלוקי-דעות און אָט דאָס אַלץ, וואָס מ׳האָט דאָ גערעדט אַ גאַנצען אָוועגד? איך בין שוין אַזוי ווייט איצט פון אָט די אַלע זאַכען און קאָן נישט בעגרייפען, ווי טהוט מען זיך עס אַזוי אַריין מיט לייב און לעבען אין די אַלע קליינינקייטען, ווי איז מען עס מסיח-דעת פון דעם גרעסטען עיקר — פון גאָט... אָט בעטראַכט איך איצט נאָך אַמאָל מיין גאַנץ לעבען און וואָס איך האָב אָבגעטהון, און וואָס מיר איז געבליבען. איך וויל אַרויסגעפינען דאָס אַלץ, וואָס האָט מיך דער-נעהנטערט און אריינגעבראַכט אונטער די פליגעל פון גאָט, און אַלץ, וואָס האָט מיך פון איהר דערווייטערט... ביינאַכט אין די שעה׳ן פון פערוואָגעלטען שלאָף הויב איך אויף די אויגען צום גרויסען גאָט און פּאַרטרוי איהם מיין נשמה... איך קוק זיך איין אין אונזער לעבען און אין די מעשים אונזערע, און איך וויל אין זיי געפינען דאָס, וואָס האָט אַ שייכות צום אייביגען און מיר איז שווער פון דעם דאָזיגען גאַנצען טומעל נישט אויסצו-בעהאַלטען זיך פון איהם. און איך פרעג: וואָס טומלען זיי אַזוי, און פון וואַנען נעמט זיך ביי זיי די זיכערקייט, אַז ביי זיי איז דער גאַנצער אמת?... אוי, אָט דער דאָזיגער אמת...

און וואָס מעהר ער האָט גערעדט, אַלץ גרעסער איז געווען זיין אויפרעגונג, און זיין שעפּטשען איז געוואָרען אַלץ אינטימער. ער האָט מיר ממש איינגערוימט אין אויער, ווי שעמענדיג זיך, ווי מורא-האָבענדיג, מען זאָל אונז נישט אונ-טערהערען... אין אַלע זיינע רייד האָט זיך שוין געהערט אַנ׳-אַנדער אָבקלאַנג, אַ ווידערקול פון „נישט קיין היגען" לעבען... אין דעם בענקענדיגען ווידוי צו גאָט, וואָס איך האָב דעם ערשטען מאָהל דערהערט פון דעם זיידען, האָט שוין געקלונגען דער רוף פון אַ אַנדער מאַכט, וועלכע מענדעלע האָט אין לעבען אַזוי זעלטען אַנערקענט. דער „פּרוזדור" איז שוין געווען

איינגעזונקען אין א פינטטערניש, און די שיינען פון דעם „טרקלין״, האָבען אָנגעהויבען אַלץ שטאַרקער צו ציהען דעם, וועלכער איז אַלע זיינע יאָהרען געווען אזוי צוגעבונדען צו דער איינציגער שעהנקייט פון דעם ערדישען...

י״ב שבט, תרע״ח.

פארלאג
מענדעלע
ווארשע

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

צווייאונצוואנציגסטער באַנד

נייע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפקי 7

1 9 2 8

אלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים
(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

דער מענדעלע-טורעם

אויפגעקליבען דורך נחמן מייזיל

פערלאַג „מענדעלע", וואַרשאַ
1928

„POŚPIECH"
Św. Jerska 32.

דער ציעל פון דעם דאָזיגען זאַמעלבוך איז געווען — אויסצוקלויבען פון די פאַרהאַנענע פערשיעדענאַרטיגע מענדעלע־מאַטעריאַלען דאָס וויכטיגסטע און בעדייטענסטע, כדי דער לעזער זאָל דורך דעם קאָנען אויפשטעלען פאַר זיך אַ קלאָר בילד פון מענדעלע מוכר ספרים און זיין בעדייטונג פאַר דער יודישער ליטעראַטור.

פרצעס אַרטיקעלע „מענדעלע" איז איבערגעזעצט פון העברעאישען („כל כתבי מענדעלע מו"ס, באַנד VII).

ס. י. בן-גורינ'ס אַרטיקעל איז גענומען פון זיינע „יודישע כתבים פון אַ ווייטען קרוב" (ב. V).

דער אַרטיקעל פון ש. גינזבורג איז צוערשט געדרוקט געווען אין ניו־יאָרקער „צוקונפט" 1923.

ש. דובנאָוו'ס אַרטיקעל.—דער ערשטער קאַפיטעל איז געדרוקט געווען אין יודיש (אין 1917), אין אַ פעטערבורגער יודישען זאַמעלביבעל„ די איבעריקע קאַפּיטלעך זענען פונ'ם רוסישען זאַמעלבוך „ספּאַרוס" מאָסקווע 1918 (איבערגעדריקט אין 1927 אין „ליט. בלעטער").

דער אַרטיקעל פון י. דינעזאָהן איז פערעפענטליכט צום ערשטען מאָל אין „ליטעראַרישע בלעטער" (1927).

י. ד. בערקאָוויטשעס „שלום עליכם און מענדעלע מו"ס" איז אַן אויסצוג פון זיין גרויסען אַרטיקעל „מיט דער משפחה פון שריפטשטעל'ער" (אין „שלום-עליכם בוך", ניו־יאָרק 1927).

„מענדעלע מוכר ספרים" פון מ. ספעקטאָר, איז פון מ. ספעקטאָר'ס בוך „מאַמענט־פאָטאָגראַפיעס".

א. ווייטערס „דער אָנהויב" איז געדרוקט געווען אין „מענדעלע־זאַמעלבוך" ערשיענען צום מענדעלע יובילעאום, („דער פריינד" 1910).

דער אַרטיקעל פון בעל־מחשבות איז גענומען פון זיינע „שריפטען".

ש. גאָרעליק'ס „מענדעלע" איז פון זיין בוך „יודישע קעפ".

ש. ניגער'ס „דער סופר" איז געדרוקט געווען גלייך נאָך מענדעלעס טוידט אין קיעווער „די נייע צייט".

„מענדעלע'ס יודיש" פון נ. פרילוצקי איז אַ קאַפיטעל פון זיין בוך „ש. י. אבראַמאָוויטש".

משה נאדיר'ס אַרטיקעל איז גענומען פון בוך „מיינע הענט האָבען פערגאָסען דאָס דאָזיגע בלוט".

דער אַרטיקעל פון נ. אויסלענדער איז אַ קאַפּיטעל פון זיין בוך „גרונד־שטריכען פונ׳ם יודישען רעאַליזם“.

י. דאַברושינ׳ס „דער גאַטישער מבוא“—איז פון זיין בוך „געדאַנקען [illegible]

די אַרטיקלען פון אַ. קאַגאַנאָווסקי און נ. מייזל זענען טיילוויז געשריבען ספּעציעל פאַר דעם דאָזיגען זאַמעלבוך.

דער דאָזיגער באַנד דאַרף דערפילען די דריי בענדער־אַרטיקלען, זכרונות און מעשיות וועגען מענדעלען—וואָס זענען צוגעגעבען צו דער מענדעלע־אויסגאַבע (די בענדער I, XX, און XXI). מיר האָבען אַריינגעבראַכט אין דעם באַנד אַרטיקלען, וואָס באַלויכטען מענדעלע׳ס פערזענלעכקייט, זיין אָנהויב־וועג אין דער יודישער ליטעראַטור, זיין נאַטור, זיין באַציהונג צו אַנדערע שרייבער און זיין השפּעה אויף זיי (די אַרטיקלען פון ש. גינזבורג, ש. דובנאָוו, י. דינעזאָן און י. ד. בערקאָוויטש), אויך אַרטיקלען, וואָס באַהאַנדלען מענדעלעס שפּראַך (די אַרטיקלען פון נ. פּרילוצקי און ח. טשעמערינסקי). אין די איבעריגע אַרטיקלען ווערען געגעבען אַלגעמיינע אָבשאַצונגען פון מענדעלען. יעדער איינער פאַסט־אויף מענדעלען און זיין שאַפען אויף זיין שטייגער. מיר האָבען דאָ וויכטיגע סך־הכל׳ען, סינטעזען. מענדעלע איז דאָ גענומען אין געשיכטליכער פּערספּעקטיוו, געזעהן פון פערשיעדענע זייטען און ווייטען.

עס זענען אַזוי אַרום וועג־צייכענס נישט נאָר אין מענדעלע׳ס שאַפונגס־וועג, נאָר אויך מייל־שטיינער אין דעם ווייטען וועג פון אונזער אַלגעמיינעם יודישען קולטור־שאַפען.

נ. מ.

אינהאלט

זייט

הקדמה 5
י. ל. פרץ—מענדעלע 9
מיכה יוסף בן גריון (בערדיטשעווסקי)—מענדעלע מו״ס . 11
ש. גינצבורג—מענדעלע מו״ס און זיינע בריעף . . 15
ש. דובנאָוו—מענדעלע—אבראמאָוויטש 45
י. דינעזאָן—ש. י. אבראמאָוויטש און מענדעלע מוכר־ספרים . 79
י. ד. בערקאָוויטש—שלום עליכם און מענדעלע . . 99
מ. ספעקטאָר—מענדעלע מוכר־ספרים 119
א. ווייטער—דער אָנהויב 123
בעל מחשבות—שלום יעקב אבראמאָוויטש . . . 129
ש. ניגער—דער סופר 143
ש. גארעליק—מענדעלע 149
נ. פריילוצקי—מענדעלע׳ס יודיש 167
משה נאַדיר—הויך־וועג, וויט־וועג און טיעף־וועג . . 181
נ. אויסלענדער—מענדעלע מוכר־ספרים 187
אפרים קאַגאַנאָווסקי—דעם זיידענס פארבען . . . 211
י. דאָברושין—דער גאָטישער מבוא 215
ח. טשעמעריגסקי—יודישע גראַמאַטיק ביי מענדעלע׳ן . . 225
נחמן מייזיל—דער מענדעלע־טורעם 239

דער מענדעלע־טורעם

מענדעלע מוכר־ספרים'ס לעבענס־וועג און שאַפֿונגס־וועג האָבען זיך געצויגען ווייט איבער דורות און תקופות. מענדעלע איז געבוירען אין די דרייסיגער יאָהרען פֿון 19־טען יאָהרהונדערט און געשטאָרבען אין די 20־סטער יאָהרען פֿון 20־טען יאָהרהונדערט. זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט האָט זיך אָנגעהויבען אין דער גאָר־פֿריהסטער השכלה־עפּאָ־בע און זיך אַריינגעשניטען ביז דער גרויסער רוסלענדישער רעוואָלו־ציע פֿון 1917. ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען יודיש, ווען די שפּראַך און די ליטעראַטור זענען געווען אינגאַנצען דערנידעריגט און פֿערשטויסען. צעהנדליגער יאָהרען, ביז סוף אכציגער יאָהרען, איז ער געשטאַנען איינער אַליין אין דער אָרומיגער וויסטעניש, אָבער שפּעטער האָט ער דערלעבט צו זעהן ארום זיך אייניקלעך און אור־אייניקלעך,— אַ גרויסע משפּחה יודישע קינסטלער און דיכטער, פֿאַר וועלכע דער זיידע איז געווען דער יחוס, דער שטאָלץ, דער שטאַם.

צעהן יאָהר זענען פֿאַריבער זינט דער זיידע איז אין טיעפֿען עלטער אַוועק פֿון אונז, די ליטעראַטור איבער מענדעלען איז פֿער־העלטניסמעסיג זעהר רייך, הונדערטער אַרטיקלען, אָבהאַנדלונגען זענען פֿערעפֿענטליכט וועגען מענדעלעס לעבען און שאַפֿען, פֿערשיעדענע זיי־טען פֿון זיין פּערזענליכקייט און פֿון זיינע ווערק זענען בעלויכטען, אָבער די אַרטיקלען זענען על פּי רוב צעזייעט און צעשפּרייט איבער יודישע, העברעאישע און רוסישע צייטונגען און זאַמלונגען, וואָס זענען איצט נישט צוטריטליך פֿאַר'ן ברייטען מאַסן־לעזער

י. ל. פרץ

מענדעלע

איך האָב נישט בדעה צו שרייבען קריטיק.

די צייטען פון יחידים, וואָס טהוען אַלץ און וואָס שטעהען שטענדיג דאָרט, וואו ס'זענען קיין אַנדערע נישטאָ, — די צייטען זענען שוין פאַרביי. איצט — יעדעס געביט האָט זיך זיין שליח־צבור, זיין פאַכמאַן, און יעדער פאַכמאַן — זיין געביט, וואָס ער איז זיך עוסק אין דעם...

איך געה נישט קלויבען קיין „בלומען” אָדער מוסטערען אין מענדעלע'ס ווערק — דאָס אויך איז קריטיק.

און זכרונות נאָכצודערצעהלען — האָב איך נישט.

מענדעלע'ן האָב איך געזעהן נאָר איין מאָל, ווען איך בין אין אָדעס געוועזען. און איך געדענק נאָר הויכע, געראָויכ'ע צימערן. צווישען די אָדעסער משכילים, וואָס האָבען מיך באַגלייט, איז געזעסען ער, דער אַלטער, וואָס מיט זיין אַקצענט איז ער העכער פון אונז אַלעמען געווען, זיינע אויגען האָבען געפינקעלט און געלויכטען מיט אַ בעזונדערער רוהיגקייט און זעלבסטווירדע: „איך בין דער יעניגער, וואָס האָב מיינס אָבגעטהון, טהוט־זשע איהר אייערס... איך זעה אַלץ, לייען אַלץ, אדרבא!”...

איך וויל נאָר בעמערקען, אַז מענדעלע איז געווען אַלס קינסטלער דער ערשטער, דער מקור.

געווען אַ מאַן, וואָס האָט ענטדעקט דאָס ראָד, און זיין נאָמען איז פערגעסען געוואָרען, אָבער אין אַלע שפּעטערדיגע ענטדעקונגען דרעהט זיך אַלץ דאָס ראָד ביז אויף היינטיגען טאָג. מענדעלע האָט ענטדעקט דאָס ראָד אין אונזער ליטעראַטור, און יעדער איינער פון אונז, ביז דעם יונגסטען פון די יונגע, דרעהט אָט דאָס ראָד...

מענדעלע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט: צו וואָס רעפאָרמען, צו וואָס אַ השכלה? — דאָס פאָלק איז הונגעריג, גיט איהם צו עסען...

און דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט און ערפונדען דאָס ראָד — ער איז פערגעסען געוואָרען... ווי איז זיין נאָמען? מ ע נ ד ע ל ע.

דאָס פאָלק רופט איהם מענדעלע. ווען ער וואָלט גע-שריבען איין ווערק, וואָלט איהם דאָס פאָלק גערופען אַ יפ׳ן נאָמען פון זיין ספר, ער האָט אָבער געשריבען פיעל ספרים און דער אקס אויף וועלכען אַלץ דרעהט זיך איז „מענדעלע מוכר ספרים" — און אַזוי איז זיין נאָמען אויף שטענדיג און אויף אייביג. און צוליב קיצור — מענדעלע.

שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש איז בעקאַנט נאָר יחידים; זיין פּריוואַטער נאָמען וועט זיין אויסגעקריצט אין די געשיכטע-ביכער פון דער יודישער ליטעראַטור; אין פאָלקס מויל אָבער וועט ער הייסען: „מענדעלע", — און דאָס איז זיין נאָמען אויף אַלע צייטען און דאָס איז זיין לויב.

מיכה יוסף בן גריון
(בערדיטשעווסקי)

מענדעלע מוכר ספרים

איצט וויל איך רעדן פון מענדעלען, פונ׳ם גרויסן מענדעלע-מוכר-ספרים, פונ׳ם זיידן. איך ווייס נישט, צי ס׳איז איטליכן ידוע, אז מענדעלע-מוכר-ספרים, שכולנו חייבים בכבודו וכולנו-שתינו-מבארו, און אלע האבן מיר זיך געלאבט פון זיין ברונען, האט אמאל געהייסן שלום-יעקב אבראמאָוויטש און האט געשריבן דעם „האבות והבנים״. דעם „תולדות-הטבע״ און דעם — „משפט-שלום״ און נאך אנדערע זאכן אויף לשון-קודש. דאס איז געווען אין יענע יאָהרן פון דער אלטער השכלה מיט חיים-צבי לערנערן, מיט די מדקדקים און מיט די ראבינער-שוהלען, וואס פון זיי האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם. — אמאל האב איך בעקומען א העפטעל „השחר״ און איך האב דאָרט געפונען אנ׳ארטיקעל פון אבראמאָוויטשען „מה אנו?״ און דאס איז געווען א ביסעל גוט און אביסעל שלעכט. איטליכער פון אונז, וואס האט שטארק געלייענט ליליענבלומען און סמאָלענסקינען און גאָרדאָנען, וואָלט נישט געקאָנט זאגען, אז פון אבראמאָוויטשען האט ער גענאשט. עפעס איז דאס געווען א מין נישט פיש און נישט פלייש,

נאָר דער לשון איז געווען גוט, אָבער וואָס האָט מען פונ׳ם לשון אַליין? —

און דאָ נעמט זיך אַבראַמאָוויטש און הייבט אָן צו שרייבען ב׳כּער אויף יודיש, און וואָס נאָך פאַר ביכער! אויף איינמאָל האָט זיך געעפענט אַ נייע וועלט עפּעס אַזוינס און אַזאַ מין דרך האָבען מיר נאָך קיינמאָל נישט געזעהען. פערשטעהט זיך, אַז אין „התועה-בדרכי-החיים״, און אין „גמול-ישרים״, צי אין „שמחת חנף״ זענען אויך געווען געשיכטען פונ׳ם לעבען. אָבער „די קליאַטשע״ איז געווען עפּעס אנדערש: „פישקע דער קרומער״ איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש; און „דאָס קליינע מענשעלע״ און „הערשעלע״ זענען ווידער גאָר עפּעס אַנדערש. — דאָ דער׳צעהלט איינער מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און שניידט אונז די קישקעס. דאָ איז די כנסת ישראל, ווי זי לעבט און ליידט און ריכט אָב חצות, אַז סע ציטערט די נשמה און אַליין טוט מען אויך אַ וויין... איהר פערשטעהט, ס׳זענען פאַראַן מענשען, וואָס זיי זענען גאָר-נישט קיין משכילים: ס׳איז אַ פּראָסטער גראָבער עולם, שטיקלעך גנבים און נאָך אַזוינע פיינע לייט און פונדעסטוועגען האָבען זיי אויך אַ נשמה... איהר פערשטעהט, אַ יוד איז אַזאַ מין מענש, וואָס צו איהם דאַרף מען זיך צוהערען. און דווקא אַריינקריכען אין איהם, כּדי תופס צו זיין איהם מיט אַלע זיינע אברים... מענדעלע-מוכר-ספרים דער׳צעהלט נישט צו אונזער דערקוויקעניש, ער וויל נישט פערשאַפען אונז קיין פערגעניגען און דערצעהלען גלאַט אַזוי אַ מעשה; פערקעהרט: ער וויל, מיר זאָלען זיך אַנידער׳זעצען און איהם אויסהערען און זיך דערוויסען פון איהם, וואָס זענען מיר אַליין. און דאָס איז דער גרויסער מורה-דרך, און ער ווייסט איטליכעס ווינקעלע אין הארצען. עפּעס טהוט ער משפּטען און איז אַ מוכיח, און דאָס אַלץ זאָגען מיר זיך אַליין... האָט איהר אַמאָל געלערנט אויך? מענדעלע פרעגט נישט קיין קשיות, נישט אויף גאָט און נישט אויף דער השגחה, און סע בלייבט פאַרט אַ קשיה... ביז מענדעלען האָבען מיר אַלץ געמיינט, אַז מיר זענען ערב

פֿאַר יענעם נאָר, אַז מע גיט פֿאַר איהם אַ וועקסעל צו אַ חתימהלע: לייענט מען אָבער מענדעלען קומט אויס, אַז מע איז ערב פֿאַר זיך אַליין. איהר פֿערשטעהט, דער אַנדערער איז נאָר אַ שפּיגעל פֿון אונז אַליין.

איך וואָלט געקענט אויסרעכענען נאָך אַ סך מעלות פֿון מענדעלען, אָבער טאָמער וועט זיין גענוג, אַז איך וועל אייך געבען אָט דעם משל. איטליבער פֿון אונז האָט אַמאָל געגאַשט פֿון אַ שטיקעל אבן-עזרא, צו פֿונ׳ם רלב״ג און פֿונ׳ם חובת-הלבבות און פֿונ׳ם בעל-עקדה אויך. אַלע זענען זיי געוועזן די גרויסע בעלי-מוחות מיט די טיעפֿע השגות; אָבער ס׳איז דאָך אַלץ גאָרנישט קעגען דעם רמב״ם. יענע האָבען געבויט שעהנע הייזער, און דער רמב״ם האָט אויסגעבויט אַ גאַנצע פֿעסטונג. מענדעלע-מוכר-ספרים, דער זיידע מיט זיינע גרויסע חיבורים, איז דער רמב״ם אין דער יודישער ליטעראַטור, און אַז יודען וואָלטען געווען אַ פֿאָלק מיט אַלע פֿעלקער צוגלייך און וואָלטען געהאַט זייער מדינה, און דאָס יודישע לשון וואָלט געווען נכתב ונחתם בטבעת-האומה ובטבעת-המלכות, ווייס איך, אַז הונדערטער יאָהרען נאָך וואָלט מען מענדעלען געליי-ענט און פֿערשטאַנען, און ווייטער געלייענט. וואָס טוט אָבער גאָט? זענען מיר נאָר שברים פֿון אַ פֿאָלק, און אונזער לשון שאָקעלט זיך און שאָקעלט זיך... וואָס קען מען חושד זיין מענדעלען, אַז ער איז געוואָרען עלטער און האָט דערזעהען, אַז דאָס יודישע לשון איז שוין אויך נישט אַזאַ בטוח, וואָ-רום די קינדער רעדען שוין גאָר אַנדערש, האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו שרייבען אויף לשון-קודש, און דווקא גוט, און טויזענדמאָל בעסער ווי פֿריהער. ווי זאָגט דער פּסוק: „אם יבוא עשיו אל המחנה האחת והכהו, והיה המחנה הנשאר לפליטה!“ אַז דער קורס פֿון לשון-קודש איז געשטאַנען נישט גוט, און ס׳האָט געהאַלטען אָט-אָט ביים אָנזעץ, האָט מענ-דעלע גענומען זיין פֿערמעגען און אַריינגעלעגט איהם אין יודיש, און כ׳האָט אונז געטראָגען ציינזען און ציינזען פֿון ציינזען; דערנאָך, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו קווענקלען בנוגע

דעם יודישען לשון, טאָמער האָט עס חס-ושלום אויך נישט קיין קיום, האָט ער גענומען זיינע פאָזיטען און זיי ווידער צריינגעלעגט אין לשון-קודש. אוי, איז דאָס א הארצוועהטאָג פון א שרייבער: ער מוז ציטערען אי פאר דער נשמה, אי פאר דעם גוף...

ש. גינזבורג

מענדעלע'ס צייט און מענדעלע'ס פערזענליכקייט

(מענדעלע מוכר ספרים אין זיינע בריפֿ)

1

א גליקליכער צופאל האט אונז געגעבען די מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט א גרויסער זאמלונג אונגעדרוקטע בריעף פון ש. י. אבראמאוויטש'ן (מענדעלע מוכר-ספרים), וועלכע זענען אלע אדרעסירט צו איין פערזאן — ל. בינשטאק'ן.

עטליכע ווערטער וועגען אבראמאוויטש'ס קארעספאנדענט. ער האט עס זיכער פערדיענט שוין דערפאר אליין, וואס ער איז געוועזן דער נאהענטסטער פריינד פון אונזער בעריהמטען שריפטשטעלער. לייב בינשטאק, אין זיין צייט א צימליך בעוואוסטער רוסיש-יודישער פובליציסט און געזעלשאפטליכער ארבייטער, איז געבוירען געווארען אין וואלין, אין יאהר 1836. ער איז, אלזא, געוועזן אין איינע יאהרען מיט אבראמאוויטש'ן: אין זיין בעוואוסטער אויטאביאגראפיע, וואס איז געוועזן געדרוקט אין נ. סאקאלאוו'ס „ספר זכרון", שרייבט אבראמאוויטש וועגען זיך, אז זיין געבוירענס-טאג איז נישט פערצייכענט געווארען אין די מעטריקעס, אבער ער האט א קבלה, אז ער איז געבוירען אין יאהר 1836. געענדיגט אין יאהר 1858 די זשיטאמירער ראבינער-שול, איז בינשטאק באלד דערנאך אויסגעקליבען געווארען פאר א ראבינער אין זשיטאמיר. די שטעל האט ער פערנומען ביז'ן יאהר 1862. דערנאך איז ער א לאנגע צייט געוועזן געהילף-רעדאקטאר פון „וואלינסקיא גוב. וועדאמאסטי" און צוגלייך „געלעהרטער יוד" — „אוטשאני יעווריי" (געוועזן א מאל אזא משונה'דיגע שטעל!) ביים וואלינער גובערנאטאר. מיט ליטערארישער ארבייט האט ער זיך אנגעהויבען צו בעשעפטיגען כמעט אין איין צייט מיט אבראמאוויטש'ן — אין יאהר 1860, אין דעם ערשטען רוסיש-יודישען זשורנאל "ראזסוועט" (אדעס); שפעטער איז ער געוועזן א מיט-

אַרבייטער פונ׳ם פעטערבורגער „וואָסכאָד״, אויך האָט ער זיך באַטייליגט אין דער אַלגעמיינער רוסישער פרעסע. בינשטאָק האָט אויך געשריבן יודיש. ווי אַבראַמאָוויטש דערצעהלט אין זיין אויבען-דערמאָהנטער אויטאָביאָגראַפיע, האָט בינשטאָק איהם מיטגעהאָלפען ביים פערפאַסען די בראָשורען: „דער לופט-באַלאָן״ (זשיטאָמיר, 1869) און „דער פיש, וואָס האָט איינגעשלינגען יונה הנביא״ (אָדעס, 1870), ווי אויך ביי דער איבערזעצונג פונ׳ם „אוסטאַוו״ וועגען מיליטער-דינסט (זשיטאָמיר, 1874) די אַלע דריי ווערק זענען אַרויס אַנאָנים — ביידע פערפאַסער זענען באַצייכענט נאָר דורך די ערשטע בוכשטאַבען פון זייערע פאַמיליעס: „א. ב.״ אין שלום עליכמ׳ס „פאָלקס-ביבליאָטעק״ 2-טער באַנד, 1889) איז געדריקט בינשטאָק׳ס ערצעהלונג „זכות אבות״ אין אָנהויב 80-ער יאָהרען, נאָכדעם ווי י. ל. גאָרדאָן, דער סעקרעטאַר פון דער פעטערבורגער יודישער געמיינדע און צוגלייך פון דער יודישער בילדונגס-געזעלשאַפט („מפיצי השכלה״), איז אַרעסטירט און פערשיקט געוואָרען, האָט בינשטאָק אַ געוויסע צייט פערטרעטען אין פעטערבורג זיין שטעל. נאָכהער האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק קיין זשיטאָמיר. אין יאָהר 1891 האָט דער אָדעסער קאָמיטעט פון די „חובבי ציון״ איהם בעשטימט פאַר אַ בעפולמעכטיגטען אין פאַלעסטינע. בינשטאָק האָט זיך בעזעצט אין יפו און אַרויסגעוויזען פיעל ענערגיע און טאַקט ביי דער אַרבייט, וואָס איז אויף איהם אַרויפגעלייגט געוואָרען; ס׳איז איהם אָבער נישט בעשערט געוועזען לאַנג צו פיהרען זי — אין יאָהר 1894 איז ער געשטאָרבען אין יפו.

מיט בינשטאָק׳ן האָט זיך אַבראַמאָוויטש בעקענט, בעת ער האָט נאָך געלעבט אין בערדיטשעוו. דאָס יאָהר פון זייער ערשטער בעקאַנטשאַפט איז אונז גענוי נישט בעוואוסט, אַבראַמאָוויטש׳ס ערשטע בריעף צו איהם זענען דאַטירט מיט 1863, נאָר פון זייער אינטימען טאָן איז צו זעהן, אַז זייער בעקאַנטשאַפט איז שוין געוועזען אַ לאַנג-אָניגע. קומענדיג אָפט קיין זשיטאָמיר, פלעגט אַבראַמאָוויטש דאָ שטענדיג זיין אַ געווינשטער

גאַסט ביי בינשטאָק'ן. ער האָט זיך בעפריינדעט אויך מיט זיין פרוי און איז געוואָרען ביי זיי אַן אייגענער מענש. זייערע באַציאונגען זענען געוואָרען נאָך נעהנטער, זייט אַבראַמאָוויטש האָט זיך אין יאָהר 1869 בעזעצט אין זשיטאָמיר, וואו בינשטאָק האָט שטענדיג געלעבט. בינשטאָק האָט שוין פון אַבראַמאָוויטש'ס ערשטע ליטעראַרישע שריט געשפּירט וואָס אַזוינס מען קאָן פון איהם ערוואַרטען און איז געוואָרען אַ טיעפער פאַרהערער פון זיין טאַלאַנט. ער האָט זיך געסטאַרעט בעהילפיג צו זיין דעם יונגען שריפטשטעלער, פּאָפּולאַריזירען זיין נאָמען. אין יאָהר 1868 האָט ער אַרויסגעגעבען אַ רוסישע איבערזעצונג פון אַבראַמאָוויטש'ס ראָמאַן „האבות והבנים”; צו מענדעלע מוכר-ספרים'ס 25-יאָהריגען יובּילעאום האָט בינשטאָק אין „וואָסכאָד” (1884) געדרוקט וועגען איהם אַ גרויסען קריטישען-ביאָגראַפישען אַרטיקעל „דער יום-טב פון דער יודישער ליטעראַטור”. פּערזענליכע סימפּאַטיעס, נאָהענטע בעציהונגען פון יוגענד אָן, געמיינשאַפטליכע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטליכע אינטערעסען און אָנזיכטען — דאָס אַלץ האָט בעשאַפען אַ הייסע פריינדשאַפט צווישען אַבראַמאָוויטש'ן און בינשטאָק'ן; מיט די יאָהרען איז זייער בונד געוואָרען אַלץ פעסטער, אינטימער — און אַז בינשטאָק איז פריהצייטיג געשטאָרבען אין יאָהר 1894, האָט אַבראַמאָוויטש אין איהם פערלוירען דעם נאָהענטסטען, סאַמען איבערגעגעבענעם און געליעבטען מענש.

ביי אַזאַ אינטימער נאָהענטקייט איז, נאַטירליך, געוועזען אַן'אָנגעטע שריפטליכע אייניגונג. אונזער קאָלעקציע ענטהאַלט אין זיך ביז הונדערט בריעף פון אַבראַמאָוויטש'ן צו בינשטאָק'ן. זיי הויבען זיך אָן פון יאָהר 1863 און ציהען זיך ביז סוף 1867; די אַלע בריעף זענען געשריבען געוואָרען אין בערזיטשעוו, אַ חוץ עטליכע צופעליגע פון אַנדערע שטעדט. ווייטער פאָלגען, אין יאָהר 1868, צוויי בריעף פון אָדעס און איינער ווידער פון בערדיטשעוו; ווי עס איז צו זעהן פון איין בריעף (4-טען אַפּריל, 1868), פעהלט אין דער קאָלעקציע נאָך איין פריהערדיגער בריעף, וועלכען אַבראַמאָוויטש האָט געשיקט פון

בערסאָן. דערנאָך ציהט זיך אַ לאַנגע פויזע, פון 1869 ביז 1831 – דאָס זענען יענע יאָהרען, ווען אַבראַמאָוויטש האָט שוין געלעבט אין זשיטאָמיר אין איין שטאָדט מיט זיין פריינד, און נישט געברויכט קאָרעספּאָנדירען מיט איהם. צו דעם פּעריאָד געהערען אָן נאָר צוויי צופעליגע בריעף פון פעטערבורג, וואוהין אַבראַמאָוויטש'ן איז אויסגעקומען צו פאָהרען. פון 1871 און 1880. די רעגעלמעסיגע קאָרעספּאָנדענץ הויבט זיך אָן פונסניי אין יאָהר 1881, ווען אַבראַמאָוויטש האָט זיך בעזעצט אין אָדעס, און ציהט זיך כסדר ביז סוף 1829 (די ווייטערדיגע בריעף ביז 1834, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט אַדרעסירט בינשטאָק'ן קיין יפו, פעהלען אין דער קאָלעקציע). אַבראַמאָוויטש'ס בריעף זענען געשריבען: ביז 1881 – העברעאיש (אַ חוץ איין בריעף רוסיש) און פון 1881 אָן, אַלע פון אָדעס, – רוסיש; פון דעם פּעריאָד האָבען מיר נאָר געצעהלטע דריי יודישע בריעף. אַבראַמאָוויטש'ס רוסישע שפּראַך איז אַ האַרטע, אַמטמאָל נישט פריי פון גרייזען, וואָס דער גרעסטער יוד שער שריפטשטעלער און סטיליסט בענוצט זיך אין דער קאָרעספּאָנדענץ מיט זיין נאָהענטסטען פריינד (אויך אַ יודישער שרייבער!) נישט מיט יודיש, נאָר מיט דער רוסישער שפּראַך, וועלכע איז איהם נאָך בעצם געוועזען פרעמד, אַלענפאַלס געוועזען פאַר איהם נישט אַ היימישע, נאַטירליכע, נאָר בלויז אַ מין „בוך-שפּראַך", – דאָס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר אַבראַמאָוויטש'ן אין זיינע דעמאָלטיגע אָנזיכטען, ווי פאַר יענער צייט און איהרע שטי-מונגען בכלל.

עס איז פולקום איבעריג צו ערקלערען די גרויסע ביאָ-גראַפישע און היסטאָריש-ליטעראַרישע בעדייטונג פון דער זאַמלונג בריעף, וועגען וועלכע עס האַנדעלט זיך דאָ. אין די בריעף וואו אַבראַמאָוויטש בענאַכריכטעט זיין אינטימסטען פריינד וגנוי און אויספיהרליך מכוח אַלץ, וואָס ס'קעהר זיך צו איהם אָן, וואו ער גיסט פאַר איהם אויס זיין האַרץ, שפּיגעלט זיך קלאָר אָב זיין לעבען אין פערלויף פון גאַנצע 17 יאָהר. אַלע אויסער-ליכע אומשטענדען, וואָס האָבען געווירקט אויף מענדעלע מוכר-

ספרים, זיין גאַנצע אומגעבונג, די געשעהענישען אין זיין פאַמיליע, זיינע לייד און פרייד, זיינע ליטעראַרישע פּלענער און אַרבייט, זיינע שטימונגען און שטרעבונגען, געזעלשאַפטליכע אַנזיכטען, זיין וויץ און ערנסט — אַלץ געפינט אַן׳אָבקלאַנג אין די שריפטליכע געשפּרעכען מיט זיין אַלטען אינטימען פריינד. און מיר רעכענען, אַז די לעזער וועלען אונז נישט נעהמען פאַראיבעל, אויב מיר וועלען זיך כאָטש אין קורצען אָבשטעלען אויף די וויכטיגסטע פון די בריעף און אויף זייער הויפּט אינהאַלט.

פאַר יענע, וועלכע האָבען פערזענליך געדענקט אַבראַמאָוויטש׳ן, מיט זיין געוועהנליכער איינגעהאַלטענקייט, מיט זיין געוויסען גראָד טרוקענקייט, שטעלען די בריעף, בכלל גענומען, זייער אַלגעמיינער טאָן, איהם אַרויס אין גאָר אַן׳אַנדערער, גאַנץ נייער בעלויכטונג. ערגיץ טיעף, אונטער זיין רוהיגער, קאַלטער, עטוואָס בערעכענטער אויסערליכקייט און האַלטונג, האָט געשלאָגען אַ פערבאָרגענער רייכער קוואַל האַרציגקייט; ער איז אָבער געוועזען אָפט נישט פאַר יעדערען, נאָר פאַר װעניגע אויסדערוועהלטע, — בנוגע צו זיי פלעגט ער זיך ענטפּלעקען אין זיין גאַנצער רייכקייט. די בריעף צו בינשטאָקן זענען דורכגעדרונגען מיט אַ ריהרענדער וואַרימקייט, האַרציגקייט. אָפטמאָל מיט אַ מין סענטימענטאַליזם. אַלץ, וואָס קעהר זיך אָן צו זיין געליעבטען פריינד, פערכאַפּט טיעף אַבראַמאָוויטש׳ן, ער אינטערעסירט זיך לעבהאַפט מיט יעדער זאַך, וואָס בעריהרט בינשטאָקען, ביז דער מינדסטער קליינינקייט, ער וויל וויסען גענוי וועגען אַלץ, וואָס עס קומט מיט איהם פאָר, ער פרעהט זיך מיט יענעמס פרייד פונקט ווי מיט אַן׳אייגענער שמחה, בשעת יענעמס אַ לייד קומט ער גלייך מיט אַ טרייסט, מיט אַ בערוהיגונג — און די זעלטענע האַרציגקייט פערשפּרייט ער אויך אויף בינשטאָק׳ס פרוי און קינדער, אויף דעם גאַנצען הויז זייערן, וואָס איז איהם אַזוי טייער און ליעב. פריינדשאַפט האַלט אַבראַמאָוויטש פאַר איינס פון די העכסטע גיטער, וואָס דער מענש פערמאָגט. „אייער פריינד,

שאַפט — שרייבט ער אין בריעף פון 17-טען אַפּריל, 1886 — איז פאַר מיר אַ מאָראַלישע קרעפטיגונג. קיין זאַך קאָן נישט אַזוי וואויל אויף מיר ווירקען, אַזוי צוגעבען מיר חשק צום לעבען און צו אַרבייט, ווי דער וואַרימער הויך פון פריינד-שאַפט — פון אַט דעם פריהלינג אינ'ם מענשענס לעבען". זייענדיג ווייט פון דעם געליעבטען פריינד, בענקט ער שטענ-דיג נאָך איהם און נאָך די זייניגע, ער טראָגט זיך איבער אין די געדאַנקען צו זיי און געפינט זיך אין זייער אומגעבונג. „איהר האָט קיין בעגריעף נישט — לייענען מיר אין בריעף פון 12-טען מערץ 1882 — ווי שטאַרק איך בין צוגעבונדען צו זשיטאָמיר. איך האָב דאָרטען פערבראַכט די בעסטע יאָהרען פון מיין לעבען צווישען אייער משפחה. וואָס איך האָב האָלט געקראָגען פון גאַנצען הארצען און וואָס קיינער און קיין זאַך אין דער וועלט קאָן מיר עס נישט פערבייטען. רבונו-של-עולם, ווי גליקליך וואָלט איך געווען, ווען מיר וואָלטען ווידער געקאָנט לעבען אין איין שטאָדט! גלויבט מיר, דאָס איז מיין טיעפסטער פערלאַנג פון גאַנצען הארצען, און ס'איז מיר זיס וועגען דעם צו טרוימען, אין די געדאַנקען מיינע בין אין צווישען אייך. איך שמועס מיט אייער פרוי, מיט טינא און די איבעריגע קינדערלעך. איך צוגעה פון פערגניגען, ווי וואָלאָדיע, מישע און די קליינטשיקע אַניוטקע טרעטען מיך אַרום, צופּען מיך און פערהילכען מיר די אויערן מיט זייער פּלאַפּלעריי. איך פרוב מיך אַרויסצומאַכען, נאָר זיי בעלאַגערן מיך ווי די פליגען... ליעבע קינדערלעך, טייערע קינדערלעך!"

צו „בר מצוה" פון בינשטאָק'ס זוהן מישע שרייבט ער ז'עם 11-טען סעפּטעמבער 1884: „איהר וועט מיר גלויבען? בעת איך האָב געלייענט, ווי מישיק חזר'ט איין די ברכות, וואָס דער פאָטער לערענט מיט איהם, מאַכענדיג בלויז זיין קינדיש הענ-טעלע, אויף צו לעגען תפילין, זענען מיר אַרויסגעטראָטען טרעהרען אויף די אויגען, און דאָס, וואָס איך האָב ליידער אין דער מינוט נישט געקאָנט אַליין ערפילען, בעט איך אייך איצט טהון פאַר מיר — איהם אַרומנעהמען און צו קושען שטאַרק".

פאר איטליך קינד בינשטאָק נעפינט איהר אין יעדען בריעף פון אבראמאָוויטש'ן א ווארים, צערטליך וואָרט, און ער פאסט זיך דערביי צו צו יעדערענס כאראקטער. געוועהנהייטען און אפילו צו איטליכענס צונעמעניש, זיין בריעף פון 7-טען יאנואר 1885, ענדיגט זיך מיט א צושריפט, אדרעסירט צו בינשטאָקס עלטע-רער טאָכטער: „טייערע טינע! איך גיב דיר אָב מזל-טוב פון אַן'אמת'ען איבערגעגעבענעם פריינד: דער פריינד, נעמליך, בין איך ש. י. אבראמאָוויטש! אניוטען גיב אָב פאר מיר פיעל קישען. וואָס מאכען איהרע קראליקעס, קעץ, הינדטלעך א. ז. וו, א. ז. וו.

אין יאָהר 1881 איז בינשטאָק אָהן דער ערלויבעניש פונ'ם ווילנער גובערנאטאָר (ביי וועלכען ער האָט געהאט א שטעל) אוועקגעפאָהרען אויף איינינע טעג קיין פעטערבורג, כדי צו בעטייליגען זיך אינ'ם צוזאמענפאָהר פון יודישע כלל-טהוער מחמת דעם האָט ער פארלוירען זיין שטעל, קיין אנדערע בע-שעפטיגונג האָט ער א לאנגע צייט נישט געקאָנט געפינען, און זיין מאטעריעלע לאגע איז געוואָרען זעהר א שווערע, אב-א-מאָוויטש נעהמט די זאך זעהר נאָהענט צום הארצען, ער טרייסט און בערוהיגט איהם אין יעדען בריעף. סטא־עט זיך מיט אלע כחות אויסווירקען פאר איהם א שטעל, א בעשעפטיגונג, קרעפטיגט איחם דעם מוט, אָבער נישט שטענדיג האָט ער אוים דעם טאָן פון טרייסט, בערוהיגונג — דעם פריינדס צער בעריהרט איהם טיעף, אין איין בריעף פון יענער צייט רייסען זיך ביי איהם ארוים אזוינע ווערטער: „איך דערמאָן זיך אייער לאגע, וואָס איהר האָט בעשריבען אין אייער לעצטען בריעף, און מיין הארץ בעגיסט זיך מיט בלוט, עס איז מיר ביטער און טרויעריג, וואָס איך בין נישט אומשטאנד אויסהעלפען דעם פריינד אין א שווערער צייט, איך שווער ביי גאָט, כ'האָב מורא צו זאָגען אייך. ווי ווייט איך בין געקרענקט, שרייבט מיר אָן, פריינד מיינער, וואָס הערט זיך ביי אייך אין דער היים, ווי פערברענגען אייערע קינדערלעך די וואקאציעס... אט האָבען זיך א לאָז געטהון טרערען, און איך וויין, בנאמנות, איך ווייס נישט וואָס מיט מיר טהוט זיך. נעהמט מיר ארויס, איך בעט

אייך, דאָס הארץ — ס׳איז מיין אונגליק. פע!״ — אין יאָהר 1888, ווען עס זענען פאָרגעשטאַנען ראַבינער־וואַהלען אין אָדעס, האָט זיך אַבראַמאָוויטש, אין איינעם מיט דעם בעוואוסטען אָדעסער כלל־טהוער מנשה מרגליות און מיט אַנדערע פאָרשטעהער פון דער דאָרטיגער אינטעליגענץ, געסטאַרעט, עס זאָל אויסגעקליבען ווערען בינשטאָק. וועגען די הכנות צו די וואַהלען און מכוח די אויסזיכטען פלעגט ער איהם אָפט בענאַכריכטען. איין צייט האָט אַבראַמאָוויטש שטאַרק געהאָפט אויף ערפאָלג. „שיקט אַרויס — שרייבט ער בינשטאָק׳ן — די מעלדונג וועגען אייער קאַנדידאַטור אויף מרגליות׳עס נאָמען, ער וועט שוין אַליין דערלאַנגען וואוהין מען בעדאַרף. מען מוז דערווייל האַלטען די זאַך בסוד. שיקט איהם אַרויס אויך אַלע דאָקומענטען, אייער פאָרמולאַר, בקיצור — אַלץ, וואָס מען ברויך״. און ער גיט איהם דערביי אַן׳אָנצוהערעניש וועגען אַ גוטער אויסזיכט, אויפ׳ן עכטען שטייגער פון מענדעלע מוכר־ספרים, אַליין אונטערשטרייכענדיג די גאַנצע פראַזע: „גאָלט שוין מעהר נישט די באָרד. אין גיכען האָפען מיר אַרויסרופען אייך מיט אַ דעפעש״. דער אַנדערער קאַנדידאַט אָבער ח. גורלאַנד, וועלכער האָט געזוכט אויסצונעהמען ביי די דיינים און די פינסטערע עלעמענטען, האָט אינאיינעם מיט זיינע הילפס־לייט געאַרבייט אויף אַלע כלים; עס האָבען נישט געפעהלט אי „געגנזלעך מיט לאַטקעס״, אי געדרוקטע מסירות אויף בינשטאָקן — או אויסגעקליבען געוואָרען איז גורלאַנד. אַבראַמאָוויטש איז געווען טיעף געקרענקט און אויפגעבראַכט פון די וואַהלען און זייער מיאוסען רעזולטאַט. און עס איז כדאי צו נאָטירען, אַז דאָס מאָל האָט ער — פסיכאָלאָגיש אזוי נאַטירליך! — אויסגעגאָסען זיין הארץ נישט אין אַ רוסישען בריעף, נאָר טאַקע אויף מאַמע־לשון. מיר ברענגען דאָ איינעם פון די ווינציגע יודישע בריעף, וואָס געפינען זיך אין דער קאָלעקציע; ער קעהר זיך אָן צו די ראַבינער־וואַהלען:

אָדעסא, 23 פעברואַר 1888.

טהייערער פריינד!

„היינטיגס מאָל שרייב איך אויף פראָסט יודיש אַזוי: „הדודאים נתנו ריח" — די יודעלעך האָבען געגעבען די שמוכט! עטליכע טעג פאַר די וויבאָרעס האָבען ווייסע חברה געגעבען די שמוכט אין דער גאַזעטע „נאָוואָראָסייסקי טעלעגראַף", עס האָט געשטינקען איין עיפוש, און פון דעם עיפוש איז אַרויסגעקראָכען זייער רב גורלאַנד! שפּיראָ האָט אייך מסתמא וועגען דעם פּאָדראָבנע שוין געשריבען. ער האָט נעמ יך די לעצטע צייט געאַרבייט, מרגליות האָט אויך געאַרבייט, אָבער די שמוכט פון יודישע דאָנאָסען איז שרעקליך שטאַרק, מיר איז דער עיפוש פערגאַנגען אין נאָז אַזוי, אַז איך בין אַצינד ערגסט קראַנק. דער קאָפּ איז מיר פערבונדען, און איך בין נישט אימשטאַנד צו שרייבען. — איך האַלט מיך טאַקע ביי מיינס: אַז וואויל איז דעם מענשען, וואָס קעהר זיך מיט אונזערע יודעלעך נישט אָן. אַ, ברודער, שלעכט צו דינען, צו לעבען פון יודישע קינדער!

„מיין גאַנץ הויז-געזונד גריסט אייך און אייערע טהייערע ווייב. אַצינד איז מיר אונמעגליך אַ סך צו שרייבען. איך קאָן פון שטינקענדיגען ענין „רבנות" נישט רעדען. עס קאָכט זיך מיר איבער דאָס בלוט. פע, אַנ'עיפוש! — זייט מיר בעסער געזונד און גליקליך, נישט צובעדאַרפען זיין ביי יודען אַ רב.

אייער געטרייער פריינד ש. י. אַבראַמאָוויטש".

אין די בריעף פון די 60-ער קלאָגט זיך אַבראַמאָוויטש אָפּט אויף זיין מאַטעריעלער לאַגע. „ס'איז געקומען די צייט — לייענען מיר אין זיין בריעף פון 2-טען אויגוסט, 1864 — ווען איך מוז עטוואָס טהון פאַר מיין הויז-געזינד, און איך ווייס נישט וואָס צו אונטערנעהמען. ביז איצט בין איך געווען אינגאַנצען פערטהון אין ליעבע צו אונזער הייליגער שפּראַך, איך פלעג טאָג ווי נאַכט האָרעווען, כדי אויסצוהעלפען מיט מיין ביסעל קענטעניש מיינע מיט-ברידער (ער מיינט דערמיט זיין זאַמלונג קריטיש-פּובליציסטישע

אַרטיקלען „משפט שלום" און זיין העברעאישע בעאַרבייטונג פון לענץ'ס נאַטור-געשיכטע, אונטערן נאָמען „תולדות הטבע"), פערגע-סענדיג, אַז איך האָב אַ ווייב מיט קינדער; איך האָב געהאַלטען אין איין טראַכטען וועגען דעם נוצען פון מיין פאָלק און איך האָב פערגעסען צו זאָרגען וועגען מיינע קליינע קינדער. און איצט, ווען עס שטעהט פאַר מיר קלאָהר מיין גרויסע פליכט געגען מיין הויז-געזונד, ווער איך פערציטערט דערזעהענדיג, אַז נאָך אַלע מיינע מיה און האָרעוואַניע קומט מיר קיינער נישט צוהילף".

אַבראַמאָוויטש האָט אויף זיך גוט געפיהלט דעם טרויעריגען גורל פון די דעמאָלסטיגע העברעאישע „מחברים", איהם איז אויך אויס-געקומען פערזענלאַך, אָדער דורך בעקאַנטע צו פערשפרייטען זיינע ווערק. און לסוף פלעגט מעהרסטענטיילס נישט געלונגען אויסצושלאָגען אפילו די הוצאות אויף דרוק און פאַפיער. „דער-הערענדיג, אַז איהר געפינט זיך איצט אין דובנע, — שרייבט ער ביינשטאָקן דעם 17-טען אַפריל, 1863 — האָב איך בעשלאָסען, אָנצושרייבען אייך אַהין און בעטען אייך, איהר זאָלט אַזוי גוט זיין מיר מיטצוטיילען וועגען מיינע ביכער, וואָס איך האָב לויט אייער עצה מיט א האַלב יאָהר צוריק אַרויסגעשיקט אייער גע-עהרטען שוועהר; איך האָב איהם שוין עטליכע מאָל וועגען דעם געשריבען, האָב איך אָבער פון איהם קיין ענטפער נישט. טהוט מיר דעם חסד, ליעבער פריינד, זאָרגט צו פערשפרייטען מיינע פערוואָגעלטע ביכער צווישען די משכילים אין דובנע. איך האָב אַרויסגעשיקט סך-הכל זעקס עקזעמפלאַרען, און דובנע פערמאָגט דאָך פיעל ליעבהאָבער פון העברעאיש!" „איך בעט אייך — לייענען מיר אין אַנ'אַנדער בריעף — איבערגעבען דעם שילער (פון זשיטאָמירער ראַבינער-שול) ה' גאָלדפאדען (דער קומענדיגער גרינדער פון יודישען טעאַטער), אַז זיין בריעף האָב איך ערהאַל-טען, און איך בעט ענטשולדיגונג, וואָס איך האָב איהם נישט געענטפערט — איך האָב נישט געקאָנט, ווייל איך בין געוועזען זעהר פערנומען; דאָס געלד, וואָס ער האָט געלייזט פאַר מיינע ביכער, זאָל ער אַזוי גוט זיין אַרויסשיקען מיין פרוי".

צוליעב פערקויפען זיינע ביכער קומט אויס אַבראַמאָוויטשען

פיעל ארומצופאהרען. אינם בריף פון 24-טען אויגוסט, 1867, קלאגט ער זיך אויף די „מאטערניש, קאפ-דרעהעניש און נישט-ליעגע מיה מכוחן פערקויפען" זיינע ביכער. ער זוכט א בע-שעפטיגונג, סטארעט זיך בעקומען א לעהרער-שטעל, אבער א לאנגע צייט קומט דערפון גארנישט ארויס. „מיין לאגע איז איצט שלעכט — שרייבט ער דעם 10-טען מאי, 1868, פון אדעס — איך האב, גאט צו דאנקען, א פרוי מיט קינדער, און איך קום נאך אלץ אן צו מיין שוועהר'ס קעסט, און פון אלע הבטחות פון בעקאנטע און פריינד צו טהון וואס פאר מיר ווערט גארנישט. דער אויבערשטער ווייסט, וואס איך בין אויסגעשטאנען. ווען איך בין געווען געצוואונגען אוועק-צו וואנדערען העט-ווייט פון מיין הויז-געזונד טאג ווי נאכט בין איך אין איין קומער, און מיין איינציגע האפנונג איז נאר — אפשר וועט מיר געלינגען צונויפקלויבען עטוואס געלד. איך זאל קאנען אומקעהרען זיך אהיים און זעהן זיך ווידער מיט מיינע קינדער".

ווי געדריקט עס איז נישט אבראמאוויטש'ס פערזענליכע לאגע, סטארעט ער זיך אבער שטענדיג פאר יונגעלייט, וואס שטרעבען צו בילדונג. אין זיינע בריעף פון יענער צייט טרע-פען זיך אפטע בקשות וועגען מענשען, וועלכע זוכען אריינ-צוטרעטען אין זשיטאמירער ראבינער-שול. „זאגט וועגען זיי א גוט ווארט די קריסטליכע און יודישע לעהרער, זיי זאלען זיי מקרב זיין; העלפט זיי ארויס אין א שווערער מינוט."

„איך האב צו אייך א בקשה — ווענדט ער זיך דעם 15-טען דעצעמבער, 1864, צו בינשטאקן — און איך האף, אז איהר וועט זי ערפילען. טהוט, טייערער, א חסד מיט דעם ארימען שילער פ. און סטארעט זיך, מען זאל איהם פון גימנאזיום געבען א געלד-שטיצע, כדי ער זאל קאנען ענדיגען דעם קורס און נישט שטארבען פון הונגער. העלפט איהם אויס, ווארום ער איז אונגליקליך!" „זייט אזוי גוט, טייערער פריינד — לייענען מיר אין בריעף פון 5-טען סעפטעמבער, 1867 — זעהט זיך פערזענליך מיט ה' ה. ז. סלאנימסקי (אינספעקטאר פון

זשיטאָמירער ראַבינער-שול) און בעט איהם פון זיך (אָבער נישט פון מיין נאָמען) וועגען דעם שילער ב. מען זאָל איהם אריינגעהמען אין צאָהל פון די, וועלכע לערנען זיך אויפ׳ן חשבון פון דער רעגירונג. ער נויטיגט זיך, און זיינע גוטע פעהיגקייטען און אויפפיהרונג גיבען איהם דערויף רעכט.. פערגעסט אָבער נישט, בעט ה׳ סלאָנימסקי׳ן מכוח דעם שילער ב. נאָר פון אייער אייגענעם נאָמען, אָבער נישט פון מיינעם, וואָרום איך בין זיכער, אז אין גיכען וועל איך איהם מוזען בעטען נאָך מכוח אַן׳אַנדער שילער. וואָס זאָל איך טהון, אז איך האָב רחמנות אויף די אָרימע שילער, און זייער נויט ריהרט מיך טיעף אין הארצען? ווער וועט פיהלען צו זיי מיטלייד, אויב נישט מיר?"...

אזוי פלעגט אבראַמאָוויטש אפילו ביי די שווערסטע אומשטענדען נישט פערגעסען אָן די יונגע לייט, וואָס שטרעבען צו ליכט און בילדונג. מען מוז אָבער בעמערקען, אז פון די בריעף איז צו זעהן, אז זיין מאַטעריעלער מעמד איז קיינמאָל נישט געווען א געזיכערטער, אז אויך שפּעטער, שוין האָבענדיג א שטעל אין אָדעס און זייענדיג א בעריהמטער יודישער שריפטשטעלער, האָט ער געהאַט גענוג גרונד צו בעקלאָגען זיך אויף זיין לאַגע. „אַך, הארציגער פריינד, כ׳האָב קיינמאָל נישט — שרייבט ער דעם 21-טען מערץ, 1886 — איך האָב קיינמאָל פונ׳ם לעבען א סך נישט געפאָדערט, נישט קיין רייכטום, נישט קיין לוקסוס. מעהר נישט ווי די מעגליכקייט פון א זעלבסטשטענדיגער אַרבייט, וואָס זאָל שטימען מיט מיינע שטרעבונגען און אידעאַלען. איך פלעג מיט זודיגע טרערען בעטען דעם שיקזאַל וועגען פרייער אַרבייט, אונאָבהענגיגער עקזיסטענץ, — אָבער ער בעהאלט זיך קעגען מיר ווי א בייזע שטיפמוטער". „כאָטש איך בין שרעקליך פערנומען, אי מיט מיין שטעל, אי מיט פערשיעדענע אַנדערע אָנגעלעגענהייטען — לייענען מיר אין זיין בריעף פון 30-טען דעצעמבער 1888 — פון דעסטוועגען האָב איך איבער גוואַלד אָבגעריסען עטליכע מינוטען צייט צו גראַטולירען אייך מיט דעם נייעם יאָהר,

הלואי זאָל דאָס קומענדיגע יאָהר אייך ברענגען גליק טרייסט פאַר אַלע הארץ־קלעמעניש און צרות, וואָס איהר זייט אויסגעשטאַנען אין דעם אַלטען, פערגאַנגענעם יאָהר; זייט גליקליך, מיינע טייערע! און נאָך איינס וועל איך בעטעןביים אַלמעכטיגען גאָט. ער זאָל האָבען רחמים אויך פאַר מיר, זינ־דיגען, און אַ ביסעל מיר פערגרינגערען די שווערע משא פונם אַרבייטס־לעבען. אָך, ס'איז שווער אויף דער עלטער שטענדיג צו האָרעווען, שלאָגען זיך, ווי אַ פיש אָהן וואַסער, אַלץ צוליב דעם שטיקעל ברויט!"...

קיין אָדעס איז אַבראַמאָוויטש אַריבערגעפאָהרען אין יאָהר 1881. צוליב דער שטעל, וואָס ער האָט דאָרטען בעקומען. ער האָט אויך געשפירט דעם טעם פון יענער קללה, וואָס איז געלעגען אויף אונזערע בעסטע שריפטשטעלער: ווי פרץ האָט געמוזט, כדי צו דערנעהרען זיך און זיין פאַמיליע, אָבגעבען זיין בעסטע צייט דער וואַרשעווער „גמינע" מיט איהרע וועניג־צוציהענדע קהל'שע ענינים, ליליענבלום — דער אָדעסער „חברה קדישא", אַזוי איז אַבראַמאָוויטש געצוויטיגט געוועזן צו נעהמען אויף זיך די פערוואַלטונג איבער דער „תלמוד־תורה" פון אָדעס. די שטעל האָט איהם געגעבען אַ שטיקעל ברויט, אָבער זי האָט געפאָדערט פון איהם אַ מאַסע צייט, אַרבייט און מיה. אויף איהם איז געלעגען די גאַנצע פעדאַגאָגי'שע זייט פון דער אנשטאַלט. — ער האָט געמוזט אַליין געבען שטונדען, אָנפיהרען די אַרבייט פון די איבעריגע לעהרער, אַכטונג געבען אויף די שילער, פיהרען אין נויטיגע פאַלען אונטערהאַנדלונגען מיט זייערע עלטערען און קרובים; צוגלייך האָט ער געהאַט צו פערוואַלטען אויך איבער די אַדמיניסטראַטיווע אָנגעלעגענהייטען פון דער שול, זאָרגען וועגען איהרע מאַטעריעלע בעדערפענישען, פיהרען אַ גרויסע אָפיציעלע קאָרעספּאָנדענץ, און אַ חוץ דעם — האָבען שטענדיגע עסקים מיט די גבאים פון דער „תלמוד־תורה", וואָס פלעגען, געוועהנליך, קומען מיט אַ ברייטער דעה, זיך האַלטען פאַר גרויסע מבינים. אין יעטוועדער זאַך זיך מישען. א. ז. וו. דאָס אַלץ האָט געריבט ביי אַבראַמאָוויטש'ן

אַ מאָסע צייט, געפּאָדערט אַרבייט אָהן אַ ברעג, שטענדיג אַרויסגערופען קאָפּ דרעהעניש, זאָרג און עגמת נפש. אין די בריעף בעקלאָגט ער זיך תמיד אויף זיין שטעל. „די לעצטע צייט אַרבייט איך ווי אַנ׳אָקס, סײַ טאָג סיי נאַכט, און איך האָב פאַר זיך קיין אײַן פרייע מינוט נישט. די שטענדיגע עסקים מיט פערשיעדענע אָנגעלעגענהייטען פון מיין שטעל מאַכען פון מיר ממש אַ ת״ל". (בריעף פון 30־טען דעצעמבער, 1886). „עס איז נישט קיין גוזמא — שרײַבט ער דעם 11־טען פעברואַר, 1887 — ווען איך וועל אייך זאָגען: די אַרבייט פערשלינגט מיין גאַנצע צייט, נישט איבערלאָזענדיג מיר אפילו אײַן פרײַע מינוט אויף צו בעשעפטיגען זיך מיט עטוואָס אַנדערש אַ חוץ מיין פערשאָלטענע שטעל, איך בין אויף דער עלטער פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מין „קליאַטשע", פון פריהמאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט ציה איך די קליאַמקע, זיפצענדיג וועגען דער פערלוירען־געגאַנגענער פרייהייט און וועגען די אידעאַלען, פון וועלכע איך האָב געטרוימט. זיין אַ קליאַטשע מיט אַ פיהלענדער נשמה און מיט אַ מענשליכער נאַטור — אך, דאָס איז אַ גיהנום׳שער קוואַל, הונדערט מאָל גליקליכער איז דער, וואָס פערמאָגט ביי אַ מענשליך אויסזעהן די נאַטור פון אַ קליאַטשע!"... אַ חוץ די שווערע אַרבייט אָהן אויפהער, האָט די שטעל געהאַט נאָך אַ ביטערע זייט. — די מאַטעריעלע אָבהענגיגקייט, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט שטענדיג טיעף געפיהלט. „איך וועל אייך אין קורצע שטריכען — לייענען מיר אין זיין בריעף פון 6־טען יוני, 1891 — געבען אַ בילד פון מיין הײנטיגען טאָג. דער זוהן פון מיין פריינד, דעם פערשטאָרבענעם האַלפּערין, אַ יונגערמאַן פון 20 יאָהר, אַ גראַטענער אין אַלע הינזיכטען, איז מיט דריי טעג צוריק פערהאַלטען געוואָרען אָהן אַ שום נאַכריכט (זייער פאַמיליע לעבט איצט אויף דאַטשע). נאָך פיעל זוכעניש האָט זיך נעכ־טען אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט זיך דערשאָסען אין אַ נומער פון אַ היגען האָטעל. די גאַנצע פאַמיליע איז אויסער זיך, מען לויפט, מען האַוועט, שלינגענדיג די טרערען, סטאַרענדיג זיך

בעהאַלטען דעם שרעקליכען טויט פון דער, צערטליך ליבענדער מוטער. היינט אין דער פריה האָט מען געבראַכט די אונגליקליכע מוטער גלייך פון דער דאַטשע צו מיר אַ היים, וואו עס האָבען זיך צונויפגעקליבען איהרע קינדערלעך און אייניגע פון די קרובים, און אויף מיר איז אַרויפגעלעגט געוואָרען צוגרייטען זי צו דעם שרעקליכען קלאַפּ. וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין מיין געמיט ביים ערפילען די שרעקליכע פליכט — דאָס קאָנט איהר אַליין פערשטעהן; איך בין שיר נישט געשטאָרבען אינאיינעם מיט דער מוטער. גוט, וואָס איך האָב צוגעגרייט פערשיעדענע מעדיקאַמענטען און אַ פריהער איינגעלאַדען אַ דאָקטאָר. וואָס, אַנ'אָנגעגנעהם בילד? און דאָ, אין מיטען דעם געפיל׳ער, רופט מען מיך אין פעדאַגאָגישען קאָמיטעט: מען וואַרט אויף מיר, ס'איז דאָך אַ „סלוזשבע", אַ שטעל. פינף אַ זייגער זענען די אונגליקליכע אַוועקגעפאָהרען צו זיך אַהיים, און איך — אַ בזיון! — בין אַוועק צו איינעם פון מיינע גבאים אויף... אַ חתונה! נישט געהן איז געווען אונמעגליך, איך וואָלט דערמיט זיך פערשאַפט אונאַנגענעהמליכקייט".

פון אָדעס און פון די דאָרטיגע רעדעל-פיהרער קלויבט אַבראַמאָוויטש בכלל ווענינ נחת... „איהר האָט איבערהויפּט אַ פאַלשען בעגריף וועגען אָדעס, און כדי עס אייך צו בעווייזען אין אמת'ער בעלויכטונג, וואָלט מען געדאַרפט אָנשרייבען אַ גאַנץ בוך. איך וועל זאָגען בקיצור, אַז די יודישע קינדער זענען געגליכען איינס צום אַנדערן אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט. אייערע (זשיטאָמירע) בעקערס, ר' פנחס'עס, עקזיסטירן אומעטום, דער אונטערשיעד איז נאָר, אַז דער, וואָס הייסט ביי אייך טאָדרעס, הייסט דאָ ביי אונז כוויאָדאָר. די קליינע מענשעלעך אינטריגירן אומעטום, לאָזען שטויב אין די אויגען, און די אָרענטליכע לייט טרעטען זיי אָב דעם וועג, אויסמיידענדיג צו האָבען מיט זיי עסקים. און עס ענדיגט זיך שטענדיג מיט דעם, אַז די נאַרישקייטען, עזות פייערן דעם נצחון".

(5-טען נאָוועמבער, 183).

אָדעס, בכלל, האָט צו וועניג פערמאָגט אין זיך יענע אַטמאָספערע, יענע בעדינגונגען, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט געברויכט צום שאַפען, און נאָר זיין גרויסער טאַלאַנט און זיין אונגעוועהנליכע גייסטיגע רייכקייט האָבען איהם געגעבען די מעגליכקייט בייצוקומען די אונגינסטיגע אומשטענדען, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט. „מיין מוזע געפינט זיך נישט אין אָדעס — שרייבט ער אין בריעף פון 9־טען דעצעמבער, 1886 — נאָר דאָרטען א יף די ברעגעס פון גנילאָפּיאטקע (בערדיטשעוו) און טעטערעוו (זשיטאָמיר). ווי אַזוי, זאָגט מיר, זאָל איך זי טראַנספּאָרטירען אַהער ? אַ העלפט פון מיין רייכטום פאַר איין בערדיטשעווער יודען !! אמת, די אָדעסער יודען האָבען די לעצטע צייט אָנגעהויבען נאָכטהון די בערדיטשעווער... אָבער זייער נאַרישקייט איז פון גאָר אַנ׳אַנדער מין און האָט אין זיך עטוואָס פון לימאַנער*) בלאָטע“.

די אונצופרידענקייט מיט דער ווירקליכקייט, וואָס שטימט נישט מיט זיינע אינערליכע בעדערפענישען און שטרעבונגען, דער הארבער קאָנטראַסט צווישען זיין אינדיווידואַליטעט און דער רעאַלער אומגעבונג — דאָס איז יענער מאָטיוו, וואָס קלינגט אָפט אין אַבראַמאָוויטש׳ס בריעף. „אין מיין מהות — שרייבט ער דעם 12־טען דעצעמבער, 1882 — שטעלט זיך אַרויס קלאָהר אַ מאָדנער טעות אָדער פון דעם בורא אַליין, אָדער פון זיין מלאך: אַרויסנעהמענדיג פונ׳ם קעסטעל מיט אַזאַ און אַזאַ נומער איינער פון יענע נשמות, וואָס זענען בעשטימט פאַר פריווילעגירטע, פולבערעכטיגטע מענשען מיט אַ ברייטער נאַטור, האָט ער זי עפּעס על־פּי־טעות פערטראָגען ערגיץ, אין שטעדטעל קאַפּוליע און אַריינגעטהון — ס׳אַר אַ טיפּש ! — אין לייב אַריין עפּעס אַ יודענע אַנ׳אָרענטליכער, אָבער אַנ׳אָרימער, דערשלאָגענער אז. וו. — און אָט אַזוי איז געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט אַ מאָדנע בעשעפעניש, וואָס הארמאָנירט נישט מיט זיך אַליין !“ — „אַרום מיר איז אַזאַ פּראָזע, וואָס ווירקט ווי דער טויט. דו בלאָנושעסט

*) לימאַן — אַ קוראָרט נעבען אָדעס מיט בצוואוסטע מאַר־בעדער.

אויפ׳ן לעבענס-וועג, און פאר דיר ציהט זיך אהן א ברעג און סוף א וויסטעניש פון פראזע“ (9-טען דעצעמבער. 1886).

צופריעדען און גליקליך פיהלט ער זיך נאר דעמאלט, ווען עס געלינגט איהם אבצוגעבען זיך מיט דער שאפונגס ארבייט. „איך האב ד׳ לעצטע צייט געארבייט ווי אנ׳אקס — לייענען מיר אין בריעף פון 21-טען יוני, 1888 — און כ׳האב זעהר פיעל געשריבען. איך בין איצט אינגאנצען אוועק אין וועלט פון פאעזיע דארטען איז מיין טרייסט, דארטען רוה איך אב פון די לעבענס-זארג. די מוזע איז צו מיר וואויל-געגויגט, און איך שרייב און שרייב מיט א ברען, ווי איך די יונגע יאהרען. לאזט דעם אלטען קינד א ביסעל שפיעלען זיך, און זייט נישט ברוגז אויף איהם פאר זיין אונפינקטליכקייט. א, מיין פריינד, וואסער ווערט האט מיין צובראכען לעבען פול מיט דאגות, אהן אט דער קינדעריי! דאסווירקליכע לעבען פערמאגט פאר מיר גארנישט א חוץ ביטערניש, אויף יעדען טריט בעגעגען איך דא מענשליכע נארישקייט, קריוודע און כל׳ערליי שמוץ — אבער דארטען, דארטען אין דער וועלט פון אידעאלען, פערגעס איך אן צלץ, און עס ווערט גרינגער אויפ׳ן הארצען. אנדערע, כדי צו דערגרייכען אט דאס גליק, ד. ה. כדי אבצוטרייסלען פון זיך די לעבענס-דאגות און קומער, לאזען זיך אריין אין שיכרות, און זיי, די אונגליקליכע, זוכען זיך רצטעווען אויף אזא אופן. מיט וואס אבער, זאגט מיר, איז פאעזיע ערגער פון בראנפען?“ אבער זעלטען ווען עס גיט זיך איהם איין ארויסצוטהון זיך פון דער דריקענדער ווירקליכקייט. פונקט ווי דער „ביטערער טראפען“ לאזט איבער נאך זיך א טשאד, א „קאצען-יאמער“, אזוי ווערט נאכ׳ן קורצען פערווייל׳ען אין דער שענער וועלט פון פאעזיע די פראזע פון דער מיאוס׳ער ווירקליכקייט נאך פיעל שווערער און דריקענדער. און עס רייסט זיך ביי איהם ארויס א ביטער געשריי „אך, מיין הארציגער פריינד, די כוחות געהען ביי מיר אויס אי דעם שטענדיגען קאמף פאר עקזיסטענץ! די וועלט פון מיינע אידעאלען זינקט פאמעליך אין א נעבעל, און די ווירקליכקייט איז פינסטער און טרויעריג (24-טען אקטאבער, 1886)... „צו וועט

אַמאָל זיין אַ שטיקעל יום-טוב אויך אויף אונזער גאַס ? — קלאָגט ער זיך אין בריעף פון 29-טען דעצעמבער 1889 — שוין צייט, כ׳לעבען, כאָטש אויף דער עלטער אָבאָטמען עטוואָס פרייער ! אונזער לעבען איז פון סאַמע יוגענד אָן געווען שוין צופיעל גראָה, איז אַוועק אין זאָרג, אין שטרייט פאַר די נויטיגסטע בעדערפעניסען. ווען-זשע, רבונו-של-עולם, וועט נאָך אַזאַ גראָה-קאַלט לעבען, פול מיט דאגות, ענדליך קומען פאַר אונז דער פריהלינג ? !..“

2

די, וואָס זענען עטוואָס נעהנטער בעקאַנט מיט דער היסטאָריע פון ש. י. אַבראַמאָוויטש׳ס לעבען און פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט, ווייסען, אַז נאָך זיין יודישער ערצעהלונג „קיצור מסעות בנימין השלישי“ (ווילנע, 1878) קומט אין זיין שאַפונג פאָר אַ לאַנגע הפסקה און ער ווערט פערשוואונדען פון ליטע-ראַרישען האָריזאָנט ביז׳ן יאָהר 1884 ווען ער איז אַרויס גע-טראָטען מיט זיין דראַמע „דער פריזיוו“. וועגען דער פויזע, וואָס האָט זיך געצויגען כמעט אַ יאָהר זעקס, האָט ל. בינשטאָק דערמאָנט אין זיין ביאָגראַפיש-קריטישען אַרטיקעל, וועלכען ער האָט געדרוקט צו אַבראַמאָוויטש׳ס 25-יאָהריגען יובילעאום אין יאָהר 1884, אָבער ער האָט דעמאָלט נישט געפונען פאַר מעגליך אָבצושטעלען זיך גענויער אויף איהר ערקלעהרונג.

„פון יאָהר 1877 — שרייבט ער דאָרטען — ענטשטעהען אינ׳ם לעבען פון ש. י. אַבראַמאָוויטש׳ן וועמען דער שיקזאַל איז קיינמאָל נישט געווען איבעריג גנעדיג, אַזוינע אומשטענ-דען, וואָס נעהמען ביי איהם אָב יעדען חשק צו ליטעראַרישער אַרבייט. צו רעדען אויספיהרליך וועגען יענע אומשטענדען האַלטען מיר פאַר איבעריג און אונפאַסענד. מיר ווילען נאָר

בעמערקען, אז אונטער דער ווירקונג פון אומשטענדען, וואס האבען געדריקט ווי א שווערע משא, איז דער קוואל, וואס האט געהאלטען אין איין שלאגען, פלוצלינג ווי אויסגעשעפט געווארען און ער האט פולקום אויפגעהערט צו ווירקען. נישט זעלטען פלעגט אבראמאוויטש דעמאלט פאר מיר קלאגען זיך אויף זיין מאראליש געדריקטען צושטאנד. „אויפהערען טראכ־טען, — האט ער מיר איינמאל געזאגט — דאס בעדייט: אויפ־הערען לעבען; און טראכטען, דוכט זיך, איז פאר מיר שוין אונמעגליך. מיין מוח איז בעגאסען מיט בליי, און דאס הארץ איז מיר פערוואנדעלט אין א שטיין", אויף אויסצוהאלטען די קלעפ וואס דער שיקזאל האט א צימליך לאנגע צייט מיט א ברייטער האנד געשאטען אויף זיין פלייצע, האט מען געברויכט די אייזערנע נערווען און דעם אייזערנעם, אויסגעקאוועטען כאראקטער, וואס אבראמאוויטש האט אין זיך פערמאגט, און נאר א דאנק אט דער מאראלישער קראפט זיינער איז ער נישט געפאלען אונטער די קלעפ פ׳נ׳ם ביטערן מזל און מיט פעסט־קייט אויסגעשטאנען יענע אנשיטעונישען פון אלע זייטען, וואס וואלטען געקאנט אומברענגען אפילו א גיבור"... („וואסכאד", 1884, 12 ז.31). דער מורא׳דיג שווערער פעריאד אין אבראמאוויטש׳ם לעבען, האט, זעלבסטפערשטענדליך, געפונען דעם אפקלאנג אין די בריעף צו זיין נאהענטסטען פריינד. אבער כאטש עס זענען כמעט גאנצע 40 יאהר פאראיבער זייט בינ־שטאק האט געשריבען זיין ארטיקעל, פונדעסטוועגען איז נאך אפילו איצט נישט געקומען די צייט צו רעדען אויספיהרליך וועגען די אלע אומשטענדען, וואס האבען אין פערלויף פון יאהרען געדריקט אבראמאוויטש׳ן און שיר נישט געמאכט פון איהם א תל. מיר וועלען נאר אנווייזען, אז א חוץ וואס ער האט אין יענער צייט פערלוירען זיין טאכטער ראשעל (א יונגע, זעהר בעגאבטע קינסטלערין), וואס זיין איינציגער זוהן איז מחמת פאליטישע סיבות ארעסטירט און דערנאך אויף עטליכע יאהר פערשיקט געווארען, זענען געווען נאך אויסערליכע שווערע אומשטענדען, אויך פאמיליען-אנגעלעגענהייטען, וואס האבען

איהם זעהר טיעף בעריהרט צוגלייך אי אַלס מענש, אי אַלס
יוד — און די אַלע צרות, וואָס האָבען זיך נאָכאַנאַנד, ווי פון
דער „תוכחה" געשאָטען אויף אַבראַמאָוויטש'ן האָבען אויף לאַנג
פולשטענדיג פּאַראַליזירט זיין שאַפונגס-פעהיגקייט. אַ בעגריף
וועגען זיין שטימונג פון יענער אויסערסט ביטערער צייט גיט
אונז דער בריעף, וואָס מיר ברענגען דאָ מיט אייניגע פער-
קירצונגען*) :

אָדעססאַ, 22, דעצעמבער 1881.

„מיינע טייערע, מיר אין האַרץ איינגעבאַקענע
פריינד, מאַדאַם און הער בינשטאָק!

„עס גלוסט זיך מיר עפּעס צו שרייבען אייך היינט אין
פּראָסט יודיש, אין דעם לשון, וואָס מיר האָבען געוועהנליך
גערעדט און איינער דעם צווייטען אויסגעגאָסען אונזערע גע-
פיהלען, אונזערע געדאַנקען אין דער גאַנצער צייט פון יענע
גוטע יאָהרען, וואָס מיר האָבען פריינדליך, ברידערליך געלעבט
אינאיינעם. יענע צייט קאָן איך נישט און וויל זי נישט פער-
געסען אייביג, זי איז מיר דער מאַי, דער זומער פון מיין
לעבען, זי האָט זעהר פיעל בלומען, כאָטש מיט שפּיצעכדיגע,
שאַרפע דערנער, אָבער דאָך וואונדער-שענע בלומען, זיס
שמעקענדיגע מחיה-נפש, זי איז פול מיט ליכטיגקייט, וואַרימ-
קייט, פול מיט פּאָעזיע, מיט פרישע, לעבעדיגע, וואַרימע גע-
פיהלען, וואָס קוויקט דאָס האַרץ און מאַכט בעטאָמט דאָס
לעבען, ווי דאָס טייערסטע געווירץ. די דאָזיגע צייט שוועבט
מיר איצט ווי אַ בלישטשענדיגער שטערן פאַר מיינע אויגען,
איך שטעה איצט אין דער שלעכטער, ביטערער צייט, אין דעם
קאַלטען, ווינדיגען, שמוציגען אָסיען פון מיינע יאָהרען און קוק
שמאכטענדיג אויף יענער גוטער געוועזענער צייט, איך שטעה
און קוק אויף איהר פון דער ווייטענס, אַזוי ווי אדם-הראשון
אויף דעם גן-עדן נאָכדעם, אַז ער איז פון דאָרט אַרויסגעטריבען
געוואָרען, איך שטעה און קוק און בעוויינ מיך מיט טרערען.
איך שטרעק אויס די הענד, שריי און רוף צו אייך, מיינע
טייערע פריינד, איך וויל אייך אויסוויינען מיין האַרץ, איך

וויל איך אויסגיסען מיין שווער ביטער געמיט און אייך ארויס-זאגען מיינע שרעקליכע וויטאגען, ארויסווייזען מיינע בלוטיגע וואונדען, וואס איך האב ערשט נישט לאנג בעקומען, איהר זאלט זיי מיר אבנעצען מיט אייערע ווארימע טרערען, זיי אבשפרעכען מיט אייערע טיעף פונ׳ם הארץ ארויסגעהענדיגע ווערטער, איך שריי און רוף אין איינע צרות — אבער אומזיסט, מיר זענען וויט, ווייט, מיר זענען צושיידט! פאר מיר ליגען אייערע בריעף, א סך לייען זיי און קוש זיי, איך פערטיעף מיך אין די געדאנקען און וויל מיר פארשטעלען אייך, ווי איהר שטעהט אקעגען מיר און אונטערהאלט מיך מיט אייער געשפרעך, אבער די פארשטעלונג דויערט נישט לאנג, זי ווערט באלד צעריגען ווי א זייפענבולבע, איך געפין מיך ווידער עלענד, אליין, איך זוך אייך מיט די אויגען און זעה, איהר זייט נישטא, איהר זייט ווייט און אנשטאט אייך ליגט פאר מיר בריעפלעך — שטיקלעך פאפיר מיט טויטע אותיות. אט וואס אונזער זינדיג לעבען איז אויף דער וועלט. מיר הארעווען, ארבייטען און בייטען אויס אונזער מיה, אונזער שוויס אויף פאפירלעך. מיר האבען קינדער, פריינד, וואס אין זיי הענגט אונזער לעבען, און מיר בייטען זיי לסוף אויך אויס אין פאפירלעך, זיי אליין ווערען דערווייטערט, צוזייט, צושפרייט און אנשטאט זיי, האבען מיר זייערע פאפירלעך — שטומע בריעפלעך. נארישער מענש, זינדיגער מענש! דיין לעבען, דיין מיה, דיין גאנצע ארבייט, דיין פרייד, דיין תענוג אין קינדער, אין פריינד — אלסדינג איז גארנישט, פוסטע חלומות, זייפענ-בולבעס און פוילע פאפירלעך. ביי מיר איז אצינד א צייט, וואס מיינע קינדער, מיינע בעסטע פריינד זענען אויסגעוועקסעלט פון מזומנים אין פאפירען. במזומנים האב איך גארנישט, נאר לויטער צרות, א הארץ פול מיט מכות און יסורים!

„איך דאנק אייך טויזענד מאל, מיינע איינציגע, בעסטע פריינד, פאר אייערע בריעף. פערגעסט מיך נאר נישט, איך בעט אייך, אויף ווייטער, שרייבט מיר עפטערס ווי נאר מעגליך. בעדארף איך אייך דען זאגען, ווי טייער און ליעב איהר

זייט מיר ! דאכט זיך, איהר ווייסט עס און פיהלט עס אליין זעהר גוט. גאט זאל נאר וועלען רחמנות האבען און מיר בע־שעהרען א קליין געווינסעל פון א פאר הונדערט טויזענד רובעל, וואלט איך, כ׳לעבען, שוין פערשפארט אייך צו שרייבען בריעף און איהר דעסגלייכען — מיר וואלטען נישט געווען צושיידט.

...מיין מעטאדע אין לערנען *) געפעלט זעהר גוט דעם עולם, מען האט אויף מיר אויסגעטראכט, אז איך בין זעהר א גוטער פעדאגאג. מילא, לאז זיין אזוי, מען קאן קיין מעני־שליכע מיילער נישט פערשטאפען. איך לאך א מאל ביי מיר, אז אזא לעגער סחורה ווי איך בין ביז איצט געווען האב פלוצלינג אויף דער עלטער אנגעהויבען צו גילטען. בעהאלט למע״ש אייערע שמאטעס, אייערע פינפגילדענדיגע גארדעראב, אייערע קאפילושלעך מיט די ווענטילאטארס, זיי קאנען אפשר אמאל נאך אריין אין דער מאדע און מען זאל זיי אויסבאפען ווי אנ׳אנטיק, צאהלען פאר זיי אין טאג אריין... אז וואויל, זאגט מען, דעם מלך, וואס בעגליקט אויף דער עלטער.

„מיין ווייב, נעבעך, איז שטארק בעטריבט. לפנים, האלט זי זיך שטארק ווי א העלד, נאר אין הארץ טראגט זי א וואונד, א ים מיט יסורים. מיר, צווישען זיך, רעדען זעהר ווע־ניג איבער דעם שלאק, וואס האט אונז געטראפען, מיר האבען מורא אייגער דעם אנדערען נישט מצער צו זיין, מיר מאכען זיך כלומר׳שט הארץ און נארען אייגער דעם אנדערען. איך פיהל ביי מיר אין הארץ א רים, וואס ער וועט אייביג זיך נישט פערהיילען. — זייט מיר געזונד, טייערע, ליעב־הארציגע פריינד, איך האב אייך שטארק, שטארק ליעב, איך לעכץ נאך אייערע בריעף, איהר זייט מיינע, מיינע, אויף אייביג מיינע, און איך אייערער ש. י. אבראמאוויטש". —

איך עטליכע בריעף טרעפען מיר אנ׳אבקלאנג פון דעם איינדרוק, וועלכען עס האבען אויף אבראמאוויטש׳ן געמאכט

*) אבראמאוויטש רעדט דא וועגען זיין ארבייט אין דער „תלמוד־תורה" אין אדעס, וואוהין ער איז ערשט נישט לאנג אריבערגעפאהרען.

די פּאָגראָמען פון אָנהויב 80-ער יאָהרען. אייגענטליך רעדט ער ווייניג וועגען זיי, אָבער דאָס וועניגע וואָס מיר געפינען דאָ, און די אייניגע בעמערקונגען, וואָס ער מאַכט מכח די דעמאָלטיגע געשעהענישען, זענען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר מענדעלע מוכר-ספרים. „צי וועל איך — שרייבט ער דעם 12־טען מערץ 1881 — אַמאָל ווידער דערזעהן מיינע זשיטאָ-מירער וועלדער, וואו איך פלעג פערברענגען די זמער-טעג און וואו איך האָב אַזוי פיעל גוטע בעקאַנטע צווישען דער פרעהליכער היליכיגער חברה פויגעלעך! איהר שמייכעלט, טראַכטענדיג ביי זיך — ס'אַר אַ קינד איך בין, וואָס איצט וואו עס איז דאָ צו רעדען וועגען וואָס אַנדערש און וויכטי-גערס שמועס איך מכוח וועלדער, פויגעלעך, ניין, מיין פריינד, כ'ווייס נישט ווי אַנדערע, נאָר די איצטיגע געשעהענישען און די טרויעריגע לאַגע פון אונזערע יודעלעך רופען ביי מיר אַרויס גראָד טאַקע דעם געדאַנק וועגען וועלדער און וועגען די חיות, וואָס געפינען זיך דאָרטען. דאָרטען, דאַכט זיך, לעבט זיך בעסער און רוהיגער. איך בין איצט פולקאָם אייניג מיט רוסאָ, וואָס האָט גערופען די מענטשען אַוועק צוואַרפען צום טייוועל זייער נאַרישע ציוויליזאַציע און צוריק אומקעהרען זיך אין די וועלדער". „איך בין — לייענען מיר אין בריעף פון 11'טען אַפּריל 1882 — אַזוי געוועהנט געוואָרען צו אַלעם דעם, וואָס ס'קומט איצט פאָר, אַז עס דאַכט זיך, אַז ס'דאַרף אַזוי זיין און אַז די אַלע „אונאָרדנונגען" זענען עטוואָס, וואָס געהער זיך אָן צו דער אָרדנונג. דער יוד, בכלל, ווערט גיך געוועהנט צו זיין לאַגע; דערפאַר אַקלימאַטיזירט ער זיך אוי-מעטום גרינגער פון אַלע צווייפיסיגע בעשעפענישען און ער קאָן מיט רעכט גערעכענט ווערען פאַר אַ הויז-טהיר. דער יוד איז פון שטענדיג אָן געווען, ער איז און — וועה! — וועט זיין אַ שטילע מעלק-קוה אָדער פשוט אַ „קליאַטשע" אויף צו שלעפען משא. צי ער וועט אַוועק קיין אַמעריקע, צי קיין פאַלעסטינע, — אָבער אַ „קליאַטשע" וועט ער פאַרט בלייבען"...

אבראמאָוויטש איז געווען צופיעל סקעפּטיקער, רעאַליסט, און אויך צו טיעף האָבען אין איהם געוואָרצעלט די אָנזיכטען און אידעאַלען פון זיין יוגענד-צייט, ער זאָל קאָנען ווערען אַן׳אָנהענגער פון „חיבת-ציון״. „אייער קוק אויף דער פראַגע וועגען דער יודישער עמיגראַציע — שרייבט ער בינשטאָק׳ן דעם 16-טען מאַי 1882 — איז זעהר ריכטיג און איך בין פול-קום מסכים מיט אייערע אַרגומענטען, וועלכע בילדען נאָר אַ טייל פון מיינע גרונד-געדאַנקען מכּוח דעם ענין. ליידער אָבער זענען מיר אַ ווינציגע מינדערהייט אין פערגלייך מיט יענע, וואָס האַלטען זיך אָן דער קעגענזייטיגער מיינונג, און שטרייטען מיט זיי איז נאָר אַ׳אומזיסטע זאַך, און מען קאָן נאָך דערמיט אַרויסרופען קעגען זיך טענות און אַלגעמיינע אומצופרידענקייט. און דאָס איז איינע פון די הויפּט-אורזאַכען, פאַרוואָס איך האָב אָוועקגעלעגט אָן אַ זייט מיין פעדער און שרייב איצט גאָר נישט. רעדען נישט דאָס, וואָס איך האַלט פאַר ריכטיג, קאָן איך נישט, אַרויסזאָגען דעם גאַנצען אמת אָבער, דאָס בעדייט — אויפהויבען קעגען זיך די גאַנצע ווילדע חברה שרייער, וואָס זענען גרייט בעשיטען אייך מיט אלערליי בע-שלדיגונגען, זיי וועלען אייך אַרויסשטעלען פאַר אַ בוגד, פאַר אַ שונא-ישראל א. ז. וו. אָבער אָט דאָס שטיל-שווייגען קאָסט מיך פיין, עס נאָגט און עסט מיין אויסגעוועהטאָגט האַרץ, פּונקט ווי אַ וואָרים. אָט די גיהנום׳שע פיין ווירקט צושטע-רענד אויף מיין אויסזעהן און אויף מיין גאַנצען אָרגאַניזם. איך בין די לעצטע צייט שרעקליך מאָגער און אַלט געוואָרען, איהר וואָלט מיך נישט דערקענט״. —

נאַטירליך, בענאַכריכטיגט אַבראַמאָוויטש רעגעלמעסיג זיין אינטימען פריינד מכּוח אַלץ, וואָס ס׳קעהר זיך אָן צו זיין טעטיגקייט אַלס שריפטשטעלער. ער טיילט איהם שטענדיג מיט וועגען זיינע ליטעראַרישע פּלענער, וועגען זיין אַרבייט און איהר גאַנג; האַלטענדיג שטאַרק פון בינשטאָק׳ס מבינות, וויל ער תּמיד וויסען יענעמס מיינונג וועגען זיינע נייע זאַכען. ס׳איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אז אַבראַמאָוויטש אַליין

האָט „דאָס ווינשפינגערל” געשעצט העכער פון אַלע זיינע אַנדערע ווערק. „איצט שרייב איך — לייענען מיר אין זיין בריעף פון 19-טען מאַי 1888 — אַ נייע זאַך, „דאָס ווינשפינגערל”; ס'וועט, דאַכט זיך, אין איינִיגע הינזיכטען זיין דאָס גרעסטע פון אַלע מיינע ווערק”. „אין גיכען — שרייבט ער בינשטאָק'ן דעם 21-טען יוני, 1888 — וועט איהר אין אַ זשורנאַל, וואָס עס גיט אַרויס איינער אַ קיעווער,*) לייענען מיינס אַ ניי ווערק — „דאָס ווינשפינגערל”. דאָס איז אַ געלונגענע זאַך”. צום „ווינשפינגערל,” אויף וואָס אַבראַמאָוויטש האָט געאַרבייט לאַנג און מיט פיעל ליעבע, קעהרט ער זיך שטענדיג אום אין זיינע בריעף. „עס איז מיר נויטיג — שרייבט ער דעם 11 יוני 1891 — צו פערענדיגען די עפּאָכע „דאָס ווינשפינגערל”, וואָס איך האָב אָנגעהויבען, און וואָס אין איהר פּלאַן זענען אַריין גראָד די פראַגען פונ'ם איצטיגען מאָמענט — איך האָב זיי מיט צוויי יאָהר צוריק פאָראויסגעזעהן.**) אין סאַמע אָנהויב טרעט דאָך דאָרטען אַרויס מיין הויפּט העלד מיט דעם אויפטראָג פון איינער אַן'אויסלענדישער הויכער פערזאָן — אַרומצופאָהרען איבער דער „טשערטאַ” כּדי צו בעקענען זיך מיט דעם לעבען פון אונזערע „קאַבצאַנסקער” יודעלעך, און מענדעלע הויבט דאָך אָן (זיין הקדמה) מיט דעם וואָס ער גיט אָב „קאַבצאַנסק” און „טונעיאַדעווקע” מזל-טוב מיט אַ נייעם פראָיעקט... יאָ, מיין פריינד, אָט די איצטיגע בעוועגונג מיט אַלע איהרע איינצעלהייטען האָב איך דערשפּירט שוין מיט אַ לאַנגער צייט צוריק; אַ שאָד נאָר, וואָס די ערצעהלונג איז נישט געענדיגט געוואָרען פריהער: מען דאַרף זיך אייִלען פערענדיגען זי”. אָבער אַזאַ זאַך, ווי „דאָס ווינשפינגערל”, לאָזט זיך נישט בעשאַפען אין איילעניש. „איך שרייב אַלץ מיין „ווינשפינגערל” — טיילט ער מיט דעם 28 יאַנואַר 1892 — די זאַך איז אַן'ערנסטע און שווערע. איך אַרבייט פּאַמעליך, נישט איילענדיג זיך”.

*) שלום עליכם'ס „יודישע פאָלקס ביבליאָטעק”

**) אַבראַמאָוויטש האָט דאָ אין זינען באַראָן הירשס פּראָיעקט וועגען אַרגענטינע.

ווי בעוואוסט, האָט אבראַמאָוויטש אין יאָהר 1886 ווידער אָנגעהויבען צו שרייבען טיילווייז אויף העברעאיש. ס'פערשטעהט זיך, אַז דער ערשטער דערוויסט זיך וועגען דעם ל. בינשטאָק. אינם בריעף פון 21 מערץ, ברענגט איהם אבראַמאָוויטש אַ נייעס: „אונזער מענדעלע מוכר-ספרים האָט אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַ נייע ערצעהלונג אויף העברעאיש!! דאָס ערשטע קאַפּיטעל וועט איהר די טעג לייענען אין דער צייטונג „היום". זעלבסטפערשטענדליך, וועט איהר מיר אָנשרייבען אייער מיינונג וועגען דעם ווערק". — „צי האָט איהר — פרעגט ער אין דעם בריעף פון 17טען אַפּריל, 1886 — געלייענט דאָס ערשטע קאַפּיטעל פון מיין נייער ערצעהלונג אין היום נומער 41?*). די טעג וועט ערשיינען די פאָרטזעצונג. לייענט דורך די קאָרעספּאָנדענץ פון וואַרשע אין נומער 55, וואו עס ווערט דערצעהלט, אַז קלעמענס יונאָשאַ דריקט איצט אינ'ם פּוילישען זשורנאַל „רייזענדער" מיין „קליאַטשע" און מאַכט מיט איהר אויפזעהן... אונזערע יודעלעך שרייבען קיין וואָרט נישט וועגען מיינע ווערק, און די קריסטען איבערזעצען זיי!!"

דאָ קומען מיר צו אַן'אינטערעסאַנטען שטריך, וואָס שטעלט זיך אַרויס זעהר אָפט אין די בריעף: אבראַמאָוויטש נעהמט זיך זעהר צום הארצען אי דאָס, וואָס מען שווייגט וועגען איהם אין דער פּרעסע, אי איטליך וואָרט, וואָס ווערט געזאָגט אָדער געדרוקט מכוח אים און זיינע ווערק. מיר ווילען דאָ ברענגען אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע ביישפּילען. ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט, האָט בינשטאָק אין יאָהר 1867 איבערזעצט אין רוסיש אבראַמאָוויטש'ס ראָמאַן „האבות והבנים". ער האָט זיך, דורך זיין בעקאַנטען גאָלדענווייזער (אַ מיטאַרבייטער פון מאָסקווער צייטונגען), געסטאַרעט דרוקען די איבערזעצונג אין איינעם פון די מאָסקווער זשורנאַלען, אָבער דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבען איהם. די, וואָס זענען בעקאַנט מיט אבראַמאָוויטש'ס ערשטען בעלעטריסטישען ווערק, ווייסען, אַז „האבות והבנים" איז אַ

---

*) עסתר רעם.

שוואך, נישט געלונגענע זאך. וואו עס איז כמעט נישט צו בע־מערקען אבראַמאָוויטש׳ס אָריגינעלער, קינסטלערישער טאַלאַנט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ערשט שפּעטער. גאָלדענוויזער האָט אָפּענהערציג אַרויסגעזאָגט בינשטאָק׳ן זיין מיינונג, אַז מיט דער איבערזעצונג פון „האבות והבנים״ האָט ער גענומען אויף זיך אַנ׳אונדאַנקבאַרע אַרבייט, — און יענער האָט נעהאָט די אינפאַר־זיכטיגקייט וועגען דעם מיטצוטיילן אבראַמאָוויטש׳ן. ווי טיעף אויפגעבראַכט אבראַמאָוויטש איז געווען פון גאָלדענוויזער׳ס מיינונג, איז צו זעהן פון זיין בריעף, וואָס ער האָט תיכף אָב־געשיקט בינשטאָק׳ן. „איך ערלויב מיר — שרייבט ער איהם דעם 8-טען פעברואַר, 1867 — אַרויסזאָגען אייך מיין השערה, אַז דער גאָלדענוויזער, וואָס רופט זיך אַליין: „אייער פריינד״, איז זעהר אַ שלעכטער מענש, און אַ חוץ דעם איז ער נישט בעהאָווענט אינ׳ם לעבען פון די יודען, צו וועלכע ער פיהלט געוויס אין האַרצען אַ פעראַכטונג, אַזוי ווי די איבעריגע היינ־טיגע נאַרישע יונגעלייט, און דערצו נאָך האָט ער בעקומען בריעף פון מיינע שונאים אין קיעוו, און די פריינד מיינע האָבען זיך אָהן שום ספק געסטאַרעט ערנידעריגען מיך און זיך געקליגט, מיין ראָמאַן זאָל נישט געדרוקט ווערען... דאָס איז מיין השערה, וואָס איז נאָהענט צום אמת, און איהר מערקט עס זיך״...

אָבער אַז צי דער זאך האָט זיך נישט אָנגעקעהרט גאָלדענ־וויזערס „שלעכטסקייט״ אָדער די אינטריגע פון „שונאים״, און אַז אבראַמאָוויטש׳ס „השערה״ איז געווען זעהר ווייט פון דער ווירקליכקייט, — קאָן מען דרינגען דערפון, וואָס אויך אין פּע־טערבורג, וואוהין די איבערזעצונג איז דערנאָך אַריבערגעשיקט געוואָרען, האָט קיין רעדאַקציע נישט געוואָלט דרוקען זי, און בינשטאָק׳ן איז לסוף אויסגעקומען אַרויסלאָזען די רוסישע בעאַר־בייטונג פון „האבות והבנים״ אַלס בעזונדערע אויסגאַבע.

אַז די אייגענטימליכקייט, וואָס איז געווען גאַנץ פערשטענד־ליך ביי אַ יונגען אָנהויבענדיגען שרייבער, האָט זיך ביי אבראַ־מאָוויטש׳ן מיט די יאָהרען נישט געמינערט און אַז ער פלעגט

אויך שפעטער נעמען זיך זעהר נאָהענט צום האַרצען, איטליך וואָ־ט, וואָס איז געווען וועגען איהם געדרוקט, — בעווייזט דאָס צווייטע, אפשר נאָך מעהר כאַראַקטעריסטישע ביישפיעל, וואָס מיר וועלען דאָ ברענגען.

אין יאָהר 1882 איז אין „וואָסכאָד" (יאַנואר — פערברואַר) געווען געדרוקט אַן איבערזעצונג פון נ. סאַמועלי'ס אַרטיקעל „די בעלעט־יסטיק אין דער נײַ־העברעאישער ליטעראַטור". וואָס איז ערשינען אין זאכער מאזאָק'ס דייטשען זשורנאַל „אויף דער העהע" דאָס אַרטיקעל איז פול מיט מליצה און גראָבע פעהלערען. ביי סאַמועלי זענען אַלע העברעאישע שריפטשטעלער אָהן איין אויס־נאָהם אפילו נהמן קראָכמאל און ש. י. ראַפּאָפּאָרט (שי"ר) — בעלעטריסטען. ווי אונוויסענד ער איז אין דעם פאַך, וואָס ער בעהאַנדעלט, בעווייזט למשל זיין בעהויפּטונג, אַז אונטער מ. מענדעלסאָנ'ס לייטונג איז אין בערלין ערשינען דער ערשטער העברעאישער זשורנאַל „בכורי עתים". ווער עס איז אָבער כאָטש וויפיעל עס איז בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער ניי־העברע־אישער ליטעראַטור, דער ווייסט, אַז די „בכורי עתים" זענען נישט געווען דער ערשטער העברעאישער זשורנאַל און אַז זיי האָבען אַרויסגעגעבען אין גאַליציען (געדרוקט אין וויען) אין יאָהר 1821 ד. ה. שוין 25 יאָהר נאָך מענדעלסאָנ'ס טויט. ווימ־לענדיג מיט אַזעלכע שווערע פעהלערען, האָט סאַמועלי'ס אַרטיקעל נישט געטױגט אפילו פאַר אַן אַלגעמײן־דייטשען זשורנאַל, און בפרט נאָך פאַר אַ ספּעציעל־יודישען. אָבער דער „וואָסכאָד" האָט איהם ביי זיך איבערזעצט, אמת, מיט אַן אָנמערקונג, וואו די רעדאַקציע זאָגט: „מיר געפינען פאַר נישט אונאינטערעסאַנט איבערצוגעבען אונזערע לעזער נ. סאַמועלי'ס אַרטיקעל, כאָטש ער האָט נישט קיין ערנסטע בעדייטונג. דער פּערפאַסער שוועבט צו אויבערפלעכליך איבער דעם ענין... מיר וועלען נישט ממלא זיין אַלע די בלויזען, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט, אויך נישט אויסבע־סערן אַלע זיינע טעות'ן... מיר וועלען נאָר אָנווייזען אויף אייניגע אונפּינקטליכקייטען וועגען די העברעאישע שריפטשטעלער פון רוסלאַנד, מכיח וועלכע דער פּערפאַסער האָט, הפנים, זעהר אַ

ווינציגען בעגריף. ער מישט צונויף די נײ־העברעאישע ליטעראַטור אין גאַנצען גענומען, מיט איין צווייג איהרען — מיט דער בעלעטריסטיק, און בעלעטריסטען זענען ביי איהם אַזוינע, ווי דער מאַטעמאַטיקער סלאָנימסקי, דער היסטאָריקער פין, דער פובליציסט צעדערבוים. אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט אָנגעשריבען אַ לעהרבוך פון נאַטור־געשיכטע (!)" א. ז. וו.

אויב סאַמועלי'ס אַרטיקעל איז אַזוי שלעכט, ווי די רעדאַקציע פון „וואָסכאָד" האַלט פולקום ריכטיג, איז געווען קאָמיש צו איבערזעצען איהם ביי זיך. און נאָך קאָמישער איז געווען, וואָס, אויסבעסערענדיג סאַמועלי'ס טעות'ן, האָט די רעדאַקציע אַליין דערביי — ווענינסטענס וואָס אָנבאַלאַנגט אַבראַמאָוויטש'ן — אויך נישט אַרויסגעוויזען קיין גרויס קענטעניש אין אונזער ליטעראַטור.

שטאָף צום לאַכען האָט די מעשה מיט סאַמועלי'ס אַרטיקעל אין „וואָסכאָד" אַלענפאַלס געקאָנט געבען. נישט אַזוי אָבער האָט זיך פערהאַלטען צו דעם עפּיזאָד אַבראַמאָוויטש. „איך ערלויב מיר — שרייבט ער בינשטאָק'ן אין בריעף פון 16־טען מאַי 1882 — מאַכען אייך אויפמערקזאַם אויף סאַמועלי'ס נאַרישען אַרטיקעל אינ'ם ביכעל „וואָסכאָד" פאַר יאַנואַר־פעברואַר און אויף די נאָך צעהן מאָל נאַרישערע אָנמערקונג פון דער רעדאַקציע. אויב דער אַרטיקעל בעווייזט דעם פּראָפעסאָר'ס פולשטענדיגע אונבעקאַנטשאַפט מיט דער ליטעראַטור, איז די אָנמערקונג — אַ בעווייז פון דער רעדאַקציעס אונעהרליכקייט און פאַלשקייט, אויפ'ן עכטען שטייגער פון סובאָרינען*)... ווער זענען זיי, פרעג איך אייך, אָט די בעלעטריסטען אונזערע? מיט וואָסערע פראַגען האָבען זיי זיך פערנומען דעמאָלט, ווען איך בין אַרויסגעטראָטען אויף דער ליטעראַרישער אַרענע מיט מיינע ערצעהלונגען, וואָס בעריהרען די לעבענס־אינטערעסען פונ'ם יודישען פאָלק? אַך, ס'איז אַ אונדאַנקבאַרקייט, ס'איז אַ געוויסענלאָזיגקייט!" און אַבראַמאָוויטש איז אַזוי ווייט אויפגע-

*) דער אַרויסגעבער פון „נאָוואָיע ווערעמיא".

בראַכט פון דעם, אייגענטליך, נישט מעהר ווי קאָמישען עפּיזאָד
אַז עס רייסען זיך בײַ איהם אַרויס די ווערטער: „אַנ׳עכטע
זשידאָווסטוואָ!“.

אינטערעסאַנט איז אַבראַמאָוויטש׳ס שטענדיגע שטרעבונג
אַרויסצוגעבען אַ צייטונג, וואָס שפּיעגעלט זיך אָב אין זיינע
בריעף. פון זיין קאָרעספּאָדענץ מיט בינשטאָק׳ן דערוויסען מיר
זיך, אַז נאָך אין יאָהר 1867, ווען ער האָט געלעבט אין בערדי-
טשעוו, האָט ער זיך געסטאַרעט צו בעקומען פון דער רעגירונג
אַנ׳ערלויבעניש אויף אַ צייטונג; אַרויסגעבען זי האָט ער גערע-
כענט אינאיינעם מיט דעם בעוואוסטען העברעאישען שריפטשטע-
לער א. ב. גאָטלאָבער און מיט בינשטאָקן, אָבער פון די בריעף
איז צו זעהן, אַז אויפגעטהון האָט די זאַך אַבראַמאָוויטש. הפּנים,
די צייטונג האָט געזאָלט זיין אַ העברעאישע; דאָס קאָן מען
דרינגען פון דעם נאָמען, וואָס זי האָט געזאָלט טראָגען: „בן-
עמי“ (ער ווערט דערמאָנט אין איינעם פון די שפּעטערדיגע
בריעף). פון דעם פּראָיעקט איז גאָרנישט אַרויס — קיין ערלוי-
בעניש האָט אַבראַמאָוויטש נישט בעקומען. אָבער ער זאָגט זיך
נישט אָב פון דעם געדאַנק, ער סטאַרעט זיך נאָך פיעל מאָל
מכּוח דער זעלבער זאַך, און פון איצט אָן האַנדעלט עס זיך
בײַ איהם שטענדיג וועגען אַ יודישער צייטונג. אין יאָהר 1871
איז אַבראַמאָוויטש צוליב דעם אַפילו געפאָהרען קיין פּעטערבורג;
פון דאָרטען האָבען מיר זיינעם אַ בריעף (פון 14 יאַנואַר) צו
בינשטאָק׳ן, מיט וועלכען ער האָט געוואָלט אינאיינעם אַרויסגע-
בען אין זשיטאָמיר די צייטונג. דער בריעף ענטהאַלט אין זיך
אויך די הוספה, געשריבען פון י. לעווין — אַ זוהן פון באַראָן
נ. ה. גינצבורג׳ס סעקרעטאַר און מקורב, מענדעל לעווין. פון
דעם בריעף און בעזונדער׳ס פון לעווינ׳ס צושריפט איז קענטיג,
אַז באַראָן גינצבורג און בכלל די „אָפיציעלע“ יודישע קרייזען
אין פּעטערבורג זענען געווען אונצופרידען מיט צעדערבוים׳ס
יודישען „קול מבשר“ און מיט זיין ריכטונג, און אַז זיי האָבען
געוואָלט מיטהעלפען אַבראַמאָוויטש׳ן צו בעקומען אַנ׳ערלויבניש
אויף אַ יודישער צייטונג. אָבער אויך דאָס מאָל איז דער

פראָיעקט נישט פערווירקליכט געוואָרען: די רעגירונג האָט נישט געגעבען די נויטיגע ערלויבניש.

ווי מיר האָבען שוין פריהער אָנגעוויזען, האָבען מיר נישט פון יאָהר 1871 ביז 1881, ווען אבראמאָוויטש האָט געלעבט אין איין שטאָדט (זשיטאָמיר) מיט בינשטאָק׳ן קיין בריעף פון איהם צו זיין פריינד; עס פעהלען אונז, אלזאָ, שריפטליכע ידיעות וועגען זיינע וויטערדיגע שריט אין דער הינזיכט.

אבראמאָוויטש׳ס פערלאנג צו גרינדען א יודישע צייטונג איז אָבער געווען צו שטארק, מען זאָל קאָנען רעכענען, אז אין פערלויף פון צעהן יאָהר זאָל ער נישט האָבען אין דער ריכטונג קיין זאך געטהון. ווענינסטענס פון איין שפּעטערדיגען בריעף (1885) דערוויסען מיר זיך, אז אין יאָהר 1879 האָט ער זיך פונסנייע — און ווידער אָהן ערפאָלג — בעמיהט אויסצו-ווירקען אנ׳ערלויבניש אויף א יודיש בלאט. פון יאָהר 1881 אָן, ווען אבראמאָוויטש האָט זיך בעזעצט אין אָדעס, האָבען מיר ווידער רעגעלמעסיגע בריעף פון איהם צו בינשטאָק׳ן — און ביי יעדער געלעגענהייט קעהרט ער זיך דאָ שטענדיג אום צו דעם פלאן מכוח א צייטונג.

אין יאָהר 1882 איז בינשטאָק אוועקגעפאָהרען קיין פּעטער-בורג, וואו ער האָט בעקומען בעשעפטיגונג אויף א געוויסער צייט. „ס׳איז זעהר מעגליך — שרייבט איהם אהין אבראמאָוויטש דעם 20-טען אויגוסט, 1882 — אז מיר זאָלען זיך אין גיכען זעהן אין פּעטערבורג. אז גאָט וועט געבען, און אונזער פלאן וועט זיך פערווירקליכען, וועל איך אויפלעבען און זיך ווידער נעהמען צו דער פעדער... מען דארף זיך דורכאויס סטארען צו בעקומען אנ׳ערלויבניש אויף ארויסגעבען די צייטונג. דאָ אין אָדעס קאָן איך ליטעראריש אויף קיין פאל נישט ארבייטען״. אין יאָהר 1883 סטארעט ער זיך פונסנייע וועגען א צייטונג, און ווידער אָהן א שום רעזולטאט. ער פערלירט אָבער נישט דעם מוט און ביי דער ערשטער געלעגענהייט הויבט ער ווידער אָן צו ארבייטען אין דער זעלבער ריכטונג. אין בריעף פון 11-טען סעפּטעמבער 1884, טיילט ער מיט בינשטאָק׳ן, אז ער האָט זיך

בעקענט מיט פראָפעסאָר פּ. בעזסאָנאוו׳ן; יענער איז געוועזן [illegible] מיטגליד פון דער בעוואוסטער פאַלען׳שער קאָמיסיע מכּוח דער יודען-פראַגע און האָט געהאַט אַ געוויסע ווירקונג אין די רעגירונגס-קרייזען. אַבּראַמאָוויטש׳ן קומט תּיכף אויפ׳ן געדאַנק — אויסצונוצען די נייע בעקאַנטשאַפט אויף צו בעקומען די געווינשטע ערלויבניש. ער ווענדט זיך מכּוח דעם צו בעזסאָנאָוו׳ן פערפיהרט מיט איהם אַ קאָרעספּאָנדענץ; ער איז רעגעלמעסיג מודיע בּינשטאָק׳ן וועגען דעם ענין און איז זיך מישב מיט איהם וועגען יעדען שריט. כּדי אויפצוקלעהרען דעם פּראָפעסאָר בּעזסאָנאָוו׳ן (וועמען די פּראַגע איז, הפּנים, געוועזן גאַנץ פרעמד) די נויטווענדיגקייט פון אַ יודישער צייטונג, האָט אַבּראַמאָוויטש איהם צוגעשטעלט אַנ׳אויספיהר-שריפטליכען בעריכט, זעהר אַנ׳-אינטערעסאַנטען, און צוגעשיקט בּינשטאָק׳ן אַ קאָפּיע; זי געפינט זיך צווישען אונזערע בריעף. די זאַך האָט זיך געצויגען לאַנג. איין צייט איז אַבּראַמאָוויטש געוועזן פול מיט האָפנונג, אַז דאָס מאָל וועט זיך דער פּלאַן ענדליך איינגעבען. „פון בעזסאָנאָיו׳ן — לייענען מיר אין בריעף פון 20 נאָוועמבער, 1885 — ערוואַרט איך אַ תּשובה אין דעצעמבער פון פּעטערבּורג וואוהין ער איז אַוועקגעפאָהרען (פון כּאַרקאָוו), און איך האָף, אַז דאָסמאָל וועט זיין ענטפער שוין זיין אַנ׳ענדגילטיגער. אָך, ווי עס ווילט זיך שוין נעהמען די פּעדער אין האַנד און שרייבּען, שרייבּען!”...

די זאַך געהט אַבּראַמאָוויטש׳ן פון זין נישט אַרויס. „פון בּעזסאָנאָוו׳ן — שרייבּט ער ווידער דעם 27-טען דעצעמבּער, 1885 — איז קיין ענטפער נישטאָ, דאָס וואונדערט מיך. נאָר די האָפנונג האָב איך נישט פערלוירען און איך האַלט אין איין וואַרטען”. אָבּער אויך דאָסמאָל איז איהם בּעשערט געוועזן אַנ׳ענטוישונג, „איך האָבּ אייך, טייערער פריינד — לייענען מיר אין בּריעף פון 21-טען מערץ, 1886 — שוין אַ היבּשע צייט נישט געשריבּען, וואַרטענדיג אויף עטוואָס נייעס, וואָס איך זאָל קאָנען מיטטיילען אייך. ליידער אָבער איז קיין שום נייעס נישטאָ, און פון די אַלע ערוואַרטונגען איז קיין איינע נישטאָ.

איך האָב שוין פערלוירען די האָפנונג און אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד אויף אַלץ, אַך, האַרציגער פריינד, איך האָב קיין מזל נישט!"...

אָבער גאָר אין גיכען זעהען מיר אַבראַמאָוויטש'ן ווידער סטאַרען זיך וועגען אַ צייטונג. „איך האָב אָבגעשיקט ספעקטאָר'ן — שרייבט ער בינשטאָק'ן דעם 20-טען אויגוסט, 1886 — דעם פּראָגראַם פון דער צייטונג, וועלכער איך האָב אַ נאָמען געגעבען „דער שפּיגעל". איך שיק אייך דערביי אַ „פּראָשעניע"— לייענען מיר אין בריעף פון 30-טען סעפּטעמבער, 1886 — און איך ריכט זיך אין גיכען אויף אַ גוטען רעזולטאַט".

די אָפּטימיסטישע שטימונג ווערט אָבער באַלד פערשוואונדען; דעם 24-טען אָקטאָבער 1886 שרייבט ער בינשטאָק'ן: „ספעקטאָר אין זיין לעצטען בריעף זאָגט זיך שוין אָב פון דער זאַך, ווייל עס איז נישט צו פערווירקליכען זי"...

בעזייטיגען די מניעות, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט סיסטעמאַטיש אַ לאַנגע צייט געשטעלט קעגען גרינדען אַ יודישע צייטונג איז געווען אונמעגליך, און ביז'ן יאָהר 1903, ווען עס איז ענדליך געלונגען צו בעקומען אַנ'ערלויבניש אויף אַרויסגעבען אין פעטערבורג דעם „פריינד", זענען אַלע אונצעהליגע בעמיהונגען פון פערשיעדענע פערזאָנען אין דער היגזיכט געווען אומזיסט.

וואָס פאַר אַ ריכטונג עס וואָלט בעקומען אַבראַמאָוויטש'ס טעטיגקייט, ווען ס'וואָלט זיך איהם איינגעגעבען אויסווירקען אַנ'ערלויבניש אויף אַ יודישער צייטונג, צי וואָלט נישט אפשר דער זשורנאַליסט אין איהם איינגעשלונגען דעם קינסטלער, און די יודישע ליטעראַטור וואָלט אפשר נישט זוכה געווען צו זיינע בעסטע בעלעטריסטישע ווערק — וועגען דעם קאָן מען נאָר בויען השערות. אָבער זיינע שטענדיגע בעמיהונגען אין דער היגזיכט, די ענערגיע, מיט וואָס ער האָט זיך כסדר, נישט קוקענדיג אויף אַלע ענטוישונגען, געסטאַרעט צו גרינדען אַ יודיש בלאַט, דאָס אַלץ בעווייזט אונז קלאָהר, אַז מיר האָבען דאָ צו טהון נישט מיט אַ צופעליגער זאַך, נאָר מיט אַנ'ערנסטער

שטרעבונג צו זשורנאַליסטישער אַרבייט, וואָס האָט טיעף גע־וואָרצעלט אין אַבראַמאָוויטש'ן.

מיר האָבען געגעבען אַ קורצע איבערזיכט פון אַבראַ־מאָוויטש'ס בריעף צו בינשטאָק'ן און געהאַט די מעגליכקייט אָבצושטעלען זיך נאָר אויף אַ קליינעם טייל פון זיי. מיר רעכענען אָבער, אַז אויך דאָס וועניגע, וואָס מיר האָבען דאָ געקאָנט ברענגען, האָט קלאָהר געמאַכט די לעזער, ס'אַר אַנ־אינטערעס און בעדייטונג עס האָבען די בריעף. ווען זיי וועלען פולשטענדיג פובליקירט ווערען, וועט יעדער ביאָגראַף און קריטיקער פון מענדעלע מוכר־ספרים אין זיי געפינען אַ רייך און פיעל־זייטיג מאַטעריאַל וועגען זיין פּערזענליכקייט און פסיכיק און וועגען דער היסטאָריע פון זיין לעבען, שאַפען און ווירקען.

ש. דובנאָוו

מענדעלע-אַבראַמאָוויטש

(זכרונות)

ער איז געקומען אויף דער וועלט אין די פינסטערע -ען פון ניקאָלאַי דעם ערשטען און איז אַוועקגעגאַנגען אין די טעג פון באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. ער איז געווען א חדר-יונגעל. און דערנאָך — א ישיבה-בחור. אין דער ליטע, אין יענע יאָהרען, ווען מען פלעגט זיינע חברים „כאַפּען און אָבגעבען״ פאַר קאַנטאָניסטען. ער איז אַרומגעפאָהרען איבער וואָלינער שטעדטליך, אין דעם ביידעל פון אברהמ׳לע דעם הינקעדיגען, אין דער צייט פון „ראַזריאַדען״ און „פּאָימאַניקעס״, ווען נאָך-זיין אייגענעם אויסדרוק — „געפּאַטשטע האָבען גע-פּאַטשט זיך אַליין, צודראַפּעטע האָבען געדראַפּעט איינער דעם אַנדערען״ („ווינשפינגערל״). ער איז געוואָרען א לערער אין דער קאַזיאָנער יודישער שול אין קאַמעניץ-פּאַדאָלסק אין די ערשטע יאָהרען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז אין דער קאַזיאָנער היטעל מיט דער קאָקאַרדע

ליגט די גאנצע ישועה פאר יודען. אין בערדיטשעוו און דשיטאָמיר האָט ער דורכגעמאַכט די תקופה פון השכלה און האָט זיך בעטייליגט אין דער מלחמה צווישען די השכלה-קרייזלעך און חסידים-קרייזלעך, וואָס האָט געברענט אַרום איהם. אין דעם אַסימילירטען אָדעס האָט ער איבערג לעבט די פּאָגראָמען פון אַלעקסאַנדער דעם דריטען און ניקאָלאַי דעם צווייטען, די בעוועגונגען פון חיבת-ציון, ציוניזם, נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם; ער האָט דערלעבט, שוין האַלב פּאַראַליזירט, צו דער לעצטער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר ער איז שוין געלעגען כמעט אָן בעוואוסטזיין אין די טעג, ווען פינסטערע וואָלקענס פון אַנאַרכיע און טעראָר האָבען בעדעקט די זון פון דער רעוואָלוציע. מיט איהם איז אָבגעשטאָרבען כמעט אַ גאַנצער יאָהרהונדערט פון אונזער געשיכטע. ער האָט אונז געלאָזען שטעהען אויף דער שוועל פון גאָר אַ נייער היסטאָרישער עפּאָכע, וואָס דאַרף קומען נאָך דעם היינטיגען מבול.

דריי דורות זענען דורכגעגאַנגען פאַר זיינע קלוגע אויגען וועלכע פלעגען טיעף אַריינדרינגען אין אַלץ, צו וואָס זיי האָבען זיך צוגעקוקט. געשטאַלטען פון דריי תקופות האָבען זיך אָבגעשפּיעגעלט אין זיינע ווערק, וועלכע האָבען איהם געמאַכט פאַר דעם „זיידען" פון דער יודישער ליטעראַטור. זיין טאַלענט איז, ווי בעוואוסט, אויסגעוואַקסען אין דער צווייטער העלפט פון זיין לעבען אויף אַזוי פיעל, אַז ער האָט געמוזט איבער-מאַכען פון דאָס ניי כמעט אַלע ווערק, וואָס ער האָט געשריעבען אין דער יוגענד. אין דער דאָזיגער צייט האָט ער געשאַפען זיין אייגענעם סטיל אין ביידע שפּראַכען, אין יודיש און העברעאיש, זיין אייגענעם קוק אויפ'ן לעבען, און ער האָט שוין נישט געקאָנט אָנערקענען פאַר זיינע גייסט-קינדער יענע ווערק, וואָס ער האָט אַ מאָל געשריבען אונטער דעם איינפלוס פון דער סביבה. יעדער שרייבער מוז די ערשטע יאָהרען זיצען אויף קעסט, שפּייזען זיך און מפרנס זיין אַנדערע מיט פאַרטיגע מאכלים, פאַרטיגע געדאַנקען, וואָס זענען אָנגעטאָן אין מלבושים נאָך דער מאָדע; נאָר דאָס איז אַ סימן פון אַן אמת'ען שרייבער,

אויב ער גיעהט אַראָב פון קעסט, שטעלט זיך אויף זיינע אייגענע פיס, הויבט אָן צו שאַפען זיינע אייגענע געדאַנקען, זיין שפּראַך, זיין סטיל, ווען ער ווערט אינדיווידועל אַנשטאַט קאָלעקטיוו, ווען ער ווערט אַליין אַ טיפ אין דער ליטעראַטור. אַ מוסטער פאַר אַנדערע. אַט אַזאַ איבערגאַנגס-צייט האָט איבערגעלעבט אַבראַמאָוויטש אין די זיבעציגער און אַכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט ווען ער איז געוואָרען מענדעלע מוכר ספרים.

צום סוף פון דער דאָזיגער איבערגאַנגס-צייט, ווען זיין טאַלענט האָט זיך אויפגעהויבען צו דער הויכקייט פון „ווינשפינגערל” — די גרויסע עפּאָפּעיע פון יודישען לעבען, — בין איך מיט איהם בעקאַנט געוואָרען. דרייצעהן יאָהר בין איך דערנאָך נאָהענט געוועזען צו איהם, און האָב געזעהן, ווי פון יאָהר צו יאָהר וואַקסען זיינע שעפערישע קרעפטען, ווערט טיעפער זיין קוק אין לעבען, ווי אין איהם ווערט מקוים די פּסיכאָלאָגיש-ריכטיגע בעמערקונג פון דער אגדה: „תלמידי-חכמים כל זמן שמזקינים חכמה נתוספת בהם” — ביי עכט-גייסטיגע נאַטורען וואַקסט די שאַפונגס-קראַפט אויף די עלטערע יאָהרען” אַזוי ווי ביי מיטעלע מענשען, פערקערט, זינקט דער גייסט אויף דער עלטער. ביז דעם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען האָט דער 85-יאָהריגער זקן איינגעהיט אין זיך די קראַפט און דעם וואוקס פון זיין גייסט.

דאָס איז געוועזען אין שפּעטען הערבסט פון יאָהר 1890. איך בין ערשט אָנגעקומען פון פּעטערבורג קיין אָדעס און האָב נאָך נישט פערגעסען דעם געוואַלדיגען איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט דער צווייטער טהייל „ווינשפינגערל”, וואָס איז געוועזען געדרוקט אין יענעם יאָהר אין שלום-עליכם׳ס „פאָלקס-ביבליאָטעק”. ערשט מיט אַ פּאָר חדשים פאַר מיין אָנקומען, האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגען דעם ווערק אין אַ קריטישען איבערזיכט פון דער יודישער ליטעראַטור (וואָסכאָד, 1890, בוך 9: „פאָלקס-ליטעראַטור און המון-ליטעראַטור”, פון קריטיקוס), וואו איך האָב פערגליכען „די מערקווירדיגע

עפּאָפּעיע פון אבראַמאָוויטש" מיט גאָגאָל'ס „טויטע נפשות", נאָך דעם אַרט שרייבען — אַ געמיש פון עפּאָס און ליריק. אין אַ גרויען נאָוועמבער-אָוונד האָב איך געמאַכט מיין ערשטען וויזיט צו מענדעלע'ן. פון מיין וואוינונג אין יענעם עק פון דער לאַנגער באזאַרנע גאַס, וואָס איז געווען נאָהענט צום גרויסען פּאַרק אויפ'ן ברעג ים, בין איך געגאַנגען אויף דעם אַנדערען עק, וואו די באזאַרנע, דורכגעהענדיג דורכ'ן אַלטען מאַרק, שפּאַרט זיך אָן אין די אָרימע טהיילען שטאָדט, אַרום „טאַלטשאָק". נאָהענט צו מאָלדאוואַנקע. דאָרטען, אין אַ אַלט גרויס הויז צווישען קאַזאַרמעס, וואָס האָט אַליין אויסגעזעהען ווי אַ קאַזאַרמע, האָט דענסטמאָל פערנומען אַ גאַנצען שטאָק די רעפאָרמירטע אָדעסער תלמוד-תורה, וואָס וועגען איהר האָט אַמאָל געשריבען דער בעוואוסטער הומאניסט פּיראָגאָוו. העכער מיט איין שטאָק איז געווען די וואוינונג פון סאָלאָמאָן מאָיסיעוויטש אבראַמאָוויטש, דעם פערוואַלטער („זאַוויעדויושצי") פון דער תלמוד-תורה. די דאָזיגע שטעלע האָט מענדעלע פערנומען שוין אַ יאָהר צעהן, און האָט זיך געהאַלטען פאַר גליקליך, וואָס נאָך די שווערע יאָהרען און דחקות אין זשיטאָמיר האָט ער געקראָגען אַ זיכער שטיקעל ברויט און האָט בעקומען די מעגליכקייט צו שרייבען רוהיג אין דער פרייער צייט.

איך בין אריין צו איהם אין קאַבינעט. אַ הויכער שלאַנקער מאַן, מיט אַ היבש ביסעל גרוי אין די געדיכטע שוואַרצע האָר, מיט אַ קליין בערדעל, מיט קלוגע אויגען און אַ ליב שמייכעלע, האָט מיך בעגעגענט און בעגריסט ווי אַן אַלטען בעקאַנטען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ לאַנגער שמועס וועגען ליטעראַטור, פּאָליטיק, פּעטערבורג, אָדעס, וועגען זיין „ווינשפינגערעל" און דעם פּלאַן פון די קומענדיגע, נאָך נישט געשריבענע טהיילען. מענדעלע האָט ליעב געהאַט צו רעדען, נאָר ווי לאַנג ער האָט נישט גערעדט, האָט דער צוהערער נישט בעמערקט די צייט: אַזוי שיין און טיעף, כאָטש אָפט פּאַראַדאָקסאַל, זענען געווען די געדאַנקען, די ווערטער; אַלץ איז געווען אייגענס, נישט פרעמדס, נישט גענאַשט פון ביכער.

טאַקע אַט דאָ בשעת דעם שמועס געשאַפּען מיט קנייטשען דעם שטערען, אַ דרעה מיט׳ן פינגער, עפּעס ווי אין אַ האַרבע סוגיא אין דער גמרא. מיר האָבען ביידע נישט בעמערקט, ווי דער שמועס האָט זיך פערצויגען ביז שפּעט אין אָוונד; און אַז מיר האָבען אַ קוק געטהון אויפן זייגער, האָבען מיר זיך ביידע צעלאַכט: מיר זענען אָבגעזעסען אַ שעה פיער-פינף. „אַט — זאָגט ער — איהר האָט זיך געאיילט אַ היים (פון אָנהויב האָב איך געזאָגט, אַז איך בין געקומען אויף אַ קורצער צייט און וויל איהם נישט שטערען), ניין, פון מיר געהט מען אַזוי גיך נישט אַוועק; נישקשה, מיר וועלען נאָך אַ ביסעל שמועסען״... און אין פאָרהויז האָט ער מיך נאָך פערהאַלטען אַ היבשע ווײַלע, אַזוי ווי עס וואָלט געווען נויטיג ענדיגען אַ וויכטיגען ענין...

שפּעט, אַרום האַלבער נאַכט, האָב איך זיך אומגעקעהרט אַ היים. עס איז געגאַנגען דער ערשטער שניי און האָט אָנגע־טהון אין ווייסען די פּוסטע גאַסען, איך האָב געטראַכט וועגען דעם אַלטען יונגען מאַן, וואָס האָט גערעדט מיט אַזא היץ, אַזוי אָריגינעל און קלוג — כאָטש נישט אַלץ נאָך מיין שטימונג, — וועגען דעם טיעפען קוואַל פון געדאַנקען און געפיהלען, וואָס שפּרודעלט אין דעם מחבר פון דער „קליאַטשע״ "פישקע דער קרומער״ און „ווינשפינגערעל״.

אין יענע יאָהרען איז מענדעלע אַלט געווען 55 יאָהר, לויט דער אָפיציעלער רעכנונג פון זיין ביאָגראַפיע, וואָס איז געשריבען דורך זיין חבר ל. בינשטאָק אין יאָהר 1885. צו זיין ערשטען ליטעראַרישען 25-יאָהריגען יובילײ. נאָר ביי אונז אַלעמען, די אָדעסער, איז געווען אַ גרויסער ספק אין דער ריכטיגקייט פון דער רעכנונג, מען האָט דעם „זיידען״ געהאַל־טען פאַר עלטער אויף היבשע עטליכע יאָהר. מענדעלע אַליין האָט נישט ליעב געהאַט אַריינצולאָזען זיך אין חשבונות וועגען דעם ענין; עס איז ביי איהם געווען עפּעס אַזוי ווי אַ מין פאָראורטייל, וואָס איז געקומען בירושה פון אַלטפרענקישע יודען זקנים, וואָס וועלען אייך בשום אופן נישט אויסזאָגען

זייערע אמת'ע יאָהרען, אָפטמאָל, בעת געסט פלעגען זיך ביי איהם צונויפקומען אין זיין געבורטס-טאָג, דעם 20 דעצעמבער, און איינער פון די נישט-געניטע פלעגט זיך צו איהם ווענדען מיט א פראגע: „זיידע, ווי פיעל יאָהר איז אייך היינט געוואָרען?" פלעגט ער ענטפערען: „איך ווייס נישט, אָט פרעגט ביי איהם (אָנווייזענדיג אויף מיר): ער איז א היסטאָריקער און דארף וויסען כראָנאָלאָגיע". און איך האָב שוין געמוזט זאָגען די אָפיציעלע דאַטע 1835, ווי עס שטעהט געדרוקט אין בינשטאָקס ביאָגראפיע, נישט מאכענדיג צו איהר קיין „קריטישע" בעמערקונגען. מענדעלע האָט אפילו נישט ליעב געהאט, אז מען פלעגט איהם אין יענע יאָהרען רופען „זיידע", א נאָמען וואָס ס'האָט איהם געגעבען דענסטמאָל „שלום-עליכם", ווארום דער בעגריף „ליטעראַרישער זיידע" גיט שוין אן אָנצוהערעניש אויף אלטקייט. און אין דער אמת'ן האָט זיך מענדעלע געפיהלט יונג און שטארק, אפשר יונגער און לעבעדיגער פון וועמען עס איז פון זיינע „אייניקלעך".

אין גיכען האָט זיך אָרום אונז געבילדעט א קליין ליטעראַריש קרייזעל. אין אָנהויב זענען אריין אין אונזער חברה מענדעלעס אלטע בעקאנטע — בן עמי און ראַווניצקי, און שפעטער זענען ביסלעכווייז צוגעקומען נאָך שרייבער און — גלאַט אינטעליגענטען. דערהויפט האָבען מיר געפיהרט שמועסען און ויכוחים וועגען אונזער ליטעראַטור, נאָר אָרום פסח-צייט פון יאָהר 1891 האָבען ביי אונז דעם ערשטען אָרט פערנומען פאָליטישע ענינים. דאָס איז געוועזען יענער שרעקליכער פסח — די צייט פון גירוש מאָסקווע און אנדערע גזירות, ווען אלעקסאנדער דער דריטער און זיין רעגירונג האָבען אונז אָנגעמאכט אזוי פיעל אָפיציעלע פאָגראָמען, עפעס ווי א זכר לחורבן — צום צעהניאָהריגען יובל פון די ערשטע גאסען-פאָגראָמען אין די דרום-קאנטען אין די 80-ער יאָהרען. א טיעפער שמערץ האָט אונז אלעמען ארומגענומען. מיר האָבען געפיהרט הייסע ויכוחים, יעדערער לויט זיין שטאנדפונקט: איינער האָט געזעהען די ישועה אין פערשטארקען דעם ישוב ארץ-ישראל, דער אנדערער—אין עמיגראציע נאָך

אַמעריקע, וואָס האָט אָנגענומען בקרוב אַ גראַנדיעזען כאַראַקטער דער דריטער האָט פאַרגעשלאָגען אַן אַגיטאַציע־רייזע אין איי־ראָפּע אויפצוהויבען די וועלט קעגען דעם דעספּאָטישען רוסלאַנד (מיין פאָרשלאַג); איין מענדעלע גאָר האָט זיך נישט געשטעלט אויף קיין פּרינציפּיעלען שטאַנדפּונקט און האָט יעדעס מאָל אַרויס־געזאָגט אַ מיינונג לויט דער שטימונג, וואָס האָט דאַן געהערשט ביי איהם. פערשטעהט זיך, אַז פון איין מאָל צו דעם אַנדערען האָט זיך ביי איהם די מיינונג געביטען אַזוי ווי די שטימונג. נאָר יעדעס מאָל זענען זיינע ווערטער געווען קלוג און אָריגי־נעל, און האָבען געגעבען שטאָף צום טיעפען נאָכדענקען. — אין יענער צייט האָט מען זיך גערעכט אויף אַ פּאָגראָם אין אָדעס, און איך געדענק, ווי מענדעלע האָט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן: „מיין ווייב האָט שוין איינגעפּאַקט די זאַכען אין די גרויסע קאַסטענס אויף רעדלעך, מיר זענען שוין מוכן ומזומן מקיים זיין די מצוה פון ויברח".

אַ פּאָעטיש טרויעריגער זומער איז אָנגעקומען נאָך יענעם פריהלינג. איך האָב זיך בעזעצט אין דער דייטשער קאָלאָניע לוסטדאָרף, אויפ'ן שענעם ברעג פון ים, אַ פּאָר שעה גאַנג פון אָדעס. דער „בורח" שלום עליכם האָט זיך אומגעקעהרט פון אויסלאַנד, נאָך זיין געשעפטס־אומגליק, און האָט זיך בעזעצט אונטערן שטאָדט, אויפן „גרויסען פאָנטאַן" אויפן וועג קיין לוסט־דאָרף. אין גיכען איז צו אונז געקומען פרוג, וואָס פּאָליציע האָט איהם אַרויסגעשיקט פון פּעטערבורג. ער האָט געבלאָנקעט דעם גאַנצען זומער צווישען אָדעס און לוסטדאָרף*). אין לוסט־דאָרף האָט אויך געוואוינט בן־עמי. דער זיידע מיט רצוניצ־קין פלעגען אָפט אָנפאָהרען צו אונז פון שטאָדט, פערכאַפּענ־דיג אַמאָל אויפן וועג דעם „אייניקעל" — שלום־עליכם'ען. יע־נעם זומער איז שווער צו פערגעסען, יעדען פון אונז איז גע־

*) זעה מיינע זכרונות וועגען שלום־עליכם'ען און פרוג אין „יעווריע־סקאיא סטארינא" 1916 און אין זאמעלבוך „צום אנדענק פון שלום־עליכם" (אויסגאבע פון פרץ־פאנד 1917).

ווען שווער אויפ'ן הארצען, הן פון אייגענע צרות הן פו
צרות הכלל, און דערפאר טאקע זענען מיר געווען צוגעבונדע
איינער צו דעם אנדערען, אט צולייגען מיר זיך אלע אויפ'ן
ווייסען זאמד פון ברעג ים, קוקען שעהן לאנג אויף דעם גע-
וואלדיגען וואסער פעלד, וואס ציהט זיך העט-ווייט ביז סטאמ-
בול, און מען רעדט. מענדעלע איז בעזונדערס גוט געשטימט
עס שיטען זיך ביי איהם פערעל פון מויל: אנעקדאטען, גלייכ-
ווערטלעך, און אפטמאל ערנסטע דערצעהלונגען פון זיין לעבען
קינסטלערישע שילדערונגען מיט טיפישע געשטאלטען פון זיינע
בעקאנטע (בעזונדערס פון דעם לערער-קרייז אין זשיטאמירער
ראבינער שוהל: צווייפעל, גאטלאבער, לערנער, סלאנימסקי, סוכאס-
טאווער און אנדערע), וואס מען וואלט זיי געקאנט אריינשטעלען
אין דער רייה פון זיינע בעסטע ווערק. אט געהען מיר אי-
בער די בערגלעך און גריבער ארום ים, און מענדעלע שפרינגט
מיט זיינע לאנגע פיס און קלעטערט וואו מען דארף, נישט
ערגער פאר אונזערע יונגע לייט. מיר געהען אריין אין גרויסען
גארטען פון אונזער קאלאניע, — דער בעריהמטער „שולצע
גארטען", — טרינקען טיי און וויין, עסען וויינטרויבען און
אנדערע פרוכטען, — און דער שמועס ציהט זיך ווייטער.

איך געדענק בעזונדערס א שיינע זומער-נאכט אין אלול,
נאך אזא שפאצירען, ביי מיר אין הויף פון דער דאטשע. מיר
זענען אלע געזעסען אין דער „בעס עדקע", ביי דעם ליכט פון
די אלול-שטערען, און האבען געזונגען אידישע פאלקס-לידער.
פרוג ד'האט וואונדער יך שיין געזונגען דאס ליד: „וואס וועט
זיין, אז משיח וועט קומען?" מיט אזא פרומען פנים און
אזעלכע חסידישע העויות, אז קיינער וואלט נישט געזאגט, אז
מיר האבען דא צו טהון מיט א נאכגעמאכטער פאראדיע פון
א מתנגד:

די בויד וועט זיין פון פארמעט די רעדער וועלען
זיין פון עצי-גופר
און די בייטש וועט זיין ציצית צוגעבונדען צו א שופר, —

האָט זיך צעגאָסען דאָס לידעל אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אין דער שטילער דייטשער קאָלאָניע. צו אמת'ע דביקות און התלהבות האָט אונז געבראַכט אַ חסידישער ניגון אָהן ווערטער, וואָס בן-עמי האָט געזונגען. אַלע האָבען דאָס אונטערגעכאַפּט און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ כאָר-געזאַנג, מיט פערגלאַנצען די אויגען צום הימעל, מיט צוקלאַפּען מיט די פינגער. מיר זענען געזעסען אַזוי ווי די חסידים ביים רבין צו שלוש סעודות, און עס האָבען זיך געטראָגען ווייט צום ברעג ים טרויעריגע נגונים, עפּעס ווי פערטראָגען אַהער מיט אַ ווינד פון די פעלדער פון וואָלין אָדער פּאָדאָליע, און דער ים האָט עפּעס פון דער ווייטען צוגעברומט... מענדעלע איז געזעסען פערטראַכט. איהם האָט זיך אפשר גע'חלומ'ט דאָס ביי-דעל, אין וועלכער דאָס יונגעל פון קאַפּוליע איז אַרומגעפּאָה-רען וואָלין, די השכלה-מיסיע און דער קאַמף מיט חסידים אין קאַמענעץ און בערדיטשעוו...

25 יאָהר זענען אַריבער פון יענער זומער נאַכט. בלויז די לעצטע צוויי יאָהר האָבען אַוועקגענומען פון אונז דריי פון יענע, וואָס זענען געזעסען ביים שלוש סעודות אין לוסטדאָרף — שלום-עליכם'ען, פרוג'ן און מענדעלען.

II

אונזער אָדעסער קרייזעל מיט אַבראַמאָוויטשען בראש האָט זיך צוזאַמענגעקליבען רעגולער עטליכע יאָהר, צווישען 1891 און 1894. די אורחים פונ'ם קרייזעל זענען זיך דערווייל צו-פאָהרען אין פערשיעדענע זייטען. פרוג קיין פעטערבורג, שלום-עליכם — קיין קיעוו, און אין אָדעס איז פערבליבען אַרום אַ האַלבען טיש „שטענדיגע מיטגליעדער", צו וועלכע ס'פלעגען פון צייט צו צייט צושטעהן אויך מענשען פון דער זייט. אונ-זער קליין קרייזעל איז געווען אַ ריין-ליטעראַריש, אַן אומ-

ארטײַאיש, און אין דעם איז בעשטאַנען דער אונטערשיעד
ױישען איהם און דעם מאַסאָנישען קרײז פון אחד העם —
:ני משה", װאָס האָט דאַן עקזיסטירט אין אָ״עס. אין יענעם
ייז האָבען אַנטײל גענומען די פּאַלעסטינצעס, די „חובבי
יון". װאָס האָבען אָנגענומען אחד־העם'ס תורה: אָהן דער
יסטיגער אױפלעבונג פון דער אומה איז נישט מעגליך די
יפלעבונג פונ'ם לאַנד. די „בני משה" (אָדער די „רױטע
רעלעך" װי מענדעלע האָט זײ װיציג אָנגערופען אױפ'ן
:ך פון דעם נאָמען פון דער חברה און אױך דערפאַר, װאָס
יניגע אָנגעזעהענע מיטגליעדער האָבען געהאַט רױטע האָר)
'עגען זיך צונױפקלײַבען יעדען פרײטאָג־צונאַכטס אין הױז
ן זײַער פיהרער, און דערבײ צוגעלאָזט אין קרײז אױך זײ־
גע, װאָס זענען נאָך נישט געװען אײנגאַנצען בעהאַװענט אין
יערע ענינים. מיר פלעגען זיך צונױפקומען שבת צו נאַכט,
'ר דוכט, אײן ראַװניצקי פלעגט בעזוכען גלײכצײַטיג בײדע
ײזלעך גאַנץ רעגולער, און מענדעלע האָט איהם אָנגערופען
יער שליח פון יענער זײט סמבטיון". לכתחלה פלעגען מיר
ך על פי רוב צוזאַמענקלײַבען אין דער נײער, גרױמער און
כטיגער דירה פון אַבראַמאָװיטשען, װאָס מ'האָט אָװעקגע־
:בען פאַר'ן פערװאַלטער אין דעם נײ־אױסגעבױאַטען הױ־
יף ד[illegible]טיארנער גאַס; שפּעטער האָבען מיר זיך צונױפגע־
יבען לױט דער רײהע אױך אין די דירות פון אַנדערע
:טײל־נעמער — בײ מ״ר, בײ בן־עמי, בײ'ם פערשטאָרבענעם
אױלען דאָקטאָר מיכעלסאָן. אױסער די שבת'דיגע פערזאַמ־
נגען זענען נאָך געװען אױסערגעװעהנליכע בעגעגענישען:
יף פאַמיליע־אָװענדען, אין ימים־טובים און אין דער נאַכט
ין נײ־יאָהר. די שפּראַך אין אונזער קרײזעל איז געװען, װי
:װעהנליך דאַן אין אָדעס, רוסיש, און פערשטעהט זיך, מיט
שטאַרקען צומיש פון יודישע װערטלעך. מענדעלעס רוסיש
יז נישט פרײ געװען פון טעותים, נאָר מיר האָבען עס װעה־
ג־װאָס בעמערקט: אַזױ רײך איז דער רוסיש געװען מיט
ריגינעלע אױסדרוקען, לעבעדיגע געשטאַלטען, אָפטמאָל פלעגט

ער זיין רוסיש בעפוצען מיט פליטערלעך פון אונזער פאָלקס־שפּראַך.

אויב צווישען אונז איז געווען אַ מענש, וואָס איז אַ־שטאַנען אויסער וואָסער־ס'איז פּאַרטיי אָדער פּראָגראַם, — איז עס געווען מענדעלע. ער איז געווען אַן אומפּאַרטייאישער נישט צוליעב אויסערליכע סבות אָדער צוליעב דעם, וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט איינפּאַסען אין די ראַמען פון די עקזיסטירענדיגע פּאַרטייען, נאָר דערפאַר, וואָס לויט זיין נאַטור האָט ער נישט געקאָנט זיין קיין אנהענגער פון אַ בעשטימטער אידעאישער ריכטונג אין געזעלשאַפטליכע פראַגען. ער האָט נישט געקאָנט אַנערקענען וואָסער ס'איז פּראָגראַם פאַר נויטווענדיג, אָדער וואָסער ס'איז פּרינציפּען־סיסטעם פאַר אַ דורכאויס בעשטימטע זאַך. אין סאָציאַלען און פּאָליטישען הינזיכט איז ער, לויט זיין נאַטור, געווען אַ „ווילדער". ער האָט געהאַט דאָ שטימונגען, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, אָבער נישט קיין פעסטע פּרינציפּען, און די שטימונגען האָבען זיך ביי איהם אָפט געביטען אין שייכות מיט זיינע פּערזענ־ליכע, סוביעקטיווע איינדרוקען, למשל, פון זיין בעציהונג צו דער אָדער יענער פּערזאָן, פאָרשטעהער פון דער אָדער יענער פּאַרטיי. ער האָט נישט ליעב געהאַט די מאָדערנע און טומעל־דיגע פּאָליטישע בעוועגונגען, ווייל וואָס מעהר אָנהענגער די בעוועגונג האָט פערמאָגט, אַלץ מעהר חאָט ער געהאַט די מעגליכקייט צו בעאָבאַכטען אין די פּערזאָנען לעכערליכע אָדער נעגאַטיווע זייטען, די פּערקריפּעלונג פון דער אידעע ביי די וועניג־בעוואוסטזיניגע מענשען, וועלכע זענען צוגע־שטאַנען צו איהר, און ער, ווי דער קינסטלער פונ'ם לעבענס־שטייגער, איז אין זיין אבשאַצונג געגאַנגען שטענדיג פון פּער־זאָנען צו אידעען און נישט פערקעהרט. אַזוי־אַרום איז ער נישט צוגעשטאַנען צום אָפיציעלען חיבת־ציון (ציוניזם איז ביז 1897 נאָך נישט געווען), וואָס האָט געהאַט אין אָדעס זיין אָרגאַן — דער פּאַלעסטינער קאָמיטעט, הגם ער האָט זייער סימפּאַטיזירט מיט דער אידעע פון ישוב ארץ ישראל און פער,

זענלעך האָט ער שטאַרק געהאַלטען פון איינעם פון די פיהרער מיט דער חברה — פון ד"ר פינסקער. דער אַלטער „משכּיל" פונ'ם קרייזעל פון דער זשיטאָמירער ראַבינער שול, דער יוגענד פריינד פון מ. מרגולית, אַבראַמאָוויטש איז דאָך נישט אַריין אין דער געזעלשאַפט פון די אַסימילירענדע און אַסימיליאַ-טאָרען, ביי וועלכע דער הומאַניסט מרגולית איז געווען דער העכסטער אויטאָריטעט, אַ וואוילער לעהרער, וואָס האָט נישט געפאָדערט פון זיינע תּלמידים קיין שום התחייבותן בנוגע צו דער נאַציע, — אויסער איין זאַך: טעאָרעטיש אָנער-קענען די מעלות-טובות פון יודישקייט און איר עטיק. מענדע-לע האָט נישט געהאַט די אַסימילאַציע ליעב (יעדענפאַלס אינ'ס אָדעסער פעריאָד פון זיין לעבען), אָבער קעמפען מיט דער אַסימילאַציע צוזאַמען מיט די נאַציאָנאַליסטען, לכל הפּחות, אין דעם געביט פון שוהל און קולטור, האָט ער נישט גע-האַלטען פאַר מעגליך, ווייל ער האָט נישט אָנערקענט קיין בעשטימטע פּאָזיטיווע סיסטעם פון נאַציאָנאַליזם, נישט פונ'ם פּאָליטישען, נישט פונ'ם קולטור-אויטאָנאָמיסטישען. ער איז געווען אַי אַ פריידענקער, אַי אַ רעליגיעזער: ער האָט צוגע-געבען אַ בעזונדערע בעדייטונג די וויכטיגסטע דינים און מנהגים (ווי אַ פּערוואַלטער פון אַ תּלמוד-תּורה האָט ער אָפּי-ציעל געדאַרפט אָבהיטען שבת, ימים-טובים, היטען כּשרות א. א. וו.), און זיך בעצויגען גאַנץ געדולדיג צו דאָגמאַטישער פריידענקעריי. אָבער אויך דאָ ווערט זיין סבלנות דערגרייכט נאָר ביז אַ בעשטימטער גרענעץ, ער האָט נישט געקאָנט פאַר-טראָגען נישט די חוצפּהדיגע פערלייקענונג פון די אמונה-יסודות, נישט די שטאַרק-עקסטרעמע אויספיהרען פון דער ביבעל-קריטיק, אויף וויפיעל ס'האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ קאָנקרעטער פאָרם (וועגען דעם — שפּעטער). דא איז ער געווען שטאָל און אייזען, אָדער ריכטיגער — געוואָרען אַלץ פעסטער, וואָס מעהר ער איז געוואָרען עלטער. אין אַלע איבעריגע געביטען איז ער באמת געווען אַ „פרייער קינסטלער" אין דער שאַפונג און אנשויאונגען. איך האָב נישט איינמאָל געזאָגט איהם אַליין

ין אויך ביים ביי-זיין פון אנדערע: איהר, אלס קינסטלער
אנקורירט מיט גאט, וואס לויט דער אגדה, פערנעהמט ער זין
ערמיט, וואס ער בויט וועלטען און צושטערט זיי, כדי ווידער
ויפצובויען: איהר שטעלט-אויף א וועלט-אנשויאונג און דער-
אך ווארפט איהר זי אום. גאנץ אפט איז געוועזן א פערגעני-
צן צו שמועסען מיט מענדעלען אויג אויף אויג אדער אין א
ליינעם קרייזעל: אזוי טיעף האט ער אויפגענומען א גע-
אנק אפילו מיט זיינע אבנייגונגען אן דער זייט אין דער
עמע און מיט זיינע פאראדאקסען; אבער אויף א פערזאמלונג,
ואו די אידעאלאגישע ויכוחים האבען בעדארפט ברענגען צו
בעשטימטען טעזיס אדער בעשלוס, האט מענדעלע נאר גע-
טערט, ווי א פערקעפערונג פון א אנטי-טעזיס; ער האט
אקע אויסגעמיטען אזעלבע מיני פערזאמלונגען.

אין אונזערע שבת-צו-נאכט-אווענדען האט מענדעלע אפט
צלייענט פאר אונז אויסצוגען פון זיינע ערשט-אנגעשריבענע
ערק. אין יענער צייט האט ער אויפגעהערט צו שרייבען
דיש און זיך אומגעקערט צו העברעאיש, ריכטיגער — צו
אפען א נייעם העברעאישען סטיל. די סיבה איז געווען א
ופעליגע: שלום עליכם האט אנגעוואוירען זיינע פינאנסען און
ויפגעהערט ארויסצוגעבען זיין „יודישע פאלקס-ביבליאטעק",
ון דער זיידע האט נישט געהאט וואו צו דרוקען דעם המשך
ון זיין „ווינשפינגערעל". קיין לייטישע פערלעגער אויף צו
רוקען ביכער אין יודיש זענען נאך דאן נישט געווען (דער-
אך האבען זיך בעוויזען דער פערלאג „אחיאסף" און אנדערע,
אס האבען ארויסגעגעבען העברעאישע ביכער), און מענדעלע
אט אוועקגעווארפען זיין בעסטע און גרעסטע ערצעהלונג,
ון ס'האט נישט געהאלפען, וויפיעל איך האב אין איהם
ריינגעשמועסט, ער זאל פערזעצען די ארבעט אויף שפעטער.
עוועהנליך האט ער געשריבען, ווען דער רעדאקטאר אדער
רויסגעבער האט איהם געצוואונגען, פאדערענדיג א ערצעה-
ונג צוליעב א זאמעלבוך אדער זשורנאל. אין יענער צייט
אט ראווניצקי ארויסגעגעבען אין אדעס א גאנץ פיינע ליטע-

ראַרישע זאַמעלביכער א. נ. „פּרדס“, און מענדעלע האָט בע־דאַרפט פאַר יעדען באַנד געבען איין אָדער צוויי מעשיות. ער האָט דאַן אויך געשריבען צוליעב דעם וואַרשעווער „לוח אחיאסף“. פאַר מיינע צייטען זענען אָנגעשריבען און כמעט אינגאַנצען פאַרגעלייענט געוואָרען דורך דעם מחבר פון כתב־יד די ערצעהלונגען פון דעמדאָזיגען לעבען: „בימי הרעש“, „בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה“, דער אַריינפיהר אין „שלמה ר'חיים'ס“. אין אָט די מעשיות האָבען געפונען אַן אויס־דרוק די הייסע ויכוחים, וועלכע האָבען זיך געפיהרט אין די שבת־צו־נאַכטסען ביי אונזער קרייזעל וועגען חיבת־ציון, אַמע־ריקאַנער עמיגראַציע, השכלה עפּאָכע א. א. וו. שילדערענדיג די „שטורעם צייט“ פון דער נייער נאַציאָנאַלער בעוועגונג, האָט מענדעלע גאַנץ־טרעפליך כאַראַקטעריזירט זיך גופא צווי־שען די קעמפענדע פּאַרטייען מיט דער פראַזע: „ויתרוצצו... האָבען זיך אין מיר די צוויי מענדעלעך געבוצקעט אינווייניג, געריסען זיך און געפליקט ווי די הענער“. אָט דער אידעאָלאָ־גישער „ויתרוצצו“, די וואַקלעניש צווישען די פערשיעדענע געזעלשאַפטליכע שטרעמונגען און דאָס אָבלייקענען אַלע — איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קינסטלער, אָבער נאָר אַזוי־אַרום האָט ער בעקומען די מעגליכקייט צו בעמערקען די שוואַכע זייטען פון די אַלע ריכטונגען און שילדערען זיי אין די דערמאָנטע ערצעהלונגען.

אין 1896 האָט מענדעלע אָנגעהויבען איבערצוזעצען זיין „ווינשפינגערעל“ אויף העבּרעאיש (אונטערען נאָמען „בעמק הבכא“) צוליעב'ן זשורנאַל „השלוח“, וואָס אחד־העם האָט דאַן אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אין אָדעס. דאָס איז נישט געווען סתם אַן איבערזעצונג, נאָר אַ נייע קינסטלערישע בעאַרבייטונג מיט אַ בענייטען אינהאַלט און וואונדערליך אויפגעלעבטע פאָרמען פון דער העבּרעאישער שפּראַך. דער מחבר איז לאַנג געזעסען אויף יעדער שורה, און דער כתב־יד, וואָס ער האָט פאַר מיר געלייענט כמעט ביי יעדען בעזוך, איז געווען פול אָנגעפּיקעוועט מיט מעקעכצען און צוגאַבען און צושריפטען,

מענדעלע טורעם

ווען ס'האָט זיך געענדיגט דער יודישער טעקסט, און ער האָט בעדאַרפט שרייבען די ווייטערדיגע קאַפּיטלען גלייך אויף העבּרעאיש, האָט מענדעלע אויף אַזאַ אופן פערגרינגערט זיך די אַרבּעט. ער האָט פריהער געשריבּען די קאַפּיטלען אין יודיש און דערנאָך אַליין זיי איבּערגעזעצט אין העבּרעאיש. „אַזוי איז מיר גרינגער — האָט ער געזאָגט — שאַפען דעם אינהאַלט, די לעבּענס-בּילדער אויף דער שפּראַך פון אַט דעם לעבּען, און דערנאָך ערשט אָנקליידען די בּילדער אין די קלאַסישע נאַציאָנאַלע קליידער". (איך בּין נישט ערבּ פאַר דער פּינקטלעכקייט פון אויסדרוק, נאָר דאָס איז געווען דער אינהאַלט).

ס'איז כאַראַקטעריסטיש נאָך אַ פאַל, וואָס ס'האָט מיר איבּערגעגעבּען איינער פון מענדעלע'ס ליטעראַרישע „איינִיק־עך". דער „איינִיקעל" קומט אַריין צום „זיידען", ער טרעפט איהם בּיים שרייבּ-טיש און ער פרעגט איהם:

— וואָס שרייבּט איהר זיידע?

איך שרייבּ נישט, איך טרייבּ אַוועק פליגען" — ענטפערט מענדעלע.

— וואָס הייסט?

— זעהט איהר, — ענטפערט מענדעלע, — אַז איך שרייבּ העבּרעאיש, פאַלען אויף מיר אָן אַלע נביאים: ישעיהו, ירמיהו, די מחבּרים פון שיר השירים און תהילים, און יעדער פון זיי לעגט מיר פאַר צו נעמען פאַר דעם אויסדרוק עפּעס אַ פאַרטיגען פּסוק, אַ פאַרטיגע פראַזע נאָר בּיי איהם, כדי אָנצושרייבּען עפּעס נישט לויט אַ פאַרטיגען שאַבּלאָן, מוז איך לכתחילה אָבּטרייבּען די אַלע פליגען.

כדי צו בּעפרייען זיך פון די מליצה צוואַנגען, אין וועלכע די בּעלי-מליצה האָבּען אַריינגעפּרעסט דעם לעבּעדיגען, מאָדערנעם געדאַנק, האָט מענדעלע אַריינגעבּראַכט אין זיין לאַבּאָראַטאָריע אַ רייכען מאַטעריאַל פון משנה און מדרש-אויסדרוקען, און דאָך האָט ער געהאַלטען פאַר מעהר נאַטירליך צו שילדערען דעם היינטצייטיגען לעבּענס-שטייגער אויף דער לעבּעדיגער שפּראַך פון דעם לעבּענס-שטייגער.

מענדעלע טורעם

דער בענייטער העברעאיש האָט אויפגעלעבט אונטער דער
ועדער פון מענדעלען אויך דערפאַר, וואָס ער האָט איהם צוגע-
ואסט צום סטיל פון דער פאָלקס-שפּראַך פון די רוסישע יודען.
אָבער כדי צו פערשטעהען און צו קאָנען אָבצושאַצען די שעהנ-
קייטען פון דעם ניי-מענדעלישען העברעאישען סטיל, איז
וויכטיג, אַז אויך דער לעזער זאָל זיין בעקאַנט מיט די קווע-
לען און דער העברעאישער מיטעלאַלטער-ליטעראַטור, פון וואַ-
עט דער קינסטלער האָט געשעפּט זיינע רייכטהומער. עס איז
יי שפּראַך פון די גייסטיגע יחסנים, די קענער פון דער העב-
רעאישער ליטעראַטור פון פערשיעדענע תקופות און פערשיע-
דענע דיאַלעקטען. איך האָב עטליכע מאָל בעריהרט אָט די
פראַגע אין מיינע שמועסען מיט דעם אַלטען פריינד און איהם
געזאָגט, אַז גאָר-גיך וועט מען מוזען דרוקען זיינע העברע-
אישע ווערק מיט פירושים, וואָס זאָלען פערטייטשען די אַלט-
אַלטע אויסדרוקען, ווי ס'ווערען אַרויסגעגעבען איצט די ווערק
פון שעקספּיר און ראַבלע, אָדער מיט הערות ערקלערונגען,
וואָס בעגלייטען די טעקסטער פון רבי יהודה הלוי און אבן-
עזרא. די קומענדיגע דורות, וואָס האָבען נישט געלערענט אין
חדר און זענען נישט בקי אין תלמוד, וועלען נישט פערשטעהען
זיינע בעזונדערע שפּראַך אייגענע, וואָס ברענגען אונז אַריין
אין אַ בעגייסטערונג. מענדעלע האָט עס נישט געלייקענט, און
דערביי איז איןביידען געוואָרען שטאַרק אומעטיג...

וויפיעל אָוועגדען בין איך אַזוי אָפּגעזעסען מיט מענ-
דעלען געהערט איהם לייענען די ערשט-אָנגעשריבענע קאַפּיט-
לען פון „בעמק הבכא" („ווינשפינגעלע") און געשמועסט דער-
נאָך וועגען דעם, וואָס מ'האָט איבערגעלייענט... אָט קומט בין-
השמשות. איך ענדיג מיין אַרבייט און לאָז מיך דורך דער
וואסיפענסקי-גאַס צו דער תלמוד-תורה. איך קום אַריין. ס'עפענט
מיר אויף די טהיר די פרוי, אָדער איינע פון מענדעלעס
טעכטער (איך געדענק נישט, אַז אין אָט דער פאַמיליע זאָל
זיין ווען אַ דיענסט). שטיל און אומעטיג איז אין די גרויסע
צימערען פון דעם תלמוד-תורה-פּראָוואַלטער ערגעץ אין אַ

לעצטען צימער זיצט מענדעלע, איינגעבויגען אויף אַ כתב-יד. ווי נאָר ער בעמערקט מיך רופט ער אָפּטמאָל מיט שמחה אויס: „און איך האָב געפיהלט, אַז איהר וועט קומען! ס'ווילט זיך שמועסען מיט אייך. איהר ווייסט, וועגען וואָס איך האָב ערשט געטראַכט?" און ס'געהט אַוועק אַ לאַנגער שמועס וועגען אַלץ און גלעמען. קענטיג, אַ גאַנצען טאָג האָט ער אין די ליידיגע צימערען געשוויגען און איצט ווילט זיך איהם דאָ אברעדען פון הארץ, אַראָבוואַרפען דעם עול פון געדאַנקען, וועלכע האָבען שטענדיג זיך געקליבען אין אָט דעם וואונדערבאַרען קאָפּ, וואָס איז דאַן בעצירט געווען מיט אַ זילבערנעם האָר-קרוין. דערנאָך קומט דאָס לייענען פון די קאַפּיטלען, וואָס ער האָט אָנגעשריבען זינט אונזער לעצטער בעגעגעניש. מענדעלע רוקט אַרויף די ברילען אויפ'ן שטערען, טראָגט-צו צו די קורצזיכטיגע אויגען דעם גרויסען בויגען-פּאַפּיר, וואָס איז אָנגעשריבען מיט אַ געדיכטען פּערעלדיגען כתב, און ער לייענט. ער בעווייזט מיר דעם ביליגען בויגען פּאַפּיר און ער זאָגט מיט אַ שמייכעל: „אַ גאַנצע מעשה וועט אַרויף אויף אָט דעם בויגען, וואָס קאָסט מיר נור אַ גראָשען — דער פּרייז פונ'ם בויגען פּאַפּיר אין נאָהענטען קלייטעל". אָבער דער בויגען פּאַפּיר, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי צוגעשריבענס, ווערט דערנאָך איבערגעשריבען אויף אַ נייעם בויגען מיט גאַנץ נייע און וויכטיגערע ענדערונגען. מענדעלע לייענט מוסטערהאַפט, אַקצענטירט די אַלע ניואַנסען פון טעקסט. ביי די לירישע ערטער, בעזונדערס ביי די בעשרייבונגען פון דער נאטור און שטילער פּאָעזיע פון שטעדטעל, הערט זיך אין זיין שטימע אַ בענקשאַפט, ווי אַ געוויין גאָך די יונגע יאָהרען, נאָך דער אַמאָליגער פּאַטריאַכאַלער וועלט. אָט לייענט ער מיר, למשל, אַזאַ לירישען פראַגמענט (פון דעם ערשטען קאַפּיטעל אין צווייטען בוך „ווינשפינגערעל"): „שאַ, שטיל איז סליחות-צייט אין דעם וואַלד, ווי אין קאַבצאַנסק שבת, ווען דער עולם שלאָפט נאָך מיטאָג, און די שטילקייט דאָרט וואַרפט אַ מרה-שחורה, די בוימער שטעהען פערטראַכט, פערזאָרגט... זייער שאָקלען מיט

די צווייגען — דאָס איז אַ ברעכען מיט די הענט, ווייער ושו-
מען — דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפצען, אַ קרעכצען
פון אַ געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין נאָך דעם,
ווי אירע קינדער צופאָהרען זיך אין אַלע זייטען"... און מיר
דאַכט זיך, ווי אין אונזער צימער וואָלט מען געהערט אָט
דעם אומעטיגען גערויש פון וואַלד אין אָנהויב הערבסט, וואָס
אין פערטראָגען פון ערגעץ אַ שטעדטעל, וואָס איז אַרומגע-
ינגעלט מיט אַ וואַלד, איך הער מיך איין צו די אומעטיגע
ליחות-לייענען פון די פערטראַכטע, פערזאָרגטע בוימער...

ביי מענדעלען האָט דאָס לייענען פון די לירישע ערטער
ערמאָהנט באמת אין סליחות-זאָגען אויף טייערע וויטע קברים.

נישט איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט: „איך בין אויך אַ
יסטאָריקער, נאָר אויף אַנ'אַנדער שניט, ווען איר וועט קומען
נו דער געשיכטע פונ'ם 19-טען יאָהרהונדערט. וועט איהר מוזען
יך באַנוצען מיט מיינע ווערק, כדי צו שילדערען דעם לעבענס-
טייגער פון די דעמאָלסדיגע דורות".

ער האָט מיר אָפטמאָל דערצעהלט עפּיזאָדען פון זיין
ערזענליך לעבען: וועגען יענע יונגע יאָהרען, ווען ער האָט
עלערענט אין ווילנא ראמיילעס-ישיבה, ווינטער איז ער דאָרט
עשלאָפען אויף דעם קאַלטען פענסטער, ווייל ס'האָבען געפעלט
ענק; וועגען דער צייט, וואָס ער האָט פערבראַכט אין קאמעניץ-
אדאלסק מיט גאטלאבער'ן, אין קרייז פון „קאַזיאָנע" לעהרער
ון אַקציזניקעס-פראָנטען פון דער אָרטיגער בראָנפען-קאַנטאָר
ון באַראָן גינזבורג. איך קאָן נישט פערגעסען זיין ערצעהלונג
עגען דער שווערער נויט, וואָס ער האָט געליטען אין זשיטאָמיר
ין די לעצטע יאָהרען פאַר'ן אָבפאָהרען קיין אָדעס (1879 —
188): די הוצאות זענען געווען גרויס: אַ משפחה — זאלבע
יבען; די רשימות פון מיינע ווערק האָבען אפילו נישט געקלעקט
ויף דירה געלד; די ווילנער און וואַרשעווער פערלעגער
אָבען מיר בעגזל'ט; שטילערהייט איבערגעדרוקט די „טאַקסע"
קליאַטשע" און „דאָס קליינע מענשעלע", בגנבה איבערפער-
ויפט איינער דעם צווייטען די סטערעאָטיפען פון מיינע ביכער.

מענדעלע טורעם

בין דערגאַנגען דערצו, אַז איך בין נישט געווען זיכער
ן מאָרגענדיגען טאָג, און אַט דער שווערער צייט האָט מיר
סגעהאָלפען באַראָן האָראַצי גינזבורג, וואָס האָט מיך גע-
ז נאָך פון מײַן יוגענד, פון קאַמעניץ. ער האָט פון די
ערבורגער פריינד זיך דערוואוסט וועגען מיין שווערע לאַגע
אָנגעהויבען צו שיקען מיר יעדען חודש אַ בעשטימטע סומע
ז (דוכט מיר — ביז 100 רובעל).

מענדעלע האָט ליעב געהאַט צו דערמאָהנען זיך אין זיין
ה קיין פעטערבורג, אין יענע יאָהרען, ווען צווישען דער
-ע- אַסימילירטער אינטעליגענץ האָט זיך דערוועקט דער
צרעס צום פאָלק, און ס'זענען געגרינדעט געוואָרען די
שע וואָכענשריפטען „ראַזסוועט", „רוסקי יעווריי" און דער
נאַל „וואָסכאָד". לכתחילה האָט מען איהם אויפגענומען, ווי
ייגענעם אין דער ליטעראַרישער אַריסטאָקראַטישער משפחה
ז'האָט זיך דאַן גערעכענט די גרופּע יודען, וואָס האָבען
ט אַ שייכות צו דער רוסישער ליטעראַטור. מענדעלע האָט
און אויף אַ צייט שפּעטער שטאַרק געהאַלטען פון דער
ג פון דער יודישער ליטעראַטור אויף רוסיש, און ער האָט
געפרעהט, ווען מ'האָט זיינע ווערק איבערגעזעצט אויף
ש. צו די שרייבער-העברעאיסטען אין פעטערבורג האָט ער
עצויגען קאַלט. ער האָט מיר, אַגב, דערצעהלט וועגען
ר אַ בעגעגעניש מיט'ן משורר י. ל. גאָרדאָן. אַבראַמאָוויטש
געווען עפּעס אָנגעשטויסען אויף גאָרדאָנ'ען, אַלס סעקרע-
פון מפיצי השכלה. „איינמאָל — האָט ער דערצעהלט —
איך מיט מיינע בעקאַנטע אין פעטערבורג און בעגעגען
אָנ'ען. מען האָט אונז פאָרגעשטעלט איינער דעם צווייטען.
אָן האָט זיך געוואָרפען מיך אַרומצונעמען, איך אָבער האָב
עשמערקט מיינע הענד, ווי אָבשטויסענדיג איהם, און
אָך גאַנץ קאַלט דערלאַנגט איהם מיין האַנד. ער האָט זיך
וירען און בלייך געוואָרען... דערנאָך האָב איך חרטה גע-
פון אַט דעם ברוך-הבא, וואָס איך האָב איהם געמאַכט".
דאַרף בעמערקען, אַז די שטאַרק סוביעקטיווע, פּניות'דיגע

בעציהונג צו מענטשען איז געווען איינע פון אבראמאָוויטשעס הויפט-חסרונות. ער האָט געקאָנט צו שטאַרק פאַראכטען אַ מענש אויפ'ן סמך פון נישטיגע פערזענליכע מאָטיוועו. און אין זיינע שמועסען מיט פריינד האָט ער אויפטמאָל אויסגעגאָסען זיין כעס אויף פיעל מענשען, נאָהנטע און ווייטע. איך האָב איהם אַמאָל געשטראָפט פאַר אָט דער בעציהונג צו מענטשען, ביי וועלכע איהם האָט זיך בכלל געוואָרפען אין די אויגען בלויז נעגאַטיווע און נישט פּאָזיטיווע שטריכען. דערפון שטאַמט זיין שלעכטע בעציהונג צו די וויכטיגסטע יודישע שרייבער פון זיין צייט.

מענדעלע אָבער איז געווען שטאַרק שטרענג אויך צו זיך און צו זיינע אייגענע ווערק. זיינע זאַכען האָט ער כסדר אָהן אויפהער „געשלייפט", זיי איבערגעמאַכט יעדעס מאָל ווען ער האָט זיי איבערגעדרוקט אָדער איבערגעזעצט פון איין שפראַך אויף דער צווייטער. ער איז קיינמאָל נישט געווען צופרידען מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין די פריי-הערדיגע יאָהרען, און פיעל פון זיינע מעשיות אין דער נייער בעאַרבעטונג האָבען וועניג שייכות געהאַט צום ערשטען וואַריאַנט: דאָס ווייזט, אַז זיין גרויסער פערשטאַנד איז אָהן אויפהער געוואַקסען, ער האָט געקאָנט קריטיקירען זיך אין די אַלע פריהערדיגע מדרגות פון זיין ענטוויקלונג. און אָט דעם כסדרדיגען דורשט צו פערבעסערען זיך — איז דער בעסטער סימן פון אַן אמת'ען שאַפונגס-גייסט.

III

דאָס 1897-טע יאָהר—דאָס קריטישע יאָהר אין דער געשיכטע פון אונזער געזעלשאַפטליכקייט — האָט אַריינגעבראַכט אַ פרישען שטראָם אין דעם לעבען פון אונזערע אָדעסער קרייזלעך. ס'איז אַוועק די שווערע, אונבעהאָלפענע צייט. ס'האָט גענומען זיך רידהרען און טומלען אַרום און אַרום. נייע ציוניסטען, הערצלי-

סטען, וואָס האָבען ערשט מקבל געווען די תורה אויפען באַזעלער באַרג-סיני, די אַלטע פּאַלעסטינצעס, די קולטור ציוניסטען, — די נאָכפאָלגער פון אחד-העמ'ען, די נאַציאָנאַליסטען, די פולע טייל-ווייזע אַסימיליאַטאָרען פון דער אָרטיגער מפיצי-השכלה-נעסט, — דאָס אַלץ האָט זיך אויפגעפלאָנטערט אין איין קנויל, וואָס האָט זיך געקייקעלט מיט אַ גוואַלדיגען גערויש איבער דער יודישער גאַס אין משך פון עטליכע יאָהר.

ווען כ'האָב זיך אומגעקערט פון מיין אויסלענדישער נסיעה אין הערבסט 1897, האָט אונזער אָדעסער קרייזעל זיך איבערגע-אַנדערשט: מיר האָבען געגרינדעט אַ נייעם קרייז מיטען נאָמען „היסטאָריש-ליטעראַרישע קאָמיסיע" ביי דער אָרטיגער געזעל-שאַפט „מפיצי-השכלה". „מפיצי-השכלה" איז, פאַרשטעהט זיך, ניט געווען קיין שי״ד פין אונזער אידעאָלאָגיע, נאָר פשוט אַ שוץ געגען די פּאָליצעאישע שטערונגען, כדי מיר זאָלען קאָנען פראַנק און פריי זיך צונופקלויבען אין דער לעגאַלער געזעלשאַפט, אין ווען עס איז צונויפרופען גרעסערע פערזאַמלונגען צוליב אונזער פאָרטראָגען און לעקציעס. אין בעשטאַנד פון אונזער „קאָמיסיע" זענען צריין: דער פאָרזיצער פון מפיצי-השכלה מ. מרגולית און זיין טרייער נושא-כלים אין יודישע ענינים ל. סאַקער (נישט לאַנג געשטאָרבען אין פּעטערבורג), ש. י. אַבראַמאָוויטש, אחד-העם און איך. מענשען פון פערשידענע ריכטונגען, און צווישען זיי איינער אָהן קיין שום ריכטונג, — מענדעלע — פערשטעהט זיך, — זענען מיר זיך צוזאַמענגעקליבען צו פיהרען דיסקוסיעס וועגען פערשידענע גרונט-פּראָבלעמען, און געהאָפט אַזוי-אַרום צו געפינען וואָסער ס'ניט איז אַלגעמיינעם וועג אינ'ם שאַפען אַ באַזע פאַר פעראייניגטער נאַציאָנאַלער אַרבייט. אין משך פון 3—4 יאָהר (ביז 1901) האָבען מיר זיך צונופגעקליבען אין בעשטימטע אָווענטען איין מאָל אַ וואָך אָדער איין מאָל אין צוויי וואָכען אין דעם קאָמיטעט-לאָקאַל פון מפיצי-השכלה, אין דער רייכער וואוינונג פון איהר פאָרזיצער ג. וויינשטיין אויף נאַדעזשדינסקער גאַס, און דערנאָך אויף דעם גיקאָלאַיעווער בולוואַר. דאָ זענען שוין ביי אונז פאָרגעקומען אמת'דיגע זיצונ-

גען מיט א פּאַרזיצער (מרגלית), מיט א סעקרעטאַר און פּראָטאָקאָלען־שרייבער (סאַקער) מיט סיסטעמאַטישע ויכוחים, בכלל מיט א בעשטימטער דיסציפּלין, וועלכע האָט פעדערט פּיעל צייט. נאָר האָט שטאַרק געשטערט אונזער „ווילדען" מענדעלע.

עס זענען בעהאַנדעלט געוואָרען דער עיקר טאָגס־פּראָבלעמען: דער פּאָליטישער און גייסטיגער ציוניזם, נאַציאָנאַליזם און אויטאָנאָמיזם, די קולטור אויפלעבונג, דאָס פּראָבלעם פון יהדות. יעדער איינער האָט ענטוויקעלט זיין סיסטעם, בעלויכטען די בעזאָנדערטע פּלאַנע פון זיין שטאַנדפּונקט. מרגולית האָט ענטוויקעלט זיין נעבעלדיגע טעאָריע וועגען דער קאָסמאָפּאָליטישער נאַטור פון דער יודישער נאַציאָנאַלער אידעע, וועגען אונזער יודאַיסטישער אָדער עטישער מיסיע, און סאַקער האָט איבערגעלאָזט זיינע ווערטער אויף א מעהר־קלאָרער שפּראַך פון אייראָפּעאישער פילאָזאָפיע און סאָציאָלאָגיע: איך האָב בעהאַנדעלט די יסודות פון דעם דאַן נאָך נייעם סיסטעם פון אויטאָנאָמיזם און „נאַציאָנאַלע רעכט". וועלכע איך האָב אין יענע יאָהרען אָנגעהויבען צו בעאַרבייטען אין מיינע „בריעף וועגען א יודענטום": אחד־העם האָט זיך מעהר פערנומען מיט דער קריטיק פון אַנדערע אָנשוואונגען אידער צו געבען אייגענע און דורך א שטרענגען אַנאַליז האָט ער געצוואונגען דעם געגנער צו קומען נעהנטער צו דער אידעע פון גייסטיגען ציוניזם. נאָר איין מענדעלע האָט אָבגעוואָרפען אַלע מיינונגען, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען אויף דער זיצונג, און יעדעס מאָל האָט ער אַרויסגעריקט עפּיס א נייעס, אויפ'ן אָרט צוגעטראַכטע טעאָריע. אַט זיצט ער אַזוי, מיט'ן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנד, ווי ער וואָלט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די ויכוחים, נאָר מיר ווייסען, אַז ער הערט זעהר ווייניג דאָס, וואָס עס ווערט אַרום איהם גערעדט: אין זיין קאָפּ ווערט צייטיג עפּיס א נייע טעאָריע אָדער א שענער פּאַראַדאָקס. אַט קומט זיין רייע. ער הויבט אָן רעדען נישט צו דער זאַך. ער נעהמט עפּיס איין פּונקט, איין געדאַנק פון דעם וואָס עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען, אָפטמאָל נאָר א זייטי־

גען און בעהאנדעלט איהם, גראבט טיעף פאנאנדער, דעקט אויף אין איהם אלץ נייע זייטען, פערטיעפט איהם, — און ווען ער ענדיגט, ווייזט זיך ארויס, אז ער האט אונז צוועקגעפיהרט ווייט-ווייט פון דעם בעהאנדעלטען ענין, מען בעמערקט עס איהם, נאר ער פערשטעהט נישט דעם פארוואורף; ער קען נישט אנדערש, ער קען נישט געהן אין שפאן, ער געהט זיך מיט'ן וועג פון דיכטער: „אהין וואוהין עס ציהט זיין פרייער פערשטאנד".

זענען געווען אויך קוריאזען: עס עפענט זיך די זיצונג: דער סעקרעטער לייענט דעם פראטאקאל פון דער פאריגער זיצונג, וואו עס זענען אויספירליך און געוויינליך-פינקטליך איבערגעגעבען געווארען אונזערע ויכוחים. יעדער איינער בעשטעטיגט דאס אנגעשריבענע אדער טראגט אריין קליינע צוגאבען. אבראמאוויטש אבער ערקלערט, אז ער האט גאר-נישט געזאגט דאס, וואס עס איז פערשריבען, דער סעקרעטער פראטעסטירט, די איבריגע בעשטעטיגען די פינקטליכקייט פון פראטאקאל, און ער, צוגעקוועטשט צום וואנד, רופט אויס — „איך בין דען מחויב צו געדענקען אלץ, וואס איך האב געזאגט אויף דער פאריגער זיצונג?"... און באמת, קאן מען געדענקען א אימפראוויזאציע, ווען אנשטאט איהר קומט שוין איצט א נייע? — ס'פלעג אפט דערגעהן ביז שטארקע סכסוכים, מיט זיינע פאראדאקסען האט מענדעלע פערהאלטען דעם גאנג פון דער דיסקוסיע, און ער פלעגט דערפאר בעקומען זיין פסק פון אונז, דערנאך האט ער זיך געקלאגט פאר מיר: „וואס טויג אונז אט די גאנצע קאמיסיע מיט די ויכוחים און די פראטאקאלען? א סך בעסער איז געווען, ווען מיר האבען זיך שבת-צו-נאכטס צונויפגעקליבען אין א היימישען קרייזעל און זיך געשמועסט וואס-נאר אונז האט זיך געגלוסט", „מען מאכט אונז אן א בייז לעבען", — האט ער צוגעגעבען, ווענדענדיג זיך צו מיין פרוי, און געוויזען אויף מיר, ווי אויף דעם אנטיילנעמער פון דעם פערברעך.

די נייטראלע פאזיציע פון אבראמאוויטשען איז בעזונ-

דערס שווער געוואָרען נאָך דעם, ווי די אידעאישע פּעראַיני-
גונגס-ציעל פון דער ליטעראַרישער קאָמיסיע איז נישט דער-
גרייכט געוואָרען, און אונזערע ויכוחים זענען אַרויסגעטראָגען
געוואָרען פאַר דער עפנטליכקייט, פאַר די שטאַרק בעזוכטע
אַלגעמיינע פערזאַמלונגען פון „מפיצי השכלה”, וואו אָנגעהויבען
פון 1900, איז לײדענשאַפטליך דעבאַטירט געוואָרען די פּראַגע
וועגען נאַציאָנאַלער ערציהונג. דאָ, אויף דעם קאָנקרעטען באָ-
דען פון דער שול-רעפאָרם, האָבען זיך בעגעגענט און צוזאַמענ-
געשטויסען די נאַציאָנאַליסטען מיט די האַלב-אַסימילאַטאָרען
פון קאָמיטעט „מפיצי-השכלה”. די ערשטע האָבען געפאָדערט
צו פערשטאַרקען די יודישע לימודים אין׳ם פּראָגראַם פון די
פאָלקס-שולען, און די קאָמיטעט-לייט זענען געשטאַנען אויף
דעם אוטיליטאַרישען שטאַנדפונקט און דערמיט האָבען זיי
אונטערגעהאַלטען די רוסיפיקאַטאָרישע טענדענץ פון דער רע-
גירונג אין דער יודישער שול. אין שטאָדט האָט זיך אָרגאַני-
זירט (אומלעגאַל, פערשטעהט זיך) אַ „נאַציאָנאַליזאַציע-קאָמיטעט”,
כּדי צו קעמפען מיט דער אַסימילאַציע אין די יודישע אינ-
סטיטוציעס. אינ׳ם קאָמיטעט זענען אַריין אויסער מיר און אחד-
העמען, אויך אַנדערע געזעלשאַפטליכע טהוער (דיזענהאָף, לע-
ווינסקי, ביאַליק, ראַווניצקי, ש. פען, ד״ר לאַנדעסמען און אַנ.);
די „מפיצי-השכלה׳ניקעס” („פּראָסוועטשענצי”) האָבען זיך אָר-
גאַניזירט אונטער דער פיהרונג פון מרגולית, און אונזער מענ-
דעלע איז פערבליבען אַליין, נישט מיט די, נישט מיט יענע.
צו אונזער נאַציאָנאַלער אָפּאָזיציע האָט ער נישט געקאָנט צו-
שטעהן טיילווייז דערפאַר, וואָס זיין אָפיציעלער אַמט, אַלס
פערוואַלטער פון תלמוד-תורה, איז געשטאַנען אונטער פּאָליציי-
אישער אויפזיכט פון דעם בילדונגס-קרייז „נאַטשאַלסטוואָ”,
וואָס איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט רוסיפיקאַטאָרישע טענ-
דענצען, — און מענדעלע האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר
„נאַטשאַלסטוואָ”, און צושטעהן צו דער פּאַרטיי פון מרגולית
און אָדעסער „גבירים” האָט ער נישט געוואָלט. זיין נייטראַ-
ליטעט האָט איהם פערמשפּט אויף אידעאישער איינזאַמקייט,

אין אַט די טעג האָט ער אויסגעגאָסען זיין ביטער האַרץ אויף אַלעמען. איך געדענק אַזאַ שווערע סצענע: ער איז געזעסען אין אַ העלען פרילינגס־טאָג ביי מיר אין קאַבינעט, אין דעם סטורדזאַווער געסעל, וואָס הינטער דער שטאָדט; מיר טרינקען קאַווע און שמועסען וועגען דעם לעצטען צוזאַמענשטויס פון די פּאַרטייען אויף עפּעס אַ פערזאַמלונג. איך שטעל איהם אַ פראַגע, בלי־ספק נישט צום ערשטען מאָל: פאַרוואָס שטעהט ער נישט צו צו די קעמפּפער געגען דער סכנה פון אַסימילאַציע צווישען דעם יונגען דור? מעגליך, איך האָב דערביי געברויכט עפּעס אַ שאַרפען אויסדרוק. מענדעלע איז ברוגז געוואָרען. און אויפגערעגטער, האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט, דאָס גלעזעל קאַווע האָט געציטערט ביי איהם אין האַנד, און ער האָט אויסגערופען: „הייסט עס, איך בין אַ שלעכטער יוד, וואָס איך געהער נישט צו די נאַציאָנאַליסטען! ניין, איהר אַלע זענט יודען מיט צוגעקלעפּטע צעטעלעך: נאַציאָנאַליסטען, ציוניסטען, פּאַלעסטינער, און איך בין גלאַט אַ יוד, נאָר פון אַזעלכע גלאַט־יודען בעשטעהט אונזער גאַנץ פאָלק". וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערען דעם בעליידיגטען פריינד? געוויס, מענדעלע איז אָרגאַניש אַ בעסערער. אַ מעהר־אמתער יוד, ווי מיר אַלע; אָבער אין נאַציאָנאַל־פּאָליטישען קאַמף פון דער אינטעליגענץ איז ער לויט זיין נאַטור פערמשפּט צו שטעהן אָן דער זייט: ער דינט דער נאַציע מיט זיין ליטעראַרישען שאַפען, און דאָס איז אויך גענוג.

מען דאַרף בעמערקען, אַז די פראַגע וועגען דער שפּראַך אין דער שול — דאַן נאָך נישט פערשאַרפט אין אַזאַ מאָס, ווי נאָך 1905 — האָט ווייניג אינטערעסירט מענדעלען. ער האָט ווייניג געהאַלטען פון די נייע דאַן חדרים־מתוקנים, וואו ס'האָבען זיך אויפגעהאָדעוועט קליינע העברעאיסטען, און ער האָט חוזק געמאַכט פון די פּרובען צו מאַכען פון העברעאיש אַן אומגאַנג־שפּראַך. אויך יודיש איז נישט געוועזן אין זיינע אויגען קיין וויכטיגער ערציהונגס־פאַקטאָר אין שול. דער פּרינציפּ פון אונטעריכט אויף דער מוטער־שפּראַך איז נאָך דאַן

געווען אַ „הלכתא דמשיחא״, אַ ווייטער טרוים, ווייל ביים צאַרישען רעזשים, נאָך פאַר דער קאָנסטיטוציע, האָט ווען יודיש אַלס אונטעריכטס-שפּראַך נישט געקאָנט זיין קיין רייד. ווען אבראַמאָוויטשען וואָלט בעשערט געווען צו דערלעבען ביז דער פולער אויטאָנאָמיע פון דער יודישער שול, וואָלט ער געוויס געהאַלטען פאַר יודיש אַלס אונטעריכטס-שפּראַך אין דער אָנפאַנג-שול, נאָר ביי דער געהעריגער גאַראַנטיע סיי פון גרינדליכען לערנען פון דער מלוכה-שפּראַך, וואָס דעם האָט ער צוגעגעבען אַ גרויסע בעדייטונג. וואָס שיין דעם שול-פּראָגראַם, וואָלט ער פערלאַנגט צו לערנען העברעאיש, תנ״ך און די אמונה-יסודית פון יודענטום, מיט דער גאַראַנטיע גוט אוועקצושטעלען דאָס לערנען פון די אַלגעמיינע געגענשטאַנדען.

דער תנ״ך איז פאַר איהם געווען אַ הייליגטום. ער האָט דערלאָזט איינינגע מעסיגע השערות פון דער ביבעל-קריטיק, און אַליין האָט ער אָפּטמאָל זיך געטיילט מיט מיר מיט זיינע אָריגינעלע פערטייטשונגען פון איינינגע תנ״ך-טעקסטען, גאַנץ נאָהענט צו די אָנשויאונגען פון די ביבעל-קריטיקער. נאָר דערלאָזענדיג אַזאַ מין קריטיק, אַלס אַ מקור פאַר שאַרפזיניגע שפּיצלען, וואָס מ׳קאָן וועגען זיי פיהרען אַ פּריוואַטען געשפּרעך, האָט ער אין שרעק זיך צוריקגעוואָרפען פאַר איהרע דרייסטע אויספיהרען, וואָס מ׳האָט געמאַכט עפענטליך. בעזונדערס האָט איהם אויפגעבראַכט דער אויספיהר וועגען דעם לעגענדאַרישען עלעמענט פון משה׳ס פערזענליכקייט. ס׳איז געווען אַזאַ מעשה: פריהלינג 1903 האָט אחד-העם געהאַלטען אַ רעפעראַט אין יודישען קלוב „בעסיעדאַ״ וועגען משה. אחד-העם האָט קלאָר ענטוויקעלט דעם געדאַנק, אַז אונז איז גאָר נישט וויכטיג צו וויסען, צי ס׳האָט באמת עקזיסטירט משה, צי נישט; דער רעאַלער משה איז אייגענטליך דער, וואָס לעבט אין דער פאָלקס-לעגענדע, אין די מוחות פון הונדערטער דורות, ווי אַ ווירקענדע היסטאָרישע קראַפט; יענער אָבער משה, וואָס ווערט געשאַפען אין די לאַבאָראַטאָריעס פון

קריטיקער-וויסעדשאַפטלער, איז אַ רעאַליטעט בלויז פאַר אַ קליינע גרופּע אַרכעאָלאָגען, פאָרשער, און איז נישט קיין רעאַלער, פאָלקס-העלד. אַ בעוועגענדע קראַפט פון דער נאַציע. נאָכ׳ן רעפעראַט, בעת דער הפסקה בין איך צוגעגאַנגען צו מענדעלען, איך האָב איהם געטראָפען זיצען אַ פערטראַכטען, ערגעץ אין אַ ווינקעל אינ׳ם גרויסען זאַל, וואו דער עולם האָט טומעלדיג אַרומגעשפּאַצירט. איך האָב איהם אַ פרעג געטהון, וואָס זאָגט ער אויפ׳ן רעפעראַט. ער האָט אויף מיר בייז אַ קוק געטהון און געזאָגט: „אין דער תורה שטעהט געשריבען, „ולא ידע איש את קבורתו", קיינער ווייסט נישט וואו משה איז בעגראָבען, איך אָבער האָב איצט געפונען משה׳ס קבר: משה איז ערשט בעגראָבען געוואָרען אין קלוב „בעסיעדאַ" דורך אחד-העמצן", נאָר דאָס בעליידיגטע רעליגיעזע געפיהל האָט געקאָנט דיקטירען איהם אַזעלכע הצרבע ווערטע". איך האָב זיך בעמיהט צו דערווייזען, אַז ער האָט נישט אַ־יינגעדרונגען אין תוך פון רעפעראַט, אַז דער רעפערענט האָט, אדרבא, פראָקלאַמירט דעם טראַדיציאָנעלען משה פאַר אַ רעאַלען, לעבעדיגען געשטאַלט, וואָס איז געשאַפען דורך דעם פאָלקס-גייסט, און אָט דאָס איז יעדענפאַלס אַ וויכטיגער צוגאָב צו די עקסטרעמע אויספיהרען פון דער ביבעל-קריטיק. מענדעלע אָבער האָט נישט געוואָלט הערען: ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזען אפילו קיין ספק אין דער רעאַליטעט פון דעם ביבלישען משה ווי אַ פערזאָן, וואָס האָט געלעבט אין דער ווירקליכקייט, און נישט נאָר אין דער פאָלקס-פאָרשטעלונג, אין אַזעלכע מיני אויפקלערונגען האָט ער געזעהען, ווי ס׳גראָבט זיך אונטער אונטער זיין הייליגטהום.

און דאָך, נישט געקוקט אויף די אַלע חילוקי-דעות, זענען מיר געווען שטאַרק צוגעבונדען איינער צום אַנדערען. אין דעם לעצטען יאָהר, פאַר מיין אָבפאָהרען פון אָדעס קיין פעטערבורג, האָבען מיר זיך געוועהנליך געטראָפען נישט אין די קרייזלעך אָבער אויף זיצונגען, נאָר ביים שרייב-טיש אין אונזערע קאַבינעטען. ס׳האָט זיך געטראָפען, כ׳האָב שוין לאַנג

נישט געזעהען דעם אַלטען, און מיר ווילט זיך איהם זעהן, נאָר ס'איז אַלץ קיין צייט נישטאָ: ווייל געהסטו נאָר אַריין צו איהם — וועט ער פריהער פאַר אַ דריי-פיער שעה דיך נישט אָבלאָזען, און דאָך ביי דער ערשטער מעגליכקייט לאָז איך זיך פון מיין ווינקעל ביים ים, אַרום די שטילע ווילעס, אויף אויספענסקי, צוהין, וואו די גאַס, וואָס פיהרט צו דער טיאַרנע, שפּאַרט זיך אָן אָן דער געדיכטעניש פון די יודישע קוואַרטאַלען. אָט איז דאָס דריי-שטאָקיגע הויז אין דער תּלמוד-תּורה, וואָס קיניגט איבער די נידעריגע שכנישע הייזער. איך געה אַריין אין דעם פוסטען הויף, איך הויב זיך אויף אויף דעם העכערען שטאָק, איך געה אַדורך פאַרביי די גרויסע, גרוימע צימערען און טרעף מענדעלען ערגיץ-וואו אין אַ ווינקעל, אָפטמאָל ביים טישעל אין *שלאָף-צימער*, וואָס איז אָבגעטהיילט מיט אַ פאָהרהאַנג פונ'ם קאַבינעט: ער קנייטשט זיין הויכען שטערען און שרייבט און שרייבט... „אַך, גוט! — בעגריסט ער מיך. — אָט וועלען מיר זיך זעצען ביי דער הרובע, ווי גוטע ישיבה-בחורים, און מיר וועלען רעדען...” און ס'געהט אוועק אַ לאַנגער געשפּרעך וועגען צלץ, דער המשך פון אונזער צוועלף-יאָהריגען געשפּרעך, ווי עס וואָלט נאָרנישט איבערגעריסען געוואָרען. ס'איז נישט אָבגעגאַנגען, ווי דער שטייגער איז, אָהן דעם לייענען אַ פראַגמענט פון אַ נייער מעשה, אין יענער צייט האָט מענדעלע געשריבען זיין אויטאָביאָגראַפישע ערצעהלונג: „שלמה ר' חיים'ס”, — איינע פון זיינע בעסטע ווערק. ביז איצט פיהל איך נאָך דעם אַראָמאַט, דעם צויבער פון יענע פאָרלעזונגען: די אומפערגעסענע בילדער פון אַ יודישער דאָרפישער פאַמיליע, פון אַ שטעדטעל אין די האַרבסטיגע ימים-נוראים, די קיך אין דער נאַכט פון דאָנערשטאָג אויף פרייטאָג, די חדר-יונגלעך, וואָס זענען נאָך נישט אַריבערגעטראָטען די גרענעץ פון זייער היימיש שטעדטעל, נאָר זענען שוין אויסגעוואָנדערט מיט זייער רבין אין ארם-נהרים, מצרים און כנען און ווייסען, וואָס ס'האָט זיך געטהון מיט דריי-טויזענד יאָהר צוריק... איך האָב זיך צוגעהערט צו דער אייבי-

מעלאָדיע פונ׳ם שטעדטעל וואָס האָט אָבגעקלונגען אין נזער ליטעראַטור, אָנגעהויבען פון „זיידעני" ביז דעם „איינ־יצל" שלום אש, צו אָט דער וואונדערליכער מוזיק, וואָס האָט בעצויבערט און געמונטערט און בעליכטען די הערצער פון רות און געוואָרען די לעבעדיגע לעגענדע פון יאָהרהונדער־טער... עס ענדיגט זיך אונזער געשפּרעך. איך געזעגען זיך און געה אַרויס אין פּאָדער־צימער. מענדעלע בעגלייט מיך און זעצט ווייטער פאָר דעם שמועס, האַלטענדיג מיך „פאַר׳ן קנע־פּעל" (דאָס איז שוין געווען אַ טעכנישער טערמין פאַר די סוף־געשפרעכען). זומער־צייט פלעגט ער אַרויס מיט מיר, מיך בעגלייטען האַלב־וועג, נישט איבעררייסענדיג דעם שמועס, דערנאָך האָב איך איהם אַביסעל אָבגעפיהרט, און אַזוי האָבען מיר אָפטמאָל געבלאָנקעט ביז האַלב־נאַכט.

שווער איז געווען אונזער צושיידונג זומער 1903, צוויי חדשים נאָכ׳ן קעשענעווער פּאָגראָם, ווען איך האָב מיך פון דעם וואַרעמען אָדעס איבערגעקליבען אין ווייטען, כמורנעם, קאַלטען, אָבער היימישען „צפון". אַ טיעפער אומעט האָט גע־קלונגען אין די רייד פונ׳ם אַלטען פריינד, אויף דעם געזע־גענונגס־באַנקעט, וואָס די פריינד האָבען מיר פאַר מיין אָב־פאָהרען איינגעאָרדענט אין סימאָן־זאַל. מענדעלע האָט דער־מאָנט אָן די שבת־צו־נאַכטסען אין אונזער קליין קרייזעל, וועגען דעם געמיטליכען ליטעראַרישען ווינקעל, וואָס מיר האָ־בען געשאַפען אין אָדעס... איך האָב געפיהלט, אַז איך שטיי אויף דער גרענעץ פון אַן אַוועקגעהענדיגער תקופה אין מיין לעבען, אין וועלכער מענדעלע האָט געשפּיעלט אַ גאַנץ־וויכ־טיגע ראָלע.

נאָך צוויי מאָל האָב איך זיך געזעהן מיט אַבראַמאָווי־טשען: אין סוף פון 1909 און 1913, ווען איך האָב פער־בראַכט אַ פּאָר וואָכען אין אָדעס. ביי דער ערשטער בעגע־געניש האָט זיך דער „זיידע" איינגאַנצען געפונען אונטער דעם איינדרוק פון זיין זומערדיגער טריאומף־נסיעה איבער די שטעדט פון ליטע און פוילען, וואו מ׳האָט איהם אַזוי

רוישיג אויפגענומען. דעם לעצטען מאָל האָבען מיר בעגייט אונזערע אַלטע געשפּרעכען, אין די דעצעמבער-טעג פון 1913 אויף אַ צייט האָט ווי אויפגעלעבט דאָס אַמאָליגע. עס איז געווען אַ טומעלדיגער ליטעראַריש-מוזיקאַלישער חנוכה-אָוועגד, עס זענען זיך צונויפגעקומען פיעל אַלטע פריינד. און ווידער אַמאָל האָבען מיר זיך צונויפגעקליבען דעם 20 דעצעמבער אין אָוועגד אין דער וואוינונג פונ׳ם זיידען — דעם „אימעניניק״ וואָס האָט אויסגעזעהן נאָך גאַנץ מונטער, נישט געקוקט אויף זיינע 80 יאָהר. נאָך איין באַנקעט לכבוד דעם גאַסט איז פאָרגעקומען אין סימאָנס זצ״ל, וואו ס׳איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע ליטעראַרישע משפחה פונ׳ם אַלטען און נייעם אָדעס. איך בין געזעסען צווישען אַבראַמאָוויטשען און פרוגען, און אויף אונז האָט ווי געשוועבט דער שאָטען פון דער וואונדערליכער לוסט-דאָרפער זומער-נאַכט אין 1891...

אָנהויב יאַנואַר 1914 האָבען מיר זיך געזעגענט אויף שטענדיג און אויף אייביג. אין אַ האַלב יאָהר אַרום האָט זיך אָנגעהויבען דעם אַלוועטליכער מבול, — דער וועלט-קריג. דער ערשטער איז אַוועק פון דער וועלט מיין יוגענד-חבר פרוג, און צום סוף מענדעלע, מיט וועלכען ס׳איז פערבונדען געווען דער אָדעסער פעריאָד פון מיין לעבען.

מיט יעדען פריינד, וואָס געהט אַוועק אין דער אייביגקייט, געהט אויך אַוועק אַ טייל פון אונזער אייגענעם לעבען. אויף אָט די חורבונות פון לעבען שטעלען מיר איבער׳ן וועג דענקמעלער אין פאָרם פון זכרונות. אָט אַזאַ מין דענקמאָל שטעל איך אויך איצט דאָ צו די שלושים פון מיין אומפערגעסלעכען פריינד.

דעצעמבער 1917
צו די שלושים נאָך
מענדעלעס טויט.

עקב דינעזאָן.

שלום יעקב אבראמאָוויטש און מענדעלע מוכר ספרים.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און מענדעלע מוכר ספרים האָב איך אַ צייט נאָכאַנאַנד אַלץ געמיינט — זענען זיך צוויי גאָר בעזונדערע יודען, וואָס האָבען איינער צום אַנדערען קיין שום שייכות נישט, און קענען זיך איינאַנדער אפשר גאָרנישט.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, מוז זיין אַ יוד אין מיטעלע יאָהרען, אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער קענער, שרייבט לשון-הקודש, אפילו נישט מיט ריין ישעיה־לשון, ווי מאַפו אָדער קלמן שולמאַן, אָבער וואָס ער שרייבט, לייענט זיך גרינג און בע׳טעמ׳ט. איז אַמאָל וויציג און בייסיג און רעדט מיט העזה אָפט געגען בעריהמטע שרייבער עלטערע פאַר איהם, אָבער אַלע מאָל קלוג און גערעכט. ווייסען ווייסט ער אַ סך, און וואָס ער ווייסט, שרייבט ער.

פאַר איהם האָב איך רעספעקט געהאַט. פאַר בעקאַנט צו ווערען מיט איהם דורך אַ בריוועלע אַמאָל, האָט זיך מיר געדאַכט, איז ער צו שטאָלץ. אַנדערש האָב איך מיר פאָרגע־

שטעלט ר׳ מענדעלע׳ן. ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים, האָב איך מיר אויסגעמאָלט, איז שוין געווים אַן׳עלטערער יוד, אַ זעכ־ציגער, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט טיפע קנייטשען אויף זיין שטערן, מיט אַ פּאָר קלוגע און גוטע אויגען, וועלכע קוקען תמיד מיט ליבשאַפט און רחמנות אויף איטליכען. צייטענווייז זענען די דאָזיגע קלוגע און גוטע אויגען פערבענקט און פער׳חלומ׳ט און קוקען אַרויס ווייט־ווייט אַהין, פון וואַנען ער מיינט אָדער האָפט, אַז ס׳דאַרף איהם אָנקומען אַ גרוס ערגיץ פון וועמען עס איז איהם אין האַרצען ליעב און טייער, אָדער אַ בשורה טובה אויף ישועות און נחמות אויף כלל־ישראל. ר׳ מענדעלע׳ן האָב איך קיינמאָל נישט בעגעגענט זיך אַמפּערענדיג, אַריבערשפּאַרענדיג עמיצען, נאָר שטיל און רוהיג רעדט ער, און שטענדיג מיט אַ חנוודי־גען זיסען שמייכעל אויף די ליפּען. ער האָט זיך אין דער וועלט און ביי יודען אַ סך אַ סך אָנגעזען און אָנגעהערט, — דערצעהלט ער, מערסטענטייל מיט אַ זיפץ און אַהנמוטיגען טאָן, אַן׳אַנדערש מאָל, אויך מיט אַ לצנות׳דיגען און כלומר׳שט־לוס־טיגען טאָן.

ר׳ מענדעלע אַליין, האָט זיך מיר געדאַכט, איז אפילו גאָר קיין שרייבער נישט, דאָס, וואָס איך האָב געלייענט פון זיינע מעשה׳לעך, האָט ער נאָר דערצעהלט, אויפגעשריבען האָט עמיץ אַן׳אַנדערער.

איהם האָב איך ליעב געהאַט מיט מיין גאַנצער נשמה. מיט איהם זיך אַמאָל צו בעגעגענען און צו קאָנען איהם אַרויס־זאָגען, ווי ליעב איך האָב איהם, נישט נאָר פאַר דעם, וואָס ער דערצעהלט, נור אויך פאַר דעם, וואָס ער איז ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים, — איז געווען איינס פון די הייסעסטע וואונשען, וואָס איך האָב דעמאָלט מיר פערגינט צו ווינשען זיך.

איך געדענק, ווי איינמאָל איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש, וואו איך האָב געדאַוונט, אַ יוד אַ מוכר־ספרים, און האָט זיין בינטעל סחורה אויפן לאַנגען אָנגע׳חלב׳טען בית־המדרש־טיש צעלעגט. אַ הויכער ביי׳ניגער יוד איז דאָס געווען,

מיט אַזאַ גרוי בערדעל, מיט אַזאַ אַ ביסעל-געבויגענעם רוקען, און כמעט אויך מיט דער אייגענער פיזיאָנאָמיע, ווי מיין פאַנ-טאַזיע האָט איהם נאָר געקאָנט אויסמאָהלען. פון ווייטען, פון וואַנען איך האָב מיך צוגעקוקט אויף איהם, האָב איך שוין געמיינט: אָט איז ער! אָט איז דער קלוגער, ליעבער און טייע־רער ר׳ מענדעלע. איך בין שוין גרייט געווען צוצולויפען צו איהם מיטן גרייטען שלום-עליכם: „ר׳ מענדעלע! וואָס מאַכט איהר? פון וואַנען קומט איהר? וואו שטעהט איהר איין, מען זאָל קאָנען פערברענגען מיט אייך עטליכע שעה און אויסהע-רען עפעס אַ נייע מעשהלע, וואָס איז נאָך נישט אָבגעדרוקט? און טאָמער ווילט איהר, וועל איך טאַקי דאָס מעשהלע באַלד פון אייער מויל אַרויס אויפשרייבען". נאָר אַזוי ווי איך בין געשטאַנען נעבען ביים פענסטער צום בית־המדרש הויף אַרויס, הוט זיך מיר געוואָלט אין איין גאַנג טאַקי שוין אַ קוק טהון דרכן פענסטער אויף זיין ביידעל, ר׳ מענדעלעס, אויף זיין פערדעל, דעם גרויסען סבלן און גרויסען עניו, וואָס כאָטש ער האָרעוועט נעבעך אַזוי פיל און ווערט געגנוג פערשוואַרצט און אויסגעריסען, אַרומשלעפענדיג דאָס שווער־אָנגעפאַקטע ביידעל מיט יודישע ספרים און יודישע צרות, מעגען איהם פונדעסטוועי-גען אַנדערע, לייטישע פערד אפילו, מקנא זיין, וואָס ער האָט אַזאַ קלוגען בעל־הבית, וועלכער פערשטעהט איהם אויפן ווינק, און פיהלט-מיט זיין צער, און געפינט תמיד אַ ליבליך, טריי וואָרט איהם צו טרייסטען אין זיין שווערען מזל...

נאָר ווי זיין שטייגער איז, זענען די בית-המדרש-פענ-סטער שוין אַ צייט מיט יאָהרען נישט געוואַשען געווען, און דורך דעם שטויב און דעם רויך, וואָס האָט זיך פאַר דער צייט אָנגעקליבען, איז אונמעגליך געווען אַרויסצוזעהן, וואָס הינטער זיי טהוט זיך... און איך האָב נישט געקאָנט זעהן, צי זענען דאָ פערהאַן דאָס ביידעל מיטן פערדעל, צי נישט.

מילא, האָב איך אַ קלער געטהון. לאָם איך מיך אָקאָרשט פריהער בעקענען מיט ר׳ מענדעלען אַליין, וועל איך שוין מסתמא באַלד בעקאַנטשאַפט שליסען אויך מיט ר׳ מענדעלעס

בײדעל, און דער עיקר — מיט ר׳ מענדעלע׳ס פערדעל, מיט וועלכען איך וועל שפּעטער זיך אויפּרעדען אויף ר׳ מענדעלע׳ס לשון מיט איהם — און אָט נעם איך און שטרעק שוין מײן רעכטע האַנט, אים, — ר׳ מענדעלען, נישט דעם פערדעל, — מײן פרײנדליכען שלום־עליכם צו דערלאַנגען, צעבײזערט זיך גראָד אין דער רגע דער בית־המדרש־שמש מיט אַ טענה, פאַר־וואָס האָט ער זיך מיט זײן בינטעל ספרים אַזוי ברײט צולעגט איבערן גאַנצען טיש און בײ איהם גאָרנישט געפרעגט. ווערט דער פאַקענטרעגער אָנגעצונדען פון כעס אויף דעם שמש, רעדט ער אַרויס געגען איהם אַ פּאָר זלזולים. דאַכט זיך, גאַנץ געוועהנליכע זלזולים, וואָס מען הערט אַלע טאָג אַפילו אין אַ מקום-קדוש, פון יודען אָנגעטהוענע אין טלית־און־תפילין אויך אין רעכטען מיטען דאַוונען. נאָר אויף מיר האָבען זײ בעת-מעשה נישט קײן גוטען רושם געמאַכט, און פון דאָרט אינעווײניג אין דער נשמה מײנער האָט צו מיר ווי אַ קול אַרויסגעשריען: „נײן, דאָס איז נישט ער! דאָס איז נישט ר׳ מענדעלע, נישט זײן קול, נישט זײנע ווערטער, נישט אפילו דער שאָטען זײנער!״ און נאָך אַמאָל אַ קוק טהון אויף יענעם מוכר־ספרים האָב איך שוין נישט געוואָלט. איך האָב מיך פאַר זיך אַלײן פערשעמט, פאַר אַזאַ מיאוסען טעות, צו דערזעהן אַ רגע מײן ליעבען קלוגען ר׳ מענדעלע אין אַזאַ פּשוטען יודען, וואָס האָט אַזאַ קול מיט אַזאַ מין דבור.

עס פערשטעהט זיך, אַז מײנען אַזוי: אַז שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז נישט מענדעלע מוכר ספרים, און מענדעלע מוכר ספרים איז נישט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, האָב איך נור געקאָנט אין יענע יאָהרען, ווען דער אײגענער ר׳ מענדע־לע איז נאָך קײנעם קײן זײדע נישט געווען*), און ווען זײנע

*) זײנע אַלע פריהערדיגע העברעישע ווערק—„משפט שלום״ (1860), „תולדות הטבע״ (ערשטער טײל—1862, צווײטער טײל—1867, דריטער—1872) „למדו היטב״ (1862) און „האבות והבנים״ (1868) זענען ערשינען מיטן נאָמען שלום יעקב אַב-

געצעהלטע לעזער, וואָס האָבען איהם שוין אויך דעמאָלט דערפיהלט, כאָטש נאָך נישט גערעכענט און זיך רעכנען פאַר אַזעלכע נאָך אפשר גאָרנישט געוואָלט.

עס זענען איבערהויפט דעמאָלט יאָהרען געווען, וואָס מיט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט מען זיך מיחס געווען, און מיט מענדעלע מוכר-ספרים האָבען זיך נאָך די מיוחסים פון דער אַלטער גאָלדענער פאָהן צוגעשעמט ווי מיט עפּעס אַ נחית־דרגא אין דער משפּחה. איך בין נאָך דעמאָלט אַ יונג יונגעל געווען, אַ שטיקעל משכּיל אַן אָנפאַנגער, וואָס האָט זיך שוין אפילו געריבען אַרום די מיוחסים פון דער אַלטער גאָלדענער פאָהן, אָבער וואָס האָט בשום אופן ר׳ מענדעלע׳ן נישט געוואָלט בעטראַכטען פאַר עפּעס אַ נחית־דרגא חלילה אין מיין יחוס. אדרבא, ווען ר׳ מענדעלע זאָל נאָר אַמאָל אַ קום טהון צו אונז און איך זאָל זיין דער גבאי אין מיין בית־המדרש, וואָלט איך איהם דעם ערשטן מכבד געווען מיט „שלישי״. אָדער מיט „ששי״, ווי דעם גרעסטען מיוחס, גאָרנישט קוקענדיג, וואָס ער איז אַ יוד נישט קיין נגיד, פאָהרט מיט זיין אייגעןביידעל אויף אַלע ירידים, יודען צו באַזאָרגען מיט קינות און תחינות, אַ לאַנג אָבגעפּרעגטע פערשימעלטע סחורה ביי די דעמאָלטיגע מיוחסים, און איז נאָך אָפט אַליין אי אַ שטיקל בעל־עגלה, אי אַ שטיקל שמייסער פאַר זיין אייגענעם פערדעל.

ראַמאָוויטש. ערשט דאָס יודישע ווערק „דאָס קליינע מענשעלע״ (פערעפענטליכט געוואָרען אין „קול־מבשר״ און דערנאָך בעזונדער אַרויסגעגעבען אין יאָר 1864) איז אַרויס מיטן נאָמען מענדעלע מוכר־ספרים. דער טיטל איז געווען: „דאָס קליינע מענשעלע אָדער אַ לעבענס־בעשרייבונג פון יצחק אברהם תקיף, געדרוקט בהשתדלות מענדעלע מוכר ספרים״. פון דאַן אָן איז מענדעלע מו״ס פערבליבען ש. י. אַבראַמאָוויטשס צווייטער נאָמען אויף שטענדיג. אגב, האָט ש. י. אַבראַמאָוויטש אויף זיין ערשטען יודישען ווערק זיך אָנגערופען „ס ע נ ד ע ר ל מוכר ספרים״, נאָר אלכּסנדר צעדערבוים האָט איבערגעמאַכט דעם נאָמען אויף „מ ע נ ד ע ל ע מוכר ספרים״.

רעד.

אזוי האָב איך אַ צייט אַלץ געמיינט און זיך געטראַכט, און האָב גאָר אַנדערש מיינען און טראַכטען נישט געוואָלט. האָט מען מיר אַמאָל שפּעטער אַ זאָג געטהון, אַז עס איז פערהאַן אַ יש־אומרים, אַז ר׳ מענדעלע מוכר ספרים איז דער בעריהמטער שרייבער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, הוא, הוא בכבודו ובעצמו, הוא ולא אחר. האָב איך עס געהאַלטען פאַר גלאַט אַזוי אַ בויך־סברא, ווי אַ שטייגער: דער פּייטן ר׳ אלעזר הקליר איז דער אייגענער ר׳ אלעזר בן ערך פון דער גמרא, וואָס די דעמאָלטיגע לשון־הקודש־שרייבער האָבען עס פון אַזעל־כע בויך־סברות געמאַכט זיך אַרויסצודריינגען און אויפצווייזען.

דערוואוסט זיך אַקוראַט, אַז ביידע, — סיי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, סיי ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים — זענען באמת איין און דער זעלבער יוד, און, אַז דאָס איז נישט קיין אויס־געטראַכטער שם אויף דעם ערשטען, ווי נישט אַ צו גרויסער יחוס פאַרן צווייטען, האָב איך ערשט אין מאָסקווע אין דעם זעלבען טאָג און אין דער זעלבער שעה, ווען איך האָב שוין אַליין זוכה געווען מיט מיינע אייגענע אויגען צו דערזעהן מיין ערשט ווערק, אין דער געשטאַלט פון אַ גאַנצען ספר, היפש דיקלעך אפילו, כאָטש אויף אַ טונקעל ביבולע־פּאַפּיר, אָבער פאָרט מיט געדרוקטע אותיות, שוואַרץ אויף ווייס, בדפוס האלמנה והאחים ראָם בווילנא.

איך האָב שוין צו יענער צייט געדיענט אין מאָסקווע אין אַ קאַנטאָר פון אַ בעוואוסטער טעה־פירמע, צו יענער צייט, ביי מיינעם עפּיס זן קרוב. אַז איך האָב עפּיס אַ שייכות צו השכלה און שרייבעריי האָט דאָרט אַ יליד־אשה וועגען מיר נישט געוואוסט, און איך האָב טאַקי אַליין אַלץ געטהון, אַז מען זאָל עס נישט וויסען. די סיבה דערפון, איז דאָ נישט דער פּלאַץ צו דערצעהלען. אפשר וועל איך נאָך אַמאָל דאָס דערצעהלען ביי אַנ׳אַנדער געלעגענהייט. — נאָר כאָטש קיינער פון מיינע מקורבים און בעקאַנטע אין מאָסקווע האָבען וועגען דעם נישט געוואוסט, האָב איך אַליין נישט געקאָנט נישט ווי־סען, אַז דאָרט אין ווילנע, טאַקע אין דער בעריהמטער דרוי־

קעריי פון האלמנה והאחים ראָם, וואַלגערען זיך אַ פּאָר פון מיינע „כתב־ידן״ און אפשר דרוקט זיך שוין איינער פון זיי און וועט אינגיכען אויף דער ווייסער וועלט אַרויס. און וואָס מעהר איך האָב געטראַכט דערפון, אַלץ מעהר האָט זיך מיר געוואָלט, אַז קיינער פון מיינע נאָהענטע זאָלען דערפון נישט געוואָהר ווערען. ביז איינמאָל, אין עפּיס אַ חנוכה־אָווענד, בין איך אַריינגעקומען צו מיינעם אַ בעקאַנטען פון אַ פיינער פאַמיליע. נאָר אָנשטאָט צו געפינען דעם עולם אַרום טיש ביי די חנוכה-לאַטקעס, צו וואָס מען האָט מיך איינגעלאַדען, אָדער אָנשטאָט צו טרעפען די עלטערע ביי די גרינע טישלעך מיט קריידלעך אין די הענד, ווי דער שטייגער איז ביי אַ פיינער מאָסקיוער פאַמיליע אַפילו נישט אום חנוכה, און די יוגענד, סטודענטען און קורסיסטקעס, ביי אַ געשפּרעך, אָדער אַלערליי מיינונגען אַרויסזאָגען וועגען טאָלסטאָיס נייעם ראָמאַן: „אַננאַ קאַרעגינאַ״, וועלכער האָט זיך אין יענעם יאָהר געדרוקט אין פאָרטזעצונגען, דאַכט זיך אין זשורנאַל „רוסקי־וויעסטניק״, — האָב איך איצט דעם עולם, יונג און אַלט, געזעהן זיצען ביים טיש אין גרויסען עס־צימער, און עפּיס איינער אַ גאַסט לייענט פאָר אַ ספור־המעשה פון אַ יידישען ספר אויף פּראָסט עברי־טייטש און אַזוי אַריינגעטהון זענען אַלע צוהערער, אַז זיי האָבען מיך כמעט נישט בעמערקט אין אָנהויב, און אַז מען האָט מיך שוין יאָ בעמערקט, האָט מען מיך געבעטען פּלאַץ־נעמען ביים טיש און זיך אויך צוהערען, וואָס מען לייענט דאָ פאָר, ווייל עס איז זעהר, זעהר אינטערעסאַנט, און מען קאָן זיך פשוט אין מיטן נישט אָברייסען פון צו הערען.

איך האָב געמיינט, אַז דאָס לייענט מען מסתמא ר׳ מענדעלעס „קליאַטשע״,*) וועגען וועלכען איך האָב שוין פון

*) די ערשטע אויפלאַגע פון דער „קליאַטשע״ איז ערשינען אין יאָהר 1873, אויף דעם שער־בלאַט איז געווען אויפגעשריבען: „דיא קליאַטשע אָדער צער־בעל־חיים א. א. וו. אַ מעשה, וואָס האָט זיך פערוואַלגערט צווישען דיא כתבים

מבינים און „יודע־חן" גבורות זיך געהערט אָנדערצעהלענדיג, אָבער אַליין געלייענט זי האָב נאָך אין יענער צייט נישט. איך האָב ביים טיש צווישען אַנדערע פלאַץ גענומען, אָבער אָנשטאָט עפּעס פון ר' מענדעלע'ס „קליאַטשע" צו הערען, דערהער איך עפּיס בעקאַנטעס, איך וואָלט שווערען, איך הער זיך אַליין.

דאָס האַרץ הויבט אָן זיך צו צאַפּלען אין מיר. איך שפּיר, איך ווער רויט און בלאַס. איך דאַנק נאָר גאָט, וואָס אַלעמענס נאָז און אויערען זענען געווענדעט צום פאָרלעזער און קיינער בעמערקט נישט, וואָס מיט מיר און אין מיר געהט דאָ פאָר. ווי אויף הייסע קויהלען בין איך נאָך ביי אַ האַלבע שעה געזעסען ביים טיש, מיט אַלע כוחות כלומר'שט ווי פער־אינטערעסירט מיט דעם לעזען זיך צו ווייזען, כאָטש מיך האָט פון איבערראַשונג און אויפרעגונג, ווי פון אַ פיבער געטריי־סעלט, ביז גאָט האָט געהאָלפען, דער לעזער איז צו ענדע פון אַ קאַפּיטעל צוגעקומען, און דער עולם האָט אַ ביסעל פרייער אָפּגעאָטעמט. דעמאָלט ערשט האָט די ווירטין מיין אויפרעגונג בעמערקט, און מיך געפרעגט, וואָס בין איך אַזוי בלאַס, צי האָב איך מיך צוגעקיהלט.

איך האָב אין איהר פראַגע זיך אָנגעכאַפּט ווי איינער, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, וואָס שווימט אים צופעליג צו. איך האָב באַלד געענטפערט, אַז איך פיהל מיך טאַקע זעהר נישט גוט, און האָב ביי איהר ענטשולדיגונג גע־בעטען, אויב איך וועל זיך ערלויבען אָבשיעד צו נעמען און אַהיימגעהען.

מען האָט מיר פערשיעדענע מיטלען געראַטען, וואָס איך האָב באַלד צו טהון, וואָס צו טרינקען, מיט וואָס זיך איינצו־רייבען און ווי צו שוויצען. און געשוויצט האָב איך שוין דערנאָך פון פרייד אַליין, וואָס איך בין פריי געוואָרען פון

פון ישראליק דעם משוגענעם, געדרוקט בחשתדלות מענדעלע מוכר־ספרים, ווילנא, בדפוס האלמנה והאחים ראם".
רעד.

דער געפאַר ענטדעקט צו ווערען, אַז איך אַליין בין דער שולדיגער, וואָס מען האָט מיך היינט אַזוי קאַלט און טרוקען אויפגענומען אין דער דאָזיגער פאַמיליע.

אָבער דאָס, וואָס איך האָב געקאָנט דאָס מאָל מיין סוד בעהאַלטען פון יענער פאַמיליע און פון נאָך אַזעלכע פאַמיליעס, האָב איך דאָך פון זיך אַליין בעהאַלטען נישט געקאָנט. עס האָט זיך ליידענשאַפטליך מיר געוואָלט זיין צוזאַמען מיט מיין ווערק, ווען קיין זייטיגער מענש וועט דערביי נישט זיין. און איינער אויף איינעם זיך דורכשמועסען, ווי ווייט בין איך צופריעדען פון איהם, און ווי ווייט קאָנען ווירקליך זיינע לעזער צופרידען זיין פון מיר. נאָר ווי מאַכט מען אַזאַ צוזאַמענקומען זיך, אַז קיין זייטיגער זאָל דאָס נישט בעמערקען און צו עפּעס אַ חשד קומען? בעטען לייהען דאָס ווערק ביי די, וואָס האָבען עס שוין דורכגעלייענט און מיט התפעלות מיר דערצעהלט, וויפיעל הייסע טרעהרען זיי האָבען דערביי פערגאָסען, האָב איך פשוט מורא געהאַט, מען זאָל נישט בעמערקען, ווי פעראינטערעסירט איך בין דערמיט, און דאָס קאָן זיי ברענגען אפשר צום חשד, אַז דער מחבר דינעזאָן, וואָס שטעהט געדרוקט אויפן ערשטען בלעטעל, איז נישט אַ ווייטער קרוב מיינער, וועלכען איך קען נישט אַפילו, נאָר איך בין דער מחבר אַליין. שרייבען אין ווילנע צו די דרוקער, זיי זאָלען מיר צושיקען כאָטש איין עקזעמפּלאַר פּאָסט־רעסטאַנט קיין מאָסקווע, האָב איך שוין אפילו געפּרובט, נאָר זיי האָבען, אפנים, צייט געהאַט, און זיך נישט צוגעאיילט מיין בקשה צו ערפיעלען מיט דער אומגעהענדער פּאָסט, ווי איך האָב געבעטען. וואָס איז די איילעניש אַזוי גרויס, מאָסקווע ברענט? האָבען זיי זיך אודאי אויסגעלאַכט פון מיין בריף מיטן פערלאַנג: „זאָפאָרט מיט דער אומגעהענדער פּאָסט כאָטש איין עקזעמפּלאַר מיר צושיקען.“*)

---

*) יעקב דינעזאָנס ערשטער געדרוקטער ראָמאַן „הנאהבים והנעימים אָדער

און אַזוי האָט מען שוין אין פערלויף פון אַ פּאָר וואָכען כמעט אין יעדען יודישען הויז אין מאָסקווע מיין ראָמאַן געהאַט געלעזען. און איך אַליין האָב נאָך די זכיה נישט געהאַט מיט איהם אַליין זיך צו טרעפען, ווען קיין זייטיקער זאָל דערביי נישט זיין. ביז איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אויף זאַראַדיע, אין גליעבאָווסקע פּאָדוואָריע, וואוינט אַ יוד, וואָס מען רופט איהם לידסקי, אַ מוכר ספרים — טאָקע דער פאָטער פון דעם וואַרשעווער לידסקי, — דער געגענוואַרטיגער אַרויסגעבער פון ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים׳ס ווערק, — וואָס ביי איהם בעקומט מען פון כל טוב: ציצית, תפלין, מזוזות, סדורים, מחזורים, טליתים און אַפּילו אַלערליי מעשה־ביכלעך אויך. און אין אַ שעהנעם פרי־המאָרגען פון עפּעס אַ רוסישען יום־טוב, ווען מיין קאָנטאָר איז געווען צו, האָב איך מיך אַראָבגעלאָזט אויף זאַראַדיע גלייך צו דעם דאָזיגען לידסקי׳ן.

אַ גוטע צעהן מינוטען האָב איך אַרומגעבלאָנדזעט אין אַ פינצטערען פאָדער הויז, טאַפּענדיג מיט די הענט, טאָמער וועל איך ערגעץ דערטאַפּען אַ טהיר, וואָס זאָל מיך אַריינלאָזען אין דעם גרויסען פּאַלאַץ, וואו דער דאָזיגער לידסקי וואוינט און האָט ביי זיך דאָס, וואָס מיין האַרץ גלוסט און בענקט — ביז איך האָב ענדליך סאָרט דערטאַפּט אַ טהיר און האָב אַ פרעג געטהון אויף רוסיש, פערשטעהט זיך, צי דאָ וואוינט דער ה׳ לידסקי?

מען האָט מיר געענטפערט, אַז לידסקי וואוינט אין נומער 134 און דאָ איז דער נומער 142. על כן ברויך איך געהן אַ ביסעל צוריק.

— אָבער שטעהט נישט אין דער אָפענער טהיר! — טהוט צו מיר אַ זאָג אַנ׳עלטע מאָסקוויטערין, אויף עלט־שקלאָווער רוסיש. — דאָ איז מאָסקווע, נישט שקלאָוו און נישט וואַרשע.

דער שווארצער יונגערמאַנטשיק״ איז ערשיענען צום ערשטען מאָל אין ווילנע אין ראָם־דרוקעריי אין 1877. אין גאָר אַ קורצער צייט איז דער ראָמאַן פערשפרייט געהאָרען אין פיל טויזענדער עקז. רעד.

די פרעסט זענען דרייסיג גראַדיגע און האָלץ איז דאָ טייערער ווי ביי אייך דאָרט לעקעך!

אָבער ווי קען מען פאָרט דערטאַפּען דעם נומער 134, וואו דער לידסקי וואוינט, אַז דאָ איז אַזוי פינסטער? — פרוב איך נאָך אַזוי אַ זאָג טהון, טאָמער וועט מען פאָרט אַזוי פריינדליך זיין, מיך וועלען צופירען צו ה׳ לידסקי׳ס נומער.

— הויב זיך אָן מיט אַ פּראָווינציאַל! — בייזוערט זיך שוין די יודענע. — אַ מאָסקוער האָט שׂכל מיטצונעהמען אַ שוועבעלע אין קעשענע, אַז פינצטער, גיט ער זיך אַן עצה, רייבט אויס אַ שוועבעלע און מאַכט זיך ליכטיג און האָט צו קיינעם קיין טענות נישט.

איך האָב נאָך דעמאָלס קיין פּאַפּיראָסען נישט גערויכערט און האָב קיין נויט נישט געהאַט צו טראָגען שוועבעליך מיט זיך, אָבער דער יודענעס ווערטער האָבען מיך די פּראַקטיקע געלערענט, ווי נויטיג עס קען אַ שוועבעלע זיין אַפילו יעדען מחבר, ווען ער געהט זוכען זיין חבור, כאָ.ש ער רויכערט נישט. אין יענעם מאָמענט האָב איך זיך ווי אַ נדר געטהון נישט אַרויסצוגעהן פון שטוב אָהן אַ פּעקעל שוועבעליך אין קעשענע, דערוויילע אום גיכער פּטור צו ווערען פון מיר, האָט די יודענע מיר דערלאַנגט אַ פּידעלע מיט עטליכע שוועבעלעך. איך האָב איהר ענטשולדיגונג געבעטען, פאַר גאַסט־פריינדליכ־קייט הייס בעדאַנקט, אַ שוועבעלע אַרויסגענומען און באַלד גע־טראָפען לידסקי׳ס טהיר.

דעם אַלטען לידסקי האָב איך געטראָפען אין טלית און תפילין, ער האָט געדאַווענט, און, אפּנים, ביי די רעכטע גערדיכ־טע געהאַלטען, וואָרום אויף מיין גוט מאָרגען האָט ער נאָר אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ און אָנגשטאָט מיך צו פרעגען, ווע־מען און וואָס ברויך איך, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פרעגענדיגע אויגען מיט אַ ברום נ־נו?.. נישט וועלענדיג מפסיק זיין, חלילה, בין גאולה לתפילה, אָדער אַזוי דאָרט ווי ער האָט געהאַלטען.

איך האָב איהם באַלד געענטפערט אויף זיין שטומע פראַ־

גע, אַז איך בין געקומען עפּעס ספרים האַנדלען ביי איהם.

ער האָט באַלד מיט אַ בּרעג טלית אָבּגעווישט דעם די־נעם שטויב פון אַ בענקעל, אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, אַ רמז, אַז ער בעט מיך זעצען, און אַ ברום געטהון נאָך אַ מאָל נ—נו, נ־־נו איילענדיג, אַ סימן אַז זיין דאַווענען וועט שוין לאַנג נישט ציען, און, אַז ער בעט מיך וואַרטען אַ רגע און אַלץ וועט שוין געהן כשורה.

איך האָב איהם באַרוהיקט, געזאָגט, איך קען אויפציהען אַ רגע, און ער בּרויך זיין דאַווענען צוליעב מיר נישט אָבקור־צען. ער האָט עס, אפנים, אָנגענומען פאַר אַ העפליכקייט פון מיין זייט, אָבער נישט פאַר אַן׳ערענסט, און האָט דאָס דאַווע־נען צוגעטריבען, און אין קוים פינף מינוט האָט ער שוין נאָך שמונה עשרה געהאַלטען. ער האָט מיר דערלאַנגט שלום עליכם, געפרעגט: פון וואַנען איז אַ יונגער מאַן? ווי לאַנג בין איך שוין אין מאָסקווע, וואו שטעה איך איין און נאָך אַ זעלכע זייטיגע שאלות. קוים כאָטש איין תשובה צייט געהאַט צו ענט־פערען, האָט ער מיך אַ פרעג געטהון די עיקר שאלות: וואָס פאַר אַ ספרים ברויך איך, צי ספרי רומל, צי ספרי השכלה?

— „די קליאַטשע" קאָן מען בעקומען ביי אייך? — טהו איך אַ פרעג.

— „די קליאַטשע" אַבראַמאָוויטשעס? פרעגט ער מיך איבער.

— ר׳ מענדעלע מוכר־ספרים׳ס! — ענטפער איך.

— היינו הך! ענטפערט ער מיר מיט גמרא לשון. אַ ייִד נאָך אַ פאַרצייטיגער געווען דער אַלטער לידסקי, און האָט נאָך גמרא לשון געוואוסט.

— געהערט האָב איך עס שוין אַפילו אייניגע מאָל, אָבער עפּיס שיקט זיך מיר עס נישט, — בין איך איהם מודה. און געמיינט האָב איך, נישט אַזוי די צוויי אייניגקייט און די צוויי בעזונדערע נעמען, ווי די צוויי בעזונדערע כאַראַקטערען אין איין און דעם זעלבען מענשען, לויט ווי איך האָב מיר אַלע מאָל פאַרגעשטעלט אונטער די צוויי נעמען.

— וואָס שיקט זיך איך דאָ נישט? — פרעגט מיך דער אַלטער לידסקי, — עס איז דוכט זיך אַזוי פשוט, וואָס פשוטער קען גאָר נישט זיין. ווייסט איהר דען נישט, אַז מיט דער זיידענער קאַפּאָטע אין וועלכער מען געהט שבת, אַ יום־טוב אין שוהל אַריין, געהט מען נישט אין דער וואָכען אין מיהל אָדער אין קראָם.

— וואָס מיינט איהר דערמיט? — טהו איך אים אַ פרעג, נישט בעגרייפענדיג דעם נמשל פון זיין משל.

— איך מיין פשוט, — ענטפערט ער. — דער נאָמען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז שוין לאַנג בעריהמט מיט זיינע ביכער אויף לשון הקודש. איהר שפּיעלט זיך מיט זיין „משפט שלום", מיט זיין „האבות והבנים" און מיט זיין „תולדות הטבע"? נו, און אַז עס פערגלוסט זיך אים אַ מאָל אויך אַ שפּיעלעל זיך מאַכען, אָדער פשוט אַ שטיף טהון און אויפשרייבען אַ „טאַקסע" למשל, אָדער אַפילו אַ „קליאַטשע", אויף פשוט'ען עברי־טייטש, איז ער מחויב זיין בעריהמטען נאָמען שלום יעקב אַב־ראַמאָוויטש אויף אַזוינס אָנצורופען? כבוד וועט עס אים צו־געבען? זאָל אַפילו אמת זיין, אַז אין זיין „קליאַטשע", למשל, געפינט זיך טאַקע אמתע סתרי־תורה, ווי זיינע חסידים דרשענען, איז דאָך דאָס פאָרט אַ עברי־טייטש מעשהלע, שיחות חולין, אָדער ווי די גמרא דריקט זיך אויס: „דברים של מה בכך". וועט נישט זיין דאָס אַרויפשלעפּען זיין נאָמען אויף אַזעלכע ביכלעך ווי צודעקען דעם באָרשט אין קיך מיט דעם אייגענעם שבת־טישטוכעל, וואָס מען דעקט צו די שבת חלה?

געגלויבט האָט זיך מיר עס אַפילו נישט, פון דעסטוועגען זענען מיר דעם יודענס ווערטער אין זינען אַריין, און כ'האָב אויך שפּעטער אָפט זיך שטאַרק פערטראַכט צוליעב זיי.

— און מיינט איהר אַ נייעס איז עס ביי זייערע לייט? די מליצה־שרייבער מיין איך. אַלע טהוען זיי דאָס אייגענע — דערצעהלט מיר ווייטער דער יוד, וואָס איך זעה איהם צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען, און וויל מיר מסתמא אַ בעגריף געבען וואָס פאַר אַ ידען און אַ בקי ער איז אין אַזעלכע זאַכען. —

וואָס דאַרפט איהר ווייט זוכען, אָט איז ערשט מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק פון דרוק אַרויס אַזאַ עברי-טייטש ביכעל מיט'ן נאָמען "הנאהבים והנעימים" פלומרשט אויף לשון הקודש, און באַלד דערביי מיט אַ פרוש דערצו: אָדער דער „שוואַרצער יונגער-מאַנטשיק", און עפּעס אַ מין אויסכאַפּעניש איז דאָ געשעהן: די ערשטע הונדערט עקזעמפּלאַרען האָט מען ביי מיר ממש אויסגעכאַפּט אין קאַרגע דריי טעג. קלאַפּ איך קיין ווילנע אַ דעפּעשע. שיקט מען מיר אַרויס מיט באַגאַזש, ווי איך האָב אין דער דעפּעשע געקלאַפּט, נאָך דריי הונדערט, געהט נישט אַריבער אַ וואָך צייט, בלייבט ביי מיר אַפילו איינער נישט, קלאַפּ איך נאָך אַ דעפּעשע, שיקט מען מיר אַרויס נאָך אַ ק"ן שטיקלעך מיט דער ידיעה, אַז מער איז דער מין אין ווילנע אויך נישט געבליבען. הכל במזלא תלוי, אַפילו אַ עברי-טייטש ביכעל! הימעל און ערד און דער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק"... דערלעגט צו איהם האָב איך זיכער נישט. אַ דאַנקען גאָט, הלואי מאַכט זיך אַזאַ ירידל כאָטש דריי מאָל אין יאָהר, וואָלט איך גאָר נישט האָבען צו זינדיגען. נור געגען וואָס דערצעהל איך אייך דאָס? אָ, געגען דעם טאַקע, וואָס איטליכער קונה וויל דווקא, איך זאָל אים זאָגען, ווער איז דער מחבר פון „שוואַרצען יונגער-מאַנטשיק". צי הייסט ער טאַקי מיט'ן נאָמען דינעזאָן, ווי עס שטעהט בפירוש אויף איהם, און דער עיקר, צי קען איך איהם. און זאָל איך אַזוי פון אַ בייזען חלום וויסען, ווער דער מחבר איז! נאָר קלאָר ווי דער טאָג איז ביי מיר, אַז דער נאָמען דינעזאָן איז נישט די אמתע פאַמיליע פון דעם דאָזיגען מחבר, אפשר איז דער נאָמען דינעזאָן נור אַ נוטריקון פון זיין אמת'ן נאָמען. און אפשר איז ער גלאַט אַ עורבא פרח, אַן אויסגעטראַכטער נאָמען. דו ווילסט וויסען, ווער עס האָט דאָס ביכעל מחבר געוועזן? זאָג איך דיר: דינעזאָן הייסט ער און געה זוך אים.

— און פאַר וואָס קען עס נישט זיין, אַז דער דאָזיגער מחבר זאָל טאַקי אַזוי הייסען, ווי ער רופט זיך אויף זיין ספר?— פרוב איך געוואָהר ווערען ביי איהם, פון וואַנען נעמט זיך צו

איהם די השערה, אַז דער נאָמען דינעזאָן איז דווקא אַנ׳אויסגע־טראַכטער אָדער אַ נוטריקון.

— ערשטענס, וואָלט איך פון אַזאַ מחבר געוואוסט. איך האַנדעל שוין, אַ דאַנק השם יתברך, אַ יאָהר עטליכע און דריי־סיג מיט די אַלע אַזעלכע ספרים, ווי שייך וואָלט איך אַ מאָל דעם נאָמען נישט געהערט צווישען מחברים און קענער? און צווייטענ׳ס, ווי איך זעה אַרויס פון דעם מיין אויסכאַפּעניש, וואָס איז געוואָרען אויף זיין חבור, ווייזט דאָך אויס, אַז ער מוז טאַקי זיין פון די גרויסע מומחים אין דעם סוג שרייבער, און ווי־באַלד ער איז טאַקי אַ שם ידוע אין דעם השכלה־עולם, שטעהט איהם טאַקי נישט אָהן צו געהן מיט דער ויידענער שבתדיקער קאַפּאָטע אין מיהל, אָדער אין קראָם, ווי שבת אין שוהל. און אָט האָט ער זיך אויסגעטראַכט אַ וואָכענדיגען נאָמען, דינעזאָן, פאַר זיינע עברי־טייטש ספרימליך, אַזוי ווי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט זיין נאָמען מענדעלע אויסגעטראַכט ווי אַ וואָכעדיגע קאַפּאָטע אויף צו געהן אין איהר אין מיהל, אין קראָם און אין מרחץ אַריין אַפילו.

דעם יודען׳ס חקירהדיגע השערה אינטערעסירט מיך אַפילו, אָבער איך זעה, אַז יעדע נייע פראַגע, וואָס איך וועל איהם שטעלען, און יעדע בעמערקונג, וואָס איך וועל איהם מאַכען, וועט ער מיר אַרויסזאָגען נאָך און נאָך אַזעלכע לאַנגע השערות. עס גלוסט זיך איהם צו רעדען, און עס וועט קיין סוף נישט האָבען, דעריבער טהו איך איהם אַ פרעג:

— און וואו איז אייגענטליך אייער ספרים־סקלאַד?

דאָ אין צימער, וואו ער האָט צוזאַמען לייגענדיג זיין טלית און תפילין דאָס לאַנגע געשפרעך מיט מיר געפיהרט, האָב איך קיין איין ספר חוץ זיין סדור מיט׳ן „חק לישראל״, נישט בעמערקט.

— מיין סקלאַד ספרים, פרעגט איהר? אַ שעהנע מעשה, כ׳לעבען! ענטפערט ער מיר. איהר פערגעסט, יונגערמאַן, אַפּנים, אַז דאָ איז מאָסקווע נישט ווילנע, נישט בערדיטשעוו, נישט שקלאָוו ילו אין מאָסקווע, איז דער יוד אַליין אויך אַ קאָנ־

טראַבאַנד. אומזיסט מיינט איהר דרוקט מען זיך און שטיקט מען זיך דאָ אין דעם לאָך פון גלעבאָווסקער פּאַדוואָריע, מען האָט קיין ברירה נישט. דאָ קאָן מען זיך אין ערגסטען פאַל אויסקויפען מיטן רובעל, אין אַנ׳אַנדער מקום העלפט דער רו־בעל אויך נישט... אַ׳ וועט איהר פרעגען, וואו האָב איך פאַרט מיין סחורה? איז די מעשה אַזוי: קלענערע מינים צעשטופּט מען אין די לעכער אונטערן אויבן, אונטערן בעט, אין קליי־דער־אַלמער, גרעסערע בעהאַלט מען ביים דוואָרניק, און מען צאָהלט איהם חודש געלד פאַר דער שמירה. מאַכט זיך אַ גרע־סער פּעקעל אַמאָל און מען קאָן צום דוואָרניק איטליכע רגע נישט לויפען, צערוקט מען די ספרים ביי די שכנים אין די נומערען. דורכאויס יודען. דאָ אין גלעבאָווסקער פּאַדוואָריע, געפינט איהר אַ גוי פאַר אַ רפואה נישט.

— און „די קליאַטשע״ האָט איהר דאָ ביי זיך? — טהו איך אַ פרעג און וויל שוין גיכער צו מיין צוועק.

— אַזאַ פּחדן, איך זאָל צו איין עקזעמפּלאַר פון מיינע ספרים אויך נישט האָבען ביי זיך, בין איך שוין דוקא נישט. איהר קאָנט בעקומען אפילו דריי „קליאַטשעס״, טאָמער דאַרפט איר — בעריהמט ער זיך ווי מיט שטאָלץ.

— טאָ זייט מוחל, גיט מיר איין „קליאַטשע״ און אין איין גאַנג גיט מיר שוין אויך אַ „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק״, אויב איהר האָט ביי זיך.

דער יוד לאָזט זיך נישט בעטען, בויגט זיך איין, פאַ־רעט זיך אַ רגע אונטערן בעט, נעהמט פון דאָרט אַרויס אַ „קליאַטשע״ מיט אַ „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק״, דערלאַנגט מיר און זאָגט דערביי:

— איך מוז אייך, יונגערמאַן, מקדים זיין, אַז דאָ איז מאָסקווע, דאָס איז טייטש: נישט ווילנע, נישט בערדיטשעוו, וואָס אויב נישט ביי דעם, בעקומט מען די זעלבע סחורה פאַר ביליגער ביי דעם אַנדערען, פערשטעהט איהר?

איך פערשטעה דעם רמז, איך בין אויף אַלץ גרייט. אַ ברירה האָב איך? פונדעסטוועגען, אַז ער האָט מיר אַ זאָג

געטהון: דריי קערבלעך פאַרן „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק״, בין איך איבערראַשט געוואָרען און געענטפערט:

— ווי האָט אַ יוד אַזאַ האַרץ אויסצובעטען גאַנצע דריי רובעל פאַר איין ספר, און נאָך אויף עברי־טייטש דערצו?

— איהר האָט דען אַ ידיעה, וואָס פאַר אַ מין ביכעל דאָס איז? — ערקלערט ער מיר. — נאָך דעם בוך האָט עקסטראַ געשיקט צו מיר אַפילו די מאַדאַם פּאָליאַקאָוואַ. ווייסט איהר ווער זי איז? די גרעסטע מיליאָנערשע, אפשר, אין גאַנץ מאָסקווע. איך האָב מיך בענאַרישט, און צוגעשיקט איהר דעם „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק״ מיט אַ רעכנונגעל, אַז עס קאָסט דריי רובעל, האָט זי מיר טאַקי מער ווי דריי רובעל נישט אָבגעשיקט. וואָלט איך שכל געהאַט, איהר דאָס ביכעל צו שיקען גאָר אָן אַ מקה, בין איך זיכער, אַז זי וואָלט מיר אָבגעשיקט אַ גאַנצען צעהן רובעלדיגען, און פאַרוואָס טאַקע נישט אַ פינף און צוואַנציגער? אַ כלל, יונגערמאַן, דינגט זיך נישט. איך האָב בסך־הכל אײַנגאַנצען נאָך אַ פינף שטיק פון איהם, און בריף האָב איך אויף אַרויסצושיקען קיין מאַרשאַנסק, אָריאָל, טווער וכדומה, אפשר אויף אַ שטיק צוואַנציג, און אין ווילנע, האָט איהר דאָך געהערט, האָט עס זיך אויך אויסגענומען.

איך האָב איהם בעצאָהלט, וויפיעל ער האָט פערלאַנגט, און פון אַ פינף רובעלדיגען האָט ער מיר רעשט געגעבען מיט גרויסע קופּערנע צענגראָשענדיגע קוים אַ האַלבען רובעל, בערעכענענדיג: אַ רובעל מיט פופציג קאָפּיקעס פאַר ר׳ מענדעלע׳ס „קליאַטשע״ און גאַנצע דריי רובעל פאַר מיין אייגענעם „שוואַרצען יונגערמאַנטשיק״. איך בין אַוועק גיך אַהיים אונטערגעטריבען פון דער אומגעדולד, צו קאָנען שוין אַמאָל איינער אויף איינעם מיט מיין אייגען קינד זיך אָבגעבען, און דורכזעהן אַלע זיינע מעלות און חסרונות צוליעב אייגענער אונבעזאָנענקייט און צוליעב יענע, וועמען איך האָב איבערגעגעבען מיין כתב-יד פון דער ערשטער פעדער און אַנ׳אָבגעדרוקט בוך אויף דער וועלט אַרויסלאָזען.

מיט אַ רוהיגען געמיט און מיט מעהר ערנסט, ווי איך האָב מיין אייגען ווערק געבלעטערט און דורכגעקוקט, האָב איך זיך גענומען לייענען ר׳ מענדעלע׳ס „קליאַטשע״. געלייענט, געלערענט, ערטערווייז פּשטים געזוכט, און האָב ענדליך דעם איינדרוק און דאָס געפיהל אַרויסגעטראָגען, גלייך ווי איך וואָלט געבלאָנדזעט אין אַנ׳אַלטען פערלאָזענעם שלאָס, וואו איך האָב אויף יעדען טריט און שריט אי וואונדער, אי איבערנאַטירליכס געזעהן און געהערט, און כאָטש איך שטעה שוין איצט אויף דער ווייסער ליכטיגער וועלט אין דרויסען, שימערען מיר נאָך פאַר די אויגען יענע פערדרעהטע וועגעלעך, פערפלאָנטערטע געגג מיט אַלע זייערע נישט־געוועהנליכקייטען, וואָס איך האָב זיך דאָרט אָנגעזעהן, און עס קלינגען מיר נאָך אין די אויערען יענע געהיימע קלאַנגען, וועלכע איך האָב זיך דאָרט אָנגעהערט.

די ערשטע פראַגע, וואָס האָט געזוכט אַ תשובה ביי מיר, איז געווען: צי איז דאָס דער אייגענער אַלטער בעקאַנטער מענדעלע, וועלכען כ׳האָב פון אַ צייט פריהער שוין גוט גע־קענט, מיט איהם ווי אייגען כמעט זיך געפיהלט און האָב איהם שטענדיג גאָר ליעב געהאַט? כאָטש איך בין שוין אַזוי נאַאיוו נישט געווען, און האָב שוין גוט פערשטאַנען, אַז היג־טער דעם דאָזיגען מענדעלע מוכר־ספרים בעהאַלט זיך ערגיץ אַ פיעל געלערענטערער יוד, און זאָל זיין ווי דער אַלטער האָט מיר מבטיח געווען, אַז מענדעלע מוכר־ספרים איז נישט מעהר ווי די וואָכעדיגע קאַפּאָטע פון דעם בעריהמטען לשון־הקודש שרייבער, שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, האָט עפּעס טאַקי די דאָזיגע וואָכעדיגע קאַפּאָטע ביי מיר גאָר אַנ׳אַנדער פּנים דורך דער „קליאַטשע״ בעקומען, אַ פּנים דווקא פון אַ פיין זיידענער קאַפּאָטע, וואָס מעג אָנשטעהן אַפילו דעם גרעסטען מיוחס שבת און יום־טוב מיט איהר אין שול און אין בית־המדרש צו שטאָלצירען.

ר׳ מענדעלע איז דאָ, אין דער „קליאַטשע״, אויסגע־וואַקסען פון אַנ׳איינפאַכען יודען אַ מוכר־ספרים, וואָס דער־צעהלט בנעימות, נישט מעהר ווי דאָס, וואָס ער זעהט און

הערט, אין אַ יודען אַ למדן, אַ חריף, אַ חקרן, אַ גאַנצע־וועלט־אַרומנעמער, וואָס מען מוז זיך צוהערען צו יעדעס וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס, און זיך גוט פערטראַכטען אויף דעם זינען, וואָס ער טהוט אַריין אין איהם. איך האָב אין דעם ר׳ מענדעלע׳ן מוכר־ספרים פון דער „קליאַטשע" נישט דער־קענט מעהר דעם אַלטען ליבען און כמעט שטילען מענדעלע מוכר-ספרים פון די אַלע ספרים׳לעך זיינע, וואָס איך האָב פון איהם פריהער געהאַט געלייענט, און עס האָט זיך מיר געהאַט געדאַכט, אַז דער שרייבער אַליין האָט זיין מענדעלע׳ן אויס-געביטען אויף אַנ׳אַנדערען, אַ מעהר וויכטיגערען און אַ מעהר קענענדערען ווי זיין ערשטער מענדעלע. און דעם אמת זאָגענ-דיג, וואָלט מיך אפשר שטאַרק נישט געאַרט דער דאָזיגער בייט, ווען איך וואָלט אין דעם נייעם מענדעלע׳ן געהאַט גע-פונען די ווייכקייט, די איינפאַכקייט און די עניוות פון דעם אַלטען מענדעלע. יענער האָט קיין פרעטענזיעס נישט געהאַט, אַז צו איהם זאָלען זיך צוהערען דווקא גרויסע קענער, שיינע יודען און מיוחסים. ער האָט זיך תמיד געדרייט נאָר צווישען פראָסטען עולם, יודען פון זיין גלייכען, און עס האָט איהם זיך גאָרנישט געגלוסט, אַז זיינע צוהערער אָדער לייענער זאָ-לען זיין פון דער גאָלדענער פאָן, דעריבער איז דאָס לשון זיינס אויך פשוטער, וועניגער געשליפען געוועזן, אַזוי אָנגע־מאָסטען פאַר איטליכען, וואָס פערשטעהט נאָר יודיש. דער נייער ר׳ מענדעלע, אָט טאַקי דער פון דער „קליאַטשע", האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, וויל שוין די איינפאַכע צוהערער כמעט נישט קענען, ער דערצעהלט אויך נישט דאָס, וואָס ער האָט געזעהן און געהערט, נאָר דאָס, וואָס ער ווייסט און טראַכט אַליין, און דערצעהלט דווקא פאַר׳ן מיוחסים־עולם, פאַר די וואויל-קענער, וואָס קענען איהם פערשטעהן און פון זיינע רייד צוזויסדרינגען אַלערליי פשטים און פשטלעך.

און ווי באַלד אַז יאָ אַזוי, האָט זיך מיר געוואָלט ווי־סען, צוליעב וואָס און צוליעב וועלכען טעם האָט ער געשרי־בען די „קליאַטשע" אין עברי-טייטש דווקא, און נישט אין

לשון-הקידש! צווישען יענע, וואָס פערשטעהען לשון-הקודש, האָב איך נאָך צו יענער צייט געקאָנט געפינען אַזעלכע לעזער, וואָס וועלען פערשטעהן אַ „קליאַטשע״, אָדער וואָס וועלען ווע־ניגסטענס אין דעם גאַנצען אינהאַלט אָטעם געפינען. צווישען די לעזער פון נישט מעהר ווי עברי־טייטש, האָב איך צו יע־נער צייט געזוכט און נישט געפונען כמעט איינעם אָדער איי־נע, וואָס פערשטעהען דעם נייעם מענדעלען פון דער „קליאַ־טשע״ און האָבען התפעלות פון דעם, וואָס ער דערצעהלט, באָטש מיט פופציג פראָצענט ווענינער, ווי זיי האָבען אַלע מאָל דעם אַלטען מענדעלע׳ן פערשטאַנען און התפעלות געהאַט פון זיינע ספרים׳לעך.

י. ד. בערקאָוויטש

שלום עליכם און מענדעלע מו"ס

צו מענדעלען האָט שלום־עליכם'ען אָנגעהויבן ציהען, ווי צום שורש, גלייך ביי די ערשטע טריט, וואָס ער האָט געמאַכט אין דער יודישער ליטעראַטור, פון די עטליכע געצעהלטע יודישע שרייבערס, וואָס שלום־עליכם האָט צופעליג געפונען זייערע העפטליך אין דעם ספרים־אַלמער פון זיין שווער לאָיעוו (אייזיק מאיר דיק, שלמה עטינגער, לינעצקי, שאצקעס), האָט צו איהם מענדעלע גלייך אַ פינקעל געטהון מיט דער עכטער שיין פון אַ געשליפענעם איידעלשטיין. אין שוין אויפ'ן דריטען יאָהר פון זיינע פעדערפראָבעס, אינם „פאָלקסבלאַט" (1885), דערפיהלענדיג, אַז עפעס וויכטיגערס דערפון צעוואַקסט זיך אין איהם האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צו מענדעלע'ן, זיך פאָרגעשטעלט ווי „אַ פייערדיגער פערעהרער פון זיין טאַלענט, וואָס אַרבייט אויפ'ן באָדען, וועלכער איז פון איהם צעאַקערט געוואָרען", און גע‍האַט דערביי אַ שטאַרקע כוונה אָנצוקניפען זיך אָן איהם, ווי אַ תלמיד. מענדעלע, וואָס איז בטבע געווען נישט אַזאַ צוגעלאָזטער מענש צו אומבעקאַנטע „מחברים", און דערהויפט האָט ער זיך אין יענער צייט בעצויגען מיט פעראַכטונג צום „פאָלקסבלאַט" און צו זיינע שרייבער (אויף זיין

לשון — „רייבער״), האָט, ווי עס ווייזט אויס, זיין „יונגען פייערדיגען פארערער״ ניט געשענקט די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט. און אויך מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, אין 1888, בעת שלום־עליכם האָט פערטראַכט אַרויסצוגעבען „די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק״ און האָט אַ צווייטען מאָהל געשריבען צו איהם, פערבעטען איהם אַלץ מיטאַרבייטער אין זיין יאָהרבוך, — האָט זיך מענדעלע נאָך אַלץ ניט אומגעקוקט אויף איהם. ערשט אויפ׳ן דריטען בריוו, צו וועלכען שלום־עליכם האָט צוגעלעגט אַ רעקאָמענדאַציע פונ׳ם קיעווער יודישען צענזאָר און מלומד, הערמאַן מאַרקאָוויטש באַראַץ, האָט זיך מענדעלע אָנגערופען מיט אַן ענטפער, אין וועלכען ער האָט זיך פערענטפערט בזה הלשון:

„שלום־עליכם״ — עליכם שלום!

„אייערע ביידע בריוו, פונ׳ם 3 און פונם 18 מערץ האָב איך מקבל געווען. ווען איהר זאָלט וויסען, ווי אַזוי שטאַרק איך בין בעשעפטיגט ביי מיר אין דער שולע*), אויך אין היימישע און כלל־זאַכען; ווי אַזוי אונזערע יודישע מחברים פון גאַזעטען און זשורנאַלען מאַכען מיר קראַנק דעם קאָפּ מיט זייערע בקשות אַלץ אין איין קול: שרייב! שרייב! זאָגען דערביי צו גילדענע בערג און בלייבען דערנאָך ליגנער; ווי אַזוי מיאוס איך האָב מיך שוין אין מיין לעבען פיעל מאָל פון אַזעלכע אָבגענאַרט, זיך שטאַרק אָבגעבריט, און גאָר חוץ די אַלע זאַכען, ווי אַזוי שלאַף, צעבראָכען איך בין, נישט פאַר אייך געדאַכט, ויפיעל געזונט מיך קאָסט עפּעס אָנצושרייבען, אַז איך שרייב איבער מיין אומגליקליך פאָלק טריפט מיר דערביי דאָס בלוט, לאַך איך קלאָמפערשט, איז דאָס אַ ביטער געלעכטער מיט גרינע ווערים, ביי איטליכען מאַך מיט דער פען ווערט מיר אַ לאָך אין האַרצען און שרייבענדיג מיט אַ ברען, ברען אי־

*) מענדעלע איז כל ימיו אין אָדעס געווען דער דירעקטאָר פון דער שטאָדטישער תלמוד־תורה.

טאַקע דערוויייל אַליין און געה ביסלעכווייז אויס ווי אַ לכיש — ווען איהר זאָלט וויסען, זאָג איך, דאָס אַלצדינג, וואָלט איהר זיך ניט געוואונדערט און קיין פאַריבעל נישט געהאַט אויף מיר, וואָס איך האָב מיך נישט וויסענדיג געמאַכט אייך צו ענטפערען אויף אייער ערשטען בריוו".

שלום־עליכמס ערשטע בריוו צו מענדעלע'ן פון יענער צייט זענען נאָך דערוויייל ניט געפונען געוואָרען; דערפאַר זענען אָבגעהיט געוואָרען אין פולער אָרדנונג די בריוו פון מענדעלע'ן צו שלום־עליכמען, און פון זיי קען מען טיילווייז אַרויסזעהען, ווי אַזוי ס'איז פאָרגעקומען צווישען ביידען די ערשטע התקרבות, וועלכע איז גיך אויסגעוואַקסען אין אַ טיעפער פריינדשאַפט. שוין באַלד נאָך מענדעלע'ס ערשטען ענטפער, האָט איהם שלום־עליכם אין אַ בריוו, אונבעקאַנטערהייט, אָנגערופען מיט'ן נאָמען „דער זיידע פון דער יודישער ליטעראַטור", און זיך אַליין אָנגעבעטען צו איהם ווי זיינס אַ ליטעראַריש „איי־ניקעל" (מענדעלע איז דעמאָלט, לויט זיינע אמת'ע יאָהרען, אַלט געוועזען 58 יאָהר, און שלום־עליכם 29). דער נאָמען „זיידע" איז מענדעלע'ן, ווי עס ווייזט אויס, געווען צום האַרצען. וואָרים אין דעם צווייטען בריוו צו שלום־עליכמ'ען ווענדעט ער זיך שוין צו איהם מיט די ווערטער „שלום־עליכם אייניקעל!", און אינ'ם דריטען בריוו: „אַ גאָט־העלף, הייסער, פערשייטער אייניקעל!" און שפּעטער אַ ביסעל קלינגט שוין דער טאָן אַלץ בעהענטער און אינטימער: „מיין ליעב האַרציג פערשייט איינ־קעל!" „מיין טיעף אין האַרצען איינגעבאַקען אייניקעל!" און אַזוי האָט זיך פערבונדען צווישען „זיידען" מיט'ן „אייניקעל", וועלכע האָבען נאָך איינער זע[?] אַנדערען פערזענליך ניט גע־קענט, אַ וואַרימע קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער דער איינגעהאַל־טענער, מישוב'דיגער און פּאַמעליך־שרייבענדיגער מענדעלע האָט קוים געקענט כאַפּען דעם אָטעם פון דעם רירעוודיגען, פליי־סיגען, גיך־טהוענדיגען און גיך־שרייבענדיגען שלום־עליכמ'ען, וואָס האָט זיך אויף איהם צולאָזט, ווי אַ פריהלינג־שטראָם. „איהר פערוואַרפט מיך מיט בריוו!" — פּראָטעסטירט דער פער־

מאַטערטער „זיידע" געגען דעם אונערמידליכן „אייניקעל". און אַ צווייטען מאָל: „איהר קיצעלט און קיצעלט מיך אַלץ מיט אייערע בריוועלעך אַזוי, אַז איך מוז לסוף מיך אָנרופען מיט אַ וואָרט". פאַר זיין פליהען צו גיך בעקומט שלום-עליכם דעמאָלט פון מענדעלע דעם נאָמען „אחשתרנים", וועלכער ווערט איבערגע-חזר'ט וויפיעל מאָל אין זייער ווייטערדיגער קאָרעספּאָנדענץ, אין פערלויף פון צעהנדליגער יאָהרען.

די הויפּט-טעמע פון די ערשטע בריוו איז געווען מענ-דעלי'ס „ווינטשפינגערל", וואָס ער האָט זיך אַוועקגעזעצט שריי-בען פאַר דער „פאָלקס ביבליאָטעק". אין גאָר די ערשטע בריוו רעדט מען נאָר פון זיך אַליין און פון זיין אַרבייט און פון די ספּעציעלע בעדינגונגען, וואָס ער האָט געפאָדערט פאַר זיין ווערק (ער האָט זיך אויסגערעדט 20 קאָפּיקעס פון דער שורה — אַ „פערציגער", ווי ער רופט עס אָהן אויפ'ן היימישען לשון). שפּעטער אַ ביסעל הויבט ער אָהן אויך אַרומצוקוקען זיך אויף זיין יונגען קאָרעספּאָנדענט: „איך וויל עס טוהן, גלייבט מיר, נישט וועגען דעם פערדיענסט — נאַרישקייטען! — נאָר צוליעב אייך, ווייל איהר געפעלט מיר עפּעס. דאַכט זיך, איהר זענט פון מיינע לייט". און אַ צווייטען מאָל: „איהר זענט, ווי עס ווייזט אויס, אַ מבין". און אַז שלום-עליכם האָט איהם צו-געשיקט זיין בילד, שרייבט ער איהם: „אייער בילד איז ביי מיר זעהר אָנגעלעגט. איך האָב זי גוט בעטראַכט און געפונען אין אייך דאָס, וואָס איך זוך — אַ גוטען, קלוגען, עהרליכען מענשען. מיין אויג, מיין האַרץ נאַרט מיך כמעט קיין מאָל נישט אין אַזעלכע זאַכען". און ווידער אַ מאָל „אָנקוקענדיק אייך אויפ'ן בילד, ליגט, דאַכט זיך, אויף אייך נישט דער צלם אלקים", נישט דאָ אויף אַ האָר יודישקייט, פון „מלמדות" איז גאָר נישט דאָ וואָס צו ריידען, ווי איז מיר! און לייענענדיג אייערע בריוו זעהט מען אייך בעשיינפערליך, אַז איהר זענט אַ קלוגער, נישט פון די צעהן פאַר אַ גראָשען..." אין די ווייטער-דיגע בריוו הויבט ער שוין אָן צו ריידען פון שלום-עליכמ'ס שרייבען: „לעת-עתה האָב איך נאָר געלייענט אייערס אין דעם

„הויז פריינד*)״ און נישקשה, ס׳איז מיר געפעלען. מען זעהט ערטערוויז, אַז אין דעם אייניקעל רינט דעם זיידענ׳ס בלוט, מיט אַ קניפּ אין בעקעלע זאָג איך אייך:״ אַ וואויל אייניקעל, נישקשה! אַ האָפענונג צו גאָט, אַז דער זיידע וועט פון אייך אויף דער עלטער גרויס נחת האָבען!.. אייניקלעך האָט דער זיידע זעהר פיעל, נאָר געראָטענע זעהר וועהניג״... און אין אַנ׳אַנדער בריוו: „אַצינד לייען איך אייערע ספרים. פון פיעל זאַכען האָב איך שטאַרק הנאה. אַרויסשרייבען אייך מיין מיינונג איז אַצינד אונמעגליך. איך וועל בעדאַרפען אָנשרייבען אַ ספר, אַך, ווען איך זאָל קענען מיט אייך ריידען מינדליך, וואָלט געווען זעהר, זעהר גוט און ניצליך. בכלל, זאָג איך אייך, האָט דער זיידע גרויס תענוג פון זיין אייניקעל. „שמר׳ס משפט״ איז גוט, נאָר די פאָרמע פונ׳ם פריסיאַזשנע סוד**) געפעלט מיר נישט. ס׳איז יודיש. אָהן דעם וואָלט געווען פיעל בעסער. שמ״ר׳ס מעשיות האָב איך קיין מאָל נישט געלייענט און איך וואונדער מיך, ער זאָל אַזוי שלעכט שרייבען. ער איז דווקא נישט קיין עם-הארץ, ווי איהר זאָגט, און שטעהט ביי מיר העכער אין בילדונג אַ סך מעהר פון אַנדערע יודישע שרייבערליך. ווי איך זעה אַרויס פון אייערע בריוו, איז אייער „ק—ר״ ביי אייך אין די אויגען אַ גאָר נישט און אין „שמ״ר׳ס משפט״ הויבט איהר איהם אויף דרוקעס! ווי קומט עס צו אייך, מיין טייער אייניקעל? — אויך האָט איהר שלעכט געטהון, וואָס אָנשטאָט מענדעלע מוכר-ספרים, רופט איהר מיך דאָרט אַבראַמאָוויטש און פאָרט מיך מיט אַזעלכע, מיט וועלכע איך קעהר מיך נישט אָהן***). איך בעט אייך, ליעבער אייניקעל, פון

---

*) די קאָמעדיע „דער גס״ אינ׳ם ערשטען באַנד „הויזפריינד״.

**) „שמר׳ס משפט״ איז געשריבען אין דער פאָרם פון אַ געריכט-פּראָטאָקאָל: שמ״ר׳ס ראָמאַנען ווערען געמשפט דורך געשוואָרענע ריכטער און שלום-עליכם אין דער פּראָטאָקאָל שרייבער פונ׳ם פּראָצעס.

***) דער פּראָקוראָר פון „שמ״ר׳ס משפט״ בעווייזט, ווי נוצליך עס זענען פאַר׳ן פאָלק די ווערק פון די קינסטלערישע יודישע שרייבער, מיט מענדעלע׳ן בראש, און ווי שעדליך עס זענען שמר׳ס שונדראָמאַנען.

היינט אָהן, לאָז דער זיידע ביי אייך האָבען מעהר פּנים און נישט אויפרופען איהם עם כּל הנערים. — איך וואָלט אייך גע-ראָטען קיין ראָמאַנען נישט צו שרייבען. אייער זשאַנר איז גאָר עפּעס אַנדערש. איהר זענט דאָך (ווי איהר זאָגט אַליין) מ״ין אייניקעל. איהר פערשטעהט, וואָס דאָס הייסט?.. פער-שטעהט זשע טאַקי און פאָלגט דעם זיידען, ועט איהר איה׳ש זיין אַ כּלי שלמה. איבערהויפּט טויגען אַלע יודישע ראָמאַנען אויף כּפּרות. עס גלוסט זיך מיר ברעכען פון זיי. אויב ס׳איז דאָ ביי אונזער פּאָלק ראָמאַנען, זענען זיי עפּעס גאָר אַנדערש, ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער. מען מוז עס פערשטעהן און גאָר אַנדערש שרייבען*) — — — זאָגט נאָר, זענט איהר נישט קיין ליטוואַק? אין אייערע ספרים געפין איך עפּעס אַ מאָל פּיעל ליטווישע ווערטער און ליטווישע גרייזען...**)" און שפּע-טער, אין אַ בריוו פונ׳ם יאָהר 1889, נאָכ׳ן ערשטען באַנד „פּאָלקסביבליאָטעק" און נאָך „סטעמפעניו", שרייבט ער איהם: „מזל טוב אייך מיט דער פערענדערונג, וואָס געהט פיר אַצינד אין אייער שרייבען! דאָס איז אַ גוטער סימן, אַז דער טאַלאַנט אייערער וואַקסט און געהט אַלץ העכער פון איין טרעפּעל אויפ׳ן אַנדערען טרעפּעל פון דעם לאַנגען גרויסען לייטער אין דער ליטעראַטור. פאַר מיר איז אייער פערענדערונג נישט קיין נייעס,

---

*) די דאָזיגע ווערטער וועגען שרייבען ראָמאַנען האָט שלום-עליכם אין אַ געקירצטער און איינגעפּהעסטער פאָרם ציטירט אין זיין חקדמה צו „סטעמפּעניו".

**) שלום-עליכמ׳ס ערשטע גרעסערע זאכען, ווי „סענדער בלאַנק" „די בעסטע יאָהרען" און אַנדערע וועגען וועלכע מענדעלי רעדט דאָ, האָבען זיך גע-דרוקט אַלס ביילאַגע צום פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט", און דער אַרויסגעבער לעווי, אַ ליטוואַק, וואָס האָט געהאַט אַ ווילדע בעציהונג צו יודיש און אַ ווילדע יודישע שפּראַך, האָט זיי רעדאַקטירט אויף זיין שטייגער (שלום-עליכם פלעגט דער-צעהלען, אַז לעווי האָט אין זייבע ווערק אַריינגעשטעלט אומגעלומפּערטע פּראַזעס און דערנאָך די פּראַזעס אויפגעוואָרפען דעם מחבּר אין די רעצענזיעס, וואָס האָבען זיך געדרוקט אינ׳ם „פאָלקסבלאַט".

איך האָב דערויף נביאות געזאָגט נאָך פריהער פאַר אַלע אונ־זערע פריינד דאָ. אויב איהר ווילט קומען צו מיר, ווערט איהר ביי מיר זיין אַ טייערער גאַסט. איך בין גרייט מיט אייך צו זיצען און אַרבייטען טאָג און נאַכט.״

שלום־עליכם האָט זיך צו מענדעלע׳ס לעקציעס אין זיינע בריוו שטאַרק צוגעהערט. „איך פאָלג אייך אין אַלעם!״ — שרייבט ער איהם אין זיינעם אַן ענטפער. דערביי דאַרף אָבער בעצייכענט ווערען אויך אָט דער פאַקט: אַז דאָס געפיהל פון גרויסען דרך־ארץ צום „זיידען״ האָט איהם פון דעסטוועגען ניט געשטערט צו בעציהען זיך מיט אָפענע אויגען צו דעם, וואָס מענדעלע האָט געשריבען פאַר דער „פאָלקסביבליאָטעק״; אַריינגעטראַטען אין דער ראָל פון אַ רעדאַקטאָר, האָט שלום־עליכם אין זיך דערפיהלט די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר יעדער שורה, וואָס ער האָט בעדאַרפט דרוקען אין זיין אויסגאַבע, און פונקט ווי ער האָט זיך געאַמפּערט מיט אַנדערע שרייבערס (פּרץ, דינעזאָן, לינעצקי, גאָטלאָבער) איבער זאַכען, וואָס זענען איהם ניט געפעלען געוואָרען אין זייערע צוגעשיקטע ווערק, אַזוי האָט ער אויך נישט געשוינט אַפילו מענדעלע׳ן אַליין, ווען יענער האָט, לויט זיין מיינונג, געמאַכט פעלערען, אַזוי איז פאָרגעקומען אין זייערע בריוו אַ הייסער וכוח איבער׳ן זיבעטען קאַפּיטעל פונ׳ם „ווינשפינגערל״ (לויט דער נומעראַציע וואָס אין דער „פאָלקסצייטונג״), אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט די מעשה וועגען רב שמעלקען מיט זיינע פורימדיגע געסט פון יענער וועלט. שלום־עליכם האָט, ווייזט אויס, געפונען, אַז דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל קוקט דאָ אויס ווי אַריינגעשטוקעוועט און שטערט דעם נאַטירליכען גאַנג פונ׳ם ספור־המעשה וועגען הער־שעלעס קינדער־יאָהרען; און מענדעלע׳ן איז, אפנים, ניט אָנ־געשטאַנען, וואָס דער יונגער רעדאַקטאָר נעמט זיך אונטער איהם צו לערנען, האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט און אַלץ געטענהט אין זיינע בריוו: „געוואַלד, זייט נישט קיין פערשייט אייניקעל, פייניגט נישט דעם זיידען!״... אינ׳ם צווייטען טהייל פונ׳ם „ווינשפינגערל״, וואָס האָט זיך געדרוקט אין דעם צוויי־

טען באַנד „פאָלקסביבליאָטעק", אינ'ם קאַפּיטעל כ"א, האָט מענדעלע געהאַט אַריינגעשריבען אַ לידעל „איש חסיד", וואָס שמואל'יק דער טאַנדעטניק האָט געזאָלט זינגען שבת־צו־נאַכטס. שלום־עליכם האָט עס אויף זיין אייגענעם אחריות אויסגעמעקט און צוגעשיקט מענדעלע'ן די קאָרעקטור־בלעטער מיט אָט דער בעמערקונג: „ווי איהר זעהט, איז דאָס לידעל פון „איש חסיד" אַרויסגעפלויגען. עס פּאַסט פאַר גאָטלאָבערען, ניט פאַר אייך. איצט הרגעט מיך, שלאָגט מיך, שמייסט מיך! מיר איז טייער אייערס אַ וואָרט מעהר ווי מיינס; אַז איך מאַך אַ פעהלער, איז דאָ אַ תירוץ: פאָרט אַן אייניקעל; דער זיידע אָבער, אוי־ווי, אַז ער פאַלט־אַריין אין שאַרזשׂ, קאָן עס דאָס אייניקעל ניט דער־לאָזען בשום אופן!..." און ווידער אַמאָל האָט אַזאַ זאַך פּאַסירט מיט אַ הקדמה צו דעם צווייטען באַנד „פאָלקסביבליאָטעק", וואָס מענדעלע האָט זיך אַרויסגערופען אָנצושרייבען. אין דער דאָזי־גער הקדמה האָט מענדעלע, אויסשפּעטנדיג דעם צושטאַנד פון דער יודישער ליטעראַטור אין יענער צייט, אָנגעריהרט, פער־שטעלט, אויך ספּעקטאָרען מיט זיין „הויזפריינד". שלום־עליכמען איז די הקדמה נישט געפעלען געוואָרען, און ער האָט זי אין אַזאַ פאָרם נישט געוואָלט דרוקען. ער שרייבט צו מענדעלע'ן מיט אַ גאַנץ דייטליכער אָנצוהערעניש: „וואָס זאָל איך אייך זאָ־גען מכח אייער הקדמה. לויבען זי, דערצעהלען גליקען — עס איז קיין נייעס ניט: דער זיידע, אַז ער זעצט זיך אַנידער ביים וואַרסטעט און נעמט זיך צום קלאַפּערגעצייג, געהט אַרויס פון זיינע הענט גאָר אַן אַנדער מין שטיקעל אַרבייט. עפּעס גאָר־נישט אַזוי ווי ביי לייטען, עפּעס מאָדנע משונה פערענדערט; ביי דעם עולם הייסט עס אָריגינאַלנע, סוואָיעאָבאַזנע*). נאָר וואָס דען? דרוקען עס אַזוי ווי עס איז איצט, אוי־ווי, קאָן מען נישט פאַרוואָס? ערשטענס, איז דער „או נשיש" מיט'ן „להקטינין", וואָס. זענען גוט בעקאַנט מיר מיט נאָך אַזעלכע עטליכע, זענען זיי

*) אָריגינעל, אייגנאַרטיג.

אָבער פאַר'ן איבעריגען עולם כמעט גאָר אַ בלינדער אתרוג. והשנית, קען איך נישט סובל זיין דאָס, וואָס ווערט אָנגערופען אַ לועג לרש — איהר פערשטעהט, וואָס און וועמען איך מיין. על כן מוז מען די הקדמה איבערלייטערען...״

די ביידע מאָל האָט דער זיידע דווקא געפאָלגט דעם „פערשייטען״ איניקעל: דאָס לידעל „איש חסיד״ און די הקדמה צו דער „פאָלקס־ביבליאָטעק״ זענען ניט געדרוקט געוואָרען. — —

פערזענליך האָט זיך שלום־עליכם בעקענט מיט מענדע־לע'ן צום סוף 1888, בעת ער איז געווען אין אָדעס אויף אַ קורצען בעזוך, און די פריינדשאַפט צווישען דעם זיידען מיט'ן אייניקעל איז דעמאָלט פערזיגעלט געוואָרען. מענדעלע האָט שלום־עליכמ'ען בעצויבערט מיט זיין הויך־אינטערעסאַנטער פער־זענליכקייט פון אַ קלוגען ליכטיגען קאָפּ און אָב'עכטען אָריגי־נעל־יודישען אַלטמייסטער, און שלום־עליכם האָט אויסגענומען ביי מענדעלע'ן מיט זיין פרישקייט, מיט דער לויטערקייט פון זיין קוועלענדיגען הומאָר און מיט זיין יונגען אויפריכטיגען ברען צו אַרבייטען, צו אויפטוהן, צו קערען וועלטען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר ביידען, אַז די נעמען „זיידע״ און „אייניקעל״ זענען גאָרנישט קיין ליטעראַרישע מליצה, נאָר פּאַסען זיך צו זיי אמת גוט. אין די בריף, וואָס קומען דער־נאָך, ווערט מענדעלע נאָך מעהר צוגעלאָזט צו שלום־עליכמ'ען. ער רופט איהם שוין: „מיין פלאַמפייערדיג צוקערזיס אייניקעלע!״ און ראַווניצקי, שלום־עליכמ'ס געטרייער חבר און קאָרעספּאָנ־דענט, שרייבט צו איהם, נאָך זיין אָבפאָהר פון אָדעס, אָט דעם בעריכט: „איך מוז אייך זאָגען, אַז איהר האָט שטאַרק נושא־חן געווען ביי'ם זיידען אייערען... איך בין נעכטען געווען ביים זיידען אַ שטיק צייט, האָב איך אַרויסגעזעהען די זאַך בעשיינפערליך...״

אין יענער צייט איז ערשינען דער ערשטער באַנד פון דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק״, וועלכער האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם אומעטום און בעצייכענט מיט זיך דעם אָנהויב פון אַ נייעם פעריאָד אין דער יונגער יודישער ליטעראַטור.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אויך אַרויס פון דרוק דער ערשטער באַנד פון ספּעקטאָרס „הויזפריינד“, און די קריטיק, וואָס האָט געהאַט אַ מעגליכקייט צו פערגלייכען ביידע אויסגאַבעס, האָט אַוועקגעגעבען דעם אויבנאָן צו דער „פאָלקס־ביבליאָטעק“. אין אָדעס אָבער האָט זיך געפונען אַ קליינע שרייבערישע גרופּע מיט לינעצקין בראש, וואָס האָט, איבער געוויסע פּניות, זיך געשטעלט אויף דער זייט פונ׳ם „הויזפריינד“. די דאָזיגע גרופּע האָט נישט געקאָנט פערליידען מענדעלע׳ס „פּאַטריאַרכאַט“ אין דער יודישער ליטעראַטור און האָט איהר אונפריינדליכקייט צום „זיידען“ אַריבערגעטראָגען אויך אויפן „אייניקעל“. ביי מענדעלע׳ס אָדעסער מקורבים האָט יענע גרופּע בעקומען דעם נאָמען „די סטרא־אחרא“. גראָד דעמאָלט איז ספּעקטאָר פערפאָהרען קיין אָדעס צו זוכען אַבאָנענטען פאַר זיין „הויזפריינד“, און „די סטרא־אחרא“ האָט אויסגענוצט זיין בעזוך צו אויפהויבען איהר אייגענעם פּרעסטיזש. זי האָט געמאַכט לכבוד ספּעקטאָרען אַ קערמעשעל, אויף וועלכען מען האָט געלויבט דעם „הויזפריינד“ און געריסען די „פאָלקס־ביבליאָטעק“, ווי דעם „זיידען“ מיטן „אייניקעל“ (אויף שלום־עליכמ׳ען האָט מען דאָרט דערצעהלט גוזמאות, אַז ער האָט מכבד געווען מענדעלע׳ן און זיין גאַנצע סביבה מיט צעהן־רובעלדיגע ציגאַרען. דערפאַר האָט ער מענדעלע׳ס הויזדינער איבערגעלאָזט גאָר וועניג טרינקגעלד...) די אַלע קליינשטעדטעלדיגע מעשיות זענען איבערגעגעבען געוואָרען שלום־עליכמ׳ען דורך זיינע אָדעסער קאָרעספּאָנדענטען. און כאָטש שלום־עליכם האָט זיך געמאַכט נישט הערענדיג דערפון און האָט אויך געוואוסט, אַז מענדעלע האַלט זיך העכער פונם דאָזיגען „קליינוואַרג“, האָט ער אָבער געוואָלט, ווייסט אויס, געבען דעם זיידען אַ מין סאַטיספאַקציע קעגען זיינע „שטיגוטערעס“, און ביי דער ערשטער געלעגענהייט, נאָכן צווייטען באַנד „פאָלקס־ביבליאָטעק“, קומענדיג מיט זיין פרוי סוף זומער 1890 קיין אָדעס, האָט ער אין דעם רייכסטען האָטעל פון שטאָדט, אין דער „סיעווערנאַיאַ גאָסטיניצאַ“, געגעבען לכבוד מענדעלע׳ן אַ

באַנקעט, צו וועלכען עס זענען פֿערבעטען געוואָרען אַלע גוטע פֿריינד און מקורבים פֿונם זיידען. פֿון דעם דאָזיגען באַנקעט האָט מען אין אָדעס גערעדט נישט נאָר אין יענע טעג, נאָר מען האָט פֿון איהם דערצעהלט מעשיות יאָהרען־לאַנג נאָכדעם. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען די „פּני״ פֿון דער שריפֿטשטעלערישער קאָלאָניע, מען האָט זיך שטאַרק משמח געווען, גערעדט וועגען דער וויכטיגקייט פֿון דער אויפֿגעהענדיגער פֿאָלקס־ליטעראַטור, געהערט דעם זיידענס שאַרפֿע תורה און חריפֿותדיגע משלים. יונגעלייטלעך־משכּילים, וואָס האָבען נישט געהאַט די זכיה צו זיין אינעווייניג, האָבען אַ גאַנצע נאַכט זיך גע־קלעפּט אַרום די פֿענסטער פֿונם האָטעל, געגאַרט כאַפּען כאָטש אַ וואָרט, אַ מינע, אַ בעוועגונג פֿון די „גדולים״. די שמחה האָט זיך פֿערצויגען ביז אין ווייסען טאָג אַריין — ביז משה ליב ליליענבלום, וואָס האָט געדינט אין דער שטאָטישער חברא־קדישא, האָט אַ קוק געטהון אין פֿענסטער, זיך אויפֿגעכאַפּט פֿונם אָרט און אַ זאָג געטהון אויף זיין שטאַמלענדיגען לשון: „אוי וויי, ס׳איז שוין גרויסער טאָג! מען דאַרף שוין געהן בעגראָבען יודען!...״

דאָס איז געווען דער לעצטער „גבירישער״ זשעסט שלום־עליכמ׳ס אין דעם אינטימען קרייז פֿון זיינע אָדעסער חברים. וואָרום תּיכּף נאָך דעם איז פֿאָרגעקומען דער קריזיס אין זיינע געשעפֿטען, דורך וואָס ער האָט פֿערלוירען זיין גאַנץ פֿער־מעגען, נאָכדעם ווי ער האָט אַ צייט זיך אויסבעהאַלטען אין אויסלאַנד פֿון זיינע קרעדיטאָרען, איז ער צוריקגעקומען נישט קיין קיעוו, נאָר קיין אָדעס, וואו ער האָט זיך בעזעצט מיט זיין פֿאַמיליע אויף עטליכע יאָהר. פֿון אַרויסגעבען ווייטער די „פֿאָלקס־ביבליאָטעק״ האָט ער זיך געמוזט אָבזאָגען (ער האָט געפּרובט אַרויסלאָזען דעם „קול מבשר״, וואָס האָט בעדאַרפֿט דינען ווי אַ פֿירגעהער פֿאַרן דריטען באַנד „פֿאָלקס־ביבליאָטעק״, נאָר דערביי איז עס געבליבען); דערפֿאַר האָט ער דאָ, דורך דער אמתער ליבשאַפֿט פֿון די אָדעסער חברים, געהאַט די מעגליכקייט צו איבערצייגען זיך, אַז זיין פּלאַץ אויבנאָן אין

דער יודישער ליטעראַטור איז פאַר איהם געזיכערט: אויב ער איז שוין מעהר נישט דער רייכער קיעווער אַרויסגעבער, איז ער אָבער פערבליבען שלום-עליכם — און דאָס איז אָן אָן ערך וויכטיגער!

אין די עטליכע יאָהר, וואָס שלום-עליכם האָט פערבראַכט אין אָדעס (פון פריהלינג 1891 ביז האַרבסט 1893) איז ער אי' נערליך רייפער געוואָרען און האָט ענדליך געפונען זיין איי' גענעם וועג. ס'איז דעמאָלט דווקא געווען אַ שטילשטאַנד אין דער יודישער ליטעראַטור, קיין פעריאָדישע אויסגאַבעס זענען נישט ערשינען, און צוליעב מאַטעריעלע צוועקען איז שלום-עליכמ'ען אויסגעקומען צו שרייבען רוסיש. (אַ רייהע פעליטאָ' נען און לירישע סקיצעס אינם „אָדעססקי ליסטאָק"), און אויס ליבהאָבערישער אַמביציע — אויך העברעאיש; נאָר אין דער דאָזיגער שטילקייט איז ביי איהם אויסגעוואַקסען דאָס בעוואוסט' זיין פון זיין אייגענער, זעלבסטשטענדיגער קראַפט. דערצו האָט זיכער געווירקט די נאָהענטקייט זיינע מיט מענדעלע'ן. אונטער מענדעלע'ס פערזענליכער השפעה האָט ער זיך בעפרייט פון מענדעלע'ס ליטעראַרישער השפעה. אַ וואונק דערויף האָט אונז שלום-עליכם אַליין געגעבען אין זיין פראַכטפולען קאַפיטעל זכרונות פון יענער צייט, אונטערן נאָמען „אויטאָ-דאַ-פע",*) אין וועלכען ער דערצעהלט, ווי אַזוי מענדעלע האָט איהם גאָר אָן אַ שום רחמנות געהייסען פערברענען זיינס אַ ווערק, וועל' כעס איז געווען געשריבען טאַקע „אונטערן איינפלוס פונם זיי' רען". „כמו ווי להבדיל אַ מין „קליאַטשע", און מענדעלע האָט וועגען דעם געזאָגט, אַז „דאָס איז — פע!!!" אפנים, דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע ווערק, אין וועלכען דער אייניקעל האָט זיך געהאַלטען ביים זיידענס קאַפּאָטע, ווייל נאָהענט צו יענער צייט האָט זיך בעוויזען די ערשטע סעריע פון מנחם-

---

*) דאָס קאַפיטעל-זכרונות איז געדרוקט אין באַנד XXI פון דער איצטיגער מענדעלע-אויסגאַבע. יעדו

מענדלס בריוו („לאָנדאָן" אינם „קול מבשר") — שלום-עליכם׳ס אייגענער אָפּענער ברייטער וועג.

דער אָדעסער פעריאָד איז פערבליבען ביי שלום-עליכם׳ען אין זכרון ווי אַ צייט פון הרחבת-הנפש, פון הויכען גייסטיגען גענוס. דערהויפּט זענען איהם געלעגען אין טעם די אָפּטע לאַנגע שמועסען מיטן זיידען. שלום-עליכם׳ס עלטסטע טאָכטער דערצעהלט, אַז מענדעלע פלעגט יענע יאָהרען זיין אַן אָפטער גאַסט ביי זיי אין שטוב, און זי, דעמאָלט אַ קינד, פלעגט זיך שטאַרק שרעקען פאַר איהם. איהר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזען, אַז „דער זיידע וויל שלאָגען דעם פּאַפּאַ". דער דאָזיגער איינ-דרוק איז געקומען פון מענדעלע׳ס הילכיגער לייבענשטים און פון זיין אַגרעסיווען טעמפּעראַמענטפולען שטייגער פון ריידען.

די ליעבשאַפט צווישען זיידען מיטן אייניקעל, וואָס איז שטאַרק איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין יענע טעג, איז ביי זיי פערבליבען אויפן גאַנצען לעבען. דאָס איז געווען אַ ריהרענדע ליעבשאַפט, ווי צווישען אַן׳אמת׳ען זיידען מיט אַן׳אייניקעל, און דיזעלבע קרובהשע בעציהונגען זענען איינגעשטעלט געוואָרען אויך צווישען ביידענס פאַמיליעס. דער ליטעראַרישער ער-פאָלג פון איינעם האָט דעם צווייטען נאָר געקאָנט פרעהען. קיין „קנאת סופרים" איז דאָ נישט געמאָהלט געווען. ס׳איז אַ פאַקט, אַז שלום-עליכם פלעגט זיך אפילו פיהלען שאָקירט, טאָ-מער האָט איהם ווער געזאָגט, אַז ער האָט אַריבערגעיאָגט דעם זיידען. מיטן זיידען טאָר זיך קיינער נישט פערמעסטען, ווייל ער איז אַ זיידע, — דער ערשטער. און מענדעלע׳ן ווידער איז טייער געווען דער כבוד פון זיין אייניקעל, און ער האָט גאָלגעפלאָגט זיינע טריט אין דער ליטעראַטור, ווי אַן׳אמת׳ער געטרייער זיידע. איך דערמאָן מיך, ווי אַזוי ער איז געווען נישט-צופריעדען, בעת שלום-עליכם האָט אין 1913, אינ׳ם „היינט", אַרויסגעפיהרט מנחם-מענדלען אין אַ נייער ראָל — אַלץ צייטונג-מענטש. „אוי, הערט איהר, — האָט ער מיר דע-מאָלט געזאָגט אין אַ שמועס — איך האָב דאָך מורא, ער זאָל חלילה זיין מנחם-מענדלען נישט קאַליע מאַכען. מנחם-מענדעל

איז אַ פּערזענדיגטע פיגור, מען טאָר איהם מעהר נישט טשע-פּען! וואָס וויל ער דען מיט איהם טהון ווייטער? צוקלעפּען נאָך אַ נאָז? אויף וואָס טויג מנחם־מענדלען צוויי נעז? געגנוג איין נאָז!... אַי, הערט איהר, — האָט ער זיך גענומען רייבען דעם הויכען געקנייטשטען שטערען. — מען וואָלט איהם בעדאַרפט זעהר נויטיג שרייבען אַ בריוועל וועגען דעם!"...

איך געדענק, ווי ער האָט זיך דעמאָלט צערעדט וועגען שלום-עליכמען מיט אמת'ער זיידישער וואַרימקייט, אין יענער צייט האָט זיך געהאַט געדרוקט מיין העברעאישע איבערזעצונג פון שלום-עליכמס „דריידל", און מענדעלע האָטג ענומען ריידען וועגען דעם, ווי ער וואָלט עס דאַן צום ערטען מאָל געלייענט:

— אַ מענש ווייסט נישט, הערט איהר. וואו זיין כח שטעקט, אָט שיט ער פון אַרבעל אַזעלכע קליינע זאַכען, אמת'ע פּערל, און קוקט זיך גאָרנישט אום אויף זיי. דאַכט זיך, אַ וואָס? אַ נאַרישקייט, אַ דריידל דאָרטען, אסור, זאָג איך אייך, הערט איהר, אסור אויב ער ווייסט, וואָס פאַר אַ מין דריידל דאָס איז!...

אין דער אָדעסער שריפטשטעלערישער קאָלאָניע איז געוועזן בעקאַנט די כאַראַקטעריסטיק, וואָס מענדעלע האָט דורכגעפיהרט פּאַראַלעל צווישען זיין אייגענעם שטייגער פון שרייבען און שלום-עליכמ'ס:

— איך, אַז איך פערטראַכט עפּעס צו שרייבען, — האָט ער געזאָגט — צו ווען בין איך געגליכען? צו אַ אידינע, וואָס פערגעהט אין טראָגען. אוי, דער צער פון טראָגען, מע זאָל גאָר בעהיט און בעשירמט ווערען דערפון!.. קודם-כל, ווי דער שטייגער איז ביי אַ אשה אין אַזעלכע אומשטענדען, בעפאַלט מיך, ניט פאַר אייך געדאַכט, אַ ניטגוטקייט... אַפּנים, פון דעם געדאַנק אַליין, אַז איך דאַרף מיך אַוועקזעצען שרייבען, ווערט מיר שוין ניט גוט... דערנאָך הויבט זיך אָן אַ סדרה פון טראַכטענישען, איבערקלערענישען, צוהערענישען צו דעם, וואָס קומט-פאַר אינווייניג... היינט דאָס פּילעווען זיך, דאָס היטען זיך פון אַן איבעריגען קעהר, פון אַ צו שאַרפער בעוועגונג, מע זאָל גאָרנישט געפרווט ווערען!... מוז מען שוין זיצען אין געהאַקטע וואונדען

פֿערשפּאַרט ביי זיך אין קאַכער, בפרט נאָך אין די הויכע חדשים... היינט די בייזע מחשבות, טאָמער, חלילה, איז מען מפּיל, אָדער טאָמער ווערט גלאַט געבוירען אַ פערזעהעניש, ווי איז מיר!... נו, און אַז עס קומען שוין אָן די געבורטווייהען, די אמת'ע חבלי-לידה, איז דאָך נישט שייך צו דערצעהלען—דעמאָלט איז דאָך הימעל עפען זיך!... איהר שפּיעלט זיך עפּעס מיט אַ קימפּעטאָרין, צאַ זי געהט צו קינד? — — — ביי שלום-עליכמ'ען קומט פּאָר דיזעלבע געשיכטע גאַנץ אַנדערש. עס דרעהט זיך אום אַ הון איבערן שטוב, קוואָקעט עפּעס פאַר זיך אַ לידעל, פּיקט־פּיקט, אַ פּיק דאָ, אַ פּיק דאָרט, און איידער איהר קוקט זיך אום, האָט זי זיך שוין צוגעזעצט ערגעץ אין אַ ווינקעלע— אַהאַ, מזל־טוב, געלייגט אַנ'איי!...

אין דער דאָזיגער שאַרפזיניגער כאַראַקטעריסטיק האָט געשטעקט אַנ'אמת נאָר בנוגע דער אויסערליכקייט פון שלום־עליכמ'ס שאַפען — זיין פּראָדוקטיוויטעט; אינערליך אָבער פלעגט שלום־עליכם אויסוועהטאָגען זיינע וויכטיגע שאַפונגען, ווי יעדער אַנדערער עלטער שעפער, און נישט איין מאָל פלעגט ער שרייבענדיג זיך צעבייסען די נעגעל ביז בלוט. דער פערגלייך צווישען מענדעלע'ס און שלום־עליכמ'ס שאַפען וואָלט בעדאַרפט געמאַכט ווערען אַ ביסעל אַנדערש: אין דער צייט, וואָס מענדעלע האָט געהערט צו דעם מין געווינערינס, וואָס געווינען זעלטען, און דעריבער קומט זיי אָן שווער דאָס האָבען, — האָט שלום-עליכם געהערט צו דעם קינדעלדיגען מין, וואָס „חבלי־לידה" שרעקען זיי נישט אָב. דערצו פלעגט ביי איהם גאַנץ אָפט פּאַסירען דער נס, מיט וועלכען די יודישע פרויען זענען אַמאָל געבענשט געווען אין מצרים: ער פלעגט געווינען זעקס מיט אַמאָל.

אויסער דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" זענען דערנאָך ביים ווידען מיטן אייניקעל קיין געמיינזאַמע ליטעראַרישע טראַנזאַקציעס נישט געווען, און זייער קאָרעספּאָנדענץ איז געווען אַ ריין פריינדשאַפטליכע, בעסער געזאָגט, א קרובהשע. עס האָט נישט געקאָנט אַוועקגעהן קיין לאַנגע צייט, שלום־עליכם זאָל

נישט קומען צו מענדעלע מיט אַ גוטען בריוועל, צו בעווייזען איהם זיין אויפמערקזאַמקייט און געטריישאַפט. און פערשאַפען דעם זיידען אַ נחת־רוח איז פאַר איהם געווען אַ שמחה. אַז מען האָט אין 1910 געפייערט דעם פינף־און־זיבעציגסטען געבורטס-טאָג פון מענדעלע'ן, האָט שלום-עליכם לכבוד דעם יום-טוב אָנגעשריבען צוויי אַרטיקלען מיט אַמאָל — „ווי שעהן איז דער בוים!"*) און אויטא־דאַ־פע" (אינם „מאָמענט" און אין דער „הצפירה"), ווען ער זאָל דעמאָלט האָבען די מעגליכקייט צו דרוקען זיך אין נאָך צייטונגען, וואָלט ער נישט מיעד געוואָרען צו שרייבען נאָך, ווארום וועגען דעם זיידען האָט ער געהאַט „צו דערצעהלען און צו דערצעהלען".

נאָך די אָקטאָבער־פּאָגראָמען פון 1905, נאָכדעם ווי שלום-עליכם האָט דורכגעמאַכט זיין נסיעה איבער גאַליציע און אַמעריקאַ, האָט ער זיך מיט מענדעלע'ן ווידער צוזאַמענגעטראָפען אין איין שטאָדט — אין זשענעווע — דאָרט איז דעמאָלט געזעסען אויך בן־עמי — איינער פון די אָנגעזעהענסטע מיטגלידער אין דער אָדעסער משפחה, און ס'איז געווען, ווי שלום-עליכם פלעגט זאָגען „חדש ימינו כקדם", אַן אָפּקלאַנג פון די גוטע אָדעסער יאָהרען. דערהויבט איז געוואָרען יום-טוב, בעת ח. נ. ביאַליק איז געקומען צו גאַסט אויף אַ קורצער צייט. די מאַטעריעלע לאַגע ביי שלום-עליכמ'ען איז דעמאָלט געווען דווקא נישט קיין פרייליכע, נאָר דאָס האָט נישט געמינערט אויף אַ האָר די געהויבענע שטימונג, וואָס ביי איהם האָט אַרויסגערופען אַזאַ געשעעניש: פיער שריפטשטעלער, וועלכע זענען פערבונדען איינער מיטן אַנדערען דורך צאַרטע און שטאַרקע משפחה-פעדים, בעגעגענען זיך אין איין סביבה! אַ ביסעל איז די דאָזיגע בעגעגעניש בעשריבען געוואָרען פון שלום-עליכמ'ען אין זיין „פיער זענען מיר געזעסען"**) און

---

*) דער אַרטיקעל „ווי שעהן איז דער בוים" איז אָפּגעדרוקט אין באַנד XX פון דער מענדעלע־אויסגאַבע. רעד.

**) אויסצוגען פון די זכרונות, איבערהויבט די ערטער, וואָס האָבען אַ

„מיין בעקאנטשאפט מיט ח. נ. ביאליק". מען האט זאלבעפערט געמאכט שפאציר-גענג אין די בערג, געפיהרט ליטעראַרישע געשפרעכען, זיך פערמאסטען איינער מיטן אנדערען אין שטיפעריי. איינמאל, ביי א גלעזעל פרמל־וויין. אז אלע זענען געווען בגילופן, האט שלום-עליכם פאר זיינע חברים הויך־מייסטעריש, ווי אנ'אמתער ארטיסט, אבגעשפיעלט די ראל פון רב אלטערען אין זיין קאמעדיע „מזל-טוב", וואו עס ווערט איבערגע'חזר'ט די פראזע: „א יוד איז קיינמאל נישט שיכור"...

די לעצטע יאהרען, קראנקערהייט, האט שלום-עליכם נישט אויפגעהערט צו שרייבען בריוו דעם זיידען ביי יעדער פאסיגער געלעגענהייט. דערביי האט זיך אין די בריוו נישט געפיהלט דער טאן פון א קראנקען מענשען. פארן זיידען האט ער זיך געוואלט תמיד בעוויזען אין פרעהליכען געמיט, ווי עס פאסט פאר אנ'איינִיקעל. עס איז געווען א צייט, וואס די דאקטוירים האבען איהם פערבאטען צו שרייבען זיצענדיג, פלעגט ער זיינע בריוו דיקטירען אויף דער שרייב־מאשין. נאר מיט מענדעלע האט ער זיך ערלויבט צו מאכען אנ'אויסנאהם: צו איהם האבען די בריוו געמוזט געשריבען ווערען מיט זיין אייגענער האנד, און דווקא מיטן פיין-געטאקטען פערלדיגען כתב — „א לא אבראמאוויטש".

נאר איין מאל, געדענק איך, האט מענדעלע בעקומען פון שלום-עליכמ'ען נישט קיין פרייליכען בריוו. דאס איז געווען אין אנהויב 1913, בעת שלום-עליכם איז געלעגען קראנק אין א קליניק אין בערן, און די בערנער ספעציאליסטען האבען געזאגט, אז ער מוז אפערירט ווערען. שלום-עליכם האט בשום־אופן נישט דערלאזט צו אנ'אפעראציע, כאטש ער האט זיך שטארק געשראקען, אז ער וועט די קראנקהייט סיי ווי נישט איבערלעבען. אין אט דעם פערצווייפעלטען צושטאנד האט ער אנגעשריבען צו מענדעלע'ן א מין אבשייד־בריוו, מענ־

שייכות צו מענדעלען זענען אפגעדרוקט אין באנד XXI פון דער איצטיגער מענדעלע־אויסגאבע.
רעד.

דעלע האָט מיך דעמאָלט גערופען צו זיך און געוויזען דעם בריוו. דער אַלטער זיידע איז געווען שטאַרק נידערגעשלאָגען און צו דערזעלבער צייט אויך מאָדנע גערירט.

— ער האָט מיר גאָר דעם קאָפּ אַראָפּגענומען! — האָט ער זיך פאַר מיר געקלאָגט. — איך האָב אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט צומאַכען מיט קיין אויג... הערט אַ מעשה! אַז שלום־עליכם זאָל שוין קאָנען שרייבען אַזאַ בריעף — איז פע, נישט גוט!... „געוואַלד, שרייט ער, זיידע, איך שטאַרב!... פע! פע! וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון? ווי קומט דאָס צו איהם?... ער האָט מיר גאָר דעם קאָפּ אַראָפּגענומען!...

ער איז געזעסען ביי זיין גרויסען שרייבטיש אַ פער־וואָלקענדער מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגען, און גערעדט ווי פאַר זיך:

— זיי זאָגען דאָך שוין אַלע איצט: זיידע, זיידע... מילא, מהיכא־תיתי, זעהר פיין, איך האָב צו זיי גאָרנישט... דער אמת'ער אייניקעל איז דאָך אָבער פאָרט ער!... נאָך פון גאָר די ער־שטע יאָהרען!... עפּעס אַ קליינינקייט ביי מיר שלום־עליכם!... און ווען ווייזט זיך עס אַרויס? טאַקי אין אַ עת צרה... ווי אַנ'אייגען קינד פּעסטעט ער זיך פאַר מיר... האָסטו געהערט אַ ביסעל? ער האָט מיך גערירט ביז טרעהרען, כ'לעבען!...

אַז איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל אָנשרייבען שלום־עליכמ'ען אַנ'ענטפער און איהם בערוהיגען, האָט ער מיך אָנגעקוקט כמעט ווי ברוגזלעך:

— מענש איינער, ווי קאָן איך? ס'איז דען עפּעס גאָר אַ קאַטאָוועס זיך אַוועקזעצען אין אַזאַ צושטאַנד שרייבען בריוו־לעך?... בפרט, אַז אַליין בין איך אויך קראַנק און צעבראָכען, און דאָס טינטערל שטעהט שוין ביי מיר לאַנג פערטריקענט...

שלום־עליכם האָט קיינמאָל נישט געקוקט דערויף, וואָס דער זיידע איז געווען קאַרג אויף שרייבען בריעף. ער האָט געוואוסט, ווי שווער עס קומט איהם אָן דאָס שרייבען, דער־הויפּט אין די יאָהרען פון זיין הויכען עלטער, ובפרט אין אַ צייט, ווען „דאָס טינטערל שטעהט ביי איהם פערטריקענט", —

און ער האָט דעריבער נישט געפיהרט מיט איהם קיין חשבונות. ער האָט איהם גערן געשריבען, וויסענדיג פאָראויס, אַז נישט אַלע מאָל קאָן מען פון איהם ערוואַרטען אַ תשובה. דאָס איז פאַר איהם געווען אַנ׳איינגענעמע פליכט, אַ מין „כבוד-אב” און אַפילו אינם לעצטען יאָהר אין אַמעריקא, ווען ער האָט צו קיינעם פון זיינע חברים אין רוסלאַנד קיין בריעף נישט געשריבען (טיילווייז מחמת זיין געדריקטער שטימונג, און טייל-וויז דערפאַר, וואָט מ׳האָט נישט געטאָרט שרייבען אַהין אויף יודיש), איז דער זיידע געווען דער איינציגער, וועמען ער האָט געשיקט זיין גרוס איבערן ים, כאָטש אויף אַ פרעמדער שפראַך און כאָטש אין אַ געדריקטען געמיט, וואָס מען קאָן זעהען פון דעם אָבגעהאַקטען, קורצאָטעמדיגען סטיל. דאָס איז געווען דאָס לעצטע געזעגענען זיך צווישען אייניקעל מיטן זיידען, און די לעצטע פראַזע אינם בריוועל קלינגט אַזוי רירענד, ווי דער סוף פון אַ לעבענסלאַנגען דועט, געזונגען אויף צוויי באַזונדערע שטימען, נאָר דורך צוויי נאָהענטע, מיט ליב און נשמה פער-וואַנדטע קינסטלער אויף איין בינע:

„אויף ווידערזעהען. צי וועלען מיר זיך נאָך זע-הען מיט אייך אויף דער וועלט?...”

אויסצוגען פון אַרטיקעל אין „שלום-עליכם-בוך”, „מיט דער משפחה פון שריפטשטעלער”.

מ. ספעקטאָר

מענדעלע מוכר־ספרים

הויך און שלאַנק־געוואַקסען, מיט זילבערנע האָר אויף דעם קאָפּ און אין דער באָרד, קוקט ער אויף גאָטס וועלט מיט גוטע און קלוגע אויגען.

איהר מעגט זיין מיט איהם וועהניג בעקאַנט, איהר מעגט איהם זעהען דאָס ערשטע מאָל, ווערט איהר האָבען גרויס נחת, ווען איין קומט אויס צו רעדען מיט איהם.

יעדעס וואָרט זיינס טראָגט אַריין אין יעדען האַרץ ליעב־שאַפט און ווארעמקייט. — —

ר׳ מענדעלע איז פון די געצעהלטע יודישע שריפטשטע־לער, וואָס וואוינען אין גרויסע צימערן...

ער האָט נישט ליעב קיין צימער מיט אַ סך אָנגעשטעלט מעבעל, אָדער ווי ער רופט אָן אַזעלכע צימער, „סקלאַדען פון מעבעל״, ער האָט אומעטום ליעב די פרייהייט.

שעה׳ן לאַנג האָט ער ליעב איינער אַליין צו שפּאַצירען איבער דעם זאַל הין און צוריק און דערהויבט אין די טעג, ווען ער האָט פערטראַכט „זיך זעצען״ עפּעס אָנשרייבען...

נאָהענטע בעקאַנטע—ווען ער ברויכט מיט זיי רעדען—האָט ער ליעב געהמען געאָרעמט און צוזאַמען מיט זיי שפּאַ־

צירען איבער דעם זאַל ביז ער ענדיגט נישט דעם געשפּרעך.

און אין דעם לעדיגען זאַל רופען זיך אָב זיינע ווערטער, קלינגענדיג און הילעכדיג, און אין דעם דאָזיגען זאַל ווערט פול מיט לעבען און עס ווייזט זיך אויס, אַז עס רעדען און פיהרען אינטערעסאַנטע שמועסען אַ סך מענשען.

ווען ר׳ מענדעלע געהט זיך „זעצען שרייבען״, מאַכט ער הכנות ווי צו אַ הייליגער אַרבייט...

אויף דעם טיש, וואו ר׳ מענדעלע זעצט זיך שרייבען, מוז זיך געפינען אַ מדרש, אַ ש״ס׳ל און אַ תנ״ך׳ל.

דאַכט זיך, וואָס געהערען זיך אָן די ספרים צו דער „קליאַטשע״ צו „פישקע דעם קרומען״ א. ד. ג. פון אַבראַמאָ־וויטשעס טיפען; דאָך אָהן די ספרים קומט נישט צו איהם דער רוח־הקדש, די „מוזע״, ווי די פּאָעטען זאָגען.

יעדע שורה, וואָס ער דאַרף אָנשרייבען, ווערט פריהער גוט בעטראַכט, דערנאָך גוט אויסגעאַרבייט, אָדער ווי אַבראַ־מאָוויטש רופט עס אָן — „פיילען״. ביי איהם דאַרף יעדער זאַץ האָבען אַ „קאָנסטרוקציע״ און אויסגעאַרבייט ווערען מיט אַלע „פליטערלעך״.

דאָס רוב האָט ער ליעב צו שרייבען אויף גרויסע בויגענס פּאַפּיער און אַז ער ענדיגט אַ זייטעל, הויבט זיך ווידער אָן דאָס פיילען מיט אַלע פליטערלעך: אויף יעדער שורה ווערט אָפט אַרויפגעשריבען נאָך אַ שורה, און אויף דער דאָזיגער שורה —ווידער נאָך אַ קליין שורה׳לע און אויף דער קליינער שורה׳־לע ווערט צוגעשריבען מיט ברעקלעך אותיות׳לעך נאָך אַ קלע־נערע שורה׳לע—אַזוי אַז אין אַבראַמאָוויטשעס כתב־יד קאָן מען געפינען אַ דריי און פינף גאָרענדיגע שורה.

נאָר צום דרוק ווערט איבערגעגעבען אַבראַמאָוויטשעס כתב־יד ריין ווי „פּערעלעך״, אָהן אַ שום קלעק. פערשטעהט זיך, אַז אין די זעצער האָט אַבראַמאָוויטש דערפאַר די בעסטע פריינד...

— אַ פערגעניגען, אַ געזונד, זאָגען זיי, צו זעצען ר׳ מענדעלע׳ס כתב־יד.

מענדעלע־טורעם

ווען דער כּתבֿ־יד איז שוין אײנגאַנצען בײַ איהם פֿאַרטיג און עטליכע מאָל „אָבגעפּיילט“ און „איבערגעפּיילט“—האָט ער נישט ליעב געהאַלט עס אָוועקגעבען צום דרוקען.

אַ כּתבֿ־יד, זאָגט ר׳ מענדעלע, אַז ער איז שוין אײנגאַנצען פֿאַרטיג מיט אַלע „פּליטערלעך“, האָט ליעב עס זאָל זיך „אָנוואַרעמען“, „אויסוואַרעמען“...

פֿון בוך „מאָמענט־פֿאָטאָגראַפֿיעס“, געקירצט.

א. ווייטער

דער אָנהויב

ראַכט זיך, ביי אַלעמען איז געווען אַזוי, ביי אַלע פעל־קער אין אָנהויב פון זייער ליטעראַרישען שאַפען, אָנגעהויבען האָט מען פון דעם אונגעוועהנליכען, פון דעם אויפפאַלענדיגען. איבערשאַפען פלעגט די ליטעראַטור אָדער דאָס, וואָס איז אין אמת'ן נישט געוועהנליך, אָדער דאָס, וואָס זעהט נאָר אויס אַזוי. קומען אין דער ליטעראַטור אַריין פלעגט נאָר דאָס אויס־טערלישע.

און ממילא — דאָס געפעלשטע.

פאַלש איז געווען די אַרט שאַפען. נישט צונויפגעגאָסען איז געווען דער שאַפענדיגער מיט דעם געשאַפענעם. אַ מין, אַ כונה אַ זייטיגע, איז געלעגען צווישען זיי. די ליטעראַטור האָט געוואָלט וועהלען אָדער מיט דעם פאַנטאַסטישען פון דעם אַלטען פסעוודאָ־קלאַסיציזם, אָדער מיט דעם קאַלט־צוגעטראַכטען פון דעם אַלטען ראָמאַנטיזם, אָדער גאָר מיט'ן וויץ, מיט דער קאָמישער תנועה פון דער אַלטער הומאָרעסקע.

פאַלש איז געווען דער אינהאַלט פון דעם שאַפען. אפילו אין סאַמע אָנהויב פון איהר ענטשטעהען פלעגט יעדע ליטעראַ־טור האָבען צו טהון מיט די אייביגע פראַגען אונזערע, מיט

די שטענדיגע פאַרבען פון לעבען — סוף־כּל־סוף מיט דעם זין פון לעבען. נאָר אויפגעדעקט פלעגט ווערען אָט דער זין פון לעבען אין דער קרומקייט פון זעלטענעם, און דאָס אַליין פלעגט דעם דאָזיגען זין פערקרימען.

און שטענדיג פלעגט קומען איינער, דער אמת׳ער, דער, אין וועמען ס׳פלעגט זיך אָנזאַמלען די שאַפענדיגע קראַפט פון גאַנצען פאָלק, פלעגט זיך אויך אָנגעמען פאַר די אַלטע פאָר־מען און פלעגט זיי גובר זיין. מיט דעם געוואַלדיגען כּוח, וואָס נאָר אַ גאַנץ פאָלק קאָן געבען, פלעגט ער סוף־כּל־סוף דורכברעכען דאָס פאַלשע פון די אַלטע פאָרמען און קומען צום אמת׳ן שאַפען, צום עטישען שאַפען.

און וואָס גרעסער די שאַפענדיגע קראַפט פון דעם איי־נעם פלעגט זיין, וואָס שטאַרקער און עטיש־געזינטער דאָס פאָלק פלעגט זיין, אַלץ וועהניגער שפורען פון דעם אַלטען פלעגט בלייבען ביי דעם מייעם שעפער, ביי דעם אָנהויבער פון דער נייער עפּאָכע, און אַלץ וועהניגער לעבענ׳ס־פעהיג פלעגען בליי־בען די דאָזיגע שפורען.

דאַכט זיך, אַז אין אָנהויב פון יעדער ליטעראַטור צוזאַ־מען מיט דעם פאַנטאַסטישען הערשט די סאַטירע. דאָס איז די צוגענגליכסטע פאָרם פון יענער צייט. פאַר די, וואָס שאַפען מיט דעם מיין צו פערוויילען, איז די סאַטירע דאָס גינסטיגסטע מיטעל. דאָס פאַנטאַסטישע מאַכט מיד; נעהמט מען דאָס, וואָס זעהט אויס אונגעוועהנליך, וואָס האָט דעריבער דעם אויסזעהן פון דעם פאַנטאַסטישען, נעהמט מען דאָס זעלטענע, אין וועל־כען עס ליגט אַ צופעליגע דיסהאַרמאָניע — דאָס אויבערפלעכ־ליך־קאָמישע.

צום ביישפּיל, ליעבע — די אייביגע טעמע. אַ לעגענדאַ־רער ריטער ליעבט אַ פערכישופ׳טע פּרינצעסין. איינער, אַ מענש, ליעבט אַ געוועהנליך מיידעל. אַ קרומער „בורקוט“ איז פער־ליעבט אין אַ בלינדער מיאוסקייט, מיט וועלכער ער געהט

איבער די הייזער. אין אָנהויב פון דער ליטעראַטור זעהט דעם שרייבער׳ס אויג אָדער דאָס ערשטע אָדער דאָס לעצטע. דער געוועהנליכער פאַל, דער צווייטער, פערדיענט נישט זיין אויפמערקזאַמקייט. און פון דיביידע אונגעוועהנליכע, פון די אינטערעסאַנטע פאַלען, איז אין דער צייט דער אינטערעסאַנטסטער, דער צוגענגליכסטער דער דריטער פאַל — דער קאָמישער, דער אויפפאַלענדיג-קאָמישער.

ווי אין אַ צירק. עס שפּרינגט אַרויס דער פּאַיאַץ. אונגעוועהנליך געקליידט, אַנ׳אונגעוועהנליך אויסזעהן. געוואַלדיג ברייטע הויזען און געוואַלדיג קורצע. אַ משוגה׳דיגער ראָק. האָט שטענדיג האָר פון אַ נישט געוועהנליכער פאַרב. אַ פאַנטאַסטישע נאָז. און געקרוינט מיט דער פּאַיאַץ-מיץ. מיט דער בעריהמטער פּאַיאַץ-מיץ... יעדער טריט זיינער בעדאַרף זיין אַ פערדרעהטער, ביי יעדען וואָרט — אַ תנועה. אַן „אינטערעסאַנטע״ תנועה. לאַכט ער — בעדאַרף ער לאַכען געוואַלדיג, וויינט ער, דאַכט זיך — טייכען גיסען זיך, פאַלט ער — דרעהט ער זיך דריי מאָל מיט׳ן קאָפּ אַריבער...

און אַז עס קומט דער איינער, דער אמת׳ער, נעהמט ער אויך די אַלטע געפּעלשטע פאָרם, הויבט ער אויך אָהן פון דעם פאַלשען קלאַסיציזם, פונ׳ם אויסגערעכענטען ראָמאַנטיזם אָדער — עפּטער — פון דער אַזוי-גערופענער סאַטירע און איז זיי — די אַלטע פאָרמען — גובר; בויענדיג אין זיי, צעשטערט ער זיי און לעגט דעם ערשטען, דעם וויכטיגסטען ווינקעלשטיין אויף דעם צוגעגרייטען באָדען.

אַזוי האָט גאָגאָל אָנגעהויבען פון דעם קאָמישען פּריץ, וואָס האַנדעלט מיט טויטע נפשות, און אין דער אַלטער פאָרם פון אויפפאַלענדיגען און אויסטערלישען, פון צופעליגער דיסהאַרמאָניע און צייטווייליגע ווידערשפּרוכען, און געשאַפען אַ געניאַל-טראַגיש בילד פון אַ גאַנצען דור בפרט און פון אַ גאַנצען פאָלק בכלל. אַזוי האָט סערוואַנטעס אָנגעהויבען פון דעם אַלטען בעקאַנטען קאָמישען פערשוין, וואָס גלויבט אַליין אין זיינע לופט-שלעסער, און געענדיגט מיט אַ מאָנומענטאַלען טיפּ.

פון דעם דאָן-קישאָט, וועלכער קיין קינסטלער פון קיין פאָלק האָט נאָך עד היום נישט געקאָנט איבערשטייגען.

נישט דווקא מיט דער סאַטירע, וואָס איז גובר זיך אַליין, הויבט זיך אָהן די ליטעראַטור. נעבען גאָגאָל'ן איז געשטאַנען פושקין, וואָס האָט בעזיעגט די אַלטע פאָרמען אין דעם קלאַסיציזם און אין דעם ראָמאַנטישען, גייסטיג-רייכערע פעלקער, אָדער גייסטיג-טיעפערע (טראַגישע) פעלקער האָבען דווקא אין דעם ראָמאַנטישען געפונען דעם נייעם וועג, וואָס פיהרט פון דעם געפעלשטען צו דעם אמת'ן, צו דעם עטישען.

אַ פאָלק, וואָס פערמאָגט אַזאַ רייכע קולטור-ירושה, אַ פאָלק, וואָס איז דערצו אַזוי טיעף טראַגיש, ווי יודען, האָט אייגענטליך אויך געדאַרפט געפינען דעם וועג צו דעם עטישען שאַפען נישט אין דער הלצה, אין דעם אייגענטליך-אונעטישען וויץ פון דער סאַטירע, נאָר אין דעם ראָמאַנטישען. אַזוי האָט בעדאַרפט צו זיין. נאָר אַזוי איז עס נישט געווען.

ווער ווייסט פאַר וואָס? ווער ווייסט, פאַר וואָס און ווי אַזוי עס רייסען זיך פלוצלינג איבער ביי אונז די קוואַלען פון שאַפען, פאַר וואָס און ווי אַזוי מיר זענען געקומען פון דעם מקונן ירמיהו דורך די מאַיעסטעטישע שפּאַנישע יודען, דורך די געניאַלע שעפער פון נאָך שפּאַניען—צום בדחן. ווער ווייסט? נאָר אַ פאַקט איז דאָס. דער אָנהויב פון אונזער ליטעראַרישען שאַפען איז געווען די בדחנישע סאַטירע.

געווען איז דער אָנהויב — שלום יעקב אַבראַמאָוויטש.

און נישט דאָס, וואָס ער איז געווען, איז ער געוואָרען. פון אַבראַמאָוויטשעס פסעוודאָנים ביז דעם כאַראַקטער פון זיין שפּראַך, און — נאָך מער — ביז דעם כאַראַקטער פון זיינע העלדען, איז מענדעלע מוכר ספרים איינגעטונקט געווען אין די אַלטע געפעלשטע פאָרמען, אין דער אַזוי גערופענער יודישער סאַטירע. פאַרמאָגט אָבער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש די קראַפט, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק האָט אַזוי פיעל צעהנדליגער יאָהרען

געזאַמעלט צום שאַפען און זי צום שאַפען נישט אויסגענוצט, פערמאָגט ער די געוואַלדיגע קראַפט, וואָס דער אמת'ער, דער אָנהויבער בעדאַרף צו האָבען, און אין די אַלטע פערדאָרבענע פאָרמען האָט ער אויסגעבויט ריינע בנינים, איינגעמויערט די ווינקעלשטיינער פון דער יודישער ליטעראַטור, געשאַפען איהר אָנהויב.

ער האָט דעם אַלטען בדחן בעזיעגט. אין זיך אַליין האָט ער איהם בעזיעגט. דער נייער אינהאַלט, דער עטישער אינהאַלט פון מענדעלע'ס שאַפען האָט צושטערט די פאָרמען פון זיין שאַפען. די גרויס פון מענדעלע מוכר-ספרים איז די גרויס פון פאָלק אין דער צייט. וויפיעל שאַפונגס-קראַפט דאָס פאָלק האָט אין יענער צייט פאַ־מאָגט, אַזוי פיעל האָט עס מענדעלע'ן אָבּ-געגעבען. און פונקט אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט נאָך אין יענער צייט נישט געהאַט דורכגעמאַכט, נישט פערענדיגט די תקופה פון דעם בדחן — און אפשר האָט זי זיך דאַן ערשט אָנגע-הויבען — אַזוי האָט אויך מענדעלע מ"ס נישט אין גאַנצען בעזיעגט די אַלטע פאָרמען. די אַלטע פאָרמען זענען נאָך אויף אַ לאַנגער צייט — אונזער צייט אויך אין כלל אַריינגערעכענט— געבליבען לעבענספעהיג.

און דעריבער ציהען אַלע דעם יחוס פון איהם. אַלע זע-נען מיר — די גרויסע און קלענערע, די גרעסערע און גאָר קליינע — אַלע זענען מיר מענדעלע'ס אייניקלעך. נאָר אין מענדעלע'ס משפחה געפינט זיך נאָך עד היום דער בדחן און ער האָט אויך דאָס רעכט אויפ'ן יחוס-בריוו.

מענדעלע מ"ס איז דער אָנהויב פון דער יודישער ליטע-ראַטור, נאָר דער אָנהויב, וואָס ציהט זיך נאָך, וואָס איז נאָך אַלץ אַן־אָנהויב. איצט זעהט מען שוין, ווער פון די אייניקלעך איז פער'משפט אָהן אַ ליטעראַרישען דור צו בלייבען און ווער וועט ווייטער שמידען די רינגען פון דער קייט. דערווייל אָבער איז נאָך די יודישע ליטעראַטור נישט דורכגעגאַנגען די אַלע פאַזיסען פון מענדעלע'ס אָנהויב...

זיין איז ער אָבער דער אמת'ער, דער אָנהויבער, דער, וועמעס נאָמען די יודישע ליטעראַטור וועט שוין שטענדיג טראָגען, ווי איהר פאָהן.

אַלטונג און עהרע איהם!...

1910

בעל־מחשבות

שלום יעקב אַבראַמאָװיטש

I

פופציג יאָהר זענען אַװעק זינט ש. י. אַבראַמאָװיטש האָט אָנגעהױבען צו שרײבען. װי בײ אַלע ליטעראַטען, האָבען זיך אין זײן אױג און גײסט שאַרפער פאַר אַלץ אָבגעשפּיגעלט די אײנדרוקען פון זײן פריהער קינדהײט, און לעזען טהוען איהם מענשען, װאָס זענען שױן טיעף אַרײנגעװאַקסען אין צװאַנציגס־טען יאָהרהונדערט, בײ די ברעגעס פון אַבראַמאָװיטש׳עס װערק רײבען זיך, אײגענטליך, פיער דורות: דער עלטער־זײדע פון די ניקאָלאַיעװסקע צײטען און דער אור־אײניקעל, װאָס האָט שױן דורכגעמאַכט אױף זײנע פלײצעס די בהלה־צײט פון אַ רוסישער רעװאָלוציע. און צװישען דעם אונטערטאַן פון ניקאָלאַי דעם ערשטען און דעם אור־אײניקעל ליעגט אײנגעשפּאַרט עפּיס אַ פערזעהעניש — די השכלה־עפּאָכע — מיט איהרע מענדעלסאָנ׳ליך און איהרע פעטערבורגער חברות. אַודאי, האָבען די פיער דורות אַנ׳אינװײניגסטען צוזאַמענהאַנג צװישען זיך. אָבער שלום יעקב אַבראַמאָװיטש האָט זיך נישט אָבגעגעבען דערמיט אונז צוזאַ־מענצוקניפּען די דורות. בולט׳ער פון אַלץ טרעט אַרױס פאַר אונז אין זײנע װערק דער עלטער־זײדע, שאַרפער װי די שפּע־

טערדיגע שילדערונגען שילדערט ער אונז, דער זיידע ר׳ מענ־דעלע, די סביבה און דעם גייסט פון דער צייט, ווען זיינע טאַטעס און פעטערס האָבען נאָך געטראָטען אויף די קאַבצאַנס־קער נהלאות. ריין אָביעקטיוו געגומען, זעהען מיר ביי ר׳ מענ־דעלע׳ן נישט קיין איבערגאַנג פון אַמאָל צום היינט. פערטיע־פענדיג זיך אין זיין וועלט, פערליערען מיר דעם חוש פאַר דער היינטיגער יודישער גאַס. ווען מיר קלאַפּען־צו זיינס אַ „ספור המעשה״, דוכט זיך אונז, אַז מיר האָבען עפּיס דורכגע־לעבט אַ חלום, וואָס האָט גאָר קיין שייכות נישט צו דעם איצ־טיגען קאָכענדיגען טאָג.

דער מענשליכער גייסט, וואָס בעזיצט דעם געטליכען כח זיך דורכצופאָהרען אין איין רגע איבער געשטאָרבענע פאַרציי־טיגע וועלטען און דורות, — וואָס איז געבענשט מיט דער גאָב „להזכיר נשכחות״ און צו פערגלייכען דאָס אַלטע טויטע אַמאָל מיט דעם וואַרימען לעבעדיגען היינט — ווערט נשתומם און צוטומעלט, ווען ער פאָהרט זיך דורך פון דעם היינטיגען דור צו דער צייט פון אַ „ר׳ שלמה בן חיים... בעת יודען האָבען בתמימות געגלויבט, אַז משה מאָנטעפיאָרע איז געקומען אָבקוי־פען ביי ניקאָלאַי דעם קיסר זיינע רוסישע יודעלעך. עס דוכט זיך אויס, אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין שום קרובה־שאַפט צווי־שען דער היינטיגער יודישער וועלט מיט איהרע עמיגראַנטען, עקסטערנעס, דענטיסטען, חדרים מתוקנים, מלמדים עברית־בעברית, הענדלער מיט לעבעדיגער סחורה, גרענעץ־אַגענטען, מיט איהרע ציוניסטען, טעריטאָריאַליסטען, פועלי־ציון; מיט איהרע צייטונגען, מוזיקאַלישע חברות, קולטור־קאָנגרעסען, צוזאַמענפאָהרען; מיט איהרע האַנדווערק־שולען, פרוב־קאָלאָניעס און אָוועגד־קורסען; מיט די צעהן־דאָקטאָרקעס, בערנער קורסיסטקעס און פאַריזער כלה־מייד־לעך; מיט איהרע ליטעראַטען, בונדיסטען, צושויבערטע דעקאַ־דענטען — און מיט דער וועלט פון אַ ר׳ מענדעלע, וואָס איז בעשטאַנען פון „אַ חאַפער, אַ מגיד, אַ מוסר; פון אַ שמש, אַ קהל׳שען שרייבער, אַ סבאָרשטשיק, אַ דעפּוטאַט, אַ בעל־עצה, אַ בעל־טובה; פון בעהעלפערס, מלמדים, שדכנים, בדחנים, בטלנים,

גבאים, משולחים און ישיבה-בחורים, פרושים, לומדים, זיידענע מענשען, שעהנע יודען, טאַטענס קינדער, תהילים-זאָגער, משניות-לערנער, בעלי תפלות, שופר-בלאָזער, דריידלעך-מאַכער, פורים-שפּיעלער, מצה-רעדלער ביז די דיינים, שוחטים, מנקרים, משגיחים, טוקערינס, קניידלעך-לעגערקעס, פעלד-מעסטערינס א.א. וו."

ווען מיר קוקען זיך איין אויף דער יודישער גאַס, וואָס עס ווייזט דער אַשמדאַי דעם צוטראָגענעם ישראל'יק'ן אין ר' מענדעלע'ס „קליאַטשע", ווען מיר זעהען שווייבלען און גריבלען אויף דער גאַס: „פּאה'קעלעך, גערגעלעך, מערידענעלעך, שיך-און-זעקעלעך, פּיאַטקעלעך, פּאַטשיילקעלעך, פּושקעלעך, קעסטעלעך, קאָכלעפּעלעך, שרייערלעך, גראַגערלעך, גלות-ליכטלעך, קאָרפּירער אתרוגים'לעך און כפרה-הינדלעך" — און מיר קעהרען זיך צוריק פון דעם עולם-התהו צו דער היינטיגער יודישער גאַס מיט איהר, אייניגער-מאַסען אויסענווייניגסטער ציכטיגקייט און איירא-פּעאישקייט — דוכט זיך אויס, אַז די צייט האָט שוין לאַנג אָבגעוואַשען דעם זכר פון אַבראַמאָוויטש'עס וועלט; אויף דעם אַלטען בית-עלמין האָבען זי שוין ווערים צוגעסען און איבער איהרע צופוילטע גליעדער האָט אויפגעשפּראָצט גאָר אַ ניי לע-בען, גאָר אַ ניי-מאָדנער שטייגער פון אַ יוד און פון אַ יודי-שער גאַס.

און ווייטער דוכט זיך אויס, אַז נישט נור אויסערליך האָט זיך געביטען די יודישע גאַס, נאָר אויך אינערליך. צו אַבראַמאָוויטש'עס צייטען, ווען אַ יוד האָט זיך גענומען צו השכלה, איז צוערשט געבאָרען געוואָרען ביי איהם אין האַרצען אַ פּעראַכטונג צום יודען אַלס יודען, און צו דער יודישער סביבה. „איך וועל בלייבען אַ יוד און נישט קיין מענש" — האָט זיך געשראָקען ישראל'יק, בעת ער האָט זיך בעשלאָסען נעהמען זיך צו די ביכלעך — „איך וועל בלייבען אַ רעטעניש, עפּיס אַ פּאַניע, וואָס קעהרט אויס, רייניגט אומעטום אויס, און בעהאַלט זיך אַליין אין מיסט, ערגיץ אין אַ ווינקעל, דאָס מיינט מען אַ בעזים! עפּיס אַ פּאַניע, וואָס דרעהט זיך אַרום דאָ און איז

פאָרט נישט דאָ אויף דעם עולם, וואָס איז פלייש און בלוט אין זי דאַכט זיך פאָרט איטליכן אויס, עפּיס איז זי גאָרנישט״! (קליאַטשע קאַפּ 1). אַרבעטען אין פאָלק, פאַר׳ן פאָלק הייסט זיין אַ „פּאַניע, וואָס קעהרט אומעטום אויס און בעהאַלט זיך אַליין אין מיסט״. די השגות „מענש״ און „יוד״ זענען געווען אַזוי ווייט איינער פון אַנדערען, אַז מען האָט זיך גאָרנישט גע-קאָנט פאָרשטעלען זיי צו פעראייניגען. איצט אָבער, ווען מיר האָבען זיך דערקענט, אַלס איינצעלנע טראָפּענס פון איין יודי-שען קוואַל, קומט אונז אויס משונה׳דיג די פאָרשטעלונג נישט צו ווערען זיין די „פּאַניע, וואָס קעהרט אומעטום אויס און בעהאַלט זיך אַליין אין איהר אייגענעם מיסט״. גראָד דאָס, וואָס אין דער צייט פון דער השכלה-עפּאָכע האָט אויסגעזעהן אין די אויגען ווי מיסט (מיר מיינען די יודישע סביבה) — האָט בע-קומען היינט ביים יודען אַ בעזונדער אָנציהונגס-קראַפט. דער היינטיגער יוד זוכט גראָד „דעם ווינקעל״, וואו ער זאָל זיך קאָנען בעהאַלטען, ד. ה., וואו ער זאָל זיך קאָנען פיהלען ווי ביי זיך, ווי אין דער-היים. ווייטער איז מען נאָך צו יענער צייט נישט דערגאַנגען צו דער השגה פון זעלבסט-טעטיגקייט. דער יוד, דער פיהלענדער און דענקענדער יוד האָט העכסטענס געפאָדערט גערעכטיגקייט פון זיינע בעלי-בתים צו איהם. אָבער קיין מאָל איז איהם נישט איינגעפאַלען צו וועקען אין זיך אַ רצון אומצואַנדערשען זיינע כלל׳ישע געפיהלען בנוגע צו דער צוקונפט פון אייגענעם פאָלק. אין ר׳ מענדעלע׳ס „קליאַטשע״ געפינען מיר אַ ביטער סאַטיריש פערהעלטניש „צו די נייע מאָדנע יודישע נאַרען״, וואָס האָבען אין דער בילדונג געפונען דאָס מיטעל, ווי צו מאַכען פון דער „קליאַטשע״ אַ מענשען. „איטליכס בעשעפעניש, וואָס ווערט געבוירען איז קודם-כל אַ לעבעדיגע זאַך, פערזאָרגט מיט אַלע אברים, טאַקי פון זיינעט-וועגען, בכדי דורך זיי צו בעקומען אַלצדינג, וואָס עס בעדאַרף נויטיג האָבען צום לעבען. עס האָט, אַ שטייגער, אַ מויל אויף צו עסען, עס האָט אַ נאָז, כדי צו עטעמען, עס האָט פיס, כדי צו געהן, נישט כדי צו טאַנצען, טאַנצען און נאָך אַזוינע

שמאָכטעלייען זענען אויסגעטראַכטע מעשיות, דאָס האָט מען אַליין זיך אויסגעטראַכט שפּעטער און עס אַ נאָמען געגעבען „בּילדונג" — ענטפּער־ט די „קליאַטשע" דעם גרויסען בעל־רחמנות ישראל'יק'ן. זי גלויבט נישט אין הומאַניזם, מענשליכ־קייט, בּאַרמ־הערציגקייט, רחמנות, זי האָט אויך קיין צוטרויען נישט צו אוטיליטאַריזם, צום נוצליכקייטס־געפיהל פון מענשען, וואָס זאָגט, אַז וואָס ווייניגער מען פּייניגט אַ מענשען, אַלס נוצליכער איז ער פאַר'ן כלל. זי האָפט נאָר אויף יושר, גע־רעכטיגקייט. אָבער אין ערגעץ הערט איהר נישט דעם קול פון אַ געזונטען לעבענס־געפיהל, וואָס וועקט אַ שטאַרקע זעלבּסט־שטעטיגקייט. דען וואָס איז דער ציוניזם, בּונדיזם, טעריטאָריאַ־ליזם א. ז. וו. אַלע די בּעוועגונגען, וואָס האָבען אָנגעהויבען וועקען אַ יודיש האַרץ, ווען ניט דער פאָלקס־אינסטינקט פון זעלבּסטשטעטיגקייט?

אין אַבּראַמאָוויטש'עס צייטען איז דער יוד געווען אַלס פאָלק פּאַסיוו, היינט, אָבער, דוכט זיך, איז ער אַקטיוו. אין ר' מענדעלע'ס דור זענען די סאָציאַלע געפיהלען פון יוד גע־ווען פערטויבט, עס איז נישט געווען קיין בּעוואוסטזיניגער כלל, נאָר איינצעלנע אינדיווידועןן, וואָס עס האָט זיי צוזאַמענ־געהאַלטען אַן אויסערע לעבענס־פאָרם. די יודישע גאַס פון ר' מענדעלע'ס וועלט האָט געהאַט אַ שוואַכע בּעוואוסטזיניג־קייט. חאָטש אויסערליך האָט זי געהאַט אַלע סמנים פון רוח־ניות — פּאות'לעך און שיך און זעקלעך האָבען פול געמאַכט די ירידי'לעך און די קליינזלעך — אָבער אינווענדיג האָט זי נישט געהאַט אין זיך קיין לעבען און איז געווען ווי פערגליווערט. פאַר אונז, די היינטיגע, דוכט זיך שוין אויס דער חלוק אַזוי גרויס, אַז מיר זעהען שוין גאָר כמעט קיין המשך נישט צווי־שען דעם זיידען און דעם אייניקעל.

II

דאָך, נישט קוקענדיג אויף אַלע די בּעטראַכטונגען, הערען מיר פאָרט אין אַבּראַמאָוויטש'עס ווערק אַ שטים, וואָס

איז אונז אַלעמען נאָהנט און, דאַכט זיך, גוט בעקאַנט, זעהען מיר דאָך אַלע זיינע שילדערונגען, נאָהנטע געשטאַלטען און היימישע פּנים׳ער. ווי ס׳ווייזט אויס, ליעגט פּאָרט ביי אונז נאָך אַ גלגול פון דעם יודעל, וואָס האָט געלעבט אין די יאָהרען פון ניקאָלאַי׳ס צייטען. אָדער צי האָט אַבראַמאָוויטש עפּיס בעריהרט אַזאַ קנייטשעלע אין דער יודישער גלות-נשמה, פון וואָס מיר, די אייניקלעך, זענען נאָך עד-היום נישט פריי געוואָרען?

אמת, אַז מען זאָל נעהמען צוגלידערען ר׳ מענדעלע׳ס ווערק אויף אַ ריין-פּראָטאָקאָליסטישען שטייגער, וועלען מיר אין זיי נישט געפינען קיין שטעגעלע, וואָס זאָל זיין עהנליך צו אונזערע היינטיגע גלות-וועגען. אָבער צי האָט דאָס גאָר אַ זין צו פערגלייכען שילדערונגען פון אַ קינסטלער-האַנד מיט אַן׳אַלטער פאָטאָגראַפיע פון אַן׳אַמאָליגען פאָטאָגראַף? געוויס, האָט זיך דאָס אויסערליכע פּנים פון היינטיגען לעבען, געענדערט, אויך אינערליך זענען מיר אַנדערע געוואָרען, די טיעפערע אָבער, די שטיל-פערבארגענע קנייטשען פון אונזער גלות-נשמה, וואָס דאָס זעהט נאָר אַ גאָט געבענשטער קינסטלער, האָבען זיך וועניג וואָס געענדערט. און ווען אונז געלינגט זיי צו ענטפלעקען, האָבען מיר עס צו פערדאַנקען איינציג אַליין אַבראַמאָוויטש׳ען, וועלכער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו כאַפּען מיט זיין פּענזעל „דאָס פינטעלע יוד“.

צוגלייך מיט זיין שכן פון איין לאַנד, גאָגאָל, האָט ער אונז געשילדערט זיין אייגענע צייט. אָבער דערביי האָט ער פּונקט ווי זיין שכן אַ קוק געטהון טיעפער דורך די אויסערע בגדים פון זיין צייט און אונז ענטפּלעקט הוילע, נאַקעטע נשמות, אפשר אייביגע יודישע נשמות. און פּונקט ווי גאָגאָל׳ן געניסט נאָך היינט דער אוראייניקעל פון זיין עפּאָכע, אָט אַזוי געניסען מיר נאָך היינט פון אַ „פישקע דעם קרומען“ אין „מסעות בנימין השלישי“, ווי איטליכער קלאַסיקער, (און אַבראַמאָוויטש איז דער קלאַסיקער פון רוסישען גלות-יודענטום),

פערמאָגט ער אַ סוד, עפּיס אַ מין כשוף, וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקען אין ווערטער,—אַ כשוף, וואָס נויט אונז, די קינדער פון פערטען דור, זיך צו פיהלען פאַר נאָהענטע מחותנים מיט אונזערע נאַרישע עלטער־זיידעס. צי ליגט דאָס אין דעם, וואָס אַבראַמאָוויטש׳ן האָט זיך איינגעגעבען צו כאַפּען דעם טיפּישען קנייטש און לשון פון אַ יודישער אומה מענשען? צי אין דעם, וואָס ער האָט אונז געוויזען דעם כאַראַקטעריסטישען ריטמוס פון אַ גאַנצער עדה יודען? צי אין דעם, וואָס ער האָט שאַרף אַרויסגעשטעלט פאַר אונזערע אויגען די פיעל סתירות אין דער נשמה פון רוסישען גלות־יודענטום?—ווי די מעשה איז צוקלאַפּענדיג איינע פון די בעריהמטע „ספורי־המעשיות" פון ר׳ מענדעלע׳ן, פיהלען מיר אָהן ווערטער, אַז מען האָט אונז געצוואונגען זיך טיעפער צוצוקוקען צו אַ בילד, וואָס איז צוגלייך מיין אייגענעס, ווי דאָס בילד פון אַנ׳עדה יודען, וועלכע מען רופט אָן כלל־ישראל.

ש. י. א. איז געוואָרען דער שילדערער פון דער כנסת ישראל מיט איהר וואָכענדיגער קדושה און איהר צוטומעלטען, אָרימען, גשמיותדיגען לעבען. נישט אין איינצעלנע געשטאַלטען האָט ער אונז געמאָלט די פערצייטיגע וועלט, נאָר אין איהר גאַנצען כלל־ישען אויסדרוק. ער האָט אונז איבערגעבען דעם תמצית, דעם גייסט פון יודישען אתה־בחרתנו׳ניק, ביי וועמען דאָס לעבען פערגעהט צווישען קלויז און מאַרק, ווען אויך די אויסערע פאָרמען האָבען זיך געביטען, אָבער אין תוך בייט זיך נישט אַזוי גיך די נשמה פון אַ גרויסען קבוץ. „אַלץ בעקומט ביי אונז סמנים פון אַ מעקלערשען עסק׳ל", קלאָגט זיך אַבראַמאָוויטש און שילדערט אונז דעם גייסט פון אַנ׳אַמאָליגער יודישער חתונה. „אַפילו חתונה־האָבען איז אויך אַ געשעפט. דער יוד האַנדעלט איין אַ ווייב, דינגט זיך פריהער גוט אויס וועגען מקח, וועגען נדן, וועגען איטליכעס פיצעלע בעזונדער, זענען די תנאים דערפילט כפי המדובר, טאָ קום־ושע, כלה לעב, אונטער דער חופה מיט דעם שדכן, דעם בדחן, מיט דעם גאַנצען פעקעל כלי־קודש, וואָס לעקען פון געשעפט אָב אַ ביינדעל, זיי אַ ווייב,

רייס קריעה און ווער פערשוואַרצט מיט מיר אינאיינעם. אויב די ביזט קלוג אָדער נאַריש, שעהן אָדער מיאוס, דאָס איז שוין דיין עסק. מיר זענען נישט קיין פריצים, האָבען נישט קיין צייט צו קוקען אויף אַזוינע זאַכען, יודען זענען מיר, סוחרים, מעקלער, קרעמער" („פישקע"). און מיר, די אייניקלעך, פיהלען, אַז איטליכעס וואָרט פון פאַרצייטיגען אַבּראַמאָוויטש'ן טרעפט אונז גלייך אין האַרצן אַריין, אין האַרצען פון יודען, וואו עס האָט זיך בעזעצט דער מעקלערישער גייסט אין די הייליגסטע טהועכצען פון זיין לעבען.

ווען מיר לייענען, ווי ישראל'יקן דעם משוגע'נעם האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ יודישע פרנסה און מיר דערזעהען פלוצים דאָס אַלגעמיינע בילד פון אַ יודישען מארק מיט „הונגעריגע, דאַרע טאַנדעטניקעס און אין צעהנען איינגעהויקערטע הענדלערס, וואָס דרעהען זיך הין און הער אַרום אין איינע צרות, קוקען זיך צו און שאַצען ביי זיך אָב איטליכענס קליידער, האָבען אַנ'אויג, ביי ווען עס זענען צוריסען די שטיוועל, ביי ווען די הויזען, ביי ווען די קאַפּאָטע, דערפיהלען אין דער שטאָדט די קלענסטע לאַטע, די מינדסטע שמאַטע... בלייכע, טויטע מענשען, וואָס לויפען נעביך אַרום ווי פער'סמ'טע מייז, שטעקען אומעטום די נאָז אַריין און שמעקען, טאָמער וועלען זיי געפינען עפּעס אַ שטיקעל ברויט... איטליכער איז פערטראָגען, איטליכען שפּאַלט זיך דער קאָפּ, איטליכער פערבייכט אַ ליפּ, מאַכט פּלאַנען און פערטראַכט זיך, איטליכער רוקט אַרויף דאָס היטעל און לויפט, און איז ווי אויפ'ן עולם התהו... מיט אַלערליי סאָרטען קלייטען און קלייטלעך, טישלעך און שאַפּקעלעך, ווי אַ צוואַנציג קרעמער שלאָגען זיך פאַר איין קונד, איטליכער ציהט אים צו זיך און זאָגט איהם צו הרים וגבעות, איטליכען קריכען אַרויס די אויגען צו זעהן אַ גראָשען לייזונג, די קונים און די קרעמער דינגען זיך, שווערען זיך, ביידע שווערען בנאמנות, ביים ווייב, ביי די קינדער, ביי זיין חלק לעולם הבא און גלויבען איינער דעם אַנדערען, ווי דעם הונד" („די קליאַטשע"), — ווען מיר לייענען דאָס, דאַכט זיך אונז נישט

ווילענדיג אויס, אז מיר טרעטען אויפ'ן ברוק פון דער היינטי־גער יודישער גאס מיט איהר אָרימקייט, אימפעט און צוטו־מעלטקייט. ציי קען מען נישט היינט זעהן דאָס אייגענע ביי דער בערזע פון א ווארשא, אָדעס, דאָס, וואָס אבראמאָוויטש האָט געזעהן אמאָל ביי דער פערציייטיגער בערזע אויף קאר־מעליניצער יריד: „א יודעלע אויפ'ן יריד איז, ווי א פישעלע אין וואסער... יודען יריד'עווען, לויפען, האנדלען, שטעהען נישט אויף איין אָרט... ס'איז א טאראראם, א קאָכעניש... דאָרט, זעה איך, לויפט א יודעל, א צוויייטער, א דריטער... פער־שוויצט שטארק, דאָס מיצעל אויפ'ן שפיץ קאָפּ... דאָ א טאפּ, דאָרט א טאפּ, א מאך אהין, א מאך אהער, א דרעה מיט'ן גראָבען פינגער און א קיי דאָס שפּיצעל בערדעל: געפאלען, אפּנים, אויף א המצאה. עס לויפען גאר אָהן א נשמה מעקלער, שדכנים, טאנדעטניקעס, יודענעס מיט קוישען, יודען מיט טאר־בעס מיט פינף פינגער, בעל־הבית'לעך מיט בייכלעך. איטליכען פלאמט דאָס פּנים: „נישטאָ קיין צייט, א רענדיל א מינוט!" („פישקע").

נאָך היינט איז די יודישע מאסע אנ'אָרימע, ביי וועמען „דער מאָגען האָט קיין שום התמנות נישט". נאָך היינט קומט אָב די יודישע מאסע מיט שה"י־פה"י און ווערט נור לעבעדיג, ווען זי הערט „עפּיס רעדען פון געשעפט". נאָך עד היום קאָ־נען מיר מיט א ביטערען געלעכטערל אויף די ליפּען איבער־חזר'ן אבראמאָוויטש'עס אפאָריזם: „א יוד בשעת דער גסיסה, קוים דערהערט ער נור עפּיס געשעפט, ווערט ער לעבעדיג, און דער מלאך המות אליין קאָן דענסטמאָל צו איהם נישט צוטרעטען".

שלום יעקב אבראמאָוויטש, דער פּאָעט פון אונזער וואָ־כעדיגער קדושה, האָט אונז טיעף ענטפּלעקט דעם ווילדען קאָנטראסט פון א יודישער נשמה, וואָס פיהרט זיך אסקעטיש, ווי א קדוש („זיין מאָגען האָט קיין שום התמנות נישט") און איז פול פאר פול מיט וואָכעדיגע ציעלען („מיין ערגסטען פיינד וואָלט איך נישט ווינשען אנצוקומען צו א יודען, בעת עס

דאַכט זיך איהם געשעפט, ער איז מבטל דענסטמאָל איטליכעס, אַפילו דעם בעסטען פריינד, דעם אייגענעם ברודער מיט'ן בליק"), און דערווילדער קנייטש אין דער יודישער נשמה איז געבליבען דער אייגענער, וואָס אין די אַמאָליגע צייטען. אפשר זענען מיר געוואָרען אין דער צייט עקאָנאָמיש פּראָדוק־טיווער, אַ ביסעל אייראָפּעאישער, אַ ביסעל זעלבסטשטענדיגער, אָבער דאָס נייע האָט נאָך נישט אוספּייעט אויסצוגלייכען אונ-זערע אַלטע נשמה-קנייטשלעך און צו בעשאַפען אין איהר נייע שטענדיגע פעלבעלעך. מעג דער לעזער, וואָס גייט-צו צו ר' מענדעלע'ס אַ ספור המעשה, זיך דאַכטען, אַז ער געהט חלום'ען פון אַלטע, שוין געשטאָרבענע צייטען, סוף לייענען אָבער לעגט ער אַוועק אַבראַמאָוויטש'עס ווערק גאָר מיט אַנ'אַנדער געפיהל, מיט וועלכען ער איז צו איהם געקומען. דורך די פאָרמען פון אַמאָליגען לעבען הויבט אָן דורכצושיינען פאַר איהם עפּיס אַזוינס, וואָס איז נאָך אַזוי נאָהנט, אַזוי פריש און וואָס צע-יואונדעט אַזוי לייכט אַ יודיש הארץ.

III

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז, ווי בעוואוסט, דער ער-שטער יודישער קינסטלער אין 19־טען יאָהרהונדערט, וואָס האָט גענומען מיט כונה זיך צוקוקען צו דער יודישער מאַסע. גע־רופען האָט ער זי „כנסת ישראל", „כלל ישראל", אָבער אין דער אמת'ן האָט ער צו טהון געהאַט נישט מיט אַ טעאָלאָגי-שען אָדער היסטאָרישען בעגריף, נאָר מיט דער לעבעדיגער יודישער מאַסע. נישט ווי זיינע חברים פון דער השכלה־צייט, איז ער צו צו דער מאַסע, וואָס האָבען איהר געוואָלט קודם כל אויסלערנען אייראָפּעאישע זיטען און מנהגים און מאַכען אַ ביטעל אויסערליך לייטישער, נאָר מיט דעם מאָדערנעם בליק פון אַ היינטיגען, וואָס האָט גענוי בענומען די יודישע עקאָנאָ-מישע נויט. קיינער פאַר איהם האָט נישט געהאַט אַזאַ שאַרפען בליק פאַר דער יודישער אָרימקייט, ווי ער. די עובדה, וואָס

דער יודישער מאָגען איז פון נישט-עסען צוזאַמענגעשרומפּען, „גרויס ווי אַ כזית", האָט ער שטענדיג געהאַט פאַר די אויגען. ער האָט מיט אכזוריות'דיגע פאַרבען אונז געמאָלט די קבצנ'ישע מאַסע, וואָס מאַכט פול די טונעיאַדאָווקעס און קאַבצאַנאָווקעס און פרוכטפערט זיך, פערזאָרגענדיג די וועלט מיט נייע קבצנים. צוגלייך שיינט אין אַבראַמאָוויטש'עס ווערק אַלע ווייל אַרויס אַ גרויס רחמנות צו אַ מאַסע, וואָס האָט עפּיס קיין התמנות נישט אויף דער זינדיגער וועלט. און וואו און ווען ער קאָן נור, זוכט ער מיט עפּיס מהנה צו זיין די אומגליקליכע מאַסע. דער קינסטלער פון „מסעות בנימין השלישי" ווערט מיט אַמאָל אַנ'איבערזעצער פון די שבת'דיגע זמירות, פון „פרק שירה,", גיט אַרויס פאַר דער דערשלאָגענער יודישער מאַסע קאַלענדערס און טרייסט זי מיט זיין „יודעל". ער טראָגט זיך אַרום מיט דעם געדאַנק צו איבערזעצען דעם תהלים, עס וואָלט זיך איהם וועלען, וואָס מעהר דערנעהנטערען זיינע אָרימע ברידער צו ד׳ר שענקייט, טיעפקייט פון די ספרים, וועלכע זיי האָבען שוין אויפגעהערט צו פערשטעהן. ער דרינגט אַריין אין די פּסיכאָ-לאָגיע פון „דער מאַטעריע יוד, וואו ער פיהלט זיך אַלס פע־דעמעל דרין", און ווייזט אונז די לינדערנדע קראַפט פון זיי־נע ימים טובים, ימים נוראים און זיין בית־מדרש לעבען. דע־ביי ענטפלעקט ער אונז די טויזענדער סתירות און די היפוכים פון יודישען מאַסען-לעבען, וועלכעס איז זיך צייטענווייז אַליין מבטל צי מיט דעם רחמנות, וואָס עס פיהלט צו זיך אַליין, צי מיט דעם חוזק'ל, וואָס שפּעט אָב פון זיך אַליין.

דאָך אַלע די פיינע פסיכאָלאָגישע שטריכען, וואָס מיר געפינען ביי אַבראַמאָוויטש'ען, ווען ער בעהאַנדעלט זיין טעמאַ „די יודישע מאַסע", וואָלטען נאָך נישט אָבגעהיט זיין ווערק פון אונטערגאַנג, ווען מיר וואָלטען נישט געשפּירט דערביי זיין געזונד, נאַטירליך און העכסט־מאָראַליש פערהעלטניס צו דער מאַסע, וואָס ער בעשרייבט. זעלטען, וואו איהר וועט געפינען אין דער יודישער ליטעראַטור אַזאַ נאַאיוועס פערהעלטניס צו דעם יודישען פאָלקס־לעבען ווי ביי אַבראַמאָוויטש. זיינע ווער־

טער: „איך בין אַ פּעדעמעל אין דער גרויסער מאַטעריע, וואָס געהט אונטער דעם נאָמען יוד", „וואָס פיהלט מיט איהם זיינע ליידען און פריידען" זענען נישט קיין פּוסטע מליצות פון אַ שרייבער. ר' מענדעלע „מיט'ן שטעכעדיגען געלעכטערל אויף די דינגע ליפּען" איז אין קלאַסישען זין פון וואָרט אַ פאָלקס-שרייבער, ווי, למשל, די גרויסע רוסישע „נאַראָדניקעס", וועל-כע זענען געוועזן אויסערליך און אינערליך שטאַרק פערקניפּט מיט'ן פּשוט'ן פאָלק. זיי האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען אויף די נידעריגסטע טרעפּלעך פון פאָלקס-לעבען, ווייל זיי האָבען גע-פיהלט, אַז דאָרט וועלען זיי זיך, זייער נשמה געפינען, וואָס איז אַ טייל פון דער גרויסער פאָלקס-נשמה. אָהן אידעאָלאָגיעס, אָהן קונצען האָבען זיי זיך געטובל'ט אין אַן'אַטמאָספערע פון אַ גרויסען קבוץ, גאַרענדיג איינצוזויגען דאָס בעסטע און איי-דעלסטע פון זיין זעעל.

שוין דאָס אַליין, ווי שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז איינ-געדרונגען אין דער שפּראַך פון פּשוט'ן יודען, ווייזט, ווי טיעף ער האָט זיך אָבגעטונקט אין יודישען פאָלק. קיינער פאַר איהם און וועניגע נאָך איהם האָבען געהאַט אַזאַ פיין אויער צו דער שפּראַך פון זיין פאָלק. בלעטערט דורך אַ מעשה פון אייזיק מאיר דיק, וואָס איז געגאַנגען נישט פּשוט צום פאָלק, נאָר ווי אַ מדריך, אַ מוכיח, און פערגלייכט זיין שפּראַך מיט דער שפּראַך פון אַבראַמאָוויטש, און איהר וועט זעהן דעם געוואַל-דיגען חלוק. דער ערשטער איז נישט געקומען זיך עפּיס אָב-לערנען, נאָר אַליין צו ווערען אַ נישט-געבעטענער מלמד. דער אַנדערער איז אָבער געקומען צום פאָלק אָהן פאָרגעדאַנקען און אידעאָלאָגיעס, אָהן שום כוונות און פּרעטענזיעס, און האָט מיט אַן'אָפענעם בליק זיך צוגעקוקט צו זיין לעבען און מיט אַ פיינעם אויער זיך צוגעהאָרכט צו זיין לשון. דער פּועל-יוצא דערפון איז געוועזן, דאָס שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט גע-כאַפּט דעם גייסט פון דער פאָלקס-שפּראַך און איז געוואָרען דער שעפער פון היינטיגען יודיש, וואָס איז פאַר איהם באמת געווען נאָך אַ מיאוס'ער זשאַרגאָן.

די שפּראַך פון יעדען קבוץ איז דאָס דינסטע, לעצטע הייטעל פון זיין נשמה. און שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט זיך שטענדיג געֿטובל'ט אין דער יודישער פאָלקס־נשמה, האָט זיך ממילא בעצויגען מיט דעם דאָזיגען נשמה־הייטעל. מעגען דורות פערגעהן — שטענדיג וועלען מיר מוזען געהן צו ר' מענדע'לע'ן לערנען די שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדט און טראַכט די יודישע מאַסע.

דאָסזעלבע נאַטירליכע פערהעלטניס צום פאָלק געפינט דער פערעהרער פון אַבראַמאָוויטש'ען אויך אין זיינע נ״ש ז״געלונגענע ווערק. ווען מיר לייענען זיין „פרק שירה", אָדער זיינע „זמירות" אָדער זיין „יודעל", קאָנען מיר זיך נישט אָבוואונדערען צו זעהן, ווי גרויס זיין ליעבשאַפט איז געווען צום פאָלק און וואָס פאַר אַ אַכטונג ער האָט געהאַט צו זיין גייסטיגען לעבען. פאַר דעם קריטיקער דאַכט זיך, אַז דער מחבר האָט געפיהלט אַ הייליגע קנאה צו די אַלטע לומדים, וועלכע האָבען אויס טרייקייט צום פאָלק איהם געגעבען אַ „צאינה וראינה" און אַ „מנורת המאור", אום זיך צו טיילען מיט איהם מיט די אַלטע יודישע אוצרות. אַבראַמאָוויטש האָט רחמנות געהאַט אויף זיין פאָלק, וועלכעס איז נעביך דערווייטערט פון די גוטע ספרים און וועלכע ליבען זיך כאָטש מיט די שלעכטע איבערזעצונגען. און ער האָט זיך בעמיהט מיט עפּעס איהם צו העלפען.

דער חלוק צווישען די היינטיגע (יהואש), וואָס נעהמען זיך איבערזעצען תנ"ך פאַר'ן פאָלק, און אַבראַמאָוויטש'ען, איז אין פּרינציפּ געוויס אַ גרויסער. די היינטיגע חלומ'ען פון אַ נאַציאָנאַלער יודישער שפּראַך, ווערענד אַבראַמאָוויטש האָט קיינמאָל אַזעלכע כונות נישט געהאַט, ווען ער האָט אָנגעהויבען שאַפען. די היינטיגע זענען אידעאָלאָגען, ראַציאָנאַליסטען, בעת אַבראַמאָוויטש האָט געזונגען, „ווי דער פויגעל זינגט", נאַאיוו, אָהן פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע הינטער־געדאַנקען. אָבער כאָטש די היינטיגע זעהען אונז אויס אויסערליך נעהנטער, דאָך פיהלט מען, אַז דער, וואָס האָט פערטייטשט.

ותגעש ותרעש הארץ ומוסדי הרים ירגזו (תהלים י"ח)א.ז.וו.

„עס וויעגט די ערד זיך, ס'שטורעמט אונטען,
„עס ציטערען פון בערג די גרונטען —
„קראַך, קראַך! אָט וואַלען זיי זיך איין
„ווי באַלד ער קומט אין כעס אַריין.
„פונ'ם נאָז איהם זעצט אַרויס אַ רויך,
„אַ פייער פלאַמט פון מויל ביי איהם
„און גליהענדע קויהלען פליהען הויך,
„עס ברענט, עס שרפה'ט אומעטום.
„ער נויגט דעם הימעל, געהט אַרונטער,
„אַ וואָלקען שפּאַרט די פיס איהם אונטער,
„ער רייט אויפ'ן כרוב, ער פליהט געשווינד
„און שוועבט אויף פליגעל פון דעם ווינד". —

שטעהט נעהנטער סיי צום פשוט'ען פאָלק, ווי צום גייסט פון אונזער תהלים.

לסוף מוז מען נאָך אָנווייזען אויף די הויפּט-מעלה פון אַבראַמאָוויטש, מיט וועלכער עס צייכענען זיך נור אויס די אויסדערוועהלטע פון די פּאָעטען און שרייבער ביי איטליכען פאָלק; מיר מיינען די גאָט-געבענשטע פאַנטאַזיע צו זעהן אין איטליכען פרט דעם כלל, צו קאָנען מאָהלען איינצעלנע געשעהענישען און פרטים מיט אַזוינע ליניען, אַז דורך יעדען פרט זאָל דורכשיינען דער כלל. און דאָס קאָנען נור די, וואָס האָבען דעם בליק פאַר'ן כלל, וואָס זעהען דאָס לעבען סינטעטיש, ביי וועמען דער שטראָם פון מענשליכען קיום צופאַלט נישט אין איינצעלנע טראָפּענס, נור די נשמה, וואָס טובל'ט זיך אין אַ ברייטערען לעבען, ווי דאָס אייגענע פּערזענליכע. וואָס זעהט די וועלט נישט דורך די שפּאַקולען פון אייגענעם ענג-עגאָאיסטישען בליק, איז בכח צו זעהן און צו פיהלען שטענדיג דעם גרויסען כלל, די אַלגעמיינע נשמה פון אַ קבוץ. און ביי וועניגע פאַר און נאָך אַבראַמאָוויטש'ען געפינען מיר אַזאַ ברייטען סינטעטישען קוק אויפ'ן יודישען לעבען. אָט די מעלה איז די קרוין פון ר' מענדעלע'ס ווערק. צוליעב דער קרוין וועלען זיי נאָך לאַנג זיין אונז ליעב און טייער און וועלען שטענדיג צוציהען צו זיך די בעסטע און ערשטע אין פאָלק.

ש. ניגער

דער סופר

...אַ שרייבער שרייבט פשוט, אויף פּאַפּיער, מיט געוועהנליכע טינט-און-פען. אַ סופר מוז, ווי גאָר אין אַמאָליגע צייטען, האָבען פּאַרמעט, יריעות, זיין געגזענע פעדער טונקט ער אין פעטען „געדיכט-שוואַרצען-גלוש-טינט". איידער ער נעהמט זיך צו דער הייליגער עבודה, מאַכט ער גרויסע הכנות: רייניגט דעם גוף דורך טבילה, די נשמה מיט תפילות...

אַזוי שרייבט אַ סופר. און אַזוי, מיט אַזאַ פייערליכקייט, אויף אַזאַ מין פּאַרצייטיגען שטייגער, האָט מענדעלע געשריבען זיינע ווערק אויף יודיש.

דווקא אויף יודיש, אויף דער שפּראַך פון דער וואָך און דער וואָכעדיגקייט, האָט ער אַרויפגעצויגען אַ מאַנטעלע פון פרומער אָבגעהיטקייט. אויף דער הייליגער שפּראַך האָט ער, פערקעהרט, געמיהט זיך צו שרייבען ווי אַ פשוט'ער וואָכעדיגער שרייבער. שוין אין די ערשטע העברעאישע ווערק זיינע („משפט שלום" „עין משפט", „האהבות והבנים") האָט ער געפּרובט מאַכען אַראָבנידערען די העברעאישע ליטעראַטור פון די הויכע מליצה-וואָלקענס, וואו זי האָט געשוועבט, אין טהאָל פון טאָג-טעגליכען לעבען; שפּעטער האָט ער דעם דאָזיגען

דרייסטען פרוב דערפיהרט ביז'ן סוף: די אָנגעצויגענע פסוקים'דיגע יום-טוב'דיגקייט פון דער פסעוידא-ביבלישער מליצה האָט ער פערביטען מיט דעם איינפאַכען גייסט פון דער לעבעדיגער פאָלקס-שפּראַך. ער האָט זיך אַליין און אַנדערע געלערענט שרייבען לשון קודש מיט דער פען פונ'ם אַלטעגליכען יודיש.

אָבער יודיש, ווי געזאָגט, האָט ער פון אָנהויב אָן געשריבען אַזוי, ווי ווען ער וואָלט אויף דער דאָזיגער מאַרק-און-קיך שפּראַך זיך געקליבען שרייבען תפילין און מזוזות. און אָט דעם דרייסטען פערלאַנג זיינעם צו מאַכען פון דעם קיך-לשון אַ בוך-שפּראַך, איז מעהר צו בעוואונדערען, ווי זיין פּרובען זיך שאַפען אַ נוסח פון אַלטעגליכען לעבען אויף דער שפּראַך פון די נביאים.

דאָס האָט ער גענומען טהון ערשט אין די 80-ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. אַ טייל פון דער יודישער אינטעליגענץ איז דאַן שוין געווען שטאַרק פערטהון אין חבת-ציון, חלומ'ענדיג דעם חלום פון אויפלעבען די אַלטע העברעאישע שפּראַך. אין אַזאַ תקופה, אין אַזאַ אַטמאָספערע, ווי די, וואָס האָט זיך גענומען ביי יודען אין די אַכטציגער יאָהרען, איז קיין וואונדער נישט, אַז עס איז געבוירען געוואָרען דער געדאַנק איבערצוגעהן פונ'ם אַלטען ראָמאַנטישען מליצה-לשון צו אַ נייעם, מעהר רעאַליסטישען און מעהר מאָדערנעם העברעאיש. פון וואַנען אָבער האָט זיך גענומען ביי מענדעלע'ן דער חשק צו שרייבען שוין אין די זעכציגער יאָהרען מיט עפּעס אַ פרומער אָבגעהיטקייט אויף אַ שפּראַך, וואָס איז אין די אויגען פון דער דעמאָלסדיגער יודישער אינטעליגענץ געווען נישט קיין לשון, נאָר עפּעס אַ הפקר-זאַך? אין זיין קורצער העברעאישער אויטאָביאָגראַפיע, רעדט מענדעלע וועגען דעם נוצען, וואָס ער האָט געוואָלט ברענגען דעם פאָלק, דעם המון-עם, וועלכער פערשטעהט נישט קיין לשון-קודש, אָבער נוצען ברענגען דעם פאָלק האָבען געוואָלט אויך אַנדערע שרייבער, משכילים, וועלכע האָבען געשריבען יודיש. נאָר זיי האָבען, לויט דעם אויסדרוק פון א. מ. דיק, געקוקט אויף יודיש

ניישט ווי אויף אַ גילדענע נאָדעלע, מיט וועלכן מען נייהט אויס שענע זאַכען, נאָר ווי אויף אַ גראָבער האַק, וואָס טויג נאָר אויף ברעכען די וואַנד פון געטאָ, און ווי מיט אַ גראָבען ברעך־אינסטרומענט האָבען זיי זיך מיט יודיש נישט „געצאַצ־קעט". אַפילו אַזוינע שרייבער, ווי א. מ. דיק, וועלכע זענען אין אָנהויב געווען טריי דער טראַדיציע פון די ערשטע משכילים (לעווינזאָן, אָקסענפעלד, עטינגער) צו געברויכען אַ ריינעם פאָלקסטימליכען יודיש, — אַפילו זיי האָבען אין סוף פון די זעכציגער יאָהרען גענומען אַרויסווייזען עפּעס אַ מין בכיוון'דיגע אומאַכטונג צו דער פאָלקסשפּראַך און שרייבען אויף אַזאַ מין דייטשמעריש, וואָס איז געווען ערגער פון ערגסטען זשאַרגאָן. און טאָמער האָט אַ לינעצקי זיך פערגינען שרייבען, ווי מען רעדט, האָט ער זיך נישט פערגינען אָבער אָבצורייניגען און אויסצולייטערען די גערעדטע שפּראַך, איידער ער האָט זי געמאַכט פאַר אַ שרייב־שפּראַך, ער האָט זי גענומען, ווי זי געהט און שטעהט, מיט איהר גאַנצער פרישקייט — און איהר גאַנצער ווילדקייט.

מענדעלע איז געווען דער ערשטער און דער איינציגער, וואָס האָט געפיילט יודיש און געשליפען, ווי מען פיילט און שלייפט אַ דימענט, ער זאָל בעסער גלאַנצען. מענדעלע האָט אויפגעפאַסט די יודישע שפּראַך אין דער גילדענער ראַם פון איהרע אייגענע כּללים... ער האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר דער שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק רעדט אויף איהר. האָט ער נישט געשעמט זיך, נאָר פערקערט, געגרויסט זיך מיט איהר כּשר'ן געזיכט. ער האָט אָבער נישט וועניגער כּבוד געלעגט אויף דער ליטעראַטור פון פאָלק. האָט ער אָבגעווישט דעם שטויב פון דער גערעדטער שפּראַך, איידער ער האָט זי אַריינ־געלאָזען אינ'ם טעמפּעל פון דער ליטעראַטור. פון וואַנען אָבער האָט זיך גענומען צו איהם אָט דער גרויסער אינוועניגסטער דרך־ארץ פאַר יענער שפּראַך און יענער ליטעראַטור, פון וועל־כע קיינער האָט נישט געהאַלטען, מיט וועלכע אַלע האָבען זיך געשעמט? מיר ווייסען, אַז אַבראַמאָוויטש אַליין האָט, ווי דאָס

רוב משפילים קיין מוט נישט געהאַט אַרויסצוגעבען זײַנע יודי־שע ווערק אונטער זיין אייגענעם נאָמען. בעת אויף העברע־איש האָט ער זיך אָפּען אונטערגעחתמעט ש. י. אַבראַמאָוויטש, האָט ער זיינע ווערק אויף יודיש אַרויסגעגעבען אונטער אַ פּסעוודאָנים („איש" אָדער „מענדעלע מוכר־ספרים"), אַזוי שלעכט האָט עס געהאַלטען דאַן מיט „זשאַרגאָן"! און אָט דעם „צעקאַליעטשעטען זשאַרגאָן" האָט מענדעלע געהיט און געקעכלט ווי אַ מוטער — אַ שוואַך־קינד, ווי אַ פאָטער — אַ קינד, וואָס פון איהם דאַרף עפּעס אַרויסקומען רעכטס. פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די מוטערליכע ליעבע, אָט די פאָטערליכע אהבה? פון וואַנען האָט זיך גענומען דער רצון, דער מוט, די מעג־ליכקייט און דער מוז צו שרייבען אויף אַ שפּראַך, וואָס האָט אין פלוג נישט פערמאָגט אַפילו קיין הײנט. אַזוי ווי ווען זי וואָלט געהאַט אַ הונדערט יעהריגע ליטעראַרישע טראַדיציע און ווי ווען עס וואָלט איהר פאָרגעשטאַנען אַ גרויסע און רײי־כע צוקונפט?

דאָס האָט זיך גענומען, דאַכט מיר, פון דעם אייגענעם מקור פון וואַנען עס געהט דאָס גאַנצע שאַפען מענדעלע׳ס. זיין גאַנץ שאַפען איז, ווי מיר ווייסען, אַ פּראָדוקט פון דעם אינדיווידועלען שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט זיך דערהויבען ביז צום קאָלעקטיוון מענדעלע מוכר־ספרים. דאָס איז דאָס שאַפען פון אַ גרויסען יחיד, אויף וועלכען עס האָט גערוהט די שכינה פון נאָך אַ גרעסערען כלל... מענדעלע גיט זיך אָב, ווי מיר ווייסען, נאָר מיט׳ן כלל, ווייל נאָר דער כלל האָט אין זיינע אויגען עפּעס אַ ממשות, ווייל נאָר אינ׳ם כלל גלויבט ער. ווען נישט אָט דער גרויסער יודישער כלל־גייסט, וואָס שפּייזט איהם און שטאַרקט איהם, וואָלט ער נישט געהאַט קיין כח צו טראָגען די „גרויסע יודישע טאָרבע", וואָס איז איהם, ווי אַ שווערע משא, געהאָנגען אויפ׳ן רוקען. ווען נישט דער „אומגליקליכער פּרינץ", אין וועלכען ער הערט נישט אויף צו גלויבען, וואָלט ער נישט געהאַט קיין מוט צו שטראָפען אַזוי ביטער די „בידנע קליאַטשע". ווען נישט דער גלויבען אינ׳ם

אייביגען יודען, וואָס ער נישט געקאָנט פערטראָגען די שפל'קייט פון היינטיגען יודען... די שכינה, דער שבת פונ'ם כלל פערבייט די וואָך אין דעם גלות־השכינה פונ'ם פרט. און מענדעלע, וואָס האָסט אַזוי דעם רב ישראל, ליעבט אָהן אַ שיעור און אָהן אַ גרעניץ דעם כלל־ישראל. און דערפאר האָט ער דרך־ארץ פאַר אַלץ, וואָס נעמט זיך פונ'ם כלל'ס אינווענינ־סטען שאַפען, פאַר אַלץ, וואָס זאָגט עדות אויף דער גאַנצקייט און פעסטקייט פון דעם כלל'ס איך. דערפאַר זעהען איהם אויס קאָמיש די משכילים, וואָס מיינען, אַז מיט „אויפקלערונג" מיט אַ „הא אין סידור" קאָן מען איבערמאַכען דאָס יודישע לעבען. ער פערשטעהט, אַז לייכטער אַ סך און נויטיגער איז איבער־צומאַכען די אויסענווענינסטע תנאים פונ'ם יודישען כלל. ער פערשטעהט, אַז זיי דאַרפען צוגעפּאַסט ווערען צו איהם און נישט פערקערט, ער צו זיי. ער פיהלט, אַז דער כלל קאָן זיך ענטוויקלען נאָר לויט די פעסטע געזעצען פון זיין אינווענינ־סטער עקזיסטענץ. די דאָזיגע אינווענינסטע געזעצען פונ'ם פאָלקס־לעבען און פאָלקס־שאַפען זענען אייביג און הייליג. און דערפאַר זענען אויך אייביג און הייליג די כללים פון דער שפראַך, וואָס דאָס פאלק געברויכט.

זיי מוזען אויפגעדעקט און אָבגעהיט ווערען, ווי אַלץ וואָס שפיגעלט אין זיך אָב דעם גייסט פונ'ם קאָלעקטיווען שאפען. און מענדעלע דעקט זיי אויף, אָט די כללים, און היט זיי אָב. ער שאפט זיך אַן'אייגענעם, אינדיווידועלען סטיל אויף יודיש. ער שאַפט איהם אבער אינ'ם גייסט פון פאָלק, פון כלל. אָבער נישט נאָכקרימען, נאָר נאָכשאפען דעם פאָלק— איז זיין געבאָט. און ער נעמט נישט די פאָלקס־שפראך מיט די אלע פלעקען און די אַלע ריסען, וואָס ווערען אין איהר פונם טאָג־טעגליכען געברויך; ער נעהמט זי אין איהר ריינקייט און אין איהר גאַנצקייט. די צופעליגע שאָלעכץ, וואָס וואקסט אויף איהר און פון דרויסען, וואַרפט ער אַוועק: ער לאָזט איבער נאָר דעם קרן און דעם תמצית. דערפאר איז זיין שפראך אַזוי געמאָסטען און געוואויגען, דערפאַר איז זי אַזוי קערנ'דיג און

תמצית׳דיג... יעדער זאַץ זאָגט צו אונז: אַן עק צו דער „ושאַר־גאָן״־הפקרות! דרך־ארץ פאַר דער פעסטקייט און געשטעלטקייט פון דער פאָלקסשפּראַך און פון דעם פאָלקסגייסט! יעדער זאַץ זאָגט צו אונז: דאָ איז נישט קיין מאַרק, נישט קיין יריד, וואו יעדערער, וואָס וויל, קאָן טומלען. דאָ ליגט אַ פאָלקס־אוצר: ווער עס וויל צוגעהן נאָהענט, זאָל אויסטהון די שיך!

מענדעלע האָט מיט דעם טיעפסטען האַס געהאַסט די יודי־שע וואך, די יודישע פּרנסות, די יודישע נידעריגקייט און גע־פאַלענקייט, ער האָט עס געהאַסט אָבער מיט דעם האַס פון ליעבע. ער האָט עס געהאַסט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט גע־וואָלט, אַז עס זאָל אַ נ ד ע ר ש זיין, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געזעהען אין דער „בידנער קליאַטשע״ אַן „אומגליקליכען פּרינץ״ און ווייל פאַר אָט דעם פערשטעלטען „פּרינץ״ אין זיין נשמה־יתירה האָט ער געהאַט דעם גרעסטען אבשיין. און פאַר אָט דעם יורד, דעם פּרינץ און זיין שאַפען און ממילא, אויך זיין שפּראַך — האָט ער געלערענט אויך אונז צו האָבען אָבשיי און ערפורכט...

פול מיט שאַפונגס כחות און דורשטיג נאָך שלמות, האָט מענדעלע יעדער שפּראַך געגעבען, וואָס איהר האָט געפעלט: די בוך־שפּראַך, העברעאיש, האָט ער אָבגעפרישט מיט די חיות־טראָפּענס פון דעם טאָג־טעגליכען פאָלקס לשון. די פאַרוואָרלאָזי־טע וואָכענדיגע שפּראַך פון די גאַסען האָט ער, פערקערט, בע־שענקט מיט חשיבות׳דיגקייט, גרייזלענדיג יעדעס ווארט און יע־דען חג איהרען, ווי אַ סופר, וואָס טינקט זיין געניזענע פעדער אין פעטען „גאָלעס־טינט״ און שרייבט נישט אויף פּאַפּיער, נאָר אויף פּאַרמעט...

1917

ש. גאָרעליק

מענדעלע

מענדעלע האָט מיט גאַנצע צוועלף יאָהר אַריבערגעשטיגען דעם ביבלישען עלטער, און, ווען אַרום איהם זענען פאַר די לעצטע יאָהרען געפאַלען פיעל יונגערע פאָרשטעהער פון דער יודישער ליטעראַטור, מיטקעמפער, חברים, אייניקלעך, איז דער זיידע נאָך געשטאַנען אויף די פיס און האָט נישט געוואָלט שטאַרבען. דער גרויער דעמב איז געווען טיעף פערפלאַנצט, געזונטע וואָרצלען האָבען גענעהרט דעם אָבגעשוואַכטען פון עלטער קערפער, ביז די נאַטור האָט מיט אַ לייזען בעטען: „שוין צייט, זיידעניו, אַלץ האָט אַ שיעור" אויסגעלאָשען דעם שטילען פערקלערטען פייער. אַלזאָ, קאָנען מיר, אייניקלעך, וועלכע האָבען זיך איצט אויפגעקליבען אין אַ אָבגעריסענעם ווינקעל, צווישען קאַלטע, פרעמדע בערג, ערען דעם אָנדענק פון דעם פיינעם פאַטריארך מיט אַ געוויסער רוה, מיט אַ אינערליכער שטילקייט — דאָס, וואָס האָט אונז אין גאַנצען געפעהלט, ווען מיר האָבען אויפגענומען די ידיעה וועגען דעם טויט פון פרץ, שלום-עליכם, פרוג. דאָרט איז געוועזען אַ אומגערעכטער צואייען זיך פון דער נאַטור, איינפאַך אַרויסגעכאַפּט, אַזוי ווי אָבגענאַרט אונז, אָבער דאָ שטעהען מיר פאַר אַ געזעץ, און שטיל

געבען מיר זיך אָב די זכרונות וועגען די מעשים און העלדענ־
טהאַטען פון אונזער הערליכען זיידען, וועלכער איז אַ מייסטער
געוועזען אַלס שריפטשטעלער און אויך אַ גרויסער קעמפער. אין
זיין צייט, פערשטעהט זיך, אין יענער צייט, ווען די זון פון
השכלה איז אויפגעגאַנגען איבער טונעיאדעווקע, טעטערעווקע,
איבער גלופסק מיט זיינע דרייסיג־פערציג לוזשעס און האָט
אויפגעדעקט כאפערס, בעלי־טאַקסעס, קליינע מענשעלעך, ציטע־
ריגע נשמות, שמוץ. עס איז געוועזען דאַן אַ מוטיגע צייט. אַ
אונבעדייטענדער הויפען פון דער ניי־געבוירענער יודישער אינ־
טעליגענץ האָט זיך אָנגעריגט, אָנגעפלאַמט אַרום דער אייראָ־
פעאישער קולטור און, אומקעהרענדיג זיך מיט אָט דעם פייער
אין די יודישע שטעדטלעך, איז זי פערציטערט געוואָרען פאַר
אימה און יאוש. דאָס יודישע לעבען האָט אויסגעזעהן דאַן, ווי
עס דאַרף אויסזעהן אַ אָקאָפ. פינסטער און שמוציג. יודען האָ־
בען זיך אָבגעגראָבען פון דער אויסענוועלט, זיי האָט זיך, אמת,
איינגעגעבען אָבהיטען דאָס קערענדיגע, אָבער דערפאַר האָט
נישט דערגרייכט אַהין קיין זונענשטראַהל, דערפאַר האָט דאָרט
געהערשט די אייביגע פינסטערקייט. דער כלל איז געוועזען
זעלטען־קאָנסערווירט, פאַרביג, אייגענאַרטיג. דער פרט, דער יחיד
האָט שרעקליך געליטען. דאָס גאַנצע רוסישע לעבען איז נאָך
געוועזען פרימיטיוו, די קליינע קרייז־שטאָדט און די רעזידענץ
פון דעם פאמיעשטשיק, אַרום וועלכער עטליכע וויאָרסט ווייטער
איז געלעגען דאָס יודישע שטעדטעל, דאָס איז דער פאָן פון
דעמאָלסדיגען רוסישען לעבען, איבער וועלכען, אין אַ נעפיל
פערהילט, מיט דער פאַנטאַזיע אַרומגעשפינט, האָבען זיך געפו־
נען די געוואַלדיגע „סטאַליצעס" מיט די מערכענהאַפטע גדולים
און האַרען. אין זעלבע פאָרמען איז נאָך געגאַנגען דאָס אַל־
טעגליכע לעבען פון רוסישען פאָלק, עס איז געוועזען דער
פעריאָד פון לייבקנעכטשאַפט אָדער באַלד נאָך דעם אָבשאַפען
פון לייבקנעכטשאַפט. און יודען, ציהענדיג זייער חיונה פון דער
אויסענוועלט, האָבען מיט דעם בעטראַכט די בעציהונגען צו אָט
דער אויסענוועלט פאַר געענדיגט. ביי דעם גוי האָט מען אויפ'ן

מאַרק אויפגעקויפט, וואָס עס איז געווען מעגליך אויפצוקויפן, אָבער בעגעגענענדיג דעמזעלבען גוטמוטיגען גוי ביים עק פון וואַלד, אָדער אין וואַלד גופא, האָט מען זיך געפיהלט אין דער גרעסטער סכנה, און דער גאָרנישט מיינענדיגער איוואַן איז אויסגעוואַקסען אין זיין פאַנטאַזיע אין אַ מוראדיגען גזלן. בנימין אין „מסעות בנימין השלישי", אין אָט דעם הערליכסטען פון אונזערע ביכער, וואו עס ווערט מיט אַזאַ ווייכען, זוניגען הומאָר געשילדערט דער יודישער דאָן-קיכאָט מיט זיין שטרעבען אין די ווייטע, ווייטע לענדער, וואו עס דאַרפען זיך געפינען די רויטע יודעלעך, דער סמבטיון, יאָ, אָט דער פרעכטיגער, פאָעטישער בנימין, וואָס איז אינגאַנצען בערוישט פון פאַנטאַסטישע וויזיאָנען, פיפערנאָטערס, מוילאייזלען, פערבלאָנדזעט, פערזונקען אין מחשבות, היגטער שטאָדט און נאָך טיפער אין וואַלד אַריין, און עס דוכט זיך איהם, אַז ער דערהערט אַ קול פון אַ מענשען. גרויס איז זיין שרעק, גרויס דער קאַמף מיט זיך, צי לויפען אָדער אָננעמען זיך מיט מוט, און, ווייל בנימין קלויבט זיך אויפזוכען די רויטע יודעלעך, קלויבט זיך אַ העלד צו זיין, קעמפט ער אויס אין זיך דעם מוט געהן אַנטקעגען דעם קול: „אונזער בנימין האָט זיך אומגעקערט טאַקי צוריק און איז געגאַנגען, בעהאַרצט ווי אַ גבור, מיט גרויס בטחון, ביז ער האָט פאַר זיך דערהערט דעם גזלן, דאָס איז געווען אַ פויער, וואָס איז געפאָהרען אויף אַ פאָר אָקסען מיט אָנגעלאָדענע זעק אין וואָגען.

דאָברי־דיען! — האָט בנימין, צוגעהענדיג, אַ זאָג געטהון ראַפּטעם אויף אַ משונה-קול, וואָס ער האָט אין זיך אַלע טעמים: אי געשריי, אי געבעט, אי, ווי איינער זאָגט: נאַ, נאַ, טהו מיט מיר, וואָס דו ווילסט! אי עפּעס ווי אַ בקשה: גוואַלד, האָב רחמנות אויף מיר, אויף מיין ווייב און קינדער, נעביך".

עס פערשטעהט זיך, אַז די אָנגעשטרענגטקייט, וואָס בנימין מאַכט דורך, נעמט צו דאָס לעצטע פון זיינע דערשראָקענע, פאַראַליזירטע כוחות, ער פאַלט, ווי טויט, אַנידער און, אַז ער עפענט שפּעטער־אַ־ווײַלע די אויגען, זעהט ער, אַז ער

ליגט אין גוי'ס וואָגען אויף אַ זאַק קאַרטאָפעל, צוגעדעקט מיט אַ גראָבער סוויטע. דאָ הויבט זיך ערשט אָן דער רעכטער שרעק. ליגענדיג אין וואָגען, מאָהלט זיך בנימין די פערשיע־דענסטע בילדער, ווי מען פיהרט איהם פערקויפען. דער קאָנ־טראַסט צווישען דעם גוטמוטיגען דאַרפסגוי און דער מורא, וואָס ער וואַרפט אַרויף אויף בנימינען, איז בעשריבען מיט אַ קיי־לעדיגען הומאָר, וואָס איז אויסגעמישט מיט אַ ביסעל סאַטירע, וואָרום מענדעלע האָט געליטען, וואָס זיינע קבצאַנסקער, טונע־יאַדעווקער יודלעך, אַזוינע בריות ביי זיך אין דער היים, צווי־שען אייגענע, זענען אַזוינע פּחדנים ביי יעדער בעריהרונג מיט דער אויסענוועלט. עס האָט אָבער אַנדערש נישט געקאָנט זיין דעמאָלט, ווען דער אַרענדאַר האָט זיך גערעכענט פאַר דער העכסטער שטופע פון וואָלהאַבענהייט און די „אוסאַדבע" פון דעם „פּאָמעשטשיק" פאַר דעם צויבערשלאָס, איבער וועלכען עס גיהען לעגענדעס, איבער וועלכען עס איז געצויגען דער שלייער פון טויזענד און איין נאַכט.

ווי האָט אָבער אויסגעזעהן דאָס געטאָ אַליין? פאַר מענ־דעלע'ס אויג און פאַר זיין אָנגעווייטאָגט האַרץ האָט עס פאָר־געשטעלט אַ טרויעריג בילד; דאָס יודישע געטאָ איז געווע־זען אָנגעפּיהלט מיט בטלנים, לעדיגגעהער, צבוע'קעס, רעדעל־פיהרערס, צווייפעלהאַפטע שתדלנים, וואָס האָבען געזויגט דאָס קהל'שע בלוט, וואויללערנערס זענען געזעסען אין בית־המדרש הינטער דעם אויבען, טרייבענדיג הוּכע און שטעדטישע פּאָלי־טיק, די ווייבער האָבען געזאָרגט וועגען פרנסה און די קאַטע־גאָריע ווייבער, די פּיראָזשעקעס, די ברויטגעבערקעס, זענען געוועזען אויף דעמאָלסדיגער אַרט די עמאַנסיפּירטע, פאַר אַט דאָס בעזאָרגען האָבען זיי זיך דערפאַר געקויפט דאָס רעכט שילטען דעם מאַן מיט ביטערע קללות און סנדר'ל כאַפּט אַמאָל קלעפּ אויך. די אַנדערע קאַטעגאָריע ווייבער, וועלכע האָבען נישט געהאַט די פּריווילעגיע, זענען געווען פערשקלאַפט. אין טונעיאַדעווקער זומפען האָבען זיך געמערט כל המיני פערדאָר־בענע בעשעפענישען, און איבער יענע זומפען זענען אַרומגע־

לאָזען די דורך גבירים גבונטערגעקויפטע כאַפּערס, וואָס האָבען געכאַפּט אָרימע יונגע לייט און געפיהרט זיי אין „וואָינסקאָיע פּריסוטסטוויע", אָבגעבען זיי אין סאָלדאַטען אָנשטאָט די גבירי־שע זיהן. אַלע מענדעלעס ביכער רעדען וועגען אָט דעם סאָ־ציאַלען עלענד פון יענער צייט, אין אַלע ביכער טרעט ער אַרויס, ווי אַ קעמפער, בעל מוסר, מאָראַליסט. ער פּרובט צו־גיין צו אָט די זומפען אַמאָל מיט דער בייסענדיגער סאַטירע, אַמאָל מיט אַ ווייכען לירריזם, און, אַז אויף גנילאָפּיאַטאָוועקער ברעגען קומען גאָר פּאָר נבלות, לאָזט ער דעם הימעל דונערן און בליצען. בנימין און סנדרל, די טונעיאַדאָוועקער דאָן קיכאָט און סאנכא פּאַנטשאָ וואַנדרעווען מיט דעם ציל אויפצוזוכען די רויטע יודעלעך. אויפן וועג פערנאַרט מען זיי, מען פערפיהרט זיי אין אַנ׳אכסניה, און די פערנאַרערס זענען דווקא פרומע יודען. וואַשענדיג זיך ביים עסען, בעטראַכט ער, אָט דער פיי־נער יוד, וואָס פיהרט בנימינען פאַר אַ קרבן, די קוואָרט און אַז אונזערע פאַנטאַזירערס, בנימין און סנדר׳ל, זעהען זיך פער־כאַפּט אין דעם וויסטען נעץ, אָבגעגאָלט, אָהן בערד, אָהן פּאות, אַרומגערינגעלט דורך סאָלדאַטען, שליסט מענדעלע אָט דעם שוידערהאַפטען עפּיזאָד מיט אַ מאָראַלישער נאַטורשילדערונג.

„אפן הימעל האָט זיך אָנגערוקט אַ שווארצע, פינסטערע מאַרע, אַ בליץ האָט מיטאַמאָל בעלויכטן די דאָזיגע קאָמפּאַניע, באַלד דערויף האָט אַ דונער געגעבען שרעקליך שטאַרק, אַז אַלע זענען פערציטערט געוואָרען. עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורעמווינד, רעזלעך שטויב האָבען זיך געטראָגען, ווי די רוחות, פערכאַפּט אויפן וועג מיסט, שטרוי, בלעטלעך און שטיק־לעך פּאַפּיר, אַלע אינאיינעם האָבען געטאַנצט עפּעס אַ משוגע־נעם טאַנץ און זיך געדרייט, געדרייט אַלץ אינדערהויך, אַרויף, אַרויף... די טשערעדע פון פעלד איז געלאָפען אומרוהיג מיט אַ געשריי און אַ רעווען, ווי אַ סטאַיע הונגעריגע וועלף וואָל־טען זיי נאָכגעיאָגט, עס האָט געשטורעמט, געבליצט, געדונערט, גלייך ווי דער אויבערשטער איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָ־רען אויף דער זינדיגער ערד און אויף אַלצדינג, וואָס דאָ

געהט פּאַר, ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, געבליצט מיט זיינע צאָרנדיגע אויגען, געהילכט און געשריען, אַי, אַי, מיט זיין דונערדיגען קול, עס האָט צום לעצט אַ זעץ געטון אַ משונה שרעקליכער דונער, פון הימעל האָבען אַראָבגעקאַפּעט ווי טרעהרען גרויסע טראָפּענס רעגען, וואָס אין זיי האָבען זיך אויסגעמישט טראָפּענס נויט־שווייס און בלוטיגע טרעהרען פון אונזערע בידנע, אומגליקליכע פערשווינען".

מיר ווייסען געוועהנטליך, אַז צו אָפּט קומען פּאַר אין דער וועלט די נידערטרעכטיגסטע געמיינהייטען דווקא ביי דעם הערליכסטען וועטער. די זון לייכט נאָך צו, אָדער בעציהט זיך בכלל מיט גרעסטער גלייכגילטיגקייט צו אַלע גזלות און רציחות, נאָר ווי כאַראַקטעריסטיש איז פּאַר מענדעלע'ס מאָראַלישען פּאַטאָס, פאר זיין טיפען געפיהל פּאַר סאָציאַלער גערעכטיגקייט, וואָס מ'קען נישט לאָזען, אַז מען זאָל אָבגעבען בנימינ'ען מיט סנדער'לען אין סאָלדאַטען אָהן דעם, אַז לכל הפחות דער הימעל זאָל פּראָטעסטירען מיט בליצען און דונערן. איז מען אויף דעם ווייטען שטח פון גלופּסק, טעטערעווקע, גנילאָפּיאַטאָווקע, קבצאַנסק טויב און מען הערט נישט די זיפּצען, קרעכצען פון אונזערע בידנע פערשווינען, מישט זיך דערפּאַר גאָט אַריין און שרייט פון הימל „אַי, אַי". העלפען קאָן ער, דער גאָט, נישט, בנימינ'ס גורל איז פער'חתמ'עט, ער שטעהט שוין אין דער „פּריסוטסטוויע", פערטרייבט ער כאָטש פון פּעס די טשערעדעס, און די בהמות לויפען, פּונקט ווי הונגעריגע וועלף וואָלטען זיי נאָכגעיאָגט, און ווינטען שטורימען, און אַ יריד איז אויפען הימעל: אַלץ, ווייל מען האָט דעם טרוימער בנימין אָנגעטהון אַנ'עולה.

צו אָט דער קינסטלערישער בוטאפּאָריע גרייפט מענדעלע אין זעלטענע פּאַלען, געוועהנליך איז זיין כלי־זין דער סאַרקאַזם, די איראָניע. מיט אָט דעם כלי-זין זוכט ער אויף דעם אונטערן אויבן פון טונעיאַדעווקער בית המדרש, די באָד, להבדיל, דעם מאַרק, די אכסניה אין גלופּסק, וואו עס האָדעווען זיך אויף קהל'שע געלד די כאַדאָטאַיעס, די פּראָשעניע-שרייבערס

און נאָך אַזוינע צווייפעלהאַפטע פערשוינען. מיט אַלע איינצעל־הייטען בעשרייבט ער זייערע תנועות, ער לאָזט נישט קיין איין אונבעלויכטענעם אָרט און פונקט. ווי ער פערפאָלגט מיט זיין פערביטערטער פען די קליינע מענשלעך, אַזוי אויך מאַכט ער מאוס אין אונזערע אויגען די אַמאָליגע גלופסקער גאַסען, דורכאויס בלאָטעס, זומפען, רינשטאָקלעך.

„אַז איהר קומט אַריין קיין גלופסק דורך דער טעטע־רעווקער גאַס, זאָלט איהר מוחל זיין אַריבערשפּרינגען דאָרט איין בלאָטע, ווייטער אַ ביסעל אַ צווייטע, נאָך ווייטער אַביסעל די דריטע, סאַמע די גרעסטע". מיט איין וואָרט, גלופסק מיט זיינע דרייסיג אָדער פערציג זומפען. בעטראַכט, וואָס פאַר אַ נעמען מענדעלע גיט זיינע שטעדט און שטעדטלעך. אין די נעמען אַליין שטעקט שוין די פעראַכטונג צו יענער צייט, מיט וועלכער מענדעלע, דער פרייער גייסט, האָט געקעמפט. די נעמען אַליין זאָגען אָן, אַז באַלד וועט פאָלגען דאָס ביטער־סטע ראַנגלען זיך מיט די פינסטערע כוחות. טרייסטלאָזע נע־מען: צוביאַטשוץ, קבצאנסק, טונעיאַדעווקע. וואָס קאָן גוטעס פאָרקומען אין שטעדט מיט אַזוינע נעמען? ווי ווייט זענען אָט די שטעדטלעך פון די, וועלכע דער שפּעטערדיגער דור יודישע שרייבערס האָט געשילדערט און אידעאַליזירט. אמת, אָפט פאַסירט, אַז מענדעלע, וועמענס הייליגע אויפגאַבע איז געווען צו פלוכן, צו ראָמען און אויסראָטען, אָפט טרעפט, אַז נישטווילענדיגערהייט בענשט ער, און דאַן זעהען מיר, אַז טו־נעיאַדעווקע איז נישט נאָר אין די קליינע מענשעלעך אויסגע־דריקט, אַז דאָרט אין בית המדרש הינטער דעם אויבן הערשט נישט נאָר דער גייסט פון בטלנות, נאָר נאָך עפּעס אַנדערס, און דאָס אַנדערע איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, פילייכט דאָס איינציג וויכטיגע. בעטראַכט נאָר דעם טומל, ווען עס ווערט אין טונעיאַדעווקע פון אימיצען געבראַכט אַ טייטל.

„על פי מקרה האָט איינער אַמאָל אין דעם שטעדטעל געבראַכט אַ טייטעל, האָט איהר בעדאַרפט זעהען, ווי מען איז דאָס געלאָפען אָנקוקען אויף חידושים, מען האָט אויפגעמישט

אַ הומש און געוויזען, אַז תּמר, דער טייטל שטייט אין חומש! סטייטש, דער טייטל, אָט דער טייטל, וואַקסט דאָך פון ארץ ישראל!... קוקענדיג אויפן טייטל, האָט זיך אויסגעדאַכט, ארץ ישראל איז פאַר די אויגען, אָט געהט מען איבער דעם ירדן, אָט איז די מערת המכפלה, דער מוטער רחל'ס קבר, דער כותל מערבי. אָט באָדט מען זיך אין חמי טבריה, מען קריכט אַרויף אויפן הר הזיתים, מען עסט זיך אָן מיט באָקסערן, מיט טייטלען, און מען לייגט אָן פולע קעשענעס מיט ארץ-ישראל-ערד. אָך, האָט מען געקרעכצעט, און אין די אויגען האָבען איטליכען זיך געשטעלט טרעהרען. יענע צייט, אַזוי זאָגט בנימין, איז גאַנץ טונעיאַדעווקע, ווי גרויס זי איז געווען, געווען אין ארץ ישראל. מען האָט געשמאַק גערעדט פון משיח'ן".

מענדעלע וויל פלוכען, אָבער עס קומט אויס, אַז ער בענשט. נישט-ווילענדיג בענשט ער. די התפעלות, וואָס טונעיאַדעווקער יודען בעקומען פון טייטעל, וואָס אַ צופעליגער גאַסט האָט פערטראָגען אין זייער ווינקעל, די פעהיגקייט, וואָס אָט דער הויפען קבצנים דערשפירט אין זיך מיט אַמאָל, אַוועקצוטראָגען זיך אין ווייטע וועלטען, איז פון אַזאַ פּאָזיטיווען ווערט, איז פון אַזאַ גייסטיגער שעהנקייט און פערקלערטקייט, וואָס ווייזט אונז, אַז הינטער די בלאָטעס, זומפען זענען גאַנצע אוצרות געלעגען פערגראָבען, דאָ איז דער ניצוץ, פון וועלכען דער שפּעטערדיגער דור וועט שעפען זיין גייסטיגע חיונה און זיך מיט איהם קוויקען, דאָ ענטפּלעקט זיך פאַר אונז די נשמה יתרה פון טונעיאַדעווקער תּושב. מען האָט געשמאַק גערעדט וועגען ארץ ישראל. אין יענער צייט, ווען מען האָט געמוזט קעמפען פאַר עלעמענטאַרער בילדונג, פאַר דאָס, אַז מען זאָל נישט שלאָגען די קינדער אין חדר, אַז מען זאָל איינריכטען די שטיבער זויבערער, אַז מען זאָל נישט לאָזען זיך נאַרען דורך קהל'ש'ע בלוטזויגערס, אין יענער שטורם-און דראַנג-צייט איז אָט די סענטימענטאַלע בעגייסטערונג אויך געוועזען אַ סימן פון בטלנות, אָבער אַזאַ עטיש לירישער פילאָסאָף, ווי גיהיאָ,

צום ביישפּיעל, וועלכער זאָגט, אַז אַ פּאָעטיש רייכער מענש קען, ווען מען דערלאַנגט איהם אַ גלאָז מילך אָדער אַביסעל גרינעס סאַלאַט אויף אַ טעלער, דורך דעם כּוח הדמיון מאָהלען די שעהנסטע נאַטורלאַנדשאַפטען און דאָרפּישע אידיליעס, — גיהיאָ וועט אין די פערשלומפּערטע טונעיאַדעווקער יודען זעהען אַ סך פאַנטאַזיע, אַ סך טרוימערייען, וואָס בעדאַרפען בעווייזען, אַז אויסער אָט דער וועלט, איז דאָ אין זייערע נשמות נאָך אַ וועלט, אַ פיעל הערליכערע. געוויס, אָהן אָט דער פעהיגקייט דורך אַ נישטיגען טייטעל בעגייסטערען זיך ביז צום „געשמאַק רעדען וועגען ארץ ישראל‟, וואָלט נישט בעשטאַנען די מעג־ליכקייט שאַפען דעם שפּעטערדיגען דור די שעהנסטע חסידישע לעגענדעס, אָהן דעם וואָלט די יודישע ליטעראַטור נישט גע־האַט דעם זוניגען, האַרציגען טביהן, אָהן דעם וואָלט פּרץ נישט געקענט שרייבען זיינע פאָלקסטימליכע געשיכטען, און אָהן דעם וואָלט נישט געוועזען מעגליך אַ יודישע נאַציאָנאַלע בעוועגונג.

אָבער אין דער עפּאָכע, אויף וועלכער עס איז אויסגע־פאַלען די ליטעראַרישע טעטיגקייט מענדעלע׳ס האָט מען אויף יענעם ניצוץ נישט געקענט צופיעל אויפמערקזאַם זיין. די עפּאָכע יענע, דעם דור־השכּלה, מוזען מיר שטענדיג האָבען אין זינען, ווען מיר פערטראַכטען זיך וועגען אונזער גרויסען זיי־דען, ווען מיר שאַרען אין די רייכע אוצרות פון זיינע ווערק. מיר מוזען זיך אין גאַנצען אַריינטהון אין יענער צייט, אויפ־פּאַסען אַ פערגאַנגענעם דור, אונזערע טריט מוזען זיין זעהר פאָרזיכטיג. וואָרום, האָבען מיר זיך צוגעוואוינט צו אַנדערע, בעקוועמערע וועגען: ווי שיפער, וואָס רייזען אין אונבעקאַנטע וואַסער־געגענדען, האַלטען שטענדיג דעם קאָמפּאַס, כּדי נישט צו פערבלאָנדזען, חלילה, אַזוי דאַרפען מיר אויך זיך אָנשטרענ־גען ערענסט זיין, ווען מיר בעטרעטען דאָס געביט פון טונע־יאַדעווקע. וואָרום בלי־ספק: מענדעלע געהערט צו די טאַלענטען, וועלכע מען טאָר נישט אַרויסרייסען פון די ראַהמען פון זיין צייט, צו ענג איז ער מיט איהר געוועזען פערבונדען, צו בי־

טער האָט ער דאָרט געקעמפט, און אין זיינע ליטעראַרישע מאָנומענטען האָט זיך די גאַנצע עפּאָכע אָבגעשפּיגעלט.

מיט דעם איז אָבער נישט געזאָגט, אַז מענדעלע האָט נאָר היסטאָרישע פּערדיענסטען, אַז ער איז פאַר אונז נאָר אַ פערגאַנגענהייט. ניין, מענדעלע איז אַ בלייבענדער אוצר, אַ שטענדיג רוישענדער קוואַל, פון וועלכען מיר קענען נאָך איצט אויך שעפּען, דען, ווען אַפילו, דורך דעם קאַמף געטריבען, האָט מענדעלע, געמוזט זעהר אָפט אויפגעבען אין זיך דעם פּרעכטיגען קינסטלער, דעם דעטאַליסט, וואָס וואָלט מיט דעם גרעסטען פערגעניגען אָבגעשטעלט זיך לעבען יעדער קליינינקייט, און בעשריבען עס, בעלויכטען, בעציהרט מיט די רייכסטע פאַרבען פון זיין בעהאַרצטער, צאַרטער שפּראַך, ווען מענדעלע, זאָג איך, האָט דורך דער עבודה, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, געמוזט דערשטיקען דעם קינסטלער און לאָזען הערשען דעם פּובליציסט, האָט דאָך דער קינסטלער דורכגעשלאָגען זיך אַ וועג דורך די פּובליציסטישע דערנער, און עס איז ענטשטאַנען אַ רייכע גאַלעריע טיפּע געשטאַלטען, וואָס וועלען קיין מאָל נישט פערטונקעלט ווערען, ווארום אַ אמת׳ער מייסטער האָט זיי געשאַפען. דעם קינסטלער מענדעלע׳ן צו געניסען דאַרף מען זיך נישט צו אָנשטרענגען, עס איז גענוג אַוועקזעצען זיך און הערען: דאָ זענען מיר אין דער וועלט פון דויערענדע ווערטען, דאָ הערשט דער שטענדיגער מוסטער. דער זיסער קול פון׳ם נאַכטיגאַל האָט געקוויקט אדם־הראשון, פונקט ווי דעם מאָדערנסטען מענשען; דאָ איז לייכט, און פרייע ריינע לופט, פון איהר האָבען דעם זעלביגען נחת געהאַט די פריהערדיגע דורות, די איצטיגע, ווי די קומענדיגע, דען אומפאַרגענגליך זענען די ווערק פון אמת׳ער קונסט.

אַ שטענדיגער אוצר, פון וועלכען מיר וועלען קיינמאָל ניט אויפהערען שעפּען, איז אויך די שפּראַך מענדעלע׳ס. ער האָט אין אַ פערגליוועמען, טויטען אָרגאַניזם אַריינגעהויכט לעבען און זאַפט, אין די אָדערען האָט אָנגעהויבען פליסען בלוט. ווי טויטע, אָבגעזונדערטע איבער פערשיעדענע קעסטע־

לעך צעוואָרפענע אותיות איז געלעגען דער שפּראַך־אוצר. איז געקומען מענדעלע, האָט עס צוזאַמענגעקליבען, בעריהרט מיט זיין צויבער, און עס איז ענטשטאַנען דאָס וואָרט, מענדעלע׳ס יודיש, וואָס איז אַזוי מעלאָדיש, זיס, האַרציג און אינטים. די קאַפּוליער יודען, וואָס האָבען זיך אין מאַרק איבערגעוואָרפען מיט ווערטער, האָבען געוויס ניט געחלומט, אַז מענדעלע וועט אָט די אַלע ווערטער אויפכאַפּען, און מיר וועלען זיך דורך איהם דערוויסען, וואָס פאַר אַ פאַרביגע שפּראַך די קאַפּוליער יודען האָבען דאָס אייגענטליך פערמאָגט. מענדעלע האָט ליעב אין זיינע ביכער אָפט געברויכען דאָס וואָרט „געשמאַק" — „מען האָט געשמאַק גערעדט וועגען ארץ־ישראל", די זון האָט „געשמאַק געוואַרעמט". בנימין, אַרויסגייענדיג אין וואַלד, האָט זיך אָנגעלעגט צו אַ בוים און „געשמאַק געטראַכט". אָט מיט דעם זאַפּטיגען בעגריף, וואָס חזר׳ט זיך איבער אַזוי אָפט ביי מענדעלען, קאָן מען איבערגעבען דעם ערשטען איינדרוק פון זיין שפּראַך: מענדעלע שרייבט געשמאַק און עס איז אים געשמאַק צו לעזען. זיין רייכקייט אין ווענדונגען, אין בעטאָנען, אין צו־זאַלצען, צופעפערען אָדער, פערקערט, צוזיסען, צוהארצען איז אומגעוועהנליך, עס איז דאָס רייכסטע, מערכענהאַפסטע בשמים־געוועלבעל ערגעץ אין טיעפען מזרח. צו דער ליטווישער שאַרפקייט קומט צו דער אוקראַינישער חן, דאָס לירישע און ווייכע, עס שמעקט מיט וואָלין און פּאָדאָליע. און וואָס פאַר אַ מייסטער איז ער אין פערידישען אַ גויאיש וואָרט, וואָס פאַר אַ ליעבקייט בעקומט אָט דאָס „בידנע פאַרשוין", אָט דאָס „צוויטען" (פון אוקראַינישען „צוויט", בליהען), אָט דאָס אַריינפלעכטען מיטאַמאָל „סערדצע־קרוין". און נישט די פרעמדע ווערטער האָט ער פערידישט, נאָר אויך די נאַטור. זעהר טרעפענד האָט זיך ביאַליק אויסגעדריקט, אַז מענדעלע האָט די נאַטור מגייר געווען. אַלעמאָל שטעהט אין וואַלד מענדעלעס וועגעלע מיט זיינע ספרים און אין דעם שלעפערדיגען פויגעל־געזאַנג, אין אַ זומערפאַרנאַכט, מישט זיך שטענדיג אַריין דער אשרי יושבי ביתך. אויף דעם געביט האָט מענדעלע געשאַפען

אייביגע קונסט, אָריגינעלע. שלום־עליכם וועט זי נאָך ווייטער ענטוויקלען, פערפולקומען, ווייל ער איז נאָר ליריקער, נאָר הומאָריסט, און ווייל עס פעהלט איהם די ביטערקייט מענדע־לעס, די גאַל פון קעמפער. אָבער שלום־עליכם איז דאָך אַנ׳־אייניקעל. אָהן דעם זיידענס האַנט, וואָלט ער דעם וועג פיללייכט נישט געטראָפפען.

די ביטערקייט, דער צאָרן, דער בייזער שפּאָט — מיט דעם זענען אָנגעפולט מענדעלעס ביכער. און דאָס איז שוין נישט דאָס אייביגע, דאָס איז שוין היסטאָריש, און דאָס איז דער עלעמענט פון זיין שאַפפען, וועלכער פאָדערט פון אונז יענע אָנגעשטרענגטקייט, יענעס קאָנען זיך אַריינלעבען אין אַ פרעמדער עפּאָכע, וועגען וועלכער איך האָב פריהער גערעדט. אָהן דעם וועלען מיר נישט קאָנען ווירדיגען, ווי געהעריג, מענדעלע׳ס ברען, פאַטאָס, דעם צאָרענדיגען פּראָטעסט אין נאָ־מען פון השכלה, פון הומאַניטעט, זאָגאַר אין נאָמען פון היי־גיענע און פון דער איינפאַכסטער, פרימיטיוועסטער קולטור. אום דאָס צו פערשטעהן, מוז מען קוקען אויף טונעיאַדעווקעס פון יענער צייט נישט מיט אונזערע, מידע, מיט ראָמאַנטיזם פער־שלייערטע אויגען, נאָר מיט די זוייט אויפגעשלאָגענע, פלאַ־מענדיגע אויגען פון אַ יונגען מאַן אין יענער צייט, וואָס האָט אָקאָרשט געענדיגט די ראַבינער־שול און האָט זיך אָנגעלעזען מיט שילערן און לודוויג בערנע, און, קומענדיג אין אַ יודיש שטעדטעל, זעהט ער פערעלטערטע פאָרמעס, פאַרשקלאַפּטע פרויען, דעספּאָטישע גבירים, דאָנאָסטשיקעס, כאַפּערס, און, זעהענדיג דאָס, גיט ער זיך די הייליגע שבועה קעמפען ביז צום לעצטען און מיט אַלע כוחות אַריינבּרענגען ליכט אין יענער פינסטערניש.

מיר טאָרען נישט צוגעהן מיט אונזער איצטיגען מאַס־שטאַב, מיט אונזערע בעגריפפען, מיר מוזען פערגעסען, אַז מיר זענען מידע, ענטטוישטע קינדער פון צוואַנציגסטען יאָהרהונ־דערט, פאַר וועלכע אַזוינע ווערטער ווי קולטור, ציוויליזאַציע קלינגט עפּעס מאָדנע, ווי אַ איראָניע, ווי אַנ׳אומפּאָרנעמער

רייצען זיך מיט אונז; מיט אונז עדפאַהרענע און ביטער אָבגענאַרטע.

מיר מוזען פערגעסען די אַלע אידיליעס, וועלכע אונזערע שרייבערס פון דעם לעצטען דור האָבען אויסגעוועבט דוקא פון יענער (פאַר די משכילים אַזוי געהאַסטער) צייט, מיר מוזען פערגעסען די פערקלערטע, טיפע, מעלאַנכאָלישע מאָנאָלאָגען רב אבא׳ס ביי אָנכי, צייטלינס אַרבייטען וועגען חסידיזם, בערדיטשעווסקים מעשות, מאַרטין בובערס פערהערליכונגען פון די לעגענדעס. אונזער איבערטרייבענדער ראָמאַנטיזם, וואָס איז ענטשטאַנען אַ דאַנק אונזער מידקייט, אַ דאַנק אונזערע ענטטוישונגען, צווינגט אונז בעזינגען דאָס אַמאָליגע לעבען אין יודישען שטעדטעל. אונז ענטציקט דער פלאַמענדיגער חסיד, וואָס וואַרפט אַוועק ווייב און קינד, טרייסעלט אָב פון זיך די עולמות און לאָזט זיך וואַנדערעווען ווייט, ווייט צום רבי׳ן און אומקערען זיך ערשט אין אַ יאָהר צוריק, נאָכדעם ווי אַלע האָבען איהם שוין בעקלאָגט, פאַר פערלוירען געהאַלטען, אומקערען זיך צוריק צופוס, פריילין, פריש מיט אַ ניגון, מיט אַ נייעם ניגון פון רבי׳ן.

אָבער ביי מענדעלע׳ן איז אָט דער חלום אונזערער צעשטערט, דאָס גאַנצע פאַנטאַזיע־בילד צעריננט, ווי אַ לייכטער נעפּל. מענדעלעס חסיד איז אַ לעדיקגעהער, אַ טויגעניכטס, אַ פּאַראַזיט. הערט נאָר די ביטערע רייד פון דעם חסידס ווייב, ווען זי קומט צום רב קלאָגען זיך אויף איהר מאַן און פּאָדערט גט. זעהר וועניג ראָמאַנטיק אין איהרע רייד, זי שילדערט איהר מאַן מיט אונבע׳רחמנות׳דיגער אָפענקייט, גאַנצענע טעג און וואָכען פערגעהען ביי איהם אין פוסטע שמועסען הינטערן אויבן, אין דעם אַ ביסעל בראָנפען נאָכן דאַווענען, די היים אינטערעסירט איהם נישט, אויף די קינדער קוקט ער נישט, קומט ער אַריין, מוז אַלץ זיין גרייט, און קומט דער פרייטאָג, נעהמט ער צו ביי דעם ווייב די לעצטע עטליכע גראָשען, און שלענדערט צו זיין רבין. פּרובט זי יאָ אַמאָל אַ וואָרט זאָגען, דאַן פליהען איהר דראָהונגען, סטראַשונקעס, זי:

וועט אַ וויסטע עגונה בלייבען, אין בעסטען פאַל שטויפּט ער זי אָב מיט דעם „עט, וואָס פערשטעהט אַ יודענע".

פונקט ווי אונזער ראָמאַנטיזם איז איבערטריבען, אָבער ער איז אַ פּסיכאָלאָגישע נויטווענדיגקייט, אַזוי איז אויך דער שאַרפער רעאַליזם מענדעלע'ס געווען איבערטריבען, אָבער נישט וועניגער אַ נויטווענדיגקייט. פריהער פאַר אַלץ איז ער אַרויס־געטראָטען אַלס סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר. ער האָט געפאָדערט יושר ביי די גבירים, בעל־טאַקסעס, וואָס האָבען געהערשט איבער דער געמיינדע, ער האָט געפאָדערט ריינליכקייט אין די שטיבער, איידעלע פאָרמען אין אומגאַנג, אַכטונג צו דער פרוי, צו וועלכער עס איז נאָך דאַן געווען אַ ריין אָריענטאַלישע בעציהונג, ער האָט געפאָדערט מענשענרעכט און איינגאַנ־צען אָבגעגעבען זיך דעם פערטיידיגען פון אָט די פרינציפּען, ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין צענטר פון דעמאָלסדיגען לעבען און העלדיש, צוזאַמען מיט פיעל אַנדערע, געקעמפט. און דאַן איז עס געווען, ווען דער פובליציסט, דער סאַטירי־קער האָט געהערשט, און דער קינסטלער האָט געשוויגען, אָדער אָבגעקומען מיט קלייניגקייטען.

„אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען שפּאַציער איך מיר אַזוי צווישען וויגענדע קאָרנפעלדער און, איידער איך האָב בעווי־זען זיך אַרומקוקען, בין איך שוין געשטאַנען אין גרויסען, געדיכטען וואַלד. איך בין געגאַנגען אַלץ טיפער און טיפער, אַראָבגענומען די טאָרבע פון די פּלייצעס, אויסגעצויגען מיין קאָפּטל און זיך אויסגעשפּרייט צופוסענס פון אַ שאָטיגען בוים. מילא, וואָס איז דאָ צו דערצעהלען? אַ וואַלד, ווי אַלע וועל־דער, ביימער זענען ביימער, גראָז איז גראָז, און פייגל זענען פייגל" („פישקע דער קרומער").

ווי כאַראַקטעריסטיש אָט די שטעלע איז. מיר ווייסען, ווי מענדעלע האָט זיך געקאָנט דערוואַרימען ביי אַ אידילישען פּייזאַזש. מיר ווייסען, ווי ער האָט ליעב מאָהלען, דעטאַליזי־רען. אין אַנ'אַנדער אָרט איז ער זיך מודה, אַז ער האָט אַ מין חולשה צו גאָטס נאַטור, צו אַלץ, וואָס שפּראָצט און בליהט,

און אַט דער חולשה האָבען מיר צו פערדאַנקען מייסטערהאַפטע נאַטור־שילדערונגען. גאָר ווי אָפט בעפאַלט מענדעלע׳ן דער פּובליציסטישער פּאַראָקסיזם. און דאַן איז ער מורא׳דיג קאַרג, דאַן זשאַלעוועט ער ווערטער און, אָנהויבענדיג מאָהלען, וואַרפט ער אַוועק אינמיטען דאָס קעסטעל מיט פאַרבען, צעבייזערט זיך און וויל אונז פערזיכערען, אַז עס איז גאָרנישט בעזונדערס פערהאַנען, וואָס צו דערצעהלען, אַז בוימער זענען בוימער, גראָז איז גראָז. דער פּובליציסט, דער קעמפּפער פאַר בילדונג, יושר און געזעלשאַפטליכען לעבען איז גובר דעם קינסטלער און פעריאָגט איהם.

ליעבע דורך האַס, דורך צאָרן, דורך ביטערקייט איז איינער פון די וויכטיגסטע מאָמענטען אין מענדעלעס ווערק. ער געברויכט אַלעמאָל דאָס וואָרט „יודלעך״ אָנשטאָט יודען. דאָס קאָן אמת אַ ביסעל אָבשטויסען, עס ווירקט אונאַנגענעם. אין אָט דעם איבערגע׳חזר׳טן „יודלעך״ פיהלט זיך אַ גרינגשעצונג, אַ מין פעראַכטונג. אָבער דאָס וועט זיין נישט ריכטיג. מענדעלע איז געוועזען פערביטערט, אָבער ער האָט שטאַרק געליעבט זיין פאָלק. און אָפט פלעגט זיין האַרץ וויין ווערען, און דאַן פלעגט ער קרעכצען, אָכצען, טרעהרען פערגיסען און „יודלעך״ האָט שוין דאַן עפּעס אַנדערס געקלונגען.

פערהאַן אַ שטעלע אין מענדעלעס גלענצענדער דערצעהלונג „שם און יפת אין אַ וואַגאָן״, וואָס אַנטפּלעקט פאַר אונז זיין וויינענדיגע נשמה. ער שילדערט ווי אַ ג׳עדה יודען, יודענעס, קינדער בעשטייגען אַ צוג, שילדערט דעם טומל, די שטופּעניש, די בערג מיט קישענס און זעק, שילדערט בייז, ביטער, און מיטאַמאָל ווערט דער כעס איינגעלאָשען און מענדעלע איז זיך מורה:

„איך בין זיך מודה, וואָס פאַר גאָט דאָס פאַר לייטען, אַז תחילת האָב איך געהאַסט אין האַרצען מיינע שכנים, גלייך ווי זיי זאָלען עפּעס מיינס פערנעמען, און ווי דער אמת איז, האָבען זיי מיך טאַקע נישט געלאָזט רוהען, און אין האַרצען האָב איך געשאָלטען מיין ביטערען מזל, וואָס האָט מיך אויפ־

געקאָמפּאַנירט מיט אַזעלכע מאָדנע משונהדיגע און דאָקוטשליווע נפשות. נאָר, אַז איך האָב זיך צו זיי גוט צוגעקוקט און זיי בעטראַכט, איז אין מיין האַרץ געוואָרען אַן איבערקערעניש זיי צום גוטען, און האָב אָנגעפאַנגען פון זיי זנדערש צו דענקען. זייערע קליידער, משטיינס געזאָגט, זייער געשטאַלט און זייערע פּנימער, וואָס זענען שוואַרץ ווי די ערד, האָבען גאַנץ בעשיינפערליך בעוויזען, אַז זיי זענען נעביך אומגליקליכע, וואָס האָבען זיך אין לעבען גענוג אָנגעליטען, גענוג אויסגעשטאַנען, און דאָס האַרץ האָט מיר געריסען פאַר רחמנות אויף זיי. די ביטערע זיפצען יעדע מינוט פון דער מוטער, האָבען מיר געמאַכט אַ לאָך אין האַרצען, דאָס פליסען זיך פון דעם פאָטער מיט די עלטערע קינדער מיך נישט צו דריקען און ענג צו מאַכען, האָט מיך פאַרן האַרצען גענומען, און מער פון איטליכען האָב איך מיטלייד געהאַט מיט דעם זויגענדיגען קינד, וועלכעס האָט געדרעמלט שוואַך, אָהן קרעפטען, אָהן בלוט אין די ליפּעלעך, אָהן אָטעם אין זיין יונגער ברוסט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך נעביך אָנגעשריען ביי דער מוטער אויף די הענט — דאָס אַלץ איז פאַר מיר גענוג געווען זיך פאָרצושטעלען דאָס שווערע, ביטערע לעבען פון דעם אומגליקליכען געזינד. עס האָט מיר זיך פאָרגעשטעלט אין מיין געדאַנק נאָך טויזענדער אַזעלכע טרויעריגע, אומגליקליכע פאַמיליעס, וועלכע ליידען הונגער, דחקות, טראָגען דאָס בינטעל צרות, שטיל אָנבייגענדיג דעם קאָפּ, און מיין האַרץ האָט ביטער געוויינט אויף זיי נעביך".

יאָ! און מענדעלע'ס האַרץ האָט ביטער געוויינט, עס איז איהם געוואָרען אַ לאָך אין האַרצען, און דאַן האָט זיין פעדער בעקומען אַ זאַנפטקייט, אַ ווייכקייט, ביז גאָר ריהרענדעס, און דער אויסדרוק „יודלעך" האָט שוין נישט געהאַט יענעם אונאַנגענעהמען שטריך, נאָר עפּעס אינטימעס, אייגענעס. פאַרהאַן ביכער גאַנצע, וואו דאָס „לאָך אין האַרצען"גיט זיך מעהר צו פיהלען, איידער זיין צאָרן, זיין ביטערקייט, וועלכע איז אויך געווען שטענדיג אויס גרויס ליבע צו זיין בידנעם פאָלק.

און דאָס האָבען געוואוסט די טונעיאַדעווקער, גלופּסקער

אייניקלעך, ווען זיי האָבען מיט עטליכע צעהנדליגער יאָהר שפּעטער געפייערט און מקבל פּנים געווען זייער זיידען שוין נישט אויף די ברעגעס פון גנילאָפּיאַטאָווקע, נאָר אין די גרויסע שטעדט, און זעהענדיג אָט דעם ענטוזיאַזם פון די אייניקלעך, האָט זיך דער זיידע דערמאָהנט אָן אַמאָליגע שלאַכטען זיינע און, שמייכלענדיג, געוויס געטראַכט: אויף נאמנות, יענע טונעיאַדעווקער יודען זענען אויך אפנים נישט געווען אַזוי שלעכט, ווי איך האָב געמיינט, וואָרום ווי מאָהלט זיך עס דען, אַז זיי זאָלען האָבען אַזוינע בראַווע, האַרציגע אייניקלעך.

איך האָב געזעהן מענדעלע'ן גראָד באַלד נאָך זיין טריאומף־רייזע איבער ליטע און פּוילען, ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט קיין אָדעס צו זיך אַהיים. עס איז געווען אַ טרוקענער זוניגער האַרבסטטאָג, מיר זענען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע (ביאַליק, ראַווניצקי, פּרץ, הירשביין) געגאַנגען צו מענדעלע'ן הערען, ווי איהם איז געפעלען דער ערשטער גרויסער אַרויספאָהר, און אָט זענען מיר געזעסען אַרום מענדעלען ביים רונדען טיש אין ברייטען אַרבייטסצימער. מענדעלע האָט דערצעהלט מיט התלהבות דאָס, וואָס ער האָט געזעהן, איבערגעלעבט, ער האָט געשמאַק גערעדט, בעהאַרצט, עס איז שוין געווען נישט אַ לאָך אין האַרצען, נאָר אַ טיעפע פרייד און בעפריעדיגונג, און, אַזוי ווי מיעד אַ ביסעל פון דערצעהלען, האָט ער פערנייגט דעם קאָפּ, דעם זעלטענעם ווייסען קאָפּ, פערלעגט אַ האַנט אין אַ האַנט, פערטראַכט זיך, און זיס־זיס צושמייכעלט זיך, און דאַן איז ער געווען ענליך צו דעם מאָנבלאַן ביי אַ שעהנעם זונע־אונטערגאַנג.

מיר דוכט אַלץ, אַז מיט דעם זעלביגען זיסען שטייכעל איז אונזער זיידע אַריבער אין דער אַנדערער טיפערער וועלט.

נ. פרילוצקי

מענדעלע'ס יודיש

„זעלבסט אין דער שפּראַך און אויסדרוקען פון דעם יודיש-לשון ווייס איך נישט, ווי זיך צו ערקלערען די אַרט און ווייזע, ווי ער געברויכט איהם. איך גלויב נישט, ער זאָל אַזוי פּעדאַנטיש זיין און האַלטען דעם לשון אַלס איינע געשטעלטע שפּראַך, וואָס יעדעס וואָרט האָט איהר שורש און מקור אין דער שפּראַך זעלבסט, און ער איז פאַר די שרשים און מקורים אַזוי פיעל איינגענומען, אַז אַלץ, וואָס ער געפינט נישט אין זיי, איז נישט הייליג און נישט גוט צו געברויכען, און שרייבט דעריבער ריין יודיש, ווי מאַנכער העברעער, אַ פּעדאַנט שרייבט און וויל, אַז אַנדערע זאָלען אויך שרייבען נאָר ריין ביבליש, אָדער ער איז לכתחילה דעם זשאַרגאָן אַ פיינט און וויל איהם אונטערגראָבען, בכדי אַרויסצושטעלען זיין פּראָסטקייט און פער-דאָרבענקייט, ער זאָל זיך שעהמען פאַר לייט".

י. דינעזאָנס ווערטער וועגען ש. י. אַבראַמאָוויטשען אין „הויזפריינד"*), אין אַרטיקעל: „די יודישע שפּראַך און איהרע שרייבער".

---

*) באַנד I (וואַרשע 1888). —

שרייבענדיג די שורות, איז דער בעקאַנטער שריפטשטע־לער — אַ הייסער פריינד פון דער „אָבגעשטויסענער" שפּראַך. אָבער זי איז אין זיינע אויגען נישט מער ווי אַ „זשאַרגאָן", אַ צייטווייליגע זאַך, וואָס מוז סוף־כּל־סוף אונטערגעהן, נאָר לעת עתּה טאָר מען זי נישט אַוועקמאַכען מיט דער האַנד, דען זי איז אַ אויסגעצייכענט מיטעל אויף אויסצובילדען די פינסטערע יודישע פאָלקסמאַסען.

אַ בריק איז דאָס פון יודיש אונוויסענקייט צו אייראָפּע־אישער בילדונג. אין דער מינוט, אָבער, ווי דער „געמיינער סאָרט יודישער עולם" וועט שוין משיג זיין, ווי נויטיג עס איז זיך צו לעהרנען, וועט די יודישע שפּראַך ווערען איבעריג, און מ׳וועט זי קאָנען אַוועקוואַרפען, ווי עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אָבגעטהון זיינס און קאָן מער קיין נוצען נישט ברענגען.

פון דעם שטאַנדפּונקט — האַלט דינעזאָן מער פון „יודיש־דייטש", ווי פון לשון־הקודש. העברעאיש, אַלס קולטור־שפּראַך, „האָט זיינע אייגענע אָפּפער פערלאַנגט, און פיעל זענען צו איהם פערקויפט געוואָרען אַזוי צו זאָגען: לעבדים עברים"*), — און זענען ספּ־כּל־סוף „ביי זייער העברעאיש געבליבען", — „יודיש־דייטש, ודאַגעגען, האָט אַזעלכע אָפּפער נישט פערלאַנגט, פאַר זיך זעלבסט האָט דער לשון נישט גערעדט און נישט געהאַט וואָס צו רעדען, דעריבער איז אַלץ, וואָס מען האָט אין איהם געשריבען, נאָר געוועזען אויף צו וועקען, צו ערקלערען און אָנצווייזען אַ וועג, און די, וואָס האָבען געפאָלגט דאָס, וואָס זיי האָבען געלעזען, זענען צו אַ בעסערען תּכלית געקומען אַלס יענע העברעער". זיי זענען נישט געבליבען ביים יודיש־דייטש, נאָר זענען אַריבער „פריי צו זיין אין דער וועלט, מיט דעם לשון־המדינה"...

האָבענדיג אַזאַ מיינונג וועגען דער יודישער שפּראַך, איז דינעזאָן געשטאַנען פאַר מעגדעלע מוכר־ספרים, ווי פאַר אַ רעטעניש.

---

*) דאָרט. —

ער האָט זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלען העכערע קונסט אויף „זשאַרגאָן“.

— „איך גלויב נישט, אויב ה׳ אַבראַמאָוויטש איז געוועזען אַזוי פאַרנאַרט צו גלויבען, דאַן ווען ער האָט די ספרים געשריבען, אַז ער שרייבט עס פאַר דעם המון, און דער המון וועט זיי פערשטעהן. בלייבט מיר אַדזאָ די פראַגע: פאַר וועמען האָט ער די „קליאַטשע“ און „יודעל“ געשריבען אין זשאַרגאָן? איבערהויבט בעמערק איך לפי ראות עיני ורגש לבבי, אַז ה׳ אַבראַמאָוויטש האָט אויפגעהערט, באַלד נאָך זיין ערשטען טריומף פון דער „טאַקסע“. ערנסט צו זיין אין זיין שרייבען יודיש־דייטש און ערנסט צו דענקען פון דעם לשון זעלבסט. אין אַלע זיינע לעצטע ווערק איז דער הומאָר און סאַטירע צו פיעל און צו דיק איינגעוויקעלט אין איינפאַלע און אָפט נישט נויטיגע און נישט גאָר וויציגע ליצנות, וועלכע עס פאַרשטעלען דעם טראָפּען מוסר און דעת. און ווען איך לעז זיינע לעצטע יודיש־דייטשע ווערק, ווי למשל, „מסעות בנימין השלישי“, בעקום איך אַ געפיהל, ווי דער מחבר שפּיעלט זיך און מאַכט קונסטגעבּרעך, און שפּעט, און לאַכט, און טאַנצט אויף אַ שטריק פאַר זיינע חברים און מחברים זעלבסט, און בעקימערט זיך וויינינג, אום דעם פּאָלק וואָס נוצן צו ברענגען“.

אויב דער עיקר איז „דער טראָפּען מוסר און דעת“, דאַרף דינעזאָן, נאַטירליך, גאָר עולם ומלואו האַלטען פון אייזיק מאיר דיק, וועלכער איז „גרויס און ערנסט אין זיטענלערע“.

האָבענדיג פאַר זיך די „טאַקסע“, „די קליאַטשע“ און „מסעות בנימין השלישי“, דערמאָנט זיך דער שרייבער מיט אַ זיפץ אָהן יענער צייט, „וואָס איז ווירקליך געוועזען איינע בליהענדע און געדייהענדע צייט פאַר אונזער יודיש־לשון, דאַן האָבען מענשען געבילדעטע פון העכערען שטאַנד זיך בעגעבען מיט דעם“...

אָי, דער יודיש־לשון איז ביי אַ סך פון די פריהערדיגע יודישע שריפטשטעלער נעבעך גאָר קיין „שפּראַך“ נישט געווען, נאָר טאָקי עפּיס אַ מין פערזעהעניש, אויסמישעכץ פון פערשיע

דענע יסודות, דייטשמערישע, יודישע און העברעאישע, — דעם מחבר פון ציטירטען אַרטיקעל האָט עס קנאַפּ געאַרט: וויכטיג איז אין דער ניס דער יאָדער, נישט די שאָלעכץ, — אין לי־טעראַטור האָט דינעזאָן געשעצט דעם תּוך, נישט די פאָרם, און ספּעציעל האָט זיך איהם אויסגעוויזען קאָמיש צו זוכען האַרמאָניע אין אַזאַ „אָץ־קוצץ״־לשון, אין אַזאַ „אָהן־הענט־אָהן־פיס־אָהן־לייב־אָהן־לעבען״־שפּראַך, ווי דער „זשאַרגאָן״, וואָס האָט קיין שום אויסזיכטען נישט אויף עפּיס אַ צוקונפט און וועט אויפ־הערען צו עקזיסטירען אין דעם מאָמענט, ווען ס׳וועט אין דער יודישער גאַס שוין נישט זיין קיין ווינקעלע, וואוהין די ליכ־טיגע זון פון השכלה זאָל נישט האָבען אַריינגעוואָרפען אַ בינ־טעל וואַרימע שטראַהלען...

ש. י. אַבראַמאָוויטש איז געקומען צום זשאַרגאָן דורך דעם זעלביגען געדאַנקען־לויף, ווי דינעזאָן.

אַלס משכיל, — אַלס מאָראַליסט און סאַטיריקער, — אַלס לערער, האָט ער געשטרעבט דערצו, זיין פען זאָל וואָס מער נוצען ברענגען דעם אָרימען יודישען פאָלק.

ווען ער האָט געשריבען העברעאיש, האָט איהם נישט געלאָזט רוהען דער געדאַנק: „ווער דאַרף דאָס האָבען? וועמען קומט עפּיס אַרויס דערפון?״

אויף איבערצוגעהן צום „זשאַרגאָן״, האָט מען, אָבער, בע־דאַרפט האָבען גרויסען מוט:

— „אין מיין צייט האָט דער זשאַרגאָן פאָרגעשטעלט אַ פּערוויסט פעלד. פערשיעדענע טינטלערס האָבען אין דער שפּראַך געשריבען פוסטע נאַרישע זאַכען. געלייענט האָבען ווייבער און פּראָסטאַקעס. דאָס פאָלק האָט זיך געשעהמט צו לייע־נען די „ווייבערישע ביכלעך״. אונזערע שריפטשטעלער, די קינסטלער פון וואָרט, האָבען זיך פערהאַלטען צום זשאַרגאָן מיט גרויס פעראַכטונג, און ווען איינער האָט זיך ערלויבט אַ שפּאַס צו טהון אין דעם מבוזה׳דיגען לשון, האָט ער פער־שטעלט זיין נאָמען, מ׳זאָל איהם נישט דערקענען און מ׳זאָל נישט חוזק מאַכען״...

אַזוי דערצעהלט מענדעלע אין זיין אויטאָביאָגראַפיע.

די שטאַרקע ליעבע צום פאָלק האָט, אָבער, גובר געווען דעם געזעלשאַפטליכען פּאָראורטייל, און אַבראַמאָוויטש האָט גיך געפועלט ביי זיך צו ווערען אַ משרת ביי דער „דינסטמויד".

נאָך דעם ווי מענדעלע האָט אָנגעהויבען שרייבען יודיש, האָט, אָבער, די שפּראַך פאַר איהם שוין נישט געקאָנט בלייבען מער קיין „דינסטמויד". אין די הענד פון דעם כשופ׳מאַכער איז דאָס כלומרשט חולא-וטלולאדיק פּערזעהעניש כמעט ווי אי־בער נאַכט פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בילדשעהנע בת-מלכה.

דער קינסטלער אין אַבראַמאָוויטש׳ען האָט איהם נישט ער־לויבט אָבצוטיילען אין שרייבען דעם אינהאַלט פון דער פאָרם.

דער מאַטעריאַל, פון וועלכען אַ קינסטלער שאַפט זיינע ווערק, ווערט נאָר דאַן פערוואַנדעלט אין קונסט, ווען עס בע־קומט די נויטיגע, די פּאַסענדיגע פאָרם.

דאָס העכער שטעהט אַ קונסטווערק, וואָס מער, וואָס שטאַרקער, וואָס טיעפער די פאָרם אין איהם איז צוגעפּאַסט צום אינהאַלט, — און פאַרקעהרט.

מענדעלע האָט דאָס געפיהלט מיט׳ן איינגעבוירענעם, גע־וונדען אַרטיסטישען אינסטיקט, — און האָט די גאַנצע רייכקייט פון זיין אויסערגעוועהנליכען גייסט, די גאַנצע קראַפט פון זיין מערקווירדיגען טאַלענט איבערגעטראָגען אין די מלבושים פון זיינע גראַנדיעזישע ווערק, — אין די יודישע שפּראַך.

זיינע חברים, די איבריגע מחברים, האָבען געשטוינט. זיי האָבען אין דעם געזעהען נישט מער ווי פּוסטע „קונסטגע־ברויך": דער שרייבער מאַכט זיך פשוט נאַריש „טאַנצט אויף אַ שטריק".

מיר פערשטעהען אָבער שוין, אַז אין דער אַרטיסטישער בעציהונג צו דער יודישער שפּראַך ליגט מענדעלע מוכר-ספרים׳ס גרויסקייט.

ווי אַן׳אמת׳ער גייסטריז, ווי אַן־עפּאָכעמאַכער האָט דער פאָטער פון אונזער מאָדערנער נאַציאָנאַלישער ליטעראַטור אויף

דעם דאָזיגען געביט, ווי אויף פיעל אַנדערע, איבערגעשטיגען זיין דור.

אַבראַמאָוויטש איז געבענשט געוואָרען פון גאָט מיט דעם זעלטענעם גאָב, וואָס רופט זיך: חוש פון דער שפּראַך.

„סטיל — דאָס איז דער מענש", האָט זיך עמיץ אויסגע־דריקט, אין דעם זין פערמאָגט איטליכער בעגאַבטער און ענט־וויקעלטער שריפטשטעלער, מער־וועהניגער, זיין סטיל, ד. ה. זיין אַרט שרייבען, זיין לשון, אין וועלכען ס'שפּיגעלט זיך אָב זיין אינדיווידואַליטעט.

מענדעלע מוכר־ספרים איז סטיליסט אין ברייטערען זין פון וואָרט, — דהיינו, אויך אין דער אָביעקטיווער זייט פון זיין שפּראַך.

אויסער דעם, וואָס ער שטעמפּעלט־אָב אויף דער לעצטער זיין איך, זאַמעלט ער דאָרט צונויף די טיפסטע אייגענשאַפ־טען פון „יודיש־לשון" גופא, אַלס אַזעלכען.

דורכלייענענדיג „דאָס קליינע מענשעלע", „די קליאַטשע", „דאָס ווינשפינגערל", „מסעות בנימין השלישי" וכו' האָט איהר פאַר זיך: די נשמה פון די פערזאָנען, וואָס ווערען דאָרט אַרויסגעפיהרט: די נשמה פון דער פאָלקסמאַסע, פון וועלכער זיי האָבען זיך נאָך נישט אין גאַנצען אָבגעטיילט, אַלס אינדי־ווידועלישע טיפּען; די נשמה פון דעם מחבר, וואָס האָט דאָס אַלץ אין זיך איינגעזאַפּט און פון זיך צוריק אויסגעשטראַהלט, און די נשמה פון דער שפּראַך, אין וועלכער דאָס בוך איז פערפאַסט.

טיעף האָט הלל צייטלין אָנגעמערקט וועגען אַבראַמאָ־וויטש'עס העברעאישען סטיל:

„אין מענדעלע'ס לשון־קודש איז אויסגעמישט תנ"ך, הלכה, אגדה, פּיוט, דרוש, מוסר, חקירה, קבלה, שפּעטערדיגע שירה און מליצה. זיין סטיל איז אַן'אויסדרוק פונ'ם גאַנצען יודישען טויזענד־יאָהריגען לעבען. ער איז דער אויסדרוק פון אונזער גאַנצער קולטור.

„אַמאָל דאַרף מען אויסדריקען אַ קורצען, שאַרפען גע־

דאַנק — דאַן קומט דער הלכה־סטיל; אַמאָל דאַרף מען אויסדריקען אַ פערוויקעלטען געדאַנק — דאַן קומט דער סטיל פון גמרא מיט מפרשים; אַמאָל דאַרף מען אויסדריקען אַ טיעפען אַלוועלטליכען געדאַנק — דאַן קומט דער חקירה־סטיל; אַמאָל דאַרף מען אויסדריקען דעם אייביגען טרויער און דאָס אייביגע ליידען פון כלל־ישראל — דאַן קומט דער אגדה־סטיל אָדער דער פיוט סטיל; אַמאָל דאַרף מען שטאַרקע שטראָף־רייד זאָגען— דאַן קומט דער נבואה־סטיל אָדער דער סטיל פון ספרי־יראים, אַלץ לויט'ן ענין נאָך; אַמאָל דאַרף מען, אָבער, אַ בעזונדער טיעף געדאַנקען־בילד אויסדריקען — דאַן קומט די קבלה צו הילף; אַמאָל מוז מען, אָבער, די אייביג ליידענדיגע טרייסטען, גלעטען, גוטע, זיסע רייד רעדען — דאַן קומט ווידער די אגדה, און ווידער די נבואה פון ישועות ונחמות"...

און נישט מעכאַניש אויסגעמישט, נאָך כעמיש צונויפגעשמאָלצען זענען די אַלע עלעמענטען.

נאָך מערקווירדיגער איז מענדעלע'ס יודישער נוסח.

דאָ האָט ער געמוזט זעלבסטשטענדיג זיך דורכשלאָגען אַ וועג.

פאַר איהם איז געווען רויער מאַטעריאַל, אין משך פון יאָהרהונדערטער אָנגעהויפענטער.

זיין אויפגאבע איז געווען: פון דעם פערשיעדענאַרטיגסטען מאַטעריאַל איין אָרגאַניש גאַנצקייט בעשאַפען.

שווערע אַרבעט האָט איהם געמוזט קאָסטען זיין יודיש, דאָס פלאַסטישע, האַרמאָנישע, ליכטיגע, פולבלוטיגע יודיש פון „פישקע דעם קרומען", פון „ווינשפינגערל".

איינקוקענדיג זיך אויפמערקזאַם אין מענדעלע'ס לעקסישען אוצר, זעהען מיר, אַז אונזער ערשטער סטיליסט איז גרינטליך בעקאַנט מיט דער גרויסער אַלטער ליטעראַטור פון טייטש חומשים, יודישע מוסר ספרים און ווייבערישע תחינות; אַזוי געַנוי, ווי ער קען די יודישע לעבענסאַרט מיט אַלע איהרע פישטשעווקעס, ביז די נעמען פון די יודישע מאכלים און פון יודישען קיך געשיר, — אַזוי אויסגעבונדען איז ער אויך

אין לשון פון די יודישע פאָלקס מאַסען, — אין ליטע, וואו ער איז געבוירען און אויסגעוואַקסען, און אין וואָלין, וואו ער האָט אַ בעדייטענדיג שטיק פון זיין לעבען פערבראַכט; פול איז זיין נשמה אויך מיט אָבקלאַנגען פון דער יודישער פאָלקס פּאָעזיע, פון איהרע לידעלעך און מעשה׳לעך, — און שפּריכווערטער מיט רעדענסאַרטען געפינט איהר אין זיין שפּראַך מעהר, ווי ביי דער באַרעדעוודיגסטער קליינשטעטעלדיגער יודענע מיט אַ מיילעכעל אויף שרויפען און אַ צינגעל ווי אַ גאָלמעסער.

איין גייסט האָט זיך פאַר אַבראַמאָוויטש׳ס טיעפגרייכענדיג אויג אין די דאָזיגע פערשיעדענאַרטיגע עלעמענטען פון דער יודישער שפּראַך אַנטפּלעקט.

ער האָט איהר פערבאָרגענעם ריטם אונטערגעהערט, די געזעצען פון איהר עקזיסטענץ און ענטוויקלונג אָנגעטאַפּט און זיך קלאָר געמאַכט.

יודיש איז אין זיינע אויגען ווירקליך געווען „איינע געשטעלטע שפּראַכע"; ער האָט ווירקליך געהאַלטען, אַז „יעדעס יודיש וואָרט האָט זיין שורש און מקור אין דער שפּראַך זעלבסט"; ער איז, ווירקליך, געווען „פיר די שרשים און מקורים אַזויפיעל איינגענומען, אַז אַלץ, וואָס ער געפינט נישט אין זיי, איז נישט הייליג, און נישט גוט צו געברויכען"; ער האָט, ווירקליך, געשריבען „ריין יודיש"... דער ערשטער, קען מען זאָגען*).

מיט 22 יאָהר צוריק איז מען נישט אומשטאַנד געווען משיג צו זיין, אַז דאָס איז אַ געניאַלע רעפאָרם, אַז דאָס איז די געבורט פון ליטעראַרישען יודיש, — מ׳האָט איינגעפונען אין דעם אַלעם „אַזעלכע פעהלער, וואָס זענען כעבות העגלה ביי דעם, וואָס קוקט בעין יפה אויף דעם לשון און אויף די ספרים, וואָס סופרים מהוגנים שרייבען"...

מענדעלע האָט אויסגעמעקט פון זיין לשון די דייטשי-

---

*) אָקסענפעלדס יודיש איז ריין, אָבער פּרימיטיוו; ס׳פעהלט איהם דאָס קינסטלערישע, וואָס מאַכט דעם סטיל, — ש. עטינגער האָט זיינע ווערק ביים לעבען נישט געדרוקט. —

שע ווערטער, מיט וועלכע א. מ. דיק האָט פערגאָסען אונזער שפראַך, אָבער אָהן וועלכע זי קען זיך אינגאַנצען בעגעהן; די דייטשמערישע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען און דעם דייטשישען בוי פון זאַץ, וואָס זענען ווירדיג דעם גייסט פון מאַמע-לשון, פרעמד זיין היסטאָרישער טראַדיציע. ער האָט אויך שטאַרק בעגרענעצט דעם העברעאישען און סלאַווישען עלעמענט אין דער יודישער שפראַך.

מענדעלע האָט זיך אָבגעשטעלט בלויז ביי די ווערטער און אויסדרוקען פון דייטשישער, לשון-קודש׳דיגער און רוסישער, פוילישער, אוקראַינער אָבשטאַמונג, אויף וועלכע ס׳ליגט שוין פון דורות אַ בולט׳ע יודישע חתימה; וועלכע זענען נאָך פאַר יאָהר-הונדערטער אַריין אין דער יודישער גאַס, איבערגעאַרבעט, איבערגעזאַנדערשט געוואָרען, איבערגעקאָכט, פערדייט, אַסימילירט פון דער יודישער פסיכאָלאָגיע, לויט בעזונדערע אינווייניגסטע געזעצען.

איהר וועט ביי איהם נישט בעגעגענען איינעם פון די העברעאישע אויסדרוקען, מיט וועלכע, למשל, דאָס אויבענדערמאָנטע דינענזאָנס אַרטיקעל איז, גאָר אָהן אַ שום גויטיקייט, נאָר ווי בכיון אָנגעשטאָפּט.

אין „ווינשפינגערל" איז פערהאַן ביז 180 ווערטער פון סלאַווישע שרשים, — „אַזש, אָבגעבליאַקעוועט, אוגערקע, אונטערוואָרטשען, אינדיק, בורטשעט, בורנעס, באָרשטש, בלאָטע, געמבע, גאַניק, געפּענטעט, געמאָנטעט, דרעמלען", און אַ. וו., — כמעט איינס און איינס געהערען זיי צו די טיעף־פעריודישטע, אַלגעמיין־געברויכליכע, אַזוי כאַראַקטעריסטישע פאַר׳ן ליטווישען און וואָלינער דיאַלעקט, ענג-פערקניפּטע מיט דער אָבשטאַרבענדיגער עפּאָכע אין אונזער לעבענסאַרט, וואָס איז אַזוי גלזייטיג אָבגעמאָהלט אין די ווערק פון אונזער גרויסען נאַציאָנאַלישען קינסטלער.

ריכטיג אָבגעוואויגען, פּינקטליך אויסגעמאָסטען זענען די גרונט־יסודות אין זיין שפראַך; ער מישט זיי צונויף אין אַ שטרענג-אויסגעהאַלטענער פּראָפּאָרציע, וואַכענדיג, די האַרמאָניע

זאָל אויף קיין האָר נישט געשטערט ווערען.

נישט קוקענדיג אויף די פּאַרזיכטיגקייט אין אויסוואַהל און געברויך פון ווערטער, פּילט מענדעלע קיינמאָל נישט קיין מאַנגעל אין זיי. צו פּאַלקאָם בעזיצט ער די שפּראַך, צו פעסט איז ער אין איהר, עס זאָל איהם קאָנען פעהלען אויסדרוקען!

ער היט זיך זעהר פון ניטדייטליכקייט, פון צעשווימענקייט אין סטיל. ער ווענט תמיד אָפּזוכען דאָס וואָרט, וואָס זאָל אַרומנעמען דעם בעגריף, ווי אַ גוט אויפגענייטע הענטשקע די האַנד, ווי די אייזערנע רייף דעם ראָד אין וואָגען.

און דאַרף מען אויסדריקען אַנ׳איידעלערען ניואַנס פון בעגריף, אָדער אַנ׳אַבסטראַקטע השגה, איז מענדעלע תמיד ביכולת צו בעשאַפען אַ נייע פאָרם פון אַנ׳אַלטען שורש, — און דאָס נייגעבוירענע וואָרט איז פּונקט אזוי יודיש, ווי די אַלטבעקאַנטע ווערטער פון מאַמע־לשון, מחמת דער מחבר פון „מסעות בנימין השלישי" ווייסט צוצוגעבען צום יודישען וואָרצעל אויך אַ יודישען פּרעפיקס און אַ יודישע ענדונג.

נישט „בלענדענד, ערצויגען, ערנידריגט" שרייבט מענדעלע, נאָר: „בלענדזענדיג, דערצויגען, דערנידעריגט", — און אַזוי פון אָנהויב ביז סוף לאָזט ער אויף קיין רגע נישט אָב פון אויג די דורך איהם אַליין צום ערשטען דורכגעפילטע געזעצען פון דער יודישער עטימאָלאָגיע.

ווי טיעף, ווי בעשמעקט איז, למשל, דאָס הויפּטוואָרט „געדראַנג", וועלכעס מענדעלע האָט אַרויסבעקומען פון צייטוואָרט „דרינגען". — אַ שאָד, וואָס זער לאָגישער טערמין איז נישט אַריין אין אונזער היינטיג יודיש. ער פעהלט דאָך אונז ממש! מיר שרייבען: „פועל־יוצא", „רעזולטאַט", — דיביידע ווערטער זענען נויטיג, זיי גיבען אָבער דורכאויס נישט איבער יענעם בעגריף, פאַר וועלכען אַבראַמאָוויטש האָט נאָך מיט 40 יאָהר דערפונען אַזאַ גליקליכען אויסדרוק.

מענדעלע ווייסט, ווי רייך זיין שפּראַך איז, און קאָקעטירט אָפּטמאָל מיט זיין עשירות. אָנשטאָט איין וואָרט, וואָס וואָלט גאַנץ ריכטיג איבערגעגעבען אַ בעגריעף, האָט ער ליעב

נישט זעלטען אַ וואָרף צו טהון אַ גאַנצע ושמעניע מיט ווער־טער, — ווי ווייץ פאַר די פייגעל, — ווי איינער זאָגט: „נאַט, בעוואונדערט״!

— „איך וועל דיר ווייזען אייערע אַלע תכשיט׳לעך, אייערע מיוחסים׳לעך, אייערע בעלי־טובות׳לעך, אַלע אייערע אפוטרופסים׳־לעך״, — זאָגט דער אשמדי אין דער „קליאַטשע״: —„איך וועל דיר ווייזען אייערע ספּאָדיקלעך, אייערע ציגאַנערלעך... איך וועל דיר ווייזען פּייקעלעך, גערגעלעך, אוכניאָקעלעך, מרידענ־לעך, שיך־און־זעקעלעך, פּיאַטקעלעך, פּאַטשיילעכלעך, פּושקעלעך, קעסטעלעך, קאַראָבקעלעך און קאָכלעפעלעך... איך וועל דיר ווייזען אייערע דריידלעך, שרייערלעך, גרעגערלעך, שטאַרקע העמ־מערלעך, ניימאָדנע גלות־ליכטלעך, קאָרפּירער־אתרוגים׳לעך און אייערע כפּרה־הינדלעך!״ *)

— „איך, מענש, — זאָגט ישראליק־דער־משוגענער, — איך, מענש, בין דער תכלית, דער צימעס, דער אַנטיק פון אַלע בעשעפענישען; נאָר צוליעב מיר, תכשיט, צוליעב מיין בעדער־פעניש און מיין פערגעניגען לעבען זיי אַלע אויף דער וועלט; איך, תכשיט, בין דער מלך, דער אויבערהאַר איבער אַלע בהמות״ **)...

אין דער „קליאַטשע״ געפינען מיר אויך אַזאַ פראַזע:

„אפילו אַ יונגעל, אַ שוטה, אַ ווייסע׳חברה׳ניק, אַ דראַב, אַ טויגעניכטס, אַ לא־יוצלח״...

מ׳וועט אפשר זאָגען: וואָס טויג דאָס אָנהויפּענען פון סינאָנימישע ווערטער? ביי מענדעלען האָט, אָבער, דער לוקסוס אין אויסדרוקען אַ בעזונדער טעם. דערביי ווירקט עס פּסיכאָ־לאָגיש: מאַכט בולטער דאָס בילד, אויסדריקליכער דעם געדאַנק, פולער דעם איינדרוק.

---

*) „די קליאַטשע״ ז׳ 110.

**) דאָרט ז׳ 18. — דאָרט ז׳ 29.

...אַלע אויבענאָנגעוויזענע אייגענשאַפטען, אַלע סובטעלע ניואַנסען פון זיין לשון־קודש׳דיגען סטיל האָט מענדעלע מוכר־ספרים איבערגעטראָגען אין לשון פון זיינע יודישע ווערק, און דערמיט פערפולפאַכיגט די בייגעוודיקייט, די גראַציע, די גייסט־רייכקייט פון מאַמע־לשון.

„אָט איז ער, גאָט! אָט זעה איך איהם באַלד פאָהרען דאָרט, דאָרט צווישען די צוריסענע כמאַרעס! אַ שטיק שוואַרץ־געדיכטער וואָלקען, העל־ליכטיג ביי די קאַנטען, טראָגט זיך דאָרט אויבען אין דער געשטאַלט פון אַ מורא׳דיג גרויס פערד, מיט אַ קלאָר־ווייסע גריווע אויף דעם טונקעל־געפלעקטען האַלז. פון די נאָזלעכער, פונ׳ם מויל פליהען איהם ביסלעכווייז פייערדיגע בליצען, מיט אַ ציק הין־און־הער... דאָס איז ער — דער כּרוב, אויף וועלכען עס זיצט רייטענדיג אַ שרעקליך גרויסער העלד, אַ גבור, אין אַ פורפערקלייד, מיט לאַנגע גרייז־גרויע לאָקען און מיט אַ לאַנגער געקרייזעלטער באָרד, ריין, ווייס ווי זילבער. נאָך איהם ציהט זיך אַ גאַנצע מחנה ריזען, עוג מלך־הבשנ׳ס, גוג־מגוג׳ן, מיט אַלערליי חיות, וועלכע איהר ווילט, אַלע מיט ערנסטע פּנימער, אַלע עפּעס פערטראַכט, אַלע איילען, יאָגען זיך פלינק, דער גוטער יאָהר ווייסט וואוהין — און לאָזען נאָך זיך איבער אויפ׳ן הימעל אַ בלויען, לויטערען שטעג. די לבנה שטעקט פון צווישען די וואָלקען אַרויס אַ שטיק קע־פעל און קוקט זיי נאָך פון דער וויטענס מיט אַבשיי, ווי איין עלטסטער, בשעת עס פאָרט דורך אין זיין אָרט אַ גרע־סערער פריץ פון איהם... די בוימער בייגען אָן די קעפּ, בוקען זיך מיט גרויס דרך־ארץ, האָבען אַ פּנים ווי די אָפּגעשמיסענע — תּרבות, שאַ־שטיל! און פונ׳ם גרינעם בלעטער־מאַנטעל קאַ־פּעט זיי טראָפּענס וואַסער, קאַפּ־קאַפּ אויף דער ערד, קאַפּ־קאַפּ מיר אויפ׳ן קאָפּ.

אָ, הייליגער גאָט! — לאָז איך אַרויס אַ געשריי און פאַל כורעים אויפ׳ן פייכטען נאַסען גראָז״.*)

*) „די קליאַטשע" ז׳ 49—50.

מענדעלע-טורעם

קלינגען נישט אין דעם מאַיעסטעטישען פראַגמענט פון דער „קליאַטשע” פּאָעטיש־שטאַרקע טענער פון תהלים, וויזיאָ־נעריש-ליידענשאַפטליכע אָפּקלאַנגען פון יחזקאל, אויסגעמישט מיט די פערצערטעלטע פיהלונגען פון אַ מאָדערנעם דיכטער ?...

1910

משה נאַדיר

הויך־וועג, ווייט־וועג און טיעף־וועג

מענדעלע — דאָס איז דער גלייכער וועג, וואָס ציהט זיך אַהין־אַהין, אייביג אַהין, שטענדיג־אַהין — דער וועג צו די אַלטע דורות, דער וועג צום אייביגען קוואַל פון אונזער געשיכטע, דער הויכוועג און ווייט־וועג און טיעף־וועג צו דער פערגאַנגענער אייביגקייט, וועלכע בעשאַפט זיך אויפסניי איטליכע מינוט פון אונזער לעבען.

מ׳דאַרף נישט פערגעסען: מענדעלע איז באַנאַל. די יוגענד איז עס נישט, היינע איז באַנאַל — פריינד איפסעלאָן נישט. געטע איז באַנאַל, טעקערי איז באַנאַל, דיקענס איז באַנאַל, גאָגאָל איז באַנאַל, — אַלע גרויסע דיכטער און קינסטלער זענען פערבאַנאַליזירט געוואָרען פון דרויסען. מ׳האָט זיי איבערגעשריבען און נאָכגעשריבען און מיטגעשריבען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זיי זענען געוואָרען אַזי שאַבלאָן ווי לבנה־און־שטערען, ליליען און רויזען, טוי און נאַכטיגאַלען.

ליליען זענען וואונדערליך שיין. רויזען? — איך געה אויס נאָך רויזען, איך שטאַרב נאָך זיי. לבנה, די בלייכע לבנה, די אומיטיגע, ווי איך האָב דיך ליעב! און פונדעסטוועגען היט

איך מיך ווי , זיך-ווייס-אַליין-נישט-וואָס, אַז איך זאָל מיך, חלילה, נישט אַרויסכאַפּען מיט אַזאַ באַנאַל וואָרט ווי לבנה-שטראַהלען, אָדער ליליענפינגער, אָדער ענליכע שעהנע זאַכען.

די עטליכע פעריונגעלשטע יונגע — די וואָס פערקינדישען אונזער שעהן-ליטעראַטור, זענען נישט שטאַרק פערליעבט אין מענדעלע'ן, ווייל ער איז נישט ניי. נו, פערשטעהט זיך, זיי זענען נייער—ווע̄לען אייביג בלייבען ניי, גלאַנציג מיט פערעדיגען שווייס-גלאַנץ. זייערע ווערק וועלען קיינמאָל נישט אָבגענוצט ווערען פון צופיעל געברויך, וועלען קיינמאָל נישט האָבען אויף זיך דעם הייליגען שטויב פון אַלטקייט, פון געשיכטליכקייט. נאַראָנים עלטערען זיך נישט. זיי האַלטען זיך תמיד אין דער מאָדע. און ווען די מאָדע איז צו זיין טראַגיש און גאָטזוכענדיג, און עדעל-פיין, און אומעטיג — טהוט מען עס. דער, וואָס האָט נישט קיין אייגענע פערזענליכקייט, קאָן אָננעהמען אַלערליי פאָזען און זשעסטען; און אַז די נוצען זיך אָפּ, נעהמט ער אָהן אַנדערע, נייערע, פיינערע, בעקוועמערע. וואָס פאַר אַ דאגה האָט ער!

מענדעלע איז, פערשטעהט זיך, אַלט. אָבער אין זיין צייט, איז ער געווען יונגער, פייערדיגער, רעוואָלוציאָנערער, ווי אַ סך פון אונזערע יונגע. מענדעלע לאַכט פון אַלטקייט ווי נאָר איינער! מענדעלע שפּעט-אָפּ פון די, וואָס גלויבען, אַז יענער איז געווען פאַר מיר, דערפאַר איז ער געווען קלוגער. מענדעלע לאַכט פון די אַמאָליגע „אַלטע", וואָס פלעגען זינגען פון „אינדען, וואָס טהוען צוברעכען זייער דאָרשט" און „וואָס שפּיעלען און שאַלען אַ לויב ליעד דער געליעבטער כלה", פון די וואָס שרייבען „אַ האַרבען אָץ-קוצץ-לשון, און יודען זענען זיך מחיה, ווייל ס'איז אוממעגליך צו פערשטעהן".

מענדעלע'ס פּאָעזיע איז נישט קיין אויסגעדיכטערטע, פון ביכער אַרויסגעלערענטע, ווערטערדיגע. מענדעלע'ס פּאָעזיע איז רויע פּאָעזיע — נישט געפּאָלירט און נישט געקינסטעלט, נאָר ווי זי קומט פון דעם יודישען לעבען אַרויס. מענדעלע'ס פידעל-שפּיעל איז לויטער פידעל-שפּיעל, אָהן די קונצען פון מאַכען

מיט די פינגער, פון ווארפען מיט'ן קאָפּ פון חן וועגען.

מענדעלע מאַכט אַליין זיין פידעל — זיין געצייג. און אויב אפילו זיין ליעד איז אמאָל נישט אַזוי הויך אינטערעסאַנט, איז אָבער דער פידעל שטענדיג ציטערדיג, שטענדיג קלאָגענדיג, און — ווי אין יענע לעגענדע פון דעם פידעל, וואָס מ'האָט געלעגט אויפ'ן קבר פון אַ דער'הרגט'ן פּרינץ — שפּיעלט ער פון זיך אַליין, און ער בעוויינט און בעקלאָגט דעם געשטאָרבענעם פּרינץ—דאָס פּרינצליכע, דאָס פערגאַנגענע.

מענדעלע, דער נישט-דאָס-בין-איך-אויסען-מענש, איז שטענדיג עפּיס אויסען. זיין נישט-אויסען-זיין איז בלויז אַ לשון סגי-נהור, אַנ'אָנשטעל. מענדעלע איז דער אויסענדיגסטער פון אַלע יודישע שרייבער. אפשר שוין אַ ביסעל צופיעל אויסען. אָבער ווער קאָן זאָגען צו'ם דעמב „אַזוי זאָלסטו וואַקסען"? ווער קאָן פערשרייבען מענדעלע'ן זיין וועג, זיין מאַניר, זיין סטיל?

מענדעלע'ס כּתבים זענען געשריבען פאַר תּלמוד'ישע מענשען, פאַר מענשען, וואָס לערנען — נישט פאַר אַזוינע, וואָס לייענען. מען דאַרף לערנען אַ קאַפּיטעל מענדעלע, ווי מ'דאַרף לערנען אַ פּרשה רש"י אָדער תּוספות. מענדעלע בעשרייבט נישט דעם יוד, נאָר דאָס יודישקייט, נישט די וועלט, נאָר דאָס וועלטליכע, מענדעלע זאָגט וועגען מענדעלע'ן, אַז עס האָט איהם געצויגען אַהין, אַהין דאָרט אין די ווייטע מקומות אַריין. דאָס האַרץ האָט זיך אין איהם געצויגען, אַזוי ווי קליינע קינדער ציהען זיך מיט די הענטלעך געגען דער לבנה. זעהט איהר שוין: קינדערלעך מיט בלינדע אויגען בענקען נאָך דער לבנה — נישט נאָר ביי אונזער יינגסטען, נאָר אפילו ביי אונזער זיידען. נאָר דער זיידע זאָגט עס שעהנער, פיינער, אמת'דיגער. ביי מענדעלע'ן, אַז די זון געהט-אויף, קוקט זי אַראָפּ מיט איהר ליכטיג פּנים. איי'ן קוק איהרער האָט מחיה געווען איטליכע זאַך בעזונדער. בוימער און גראָזען האָבען ווי זיס געשמייכעלט איידער די גרויסע טרערען טוי פון ביינאַכט זענען ווי אויסגעטריקענט, אַקוראַט ווי קינדער צולאַכען זיך פּלוצים אין מיט'ן אַ געוויין.

און מענדעלע'ס הומאָר, ווי עדעלשיין איז ער, ווי טיעף,

ווי גרויסשטריכיג! די בלאַטע אין גלופּסק איז ביי איהם אַזוי שיטער און טיעף, אַז אַפילו אַ הויכגעוואַקסענער מענש, מוז זיך פערשפּריצען ס׳היטעל. דאָס וואַסער פון דעם יודישען טייך פּיאַטיגניליוווקע איז אַזוי געדיכט, אַז בנימין לעגט זיך אָהן דערמיט פולע קעשענעס און הייסט מענדעלע׳ן זיך מאַכען דער־פון אַ פעקעל. מענדעלע בעשרייבט די יודישע הייזער, ווי זיי שטעהען עפּיס ווי אָנגעברוגז׳טע איינס אויף דאָס אַנדערע, שטעהסט דו אַרויסגערוקט, זאָגט איין הויז, שטעה איך מיר דווקא אַריינגערוקט. שטעהסטו מיט׳ן דעכעל אַראָפּ, שטעה איך מיט׳ן דעכעל אַרויף.

מענדעלע׳ס גרויסקייט איז פון יענעם סאָרט, וואָס דער־ווייטערט אַ ביסעל, וואָס פערפרעמדט, וואָס שטעלט אַוועק אַ ווייטע גרענעץ צווישען אייך און זיינע בעשאַפענע געשטאַלטען. ער גיט אייך דאָס בילד און די דיסטאַנץ, כדי איהר זאָלט קע־נען זעהן זיינע נישט ליעבע מענשען אין דעם ווייכערען ליכט פון פערגעבונג, אין דעם מאַט־ליכט פון פערגאַנגענהייט, פון עפּיס, וואָס איז, ווי אַ גראָער פלעק, געבליבען אויף די בלעטער פון אונזער לעבען.

מענדעלע איז געדאַנקליך, אָבער נישט דענקעריש. מענדעלע איז אַ חכם, אָבער ער חכמה׳ט זיך נישט. ער שטראָפט און שילט, ער שמייכעלט און גלעט, ער גיפטיגט און היילט, אָבער דאָס אַלצדינג ווערט געהייליגט אין די טיעפע פייערען פון ליעבשאַפט און געטריישאַפט. מענדעלע שרייבט און ערגערט זיך. ער שרייבט און ס׳טהוט איהם וויי. ער שרייבט און פריידט זיך, ער שרייבט און שפּיעלט אַ ליעבע מיט דעם געשריבענעם, און די ווערטער זענען רונד און פערעלדיג, און בעטען זיך: שרייבט מיך אויף אויף פּאַרמעט, ווייל איך בין אייער הייליגע שריפט, ווייל איך בין דאָס פערגאַנגענע יודישע לעבען, וואָס קעהרט זיך מעהר נישט אום. מענדעלע׳ן מעהר ווי וואָס־עס־איז אַנדערען יודישען שרייבער — איז געלונגען פעסטצוהאַלטען די פּאָרמען פונ׳ם פערגייענדיגען דור, פון דעם אַלטען דור, וואָס האָט געליטען פון בעלי־טאַקסע און פיינע בריות. ער איז אַ

חוץ דער גרויסער יודישער שריפטשטעלער, מיט אַלע זיבען חנ׳ען פון אמת׳ער יודישקייט, אויך דער געשיכטע-שרייבער, דער פערצייכענער פון יודישע מנהגים, פון יודישע געננ, פון יודישע צרות-און-נחת. ער איז דער עקספּאָנענט פון דער יודי־שער נשמה, ווי זי האָט זיך ענטפלעקט אין די פערשאָלטענע יאָהרען פון איהר גלות.

מיר, די היינטיגע, די נייערע האָבען געמאַכט אַ פעטיש, אַ נ׳אָבגעטער פון אונזער אייגענעם טראַגיזם. מיר דינען צום בלוי-בלייכען גאָט פון מעלאַנכאָליע און צער. מיר וואַלגערען זיך אין אַ פעטען אומעט און מיר ווערען דערפון געזונד, מיר פרעסען דעם זעלבסט-שמערץ מיט גרויסע לעפעל, און דאָס פערשאַפט אונזער ליידיגען אַפּעטיט צום לעבען. אונזערע טרע־רען זענען פיש-אייל פאַר אונזער געמיט. מיר שטעהען פאַר׳ן שפּיגעל און מיר מעסטען זיך אָן די וואונדערבאַרע פּאָזע פון אַ רעוואָלווער נעבען דער שלייף. מיר זענען יונג און אויסגע־לעבט אין פערקרימט, און גאָרנישט ווערענדיג. מיר בלאָנדזען אַרום און מיר זוכען נישט. מיר האָבען גאָרנישט און מיר ווייי־סען נישט, ווי אַזוי עפּיס צו ווערען.

מענדעלע איז געווען דער נביא, מיר זענען די בייזע נבואה. מיר שפּיעלען און פערשפּיעלען זיך מיט אַלערליי נאַ־רישקייטען, מיר זינגען מיט גאָלדענע צויטען און מיר טראַכ־טען מיט זילבערנע פליטערלעך. מיר האַלטען אָפען אַלע טהי־רען פון אונזער געמיט, אָבער וואָס קענען מיר זעהן דאָרט־אינעווייניג?

מענדעלע איז געווען דער יונגער, דער יוגענדליכער, דער מענש מיט אַ וואונש און אַ ציל. לאָמטערען און וואַנדער־שטעקען אין האַנד, איז דער זיידע געקראָכען איבער די בלאָטעס פון גלופּסק און טונעיאַדעווקע, געשאָלטען און זיך געבייזערט, און כסדר האָט ער געהאַלטען ס׳אויער צו דר׳ערד, צי קומט שוין נישט, אפשר, דער פערשפּעטיגטער משיח, און אפשר קאָן מען איהם אונטעראיילען. ער האָט געזען דאָס טראַגישע פון אונזער לעבען. ער האָט זיך דערביי פערטראַכט. ער האָט געזען, ווי־

גרויס גאָט׳ס וועלט איז און ער האָט געטריבען דאָס פאָלק ישראל מיט בייטשען אַרויסצוגעהן אויף דער וועלט, און זיין מיט מענשען גלייך. ער האָט געוואָלט, אַז יודען זאָלען זיין „מיט מענשען גלייך”?—מיר גלויבען בכלל נישט זעהר שטאַרק אין מענשען. ער האָט געמיינט, אַז אַ יוד דאַרף זיך נאָר גוט אַרומזייפען, אַראָבוואַרפען ס׳שטריימעל, ווערען אַ זשענטעלמאַן און ער איז געראַטעוועט. — מיר גלויבען, אַז ס׳איז גאָר קיין רעטונג נישטאָ פאַר דעם לעבען, און אַז אַזוי צי אַזוי, ציהט אַלץ אונזער האַרץ אַהין, אַזוי ווי קליינע קינדער ציהען זיך מיט די הענטלעך צו דער לבנה.

אויסלענדער

מענדעלע מוכר ספרים

I

מיט דעם דורשט פון פיעל דורות איז מענדעלע צוגעפאַלען צו יעדען חן־גריבעלע פון יודישען לעבען, שעפענדיג פון דאָרט די אוצרות פון בילדערישקייט, וואָס דאָס אַנאָניג.ע „יודעלע“ האָט שוין געהאַט אין זיין שפּראַך אָנגעזאַמעלט.

די שטריכען פון מענדעלעס קינסטלערישער פיזיאָנאָמיע זענען די הויפט-שטריכען פון מענדעלע׳ם וועזען בכלל, און ווען מיר ווילען דאָס דאָזיגע מענדעלע־וועזען כאַראַקטעריזירען, הויבען מיר אָן פון דער אייגענאַרטיגער „חולשה“, וואָס מענדעלע האָט אין זיך דערזעהן.

„רבותי, איך בין זיך מודה — שרייבט מענדעלע — אַ מין חולשה אַזעלכע האָב איך פון קליינוויין אויף, נישט פאַר יודען געדאַכט, וואָס אויף זייער לשון הייסט עס: ליעבשאַפט צו נאַטור, ד. ה. צו אַלצדינג, וואָס וואַקסט, וואָס שפּראָצט, וואָס לעבט, וואָס געפינט זיך אין דער וועלט, עס ציהט מיך, ציהט, נישט פאַר אייך געדאַכט געוואָרען. עס קריכט מיר אַמאָל אין קאָפּ אריין אַ צאַצקעלע, אַ שיין פנימ׳ל, אַ בילד, אַ געשטאַלט, אַגרע-

װעלע, אַ בוימעלע, אַ רױזעלע, אַ פײגעלע...״

אָט די דאָזיגע „חולשה״ מענדעלע׳ס, װאָס איז קײנמאָל נישט געבליבן פּאַסיװ, װאָס האָט שטענדיג געצװאונגען איהם צו זינדיגען קעגען דעם „לא תעשה לך פסל״ און שטרעבען צו פּלאַסטישע בילדער — אין דעם איז דער ערשטער שטריך פון מענדעלע׳ס קונסט.

מענדעלע איז געװען אַ מײסטער, און זײן פערהאַלטען זיך צו דער נאַטור איז נישט געװען די חסידישע בעציהונג צו נאַטור, װאָס לײטערט אַלץ אַרום אין נאָמען פון װעלכען ס׳איז רעליגיעזען זכות־אבות... אין דעם בעריהמטען בילד פון „צװישען צװײ בערג״ בײ פּרצ׳ן לעבט אַלעס אין דער נאַטור נאָר אין זכות פון שמחת־תורה, דאָרט געהט אונבעמערקט אַרי־בער דער גלאַנץ פון די חסידישע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס אויפ׳ן גראָז, און ערשט דערפון נעמט דאָס גראָז גלאַנצען. בײ מענ־דעלע׳ן איז עס נישט אַזוי. בײ איהם לעבט די נאַטור אין אַלץ, װאָס איז נאַטירליך פאַר זיך, מיט אַנ׳אײגען לעבען. און גראָד דערין ליגט מענדעלע׳ס טבע, װאָס ער װיל די נאַטור נאָכמאַכען, די קונסט צו אָביעקטיװירען איז דער ערשטער קענצײכען פון מענדעלע׳ס װעזען, און דאָס מאַכט איהם אויך פערשידען פון די דורות אַלט־העברעאישע דיכטער, װעלכע מען קאָן גיכער אָנרופען מיט׳ן נאָמען „ליטורגיסטען״, אײדער מיט׳ן נאָמען „קינסטלער״. די ליטורגיע איגנאָרירט אינגאַנצען דעם אָביעקטיװען אינהאַלט און די קערפּערליכע ממשות פון דער נאַטור. אין בעסטען פאַל שװעבט זי איבער דער נאַטור, אין ערגסטען פאַל איז זי בכלל אױסער דער נאַטור.

נישט אַזוי אָבער איז די טבע פון דער קונסט. די קונסט װיל אַ נאַטור בעשאַפען, און פערשידענע קינסטלער געהען צו דעם ציעל מיט פערשידענע װעגען. פאַרהאַן קינסטלער, װאָס נעמען זיך דערבײ לױט׳ן קאָנקרעטען מוסטער די נאַטור נאָכ־צומאַכען, נאָכמאָהלען.

מענדעלע געהערט צו דעם לעצטען אַרט קינסטלער. מיר לײענען די פריהלינגס־בעשרײבונג אין „שלמה ר׳ חײמס״, דעם

אָנקום פון ווינטער אין „ווינשפינגערל”, און דער דאָזיגער איינדרוק ווערט נישט אָבגעשוואַכט. אָט איז אַ בילד „פון פיש־קע דעם קרומען”: — „דער הימעל איז בלוי, לויטער, אָהן אַ פיצעל וואָלקען. די זון ברענט, סמאַליעט, עס ווייהעט נישט קיין ווינטעלע, מען פיהלט נישט קיין פייגעלע...”

אין דער דאָזיגער נאַטור־בעשרייבונג, וואָס איז, אגב, לאַנג און געניי, און געזעהען מיט ספעציפישע אויגען פון אַ יודען, „ווייהעט דאָך נישט קיין ווינטעלע” פון מיסטישער בע־גייסטערונג, פון הללויה־געזאַנג...

מענדעלע מאַכט נאָך די נאַטור און ער געהט זי נאָך שריט נאָך שריט, בעשרייבט דעם לאַנדשאַפט מיט אַלע בעשע־פעניש ען, וואָס אויף איהם...

עס איז באמת געווען אַ „חולשה” אין פערגלייך מיט דער טבע פונ׳ם אָרטאָדאָקסאַלען טיפּ יודישען דיכטער, וואָס האָט זיך אויפגעצויגען אויף תהלים און אויף אַ בלעטעל פער־טייטשען שיר־השירים...

מענדעלע׳ס קונסט, אַ ווייטע פון רעליגיעזע צוועקען און רעליגיעז־קינסטלערישע מיטלען, איז אַ נייטראַלע, פּלאַסטישע קונסט, און דאָס בעטייט זיין „חולשה”, זיין ליעבע צום צאַצ־קעלע, צום גרעזעלע, צום בוימעלע, צום פויגעלע...

אָבער אין דער דאָזיגער ליעבע „צום צאַצקעלע” איז פערהאַן נאָך עפּיס: ער גלויבט אין דעם דאָזיגען „צאַצקעלע”. מענדעלע האָט נישט די קראַפט מבטל צו מאַכען די מינדסטע בעוועגונג אין דער נאַטור, דעם מינדסטען שטריך אינ׳ם מענ־שענ׳ס טבע, דעם קלענסטען בויג אינ׳ם שפּראַכען־גאַנג. מענדע־לע האָט אָנגעהויבען פון „תולדות הטבע” און דאָס איז קיין צופאַל נישט. דער גאַנצער אַרט צוגאַנג זיינער צו מענשען און ערשיינונגען, דאָס אומגעשראָקענע קוקען דער טבע אין די אויגען, יעדע איינצעלנע שטעל, וואו מענדעלע נעמט זיך רעדען אין נאָמען פון אָט דער בעלייידיגטער טבע — דאָס אַלץ דערווייזט, אַז מענדעלע פערמאָגט נישט נאָר „ליעבע צו דער נאַטור”, נאָר אויך דער גלויבען אין דער נאַטור׳ס ווילען, אין

דער נאַטור׳ס טהאַט, עס איז דעע זעלבער גלויבען, וואָס קאַר־לעיל האָט אַמאָל אָנגערופען „די רעליגיע פונ׳ם פאַקט.״ און מענדעלע בעווייזט עס גאַנץ אָפט. אין זיין שטענדיגען דערמאָ־נען וועגען די „מילבען-יודען״ ליגט בעהאַלטען אַ פערבאָרגענער גלויבען אין זיי. „מיר האָבען געזעהן, אַז מיר זענען אַ זיווג מין השמים״—דערצעהלט מענדעלע וועגען אַ געוויסע קאַטעגאָ־ריע פון די דאָזיגע מילבען—פון די גלופסקער יודען. און ביי זיין גרעסטען בטול צו זיי האָט ער זייער שפּראַך אָנגענומען, זייער ליטעראַרישען נוסח פערקערפּערט און, ווען שטעהענדיג שוין גאָר אין דער עלטער, האָט ער מיטאַמאָל דערזעהן, אַז די מילבען הויבען אָן מענשליכע הויט און ביין צו בעקומען, האָט ער, דער יוד אין די אַכציגער, מיט שטאָלץ אויסגערופען:

— איך בין מיט די „עמי־הארצים״ געגאַנגען ביז אַהער און וועל ווייטער געהן...

און אין דעם איז געווען דער טריאומף פון זיין גלויבען, פון זיין „רעליגיע פונ׳ם פאַקט.״

וואָס איז דער סוד פון מענדעלע׳ס אייזען־פעסטער שטאַנד־האַפטיגקייט, פון דעם גראַדען שניט פון מענדעלע׳ס לעבען, וואָס האָט בחור-ווייז אויף אַ ווייל זיך פערלוירען אין דער פערספּעקטיוו פונ׳ם יודישען לעבען, האָט זיך ווידער פערענ־דערטערהייט אַרויסבעוויזען און, נישט אַראָבפאַלענדיג ביי זיך, דורות נאָכאַנאַנד בעגלייט?...

דער זעלבער סוד שוועבט אויך איבער מענדעלע׳ס ווערק, מיט זיין ענציקלאָפּעדיסטישען גייסט בישטערט אויס מענדעלע אַלע פאַלדען און ווינקלען פון יודישען לעבען און בעגיסט זיי מיט דער העלער שיין פון זיין גלויבען אין דער טבע, פון זיין „רעליגיע פונ׳ם פאַקט״.

שטעהענדיג אין דער מיט פון אַ דור, וואָס האָט די אויגען געהאַלטען געווענדעט צו דער הימלישער טאָכטער—דער השכלה, האָט מענדעלע, דער מחבר פון „תולדות הטבע״ דער־הערט די שטים פון דער טבע און פאָרמולירט אין דער „קליאַ־טשע״ דאָס עכט־מענדעלישע געזעץ:

— „אַלע שרייען, פילדערען — שרייבט מענדעלע — שוין צייט דאָס אַלץ אָוועקוואַרפען און ווערען קליגער, געבילדע־טער, געניטער; נאָר קומט פון זייער שרייען עפּעס אַרויס?... פאַרוואָס? מחמת אין דער וועלט הערשט איין געזעץ פאַר אַלע בעשעפענישען, פאַר אַלע מענשען גלייך, איך מיין דאָ דעם דאָזיגען בעקאַנטען געזעץ, וואָס אַלע ווילען עסען"...

מענדעלע איז מיט אַ קאָפּ העכער געוואָרען פון זיין משכּיל׳ישען דור, אַרויסזאָגענדיג דעם דאָזיגען געזעץ. עס האָט אין איהם גערעדט דער גלויבען אין דעם, אַז אַלע מענשען מעגען וועלען עסען, אַז ברעכען די „תּאוה פון עסען", הייסט ברעכען די „רעליגיע פונ׳ם פאַקט", און דאָס האָט דאָך שוין מענדעלע נישט געקאָנט פערליידען.

און אַזוי אַרום האָט מענדעלע׳ס „חולשה" פון אַ קינסט־לער זיך סומך געווען אויף דער „רעליגיע פונ׳ם פאַקט", וואָס האָט בעהערשט זיין גייסט, און דער אייזען־פעסטער גייסט מענדעלע׳ס, וואָס האָט שטענדיג פערנומען דאָס געבאָט פון דער טבע, האָט געצויגען זיין יניקה פון די רעאַליסטישע נטיות פון זיין קונסט, וועלכע לאָזט נישט איבער אין ערגיץ קיין סודות און נישט־דערזאָגטעס. וואו־זשע איז דער סוד פון דאָזיגער שטאַנטהאַפטיגקייט, וועלכע לאָזט זיך זעהען סיי אין מענדעלע׳ס לעבען, סיי אין זיינע ווערק?

וועמענס ווירקונג האָט דערצויגען די דאָזיקע אייגענ־שאַפטען פון מענדעלע׳ס וועזען?

מיר לייענען מענדעלע און פיהלען גאַנץ אָפט, אַז דער־פאַר רעדט מענדעלע אַזוי שאַרף, דערפאַר בעטאָנט ער מיט אַזאַ ענערגיע זיין „געזעץ", ווייל הינטער איהם שטעהט עמי־צענס אויטאָריטעטער מיין, עמיצענס אייזען־פעסטע כּונה. און דעמאָלט, ווען מענדעלע רעדט וועגען דעם געזעץ, אַז „אַלע ווילען עסען", הערען מיר די שטים, וואָס האָט אין די שפּריכ־ווערטער געזאָגט: „קייען איז קיין הבל נישט". אָדער: „אַלץ קאָן דער מענש פערגעסען, נאָר נישט דאָס עסען".

און ווען מענדעלע פיהרט לעבענסלאַנג די האַרטע מלחמה

מיט'ן יודישען דאָן־קישאָט, בנימין השלישי, ווען ער טרעט שפּעטער אַרויס מיט אַזאַ פּראָטעסט געגען דער העגעמאָניע פון'ם קאָפּ איבערען גוף ביי יודען: „וואָס דו ווילסט, רבונו של עולם, — שרייבט מענדעלע, — נאָר אָט דעם קאָפּ אָהן אַ גוף זאָל איך מעהר נישט אָנקוקען". אין אַלע די דאָזיגע מאָמענטען דערמאַנט איהר זיך נישט-ווילענדיג אָהן דעם אַנאָנימען „יודעלע", וואָס האָט מענדעלע'ן יודישע ווערטער כלומרשט געריימט, נישט נאָר ווערטער, נאָר, משמעות, דעם גאַנצען היציגען שטרייט צווישען דעם יודענס „שכל" און דעם מענשענ'ס „שגעון", צווישען דעם „נארס" דאָן-קישאָטישקייט און דער געזעצקייט פון „בעסער" — אָט דאָס אַלץ האָט דאָס „יודעלע" מענדעלע'ן איינגערוימט. און מענדעלע, וואָס האָט די דאָזיגע טענדענצען פון פאָלקס-בעוואוסטזיין איבערגענומען, קריגט דערביי יענע שטאַנדהאַפטיגקייט און מוטיגקייט פון טאָן, וואָס מאַכען אַזוי אויטאָריטעטיש זיין שטים. און דאָ ליגט דער סוד פון מענדעלע'ס שטאַנדהאַפטיגקייט. „ניין, רבותי, — שרייבט מענדעלע (אין דער אויפלאַגע פון יאָהר 1873) אין די „מסעות"— גלויבט נישט אין די הימלישע קעלבלעך, צווישען אַלע אונזערע קעלבלעך איז אַפילו נישטאָ איין קעלבעל פון'ם הימעל אַראָבגעשיקט געוואָרען"...

און מיט דער אמונה שלמה פון אַ קינסטלער, וואָס האָט זיין פאָלקס קולטור-נוסח אויפגענומען, נעהמט מענדעלע זיך צו זיין קונסטווערק.

און דאַן איז נאָך מענדעלע גאַנץ אין זיין ווערק — איינהייטליך.

II

מיר קומען אָבער צו דער ערשטער סתירה אין מענדעלע'ס נאַטור. גלויבענדיג אינ'ם פאַקט, בעגעהט זיך מענדעלע דאָך נישט פריי מיט איהם. מענדעלע האָט שטענדיג צו טהון מיט גרויסע לייוועטען, מיט ברייטע מאָסשטאַבען. קומענדיג צו דער צייט, ווען דאָס בעוואוסטזיין פונ'ם פאָלק האָט ביס-

לעבֿוויז גענומען אויסראַהמען די מעטאַפיזישע בעגריפען פון אתה־בחרתנו, דעם בטחון און דאָסגלייכֿען, פערבלייבט מענדעלע דאָך געטריי זיין אייגענער נאַטור, וואָס איז אַ פערשמעלצונג פון צוויי היסטאָרישע תקופות.

צוויי שאַפונגס־סוביעקטען זענען צונויפגעשמאָלצען אין מענדעלע׳ס גייסט (מענדעלע זאָגט אַליין: מיין נשמה איז אַ שותפות׳דיגע דירה), און די ירושה, וואָס מענדעלע האָט בעקומען פונ׳ם פאַרצייטיגען טיפ פון יודישען דיכֿטער, לאָזט זיך נישט שווער אונטערצושיידען פון דעם אַרט שאַפען, וועלכֿען מענדעלע האָט איבערגענומעןביים „יודעלע”, ביי דעם יודישען פאָלקס־שאַפען. וואָרום, גלייך ווי אין מענדעלע׳ן קעמפט דער מחבר מיט׳ן פאָלקס־קינסטלער, אַזוי קעמפט אויך דער קינסטלע־רישער אַנאליז מיט׳ן סינטעז, וועלכען מענדעלע האָט געלערנט פון דורי־דורות יודישע מעטאַפיזיקער.

און דערפון נעהמט זיך דער פאַקט, וואָס וואַרפט זיך יעדען אין די אויגען. נישט האָבענדיג צו טהון מעהר מיט די אָבגעלעבטע מעטאַפיזישע בעגריפען, שאַפט מענדעלע נייע בע־גריפען, וואָס זענען אבסטראהירט פון אַ נייערווירקליכֿקייט, וועלכע בעציהען זיך אויף נייע פערהעלטענישען און ווערען דאָך אויפ׳ן מעטאַפיזישען אופן בעשאַפען. אַזוי אַרום בעקומען מיר די גראַנדיעזע „יודישע טאָרבע”, וואָס הענגט ווי אַ נייער הימעל איבער מענדעלע׳ס וועלט. אַזוי אַרום בעקומען מיר דעם סימבאָל פון דער „קליאַטשע”, דעם „עמק הבכֿא”, דעם „בנימין השלישי”, — אַלץ בעגריפען, וואָס דערהויבען זיך פון קינסט־לערישען אנאליז, וואָס וואַקסען איבער אַלע דעטאַלען און קליי־ניגקייטען, וואָס נויטיגען זיך נישט אַפילו אָפטמאָל אין קיין לייבליכֿער פערקערפערונג, ווייל זיי לעבען פאַר זיך...

מענדעלע טראָגט מיט זיך אומעטום דעם סינטעטישען שטייגער פון דענקען, ער האָט וועהניג געדולד זיך אָבצוגעבען מיט דעם איינצעלנעם פאַקט, הגם ער גלויבט אין איהם באמונה שלמה... מענדעלע סינטעזירט שטענדיג, פרובט דערהויבען יעדע איינצעלקייט ביז צו דער הויך פון אַ געזעץ. און אָט די סינ־

טעטישקייט ראַנגעלט זיך אין מענדעלע'ן מיט'ן פּלאַסטישען חוש· זי לאָזט איהם נישט פערבלייבען נאָר ביים געזעהענעם, זי טרייבט איהם פון שילדערען צום קאָמבינירען, זי מאַכט פון זיינע בילדער סכּעמעס, און טוט זיי אָפּטמאָל דערמיט אַוועק. אָבער מענדעלע קאָן דאָס אין זיך נישט גובר זיין.

„איך בין אַ פעדימעל איינגעוועבט אין דער גרויסער שטיק מאַטעריע... אונטער דעם נאָמען „יוד". — אַזוי דערצעהלט מענדעלע וועגען זיך אַליין. און אַזוי איז עס ביי מענדעלע'ן אומעטום. ער זוכט אומעטום די איינהייט, דעם אויבער-פּרינציפּ. דאָס גאַנצע יודישע פאָלק איז איין קליאַטשע, איבער'ן גאַנצען יודישען לעבען הענגט איין יודישע טאָרבע. איבער'ן גאַנצען לעבען פון אַלע מענשען אין דער וועלט הענגט איין געזעץ, „וואָס אַלע ווילען עס"... נעהמט מענדעלע נאָר צו שרייבען אַ פּאָרטרעט, גיט ער שוין צו: „עס איז געוועזן פון יענעם מין". ער געהט שטענדיג פונ'ם מין.

און דאָס איז אפשר געוועזן דער זינען פון מענדעלע'ס „שלייפען": אָבצואוואַרפען דאָס איינצעלנע, דאָס צופעליגע און דאָס אינדיווידועלע. דערין איז אויך מענדעלע'ס קאָנסערוואַטי- ווער ערענסט בעשטאַנען: ער האָט שטענדיג אויסגעמיידט די אַזוי גערופענע „לירישע אונאָרדענונג". די אָרדענונג, דער מין, דער געזעץ — דאָס זענען געוועזן די דעוויזען פון מענדעלע'ס קונסט.

מענדעלע ווערט אַ „קינסטלער מיט אַ געזעץ" און דאָס איז די אמת'ע סיבה, פאַרוואָס מענדעלע'ס „געזעצען" האָבען אַזאַ שטיק צייט פערשטעלט דאָס עכטע אויסזעהן פון זיין קונסט. אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור וועט זיך אפשר קיינער, חוץ זאָלאַ, נישט קאָנען אויסצייכענען מיט אַזאַ פאַנאַ- טישער איבערגעגעבענקייט דעם „געזעץ". גלייך ווי זאָלאַ האָט אַ לעבען אָבגעגעבען דעם „ירושה-געזעץ", אַזוי האָט מענדעלע שטענדיג נאָר לויט איין געזעץ, לויט איין נאָרמע („אַלע ווי- לען עסען") פאָרמירט זיינע קינסטלערישע געשטאַלטען.

זעלטען-ווען לאָזט זיך מענדעלע'ס פיגור אַרויסצורייסען

פונ׳ם אַלגעמיינעם „מין", און מענדעלע׳ס אויג גיט, משמעות, נאָר דעריף אַכטונג, אַז די „אויסטערלישע פּערזאָן" זאָל זיך נישט בעווייזען אין זיינע ווערק.

אָט ווי מענדעלע געהט צו צו זיינעם אַ העלד:

— „עס ציהט זיך גאָט׳ס גרויסע וועלט אין דער לענג, אין דער ברייט, אָהן אַ סוף, אָהן אַנ׳עק... אין דער מיט וועלט אויף דער קיילעכדיגער ערד איז דאָ אַ קליין פּלעקעלע, ווי אַ פליג האָט איבערגעלאָזט — דאָס איז גלופּסק. אין דעם דאָזיגען פּלעקעלע איז דאָ אַ פּינטעלע — אַ קלייזעל, אין דעם פּינטעלע איז דאָ נאָך אַ ברעקעל פּינטעלע — אַ באַנק. און אין דעם פּיצינק פּינטעלע — אַ מין בעשעפעניש אַזוינס, וואָס הייסט הערשעלע. דאָס פּיצינק בעשעפעניש ליגט, ווי אַ שפּין, פּונקט אין דער מיט פון דער גרויסער ראָד שפּיגוועבס. פון איהם ציהען זיך אַרום און אַרום אין אַלע זייטען לאַנגע דינע פּעדימלעך, פול און פול אָנגעזעצט, האַרט איינס ביי׳ם אַנדערען, מיט עפּיס לופטיגע מיני פּינטעלעך, אַזעלכע גאָר נישט פאַר דעם אויג, וואָס הייסען ביי די פילאָסאָפען „אַטאָמען".

אָט אַזוי האָט מענדעלע דאָס יודישע לעבען געזעהן: אויף דורך און דורך מיט אַלע „אַטאָמען"... און ווען איהר הערט זיך איין אין דעם דאָזיגען ציטאַט, צי פיהלט איהר נישט מענדעלע׳ס ציטערדיגע האַנד, ווי זי נעהמט אַרויס פאָרזיכטיג, ווי אַ פויגעל-איי פון נעסט, דאָס „פּיצינק פּינטעלע" — הערשעלען, דעם העלד פון זיין בעסטען ווערק?...

מענדעלע בעגעהט זיך אַזוי פאָרזיכטיג דערפאַר, ווייל ער וויל נישט צערייסען דעם צובונד פון דעם „פּיצינק פּינטעלע" צו די איבעריגע „אַטאָמען", צו אַלע די פעדימלעך, וואָס שאַפען די „מאַטעריע יוד" — וואָרום, ווער ווייסט, אפשר אָהן דעם דאָזיגען צובונד צום מין, צום גרויסען אַלגעמיינעם סדר, וועט מענדעלע גאָר נישט איינזעהן דעם העלד זיינעם, ווייל דאָ וועט זיין קינסטלערישער מעטאָד מעהר נישט גילטען. אָט דער קינסטלערישער מעטאָד מענדעלע׳ס איז די שטענדיגע געבונדענקייט אין דער אַלגעמיינער קאַטעגאָריע, אין דעם מין,

אין דעם גענעץ. ארויס פון דעם „פער׳כשופ׳טען קרייז״ קאָן מענדעלע נישט.

דערפון נעהמט זיך צוויי אייגענשאַפטען פון מענדעלע׳ס רעאַליסטישער קונסט, ערשטענס, ווערען ביי איהם אַלע מענשען, זאַכען און סביבות געבונדען, ווי „דער שפּין פונקט אין דער מיט פון דער ראָד שפּינוועבס״, אַלע איינצעל-זאַכען, גלייך ווי אַלע יחידים, ווערען אייגעקניפּט אין דעם אַלגעמיינעם בילד פון דער עפּאָכע, און צווייטענס... צווייטענס, האָט מענדעלע דערפאַר אָפּטמאָל צו טהון מיט אַקסיאָמעס. אויב איבער אַלע-מען הערשט איין גענעץ, אַלץ האָט איין שורש און איין סוף — דעמאָלט בלייבט דאָך נישט קיין אָרט פאַר דעם „יוצא מן הכלל״, פאַר דעם דאָזיגען שטענדיגען ליעבלינג פון קונסט, עס בלייבען נאָר די „געזעצליכע קינדער״ — וואָס זענען ווע-ניג בעליעבט פון דער קונסט — די אַקסיאָמעס. און מענדעלע, מען מוז עס מודה זיין, האָט אָפּטמאָל צו טהון מיט אַקסיאָמעס.

איין זאַך ווערט פּאָרט דערגרייכט דורך מענדעלע׳ס קינ-סטלערישען מעטאָד: די געבונדענקייט פון אַלע ערשיינונגען, די איינהייטליכע סיסטעם, אונטער וועלכער עס טרעט אַרויס בולט די גאַנצע סטרוקטור פון יודישען לעבען — און אָט די סטרוקטור האָט אונז מענדעלע טאַקע דער ערשטער געגעבען.

III

אין וואָס בעשטעהט דער עצם פון מענדעלעס קינסטלע-רישען פּראָצעס?

מענדעלע׳ס קונסט, אַ פערשמעלצונג פון צוויי-ערליי תקופות, ווערט פון איין זייט דיקטירט, ווי געזאָגט, פון דעם גלויבען אין פאַקטען, וואָס רופט אַרויס דעם פערלאַנג יעדען פאַקט פּלאַסטיש צו פערקערפּערען, און דאָס ברענגט מענדעלע׳ן צו די בעסטע דערגרייכונגען פון זיין קינסטלערישען אַנאַליז, פון דער צווייטער זייט אָבער ווערט מענדעלע׳ס קונסט אונטערגע-וואָרפען דעם סינטעטישען אַרט דענקען, וועלכער בינדט אַלע

ערשיינונגען אין איינהייטליכע סכעמעס, נעמט צו ביי יעדער פיגור איר אינדיווידועלען ווערט, און פיהרט אריין אפטמאל אין מענדעלע׳ס רעאליסטישער קונסט טענדענצען, וואס שטעהען אויסער דער קונסט.

וואסערע קונסט-מיטלען ארבעט אויס די דאזיגע צוויי- פאכע טבע פון מענדעלע׳ס קונסט? ווי שאפט מענדעלע זיינע בילדער?

מענדעלע גופא שילדערט אפטמאל זיין בעגייסטערונגס- פראצעס. אין „פישקע דעם קרומען" שילדערט מענדעלע די מינוט, וואס ער לעבט איבער, איידער ער הויבט אן צו דער- צעהלען, ד. ה. צו שאפען. עס ווערט אין איהם, דערצעהלט מענדעלע, א קאלעניש, א יריד פון אלערליי געשטאלטען. (פישקע דער קרומער ז. 138).

אין דער סקיצע „די ישיבה של מעלה" איז פערהאן אזא שילדערונג:

„ס׳איז נאך בלוי אין די פענסטער, כאפ איך זיך אויף א צעטומעלטער, א פערדולטער... די שלייפען האמערן, אין קאפ דרעהען זיך משונה־ווילדע געשטאלטען. עפיס בילדער פון מיין לעבען, פון קינדווייז אן און ביז די עלטערע יאהרען, אבער אהן א סדר, אויסגעמישט, איבערגעדרעהט, ווי אין א שדים-טאנץ".

אט דער דאזיגער „שדים־טאנץ" איז כאראקטעריסטיש פאר מענדעלע׳ס בעגייסטערונגס־פראצעס. מיט וואס ענדיגט זיך דער דאזיגער פראצעס?

„עס האט זיך מיר פארגעשטעלט, — דערצעהלט ישראליק אין דער „קליאטשע", — א טאג אין מיין שטאדט, ווי אזוי און מיט וואס די מענשען ברענגען איהם צו"...

און ווייטער געהען וואונדערליך־קאנצענטרירטע בילדער פון דעם, וואס עס האט זיך „פארגעשטעלט".

דאס זעלבע טרעפען מיר אויך אין „ווינשפינגערל". פלוצים רייסט מענדעלע איבער די דערצעהלונג און גיט זיך אב אין רשות פון דעם, וואס איהם שטעלט זיך פאר:

„עס שטעהט מיר פאַר די אויגען זיין בלייך פנים"...
און מענדעלע מאָהלט אַ בילד, וואָס איז אויף דורך און דורך „פאַרגעשטעלט" און איז אַ סינטעז פון אַלע ביזהעריגע איינ־צעלהייטען.

אַזוי קומט פאָר אויך אין דער סקיצע „די ישיבה של מעלה", כמעט דאָס ענליכע קומט פאָר אין דער סקיצע „גשרפים", „חג־האסיף" און אַנדערע...

בעהערשען זיך קאָן דאָ מענדעלע נישט. אָט דאָס, וואָס איהם „שטעלט זיך פאָר", איז די טרייבקראַפט פון זיין שאַפען. און נאָר אַ דאַנק איהר האָט מענדעלע, אפשר, געקאָנט זיך אָריענטירען אינ׳ם יודישען לעבען. ביז מענדעלע׳ן איז דאָס יודישע לעבען, אַלס גאַנצעס, ביי קיינעם פון די פאָרגעהער נישט אויפגעפאַסט געוואָרען. עס פלעג דאָס רוב געשילדערט ווערען, ווי אַ ווילדער קנויל פון דערשיינונגען, מענשען און מנהגים.

מענדעלע הויבט אָן דער ערשטער זיך „פאָרשטעלען" דאָס יודישע לעבען, אַלס גאַנצעס גענומען, אָנהויבענדיג פון די צופעליגע דערשיינונגען, פון די ווייטע ווינקלען און ביז יענע וועגען, וואָס פיהרען צום מיטעלפונקט.

דערביי קאָן אָפטמאָל טרעפען, אַז מענדעלע׳ס בילד זאָל זיין דורכאויס אַ גוזמא, דורכאויס היפערבאָליש, און אַזוי גע־העען ביינאַנד די צווייערליי אייגענשאַפטען פון מענדעלע׳ס רעאַ־ליזם: פון איין זייט איז ער שטרענג איבערגעגעבען דעם פאַקט, שטענדיג „אונטער פיער אויגען מיט דער ווירקליכקייט", פון דער אַנדער זייט איז ער פאַטעטיש פערשפיצט, ער רייסט די גרעניצען פון דער ווירקליכקייט און שטרעבט צו וויזיאָנען. מענדעלע׳ס איינצעלנע בילדער, וועלכע זענען קלאַסיש געוואָרען, הגם זיי זענען דורכאויס גוזמא, דערמאָנען אָפטמאָל וויזיאָנען. צו זיי געהערען איניגע בילדער אין דער „קליאַטשע" און אין „פישקע דעם קרומען".

סיי דער פערביסען־סאַטירישער טאָן, וואָס טרעפט זיך אָפט אין אַזעלכע שטעלען ביי מענדעלע׳ן, סיי די טרעפענדיג־

קייט פון די בילדערישע אויסדרוקען, מיט וועלכע מענדעלע קאָן אַזוי מייסטעריש בעגעהען זיך, — דאָס אַלץ גיט צו מענ־דעלע'ס גוזמא־בילד אַ בלייבענדיגע שטייפקייט, אַן'אונפערגעסלי־כע בולטקייט.

ווי דערגרייכט עס מענדעלע? ער דערגרייכט עס דאָס רוב דערמיט, וואָס ער גיט בילדער סך־הכל'ן, בילדער, איבער־בליקען. די דאָזיגע בילדער קאָנען זיין גאָר פערשיעדענע.

אָט איז אַ יריד אין „פישקע דעם קרומען":

„עס לויפען גאָר אָן אַ נשמה מעקלער, שדכנים, טאַנדעט־ניקעס, מאַכליאַרקעס, קורלאַפּניצעס, יודענעס מיט קוישען, יודען מיט טאָרבעס, מיט פינף פינגער, בעל־הבית'לעך מיט שטעקלעך, בעל־הבתים מיט בייכלעך — איטליכען פלאַמט דאָס פנים, נישטאָ קיין צייט, אַ רענדעל אַ מינוט..."

אָט איז מען מחדש די לבנה אין „ווינשפינגערל":

„עס לאָזען זיך הערען ביי־קול'כלעך דיבינקע פון קליינע יונגעלעך, גרעבליכערע פון בחורים, גראָבע, הייזעריגע, פערלע־גערטע, באַסאָווע אויף דער געמבע פון אַלטע, בעטאָגטע, גרייז־גרויע, פאָנפעוואַטע, לאַנגנעזיגע און ברייטבייכיגע בעל־הבתים.

מען דאַרף כלל נישט מיינען, אַז דאָס זענען צופעליגע עפיזאָדען אין דער דערצעהלונג, און אַז מענדעלע געברויכט זיי אָהן שום כונה. ביי נאָהענטער בעקאַנטשאַפט מיט מענדע־לע'ס אַרט שרייבען ווערט קלאָר, אַז מענדעלע נוצט אויס די דאָזיגע מאַסען־בילדער סיסטעמאַטיש און מיט אַ כיון. אָט זענען נאָך אַ פּאָר ביישפּילען, וואָס ווייזען וואָס עס ווערט דערגרייכט דורך דעם מאַסען־בילד.

„דער וואָגען איז אָנגעזעצט געווען ענג מיט פערשוינען, כמעט אַ פערטעל קאַבצאַנסק. דאָרט האָבען זיך געפונען מייד־לעך, ווייבלעך, וואָס זענען געפאָהרען זיך שטעלען פאַר דינ־סטען און אַמען, אויך אַלערליי סאָרטען יודען: שעהנע יודען, כשר'ע יודען, מיט'ן פולען מויל יודען, ברענענדיגע יודען, צו־בראָכענע יודען, גילדענע־אָדער־יודען, גלאַט־יודען, אַזוי־זיך־יודען

און אויך־מיר־יודען. ס'איז געווען אַ פערמישעניש, אַ פערפּלאָנ־טעניש (ווינשפינגערל 66).

אַזאַ פאַל, ווען מענדעלע צוגלידערט דאָס מאַסען־בילד לויט דעם בעגריף „יודען" איז גאַנץ זעלטען צו טרעפען ביי מענדעלע'ן. אָפטער זעהט מען, ווי ער צוגלידערט דאָס מאַסען־בילד נישט לויט אַ בעגריף, נאָר לויט די קינסטלערישע דעטאַלן. אין „ווינשפינגערל" טרעפען מיר אַ בילד פון דער „זאָרג־באַנק", וואו מענדעלע שילדערט „אַן אויסמישעניש פון אַלערליי דורות און געשטאַלטען". די שילדערונג איז אָנגעשטאָפּט מיט קינסט־לערישע דעטאַלען, און מענדעלע פערענדיגט דערביי:

„אַ דור הפלגה פון פערמישטע לשונות און געמבעס: אַ גראָבע דינע, קוויטשענדיגע, הייזערדיגע, כארכעלדיגע און זינ־גענדיגע קולות" (וויגשפינגערל 155).

זיך שריט און טריט קאָן מען זעהען, ווי גערען מענדע־לע נעהמט זיך צו שילדערן אַזעלכע בילדער.

געבען אָפטמאָל אַזעלכע „אויסמישענישען", דאָס איז אַ מין קינסטלערישע מאַניר ביי מענדעלע'ן. און דערביי זעהען מיר, ווי מענדעלע גיט אין דעם איבערבליק־בילד נישט בלויז אַ טרוקען איבערצעהלען, נאָר יעדע געשטאַלט ווערט בעגלייט פון קינסטלערישע דעטאַלען, אַזוי, אַז עס שאַפט זיך אין געווי־סען זינען איין כאַראַקטער פון פילע. און מענדעלע האָט דאָ אָן אַ שיעור מיטלען, כדי צו דיפערענצירען עדע געשטאַלט בעזונדער. מיר געפינען, למשל, אין די מסעותי (אויפלאַגע 1873 אַזאַ שטעל:

„די שטוב, וואָס פריהער אַ ביסעל איז זי געווען אַ ספּאַל־ניע, דערנאָך אַ טשייניע, איז פלוצים געוואָרען אַ קלייזעל. עס האָבען זיך פערקאַשערט אַרבעל, זיך אַנטפּלעקט נאַקעטע יודישע אָרעמס: האָריגע, גלאַטע, דאַרע, פעטע, שוואַרצע, ווייסע, טונ־קעלע פון אַלערליי קאָלירען און געשטאַלטען." (מסעות בנימין השלישי 82).

פונקט ווי מענדעלע דיפערענצירט קינסטלעריש „יודישע אָרעמס", אַזוי בעגעהט ער זיך אויך מיט „יודישע ביי־קול'כלעך",

ראָסגלייכען מיט די „יודישע בגדים" (די בילדער פון באָד אין „פישקען" און אין די „מסעות")—און אַזוי אַרום שאַפט ער, אַנשטאָט „אַנ׳אויסמישעניש", דאָס עכטע מאַסען־בילד, וואָס איז רייך נישט נאָר אין דעטאַלען, נאָר אויך מיט בעוועגונג. אַלס מוסטער פון די בעוועגונגס-בילדער, וואָלט מען קאָנען ברענגען דאָס בילד פון אַ געלויף אין גלופּסק (ווינשפּינגערל), וואו מענדעלע רעכענט אויס לכתחילה, וואָס עס טהוט איינער, דער צווייטער, דער דריטער, און מיט אַמאָל וואַרפט ער שוין אַוועק די איינצעל־פיגורען און שאַפט זיין געוועהנליך בילד: „אַ עולם יודען, אָהן עין הרע, דרעהט זיך, די אַהין, יענע שוין צוריק. ס׳איז אַ גערעדעריי, אַ האַנדמאַכעריי, אַ געווערטלעריי, אַ ווערטלזאָגעריי"...

און אַזעלכע בילדער, וואו מיר האָבען שוין אָנשטאָט מאַסען־פּאָרטרעטען — מאַסען־בעוועגונג, געפינען מיר גאָר פיעל ביי מענדעלען, אַהער געהערט דאָס בילד פון גלופּסקער מאַרק אין די „מסעות", דאָס בילד פון ווינשעניש אין „ווינשפּינגערל", דער אַריינפאָהר פון די ישובניקעס אין שלמה ר׳ חיים׳ס — אומעטום טרעפען מיר זיך דאָ מיט׳ן איינצעלנעם כאַראַקטער פון פילע, וואָס איז געגעבען דווקא אַ דאַנק דער אויסמישעניש פון געשטאַלטען. מענדעלע׳ן ציהט עפּיס צו די דאָזיגע מאַסען-בילדער, עס געפעלט איהם מיט אַמאָל פערווישען די קאָנטורען פון איינצעלנע געשטאַלטען, כדי צו לאָזען נאָר איין גרונד־טאָן פון אַלעמען, דעם טאָן, וואָס הערשט איבער אַלעמען, וועלכער איז שוין נישט אַזוי רעאַליסטיש, ווי סימבאָליש... די נשמה פון אַ מאַסע רעדט צו מענדעלע׳ן מעהר, ווי עס רעדט צו איהם די נשמה פונ׳ם יחיד, פּונקט אַזוי אפשר, ווי צו די אַלטע קאָמפּאָניסטען האָט מעהר גערעדט די כאָר-מוזיק. און מענדעלע׳ס מוזיק איז דאָך רוב אַזאַ כאָר־מוזיק.

נאָר דאָס מאַסען־בילד, וואָס טראָגט אַזאַ שאַרף־אויסגעשפּראָכענעם קאָלאָריט פון אַ כלל־נשמה — דאָס האָט מענדעלע׳ן געקאָנט צופרידענשטעלען. וואָס געבען אָבער די דאָזיגע בילדער אויסער דעם, וואָס זיי שטעלען צופרידען מענדעלע׳ס

שטרעבונג צו סינטעטישער איינפאַסונג פון איינצעלנע ערשיי־
נונגען? די דאָזיגע בילדער געבען מענדעלע׳ן די ווייטע פער־
ספעקטיוו פאַר זיינע ווערק.

פונקט ווי אין מענדעלע׳ס בילד פון נאַטור, וואו ער גיט שטענדיג, אָנשטאָט אָבגעזונדערטע ווינקלען, נאָר ברייטע פאַנאָראַמעס („עס טהוט מיר אַ שיין, שרייבט מענדעלע, ווי אויף צו להכעיס אַ בילד־שעהנע פאַנאָראַמע") — אַזוי קריגט אויך יעדע מענשליכע פיגור אַ דאַנק דעם מאַסען־בילד, וואָס שטעהט הינטער איהם, אַ ווייטע קינסטלערישע פערספעקטיוו, אַ בולטען פאָן.

קינסטלערישע דעטאַלען און אָפטמאָל גאַנץ שטאַרקע האָ־בען מיר אויך ביי דיק׳ן, ביי לינעצקי׳ן און ביי אייניגע משכילים. און זייערע געשטאַלטען (למשל ר׳ שמעיה גוט־יום־טוב ביטער) פעהלט אָבער די נויטיגע קינסטלערישע אַטמאָס־פער, זיי זענען אַרויסגעריסען פון דער פערספעקטיוו פון גאַנ־צען יודישען לעבען. דעריבער ווערט דאָס שטעדטעל „לינאָוו" קיין סימבאָל נישט, ווי קאַבצאַנסק, דערפאַר ווערט שמעיה גוט־יום־טוב ביטער קיין שליח־צבור נישט אין דער יודישער קינסטלערישער גאַלעריי... מענדעלע האָט דער ערשטער אַדאַנק דער סינטעטישער קראַפט פון זיין גייסט געגעבען די ווייטסטע פערספעקטיוו פון גאַנצען יודישען לעבען, פונ׳ם גאַנצען יודי־שען ישוב...

עס איז אָבער נויטיג געווען די קראַפט פון זיין אַנאַלי־טישער קונסט, כדי אָנצופילען דעם חלל פון די דאָזיגע גרויסע סכעמעס, וועלכע מענדעלע האָט מיט דער קראַפט פון „פאָרשטעלען זיך" אויפ׳ן אופן פון וויזיאָנען אויפגעבויט. אָט די אַנאַליטישע קונסט געפינען מיר אין מענדעלע׳ס יחיד־פאָרטרעטען.

IV

מענדעלע׳ס יחיד־פאָטרעטען זענען אַזוי אוממיטעלבאַר פערבונדען מיט די מאַסען־בילדער, אַז זיי דאַכטען זיך אָפט־

מאָל ווי פון איין שטיק געגאָסען. מיר זעהען צו־מערסט, אַז די יחיד־געשטאַלטען זענען נאָר פראַגמענטען פון דער כלל־נשמה, אינדיווידועלע שטריכען, גלייך ווי אינדיווידועלע ווילענס־אַקטען, פערמאָגען זיי זעהר ווייניג. זייער יצר־הרע איז נישט אינדי־ווידואַליזירט און, האָבענדיג „געבראָכען די תאוה פון עסען", ווי מענדעלע זאָגט, האָבען זיי, משמעות, קיין שום תאוה בכלל מעהר נישט בעקומען. די עמאַציעס פון מענדעלע׳ס פיגורען זענען דעריבער געבראַכט ביז צום מינימום. און דאָך, זייענדיג קינדער פון דער נאָרמע, „פעדימלעך פון דער מאטעריע יוד", שטעלען מיט זיך פאָר די דאָזיגע פיגורען אַ רייכע גאַלעריי פון טיפען. ענטפלעקען דעם סוד, ווי זיי ווערען איינגעקריצט אין אונזער זכרון, הייסט דעריבער צו געפינען דעם סוד פון מענדעלע׳ס אַנאַליטישער קונסט.

מענדעלע׳ס קונסט איז קודם כל אַ פרימיטיווע פאָלקס־קונסט. פרימיטיווע קונסט שילדערט נישט, זי „מאַכט נאָך", זי אימיטירט, אין בעסטען זינען פון דעם דאָזיגען וואָרט. און דאָס זעלבע איז אויך ביי מענדעלע׳ן.

מענדעלע אָריענטירט זיך כמעט נישט אין פארבען. אָט זענען עטליכע פאָרטרעטען זיינע:

„הערצל קיילעס איז געווען, ווי אייזיק, שוין אין די יאָהרען, אַ טאַטע פון קינדער, אויך אַ דאַרער, אַ בלייכער, ווי ער". (שלמה ר׳ חיים׳ס).

„לייזער דער שניידער איז געווען אַ קליין דאַר יודעלע מיט אַ בלייך פנימ׳ל." (דאָס קליין מענשעלע.)

„שמואל׳יק דער טאַנדעטניק... ער איז געקרומט, געבויגען מיט אַ בלייך פנים, געקנייטשט, געעלטערט, פערזאָרגט אין צרות." (ווינשפינגערל).

„ליפא ראובנ׳ס איז אַ דאַרער, אַ קורצזיכטיגער, מיט אַ בלייך פנים, אַ שטילער, אַ גוטער". (שלמה ר׳ חיים׳ס).

„האָדעלע׳ס מאַן... עס געהט זיך פאַמעליך אַ דאַר־בלייך יודעלע". (ווינשפינגערל).

אין פינף פאָרטרעטען פון פערשיעדענע העלדען און פער־

שיעדענע ווערק זעהען מיר דאָס איינע און זעלבע „בלייך פּנים", און דער גאַנצער פּאָרטרעט איז בכלל מעהר כאַראַקטעריסטיק, איידער בילד. מיט וואָס־זשע געלינגט מענדעלע'ן פּאָרט אונטערשיידען איין געשטאַלט פון'ם צווייטען און בעפעסטיגען עס אין אונזער זכרון? מיט'ן איינציגען מיטעל פון זיין פּרימיטיווער קונסט: מיט'ן „אימיטירען".

מענדעלע דערצעהלט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז אין דער קינדהייט איז זיין איינציגער אינטערעס צו מענשען בעשטאַנען אין נאָכמאַכען זייערע בעוועגונגען און תנועות. דאָס זעלבע איז שפּעטער געוואָרען זיין קונסט־מיטעל. וואו־ום, אויב מענדעלע אָריענטירט זיך שלעכט אין פאַרבען, איז ער דערפאַר אַ בקי אין העויות. און דורך זיי בעקומען מיר דעם קינסטלערישען איינדרוק.

ווי מאָהלט מענדעלע מענשליכע פיגורען? ער ווייזט אונז שטענדיג נישט נאָר וואָס זיי זענען, נאָר וואָס זיי טהוען; און ווייל יעדער אַקט מוז דערביי שוין זיין אויסגעשפּראָכען טיפּיש, ווערען מענדעלע'ס פּאָרטרעטען דאָס רוב פערוואַנדעלט אין צעך־בילדער.

מענדעלע'ס קונסט גיט צו יעדען געשטאַלט אַ ספּעציעלען צייכען. דערפאַר האָט לייזער דער שניידער אַ צינגעל, אַ געשליפענס, זעהר אַ געלויפיגס, אשר דער מעקלער האָט אַ נאָז צו שמעקען און נישטערען, רייזע די בעל־אכסניה'טע ערשיינט מיט'ן פּאַלאָניק, לייזער־יענקעל דער חזן מיט דער „כלי" א. א. וו....

די העויות מאַלעריי פאָדערט אָבער נישט נאָר דאָס בילד זאָל זיין טיפּיש, עס זאָל זיין אַ זשאַנר־בילד, נאָר ווי יעדער זשאַנר־קונסט פאָדערט עס, אַז ס'זאָל זיין בעוועגליכקייט, רירעוודיגקייט און בילד. און דערפאַר, וואָס מענדעלע בעהערשט נאָר די פּרימיטיווע זשאַנר־קונסט, זעהען מיר, ווי עס געבען זיך איהם איין דאָס רוב נאָר די פיגורען, אין וועלכע עס איז פערהאַן בעוועגונג, רירעוודיגקייט, ביי וועלכע די העויות בייטען זיך נאָכאַנאַנד...

און אָט דאָ קומען מיר צו אַ וויכטיגען מאָמענט אין מענדעלע׳ס שאַפען, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער יודישער ליטעראַטור. ס׳איז דאָס, וואָס אונטערשיידט מענ־דעלע׳ן פון פרצ׳ן — די צוויי תקופות פון אונזער ליטעראַטור, וואו עס קעמפען צוויי ליטעראַרישע מאַנירען: דאָס „יודישע״ מיט׳ן „יודישליכען״.

וואָס איז אַזוינס דאָס „יודישליכע״? עס איז דאָס אויבנ־אויפיגע, דאָס אויסערליכע, דאָס, וואָס נויטיגט זיך נישט אין קיין נשמה־וואָרצלען, ווייל עס איז לייבליך צוזאַמענגעבונדען מיט די אויסערליכע בעדינגונגען.

דאָס „יודישליכע״ וואַקסט אויס פונ׳ם עטנאָגראַפישען עלעמענט, וואָס פערנעהמט דאָ דעם גרעסטען פּלאַץ. עס האָט דאָס רוב קיין טיפערע אימפולסען נישט, עס איז מעהר „צי־קאַווע״, איידער אינטערעסאַנט, מעהר שפּילעווּדיג, איידער אויס־געהאַלטען און עס איז מעהר קינסטלעריש פערגרימירט, איי־דער קינסטלעריש געשילדערט. און נישט ציהענדיג זיין יניקה פון דעם פערבאָרגענעם פאָלקס-עפּאָס, צעפאַלט זיך דאָס „יודיש־ליכע״ אויף שטייגערס און שטייגערלעך און עס קומט זעלטען־ווען אַפילו צו דער מדרגה פון אַ קינסטלערישער מאַניר. דאָס בעמערקען מיר, למשל, ביי אייניגע פון די משכילישע שריפט־שטעלער, וואו די אַרט „יודישליכע״ קונסט איז געווען ענג פערבונדען מיט דער פאָרשטעלונג פון דער „שפחה״־שפראַך און וואו דאָס „יודישליכע״ איז אַזוי אָפט דערגאַנגען ביז צום אַנעקדאָטישען.

מענדעלע, וואָס איז פון דער משכילישער פאָרשטעלונג וועגען דער שפחה־שפראַך אַזוי פריה בעפרייט געוואָרען, קומט אָן אָבער אייניגע מאָל צום זעלבען „יודישליכען״ אַרט מאָהלען. מענדעלע׳ס העלד איז נישט דער „יוד״, נאָר דאָס „יודעל״ און פונקט אַזוי ווערט זיין קונסט פון צייט צו צייט „יודישלעך״ אַנשטאָט „יודיש״.

וואָס איז אַזוינס דאָס „יודישע״, וואָס שטעלט זיך אַנט־קעגען דעם „יודישליכען״?

דאָס „יודישע" האָט טיעפע נשמה־וואָרצלען. עס איז יענע וואָגיגע קונסט, וואָס האָט צו טהון מעהר מיט'ן פסיכאָלאָגישען, ווי מיט'ן עטנאָגראַפישען מאַטעריאַל, די קונסט, וועלכע מיהט זיך צו דערהויבען צום נאַציאָנאַלען טיפּוס, וואָס שעפּט פון דער אַרומיגער סביבה פאַרבען פאַר'ן קאָלאָריט, גלייך ווי עפּי־זאָדען פאַר דער האַנדלונג, קיינמאָל אָבער נישט מעהר.

דאָס „יודישליכע" איז עפּיזאָדיש, עס לעבט אין עפּיזאָד און ווייטער פון איהם געהט עס נישט. דאָס „יודישע" גיט צו צום עפּיזאָדישען נייע, אַלגעמיינערע מאָטיווען, עס גיט צו דער האַנדלונג אַ מעהר פולדיגען זינען.

און צווישען די דאָזיגע צווייערליי אַרטען פון שרייבען וואַקעלט זיך נאָך אָפטמאָל די פרימיטיווע קונסט ביי מענ־דעלען.

מענדעלע היט זיך אַזוי שטאַרק פאַר „לירישע אומאָר־דענונג", ער זוכט גאָר די געזעצמעסיגע פיגורען, נישט־האָבענ־דיג אָבער אין זיינע הענט קיין מיטלען פון אַ מעהר ענטוויקעלטער קונסט, קומט ער צום „יודישליכען". דאָס קומט פאַר דאָס רוב אין מענדעלע'ס זשאַנר־בילדער. אָט די זשאַנר־ביל־דער האָבען עס טאַקי אין אַ געוויסער מאָס געשאַפען די אייגענטימליכע פאָרשטעלונג וועגען מענדעלע'ס קינסטלערישער מאַניר, אַ דאַנק וועלכער שלום-עליכם האָט פון זיינע ערשטע שריט געהאַט בעשלאָסען, אַז ער איז מענדעלע'ס אַ תלמיד. וואָס געפינען מיר אין די זשאַנר־בילדער? אָט זענען אַ פּאָר:

„אַ קוק געגעבען אויף די יודלעך, האָט מען געקאָנט דערקענען, אַז זיי געהערען צום „עולם־המעשה": ביידע רירעווודיגע, ספּריטנע, האַלטען, דאַכט זיך, אין איין לויפען"... (ישיבה של מעלה).

„אַ יודענע, אַ רירעוודיגע, אַ זשוואַווע, מיט אָבגעבליאַקעוועטע פעלענע מושקעס און עפּיס אַ מין טיכעל אויפ'ן קאָפּ". (פישקע דער קרומער).

ר' אשר: — „אַ דאַר יודעל, אַ רירעוודיגס, אַ צאַפּעל־דיגס".

אלטער יכנה־ז: — „א יאָדעריג יודעל, א געשפּיקעוועטער, מיט א דיק בייכעל".

אין די ערשט געבראַכטע בילדער געהען פאַר אונז דורך גאָר פערשיעדענע געשטאַלטען. עס איז דאָ פערהאַן א פרוי א קרעטשמערקע, א יוד א מעקלער, א יוד א מוכר־ספרים׳ניק, און ענדליך צוויי יודען סתם פון „עולם-המעשה". אין אַלע געפינען מיר אָבער איינעם און דעם זעלבען שטריך, איינע און די זעלבע סטרונע, אויף וועלכער מענדעלע פערשטעהט אַזוי גוט צו שפּיעלען: דאָס איז די רירעוודיגקייט, די בעוועגליכ־קייט זייערע.

נישט אַלע מאָל געהערט דאָס אַפּילו ביי מענדעלע׳ן צו די אָבלאַך־מיטלען, צו וועלכע עס איז איהם מחייב זיין סאַטי־רישער טאָן, נישט אַלע מאָל לאָזט זיך עס דערקלערען אויך דורכ׳ן פערלאַנג צו בעלעבען דאָס בילד, אַריינצוברענגען אין איהם מעהר לעבען. יעדער מאָל, ווען מענדעלע קומט אָן צו די דאָזיגע שילדערונגען, זעהט איהר, אַז ער טהוט דאָס צו־ליעב מאַנגעל אין פאַרבען, צוליעב דעם שטענדיגען שילדערען דורך העויות. מענדעלע שטעלט זיך דעמאָלט גאָר נישט אָב, כדי נאָר צו געבען א קינסטלערישען עפעקט. ער נעהמט דאָס עפּיזאָדישע, דאָס אויסערליכע, ער מאַכט די האַנדלונג פון יעדען מענשען פאַר׳ן וועזען פונ׳ם מענשען, נישט פערטיעפענ־דיג די האַנדלונג גופא, און אַזוי אַרום שאַפט זיך דער טיפּ פון מענדעלע׳ס „ריד־יוד".

אידילישע און טראַגישע געשטאַלטען האָט מענדעלע פער־זעהן נישט צוליעב זיין משפילישען „ירגזון". פערקעהרט, ער פּרובט זיך אין „שלמה ר׳ חיימ׳ס" געבען בלויז אידיליע. אָבער צי לאָזט זיך פערגלייכען די שילדערונגס־קראַפט מיט דער קראַפט, וואָס לעבט אין „ווינשפינגערל", אין די „מסעות"?

מיר האָבען שוין געזעהען, אַז דאָס אויסשליסליך־מענשלי־כע, דאָס נשמה׳דיגע גיט נישט מענדעלע׳ס פאַנטאַזיע קיין אינ־טענסיווען שטויס. ווייטער פון „בלייך פנים" געהט מענדעלע נישט אין די דאָזיגע פאָרטרעטען. די „פּאָזיטיווע" בילדער פון

שלמה׳לעס פאָטער, ר׳ חיים, פון ר׳ אברהם דעם מקבל, פון שמאוליק דעם טאַנדעטניק, האָבען נאָר דערפאַר קיין פלאַסטישען אינהאַלט נישט, ווייל זיי זענען, אַזוי צו זאָגען, „ריין־מענשליך". די זשאַנר־קונסט, די פרימיטיווע העויות־קונסט מענדעלע׳ס פערמאָגט נאָך נישט קיין מיטל, כדי צו פיקסירען די דאָזיגע געשטאַלטען. און ווי עס קומט דערפאַר צו רייזי דער בעל אכסניה׳טע, צו לוי בחור׳ס ווייב, דעם קרעטשמערס טאָכטער אין „פישקען" — געשטאַלטען מיט אַ בלוט־אויסגעדריקטער אויסערליכקייט, מ׳קאָן זאָגען, זאָאָלאָגישע פיגורען — אָט דאָ שאַפט מענדעלע׳ס פלאַסטיק וואונדער. מענדעלע פערזוימט זיך דאָ ביי יעדער דעטאַל, ער דערגרייכט דאָ יענע קראַפט, וועלכע מיר געפינען נאָר אין זיינע מאַסען־בילדער. צו אַזעלכע זאָאָלאָגישע מאָטיווען מוז מענדעלע׳ס פרימיטיווע קונסט אָנקומען גאָר אָפט. דאָס חיהשע גיט איהם מעהר אינטענסיווע אימפולסען. און דעריבער שטעלט ער זיך טאַקי מיט אַזאַ רחבות אָב אויף די חיות־געשטאַלטען אין יעדער דערצעהלונג. אָט איז אַ פריהמאָרגען אין „ווינשפינגערל" (221), אָט איז די קרעטשמע־בעשרייבונג אין „פישקען", אָט איז נאָך אַ שעהנער טאָג אין ווינשפינגערל", און אָט איז שוין גאָר אַ גאַנצע אָבהאַנדלונג וועגען די דאָרפישע און שטעדטעלשע הינט — אַלץ אָהן אַ טראָפען רמז, אַלץ געצייכענט מיט׳ן ריינעם קינסטלערישען געוויסען. און ווען מיר טרעפען באַלד נאָך דעם דאָס בילד, ווי ווייבער זיצען אום שבת אינ׳ם „אידילישען" „שלמה ר׳ חיימ׳ס", דאַכט זיך אונז: דאָס זענען האַלב־מענשען און אויף אַ העלפט די זעלבע חיות, וועלכע מענדעלע מאָהלט מיט אַזאַ רחבות און ליעבע...

מיר קאָנען איצט שוין אָנצייכענען די אַלגעמיינע ליניע פון מענדעלע׳ס שאַפען. מענדעלע גיט אין זייגע מאַסען־בילדער דעם מאַקסימום פון זיין קינסטלערישער ענערגיע. אַ דאַנק דער סינטעטישער קראַפט פון זיין גייסט גיט ער דאָ בילדער־גוזמאות,

בילדער־וויזיאָנען (זיי „שטעלען זיך איהם פאָר”), פאַר וועלכע עס געגוגען אַלע מיטלען סיי פון זיין אייגענאַרטיגער שפראַך, סיי פון זיין גוואַלטיגער לעבענס־קענטעניש. דאָ גיט מענדעלע די איינצעלנע נשמה פון פיעלע, דעם מאַסען־כאַראַקטער. אין זיינע יחיד־פּאָרטרעטען, וועלכע קריגען אַזאַ בולטען פּאָן דורך די מאַסען־בילדער, איז מענדעלע געבונדען מיט די בעגרעניצ־טע מעגליכקייטען פון זיין פּרימיטיווער זשאַנר־קונסט, דאָ גיט ער אָפּטמאָל אַוועק אין דעם אימיטירען דאָס „יודישלעכע”, דאָ פאַלט ער אונטער אונטער'ן פאָלקס-גוסט צום מגושמ'דיגען, צום האַרבען שטריך, צו דער גרעלער פאַרב. אין די דאָזיגע קינסטלערישע סימפּאַטיעס זיינע איז ער נאָהענט צום יודישען פאָלקס־שאַפען, פּונקט ווי אויך אין קאַמף פאַר דער קינסטלע־רישער נאַאיווקייט און שלימותדיגער פּאָעטישקייט, וועלכע מערקט זיך ביי מענדעלען פון ווערק צו ווערק.

אפרים קאַגאַנאָווסקי

דעם זיידענ׳ס פארבען

מענדעלע מוכר-ספרים, דער זיידע, האָט פערמאָגט זיין שענקעלע, וואו עס זענען אין גרויסער אָרדענונג געווען אויס-געשטעלט, אָהן אַ צאָהל באַנקעלעך מיט פערשיעדענע פאַרבען; די פאַרבען זענען ביי קיינעם נישט געווען צו געפינען, נאָר ביים „זיידען״.

און האָט עמיצער געוואָלט אויסמאָהלען אַ גרין פעלד, אַז דאָס פעלד—זאָל זיין דוקא אַ יודיש פעלד; אַז ס׳זאָל זיך פיה-לען דערפון אַ שבועות-ריח, אַז ס׳זאָל שמעקען מיט הדס, האָט ער געדאַרפט געהען צום זיידען און זאָגען:

„גוט מאָרגען, זיידעניו... גיט מיר אַ גרינע שבועות-פארב, אַז זי זאָל שמעקען מיט דעם שבועות-ריח, ווי עס האָט גע-שמעקט, ווען איך בין געגאַנגען פון חדר, ווען דאָס פעלד האָט געשמעקט מיט די פרישע פוטער-בולקעס, וואָס די מאַמע האָט אויף יום-טוב געבאַקען.

און דער זיידע האָט אָנגעזאָטעלט די נאָז מיט די קלוגע ברילען און אויפגעזוכט דאָס כשופ׳דיגע באַנקעלע מיט דער וואונדער-פאַרב.

און טאָמער וויל איינער זיין אַ יודישער שרייבער, און

אַ יודיש בוך אויפשרייבען, מוז ער נאָך פאַרב צום ריידען געהען, און טאָמער וויל איינער אַ יודיש פּנים אויסמאָהלען, מוז ער פאַרב ביים זיידען נעהמען.

פון וואַנען האָבען מיר שוין נישט קיין פאַרב אויסגעשריבען פאַר אונזער ביסעל אָרימקייט, פאַר אונזער קליין אָרים ביכער שענקעל. מיר האָבען פאַרב פון פאַריז אַראָבגעבראַכט, אַנדערע — פון בערלין, דריטע — פון נאָרוועגיען האָבען פאַרב פאַר׳ן יודישען בוך אויסגעשריבען; דערפון האָט זיך גענומען, וואָס אונזער צאַפּעלדיגער יוד האָט מיט דעם לאַנגזאַמען, קיהלען פיאָרד-אָטעם אָנגעהויבען אָטעמען. אונזער ליעבע חנה האָט מיט דינע פאַריז-ריחות שמעקען אָנגעהויבען, אונזער יודישע נאָז געקיצעלט, און מיר האָבען געניסט: איירָאָפּעאיש.

•

צוויי פעדים וועבען זיך אַרויס פון דער בלויער ווייט, פון אונזער פערגאַנגענהייט, וואָס ווייזען אונז די טראַדיציע פון אונזער שעהנער ליטעראַטור, פון דעם בוך.

איין פאָדים אַ גאָלדערנער, וואָס געהט גראָד פון אונזער פאָלקס-האַרץ, דאָס איז דער פרימיטיוו, פון דער באָבען און דעם זיידען דערצעהלטע פאָלקס-מעשה. דער צווייטער פאָדים, וואָס געהט פון אונזערע אומגעבונגען, אַ פאָדים, וואָס שטאַמט פון אונזערע געלעגענהייטס טראַדיציעס. דאָס איז די פרעמדע, אָנגעשטיקטע ראָמאַנטיק, פון גראַפען און באַראָנען, מיט פרעמדע, ווילד-קלינגענדיגע נעמען, צו וועלכע עס האָט געהאַט אַזאַ שוואַכקייט שמ״ר און הינטער איהם, אַ גאַנצע שורה פון מעשה-ביכלעך.

אָט מיט דעם ערשטען, עלטען, גאָלדענעם פאָדים, האָט זיך פערקניפּט מענדעלע מוכר-ספרים, ווען ער האָט מיט עטליכע און זעכציג יאָהר צוריק, איינגעטונקט זיין פעדער, און דערצעהלען אָנגעהויבען. אין זיין האַנד האָט זיך בעוויזען זיין פּאַליטר מיט די צויבער-פאַרבען, געשטעלטע אויף די טיעפסטע

זאַפטען פון דעם פאָלק, און יעדער שמיר איז אַ געזעץ גע־וואָרען, אַ געזעץ פאַר די אַלע, וואָס ווילען אויף יודיש, אַ יודיש בוך שרייבען.

*

דאָס וואָרט „דלות", וואָס דער „זיידע" האָט אַזוי פיעל גענוצט אין זיינע ערצעהלונגען, האָט זיך פאַר מיר שטענדיג אויסגעמאָהלט ווי עפיס אַן׳אונבעשטימטע זאַך, פון אַ גראדער, אונבעשטימטער פאַרב; צוזאַמען גענומען, איז עס געווען אַן־איינדרוק פון: אַלטע זעק, שימעל, צובראָכענע פענסטער, אַלטע פאָדעשווע, און פערפלאָנטערטע שטריק...

נאָר ווען כ׳האָב צום ערשטען מאָל געזעהן אַ בויד, אַט די בויד מיטן קיילעכיגען, מיט אַלטע זעק און שמאַטעס־גע־דעקטען, דאַך, מיט דעם יודיש־אויסגעקראָכענעם פערדעל, וואָס וויגט זיך, שלעפט זיך איבער דעם זיידענס יודישלעך־היימישע וועגען, האָב איך ענדליך געפונען די פולע פערקערפערונג פון דעם וואָרט: „דלות".

יאָ, דאָס איז דער ליעב־היימישער, פון גאָט־געבענשטער דלות, וואָס ברענגט אַריין אַזוי פיעל, וואָס ברענגט אַריין אַזוי פיעל יום־טוב אינ׳ם האַרץ פון יעדען עכטען קינסטלער.

אָט אויף דעם ביידעל, וואָס איז אויסגעוועבט, פון די טיעפסטע, סאַמע האַרציגסטע פאַרבען, פון אונזער גאָט־געבענש־טען פאָלקס־דלות, האָט מענדעלע מוכר־ספרים זעכציג יאָהר זיך געשלעפט אין דער טיעפעניש פונ׳ם פאָלק, אויף זיינע היימישע יודישליכע שליאַכען: זיין קולטור איז נישט קיין וואָקזאַל קולטור, וויל אָבגערוהט האָט ער אויף גאָטס פעלד, צוזאַמען מיט זיין מידער פאָלקס־קליאַטשע...

*

איצט שטעהט ערגיץ אויף אַ שטילען שליאַך דאָס ביידעל.

די יודישלעך-אויסגעצופּטע קליאַטשע קוקט ערגיץ מיט בענקשאַפט אין דער ווייט, צו די היימיש-צוואָרפענע שטעדט און שטעדטלעך, וואו שעמעוודיגע מיידלעך וואַרטען מיט קלאַפּיגע הערצער אויפ׳ן „ראָמאַן“ צו לעזען פרייטאָג-צונאַכטס, נאָר דאָס ביידעל געהט נישט ווייטער, ווייל דער אַלטיטשקער מוכרי-ספרים איז איינגעשלאָפען זיין אייביגען, זילבערנעם שלאָף.

ווער זשע וועט דערקוויקען די אויסגעבענקטע הערצער פון אונזערע זיהן און טעכטער, וואָס וואַרטען אויף דעם ביידעל מיט׳ן גייעם בוך?...

י. דאָבּרושין

דער גאָטישער מבוא

מענדעלע איז קודם כּל און אויסשליסלעך אַ נאַציאָנאַלער קינסטלער. און דאָס גופא איז שוין אַ אויסטערלישע ערשיינונג. מיט יעדען דיבּור און תנועה שאַפען דעם נאַציאָנאַלען טיפּ און כאַראַקטער, שעפען יעדען נשמה־שטריך און איבּערלעבּונג נאָר פונ׳ם נאַציאָנאַלען ירושה־אוצר, אויף אַ רגע׳לע נישט קאָנען זיך בּעפרייען, נישט קאָנען אַרויסגעהען פון די דורות־דיגע אויסגעבּויטע מחיצות פונ׳ם נאַציאָנאַלען געדאַנק און געפיהל — דאָס איז שוין אפשר די בּעגרעניצונג, יענע זעלבּסט־בּעגרעניצונג, וואָס איז גופא אַ סימן פון אַן אמת׳ער קונסט...

קונסט דאַרף אָרגאַניזירען. און דער נאַציאָנאַלער שעפער אָרגאַניזירט. ער געפינט דאָך די אַלגעמיינע גרונד־ליניען, וואָס פעראייניגען אונטער איין קולטור־דרוק אַלערליי לעבּענס און כאַראַקטערען, ער ענטפּלעקט די פערוואָרצעלטע טיפעניִשען פון פערשידענע געשעהענישען און איבּערלעבּונגען, דעקט אויף אויף אַזאַ אופן די לעבּענס־געזעצען פון דער בּעשריבּענער וועלט און געזעלשאַפטליכקייט.

מענדעלע איז דערפאַר דער גרויסער קינסטלער און איבּערדיכטער פון אונזער עבר געוואָרען, ווייל ער איז אויס־

שליעסלעך און נאָר אַ נאַציאָנאַלער שעפער געוועזן, און מהאי־טעמא טאַקע איז ער אונז אַזאַ נאָהנטער און אין דער זעלבער צייט אַזאַ ווייטער, אַזאַ בלוט־אייגענער און אַ פרעמדער. ביים קרעפטיגען לעבען נאָך, בעת פון זיין פען האָבען נאָך שעהנסטע שאַפונגס־זאַפטען גערונען — האָבען מיר דאָך איהם שוין פאַר אַ זיידען געקרוינט, איהם זיין זיידישען כבוד אָבגעגעבען. אין דער ליטעראַטור האָבען מיר איהם אַ בעזונדער אויבער־שטיבעל אויסגעבויט און אַמאָל נאָר מיט׳ן גרעסטען יראת־הכבוד זיך צוגעהערט, ווי ער האָט דאָרט מיט זיינע פאַרמעטן געשאַרכט, פונאַנדערגעוויקעלט די געשיכטליכע כשרע יריעות און אַ גאַנצע כתיבישע וועלט אין זיי געפערלט.

און מיר — מיר גופא האָבען שוין לאַנג יענע וועלט פערלאָזען, פון דעם זיידענס שטוב אויף תמיד אויסגעוואַנדעלט, מיט שלום־עליכמ׳ען איבער שטעדט און גרויסע שטעדט געיירידעוועט, מיט פרצ׳ן אַלט־נייע געטער געזוכט און מיט די יונגע, די קרעפטיגע, די נייע יודיש־מענשליכע געזעלשאַפטליכקייט געבויט. און צופרידען זענען מיר געוועזן, וואָס דער לעבעדיגער זיידע האָט אונז אויפן וועג נישט פערהאַלטען, נישט געשטערט אונז שוין אַפילו פון זיין ווייטען עבר — אַזאַ ווייטער איז ער, און פון דער ווייטענס אַ ליעבליכער, אַ בילדעריש־ליעבליכער, ווי די ווייטקייט....

וואָרום אָט אַזוי שטעהט ער, דער זיידע מענדעלע, מיט׳ן פנים אין גאַנצען צום עבר. די שאַפונגס־פערספעקטיווען פון מענדעלע׳ס ווערק, יענע שטראַהלענדיגע ווייטען, וואָס אַנטפלעקען זיך בכלל פון יעדער אויפגעעפענטער קינסטלערישער טהיר אין לעבען — ציהען זיך ביי מענדעלע׳ן נישט צום צוקונפט, צו די קומענדיגע דורות, נאָר צו דער פערגאַנגענהייט, צום היסטאָריש־אָבגעלעבטען און איבערגעלעבטען. נישט וואוהין זיי געהען, די טיפען, ווייס מענדעלע, נאָר פון וואַנען זיי קומען. שוין שלום־עליכמ׳ס יודען און מכל־שכן פרצ׳עס גוטע־יודען,

טרעטען אין דער ברייטער אַרומיגער וועלט אַריין, די ערשטע פאָהרען ממש פון שטעדטעל אין שטאָדט, פון שטאָדט אין גרויסער שטאָדט, און די צווייטע בינדען זיך מיט דער גרויסער פרעמדער וועלט אידעאָלאָגיש דורך פרצ׳עס רוחניות׳דיגען פאַנטעאיזם. אָבער מענדעלע׳ס „יודעלעך" — ס׳איז אַ כאַראַקטעריסטיש מענדעלע־וואָרט — „ליגען אין גלופסק מיט אַלע זייערע אברים און חושים, געדאַנקען און איבערלעבונגען, ווי „אַ וואָרים אין כריין", און מענדעלע׳ס רייזענדער אַפילו, דער טעטעריוקער „ר׳ בנימין", מאַכט זיין בעריהמטע נסיעה אויף צוריק אין דער טיעפעניש פונ׳ם יודישען מיטעל־אַלטער אַריין, צו די רויטע יודעלעך.

„קאָמפאַניעס קומען, קאָמפאַניעס געהען, און קאבצאַנסק און גלופסק וועלען בלייבען אייביג" — בעת ס׳איז נישט דער „אני מאַמין" פונ׳ם מחבר גופא, איז דאָס דער לעבענס־אמת פון זיינע פאַרשוינען, די גרונד־הנחה פון זייער אויסקומעניש, אייגע פון די הויפט־עיקרים פון זייער געדאַנקען־גאַנג.

און פון אָט די דורות, וואָס האָבען אויפ׳ן „אין כל חדש תחת השמש" זייער וועלט־אָנשויאונג געבויט, האָט מענדעלע זיין קינסטלערישע שפע בעקומען, — פון די דורות, פאַר וועמען דער מאַרק און די באָד זענען אַזעלכע נצחיות, ווי די שול און די תורה געווען, פון יענע מיטעל־עלטערישע ירושה־יודען, וואָס האָבען אַלע גלייך, אָהן חילוק פון עלטער און גראַד, געשפייזט זיך פון ירושה־ביכער און ירושה־געדאַנקען, פון פערעלטערטע און פערגליווערטע ירושה־געפיהלען און ירושה־איבערלעבונגען — אָט פון זיי האָט מענדעלע אונז גאונ׳יש־בולט׳ע קינסטלערישע דאָקומענטען בעשאַפען, אָבער נאָר דאָקומענטען, ווייל פאַר פלאַסטישע פיגורען, פאַר מענשען־סימבאָלען זענען זיינע טיפען צו פערקיילעכיגט, ארנאמענטאַליש פערגאַנצט און פערענדיגט.

מענדעלע׳ס יחיד קוקט דאָך נישט אַריבער זיין דור, זיינע פערלאַנגען און השגות זענען אין גאַנצען צוזאַמען־געוואַקסען מיט זיין צייט און סביבה. ער איז נאָר אַ רינגעלע אינ׳ם גרוי־

סען קייט, אָדער, ווי מענדעלע, האָט זיך גופא אויסגעטייטשט: „אַ פּאָדים אַריינגעוועבט אין דער מאַטעריע, וואָס רופט זיך יוד". און אין מענדעלע'ס אַרומגעטאָקטע נאַציאָנאַל־פּעראַלגעמיינטע טיפען פעהלט דעריבער דאָס יחידי'יש־ליידענשאַפטליכע, און אויך אפשר טראַגישע, אָט דאָס איראַציאָנאַלע, טיעף נשמה'דיגע און מענשלעך־סודות'דיגע, וואָס ס'ברענגען אַריין אין דער אייביגקייט די פּלאַסטישע געשטאַלטען — העלדען פון אַלע אַנדערע קלאַסישע מייסטער־ווערק. און אויך דעריבער טאַקי איז מענדעלע אָפט רחמנות'דיג סענטימענטאַל, אָנשטאָט צו זיין ליריש, און אָנשטאָט צו זיין דראַמאַטיש, איז ער מעשה'דיג... ער מוז דאָך, דער מחבר, זיין בעשרייבעריש און עפּיזאָדיש דאָרטען, וואו די גאַנצע האַנדלונג, געשעהענישען און איבערלעבונגען שטאַמען און ענטוויקלען זיך פון דער אויסערער אַרומיגקייט, און נישט פון די פּערזענליכע טיעף־אינעווייניגסטע אייגענשאַפטען פון די טיפען.

יאָ, מענדעלע איז נישט געקומען געבען אונז דאָס פּערזענליכע, נישט דעם פּרט מאָהלט ער אונז, נאָר דעם כלל, די פּאָדים, אָדער ריכטיגער, די פעדים פון דער מאַטעריע, וואָס רופט זיך יוד. און פון דער מאַטעריע האָט מענדעלע אונז דער ערשטער דאָס אינערליכע, מאָלעקולאַרע לעבען געוויזען. דורך זיין נאַציאָנאַל־קינסטלערישער שפּאַקטיוו האָט ער געזעהען דאָס, וואָס מיר וועלען אָהן איהם מער, אפשר, נישט זעהן — די אינעווניגסטע וועבעלך פונ'ם פאָלקס־אָרגאַניזם, די בלינדע קעמערלעך, יענע אונפּערזענליכע אָרגאַנישע חלקים, וואָס האָבען אין משך פון דורות זיך בעהעפט, צוזאַמענגעוואַקסען אין דעם יודישען פאָלקס־קערפּער, די יודישע אונזעריגע נאַציע בעשאַפען.

פּישקע דער קרומער, הערשעלע פונ'ם ווינשפּינגערל, שלמה ר' חיים'ס דערהויבט בנימין השלישי — דאָס זענען מאַזאאישע פיגורען, קאָלעקטיווע מאָנומענטען, בולט'ע, אָפענע און קלאָרע געשיכטליכע דענקמאָלער, וואָס פאָדערען נישט קיין שום בעזונדערע אויפשריפטען און פּרושים. און קומט עמיץ אויסטייטשען זייערע פּערזענליך־מענשליכע חסרונות און מעלות,

פערמינדערט ער בעצם זייער קינסטלערישען ווערט, ווי מענדע־לע גופא, בעת ער האט פקח'יש געוואלט אין פראצעס פון שאפען זיין בעשריבען וועלטעל אב/זאצען — מענדעלע דער השכלה־מענש, מענדעלע פון די צו אפטע דריי פינטעלעך און פון דעם „נישט דאס בין איך אויסען"...

און בחוש זעהען מיר דאך, אז דארטען, וואו מענדעלע'ס יחידים האבען פונ'ם איינגעפונדעוועטען נאציאנאלען באדען עוקר געווען, די רגע, ווי זיי האבען זייער אלטע כנסת־ישראל־וועלט פערלאזען, אבגעגעבען זיך דער כלומרשט'ער מרידה פאר דאס פערזענליכע און וועלטליכע — האט מענדעלע, דער קינסט־לער שוין אויף זיי קיין שליטה נישט געהאט. און נישט נאר אין וועקער'ן, אלעקסאנדער'ן, און אין די אלע געשטאלטען פונ'ם נייעם שניט האט זיך מענדעלע קינסטלעריש טועה געווען, נאר אפילו הערשעלע'ן, דעם יודיש־פערוואָרצעלטען פאלקס־קינד, האט ער דאך צו א השכלה'דיגען תכלית געבראכט. דער העלד פונ'ם ווינשפינגערל איז לסוף אין א אויסלענדישען גביר מגולגל געווארען, און צוריק אין שטעדטעל איז שוין נישט דער פאלקסטימליכער הערשעלע, נאר א השכלה'דיגער העגריך קאהאן געקומען.

אט אזוי איז מענדעלע'ס קינסטלערישע גבורה בעשטאנען נאר אין מאלען דאס, וואס איז שוין לגמרי מיט אלעמען אריינגעוואקסען אינ'ם אויסקומעניש, פערוואקסען מיט ארט־לע־בען און שטייגער. דא האט ער געפונען געשליפטע בולטע ווארט אין בילד, שארף געפיילטע דויערענדיגע כאראקטעריסטיק פאר די צייטווייליגע, דווקא ריין אויסערליכע סימנים פון יודישען לעבען. דא זענען די דעמאלדיגע יודישע קבצנות און דער לופט־האנדעל דערוואקסען ביז צו דער כמעט סימבאלישער מענדעלע־טארבע און מענדעלע־ירידיוען, אונטער מענדעלע'ס פען האבען אזוי ווי געגליווערט, סקולפטאריש זיך פערהארטע־וועט יודישע לעבענס־שטריכען, תנועות און העויות — דער גאנצער מארק־שוים, די פסולת פונ'ם שטעדטעלשען אויסקומע־ניש — וואס זענען ביים מחבר פון „פישקע דעם קרומען" ווי

צוגעזאטען צום פאָלקס קערפּער, געוואָרען, כּלומרשט, דער עצם מהות פונ׳ם יודישען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער...

און אפשר איז שוין מענדעלע גאָר נישט שולדיג, וואָס די געשיכטע פון יענעם דור, די מענדעלע־תּקופה איז איהם הינטערען פּלייצע געשטאַנען און פון אונטער זיין פּען די אַלע שטריכען און טיפען דורשטיג געשלונגען; זי האָט זיך שוין דאָך געקליבען אין וועג אַריין, די מענדעלע־תּקופה האָט בעדאַרפט אָט־אָט אין דער פערגאַנגענהייט, אין „עולם השכחה" אויף תּמיד פערשווינדען, האָט זי דאָס אַ לבּוט׳ע מיט מענדעלע׳ן צוזאַמען פון שטיקער פּראָטאָקאָלירטע געשיכטע קינסטלערישע דאָקומענטען געשאַפען. והראיה: אָט האָט זיך מענדעלע, נישט נאָר מענדעלע מוכר־ספרים מיט׳ן פערד און וועגעלע, נאָר אויך מענדעלע דער שרייבער, דער פערקניפּעלטער משכּיל פונ׳ם „ויתרוצצו" — אָט האָט ער זיך גופא ביים לעבען נאָך אין אַ גאונ׳יש געשיכטליכען און אויך קינסטלערישען דאָקומענט פערוואַנדעלט, און דאָס איז שוין געוויס איינע פון מענדעלע׳ס דערגרייכונגען, פאַר אונז, פאַר׳ן ווייטערדיגען גורל פון אונזער ליטעראַטור — אפשר די העכסטע.

און נאָך מיט איינער אַ דערגרייכונג איז דער זיידע מענדעלע צו אונז געקומען און אינ׳ם זיידישען ירושה־אוצר אויך אויף אייביג עס אַוועקגעלעגט. דאָס איז דער מענדעלע־סטיל, שפּראַך, פאָרם און אַרכיטעקטאניק, דאָס גאַנצע, וואָס איז אין אונזער ליטעראַטור שוין געקרוינט מיט׳ן נאָמען, — דער מענדעלע־נוסח.

„דער סטיל איז דער מענש". אַזוי האָט מען געפּסקנ׳ט ביי די אומות העולם. מענדעלע׳ס סטיל איז אָבער, ווי אַלץ ביי איהם, — די עפּאָכע. דאָס האָט נאָך אַמאָל די מענדעלע־תּקופה איהם געגעבען דעם „ספּור המעשה", דעם „מעשה בתּוך מעשה" פונ׳ם אַלטען יודישען דערצעהלער. דאָס האָט זי אויך געשליפט און געפיילט, געטאָקט און געצירט יעדעס וואָרט פון

זיין שפּראַך, ווי אויך יעדען אות פון זיינע געפּערעלטע כּתב־ידן. מענדעלע גופא דערצעהלט אונז מכּוח דעם רבי׳ן „ר׳ יוסף אַברהמ׳ס״, וואָס האָט זיך פערנומען מיט מאַלעריי און שניידע־ריי, מיט יענעם „מעשה חושב״ פון הונדערטער יודישע מושלמים, וואָס האָבען מיט ליעבליכער התמדה אין די לאַנגע ווינטער־נעכט די פערשיעדענע מזרח׳ס און יהי־רצונ׳ס, פּנקסים און ארון קודש׳עס געשניצט און געמאָהלט. און אויך דאָ האָט מענדעלע אויפ׳ן גאונ׳ישן אופן יענע דורות׳דיגע השלמה־ענערגיע אין טאַלאַנט פערוואַנדעלט, פון דער אַלטער יודישער „בצלל־אַרבעט״ האָט ער זיינע קונסט־כּוחות געשעפּט, די אָדערדיגע מוסקולען פון דער יודישער שפּראַך געשמידט, די יודישע גאטיק, מעגליך, געשאַפען.

יאָ, מענדעלע איז דער גאטיקער, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגען, פון דער יודישער ליטעראַטור. זיינע ווערק פערמאָגען די מאָ־נומענטאַלע רחבות פון די גאָטישע בנינים, פון יענע מיטעלאַל־טערישע וואוקסיגע געביידעס, וואָס בעשטעהען בעצם פון בע־זונדערע אויסגעטאָקטע גלידער, פון דער ברייטער און רייכער האַנד פונאַנדערגעוואָרפענע פּלאַסטישע פּרטים מיט ריין אויסער־ליכע בעפּוצונגען און קנעטערייען.

מענדעלע׳ס אַ ספר — ס׳איז אַ פערפּלייצעניש פון סקול־פּטאָרישע איינצעלהייטען לאחדים־טעמעס, וואו ס׳ווערען דער־צעהלעריש אויסגענוצט פערשיעדענע געלעגענהייטען, בכדי צו פערגרעסערען דעם מעשה׳דיגען גוף הענין, געבען וואָס מעהר בילדער, וואָס מעהר מאַלערייען. „איך נעהם פון רענצעלע מיינעם אין ביידעל אַרויס אַ בליי־פען — דערצעהלט אונז אַלטער יכנה״ז אין „פּישקע דעם קרומען״ — רייס אָב פון אַ סידור דאָס אויבערשטע בלעטעל, שפּאַר מיך צו, צו דער קעלניע און שרייב די „דאָזיגע ווערטער״. און די „דאָזיגע ווערטער״, דער אויף דער גיך אָנגעוואָרפענער בריף צו „הצנועה מרת חיה טריינע״, פערנעמען אַ סך־הכּל פון גאַנצע צוויי גע־דרוקטע עמודים...

אָט אַזוי זענען דעם זיידענ׳ס ווערק בעצם נאָר „חבורים״,

צונויפגעשטעלטע פון איינצעלנע עפּיזאָדען, מעכאַניש בעהעפטע, ווי אין „פּישקע דעם קרומען", און אָפטמאָל מעכאַניש פערענדיגטע, ווי אין „ווינשפינגערל". נישט אומזיסט האָט דער זיידע ליב געהאַט אַפילו זיינע גאָר קליינע עפּיזאָדישע דערצעהלונגען אָנרופען מיט גאָר גרויסע בעדייטענדיגע נעמען, געבען זיי גוזמא-קעפּלעך, ווי למשל: „די ענטדעקונג פון וואלין", „ספר הבהמות", „ספר הגלגולים", „אין אַ שטורם צייט", תמיד פערמאסטען זיך, אפנים, אויף גרויסע לייוועטען. ער האָט אפשר לכתחילה אַ קינסטלערישע כונה געהאַט שרייבען גרויסע ווערק, וואָרום ס'איז אַ בעוואוסטע זאַך, אַז מענדעלע'ס גרעסערע ספרים זענען געוואַקסען ביי איהם פון מאָל צו מאָל, צוגעקומען אין כמות אַפילו פון אויסגאַבע צו אויסגאַבע, — אַ זאַך, וואָס איז לחלוטין אונמעגליך פאַר'ן מאָדערנעם פסיכאָלאָגישען ראָמאַן, וואו יעדע בעוועגונג דאַרף זיין אַפּריער אויסגעחשבונ'ט, ווי אַ גאַנג אויפ'ן שאַכמאַט-ברעט, און דאָס בוך, אין גאַנצען גענומען, מוז זיין „אַ מאנאליט", אַ לעבעדיג בעשעפעניש מיט אָרגאַניש צוזאַמענגעוואָקסענע פלאַסטישע גלידער, נישט מוסיף צו זיין און נישט מינדערען.

מענדעלע האָט אָבער גרויסע פונאַנדערגעוואָרפענע לייוועטען געהאנגען, און בערעכטיגט האָט ער זיי מיט דער מיט, וואָס ער האָט אויף זיי פּרט נאָך פּרט, גליד נאָך גליד דאָס לעבען פון דורות געמאלט. ער ווייסט, דער קלוגער זיידע, „אַז אַ יוד שפּרינגט קדוש, ענטפערען איהם די יודעלעך פון אַלע שטעדטלעך: קדוש, קדוש, קדוש"- אַזוי גאונ'יש האָט ער אַליין כאַראַקטעריזירט די רחבות'דיגע פערגליווערטע איינאַרטיגקייט פון אַ לעבען, וואו דער עיקר זענען געוואָרען די איבערלעבונגען פונ'ם כלל, די תנועות און בעוועגונגען, וואָס זענען טויזענדער מאָל געווען איבערגעחזר'ט און גע'כיפל'ט, און אין אָט אָ די איבערגעחזר'טע און גע'כיפל'טע איבערלעבונגען איז מענדעלע'ס קראַפט געלעגען, פון זיי האָט ער זיין גרויסען גאַטישען בנין אויפגעשטעלט, ווייל אין זיי איז דאָך, מעגליך, די נשמה פון דער אומה דעמאָלט געווען בעהאַלטען.

און שפּאַציערען מיר אין מענדעלע׳ס „סטאַלאַקטיטען-הייל״ צווישען די וואוקסיגע זיילען פון מענדעלע׳ס שאַפען, ווייסען מיר, אַז מיר וועלען דאָ אַל׳ן בעגעגענען, „יודען און יודעלעך, בעל-הבתים, קבצנים, דעם מדבר, ווי דעם בעל-חי, דעם דומם, ווי דעם צומח״, וואָרום אָט אַזא איז ער, מענדעלע׳ס שאַפונגס-היקף, ער נעהמט אַרום אַ נאַציאָנאַלע תקופה מיט אַלע איהרע לעבעדיגע בעשעפענישען און מיט איהר גאַנצען סקאַרב: די מענשען, ווי די כלי-בית, די בעלי-טאַקסע, מיט די באָד-לייט, די יודישע קליאַטשע מיט׳ן תוספות-יום-טוב קעלבעל, דעם פער-יודישטען וואַלד און פעלד און די סאראקע אין תכילת...

דער זיידע מענדעלע — ס׳איז דער גאָטישער „מבוא״ פון אַ תקופה, דער אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג, דער אָנהויב און דער סוף.

1919

ח. טשעמערינסקי

יודישע גראמאטיק ביי מענדעלע׳ן

מענדעלע׳ס שפראך איז **פאָלקסטימלעך. דעם כלל ווייסען** אַלע. וויכטיג זענען אָבער די **פּרטים**, **וועלכע דארפען** אונז דיענען פאַר אַ מוסטער ביים שרייבען און ריידען. (און מענדע־לע׳ס אַרט שרייבען איז אומגעהויער רייך אין אַזעלכע מוסטער־האַפטע פּרטים, וואָס קאָנען געבען גענוג שטאָף אויף גאַנ־צע ספרים מיט גרינדלעכע גראַמאַטיקאַלישע און סטיליסטישע חקירות. אַז אונז וועט באַשערט זיין אַמאָל האָבען אַ רעכטע גראַמאַטיק, וועט זי זיין פערפלייצט מיט טויזענדער מוסטער־ביישפּילען, גענומען פון מענדעלע׳ס ווערק. דערווייל אָבער האָבען מיר קיין געשריבענע גראַמאַטיק ניט, ממילא פעלט נאָך די טערמינאָלאָגיע. אָהן אַ טערמינאָלאָגיע ווידער קומט אויס זעהר שווער צו פאָרמולירען די גראַמאַטיקאַלישע כללים, וואָס מיר געפינען אין מענדעלע׳ס שרייבען. מיר וועלען דעריבער מוזען מער מאַריך זיין און בעווייזען יעדע אייגענטימליכקייט זיינע מיט איניגע ביישפּילען.

נאָר פריהער—אַ קורצע הקדמה:

דאָס וואָרט „פאָלקסטימליך" האָט אייגענטליך צוויי פּיטשען.

ערשטענס, הייסט עס: לייכט, פּאָפּולער, פערשטענדליך פאַרן פּשוט'ן עולם, וואָס קאָן נישט תּופס זיין קיין צופיעל געקינסטעלטע, ליטעראַרישע שפּראַך, מיט איהרע פערוויקעלטע, צונויפגעזעצטע הויפּט־זאַצען און בּיי־זאַצען און ווערטער, פערענדערט אין פערשיעדענע גראַמאַטיקאַלישע נייגונגען און בּייגונגען. צווייטענס, מוז אַפילו די ליטעראַרישע שפּראַך זיין „פאָלקסטימליך" אין איהרע פאָרמען און צוזאַמענשטעלען פון ווערטער, דאָס הייסט, אַז די פּראָזע דאַרף געבּויט ווערען אינ'ם גייסט פון דער פאָלקס־שפּראַך.

אין אונזער נייער ליטעראַטור, בּעזונדערס אין דער פּרעסע, בּעגעגענען מיר אָפט אַזאַ פאָרם ווי, למשל, „די געשריבּענע פון מענדעלעס ווערק". דאָס איז אַ רוסישער נוסח, אַ רוסיציזם, פרעמד דעם גייסט פון יודישער שפּראַך. ליטעראַריש ריכטיגער וועט זיין: „די פון מענדעלען געשריבּענע ווערק", אָדער — נאָך ריכטיגער — „די ווערק, געשריבּען פון מענדעלע'ן". ריין פאָלקסטימליך אָבּער איז פּשוט: „די ווערק, וואָס מענדעלע האָט געשריבּען".

מענדעלע אַליין האָט זיך ווי ווייט מעגליך געהאַלטען אָן לעצטען, עכט־פאָלקסטימליכען, פּשוט'ן נוסח. נישט שטענדיג אָבּער איז עס מעגליך. אַמאָל איז אַזאַ איינפאַכקייט צו־שווערפעליק, האַמעטנע און לאָזט זיך נישט בּינדען אין אַן אָבּגעטאָקטער, שיין־אָבּגערונדעטער פּראָזע. האָט ער געשריבּען ליטעראַריש און דערבּיי געבּליבּען געטריי דעם גייסט פון יודישער שפּראַך, און אויסערדעם צונויפגעשטעלט די פּראָזע אַזוי, זי זאָל זיין פערשטענדליך פאַר יעדערען, ס'הייסט פּאָפּולער.

אַזאַ קלאָרע פערשטענדליכקייט גיט זיך איין בּעזונדערס שווער אין יודיש. אַנדערע שפּראַכען האָבּען שוין אַ געשריבּענע גראַמאַטיק, וואָס ווערט געלערענט אין פאָלקס־שול. דער שילער טראָגט פון דאָרט אַרויס פערשיעדענע שפּראַך־פאָרמען, סיסטעמאַטיזירט און איינגע'חזר'ט אין זכרון. בּעגעגענט ער די פאָרמען אין לעזען, איז ער בּאַלד תּופס זייער ריכטיגע בּעדייטונג און געוואוינט זיך אַליין צו, אַזוי ליטעראַריש זיך

אויסצודריקען. אַנדערש איז אין יודיש: אונזערע לעזער ווייסען נישט מעהר ווי די פּראַקטיק פון געוועהנליכען רעדען. דאָס לעזען ווידער דיענט, על פּי רוב, צו... פערדאַרבען זייער שפּראַך, ווייל דאָס רוב יונגע שריפטשטעלער אונזערע האָבען שוין אַליין פערלוירען דעם געזונטען שפּראַך־אינסטינקט און בענוצען זיך מיט פרעמד־שפּראַכיגע פאָרמען אין אַ שלעכטער בוכשטעבליכער יודישער איבערזעצונג.

איצ׳ם ביישפּיעל, וואָס מיר האָבען אָנגעוויזען — „די געשריבענע פון ר׳ מענדעלע׳ן ווערק״, איז דאָס גופא אַ רוסיציזם, וואָס דער סובּיעקט פון ביי־זאַץ, דער ענין פון וועלכען מ׳רעדט איז נישט די ווירקענדע פערזאָן אין אַקטיווער פאָרם — ר׳ מענדעלע, וואָס האָט געשריבען, — נאָר דער געגענשטאַנד, אויף וועלכען די ווירקונג איז געפאַלען, דער אָביעקט אין פּאַסיווער פאָרם, די געשריבענע ווערק. דאָס פאָלקסטימליכע יודיש קאָן נישט ליידען אַזאַ פּאַסיווען פראַזען־בוי, סיידען אין זעלטענע אויסנאַהמס־פאַלען.

נאָך אַ רוסיציזם ווערט ביי אונז מיסברויכט און אָפט בענוצט: אַבסטראַקטע זאַך־ווערטער. ווען זיי נעמען זיך פון אַנדערע זאַך־ווערטער אָדער קוואַליטעט־ווערטער, איז עס צו דערליידען: חכמה, גוטסקייט, פריינדשאַפט, אָבער נישט זאַך־ווערטער, אַבסטראַהירט פון צייט־ווערטער. למשל, די פערשפּעטיגונג פון צוג, די עפענונג פון פּאַרלאַמענט. אין איינפאַכע פראַזע קאָן מען עס נאָך געברויכען, אָבער אין צוזאַמענהאַנג מאַכט זעס פיעל שוועריגקייטען. בעזונדערס צוויי אַזעלכע אַבּסטראַקטע זאַך־ווערטער אין איין פראַזע, למשל, אַ פראַזע פון ציישונגס־כראָניק: „די פאָדערונג פון דער אָפּאָזיציע פון דער אָפּשאַפונג פון תחום״, אָנשטאָט צו זאָגען פּשוט: „דאָס, וואָס די אָפּאָזיציע האָט געפאָדערט, מ׳זאָל אָבשאַפען דעם תחום״.

זעהר נישט פאָרזיכטיג איז מען ביי אונז מיט׳ן געברויך פון פּאַרטיציפּען: „זעהענדיג, געהענדיג, נעמענדיג אין בעטראַכט״ א. אַ. וו. בעזונדערס שווער איז זיך אויסצודרעהען

אין אַ פּאַרטיציפּ פון אַ פּאַסיווען אָדער „געגענזייטיגען צייט־וואָרט מיט׳ן צוזאַץ „זיך״, למשל — פאָרשטעלענדיג זיך און אַז. וו.

די בייגונג פון זאַך און קוואַליטעט־נעמען איז זעהר נישט פאָלקאָם. בעזונדערס — אין פּערזאָן-ווערטער: „איהםוו״ ווערט בענוצט ווי אין דאַטיוו (געב־פאַל), אי אין אַקוזאַטיף (ציל־פאַל): „איהם זעהען און איהם געבען״. מיט׳ן מיטעל־געשלעכט איז נאָך ערגער.

ווי אַזוי מענדעלע מיידט אויס אַזעלכע שוועריגקייטען, וועלען מיר זעהען פון די פאָלגענדע מוסטער־ביישפּילען:

פאַרבינדונג פון הויפּט־זאַץ מיט׳ן ביי־זאַץ.

דער לאַנטוק, מיט וועלכען דאָס בײדעל איז איבערגעדעקט! דאָס דיקע ציבעכל, פון וועלכעס דאָס דינע מונדשטיקעל איז; אַנ׳אַרבעטער, אַ דאַרער, וואָס ער האָט זיינע יונגע יאָהרען; די קעכינס, וואָס האָבען געהאַט אַ מגוׄ מיך צו לאָזען הונגערען און וואָס דאָס האָבען זיי אָפט טאַקע געטון; ליידען צרות ווי אַמאָל, וואָס אַז איך דערמאָהן זיך, ציטערט; איך, וואָס אין אייער געזעלשאַפט איז מיר; נמאס ווערענדיג מיט די גאַנצע מעשה, בלייבט ביי זיי; דאָס פערדעל, נמאס ווערענדיג איהם צו שטעהן, גאָרנישט צו טהון, איז זיך מישב; אַפּנים בשעת נעמענדיג זיך צום פלעשעל, האָב איך; דאָס וואָס איינצופיהרען עס דאַכט זיך אַצינד גוט; שווייג איך, מיר גאָרנישט דערום צו מאַכען; ער גייט איין, נישט צו מאַכען קיין פּירוש; פערהאַקט זיך די אַקס אין אַ רעדעל, אומצוּוואַרפען עס; די וועלדער שטעהען שטיל, קיין שאָקל זיך נישט צו טון; עס האָט אַ סך פּירושים, וואָס פאַר אייך קיין משא ומתן; איינער פון די נגידים, וואָס מיט אַ פערקרימטע צורה; פרעגען די נגידים, כלומרשט פערשטעהען זיי נישט (אָנשטאָט: „נישט פערשטעהענדיג״); צו אַ שטוב, וואָס אויפן טירעל אין הויף אַריין איז געהאָנגען; בעקעס אַלטער, אַ קראַץ געבענדיג זיך אין דער פאה, אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ זיפץ (פעהלט, „טהוענדיג״); געבען מיין ביידעל בעהאָנגען (פעהלט „וואָס איז״);

וואָס פלעגט דורך דעם שטרויענעם דאַך, צושיטעט ווי אַ רע־שעטע אַהין אַריינקאַפּען; נעבען אַנ׳אַלטער, האַלב פערדאַרטער ווערבע, איבערגעשפּאָלטען אויף דער העלפט, שטעהען; זאָל אָנשפּאַרען אין אַזעלכע ערטער, וואו גרויסע האָבען אַהין נישט געקאָנט צוקומען (אָנשטאָט „וואוהין״); זומער פאַר אַ יאָהר, וואָס די היצען זענען דעמאָלט געווען גרויס; גענויטיקט זיך אין רעצעפּט, וואָס זעהר מעגליך אַז דרינען; שוין נישט זאָ־גען, פאַרוואָס קומט עס זיי, פרעג איך; אָנשטאָט מ׳זאָל זאָגען; אַנ׳אַלטער דאָרפסהונד (פעהלט „וואָס״) לעבט פון קצבה, מיט אַ קאָלטון, צאָמבלענדיג זיך איהם אויפן עק, שאַרט זיך; ביים ערגסטען חזן, וואָס גלוסט זיך ברעכען; אַנ׳אות, וואָס דעם יענעם דאַכט זיך איבעריג; נישט לאַנג שיהות געמאַכט, קרי־כען מיר; הויבט פישקע אָן אויף זיין לשון, וואָס אויסגעבע־סערט מיט מיין הילף מאַכט עס.

קצור. פון די אויבענגעבראַכטע ביישפּיעלען זעהען מיר, אַז מענדעלע פערפעהלט אַמאָל אַ ווערכּס הילפס-וואָרט פון קצור וועגען. אַזעלכע בקצור־פאָרמען געפינען מיר ביי איהם זעהר אָפט. למשל: אָנגענומען, זיי דינען, גרינגער אויסצולער־נען די שפּראַך; צערעכענט געווען אַ מצוה, אַלע קלעפּ מיר צו צולאָזען; געזאָגט, ער נעמט מיך צו; יענעם שטעדטעלס חזנות; מיט אַ פול האַרץ מחשבות; דאָס אויפשטעהן אַ געפאַ־לענעם אין וואַלד איז נישט מאוס; שווייגענדיג ווי אַ שעפעלע ביים בעשוירען עס. אַ מענש זאָל נישט גערענקען, וואָס מיט אים אַמאָל.

פעלערהאַפטע פראַזען פון קצור וועגען. די ליעבשאַפט צו קצור ברענגט מענדעלען זעהר אָפט צו אַ פאַלשען פראַזען־בוי. אַזעלכע ביישפּיעלען געפינען מיר אין זיינע ווערק מאַ־סענווייז, אַזוי אַז דאָס זענען נישט קיין צופעליגע טעותים, נור אַ סיסטעם. ביי אַנ׳אַנדערען וואָלט עס געהייסען פשוט עם־הארצות, מענדעלען אָבער מוז מען גלויבען, אַז מ׳מעג זיך ע־

ערלויבען. די פעלער קומען פאָר אויף צוויי־ערליי אופנים: ענטוועדער עס פעהלט דער סוביעקט, ווען עס דאַרף זיך אויס־דריקען אין אַ פראָנאָם (פערזאָן־נאָמען), בעזונדערס — „איך". אַ שטיקל ראיה לדבר, אַז מ׳מעג עס, האָבען מיר אין וואָהלינער אַרט שרייבען. אַ פשוט׳ער דרום-יוד שרייבט אין אַ בריוועל: בעט אייך, האָב געהערט, דורכלאָזענדיג דעם „איך".

דער צווייטער מין פעלער בעשטעהט דערין, וואָס דער פאַרטיציפּ אין ביי־זאַץ בעציהט זיך נישט אויף די פערזאָן פון הויפּט־זאַץ, צו וועלכער ער געהערט (נישט צום סוביעקט), נאָר צו אַנ׳אַנדערער. אויף אַזאַ פאַלשקייט האָט איר בערעכטיגונג אין... דער פראַנצויזישער שפּראַך, למשל: „דער אַפּעטיט קומט עסענדיג".

ביישפּיעלען: 1) וואו ס׳פעהלט דאָס פערזאָן־וואָרט אַלס סוביעקט אין הויפּט־זאַץ (דאָס פעהלענדע שטעלען מיר אין קלאַמערן): וואַרעניקעס, פון וועלכע מ׳האָט געלעקט די פינגער און (פעהלט „זיי") ליגען אין מויל; מיר איז אַרויף אַ געדאַנק און (איך) האָב עס...; עס איז זיי גרויס אין די אויגען און (זיי) טראַכטען...; דער געדאַנק לעגט זיך מיר אויפ׳ן מוח און (איך) ווער ביי מיר שטאַרקער...; עס איז מיר אין האַלז נישט געקראָכען און (איך האָב) מיך געוואָרגען מיט דעם ביסען...; דעם רויטען קאָלנער האָט אָבגענומען דאָס לשון און (ער האָט) שוין גערעדט ווייכער...; מ׳צעשטאָפּט זיי די קישקעס אויף אַלע חתונות... און (זיי) רייסען פון טויטע; איין פלעט גע־פינט זיך ביי מיר און קען איהם איינעם פון אייך געבען.

2) פאַרטיציפּ (בכלל—צייטוואָרט אין ביי־זאַץ) נישט אויפ׳ן סוביעקט: מ׳ווינשט איהם דעם טויט, נאָך ליגענדיג אין בוין (נישט דער ווינשער ליגט אין בויך)...; גוטמאַן איז אַרויסגע־פאָהרען, נישט צו וויסען, וואו ער געפינט זיך (מיר ווייסען נישט, וואו ער געפינט זיך. גוטמאַן ווייס דאָך אָבער יאָ)...; מיין גוף ווערט שיטער, עס באָמבלען זיך אַרום איהם עפּיס חלקים מענדעלע, נישט רעכט צו פיהלען, וואו איז דאָס ריכ־טיגע פינטעלע...; אונזער לייב, שטעהענדיג אין צרות, טהוט

עס איהם אַ טראָג...

דאָס געביי פון זאַץ. אויסגעזוכט ביי זיך תמיד פאַר מיר אַרבייט (פריער אומשטענדען פון צייט, אָרט און ציל, דערנאָך —אָביעקט); צוויי וואָכען, אַז קיין רויך פון מיין קוימען איז ניט געגאַנגען (אומשטאַנד פאַר׳ן פרעדיקאַט אין אַ נעגאַטיווען זאַץ),—רופט זיך אָן מיט פערדרוס די רבי׳צין, צעשרייט זיך אויף מיר מיין ווייב; אַזוי האָט געזאָגט איסר (אַ העברעאישע פאָרם); אַ חדוש נפלא—דערצעהלט ווייטער בנימין (פרעדיקאַט—אומשטאַנד—סוביעקט, דאָס טרעפט ביי מענדעלען ניט זעהר אָפט און איז, דוכט זיך, ניט קיין יודישלעכע פאָרם, ריכטיגער וואָלט געווען: אָביעקט באַלד נאָכ׳ן צייט-וואָרט, דערנאָך—אומשטאַנד: „רופט זיך אָן די רבי׳צין מיט פערדרוס״)...; עס האָט ניט געדויערט לאַנג, פערגינען אונז ניט אויך די דאָזיגע רפואה (דער „נישט״—וואָס נענטער צו דער עובדה, וועלכע ער פאַרניינט); איז דאָס בעסטע—זיך גאָר ניט וויסענדיג מאַכען...; זיי פעלען אי נעגעל, אי ציין (אָנשטאָט „עס פעלען זיי״)

ווייט אין דער וועלט צו זוכען, ניט געווען איר־גלייכען דאָס קול, דאָ הערט עס אויף, דאָ לאָזט עס זיך ווידער הערען...

איך בטל צו אים אויס חלומות, ער בטל׳ט צו מיר, ניט אָנצוקוקען איינער דעם אַנדערנס פנים; אויף אַ צווייגעל אין דער הויך וויגט זיך א סאָראָקע, אויסזעענדיג פון דערווייטענס ווי אָנגעטהון אין אַ ווייס טלית׳ל מיט פאַסען תכלת פאָרענט און דאַווענט שאָקלענדיג זיך...

צייטווערטער אין אומבאַשטימטען מאָדוס (מקור) אָנשטאָט אַבסטראַקטע זאַכווערטער: דאָס אָבטהון אויף טערקיש און דאָס אויסדרייען זיך דערנאָך האָט מיר געמאַכט פערגעניגען...; דאָס איינשפאַרען זיך עפּיס צו דערמאָנען און ניט קענען איז אַזאַ מין צער, וואָס צו פיהלען עס איז אימשטאַנד נור יענער וואָס...? יענער האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן סענדערלען, וואָס מחמת דעם אָפּטרעטען האָט ער אים פונקט גאָר פערשטעלט דעם וועג.

מאמר המוסגר: איך האָב, ווי אַלע יודען, ליעב געהאַט

וינגען; נאָר, ווי שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, בין איך; טהוען זיך, ווי דער שטייגער איז, אַ לאָז...

אָפּווייכונגען אין געהויבענעם טאָן לתפארת המליצה (צייט־וואָרט צום סוף זאַץ, איבער׳חזר׳ן): די נויט האָט מיך אויף די פיס געהאַלטען; די נויט האָט מיך אויף אַ פערד אויפגעזעצט; ברידער אין דער פרעמד, פערוואָגעלטע ברידער.

„די טרוקענע אָן גייסט, די וואָכעדיגע אָן היילִיגקייט מעטאָדעס" — די צוויי זאַך-ווערטער נאָכאַנאַנד צולעצט קלינגען נישט יודיש. זעלטען, ווען אַזעלכעס טרעפט ביי מענדעלע׳ן, למשל: די אויפגעהויבענע אין דער הויך האָלאָבלעס; פון אויסגעמישטע אינאיינעם (אָנשטאָט „אינאיינעם אויסגעמישטע") דינע, גראָבע... קולות.

צוזאַמענגעזעצטע צייט־ווערטער מיט׳ן טראָפּ אויפ׳ן צוזאַץ, וועלכער ווערט אין געגענוואַרט אָבגעטרענט פונ׳ם שטאַם־וואָרט: עפענט די טאַבאַק-פושקע אויף; מ׳צופּט מיר דאָס שפּיקעל הויט אויס; שפּרינגען מיר איינער פון אַנדערען אויף עטליכע טריט אָב; האַלט זיך זינט אַ לאַנגער צייט אויף; זאַגען כאַפּען זיך ווי יונגע קינדער אויף, האַלטען דעם וועלט־בעריהמטען חזן אונטער. דערפון דרינגען מיר אויס אַ כלל: צווישען שטאַם־וואָרט און צוזאַץ קאָן מען אַריינשטעלען איינס פון דיביידע: ענטוועדער דעם אָביעקט, אָדער פערשיעדענע אומשטענדען (צייט, אָרט, שטייגער, א. א. וו.). טרעפען אָבער ביידערליי אין איין זאַץ, שטעלט מען דעם אומשטאַנד פאַר׳ן צוזאַץ און דעם אָביעקט — צולעצט: טהוען מיט זייערע אָקסענע קעפּ אויף עפּיס אַ שכל; טרייבט שבת אין שול אונטער דעם חזן; וויינען פון זיך אַרויס די נשמה.

פאַסיווע, צוריקקערענדע און געגענזייטיגע צייטווערטער מיט „זיך": איינפאַכע: פון וואַנעט האָב איך עס פּלוצלינג דאָ מיך גענומען; האָט ער ווידער זיך צושאָקעלט; איז ווי אַ בולבע זיך צופלויגען; איך האָב אַזוי מיר געטראַכט (כלל: זיך, מיך, מיר, דיך, דיר — האָרט ביים גרונד — צייט-וואָרט, נישט ביים הילפס—צייט־וואָרט: זיין, האָבען, טהון א. א. וו.)

צוזאַמענגעזעצטע צייט-ווערטער: רייסען זיך איין יודען דאָס געזונד; האָבען מיר אַראָפּגענומען זיך אין דער זייט; דאָס משדך זיך זיין; הויבען ביי יודען ערשט זיך אָן; האָב איך אַ נעם געגעבען זיך, רופט צו מיר זיך אָן; אַ קראַץ געבענדיג זיך; אַ סקריפּ פון אַהין און אַהער זיך שליידערענדיג טויער; שושקען זיך מיט אַראָבגעלאָ׳ענע קעפּ צווישען זיך (אין ביידע לעצטע פראַזען — אָפּווייכונגען צוליעב וואויל-קלאַנג: אין איינער פעהלט דאָס אַרטיקעל: אַן אַהין און אַהער א. א. וו. אין דער צווייטער האָט אייגענטליך געדאַרפט שטעהן שושקען זיך צווישען זיך, — קלינגט עס נישט גוט); אָננעמען תענוג פון מבטל זיך זיין, פון קיין פנים נישט האָבען (אַגב בעמערקט — אַ געלונגענע פאָרם אָנשטאָט אַבסטראַקטע זאַך־ווערטער); צורייס איך מיט מיינע חברים זיך אויף שטיקער.

פון די פריערדיגע ביישפּילען האָבען מיר שוין געזעהען, אַז מענדעלע היט אָב די פּערזאָן ביי „זיך”: איך שעם מיך, דו האַלסט דיך, ער מאַכט. אין דער ליטא בענוצט מען „זיך” אין אַלע פאַלען.

פערשיעדענע אייגענטימלעכקייטען.

אַרטיקעל: שטאָדט וויל ניט; קהל הייסט (אָהן אַרטיקעל); ניט געווען אַ נאַר; ניט געווען אַ גראָב יונגעל (אומבעשטימטער אָרטיקעל אָנ׳ ט ט „קיין”); אויף דעם טיש, איבער דעם וועג (זעלטען ווען מענדעלע בענוצט די פערקירצטע פאָרם: אויפ׳ן, איבער׳ן. אין דער ליטאָ בענוצט מען עס אפילו אין ווייבלעכען געשלעכט: מיט׳ן האַנד, אויפ׳ן גאַס א. א. וו.(געזעהען די בלומענטעפּ און (פעהלט „דעם”) מיט זייד-געשטיקטען פאָרטרעט.

צאָל: איינצאָל אָנשטאָט מערצאָל: בעדאַרף שוין פליהען פעטש; קלעפּ, וועלכע אין מיר איז אַריין; ערטערווייז איז געשטאַנען קאַלוזשעס; צו ווילען האָט אַהין אַריינגעקאַפּעט גרויסע טראָפּען רעגען; איז געשטאַנען גרויסע טראָפּען טרעהרען.
מיטעל-געשלעכט: נאָך אַן אייגענטימלעכקייט: דאָס איז ידוע,

אז צאַל־ווערטער שטעהען שטענדיג האָרט פאַר׳ן געצעלטען גע־גענשטאַנד; הן די אייגענטליכע צאָל־ווערטער, למשל, דריי פונט, צעהן מענשען, הן די אומבעשטימטע: אַ מחנה חיל, אַ עולם מענשען, הן מאָס, כּלי: אַ פאַס וויין, אַ טאָפּ מילך. ר׳ מענדע־לע פערברייטערט דעם דאָזיגען כּלל נאָך מער: אַ פולע קאָפּ מחשבות, גאַנצע מחנות אונזערע גוטע מענשעלעך (דער גאַנצער אויפטהו אין לעצטען ביישפיל איז, וואָס צווישען „מחנות״ און „מענשען״ געפינט זיך אַ הפסק פון צוויי אַנדערע ווערטער: אונזערע גוטע).

ביגונג פון מיטעל־געשלעכט: מיט דעם צוּבראָכען פיסעל; פאַר דעם אָריינקוקען זיינס; פאַר׳ן אייגען נפש׳ל; דעם שכנ׳ס אַ מיידל, מיט ווערלעס; מיט אַ פערביטערט געמיט, ביי יענע פויערטע; מיט אַ גרינג האַרץ; פאַרליאַפּעט אין דעם האַרבאַטע מיידעל, דאָס מענשלעך האַרץ; מיט אַן אונטערגעשלאָגען אויג; פונ׳ם גאַנצען ביטעל פערמעגען אונזער׳ס, אין דעם גאַנצען בענעה־מען איר׳ס; מיט איטליכס מאָל איבערגעקליבען זיך; פאַר דעם אַריינ־קומען זיינס; איך האָב זיך דערמיט (ס׳הייסט מיט׳ן קעלבעל) געשפילט, דערפון (פון אים) אָנגעקוואָלען; ער, דאָס פּאָלק הייסט עס. בכלל איז די בייגונג פון מיטעל־געשלעכט אַ שווערע זאַך, און מענדעלע אַליין האָט נאָך דעם רעכטען וועג ניט געפונען. ער בעמיט זיך איבערהויפּט אויסצומיידען בייגונגען און לאָזט גערן דאָס וואָרט אין זיין גרונד־פאָרעם, למשל: איינעם פון די דאָזיגע לייט, שמחה׳לע דער לעבעדיגער, קען איך (אָנ־שטאָט „דעם לעבעדיגען״); דער אָרימער מאַמע, אַ וויסטע אַל־מנה מיט יתומים; מיט אַזאַ רייכע אלמנה; די שבחים פון די כּנסת ישראל.

געב פאַל, ציל־פאַל האָבען גלייכע פאָרמען כמעט אומע־טום. חוץ איניגע פערזאָן־ווערטער: איר—זי; מיר—מיך; דיר—דיך און—אויסשליסלעך אין פוילען—אים—אין. עס וואָלט אפשר כּדאי געווען, דאָרט וואו נויטיג פון קלאָרקייט וועגען, בענוצען אין געב־פאַל דאָס פאָרוואָרט „צו״: געבען צו אייך, זעהען אייך. אַזאַ בייעס לאָזט זיך ניט לייכט איינפיהרען. מענדעלע היט

אוודאי אָב דעם ריינעם אַלטען נוסח — קומט אַמאָל אויס זעהר ניט דייטליך: גלייך אַנדערע דאָרט (פעלט „צו״ אָדער „סיט״) לויפט אים נאָך ווי אַ קו אַ קעלבל (צוויי מאָל „נאָך״ וואָלט קלינגען שלעכט—בלייבט אַזוי סתם, ניט צו וויסען ווער וועמען לויפט נאָך); אונטערגעוואָרפען זיין די מיינונגען פון איטלעכען; אַ באַנק טהון, אַ בעשולדיגונג זיך אַליין.

נעם־פאַל: זייערס אַ קינד, דער מאַמעס דאָזיגער ענטפער; איינעמ׳ס אַ נגיד׳ס אַ טאָכטער.

פראָנאָמען, וואָס בעציען זיך אויף אומבעשטימטע בעגריפען, שטעהען אין מיטעל-געשלעכט: אַלצדינג אויף זיין אָרט.

דאָס דייטשע וואָרט „זאָלכע״ בענוצט מענדעלע אויף צווייערליי אופנים, אונטערשיידענדיג, ווי אין רוסיש „טאַקיע״ און „טאַקאָוויע״, קומט עס אויס צוזאַמען מיט׳ן בעצייכענטען געגענשטאַנד—שרייבט ער זיך „אַזעלכענע״: אַזעלכענע זאַכענישען; אַזעלכענע השגות; זעלבסטשטענדיג-פאַלט אַראָב דער „נע״ „געגוג הקדשים אָנגעזעהען און וויס וואָס אַזעלכע (טאַקאָוויע) באַטייטען.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז דאָ איז ניט אויסגעשעפט אַלץ, וואָס מען קאָן אין מענדעלע׳ס ווערק געפינען.

צום שלוס וויל איך ברענגען נאָך אַ גאַנצע רייהע פון אויסדרוקען און ווענדונגען, וואָס ניט יעדער בענוצט זיי, ניט יעדער ווייסט זיי, אויך אַ מאַסע ווערטער, וואָס בעצייכענען מאַטעריאַלען, שטאָפען, מייסטענס אויך אַלטע, האַלב־פערגעסענע. דאָס איז אויך נור אַן אויפגעכאַפּטער טייל פון אייניגע ווערק.

פאָלקסטימליכע פאָרם פון אַלגעמיין־געברויכטע ווערטער: געגוויטיגט זיך (אָנשטאָט „נויטיגט״), געוויינטליך (ניט „געוויינלעך), שטעלט אייך פיר (ניט „פאָר״).

שפינוועבס, איטליכער (זעלטען-יעדער), זיסט (אָניט), פערמישט (זעלטענער—צומישט); אגב בעמערקט: „פאָר״, נישט

„פֿער", „אָפּ" נישט „אָב": („אָבנעמען"), מוטערפֿערלען (נישט
פּערלמוטער); וואוילקענעוודיג, רירעוודיג (אין זין: לעבעדיג,
פֿלינק, פּיפּיק, אַקעגען־זשע „רירעוודיג" — וואָס ווירקט אויף
ס'געפֿיהל); באַשטענדיג אין צענטען זיך בויגען, פֿאַמעליכען,
בעדייטען. געשריפֿטס (נישט שריפֿט), בלייבען, וואויל-קענעוו-
דיגע, כל אמיני, עסע־בעט, געטהון מיטעל (נישט—„אָנגענומען"),
איינגעווענדעט כל אַמיטלען (נישט—„אָנגעווענדט") „שריפֿטענ-
שטעלער", אויפֿ'ן „פֿאַרהער, זיך דערקלערען (אין ליעבע),
פֿערבלענדט די אויגען, ס'איז געווענדעט אין דיר, פֿלאַטשיקער
קאָפּ, לייבצודאַק (אַרבע כנפֿות) „פּאָרצעל".

כמעט פֿערגעסענע אָדער ניי־געשאַפֿענע ווערטער: אַלט-
פֿעטעריש, אַ געזועמעל קהל'ס־לייט, זיך פֿערוואָרפֿען, פֿער-
קעהרען (אין אַ וואָלף, אַ גלגול); שפּיץ־נאמען (אַ ליעב צונע-
מעניש: קעצעלע, טייבעלע מיינס), וואָרהאַפֿטיג, בעפֿייכטען, בע-
לעגט (אַרומגעליאַמעוועט, בעברעמט); אַן אויסגעמאַכטע זאַך
(פֿעסט בעשטימט); זיך ווערען, פֿירונגען, ליגנערען, אַן אי-
בערביינדעל (אַ זעקסטער פֿינגער, למשל), אַ געמאַכטער (גע-
קינסטעלטער), שטרייפֿעלעך (שמאָלע פּאַסען), שפּאַנישע ווענט-
לעך (אַ פֿאַראַוואַן), דאָס שיינדעל אין שטוב (שפּיגעלע), אַ
פֿליענדיגער שטערען (נישט „פֿאַלענדיגער"), מייערקעפּעלעך
(מושעלן), אַבי אָט, אַ חולשה (שוועכע), פֿערטראַכטענדיגע אוי-
גען; אַ מורמעלדיג וואַסערל שפּרודעלט, רייזעלט, אָבגעבליאַקעווע-
טע, אויסגעטריפֿעלטע לעכער, טריבע, קאַרע אויגען, אַקעגן־זשע,
געוויטעט מיט אַ פֿאַרבייג, גייציג (נייגיריג), פֿערוואָרלאָזט,
אויסגעדייוורט, אַ וואַכטערין (ביי אַ חולה), אַלערהאַנד, אַ
פֿאַרשטעקט, אַ קאָרעק (פּראָבקע), זיך פֿערגאַגגען (וויינענדיג),
אַ רייפּטל ברויט, מענישע קליידער, אַ געלויפֿיג צינגעל, פּיסטל-
זינגער, פֿלייטער, געלענקט, צוגעדעמפּט מיט ציבעלע, דאָס
גאַנצע קאַפּיטעל אַזעלכע לייט (צעטעל, קאַטעגאָריע), אָפּרעכ-
טען (אָפּשפּעטען), היטען דאָס אָנטהון (מלבושים), באַנקבעטען
(געבעטע סאָפֿע), בעהאַרצט (מוטיג), די שטאָדט האָט זיך גע-
וויגט (גערודערט), געגעזען ווערען, חדושליך, לייכטער פֿער-

שטאָפּט מיט שנויצען, זיך פֿאַרעסען (איבערגענומען, איינגעשפּאַרט), געבּיטען (בעפֿעהלען), היידען, אַ סאָלדאַט מיט אייבּעלעך (מעדאַלען), פּועל יוצא געווען, אַ האַנדשלאַג (תּקיעת כּף), אַ גאָמבּע (שוואָם), לינדערן, לאָבּען, זיך געשווילען פֿאַר הונגער, געשפּרענקעלט, טוקען זיך, צווויילען (טיילמאָל), אַ בּעגאָטישער ייד, אויסשטעלעכץ (וויאָרסטקע), סדור פֿון דרוק־זאַץ), טריף־געווירץ, פּערלעגען אָרט, אַ סימן בּערדעל, צושטאַנד (לאַגע), ציעלן זיך, האַפּט, העפּטען (שטריקען), ס'לעפּל פֿון אויער.

גרעבּערע ווערטער, וואָס קאָנען צונוץ קומען אין אַלטעגליכען געבּרויך אָדער אין הומאָריסטישען טאָן: פֿערשמאָלצעוועט, קיטש, פֿאָרסע, פּאָמפּע, אָבּגעבּאַרעט, לאַנטוך, קונדייסקע, טשערעדעס (נישט סטאַדעס), בּורטשעט, בּאָדאַי, אַרומשלאָנדרעווען, קראָניקעס, ציקאַווע, העפּ (חלק) בּוצקעניש, אַ טיאָבּקע, טשאַטעווען, פּאַדען, קאָשקען, קעכלען, שאַרען זיך, מאַכען חן, מלופּם־קינד, געזשאַלעוועט, לאַקאָטקעס, בּאַלאַמוטען, טעלעפּעשטשען, פּאָטראַפּען, האָפּערדיג, לעפּטשיכעס, פּאָסטעמפּקעס, אַ חייט אַ פּאַלגע, בּעוואַרפֿען מיט פּאָדעם (צושטעכען, סטריגעווען), זלידנע, צושטערכעט, געמינעט, קאַטשקע־פּוטער, אינדיק־זוימען, סופּה־שער, סופר־בּור, אַזש נו, ראַספּאָלאָשעט, פּאַרפּוטעט, קראָפּעט, טרעסעט, גערידעוועט, מעגעגע, מאַנקאָליע, געשפּיקעוועט, עס מאַנטעט, קאָטערט, קרעמפּעלעץ, אויסגעכמעלעוועט, קאַלענדרעווען, שטשיפּיליאַווע, בּלינצעלט, אַ שפּיצאַסט בּערדעל, צושטעכערט די גראָלדיע, הובּלעווען, דרעלעווען, אַ האַסלע, געהערנערטע בּופּלאַקסען, ציבּעלעס געבּען די שמוכט...

שטאָפּען, חפצים: אַ ראַצעמאָרענע זשופּיצע, אַ טשערקאַסענע קאַפּאָטע, בּרעסלער זאָקען, אַ פּליסען היטעל, אַ פּעלפּענע היטעל, פּעלענע מושקעס, דרילך, קרייקעס, אַ ייפּע (פּרויענמאַנטעל), אַ יערכען־בּייטעלע...

אויסדרוקען און ווענדונגען:

מיין שלאָף האָט זיך אָבּגעטהון. קיין אויג ניט צוגעטאָן, אויפגעגעבען די האָפענונג, אַ זייפען־בּולבּע שפּיעלט פֿאַר'ן אויג

און צושפרינגט, די צונג לייגט זיך ניט אַרויסצוזאָגען, אַ שווייס (אָדער אַנגסטען) האָט מיך באַשלאָגען, אַן אָבגערופענע מטבע, אַן אויסגעוואָרענער בעל־טאַקסע, איך פלעג דאָס קנישיקעל ניט בעקומען (פאַרגלייך „זאָל דיר וואויל באַקומען״), איך ווייס ניט זיך זוואוהין צו טהון, אָבגענומען די וועלט, זיך וואויל געטון, מ׳האָט איהם געפאָרט (משדך געווען), אויסזעצען חסרונות, רעדט אויפ׳ן גיידער, איך האַלט אין גאַנג, גלייך ווי גערעדט (ווי איינער זאָגט), געשטעלט אויף אַ שטייגער, געווען צו מוט, ס׳האָט אים אונטערגעטראָגען, זיך פאַרטראַכט אין איר, די מהומה האָט זיך איבערגענומען, דער ברען האָט נאָכגעלאָזט, געפירט די האַנד איבער׳ן פנים, אויסמעסטען מיך מיט אַ קוק, היינט ווערט אויכגעשפיעלט אוגזער גורל, דאָס מויל דינט מיר ניט. ענטפאַלען דער מאַמעס מילך, צוגעפאַלען די נאַכט, אויס־שטעהן די הוצאות, זיך פאַרשלאָגען אין וואַלד, זאַכען וואָס געהען אין דער וועלט פאָר, לאָזט זי דורך די נעכט ניט שלאָ־פען. טאָג ווי נאַכט, געקלעבט אין אַ גוטען ברודער. בעקומען די נאַטור, ער איז אויסען אויף זיין לעבען, זיין בליק אויף דער וועלט, מאַכען אַ נוצען, לאָז זיך זיין, געפאַלען איטלעכען אין די אויגען, געהן מיט שפיצלעך, פאַרזעהן איהם מיט אַל־דאָס גוטס, אויפרייסען דער וועלט די אויגען, געבראָכען פון גרויט, צריין אין שלעכטען רוף, תמיד אויסגעגעבען (געקלעקט) מאַטעריאַל, לאָזען קומען צום וואָרט, פערנומען דעם אָטעם, אַרויסנעמען זיך די אויגען איבער דער נאָדעל, זיך אויסגע־מאָלט איר פנים, אַרויסברענגען דאָס שטיקעל פרנסה א. א. וו.

די אונטערשטע שורה איז—ר׳ מענדעלען דאַרף מען כסדר לייענען, חזר׳ן, לערנען, שטודירען—זיין תורה איז אָהן אַ גרונט.

1910

נחמן מייזיל

דער מענדעלע־טורעם

אינגאַנצען עטליכע יאָהר זענען פאַראיבער זינט ער, דער ע ר ש ט ע ר, איז פון אונז אַוועקגעגאַנגען, און עס דוכט זיך, ווי ג אַ נ צ ע ד ו ר ו ת טהיילען אונז שוין אָב פון איהם. דער מענדעלע־טורעם קוקט שוין צו אונז אַרויס פון אַ טיעפער גע־שיכטליכער ווייטקייט.

ווען מיר ברענגען איצט אַרויף אויפ׳ן געדאַנק דאָס וואָרט מ ע נ ד ע ל ע, ווייזט זיך אונז אויס, אַז מיר קעהרען זיך אום צו אַ ווייט־ווייטער פערגאַנגענהייט. ווען מיר בלעטערען אַדורך די בלעטער פון מענדעלע מוכר־ספרימ׳ס ווערק, האָבען מיר דאָס געפיהל, ווי מיר וואָלטען געבלעטערט אין אַלט־אַלטע פאַר־צייטיגע מגילות: אַזוי האָט זיך געביטען און געענדערט אונזער לעבען פאַר די יאָהרען, און אַזוי פיעל געשעהענישען־פּאַסירונ־גען האָבען זיך איבערגעקייקעלט אין אונזערע לעבענס און געפיהלען.

אונזער ליטעראַטור האָט זיך צעוואַקסען, זי איז צעוואָר־פען איצט איבער פערשיעדענע לענדער און מדינות. אומעטום זענען דאָ פיעל צייטונגען, זשורנאַלען, דיכטער און שרייבער, וואָס ס׳איז שוין שווער אַפילו צו פערגעדענקען זייערע נעמען, און פון

צווישען דעם ים ביכער, נעמען און שרייבער שטאַרט אַלץ אַרויס, קוקט אַרויס דער הויכער, וואונדערליכער מענדעלע־טורעם.

מענדעלע׳ס ליטעראַרישער אָנהויב אין יודיש איז געווען צו־דיק מיט פינף און זעכציג יאָהר.

נאָך אין 1863 האָט ער פערעפענטליכט זיין ערשט יודיש ווערק „דאָס קליין מענשעלע, אָדער אַ לעבענס בעשרייבונג פון יצחק אברהם תקיף". און דאַן צוערשט האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבען „מענדעלע מוכר ספרים", — דער נאָמען, וואָס איז שוין איצט פאַר אונז אַ פערקערפערונג פון אַ שטיק ליטעראַטור־געשיכטע.

מענדעלע אַליין דערצעהלט וועגען אָט דעם אָנהויב: „אונזערע שרייבער, די בעלי־הלשון, האָבען געקוקט אויף יודיש פון אויבען אַראָב און מיט דער גרעסטער פעראַכטונג... דער געדאַנק, אַז שרייבענדיג יודיש, וועל איך מיך ערנידעריגען, האָט מיך זעהר געפלאָגט: אָבער דער חשק נוצען צו ברענגען, האָט גובר געווען די פאַלשע בושה, און איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: זאָל זיין וואָס עס וויל—איך וועל מיך אָננעמען פאַר דאָס פאַרשטויסענע יודיש און וועל נוצליך זיין מיין פאָלק".

מענדעלע׳ס ליטעראַרישער אָנהויב שטעקט אין דער ווייטער, בטלניש־מליצה׳דיגער, אייראָפּעאיש און פאָלקסטימליך פאַלסיפיצירטער שרייבער־תקופה. עס זענען געווען ביז איהם בעסערע אָדער ערגערע פערפאַסער פון מעשה־ביכלעך, עס זענען געווען בעלי־מלאכות, וועלכע האָבען איבערגעניצעוועט פון דער פרעמד־געבאָרגטע טעמעס, נעמען, פאָרמען, געשטאַלטען, סטיל און האַנדלונג. אָבער ביז איהם איז כמעט נישט געווען קיין אמת יודישע ליטעראַטור, קיין ליטעראַרישע יודישע שפּראַך, קיין יודישע קינסטלערישע פאָרמען. ביז איהם איז כמעט ווי נישט געווען קיין אייגענער ליטעראַרישער נוסח און קיין אייגענע קינסטלערישע אויפפאַסונג. מענדעלע האָט געלעגט דעם גרונדשטיין און געבויט דעם פעסטען פונדאַמענט פאַר דער נייער יודישער ליטעראַטור.

אין זיין גאַנצער ליטעראַרישער טעטיגקייט, וועלכע האָט זיך געצויגען העכער פופציג יאָהר, האָט מענדעלע שטענדיג

געשאַפּען פאַר׳ן פאָלק און פונ׳ם פאָלק. לכתחילה, אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרבייטען, האָט דער „פאַר׳ן פאָלק" פערנומען ביי איהם דעם אויבען־אָן, דערנאָך, שפּעטער האָט אַליין מעהר גובר געווען דאָס צווייטע, דער „פונ׳ם פאָלק", און פערנומען אין זיין שאַפען אַליין אַ גרעסערען און וויכטיגערען אָרט. פריהער נעהמט מענדעלע אונטער אַ רייה ליטעראַרישע אַרבעטען (אין העברעאיש און אין יודיש) צום נוצען פון פאָלק. „צו לערנען דאָס פאָלק געשמאַק און וויסען, אַריינצוברענגען דאָס פאָלקס־לעבען אין דער ליטעראַטור, כדי דערמיט זי בעליעבט צו מאַכען ביים פאָלק און צו ענטוויקלען און ברענגען נוצען, — אָט די דאָזיגע דריי זאַכען זענען ביי מיר געווען דער ריכטיגער ציעל, צו וועלכען עס דאַרפען שטרעבען די שרייבער", — אָט אַזוי פאָרמולירט מענדעלע אַליין זיין שריפטשטעלערישען פּראָגראַם, בעת ער האָט זיך גענומען ערנסט צו אַרבייטען אויף דעם ליטעראַרישען פעלד (זעה מענדעלע׳ס „ביאָגראַפישע נאָטיצען" — „רשימות לתולדותי"). אין דער הקדמה צו זיין ערשטען יודישען ווערק „דאָס קליינע מענשעלע" (1863) רעדט מענדעלע וועגען „דעם חשק נוצען צו ברענגען" און וועגען דעם ווילען „נוצליך צו זיין דעם פאָלק". דעם ערשטען קורצען וואריאנט פון דאָס „ווינשפינגערל" גיט מענדעלע אַרויס (אין 1864) „לטובת הכלל". און אַזוי יאָהרען לאַנג האָט צו דעם „פאַר׳ן פאָלק" גענומען אַלץ־מעהר צוקומען דער „פונ׳ם פאָלק". דאָס בעמערקען מיר נישט נאָר אין די נייע ווערק, וואָס מענדעלע האָט אין צענדליגער יאָהרען שפּעטער געשריבען, נאָר אויך אין די שפּעטערדיגע וואריאנטען פון די פריהערדיגע ווערק, וואו דער שילדערער, דער קינסטלער (דער עלעמענט „פונ׳ם פאָלק") שטויסט אַלץ מעהר אַרויס דעם משכיל, דעם פּרעדיגער (דעם עלעמענט „פאַר׳ן פאָלק"). דאָס איז מענדעלע׳ס פאַמעליכער, בהדרגה׳דיגער ענדערען זיך, זיין אויסלייטערונג, זיין אַלץ־העכערער קינסטלערישער אויפשטייג, וואָס האָט אין זיינע שפּעטערדיגע בעסטע ווערק דערגרייכט די מייסטערישע מענדעלע־השלמה.

מענדעלע איז שטענדיג געווען ווי אין געזעגעניש ביים פאָלק. קיין זאַך אויסער׳ן פאָלק האָט ער נישט געזעהן און נישט געוואָלט זעהן. אין יעדער תנועה, אין יעדען וואָרט פון אַ רבי ישראל האָט ער געזעהן דעם כלל־ישראל. „יעדער יוד — זאָגט ערגיץ מענדעלע — איז זיך אַן „עסקטן״, „אַ פאָלק פאַר זיך״, און יעדען חסרון, יעדע שוואַכקייט, יעדען מום פון אַן׳איינצעלנעם יוד, האָט ער אויפגענומען און פערפוללט אַלס אַ חסרון, שוואַכקייט און מום פון׳ם גאַנצען יודישען כלל. זעהט ער דעריבער שטענדיג די גאַנצע יודישע כנסת־ישראל אין דעם איינצעלנעם יוד, און דעם יחיד, דעם פרט — אין דער גאַנצער יודישער אומה. דאָס גאַנצע פאָלק ישראל איז ביי איהם איין בעשעפעניש, וואָס לעבט און בעוועגט זיך לויט איין געזעץ, מיט איין ווילען און מיט איין בעגעהר. „איז דען דאָ — פרעגט מענדעלע — נאָך אַן אומה אויף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער שטייגער־לעבען פון איטליכען בעזונדער זאָל זיך ציהען פונ׳ם געבוירען ווערען ביז צום שטאַרבען אויף איין נוסח, ווי ביי אונז יודישע קינדער ?״ און אָט די כסדרדיגע איבערגאַנגען ביי מענדעלע׳ן אין די ווערק פון דעם פרט צום כלל, פון דעם יחיד צום רבים, זענען שטענדיג אינטערעסאַנט און מערקווירדיג.

ער האָט זיך שטענדיג בענוצט מיט דעם, וואָס דאָס פאָלק, די ברייטע פאָלקס־מאַסען, האָבען אויסגעטראָגען און געשאַפען. די געשטאַלטען און שילדערונגען, די שפראַך און די פאָרם, דער ספור־המעשה און דאָס „נישט דאָס בין איך אויסען״ — אַלץ געהט ביי איהם גלייך פון געדיכטען לעבען. הויפּטזעך איז געלעגען אָט דער יודישער לעבענס־שטייגער, דער אָנגעזאַמעלטערווירקליכקייט־שטאָף, מיט אַלע זיינע אייגענשאַפטען, הנהגות, רעדענסאַרטען, העוויות און קנייטשען, ביז עס איז געקומען אָט דער גוטער, למדנ׳ישער קאָפּ מיט׳ן שאַרפען אויג און האַרכזאַמען אויער, און מיט בעזונדער השלמה און חריפות האָט ער רוהיג און געדולדיג אַלץ געקליבען און געלעגט אַזוי ציגעל אויף ציגעל, ביז ס׳איז אויסגעוואַקסען דער מאָנומענטאַלער יודישער קונסט־בנין, דער מענדעלע־בנין.

„די גלופסקער — דערצעהלט מענדעלע וועגען זיך אין „שלמה ר׳ חיימ׳ס״ — האָבען איהם געדיענט פאַר אַ קרעניצע צו זיינע מעשיות. דאָס הייסט, ער פלעגט זיך גוט צוקוקען צו די גלופסקער, בעטראַכטענדיג זייערע אַלע מעשות, ווי דער שטייגער איז פון די נאַטור-פאָרשער, וואָס זיי בעטראַכטען די טבע פון די בעשעפענישען... און בעקענענדיג זיך מיט דער טבע פון די גלופסקער ברואים, מיט זייער שטייגער-לעבען, מיט די אַלע גענג און אויפפיהרונג זייערע, פלעגט ער זיי דערנאָך בעשרייבען, אַנידערשטעלענדיג אַ בילד אַ וואונדער-שענס, מחיה-נפשות...״

עטליכע און פופציג יאָהר האָט געדויערט מענדעלעס קינסט-לערישע אַרבייט. מיט אַ וואונדערליכער שפּאָרזאַמקייט און גע-ניטקייט, האָט ער געזאַמעלט און געקליבען דעם מאַטעריאַל צו זיין גרויסאַרטיגען קינסטלערישען בנין און אַזוי איז ער געשטאַנען ביי דער מלאכה ביז אין טיעפען עלטער אַריין, ביז זיינע נייבציגער יאָהרען.

און לייענענדיג אַזוי איין ווערק נאָכ׳ן צווייטען פון מענ-דעלע מוכר-ספרים, פערגעסען מיר אָפטמאָל אָן דעם קינסטלער און מיר האָבען דאָס געפיהל, ווי דאָס לעבען אַליין וואָלט זיך געצויגען און געצויגען, ווירקליכע בילדער בייטען זיך אויף ווירקליכע בילדער און דרעהען זיך אַלץ אַרום איין אָרט. אַ גאַנצע פּאַנאָראַמע פון דעם אַמאָליגען לעבען, וואָס רודערט זיך און בעוועגט זיך אָן אויפהער אַרום אייגענעם אַקס. און אָפט-מאָל זעגען די פּאַסירונגען און שילדערונגען צעצויגען, צעפלאָ-סען, ווי זיי וואָלטען נישט געוועזען אונטערגעוואָרפען דעם קינסטלערס האַנד און ווילען, אָבער זעהר אָפט גיט זיך מענ-דעלע׳ן איין צו בעהערשען דעם בעוועגענדיגען און אויפגערו-דערטען לעבענס-שטאָף, ער בעפרייט זיך דאַן פון זיין פּינקט-ליכער און פּאַמעליכער זאַמלער-אַרבייט און ער דערגרייכט דאַן צום קינסטלערישען צמצום, צו קאָנצענטרירקייט. און דאַן וואַקסט אויס די מענדעלישע דיכטערישע וועלט, דער מענדעלע נוסח, אַ דאַנק וועלכען מענדעלע האָט זיך דערהויבען צו ז[illegible]

קינסטלערישער השלמה און אַ דאַנק וועלכען מענדעלע האָט פערנומען דעם אויבען־אָן אין דער עלטערער יודישער קינסטלערישער ליטעראַטור.

מענדעלע האָט נישט אַריינגעקוקט אין דעם פערשיעדענאַרטיגען טיעפען עבר, ער האָט זיך אויך נישט געריסען צום ווייטען, אויסגעטרוימטען עתיד. ער איז זיך געגאַנגען האַרט און פעסט ביי דער ערד און געלעבט און נישט אויפגעהערט צו לעבען מיט זיין תקופה, אַפילו ווען די תקופה איז שוין לאַנג געהאַט אַוועקגעגאַנגען. פעררוקט און פערשלאָסען איז ער פערבליבען אין דעם אָבגעלעבטען און אַוועקגעהענדיגען יודישען לעבענס־שטייגער אַפילו דאַן, ווען דאָס לעבען האָט פאַר זיינע אויגען שוין זיבען מאָל זיין הויט געביטען. אַרום און אַרום האָט גערודערט און געראַשט, דורות זענען אַוועק און דורות זענען געקומען, און ער, דער שטאָלצער גרייז־גרויער זקן, האָט אַלץ געהאַלטען אין איין ניזעווען אויף דעם שאַפונגס־פאָדעם זיינע פערעלעך־אותיות׳לעך פונ׳ם אַמאָליגען, פאַרצייטיגען יודישען לעבען מיט אַלע זיינע פרטים און איינצעלהייטען, מיט אַלע זיינע תנועות און „פישטעווקעס״, פונקט ווי אַלץ וואָלט דאָ פאַר איהם געלעבט אין דער זעלבער פאָרם און געשטאַלט, ווי אַמאָל אין די 30־ער, 40־ער און 50־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט.

און ס׳איז געווען ביי מענדעלע׳ן עפּיס ווי אַ זיכערקייט, אַז אַזוי איז געווען, אַזוי איז און אַט אַזוי וועט שוין אויף שטענדיג פערבלייבען. די אויסזיכטלאָזיגקייט פונ׳ם יודישען לעבען איז געווען אַזוי געוואַלדיג, די אומבאַהאָלפענקייט אַזוי שרעקעדיג, אַז עס האָט זיך אויסגעוויזען מענדעלע׳ן, אַז קיין שום זאַך וועט שוין נישט קענען ענדערען די שווערע און טראַגישע לאַגע. ס׳איז אַזאַ מין כראָנישע, פערשלעפּטע קרענק, וואָס קיינע תרופות און עצות וועלען שוין נישט העלפען. מענדעלע גיעט זיך אַזוי, ווי זיין שטייגער איז, אַ זאָג: „דער יודישער תהום איז ווי אַ קוואַל, וואָס ווערט קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט. קאָמפּאַניעס געהען, קאָמפּאַניעס קומען, און קאַבצאנסק און גלופּסק

וועלען פערבלייבען אויף אייביג." און דאָס איז די קללה, וואָס איז שטענדיג געהאָנגען אויף דעם יודישען לעבען לויט מענדעלע'ס פאָרשטעלונג און בעגריפען. און פון אָט דעם שטאַנדפונקט האָט ער געזעהן אַלץ אין יודישען לעבען און געשילדערט עס אין זיינע אַלע ווערק. און דעריבער פאַלט אונז אָן אַזאַ פערצווייפלונג, אַזאַ פחד, ווען מיר פערטיעפען זיך אין מענדעלע'ס שילדערונגען. מיר האָבען דאָס געפיהל, ווי מיר וואָלטען זיך בעקאָנט מיט אַ שווערען בעשולדיגונגס-אַקט געגען אַ וועלט, געגען דער הערשענדיגער אָרדענונג פאַר די עוולות און פערברעכענע, וואָס מען איז בעגאַנגען און מען בעגעהט געגען אַ גאַנצען פאָלק, וואָס מ'האָט איהם פעריאָגט און פערטריבען אין אַ טעמפען ווינקעל, פון וואַנעט ס'איז קיין שום אויסוועג נישטאָ. מענדעלע שוינט אויך נישט די יודען. ער זעהט זייערע חסרונות, זייערע נאַרישקייטען, זייערע אומגעלומפערטקייטען, ער מאָלט זיי אָפטמאָל אומ'ברחמנות'דיג, מיט אַ בייזער סאַטירע. ער טראָגט אַרויס שטענדיג זיין הארבען פסק-דין אין זיינע „נישט דאָס בין איך אויסען". אָבער באַלד קומט דאָס פאָטערליכע מיטגעפיהל, און צוזאַמען מיט'ן פסק-דין קומען ביי איהם די מילדערונגס-מאָטיווען ,די סיבות און פערענטפערונגען וועלכע האָבען דערפיהרט צו אָט דעם אומנאָרמאַלען צושטאַנד. און מענדעלע שרייבט: „אַז איך דערמאָן מיך יענע צייטען, שוועבט נישט-ווילענדיג אַ שמייכעל איבער מיינע ליפען, אָבער אינעווענדיג וויינט די נשמה; איך לאַך מיט טרעהרען, און דאָס האַרץ טהוט אַזוי וועה". ער קארגט קיינמאָל נישט קיין פאַרבען וואָס-שוידערליכער אָבצומאָלען די יודישע אָרעמקייט, פערוואָרלאזקייט און פערלוירענקייט און ער גיעט זיך לסוף אַ זאָג וועגען לייב דעם מלמד: „אַז אָך און וועה איז צו דיר און אַז אָך און וועה איז מיר און אַז אָך און וועה איז אַלע קאַבצאנסקער יודען"!...

אָפטמאָל איז מענדעלע געווען אַ שטרענגער מוכיח, אַ הארבער שטראָפער, איבערהויפט ווען איהם איז אויסגעקומען אויסצודערצעהלען וועגען די „שעהנע" מדות און „פיינע"

מעשים פון די כּלערליי תקיפים. גבירים, קהל׳ס לייט, קאָלע־פּעל, גאַטס־סטראַפּטשעס, טעלער־לעקער, בעלי־טובות און גלאַט שעהנע יודען, וואָס האָבען זיך אָנגעזעצט אויף דעם אומגליקלי־כען פאָלק ישראל, פּיהרען איהם ביי דער נאָז און זויגען־אויס זיין גאַנצען דם־התמצית. דאָ איז מענדעלע אַ קפּדן, אַ בייזער, ער קאַרגט נישט קיין האַרבע ווערטער און טונקעלע פאַרבען אַלץ העסליכער און אכזריותדיגער פאָרצושטעלען די „באַנדע בעלי־טובות”. אָבער ווי נור מענדעלע קומט צו די גע׳רודפ׳טע און פערוויסטע, פעראָרעמטע און דערשלאָגענע, פערשווינדט גלייך זיין גאַנצע קפּדנות און שטרענגקייט, און ער ווערט ווייכהאַרציג, גוטמוטיג און סענטימענטאַל. און דאַן שטראָפט ער שוין מעהר נישט און בייזערט זיך נישט. נאָר ער גלעט און רעדט און שילדערט מיט אַ וואונדערליכער צערטליכקייט און פּיעטעט. און אויב עס טהוט עס נישט אַבראַמאָוויטש, טהוט עס פאַר איהם מענדעלע. מיר האָבען אָפטמאָל אין די ווערק אַ מין וויכּוח צווי־שען קטיגור און סניגור, צווישען דעם בייסענדיגען סאַטיריקער און גוטמוטיגען הומאָריסט. לסוף פון דעם ויכּוח האָט אַלע מאָל דאָס לעצטע וואָרט דער בעהאַרציגטער מענדעלע און איז מכריע אַלץ צום כּף־זכות: מ׳שטייגס געזאָגט, וואָס נאָך קאָן מען פערלאַנגען פון אַ פאָלק, וואָס איז פעריאָגט און דערשלאָגען און וואָס האָט אויסצושטעהן פון דרויסען און פון אינעווייניג אַזוי פיעל שלעק און פּרעניות׳ן. מענדעלע אַליין דערצעהלט וועגען אָט דעם געראַנגעל: „איך פּיהל, אַז אין מיר לעבען צוויי מענדעלעך, צוויי בעשעפענישען, יעדע—פערשיעדען פון דער צווייטער,—זיי וואוינעןביידע אין איין דירה, נאָר זיי קוקען אויף אַלצדינג מיט פערשיעדענע אויגען, זיי האַלטען כּסדר מלחמה און קענען איינע ניט גובר זיין די צווייטע; אַז איין מענדעלע וויינט, ווילט זיך דעם אַנדערען לאַכען. און ווען איינער לויבט איז עס ביים אַנדערען ניט ווערט אַ דרייער. איין מענדעלע איז אַ שוטה, אַ פּתי יאמין לכל דבר... דער אַנדערער מענדעלע איז גראָד אַ הכּם, אַן איבערגעשפּיצטער, ער ווייסט, אַז ניט אַלצדינג, וואָס בלישטשעט איז גאָלד...” צווישען אָט די צוויי מענדעלעך קומט

פאַר אַ שטענדיגער „ויתרוצצו", זיי בוצקען זיך .אינעווענייג. דאָס האָט מענדעלע געפיהלט אין זיך, און אין זיין כאַ־ ראַקטער, און אָט די עקסטרעמען האָט ער געזעהען אין זיין נאַטור נאָך אַלס קינד; עפּעס האָבען צוויי—אַ מלאך מיט אַ רוח— געשטעקט אין איהם, ביידע אין איינעם.. ער איז געווען אי בייז, אי מילד, גוט ווי די וועלט; אי ביטער־גאַל, אי צוקער־ זיס; אי ערנסט, אי אַ קאַטאָוועס־טרייבער; אי אומעטיג־פערטראַכט, אי לוסטיג־פּרעהליך". אָט די צווייאיגקייט איז אַ וויכטיגער יסוד אין מענדעלעס שאַפען. דער געראַנגעל, דער „ויתרוצצו" פון די צוויי מענדעלעך איז אַ שליסעל צו מענדעלע׳ס אויפנעהמען די וועלט, מענשען, געשעהענישען, אַ וועג־ווייזער פון די פערשיעדענע וועגען און זייטען־וועגען אין מענדעלעס קינסטלערישען שאַפען.

די פּרטים און איינצעלהייטען פון דעם אַמאָליגען לעבען האָבען זיך גרודעסווייז געלעגט פאַר מענדעלע׳ס אויגען און זעהר אָפט פערשטעלט פאַר איהם דאָס גאַנצע און פער־ גאַנצטע אין לעבען. מענדעלע גריבעלט זיך אין די אַלע איינצעלהייטען און פערזעהט דאָס אַלגעמיינע, אַרומנעמענדיגע. און אַזוי גריבלענדיג זיך אין דער אַמאָליגער מילבען־עדה, ווערט מענדעלע פערפלייצט און פערבלינעט פון די אַמאָליגע פאַרשוי־ נען און פון זייער שטייגער־לעבען. ער איז ווי אומבאַהאָלפען, ער איז אין געפענגעניש ביי זיי, ביי זייערע געוואוינהייטען, רייד און ריידענישען. זיין גאַנץ איצטיג לעבען איז איינס, און דאָס פערגאַנגענע לעבען איז אַ צווייטע וועלט, און ביים שילדערען יענע וועלט, געהט ער אַוועק פון דער איצ־ טיגער וועלט. אין דער הקדמה צום „פּריזיוו" זאָגט מענדע־ לע: „עס האָט אין מיר זיך געעפענט אַ פרישער קוואַל הייסע געפיהלען און מיך עפּיס אַ ברען געטהון אויסצוגיסען זיי אין ווערטער פריי פאַר דער גאַנצער וועלט. דאָס איז יענער ברען וואָס וועקט אין וויעסנע אויף דאָס בעטריבטע, פערוואָגעלטע זומערפייגעלע, ערגיץ אין דער פרעמד, צוריקצוקעהרען זיך ווי־

דער אַהיים צו זיין נעסט און צו זיין פריהערדיג שטייגער־לעבען... — — — עס האָט מיך עפּיס געצויגען אַהין, אין יענעם ווינקעל פון יודישען לעבען, וואו עס געפינען זיך מיינע אַלטע בעקאַנטע פאַרשוינען, פון וועלכע איך פלעג אַמאָל דעם עולם דערצעהלען משונה־ווילדע, וואונדערליכע מעשיות. עס האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט ווידער צו מיינע לייט... מיינע אַלטע פאַרשוינען האָב איך געטראָפען, ברוך השם, אַלע פריש און שטאַרק מיט זייערע אַלע אַלטע קאַפּריזען און משונה׳דיגע געננ... איך האָב זיי אָנגעקוקט מיט גרויס הנאה, גוט בעטראַכט פון אויבען ביז אַראָב און גיב אַצינד אַרויס אַ בעשרייבונג פון אַ טייל נאָר פון זיי אין דעם דאָזיגען בוך".

מענדעלע׳ן איז געווען נאָהענט, בעקאַנט און צום האַרצען דאָס אָרעמע, עקאָנאָמיש־אומבעהאָלפענע און גייסטיג־דערשלאָגענע יודיש לעבען פון אַמאָליגער צייט. ער האָט געזעהען און אויפגענומען די טרויעריגע בילדער פון לעבען, די קרומע העויות, דאָס אַלטע און פערעלטערטע אין זיינע אָבגעלאָזענע און אָבגעשטאַנענע פאָרמען, — דאָס איז געווען זיין מיליע, דאָ האָט ער געלעבט און אויפגעלעבט.

אומעטום האָט ער געזעהן נאָר דעם יודישען דלות, די „גרויסע יודישע טאָרבע". „וואוהין איך זאָל מיך נישט קעהרען און ווענדען, זעה איך פאַר מיר די טאָרבע; וואָס איך זאָל נישט וועלען עפּיס דערצעהלען אָדער זאָגען, קומט מיר אַפיר די טאָרבע". אָבער אויסער דאָס אָרעמע און פערזאָרעמטע לעבען, איז דאָך אַמאָליגע צייטען געווען אויך אַ פילפאַרביג פאַטריארכאַליש, נגידיש־חסידיש סטיל־רייך לעבען מיט הרחבה און פאַרנעם, מיט אמת־יודישען קאלאריט און פּאָרם, מיט רבנים און גוטע יודען, רייכע סוחרים און יארידים, קהלות און ועד־הארצות — דאָס אַלץ איז געווען פערהוילען פון מענדעלע׳ס אויגען. מענדעלע האָט געשטעקט אין דער יודישער אָרעמקייט, זיך באַהעפט צו די דערנידעריגטע און דערשלאָגענע נפשות, און פון דאָרט געגעבען פּינקטליכע בעשרייבונגען און שילדערונגען. און ווען מיר לייענען

אַזוי אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל פון מענדעלען, דוכט זיך אונז, ווי מיר וואָלטען געזעסען ביי אַ חולה-אַ גוסס. ער צאַפּעלט נאָך, דער חולה, נאָר זיינע מינוטען זענען געציילטע.

דאָס יודישע לעבען ביי מענדעלען האַלט ביי גסיסה, עס שטעהט ביים ראַנד פון אונטערגאַנג. קיינע אויסזיכטען, קיינע פּערספּעקטיווען!

איינגאַנצען עטליכע יאָהר זענען אַריבער זינט מענדעלע איז אַוועק פון אונז, און אונז דאַכט זיך שוין, ווי גאַנצע דורות טהיילען אונז אָב פון איהם.

דער מענדעלע-טורעם קוקט אַרויס צו אונז ווי פון אַ טיעפער געשיכטליכער ווייטקייט.